STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05203

DI PSIKHOLOGYE FUN SOTSYALIZM

Hendrik de Man

Permanent preservation of this book was made possible
by Eliot L. Bernstein
in memory of
Frank & Fannie Bernstein

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הענדריק דע מאַן

די פּסיכאָלאָגיע פון סאָציאַליזם

ייִדיש: א. יעסעלסאָן

מיט אַ פאָררעדע פון י. נ. שטיינבערג

ערשטער באַנד

פאַרלאַג ח. בזשאָזאַ, וואַרשע, 1935

Printed in Poland

H. DE MANN

Psychologja socjalizmu

Wyd. Ch. Brzoza

Druk. „REKORD"

Warszawa, tel. 11.37-36

אָנשטאָט אַ פאָררעדע

דאָס בוך פון הענריק דע־מאַן איז פאַרטיק געוואָרן צום דרוק מיט 2 יאָר צוריק. עס האָט אָבער נישט געקאָנט דערשיינען צוליב דעם חורבן פון יידישן ביכער־מאַרק. איצט, אַז ס'איז מעגלעך געוואָרן אַרויסצוגעבן דאָס בוך, האָט דע־מאַן נישט געהאַט די נויטיקע צייט אויף אָנצושרייבן דעם פאָרוואָרט, וועלכן ער האָט געהאַט צוגעזאָגט פאַר דעם יידישן לייענער פון זיין ווערק.

אין אַ בריוו פון 16 יאַנואַר 1935 שרייבט ער מיר, וואָס פאַר אַ פרייד עס איז פאַר אים, וואָס זיינע געדאַנקען וועלן איצט באַקאַנט ווערן די יידישע אַרבעטער און קריטיש־דענקנדיקע יידישע סאָציאַליסטן. אין די צוויי יאָר, וואָס זענען פאַרלאָפן זינט 1933, האָט זיך קאַטאַסטראָפאַל געענדערט די לאַגע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין דייטשלאַנד און עסטרייך, וועלכע ער האָט אַממייסטן באַהאַנדלט אין זיין בוך. אָבער גראַד די קאַטאַסטראָפע האָט ליידער באַשטעטיקט די הויפּט־אידעען פון זיין קריטיק. „קיינער קאָן נישט וויסן — שרייבט ער — וויפל צייט וועט מוזן פאַרגיין ביז עס וועט זיך ווידער דערוועקן די באַוועגונג. אָבער — נישט געקוקט אויף דעם — לעבט ווייטער די סאָציאַליסטישע אידעע. די גרויזאַמע געשעענישן האָבן דערוויזן, וואָס עס בלייבט פון סאָציאַליזם, — נאָכדעם ווי זיינע אָרגאַניזאַציעס זענען צעשטערט, זיינע קעמפער דערהרגעט, פאַרהאַפטעט אָדער פאַרטריבן, זיין ליטעראַטור פאַרברענט, זיין פּראָפּאַגאַנדע פאַרבאָטן. פונדעסטוועגן דאָס, וואָס בלייבט דעמאָלט לעבעדיק, איז מאַכטפולער איידער אַלץ, וואָס

עס איז דערהרגעט געוואָרן, ווייל די מאַכט פון סאָציאַליזם איז אומבאַצווינגבאַר נאָר אין דער מאַס, אויף וויפל דאָס איז די מאַכט פון אַן ע כ ט ע ר א י ד ע ע. און די אידעע פון סאָציאַליזם נעמט אַריין אין זיך די גאַנצע הומאַניסטישע פאַרגאַנגענהייט פון אונזער ציוויליזאַציע".

אָט די געדאַנקען האָט דע-מאַן אַרויסגעבראַכט אויך אין אַ צווייטן גרויסן בוך, וועלכעס ער האָט אַרויסגעלאָזן טאַקע אין דעם חודש מערץ 1933, בעת היטלער האָט צעבראָכן די דייטשע סאָצ. באַוועגונג. דאָס בוך, „די סאָציאַליסטישע אידעע", איז געווען דאָס לעצטע ווערק פון אַ פרייען סאָציאַלן דענקער, וואָס האָט דערזען די ליכטיקע שיין אין דייטשלאַנד, איידער דאָס לאַנד האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אין תהום פון באַרבאַרישקייט. דעם 10 מאַי 1933 איז עס אויך געברענט געוואָרן אויפן שייטערהויפן פון דער דייטשער קולטור.

אָבער דע-מאַן האָט געהאַט דאָס גליק נישט אַרויסגעשטויסן צו ווערן פון יענער גרויסער באַוועגונג, וועלכער ער האָט געווידמעט זיין גאַנץ לעבן. פון דער אוניווערסיטעט אין פראַנקפורט איז ער אַוועק צוריק אין זיין היימלאַנד ב ע ל ג י ע, וו ער האָט באַלד פאַרנומען דעם גאָר וויכטיקן פּאָסטן פון וויצע-פאָרזיצער פון דער בעלגישער אַרבעטער-פּאַרטיי. ער האָט אַריינגעבראַכט אין דער פּאַרטיי אַ נייעם שוווּנג פון לעבן דורך דעם „אַרבעטס-פּלאַן", וועלכן ער האָט פאָרגעשלאָגן אַלס אַ קאָנקרעטע פּראָגראַם פון סאָצ. קאַמף. מען קאָן האָבן פאַרשיידענע מיינונגען וועגן דעם רעוואָלוציאָנערן ווערט פון דעם פּלאַן, אָבער מען קאָן נישט אָפּלייקענען דעם גרונד-געדאַנק פון דע-מאַן: קאַמף קעגן פאַשיזם טאָר נישט זיין נאָר פאַרטיידיקונג, מען מוז אַריבערגיין צום אָ נ ג ר י ף קעגן דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם.

* * *

די הויפּט-אידעע פון דע-מאַנס בוך, מיט וועלכן דער יידישער לייענער וועט זיך באַקענען, איז די נויטווענדיקייט צו

באַגרענעצן דעם סאָציאַליזם נישט נאָר עקאָנאָמיש, נאָר אויך און הויפּטזעכלעך מאָראַליש. נישט נאָר די מאַטעריעלע קלאַסן-אינטערעסן, נאָר אויך אוניווערסאַלע מענטשהייטס-אידעאַלן מוזן זיין דער אויסגאַנגס-פּונקט און די ציל-שטרעבונג פון סאָציאַליסטישן קאַמף. די סאַמע מעכטיקע פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציע, די גרעסטע פּאָליטישע דערפאָלגן וועלן נישט נוצן דעם אַרבעטס-מענטש, אויב ער וועט נישט זיין באַזעלט און באַגייסטערט מיט דער גרויסער מאָראַלישער אידעע פון דערלייזונג. פאַר די אָנהענגער פון דער רוסישער נאַראָדנישער, סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערער שול איז דער געדאַנק נישט קיין נייעס. אויף דעם פּונקט האָט זיך געבויט זייער קעגנערשאַפט צום מאַרקסיזם. אָבער אין אייראָפּע, אין דער דייטשער אַרבעטער-באַוועגונג איז דער געדאַנקען-סיסטעם פון דע-מאַן געווען כמעט אַן אַנטפּלעקונג. זיין קריטיק פון מאַרקסיזם האָט אויפגערעגט די היטער פון דער „איינציקער", „וויסנשאַפטלעכער", טעאָריע פון סאָציאַליזם. אָבער עס זענען אונטערגעקומען די טראַגישע געשעענישן פון יאָר 1933, און היינט-צו-טאָג וועלן ערלעך-דענקנדיקע מאַרקסיסטן מיט טיפערער אויפמערקזאַמקייט צוהערן זיך צו דע-מאַנס קריטיק. באַזונדער איז עס אפשר נויטיק פאַר די יידישע סאָציאַליסטן, וועלכע לעבן זיך נאָך אַלץ אויס אין פאָרמען פון פאַרגליווערטער מאַרקסיסטישער דאָגמאַטיק.

מען קאָן איינשטימען מיט דע-מאַנס קריטיק און מען מוז בשום אופן נישט איינשטימען מיט אַ ריי פון זיינע פּאָזיטיווע אויספירן און פאָרשלאָגן. די מאָראַלישע אידעע, וועלכע ער לייגט אין יסוד פון סאָציאַליזם, איז נאָך נישט קיין פּראָגראַם אַלס אַזעלכעס. סאָציאַליסטישע מאָראַל קאָן האָבן אַ רעפאָרמיסטישע ווענדונג, פּונקט אַזוי ווי אַ רעוואָלוציאָנערע, מאַקסימאַליסטישע. דער בעסטער היסטאָרישער באַווייז דערצו איז די גרויסע שפּאַלטונג פון דער רוסישער פּאַרטיי פון סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן בעת דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע. בעת דער רעכטער פליגל האָט נישט געקאָנט דערהויבן זיך איבער דעם ניוואָ פון דעם מיטלמעסיקן אייראָפּעאישן סאָציאַליזם, האָט דער

לינקער פליגל פון די ס.-ר. אויפגעפּאַסט זיינע אויפגאַבן מאַק-סימאַליסטיש. דער לייענער וועט באַלד מערקן, אַז די אַקטיוויס-טישע ליניע פון רעמאַנס דענקען אַנטשפּרעכט אָפט נישט דעם רעוואָלוציאָנערן באַוווסטזיין פון רוסישן אָדער יידישן סאָציאַ-ליסט. אָבער — נישט דאָס איז וויכטיק. וויכטיק איז, וואָס דע-מאַן האָט דורך אַ טיפער גייסטיקער אַרבעט אין דעם בוך באַוויזן, ווו עס ליגן די מקורות פון דער פּאַטאַלער שוואַכקייט פון דער מאָדערנער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. אָן אַזאַ דער-קענטעניש קאָן מען היינט — ביי דעם אַלגעמיינעם קריזיס פון סאָציאַליזם — נישט מאַכן קיין שום שריט פאָרויס.

און וואָס מער סאָציאַליסטן וועלן זיך געבן די מי אַריינ-צוטיפן זיך אין די דורכגעוויטאַקטע געדאַנקען פון דע-מאַן, צלך שנעלער וועט זיך אָנהויבן דער ווידעראויפבוי פון יענער הייליקער באַוועגונג, אין וועלכער דורות פון פרייהייטס-קעמפער האָבן אַריינגעלייגט זייער קאָפּ און האַרץ. הלואי זאָלן יידישע סאָציאַליסטן אַריינטראָגן זייער חלק אין דעם ווידעראויפבוי!

י. נ. שטיינבערג

לאָנדאָן, יאַנואַר 1935

ערשטער טייל

די אורזאכן

פונם פאָרוואָרט צו דער ערשטער אויפלאַגע.

שרייב מיט בלוט — וועסטו וויסן,
אַז בלוט איז גייסט.
ניטשע.

הגם דאָסדאָזיקע בוך באַהאַנדלט אַ וויסנשאַפטלעכע טעמע, אונטערשיידט עס זיך אָבער, לויט זיין פאָרם, פונם געוויינלעכן שטייגער פון אַ וויסנשאַפטס־ווערק. ס'אַנטהאַלט ווייניק ליטעראַטור־אָנווייזן, נאָך ווייניקער פאָלעמיק מיט אַנדערע אויטאָרן, און בכלל נישט קיין אָנמערקונגען. דאָס בוך רעדט אָפטמאָל בלשון „איך“, און באַווייזט דורך דעם, אַז דער אויטאָר פרעטענדירט צו האַלטן זיינע אייגענע איבערלעבונגען פאַר אַ מקור, וועלכער איז פונקט אַזוי וויכטיק ווי דאָס, וואָס איז געווען געדרוקט פון אַנדערע פאַר אים. און אין דער אמתן איז דאָסדאָזיקע בוך נישט מער, ווי אַ שטיק גייסטיקע אויטאָביאָגראַפיע.

די איבערוועלטיקונג פון דעם מאַרקסיסטישן שטייגער דענקען, וואָס איך פאַרטרעט דאָ, האָב איך צוערשט געמוזט דורכמאַכן אין מיר גופא. דאָסדאָזיקע בוך איז דער פועל יוצא און פראָדוקט פון אַ גייסטיקן אַנטוויקלונגס־קריזיס, וואָס ציט זיך שוין איבער צוואַנציק יאָר, און וואָס איז אַרויסגעוואַקסן מער פון דער פראַקטישער דערפאַרונג פון מיין אייגענער טעטיקייט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, ווי פון דעם גראָבן זיך אין די ביבליאָטעקן. כמעט יעדע פראַגע פון די, וואָס דאָס בוך באַהאַנדלט, האָט זיך שוין געהאַט געשטעלט פאַר מיר גופא, ווי אַ געוויסן־פראַגע.

די סאָציאַליסטישע אידעאָלאָגיע, וואָס האָט מיך שוין אַלס גימנאַזיסט געשטויסן אַריינצוטרעטן אין דער אַרבעטער-

באַוועגונג, האָט אין אָנפאַנג געשטאַמט פון אַ ריין עמאָציאָ-
נאַלן פּראָטעסט קעגן די געזעלשאַפטלעכע קייטן פון מיין
משפחה-סביבה. אונטער דער השפּעה פון מיינע נאַטורוויסנשאַפט-
לעכע און מאַטעמאַטישע למודים האָט דידאָזיקע אידעאָלאָגיע
געזוכט אַן עקזאַקטע וויסנשאַפטלעכע פאָרמולירונג, וועלכע זי
האָט טאַקע באַלד געפונען אין דעם מאַרקסיזם. די פאַרפעס-
טיקונג פון מיינע מאַרקסיסטישע איבערצייגונגען מיט דער
הילף פון עקאָנאָמישע, געשיכטלעכע און פילאָזאָפישע שטודיען
איז געווען דער הויפּטצוועק פון מיינע לערן-יאָרן און וואַנדער-
יאָרן, וועלכע איך האָב פאַרבראַכט צום גרעסטן טייל אין
דייטשלאַנד, אין דעם הייליקן לאַנד פון מאַרקסיזם. אין דער
טעטיקייט, וואָס איך האָב אַנטוויקלט אין דער אַרבעטער-באַ-
וועגונג אין די לעצטע יאָרן פאַרן קריג אין מיין בעלגישן
פאָטערלאַנד, האָב איך קודם כל געזען אַ מיטל צו פּראָפּאַ-
גאַנדירן דעם מאַרקסיזם. אויף וויפל אָבער דידאָזיקע טעטיקייט
האָט מיך געבראַכט אין באַרירונג מיט דער אָרגאַניזאַטאָרישער
און באַזונדערס מיט דער געווערקשאַפטלעכער פּראַקטיק, אַט
אויף אַזויפיל האָבן געגומען זיך אָפּשלייפן די שאַרפע
קאַנטן פון מיין פרום-מאַרקסיסטישער אמונה. שוין פאַר דעם
קריג בין איך נעענטער געשטאַנען צו יענעם מאַרקסיסטישן
„חדר", וואָס האָט געהאַלטן פאַר נויטיק אַ פרייערע אויסטיי-
טשונג פון אָט דער טעאָריע, נישט האָבנדיק פונדעסטוועגן
דערבײַ בדעה פאַנאַנדערצושאָקלען אירע גרונט-זיילן.

דערפאַר אָבער האָט זיי אַ סך שטאַרקער פאַנאַנדערגע-
טרייסלט די מלחמה, וועלכע איך האָב מיטגעמאַכט אַלס אַ
פרייוויליקער קעמפער אין דעם לאַגער פון בעלגיע. אָט די
נשמה-איבערלעבונגען אין דער קריגס-צייט באַרעכטיקן מיך דאָ
צו רעדן פון אַ בוך, וואָס איז געשריבן מיט בלוט, הגם איך
קאָן, פאַרשטייט זיך, נישט אורטיילן, צי איז מיר געלונגען
דאָסדאָזיקע בלוט צו פאַרוואַנדלען אין גייסט. די קעגנזעצ-
לעכקייט פון די מאַטיוון, וואָס האָבן מיך, דעם ליידנשאַפטלעכן
אַנטימיליטאַריסט און איבערגעגעבנסטן אינטערנאַציאָנאַליסט,
געצוווּנגען צו גלויבן, אַז ס'איז אַ חוב צו קעמפן קעגן
דייטשלאַנד, מיין אַנטוישונג מיט דעם חורבן פונם אינטערנאַ-

ציאָנאַל, די טאָג-טעגלעכע מעשים, וואָס האָבן געצויגן זייער כח פון די אינסטינקטיווע מאַסן-אימפולסן, וועלכע האָבן פאַרסמט מיט פעלקער-האַס אויך די סאָציאַליסטישע באַוועגונג, מיין וואַקסנדיקע אָפּגעפרעמדקייט פונם גרעסטן טייל פון מיינע פריערדיקע מאַרקסיסטישע אידעאישע פריינט, וואָס האָבן זיך אַ קער געטאָן צום באָלשעוויזם — אָט דאָס אַלץ האָט מיך געקוועלט מיט ספקות און זאָרגן, וואָס זייער אָפּקלאַנג וועט מען געפינען אין דעמדאָזיקן בוך.

די דערשיטערונג, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן אין מיר דורך די לאַנג-יאָריקע געוויסנס-פּראָבלעמען פנים אל פנים מיטן טויט, איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז נאָכן שלום האָב איך אויף צוויי יאָר פאַרלאָזן אייראָפּע, כדי ווידער צו געווינען ניי גייסטיק חיות אין דער געאָגראַפישער ברייטקייט פון אַן אַמעריקאַנישן אַוואַנטוריסטן-לעבן. די נייע גייסטיקע אָריענטאַציע האָט באַטייט פאַר מיר דעם איבערגאַנג פון דער עקאָנאָמיש-דעטערמיניסטישער אויפפאַסונג פון סאָציאַליזם צו אַזאַ אופן דענקען, וועלכער האַלט, אַז דער יחיד איז דער טרעגער, דער בעל דעה, פון די פּסיכאָלאָגישע רעגונגען אין דעם סאָציאַלן לעבן. נאָך דעם, ווי איך האָב פאַרבראַכט אין בעלגיע צוויי יאָר אַלס פירער פון דער אַרבעטער-בילדונגס-טעטיקייט, האָב איך אין יאָר 1922 אינגאַנצן אָפּגעזאָגט זיך פון אַלערליי כלל-עסקים, כדי אין אַ פולשטענדיקער גייסטיקער אומאָפּהענגיקייט אָפּצוגעבן זיך מיט דער שטילער אַרבעט, פון וועלכער ס'איז אַרויס דאָסדאָזיקע בוך. איך האָב באַשלאָסן אויסצודריקן מיינע געדאַנקען דווקא אין אַ פאָרם, וואָס זאָל אויף דעם שאַרפסטן אופן באַטאָנען דעם דייטלעך-באַוווסטזיניקן קעגנזאַץ צווישן מיין שטייגער דענקען און דעם מאַרקסיסטישן, דעם פריערדיקן.

וואָס זענען, על כן, געווען די אורזאַכן, וואָס האָבן מיך סוף כל סוף געשטויסן אויסצוקלייבן אָט די „פּערזענלעכע" פאָרם אין בוך, ניט קוקנדיק אויף עטלעכע ספקות? — די אורזאַכן זענען געווען צווייערליי, דהיינו: די דאגה מכח דער איבערלעכער אמתדיקייט פון דעם בוך, און מיין ווונטש און שטרעבונג צו האַלטן זיך אויף דער ליניע פון דעם קלענסטן

פּסיכאָלאָגישן ווידערשטאַנד, כּדי צו האָבן אַ ווירקונג דווקא אויך אויף די סאָציאַליסטישע לייענער-קרייזן.

איך רעד פון דער כּוונה מכּח דער אינערלעכער אמת-דיקייט דערפאַר, ווייל איך אַליין בין געקומען צו די אידעען, וואָס זענען דאָ פאַרטראָטן, ערשט נאָך דעם, ווי איך האָב מיין איינענעם מאַרקסיזם דורכגעלייטערט אין דער קריטיק, וועלכע ווערט דאָ אין בוך אויסגעדריקט און אָפטמאָל איבערגעחזרט. האַנדלען האַנדלט זיך דערביי נישט אַזויפיל וועגן אַ וויסנ-שאַפטלעכער ריכטיקייט פון איינצלנע אידעען, ווי וועגן דער אַלגעמיינער אינערלעכער שטעלונג, לויט וועלכער אידעען ווערן ערשט אויפגעפאַסט און אָפּגעשאַצט. מיין איינציקער ציל איז צו מאַכן לעבעדיק פאַר דעם לייענער דידאָזיקע אינערלעכע שטעלונג, און דאָס באַטייט, לגבי מיין פריערדיקן מאַרקסיסטישן שטייגער דענקען, אַן איבערשאַצונג פון אַלע ווערטן. און מהאי טעמא איז בעסער אויסצודריקן מיינע געדאַנקען אין אַזאַ פאָרם, וועלכע שפּיגלט אָפּ אויף דעם ערלעכסטן אופן די פאַרענדערונג אין מיר גופא. און וויסן דאַרף מען, אַז די איבערלעבונגען פון דער וועלט-מלחמה האָבן אַזוי שטאַרק צעטרייסלט מיינע איבערצייגונגען דער עיקר צוליב דעם טאַקע, ווייל זיי האָבן דערשיטערט מיין סאָציאַל געוויסן. דער מאַרק-סיזם האָט דעמאָלט די סאָציאַליסטן נישט געוויזן די וועגן, וועלכע האָבן געזאָלט זיי לאָזן דערשפּירן זייערע מאָראַלישע פליכטן לגבי דער מענטשהייט. ער האָט נישט געהאַט קיין גענוג שטאַרקן ווילן, ווייל ער האָט ווייניק פאַרשטאַנען, וואָס ס'קומט פאָר אַרום אים. די בלוטיקע שולד, וואָס ער טראָגט דערפאַר אויף זיך, איז מיר נאָך שווערער צו פאַרגעסן, ווייל איך אַליין פיל זיך אונטער דער לאַסט פון אָט דעם פאַר-ברעכן. און אָט דערפאַר טאַקע האָט זיך מיין קריטיק פון מאַרקסיזם אַריבערגעוואָרפן פון דעם געביט פון וויסן אויף דעם געביט פון געוויסן. און אָט דאָס איז די אורזאַך, אַז דעם פועל יוצא, וועלכן איך האָב דערפילט, ווי עפּעס ממש אַן אינערלעכע באַפרייאונג, ווי אַ נשמה-ווידערגעבורט, בין איך

גישט בכח אַרויסצוברענגען בלויז ווי נאָר אַ נייעם פּירוש פון
וויסנשאַפטלעכע פּאָסטולאַטן 1) און ווייטער גאָרנישט.

חוץ דעם ווילט זיך מיר שרייבן נישט נאָר פאַר פאַך-
חברים. איך וואָלט געוואָלט ווירקן אויך אויף די לייענער, וואָס
גיבן זיך אָפּ מיט דידאַקטיקע פראַגן נישט דער עיקר צוליב
זייער אינטערעס צו אַ טרוקענעם פאַך-שטודיום, נאָר מער צו-
ליב זייער פאַרבונדנקייט מיטן לעבן, מיט די פריידן און ליידן
פון דעם איינצלנעם יחיד. קודם כל האָב איך דאָ אין זינען
די אַרבעטער און די יונגע סאָציאַליסטן, וואָס שטרעבן צו
בילדונג און פון וועלכע איך ווייס, אַז זיי מאַטערן אָפטמאָל
טאַקע די זעלביקע פראַגן און ספקות, ווי ס'איז מיט מיר אַמאָל
געווען. גאַנץ אומבאַוווסטזיניק וועלן אַ סך פון זיי צוגיין צו
מיינע געדאַנקען מיט אַ פאָראורטייל, וואָס שטאַמען שטאַמט
ער פון דעם מאַרקסיסטיש-געפאַרבטן סאָציאַליזם, וועלכער האָט
גאָר אַלץ די אויבערהערשאַפט אין דייטשלאַנד. אָט די מענטשן,
בעת זיי שטויסן זיך אָן אויף אַ נייער מיינונג, וועלן סיי-ווי-
סיי פרעגן, צי דאָס האַרמאָנירט טאַקע וואָרט און וואָרט מיט
זייער איינגעפונדעוועטער אמונה אין דער פאַרטיי-קירך. זיי
וועלן נישט פרוּוון אַרויסצושטעלן קעגן לעבעדיקע אמתן אַנ-
דערע לעבעדיקע אמתן; ניין, זיי וועלן אַרויסגיין אין קאַמף
באַוואָפנטע מיט טויטע פסוקים און מיט פאַרטיקע דעות. איז
דען נישט ריכטיקער, פרעג איך, לכתחילה אַרויסצוטרעטן אין
אַן אָפענעם קאַמף-פראָנט קעגן אָט די אַלע אַרגומענטן, וועלכע
איך וועל במילא נישט קאָנען פאַרמיידן?

צוליב דעמדאָזיקן טעם האָב איך קיין מורא נישט גע-
האַט אפילו פאַר אַזעלכע פאָרמולירונגען, וועלכע וועלן אפשר
פאַר עטלעכע פון מיינע לייענער קלינגען ממש פּאַראַדאָקסאַל.
איך בין זיך אפילו מודה, אַז אומעטום, וווּ איך האָב געהאַט
די ברירה צווישן אַ ווייכערער און אַ שאַרפערער אויסדרוק-
פאָרם פאַר אַ באַשטימטן געדאַנק, האָב איך אויס פּרינציפּ זיך
אָפּגעשטעלט דווקא אויף דעם שאַרפערן אויסדרוק. און איך טו

---

1) פּאָסטולאַט — אַ פאַרבאַדינגונג, גרונט-תנאי, אַן אַרגומענטאַציע אָדער
שפּאַרעם.

דאָס נישט סתּם, כּדי יוצא צו זיין פאַר דער פּערזענלעכער
באַדערפעניש, דורכצומאַכן אַ מין נשמה-ריייניקונג, נאָר אויס-
שליסלעך און לכתחילה צוליב אַ פּראַקטישן טעם, דהיינו: אַז
אַ „פּסיכאָלאָגישער רוק", ווי די אַמעריקאַנער דריקן זיך
אויס, דער פּלוצלונגדיקער, אויפרודערנדיקער שטויס, איז פּשוט
אַ נויטווענדיקע באַדינגונג פון אַ גייסטיקער אומוואַנדלונג, וואָס
זי איז דאָך מיין הויפּט-ציל.

צוליב דעמזעלבן טעם בין איך געניייגט בכּיוון צו געבן
דעם פאָרצוג דער פאָרמול „איבערוועלטיקונג פון מאַרקסיזם"
אין פאַרגלייך מיט וועלכער ס'איז אַנדערע פאָרמולעס, ווי, למשל,
„רעוויזיע", „פאָרטזעצונג", „צופּאַסונג", „ווייטערענטוויקלונג"
און כּדומה, וואָס זיי אַלע טראָגן אין זיך אַ כּוונה צו וואַשן
דעם פּעלץ, אָבער אים חלילה נישט צו פאַרנעצן. פון דעם,
וואָס איך האָב אין דעמדאָזיקן בוך צו זאָגן מכּח די באַצי-
אונגען צווישן דער סאָציאַלער טעאָריע און דער סאָציאַלער
באַוועגונג בכלל, און בפרט מכּח דער רעלאַטיווער אָפּשאַצונג
פון דעם מאַרקסיזם לויט די אומשטענדן פון צייט און רוים,
וועט מען זען, אַז איך וואָלט מיינע אויספירן געקאָנט אויסדריקן
אין צווייערליי פאָרמען, און פון דעם וואָלט אין דעם ענין
גופא זיך קיין זאַך נישט געביטן. די רעלאַטיווירונג פונם
מאַרקסיזם, די שטרעבונג אים צו פאַרשטיין אין איינקלאַנג מיט
די געענדערטע אומשטענדן פון דער צייט, אָט דער קוק,
וועלכן איך זוך דאָ צו באַגרינדן, באַטייט, אין אַ געוויסן
היסטאָרישן זין, סיי אַ פּאָזיטיווע פּאָזיציע לגבי אָט דער לערע,
סיי (אין אַן אַנדערן פּראַקטיש-פּעדאַגאָגיש-אַקטועלן זין)
אַ נעגאַטיווע שטעלונג, אַ פאַרניינונג פון מאַרקסיזם. און
טאַקע צוליב דער גייסטיק-פּראַקטישער נוצלעכקייט בין איך
נוטה געווען אויסצוקלייבן די פאָרם, וועלכע שטעלט דעם
טראָפּ אויף דעם פאַרניינענדיקן מאָמענט. אמת, פון אַ ריין-
טעאָרעטישן שטאַנדפּונקט איז שווער צו לעזן די פראַגע, וועלכע
פון די ביידע פאָרמולירונגען איז ריכטיקער. פּונקט אַזוי ווי
עס איז שווער צו אַנטשיידן דעם באַרימטן ויכּוח מכּח דעם,
ווען ווערט פון אַן אַלטן מעסער אַ נייער מעסער, אויב מען
האַלט אין איין בייטן נאָכאַנאַנד סיי דאָס הענטל און סיי דאָס

קלינגל. ס'זענען אָבער דאָ אַזעלכע אומשטענדן, װען אַ זאַך,
װאָס האַלט אין װערן, קאָן זיך אַנטװיקלען נאָר דורך דעם, װאָס
די זאַך קוקט אויף זיך, װי אויף דעם שאַרפסטן קעגנטייל פון
דאָס, װאָס איז פאַר אים געװען. אַזאַ פאַל איז שטענדיק אַ
פאַקט דוקא אין אַזאַ צייט, װען אַ נייער דור װ י ל זיך אָפּ-
שיידן פון דעם אַלטן, שוין דורך זיין פונדאַמענטאַלער װעלט-
אַנשויאונג גופא, און נישט בלויז דורך די טרוקענע שכל-באַ-
גריפן. דעמאָלט ד ע נ ק ט דער נייער דור נישט נאָר אין
דעם אָדער אין יענעם פונקט אַנדערש װי דער אַלטער, נאָר
ער פ י ל ט אויך אַנדערש, ער איז באַהערשט פון אַן אַנדער
װעלטגעפיל. דורך דעם, װידער, באַװייזט זיך שוין די פאַר-
העלטעניש פון דעם מענטש צו דער אַרומיקער װעלט אין אַ
פרינציפיעל נייעם שיין. און קאָן דען דאָס היינט גאָר אַנדערש
זיין, בעת די גאַנצע סאָציאַלע װעלט אַרום אונז איז דורך
דעם קריג און רעװאָלוציע אומגעװאַנדלט געװאָרן ממש אין
זייער תוך, בעת צװישן דעם פאַר-און דעם נאָך-מלחמה-
מענטש האָט זיך געעפנט אַ נשמה-תהום ?! די נייע אַנשויאונ-
גען פון דעם יונגן דור זענען בכלל נאָר אַ שפּעטערדיקע
פאָרמולירונג, אַ צװייטער גלגול, פון דעם לכתחילהדיקן װילן
צו אַ סכסוך, װעלכער שטאַמט אַרויס פון אַ נייער װעלטאָנ-
שויאונג. דענקען ד ע נ ק ט מען אויף אַ נייעם שטייגער,
באשר ראשית כל װיל מען ז יי ן אַנדערש. אויך דאָ קומט
דער פסיכאָלאָגישער „שטויס" אין סאַמע אָנפאַנג און אורשפּרונג
פון יעדער מזלדיקער אַנטװיקלונג. דאָ בלייבט בכן גאָר קיין
אַנדער ברירה נישט, װי נאָר אַן אַבסאָלוטע אָפּשאַצונג, אָן
װעלכע ס'איז פניות אין נאָמען פון אַ כלומרשט-פרומען דרך
ארץ, און אויך נישט װעגן װאָסערע ס'אין פאַרטיי-פּאָליטישע
חשבונות אַרום די אייגענע אָדער קעגנערישע לאָזונגען.

און װי ס'זאָל נישט זיין, װיל איך זיך שוין צװאַיילן
דאָ גופא צו באַטאָנען דעם פונקט, װעלכן דער לייענער װעט
ערשט שפּעטער בהדרגההדיק פון מיין בוך קלאָר אַרויסזען. איך
האָב דאָ לגמרי נישט צו טאָן מיט דער קריטיק פון מאַרקסן.
אפילו דאָרט נישט, װו איך ברענג ציטאַטן פון מאַרקסן, בדי

צו באַקעמפן געוויסע מאַרקסיסטישע טעאָריעס. איך גיי זיך פאַנאַנדער מיט דעם מאַרקסיזם, און נישט מיט מאַרקסן.

און וואָס פאַרשטיי איך אונטערן מאַרקסיזם? — דאָס, וואָס פון מאַרקסן איז געבליבן, ווי אַ לעבעדיקע ירושה, אין דער אַרבעטער-באַוועגונג: די אָפּשאַצונגען, למשל, פון זאַכן און צילן, וואָס שטאַמען לכתחילה נישט פון שכל, נאָר דווקא פון געפיל, די סאָציאַלע ווילנס-פאָרשטעלונגען, דער אימפּעט פון אָנגריף אויף דער אומגערעכטיקייט, די מעטאָדן פון לעבעדיקע מעשים, די פּרינציפּן און די פּראָגראַמען, וואָס זענען מיט דער צייט געוואָרן דער פּועל יוצא פון אַ טיפער השפּעה, וואָס זיין לערע האָט. ס'שטייט אין קאָן נישט דער טויטער מאַרקס, נאָר דער לעבעדיקער סאָציאַליזם. און דאָס מוז געזאָגט ווערן דער עיקר צו יענע מענטשן, וועלכע רעדן זיך אפשר איין, אַז זיי קאָנען מיט עפּעס אַ פּסוק פון מאַרקסן אָפּפרעגן דעם אָדער יענעם פון מיינע געדאַנקען און דערמיט באַווייזן, אַז איך האָב מאַרקסן נישט ריכטיק „אויסגעטייטשט“. פון דעם, וואָס איך האָב דאָ אין דערמאָזיקן בוך צו זאָגן וועגן דער באַציאונג צווישן מאַסן-באַוועגונגען און ראַציאָנאַלע ענד-צילן, וואָס דינען פאַר זיי אַלס סימבאָלן, וועט ערשט נאָך קלאָרער ווערן, פאַרוואָס די פראַגע פון טעקסטן איז פאַר מיר בכלל קיין פראַגע נישט. קריטיק פון טעקסטן איז בלי ספק זייער אַ ווערטפולער הילפסמיטל אין דער ביאָגראַפישער און געשיכטלעכער פאָרשונג. אָבער דאָ האַנדלט זיך נישט וועגן קריטיק סתם. נישט וויכטיק, ווי אַזוי מען קאָן דערקלערן און אויסטייטשן די אָדער יענע מיינונג פון מאַרקסן אָדער ענגעלסן, לויט די אומשטענדן פון זייער צייט, אָדער ווי זעט אויס איר שייכות צו אַן אַנדער מיינונג זייערער, וועלכע מען אַנטדעקט דורך גריבלערייען אין די פריערדיקע אָדער שפּעטערדיקע בריף אָדער אַרטיקלען זייערע. אונז אינטערעסירט אין מאַרקסן נאָר דאָס, וואָס ס'לעבט נאָך פון אים הייַנט צו טאָג, סוף כּל סוף, דעם ווערט, וועלכן ס'האָט די טאַט פון אַ מאַן, וועלכער האָט געגעבן אַ טעאָריע אַ געוויסער באַוועגונג, קאָן מען אָפּשאַצן לויט דער השפּעה פון אָט דער טעאָריע אויף דער באַוועגונג גופא.

דאָס איז נישט קיין סימן פון ווייניק יראת הכבוד צו מאַרקסן. און זאָל דאָ געזאָגט ווערן, אַז איך אַליין ווייס דאָך בעסער פון אַלע, וואָס אַזוינס איך פערזענלעך האָב צו פאַרדאַנקען טאַקע מאַרקסן גופא, פשוט מחמת ער אַליין האָט מיר מיט זיינע הענט געגעבן די מערסטע מיטלען, מיט דער הילף פון וועלכע איך באַפריי זיך פון מאַרקסיזם. דער, וואָס פאַרשטייט אים, האָט לגבי אים דעם חוב נישט צו בלייבן שטיין אויף איין אָרט, און מעג דאָס אָרט זיין אַפילו דאָ, ווו מאַרקס אַליין איז געשטאַנען; בעת אין דער אמתן פאָדערט פון אונז דאָס געבאָט פון אמת-זוכעניש, וועלכן מאַרקס האָט געפאָלגט זיין גאַנץ לעבן, צו גיין ווייטער און ווייטער.

I

די אורזאכן.

די לערע פון די מאָטיוון אַלס קערן-פּראָבלעם פון סאָציאַליזם.

> די אויפגאַבע פון דעם מאַטעריאַליזם אויפן געביט פון דער געשיכטע — ווי מאַרקס האָט זי פאַרשטאַנען — איז טאַקע צו דערקלערן, וויאַזוי קאָנען געענדערט ווערן די אומשטענדן דורך די מענטשן, וועלכע זענען אליין די פּראָדוקטן פון די-דאָזיקע אומשטענדן.
>
> ג. פּלעכאַנאָוו.

די קריטישע באַהאַנדלונג פון מאַרקסיזם רוקט היינט אַרויס אויבן-אָן לגמרי אַנדערע פראַגן ווי די, וואָס זענען געשטעלט געוואָרן דורך בערנשטיינס קריטיק פון מאַרקסן אין די לעצטע יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט. בערנשטיין האָט געוואָלט „רעווידירן״ געוויסע טיילן פון מאַרקסעס געזעלשאַפט-טעאָריע, וועלכע, ווי ער האָט געמיינט, זענען געשטאַנען אין אַ קעגנזאַץ צו דער עקאָנאָמישער און סאָציאַלער אַנטוויקלונג פון זיין צייט: די טעאָריעס מכח דער וואַקסנדיקער אָרעמקייט פון פּראָלעטאַריאַט, וועגן דער קאַפּיטאַליסטישער קאָנצענטראַציע פון די פאַבריק-אונטערנעמונגען, וועגן ווערט און „מערווערט״, וועגן די עקאָנאָמישע קריזיסן, וועגן דער פאַרשאַרפונג פונם קלאַסנקאַמף א. א. וו. אָבער די קריטיק, וואָס ער האָט אַרויס-

געפּשטעלט קעגן יענע טעאָריעס, איז אַרום און אַרום געווען געבויט אויף דעמזעלביקן אופן דענקען, ווי דידאַזיקע טעאָריעס גופא. ער האָט נישט געהאַט בדעה אָנצורירן דעם מאַרקסיזם אין זיינע פילאָזאָפישע יסודות. ער האָט אים נאָר געוואָלט „ווייטעראַנטוויקלען", געברויכנדיק דערביי דעם אַלטן שטייגער דענקען בנוגע צו די נייע פאַקטן פון דעם עקאָנאָמישן און סאָציאַלן לעבן.

דאָס, וואָס עס פעלט אָבער היינט צו טאָג דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן מאַרקסיזם, אום ער זאָל ווערן אַ לעבעדיקע טעאָריע פון אַ לעבעדיקער באַוועגונג, איז לחלוטין נישט די באַדערפעניש צו רעווידירן איינצלנע טעאָרעטישע פּרינ־ציפּן, ווי למשל, די וואַקסנדיקע אָרעמקייט פון פּראָלעטאַריאַט, די קאָנצענטראַציע פון אונטערנעמונגען, די פאַרשאַרפונג פונם קלאַסנקאַמף א. א. וו. אפילו ווען בערנשטיינס קריטיק פון די־דאָזיקע טעאָרעטישע פּרינציפּן וואָלט געווען דורך און דורך פאַלש, וואָלט דאָך געבליבן אומגעלעזט די פיל וויכטיקערע פראַגע, צי קאָנען דידאָזיקע פּרינציפּן בכלל האָבן פאַרן סאָציאַליזם יענע אידעאָלאָגישע באַדייטונג, וועלכע ס'האָט גע־האַט אין זינען מאַרקס.

נו, אויף אָט דעם אופן איז פאַר דעם טעאָרעטישן דער־פאָלג פון דעם רעוויזיאָניזם, למשל, גאָרנישט וויכטיק געווען ווער פון זיי ביידן, צי בערנשטיין צי קאַאוטסקי, איז געווען גערעכט אין דעם שטרייט מכח דער ריכטיקייט פון מאַרקסעס טעאָריע מכח דער קאָנצענטראַציע פון די אונטערנעמונגען. די אַנטשיידנדיקע פראַגע איז באַשטאַנען נישט אין דעם, צי די־דאָזיקע קאָנצענטראַציע וועט פאַרלויפן אין די פאָרמען, וועלכע ס'באַשרייבט מאַרקס, נאָר, ערשטנס, אין דעם, צי וועט די קאָנ־צענטראַציע אַרויסרופן יענע רעזולטאַטן, וועלכע ס'האָט, מעשה נביא, פאָרויס געזאָגט אין זיין קאַטאַסטראָפעס־טעאָריע קאַרל מאַרקס; צווייטנס, און דאָס איז דער עיקר, באַשטייט די פראַגע אין דעם, צי דער כלומרשטער אונטערגאַנג פון דעם אינדוסטריעלן מיטלשטאַנד איז בכח צו געבן אַ ראיה סיי פון דער נויטווענדיקייט, סיי פון דער געוווּנשנקייט פון סאָציאַליזם. אָדער מיט אַנדערע ווערטער: האָט עס עפּעס

א נוצן צו באווייזן, אז אין דער ווירקלעכקייט האָבן די עקאָ־ נאָמישע קריזיסן אָנגענומען גאָר אַנדערע פאָרמען ווי די, וועלכע מארקס האָט פאָרויסגעזען? די פראַגע, וועלכע איז אַן אַנטשיידנדיקע צווישן אַלע פראַגן, איז גאָר, צי באַשטייט בכלל דער קאַטעגאָרישער צוזאַמענהאַנג צווישן דעם עקאָנאָמישן קריזיס און דער סאָציאַלער רעוואָלוציע אויף דעם שטייגער, ווי דאָס איז פאָרמולירט געוואָרן דורך מאַרקסן? לאָמיר פרעגן: וואָס באַווייזט, נאָך אַלעמען, די וואַקסנדיקע אָרעמקייט פון דעם פראָלעטאַריאַט, ווען מ'וואַרפט אָפּ דעם שטאַנדפּונקט, אַז דער סאָציאַליסטישער ווילן פון די מאַסן הענגט אָפּ פון דעם גראַד פון זייער אָרעמקייט? ווידער, וואָס באַווייזט די פאַרשאַרפונג פון דעם קלאַסנקאַמף, אויב מען גלויבט בכלל נישט אין דעם, אַז דער קאַמף פאַר מ אַ ט ע ר י ע ל ע אינטערעסן מוז פירן צום סאָציאַליזם?

און סוף כל סוף, דאָס, וואָס איז, ביי אָט די אַלע חקירות, אין דעם מאַרקסיזם געשטעלט אונטער א פראַגע־צייכן, איז נישט אַזוי די ריכטיקייט פון די רעזולטאַטן, וואָס זיינע סאָציאַל־עקאָנאָמישע לערעס האָבן געהאַט, ווי דער אופן, אויף וועלכן ער פרווט אַריבערצופירן זיין מעטאָד פון טעאָריע אין א מעטאָד פון פראַקטישע מעשים. נו, וואָס איז אָבער דער פועל יוצא? — אָנשטאָט צו קריטיקירן די שוואַכע ראָלע פון דער מאַרקסיסטישער לערע אין דעם פראַקטישן לעבן, לאָזט מען זיך גאָר אַריין אין גריבלערייען מכח די מיטלען און וועגן פון דער סאָציאַלער טעאָריע. דער מעטאָד גופא אָבער — ווי מיר וועלן דאָס נאָך זען ביי דער היסטאָרישער אָפּשאַצונג פון דער מאַרקסיסטישער באַוועגונג — שטעקט מיט זיינע וואָרצלען אין יענע וועלטאַנשויאונג־פּרינציפּן פון די מיטל־יאָרן פון דעם 19־טן יאָרהונדערט, פון וועלכע דאָס גאַנצע דענקען פון אונזער צייט באַפרייט זיך הפנים אַלץ מער און מער, און וועלכע מען קאָן — צוליב א דערווייליקער כאַ־ראַקטעריסטיק — באַצייכענען מיט די שטיכווערטער: דעטער־

מיניזם 1) קאַוזאַל-מעכאַניזם, היסטאָריזם, ראַציאָנאַליזם און עקאָנאָמישער העדאָניזם 2).

שוין זיין ציל גופא פירט דעם מאַרקסיזם אַרויס פון דעם נאַטור-נויטווענדיקן גאַנג פון די סאָציאַלע אַנטוויקלונגס-געזעצן; אין דעם זין איז ער ד ע ט ע ר מ י נ י ס ט י ש. די פאָרם, אין וועלכער דידאָזיקע געזעצן ווירקן און שאַפן, האַלט דער מאַרקסיזם פאַר א דיאַלעקטישע. דאָס מיינט, דער מאַרקסיזם האַלט, אַז די רעזולטאַטן לאָזן זיך פול און גאַנץ דערקלערן דורך די אורזאַכן, און אַלס מאָדעל און מוסטער נעמט דאָ מאַרקס די ווירקונג פון באַשטימטע מעכאַנישע קרעפטן. אין אַזעלכע מעכאַניש-פיזיקאַלישע קאָמבינאַציעס פון שטאָף און קראַפט קומט באמת פאָר, אַז ווען איין קראַפט בייט, ריין אויסערלעך, איר מאַטעמאַטישן כאַראַקטער, זי באַקומט אַוועק-געשטעלט אַנשטאָט א פּלוס-צייכן אַ מינוס-צייכן, אָדער פאַר-קערט, אָבער בלייבט אין תוך און עצם דיזעלבע ווי געווען, טאָ בייט זיך אויך די ווירקונג פון אָט דער קראַפט און ווערט פונקט קאַפּויער צו דער ווירקונג, וואָס מ'וואָלט געקאָנט דער-וואַרטן פון דער לכתחילהדיקער ריכטונג, אין וועלכער די קראַפט האָט געדאַרפט ווירקן. אַ סאָציאַלער קלאַס, גלויבט מאַרקס, איז אויך אַזאַ קראַפט, וועלכע בייט איר ווירקונג מיט דער לייכטקייט פון אַ פיזיקאַליש-מעכאַנישן פאַקטאָר. באופן, אַז דער אַרבעטער-קלאַס וועט בייטן זיין „מאַטעמאַטישן צייכן",

1) דעטערמיניזם — א טעאָריע, אז דער מענטשלעכער ווילן איז נישט פריי, נאָר ער ווערט פעסט און שטרענג באַשטימט דורך די פיזישע און פסיכישע באַדינגונגען.

2) העדאָניזם איז א שיטה אין דער עטיק און סאָציאַל-פסיכאָלאָגיע וואָס לערנט, אַז הנאה איז דאָס גרעסטע גוטס אין לעבן, און אַז די מאָראַלישע פליכטן ווערן אויסגעפילט דורך דער באַפרידיקונג פון די אינסטינקטן און נייגונ-גען צו פאַרגעניגנס און פרייד. אין דער נייער צייט איז דער אוטיליטאַריאַניזם (פון דער סאָציאַל-פילאָזאָפיע אין ענגלאַנד אין 19-טן י. ה.), וואָס זעט דעם ענדציל אינם גרעסטן גליק פון דער גרעסטער צאָל מענטשן אין אַ געזעלשאַפט, אַ וויכטיקע העדאָניסטישע טעאָריע.

און אָנשטאָט אַן אונטערדריקטן קלאַס (אַ מינוס) וועט ער ווערן דער הערשנדיקער קלאַס (אַ פּלוס).

אין דעמדאָזיקן זין איז דער מאַרקסיזם מעכאַניסטיש. מיט דער געשיכטע פון דעם עבר באַגרינדעט דער מאַרקסיזם די לערע פון די סאָציאַלע אַנטוויקלונגס-געזעצן, און דערביי זעט ער אין די צילן, וואָס דער מענטש שטעלט אַרויס, נאָר רעזולטאַטן פון באַשטימטע סיטואַציעס פון דער גרויסער אַרומיקער סביבה. נג. ווייל דער מאַרקסיזם שטעלט אַרויס דידאָזיקע זאַכלעך-אָביעקטיווירנדיקע שטעלונג פונם מענטשן צו זיין אַרומיקער וועלט, אַלס מקור פון זיינע צילן, און באשר אָט די וועלט איז דאָך אַ פּראָדוקט פון דעם גאַנצן געשיכטע-גאַנג, קאָן מען אים באַצייכענען מיט דעם שטיכוואָרט היסטאָריזם. די געזעצמעסיקע אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט קומט פאָר, לויט מאַרקסן, נישט פון זיך אַליין, נאָר דורך מענטשלעכע ווילנס-אַקטן, וואָס באַזירן זיך אויף דער דערקענטעניש פון די באַציאונגען, וועלכע פאָרמירן און דיקטירן אָט די אַקטן גופא און וואָס ביי דעם קעמפנדיקן פּראָלעטאַריאַט דאַרפן זיי נאָך באַזירן זיך אויף דער דערקענטעניש פון די מאַרקסיסטישע נויטווענדיקייטס-געזעצן. דערדאָזיקער גלויבן פונם מאַרקסיזם אין דער דערקענטעניש, אַלס אַ טרייבנדיקער קראַפט פון דעם גאַנצן סכום פון אַלע געזעלשאַפטלעכע האַנדלונגען, אַנטפּלעקט זיין ראַציאָנאַליזם. די דערקענטעניש גופא, וואָס ליגט אין יסוד פון די געזעלשאַפטלעכע מאַסן-האַנדלונגען, איז פון אַ באַזונדערן שטייגער: דאָס איז אַ דערקענטעניש פון עקאָנאָמישע אינטערעסן, וואָס קומען אַרויס פון דער באַציאונג פונם מענטש צו די פּראָדוקציע-מיטלען, באַזונדערס אָבער פון דעם אינטערעסן-קעגנזאַץ צווישן די קויפער און פאַרקויפער פון דער מענטשלעכער אַרבעטס-קראַפט. די „פאַרהעלטענישן", וועלכע ווירקן אין דער „לעצטער אינסטאַנץ" אויף די מענטשן, זענען דערפאַר „פּראָדוקציע-פאַרהעלטענישן", וואָס זייער אַנטוויקלונג הענגט ווידער אָפּ פונם פּראָגרעס פון דער פּראָדוקציע-טעכניק. אָט דער פאַקט, אַז דער מאַרקסיזם נעמט אָן די עקאָנאָמישע אורזאַכן פון דער

סאָציאַלער אַנטוויקלונג, אַנטפּלעקט זיין עקאָנאָמישן העדאָניזם.

די טעאָריע מכח דעם מאָטיוו, דעם אויסגאַנגס־פּונקט, וואָס ליגט דאָ אין יסוד, ד. ה. די באַגרינדונג פון די סאָציאַלע האַנדלונגען דורך דער דערקענטעניש פון די עקאָנאָמישע אינטערעסן — איז דאָס מיטל צו דער וויכטיקסטער און אָריגינעלסטער פּאָזיטיווער דערגרייכונג פון מאַרקסיזם: צו דער לאָגישער צוזאַמענגיסונג פון דעם פּראָלעטאַרישן קלאַסנקאַמף מיט דעם סאָציאַליזם. די אומזיכערקייט פון דעם פאַרמאַרקסיסטישן אוטאָפּיסטישן סאָציאַליזם, וואָס זיינע צילן זענען באַגרינדעט נאָר מיט דעם מאָראַלישן אינהאַלט פון אַ צוקונפטס־אידעאַל, האָט דער מאַרקסיזם געוואָלט באַזייטיקן דורך דעם באַווייז, אַז דער קאַמף פון די אַרבעטער פאַר זייערע אינטערעסן, וועלכער באַזירט זיך אויף דעם פּראָדוקציע־סדר, אַז אָט דער קאַמף וועט מעשה מוז־זאַך פירן צום סאָציאַליזם.

נו, אָבער דוקא אָט די אידענטיפיצירונג פון קלאַסן־קאַמף און סאָציאַליזם, אָט דער נויטוועדיקער איבערגאַנג פון דעם אינטערעסן־קאַמף צו דער מענטשהייטס־באַפרייאונג, ווערן דורך די דערפאַרונגען פון די לעצטע צענדליק יאָר וואָס ווייטער אַלץ מער און ערנסטער געשטעלט אונטער אַ פראַגעצייכן. אין דער צייט נאָך מאַרקסן איז טאַקע דאָס קלאַסן־באַוווסטזיין פון דער אַרבעטערשאַפט, וואָס באַזירט זיך אויף דער דערקענטעניש פון אירע אייגענע אינטערעסן, געוואָרן אַלץ מער פאַרשפּרייט, איז דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער קלאַסן־קאַמף געוואָרן אַלץ שאַרפער; אָבער דער ציל פון אַ קלאַסנלאָזער געזעלשאַפט איז משמעות היינט־צו־טאָג נאָך אָפּגערוקט געוואָרן ווייטער ווי דעמאָלט. געוויסע דערשיינונגען רופן אַרויס אַלץ מער ספקות בנוגע צו דער אומפאַרמיידלעכקייט פון דעם איבערגאַנג צו אַ נייעם געזעלשאַפטלעכן סדר, וואָס וועט כלומרשט קומען אַלס אַ רעזולטאַט פון דעם פּראָלעטאַרישן אינטערעסן־קאַמף. איך וועל דאָ נאָר אָנווייזן אויף דאָס אַריינוואַקסן פון דער אַרבעטערשאַפט אין דער בירגערלעכער קולטור־וועלט, אויף דער בהדרגה־דיקער פאַרדרענגונג פון די רעוואָלוציאָנערע מאָ-

סיזון דורך די רעפאָרמיסטישע, אויף דער חאַקסנדיקער פאַר־בונדנקייט פון דער אַרבעטערשאַפט מיט די מלוכהשע און עקאָנאָמישע סאָציאַלע אַנשטאַלטן, אויף דער שטייגנדיקער נאַציאָנאַלער דיפערענצירונג פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־באַוועגונג (אָנשטאָט דער אַמאָליקער אינטערנאַציאָנאַליסטישער געזינונג), אויף דער אַנטשטייאונג פון אַ ביוראָקראַטישער אויבערשיכט אין די אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס גופא א. א. וו. אָט די פּראָבלעמען, וואָס ווערן דורך דעם אַרויסגערוקט אין דעם צענטער פון די מחלוקות איבער דעם היינטיקן ווערט פון מאַרקסיזם, פירן דירעקט צו דער הויפּטפראַגע, דהיינו: קאָן נאָך בכלל אויסהאַלטן אַ קריטיק יענע טעאָר״ע גופא, אַ טעאָריע, וואָס דערקלערט די געזעלשאַפטלעכע מאַסן־אַקציעס נישט דורך אַנדערע מאָטיוון, ווי בלויז דורך די פשוטע אינטערעסן־מאָטיוון.

טרעט מען צו צו דער מעטאָדאָלאָגיש־היסטאָרישער באַטראַכטונג פון דער מאַרקסיסטישער געדאַנקן־וועלט, איז דער איינפאַכסטער וועג צו לאָזן רעדן יענע פאַקטן, וואָס האָבן בכח אונדז צו ווייזן דעם אמתן צוזאַמענהאַנג צווישן דעם פּראָלעטאַרישן אינטערעסן־קאַמף און דעם סאָציאַליסטישן ענדציל, ווי דער מאַרקסיזם פאָרמולירט אים.

עס שטעלט זיך דערביי קודם כל אַרויס, אַז שוין די אַנטוויקלונג גופא פון די היסטאָרישע געשעענישן איז סותר דעררדאָזיקער ראַציאָנאַליסטישער סכעמע, וועלכע באַגרינדעט די פאָרמולירונג פון דעם ציל דורך דעם אינטערעסן־באַוווסטזיין. די סאָציאַליסטישע טעאָריעס זענען נישט קיין פּראָדוקט פון דעם אויפגעוואַכטן קלאַסן־באַוווסטזיין אין דעם אַרבעטער; זיי זענען, פאַרקערט, אַ באַסטולאַט, אַ פּאָרויסזעצונג, פון דעמדאָזיקן אויפגעוועקטן קלאַסן־באַוווסטזיין. אַ דאַנק דער אויפגענומענער סאָציאַליסטישער טעאָריע קאָן געמאָלט זיין, אַז אין יעדן אַרבעטערס קאָפּ זאָל קלאָר און רייף ווערן דער ציל־באַוווסטער קלאַסן־אינטערעס. דער סאָציאַליזם האָט שוין עקזיסטירט פאַר דער געבורט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, אפילו נאָך פאַר דעם אַרבעטער־קלאַס גופא.

די סאָציאַליסטישע אידעען — אויך די אידעען פון

מאַרקסן און ענגעלסן — קומען פון גאַנץ אַנדערע קוועלן, ווי פון די פּשוטע קלאַסן-אינטערעסן פונם פּראָלעטאַריאַט. זיי זענען די פרוכט נישט פון דער קולטור-אָרעמקייט פון די פּראָלעטאַריער. נאָר זיי זענען די גייסטיקע פּראָדוקטן פון דער קולטורעלער עשירות פון די געבילדעטע מענטשן אין די בירגער־לעכע און אַריסטאָקראַטישע שיכטן. זיי האָבן זיך פאַרשפּרייט פון אויבן אַרונטער, און נישט פון אונטן אַרויף. צווישן די גרויסע דענקער און טרוימער, וואָס האָבן דורכגעבראָכן אַ וועג פאַר דעם סאָציאַליסטישן געזעלשאַפטלעכן אידעאַל, איז אַ פּראָלעטאַריער כּמעט נישט בנמצא. מ׳קאָן דאָך ממש נישט אָפּלייקענען איין פאַקט: ווען דער סאָציאַליזם איז אין לויף פון דער צייט געוואָרן דער ציל און דאָס פּראָגראַם פון דער אַרבעטער-באַוועגונג, איז ער — לויט זיין היסטאָרישן מקור — ווייניקער אַ לערע פון דעם פּראָלעטאַריאַט, ווי אַ לערע פון דעם פּראָלעטאַריאַטסוועגן.

זאָל מען זיך אַפילו שוין נישט אָפּשטעלן אויף די ביאָ־גראַפיעס פון יחידים, און זאָל מען פּרווון געבן אַ פּסיכאָאַנאַ־ליז אָדער אַ סאָציאָלאָגיע פון דעם סאָציאַליסטישן דענקען בכלל, וועט מען פאָרט קומען צום אויספיר, אַז מ׳קאָן ממש נישט דערקלערן די סאָציאַליסטישע אידעען, ווי אַ צופּאַסונגס־אַקט, אָדער ווי אַ „רעאַקציע" פונם פּראָלעטאַריאַט צו זיין קלאַסן-לאַגע. דערקלערן מוז מען זיי גאָר אַלס אַ קריטישע „רעאַקציע" פון אַ געבילדעטן בורזשואַ אָדער אַריסטאָקראַט לגבי די פאַרהעלטענישן, וואָס הערשן בשעת מעשה אין זייער קולטור־סביבה. און דעמאָלט וועט מען געפינען, אַז דער מקור פונם שעפערישן סאָציאַליסטישן דענקען ליגט אין אַ צושטאַנד פון געפיל, אָדער, נאָך מער, ער ליגט אין אַ קנויל, אין אַ כּמעט אומענדלעכער פאַרשיידנאַרטיקייט פון געפיל-צושטאַנדן, וואָס שטאַמען אַלע פון קולטורעלע, עטישע און עסטעטישע אורקוועלן.

אמת, די סאָציאַלע כּחות, וואָס דער קאַמף פון די קלאַסן רופט אַרויס און טרייבט זיי צו סכסוכים, אָט די כּחות נוצן אויס די סאָציאַליסטישע געדאַנקען פאַר זיך. און וואָס טיפער ס׳שפּיגלען זיך אָפּ די געזעלשאַפטלעכע געשעענישן אינם קאָפּ

פון אַ סאָציאַליסטישן דענקער, וואָס אמתדיקער ס'איז זיין אינטואיציע פון דער ציאונג אין די מאַסן צו יושר און אמת, אַלץ גיכער און גרינטלעכער וועלן די מאַסן גופא באַנעמען די אידעען, וועלכע פאַרקערפּערן זייער בענקשאַפט צו יושר. דער געדאַנק פון דעם יחיד ווערט דעמאָלט דער סימבאָל פון דעם ווילן און געפיל פון די מיליאָנען. אָבער דער מקור פון די ביידע עלעמענטן פון אָט-אָ דער קאָמבינאַציע „ווילן און אידעע" איז פונקט אַזוי פאַרשיידן, ווי ס'איז פאַרשיידן דער מקור פון מעל און הייזן, פון וועלכע ס'ווערט אויסגעבאַקט דער לאַבן ברויט. דעם יורונגס-פּראָצעס פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער-באַוועגונג קאָן פאַרשטיין נאָר יענער, וועמ ס'זעט קלאָר, אַז די אַרבעטער-מאַסן זענען קודם כל געווען דער טייג, בעת די אידעען פון די נישט-פּראָלעטאַרישע געבילדעטע מענטשן זענען געווען די הייזן.

די סאָציאַליסטישע געזינונג איז קודם כל אַ געפילס-קאָמפּלעקס 1) סיי ביי דעם איינצלנעם דענקער, וועלכער שאַפט די אידעען, סיי ביי דער מאַסע, וואָס נעמט זיי אָן, ווי אַ סימבאָל פון איר ווילן. אָט-אָ דער געפילס-קאָמפּלעקס איז אָבער נישט איינער און דערזעלביקער אין אָט די צוויי פאַלן. ביים איינצלנעם דענקער איז ער אַ שעפערישער-אַקטיווער דראַנג, ביי דער מאַסע איז ער אַן אויפנעמענדיק-פּאַסיווע רעאַקציע. ס'פאַרשטייט זיך, אַז איך בין ווייט פון דער דעה איינצוטיילן דערביי די מענטשהייט אויף שטענדיק אין צוויי קלאַסן — אין גייסטיקע פירער און גייסטיק-געפירטע. אַזאַ מין איינטיילונג האַלט זיך נישט בלויז דורכפירן נישט לויט די כאַראַקטער-פעאיקייטן פון די מענטשן, און נישט לויט זייער צוגעבונדנקייט צו דעם אָדער יענעם פון די צוויי קלאַסן. (אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, למשל, אַן איינטיילונג אויף אַר-

---

1) געפילס-קאָמפּלעקס — אַ בינטל פּסיכישע עלעמענטן, וועלכע האָבן אַ געמיינזאַמען וואָרצל אין איין געפיל אָדער אינסטינקט, און טראָגן דעריבער אַריין אין באַוואוסטזיין איינאייגעם; באַזונדערס שאַרף ווירקט אַזאַ בינטל געפילן דורך דעם אונטערבאַוואוסטזיין, פון וואַנען עס האָט אַן איינפלוס אויפן גאַנצן נשמה-לעבן פון אַ מענטש.

בעטער און אינטעליגענץ). ביי אַלע מענטשן זענען דאָ אינסטינקטיווע נטיות סיי צו זיין פירערס, סיי געפירט צו ווערן, וואָס מען קאָן אָנרופן אַ מענלעך-אַקטיווע נטיה פון איין זייט, און אַ ווייבלעך-פּאַסיווע נטיה פון דער אַנדערער. נו, ס'פאַרשטייט זיך, אַז לויט דעם טעמפּעראַמענט קאָן דער אָדער יענער פון דיביידע עלעמענטן אַריבערוועגן אין דעם אָדער יענעם יחיד. פונדעסטוועגן איז לחלוטין נישט דערלאָזבאַר צו בויען אויף אַזאַ שיטה אַן איינטיילונג פון דער געזעלשאַפט אין צוויי טיילן. וויל מען שוין יאָ דורכפירן אַזאַ מין איינטיילונג, דאַן מוז מען נעמען אין באַטראַכט דעם שטייגער, וויאַזוי ס'פאַרהאַלטן זיך די מענטשן אויף באַשטימטע לעבנס-געביטן. ס'איז אַ פאַקט, אַז אפילו צווישן די מענטשן, וואָס ווייזן אַרויס אויף אַ באַשטימטן געביט אַ טעמפּעראַמענט פון פירערס, געפינען זיך דאָך אַ היפּשע צאָל יחידים, וואָס וועלן אויף אַן אַנדער געביט פאָרט זיין געפירטע. אַ סך געבוירענע מיליטער-פירער ווערן אין דער פּאָליטיק אַ ווערקצייג פון אַוואַנטוריסטן; אַ סך גרויסע פּאָליטיקער זענען זיך אין דער היים פאַנטאָפלהעלדן; אַ סך געלערנטע, וואָס אין זייער פאַך-געביט דענקען זיי אָריגינעל, לויפן גערן נאָך, אויף אַ אַנדער געביט, הינטער דעם המון. יעדער איינער פון אונז, וואָס פאַר אַ זעלבשטענדיקער דענקער ער זאָל נישט זיין, איז ער לכל הפחות אין איין-איינציקער הינזיכט פאָרט אַ מאַסע-מענטש. נו, וויל מען שוין, על כן, דאָך מאַכן אַן איינטיילונג אין אַן אינסטינקטיווע מאַסע, פון איין זייט, און דענקענדיקע פירער, פון דער צווייטער זייט, אָט קאָן מען זיך קיינמאָל נישט שטיצן דערביי אויף אַלגעמיינע סוביעקטיווע נטיות, וועלכע זענען, אגב, נאָך אַזוי מטושטש, אַז ס'איז שווער פעסטצושטעלן זייער כאַראַקטער. נאָר מען מוז תמיד האָבן אין זינען דעם קאָנקרעטן שטייגער פון האַלטן זיך, ווי דאָס אַנטפּלעקט זיך אויף יעדן באַשטימטן געביט, ווו אַ מענטש טרעט אַרויס.

פונקט אַזוי ווייניק לאָזט זיך די סאָציאַליסטישע אַרבעטער-באַוועגונג איינטיילן אין אַ „אינסטינקטיווע" פּראָלעטאַרישע מאַסע, פון איין זייט, און אַ „דענקענדיקע" שיכט פון אינטעליגענץ, פון דער צווייטער זייט. דער „איינצלנער דענקער"

קאָן, פאַרשטייט זיך, שטאַמען פון דער אַרבעטערשאַפט אַזוי גוט, ווי דער אינטעליגענט קאָן געהערן צו דער מאַטע, וועלכע הערט „געפירט". נו, ווען מיר וועלן ווייטער רעדן כסדר וועגן דער אינסטינקטיווער געפילס-לאַגע פון דער אַ ר ב ע ט ע ר-ש אַ פ ט, איז עס פשוט צוליב דעם טעם, אַז פאַר דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג איז די אַרבעטערשאַפט דער ממשות-דיקער מאַסן-עלעמענט, וואָס דער מאַרקסיזם האָט אָנגענומען זיין אינטערעסן-קאַמף פאַר דעם מקור פון דער סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע.

II

דאָס סאָציאַלע מינדערווערטיקייטס-געפיל ביי דער אַרבעטערשאַפט.

„דעם סאָציאַליזם הויבט נישט אָן צו פאַרשטיין דער... וועלכער האַלט נישט, אַז דער אורשפּרונג פון סאָציאַליזם איז פון פאַר הונדערטער און טויזנטער יאָרן, ווי דער, וועמען עס נעמט נישט אָן דעם סאָציאַליזם. ווי אַ ווייטערדיקן גאַנג פון אַ לאַנגער און שווערער געשיכטע וויים פון אים קיין האָר נישט..."

גוסטאַוו לאַנדויער

דער געפיל-צושטאַנד, וואָס מאַכט גרייט די אַרבעטערשאַפט צו גלויבן אין סאָציאַליזם, איז — ווי בכלל וועלכער גישט איז שטייגער פון דער מאַסן-אויפפירונג — דער פּועל יוצא פון צוויי פאַקטאָרן, דהיינו: ראשית, די סביבה, ד. ה. דער סכום פון די אויסערלעכע אימפּולסן, וואָס ווירקן, אַלס די סאָציאַלע דערפאַרונג, אויף די מענטשן; און שנית, די גייסטיקע און מאָראַלישע גרונט-אייגנשאַפטן, מיט איין וואָרט, די אינערלעכע פּ אַ ר אַ נ ל אַ ג ו נ ג פון די מענטשן גופא, וועלכע רעאַגירן אויף אָט די אימפּולסן. דורך דער פּאַראַנלאַגונג ווערט באַשטימט דער אופן, ווי אַזוי די מענטשן רעאַגירן אויף דער אַרומיקער געזעלשאַפטלעכער וועלט. די דאָזיקע פּאַראַנלאַגונג איז נישט דער אויטאָמאַטישער פּראָדוקט פון יעדער סאָרט סביבה לויט אירע באַזונדערע אייגנשאַפטן, ווי ס'שטייט

אין דעם אני מאמין פון מאַרקסיזם; זי, די מענטשלעכע פאַראַנלאַגונג צו רעאַגירן אין דער אָדער יענער פאָרם אויף דער סביבה, איז אויך נישט אַ מין שטענדיקע, אומפאַרענדערלעכע מענטשלעכע נאַטור, וועלכע בלייבט דיזעלביקע אין אַלע צייטן, ווי דאָס נעמט אָן די נאַטורפילאָזאָפיע. דער קאַפּיטאַליזם, למשל, שאַפט נישט קיין „קאַפּיטאַליסטישע" מענטשן אין דעם זין, אַז ער זאָל אַרויסרופן ביי זיי די פאַראַנלאַגונג, וועלכע איז נויטיק זיך צוצופאַסן צו דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם. משטיינס געזאָגט, וואָלט עס זיין אַזוי, טאָ ווי קאָן גאָר בכלל געמאָלט זיין וועלכער נישט איז סאָציאַליזם? פאַרקערט, דער קאַפּיטאַליזם געפינט שוין פאַר זיך די מענטשן, וואָס זייערע גייסטיקע און מאָראַלישע אייגנשאַפטן פליסן אַרויס פאַרטיקערהייט פון זייער נאַטירלעכן מהות און פון דער השפּעה פון די פריערדיקע געזעלשאַפטלעכע פאָרמען, אַ השפּעה, וואָס גייט איבער בירושה פון דור צו דור.

דער מענטש, וואָס רעאַגירט, אַלס אַרבעטער, אויף דער היינטיקער אינדוסטריעל-קאַפּיטאַליסטישער סביבה, איז אַ פּראָדוקט פון אַ לאַנגער פאַרקאַפּיטאַליסטישער פאַרגאַנגענהייט. די מאָטיוון, וואָס מאַכן פון אים אַ סאָציאַליסט, ווערן נישט געשאַפן אין דער קעגנוואַרט גופא; זייער שורש ליגט טאַקע אין אַ דערדאָזיקער פאַרגאַנגענהייט. די סאָציאַלע לעבנס-געוווינהייטן פון דער פאַרגאַנגענהייט האָבן איינגעגראָבן טיפע שפּורן אין זיין אינסטינקטן-לעבן און אין זיין אַפעקטן-לעבן, וועלכע באַשטימען דעם שטייגער פון זיין רעאַקציע אויף די לעבנס-פאַרהעלטענישן אין דער איצטיקער קעגנוואַרט.

נו, פרעגט זיך: קאָן שוין די קעגנוואַרט, די היינטיקע געזעלשאַפטלעכע סטרוקטור און סיטואַציע, לחלוטין גאָרנישט באַשטימען די גייסטיקע רעגונגען, דעם רעאַקציע-אופן פונם אַרבעטער? — ניין, זי קאָן און טוט באַאיינפלוסן די פּסיכיק פון די מענטשן, די שפּורן, וואָס דער עבר האָט איינגעגראָבן אין די נשמות. טאָן טוט עס אָבער די קעגנוואַרט נאָר אויף אַזויפיל, אויף וויפל זי אַליין איז בכח צו שאַפן אין די מענטשן נישט נאָר נייע אַבסטראַקטע אידעען, נאָר אויך

נייע מעכטע געוווינהייטן פון אַפעקטן-לעבן, נייע געפילס-אינ-האַלטן און שטענדיקע ווילנס-אַקטן.

די סאָציאַליסטישע אַרבעטער-באַוועגונג איז נישט דער פּראָדוקט און פּועל יוצא פון קאַפּיטאַליזם, זי איז דער פּועל יוצא פון דער השפּעה, וואָס דער קאַפּיטאַליזם האָט געהאַט אויף די פּאַרקאַפּיטאַליסטישע מאָראַלישע און יורידישע געפילן ביי די מענטשן פון דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע. די-דאָזיקע געפילן האָבן זייער יסוד דער עיקר אינם פעאָדאַליזם, אין דער האַנטווערק-עפּאָכע, אין דער עמיק פון קריסטנטום און אין דעם יורידישן סיסטעם פון דער דעמאָקראַטיע.

דערדאָזיקער צוזאַמענהאַנג ווערט נאָך דייטלעכער, ווען מען קוקט זיך אַרום אויף דער פאָרגעשיכטע און אויף דער התחלה-צייט פון דער אַרבעטער-באַוועגונג. דאָ זעט מען אַמ-בולטסטן די וואָרצלען פון אַ געזינונג, וואָס איר אורשפּרונג איז פון דעמאָלט אָן פאַרטונקלט געוואָרן דורך אַלערליי דאָג-מאַטישע שיטות מכח די „אידעאָלאָגישע בנינים", וואָס האַלטן זיך אויף דעם „פונדאַמענט" פון ריין-עקאָנאָמישע אומשטאַנדן. קודם כל ווערט דאָ קלאָר, אַז די ערשטע קאַמפן פון דער אַרבעטערשאַפט האָבן געטראָגן אַ פאַרטיידיקונגס-כאַראַקטער. פאַרגעסט נישט, אַז בעת ס'האָט זיך איינגעוואָרצלט דאָס פאַבריק-סיסטעם און די היים-אינדוסטריע, איז ביי די אַרבעטער גע-בוירן געוואָרן דאָס געפיל, אַז זיין לאַגע איז ערגער געוואָרן. דער ענגלישער ראַדיקאַלער פּובליציסט קאָבעט, איינער פון די ערשטע אַרבעטער-פירער פון יענער צייט, פון וועמען ס'זענען איבערגעבליבן ליטעראַרישע ווערק, האָט אין יאָר 1807 אין זיין „Political Register" פאָרמולירט זיין לעבנסציל אין די פאָלגנדיקע ווערטער: „איך וויל דערלעבן, אַז די אָרעמע מענטשן פון ענגלאַנד זאָלן ווידעראַמאָל ווערן דאָס, וואָס זיי זענען געווען אין מיינע יונגע יאָרן". די פאַרערגערונג פון דער לאַגע פון די אַרבעטער האָט ביי גאָר אַ סך פון זיי לחלוטין נישט באַטייט, אַז זייער פאַרדינסט איז פאַרקלענערט געוואָרן. נישט די פריערדיקע זעלבשטענדיקע בעלי מלאכות און פויערים פלעגן צוזאַמערסטן ווערן לוין-שקלאַפן; לוין-אַר-בעטער זענען געוואָרן מענטשן, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין

פארמעגן, און א טייל פון זיי האָט געשטאמט פון דורות-לאנגע צדקה-נעמער און נע-ונדניקעס. דער אויפקום פונם פראָלעטאריאט ווערט קלאָר ערשט אינם ליכט פון די מלוכה-געועצן מכח די אָרעמעלייט און נע-ונדניקעס אין דער אָנפאנגס-צייט פון דעם אינדוסטריעלן קאפיטאליזם; אין ענגלאנד האָבן דעמאָלט די ארבעטס-הייזער פאר די אָרעמעלייט צוגעשטעלט ארבעטער פאר יענע פאבריקאנטן, וועלכע האָבן געצאָלט די העכסטע שכירות. אין פראנקרייך ווידער, זאָלן האָבן זיין אין דער צייט וואָס פאר 1789 א האלב מיליאָן נע-ונדניקעס, ד. ה. היימלאָזע בעטלער. די קינדער פון די פויערים, וועלכע זענען צוגלייך מיט די טאטעס געגאנגען אין די פאבריקן, האָבן דאָס געטאָן בדרך כלל, ווייל דאָרטן האָבן זיי מער פארדינט, ווי דייערע זיידעס אויף דעם אקער-באָדן. די פארקלענערונג פון דעם פערזענלעכן פארדינסט האָט זיך אָנגעהויבן דע. הויפט נאָר ביי די געוועזענע דאָרף בעלי מלאכות, וועלכע זענען פארוואנדלט געוואָרן אין היים-אינדוסטריעלע לוין-ארבעטער; און גראָד זיי האָבן ביי די ערשטע קלאסנקאמפן, למשל, אין ענגלאנד אין דער ערשטער העלפט פון דעם 19-טן יאָרהונדערט, אָם סאמע ווייניקסטן ארויסגעוויזן קאמף-ענערגיע. נאָר אָט זענען די נייע פאבריק-ארבעטער דאָך אריבערגעגאנגען צום פארטיידיקונגס-קאמף, אָבער געקומען איז דאָס נישט אזוי צוליב דעם פארלוסט אין פארדינסט, ווי צוליב דעם פארלוסט פון אומאָפהענגיקייט, פון דער פארקלענערונג אין דער הנאה, וואָס דער יגיעת כפימניק האָט פון זיין ארבעט, און מחמת ס'איז בכלל אומזיכער געוואָרן די עקזיסטענץ פון דעם האָרעפאשניק אין די נייע פאבריק-אונטערנעמונגען.

געקומען איז דאָס אלץ פון דעם קעגנזאץ צווישן דער גיך-וואקסנדיקער הוצאה, דאָס הייסט, די לעבנס-באדערפענישן ביים ארבעטער, און דעם נישט אזוי גיך וואקסנדיקן פארדינסט; א קעגנזאץ, וואָס האָט געהאלטן אין איין שטייגן און שארפער ווערן. דערצו איז נאָך צוגעקומען דאָס געפיל פון א קעגנזאץ צווישן די מאָראלישע און יורידישע יסודות פון דעם נייעם ארבעט-סיסטעם, פון איין זייט, און די טראדיציעס פון דעם אלטן סאָציאלן שטייגער לעבן און ארבעטן, פון דער אנדערער

זייט. דערדאָזיקער פּראָצעס ציט זיך נאָך עד היום און שאַפט נאָך היינט ביי דער אַרבעטערשאַפט אַ נשמה-צושטאַנד, וועלכער דריקט זיך אויס אין אַ געפיל פון אַ שטאַרק-אומגערעכטער עקספּלואַטאַציע, פון דער אונטערדריקטער זעלבשטענדיקייט, פון דער אוממאָראַלישער אומגלייכהייט פונם מזל ביי אָרעם און רייך, פון דער סאָלידאַריטעט צווישן אַלע האָרעפּאַשניקעס און פון דעם רעליגיעזן האָפענונגס-געפיל אויף אַ בעסערער צוקונפט.

דער רעסענטימענט, דאָס מיינט די פאַרדרוס-שטימונג לגבי דער בורזשואַזיע, וואָס איז אַנטהאַלטן אין דעמדאָזיקן נשמה-צושטאַנד, באַזירט זיך נישט אַזויפיל אויף דעם, וואָס די בורזשואַזיע איז רייך, ווי אויף דעם, וואָס זי איז מ ע כ ט י ק. די סאָציאַלע מאַכט-פּאָזיציע פון דער בורזשואַזיע, וואָס האָט אין נאָמען פון איר פּריוואַט-אינטערעס מקריב געווען דעם פריערדיקן פּרינציפּ, אַז די רייכע זאָלן טראָגן די אחריות פאַרן חויל פון דער גאַנצער פאָלקס-געמיינשאַפט, ווערט געפילט און באַטראַכט ווי אַן עולה, ווי אַ שאַרפע אומגערעכטיקייט. דאָ קאָכט זיך אויף, קאָן מען זאָגן, נישט אַזוי דער אינסטינקט פון שטרעבן צו געלט און פּרנסה, ווי דאָס יושר-געפיל, דער מאָראַל-אינסטינקט פון מענטש.

וואָס אמת איז, פון שטענדיק אָן זענען די מענטשן נישט געניטגט געווען ליב צו האָבן און צו שעצן דעם אויטאָריטעט פון די גבירים. דער קריסטלעכער אידעאַל פון גלייכהייט און די פעאָדאַלע פאַראַכטונג צום ענין געלט-עסקים האָבן מיטגעהאָלפן צו שאַפן אַ נעגאַטיווע באַציאונג צו רייכקייט, וואָס געפינט איר אויסדרוק אין דער אייראָפּעאישער פאָלקס-ליטעראַטור פון מיטל-עלטער אָן און ווייטער. דער קאַפּיטאַליסטישער אינדוסטריאַליזם האָט אָבער געשאַפן נישט נאָר נייע גבירים, נאָר ער האָט אויך פאַרריינגעלייגט אין זייער רייכקייט אַ נייע סאָציאַלע באַדייטונג. דער אינדוסטריע-קאַפּיטאַליסט איז נישט נאָר אַ גביר מיט אַ גאַנץ שיינער פּריוואַטער הוצאה, נאָר וואָס עס איז נאָך וויכטיקער: דער באַזיץ פון די פּראָדוציר-מיטלען שאַפט פאַר אים די מעגלעכקייט צו באַלעבאַטעווען ביד חזקה איבער דער עקזיסטענץ פון זיינע אַרבעטער. אַנשטאָט

דער פריערדיקער פילאַנטראָפּישער אחריות פון די רייכע פאַרן װוילזיין פון די פאָלקס-חברים, איז אַרויסגעקומען אַ סיסטעם, וואָס האָט צוליב די אינטערעסן פון קאַפּיטאַליזם געהאַלטן פאַר נוצלעך, עס זאָל געשאַפן ווערן אַ באַזיצלאָזע פּראָלעטאַרישע מאַסע און אַ רעזערוו-אַרמיי פון אַרבעטסלאָזע. דידאָזיקע לאַגע איז ממש אַ פונדאַמענטאַלער קעגנזאַץ צו די מאָראַלישע יסודות פון דעם פריערישן און בעל-מלאכהשן פּראָדוציר-סיסטעם, אין וועלכן דער גרונט-עיקר איז, אַז יעטוועדער, וואָס וויל לעבן פון יגיעת כפּים, זאָל האָבן די נויטיקע אַרבעטס-מיטלען און די מעגלעכקייט זיך ערלעך מפרנס צו זיין. הונדערטער יאָרן כסדר זענען אַלע געזעצן, צעך-תקנות, קירכלעכע דינים און פאָלקסטימלעכע מאָראַלישע מנהגים געווען צוגעשניטן אויף אַ שטייגער, צו פאַרזיכערן די עקזיסטענץ פון די ערלעכע האָרעפּאַשניקעס. דערצו מוז מען מוסיף זיין, אַז אין דער ערשטער צייט פון אינדוסטריאַליזם איז די פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטסלאָזיקייט באַטראַכט געווען אַלס אַ פאַרברעך פון שלעפּערס, אַרומצוגיין פוסט און פּאַסט, און זי פלעגט אויף אַ גרויזאַמען אופן באַשטראָפט ווערן דורך די מלוכה-געזעצן. אין די אינדוסטריע-דערפער זענען די אונטערנעמער בדרך כלל געווען אויך די אייגנטימער פון די אַרבעטער-דירות און פון די קראָמען, און אין זייערע אַרבעטס-וואַרשטאַטן האָבן זיי געוועלטיקט מיט אַן אומבאַשרענקטער מאַכט. דאָס אַליין האָט געשטאַרקט דעם מאָראַלישן רעוואָלט קעגן דעמדאָזיקן סיסטעם.

תיכּף האָבן זיך אַנטפּלעקט אויך די יורידישע פּועל יוצאס פון דער פּאָליטישער מאַכט-פּאָזיציע, מיט וועלכער ס'האָט זיך באַוואָרנט דער נייער קאַפּיטאַליסטן-קלאַס אַ דאַנק דעם פּאַרלאַמענטאַרישן וואַל-סיסטעם, פון וועלכן ס'האָט זוכה געווען צו געניסן נאָר אַ באַגרענעצטער טייל פון פאָלק. דער קאַפּיטאַליסט האָט אויסגענוצט דידאָזיקע פּאָליטישע געוואַלט פאַר אַזאַ געזעצגעבונג, וואָס האָט אַראָפּגעוואָרפן פון וועג אַלע פריערדיקע מניעות צו אַ פרייער הערשאַפט איבער דעם אייגנטום. צו געוועלטיקן איבער דעם פאַרמעגן אָן יעדער איינזעניש פאַר די בלוטיקע אינטערעסן פון די מיטמענטשן, איז גע-

וואָרן אַן אָנגענומענע. אין אַלעמענס אויגן נישט קיין פאַררופענע, פירונג. דער פאַבריקאַנט איז געוואָרן אַ באַלעבאָס אויך איבער די קרוין-געריכטן, וואָס האָבן געשאַפן און באַנוצט דעם נייעם געזעץ-קאָדעקס. די אַרמיי און אַנדערע מאַכט-מיטלען פון דער מלוכה, וואָס האָבן פריער געדינט די דינאַסטישע אינטערעסן פון די מלכים, האָט ער פאַרוואַנדלט אין מאַכט-מיטלען פון זיין קלאַסן-הערשאַפט. די קירך, וואָס איז פריער געווען אַ שטיץ-פונקט פאַר די רעכט פון פאָלק, האָט ער פאַרוואַנדלט אין אַ היעראַרכיע פון געדונגענע שמן זיתדיקע משרתים, וואָס פלעגן אַריינדרשנען אין די מוחות פון די אָרעמעלייט דאָס געבאָט צו זיין אונטערטעניק דעם גביר. די פאַרשפרייטונג פון די פאָלקס-שולן און פון דער טעגלעכער פרעסע האָבן אַריינגעגעבן אין די הענט פון די פאַבריקאַנטן פרישע אומגעהייערע מאַכט-מיטלען. און ענדלעך האָט ער באַנוצט זיין סאָציאַלע אויבערמאַכט, כדי צו שינדן די הויט ביים אָרימאַן אַלס קאָנסומענט, ד. ה. אַ פאַרברויכער פון די טאָג-טעגלעכע געברויך-אַרטיקלען.

אַלע שטרייקן, אויפשטאַנדן און פּאָליטישע באַוועגונגען פון דער אייראָפּעאישער אַרבעטערשאַפט האָבן פון אָנהויב אָן, אַ דאַנק די נאָר וואָס באַשריבענע פאַקטן, באַקומען דעם כאַראַקטער פון אַן עטישן רעוואָלט קעגן אַן אומגערעכטער קלאַסן-הערשאַפט. אַ קאַמף, וואָס ווערט געפירט נאָר צוליב דעם מאַטעריעלן אינטערעס פון „מערווערט“, וואָלט נאָך נישט געווען קיין קלאַסן-קאַמף. מען קאָן זיך אויך פאָרשטעלן אַזאַ מין קאַפּיטאַליסטיש פּראָדוציר-סיסטעם, וואָס זאָל פולשטענדיק אַנטשפּרעכן די געזעצן פון קאַרל מאַרקסעס מערווערט-טעאָריע, און זאָל דערביי לחלוטין נישט פירן צום קלאַסן-קאַמף. דער קאַמף פאַר די אַרבעטער-אינטערעסן ווערט אַ קלאַסנקאַמף און גייט אַריבער, פליסט אַריין, אין אַ פאָדערונג פון אַ נייעם יורידישן סדר אין גייסט פון סאָציאַליזם, ערשט דעמאָלט, ווען ס'זענען פאַראַן באַשטימטע היסטאָרישע באַדינגונגען, וועלכע באַזירן זיך נישט אויף דעם מהות פון דער ווירטשאַפטס-פאָרם גופא, נאָר אויף די אומשטענדן, ווי אַזוי און פון וואַנען אָט די ווירטשאַפטס-פאָרם קומט אַרויס.

דאָס קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוציר-סיסטעם וואָלט אפשר אויך
געקאָנט פירן צו אַ וואָסער ניִשט איז שטייגער פון סאָציאַלן
גלייכגעוויכט, אויב ס׳וואָלטן ניִשט עקזיסטירט אַזעלכע פּאָלי-
טישע און יורידישע באַדינגונגען, וואָס האָבן פון דער פּרי-
ווילעגיע פון אַ צוגעהעריקייט צו די פאַרמעגלעכע קלאַסן
געמאַכט אַ דויערנדיקן צושטאַנד. און אויב די סאָציאַלע מאַכט-
פאַרהעלטענישן וואָלטן לכתחילה ניִשט געגעבן דער בורזשוי-
אַזיע גלייך פון אָנהויב אָן אַ אומגעהייערע איבערהערשאַפט.
לאָמיר אויף אַ רגע אָננעמען אפילו, אַז די יורידישע אָרדענונג
און דער סאָציאַלער לעבנסשטייגער וואָלטן שוין יאָ מעגלעך
געמאַכט פאַר יעדן פּצאַיקן מענטש אַ פרייען וועג אַרויפצו-
שטייגן פון פּראָלעטאַרישן קלאַס אין די העכערע סאָציאַלע
שיכטן אַריין, און אַז די איבעריקע אַרבעטער וואָלטן געהאַט
די מעגלעכקייט צו דעראָבערן פאַר זיך ממש אַזאַ הויכן אַר-
בעטס-לוין, אַז דער חלק פונם קאַפּיטאַליסט זאָל בלייבן ניִשט
מער, ווי זיינע שכירות אַלס פאַבריק-פירער, — נו, איז דאָך
קלאָר, אַז ס׳וואָלטן אין אָט די אומשטאַנדן טאַקע געקאָנט
געמאָלט זיין נאָר עקאָנאָמישע אינטערעסן-קאַמפן, אָבער אַ פשיטא
ניִשט קיין ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש ע ר קלאַסן-קאַמף! אַ ראיה
זעען מיר דאָך פון אַמעריקע פון פאַריקן יאָרהונדערט,
ווו דער קאַפּיטאַליזם האָט זיך אַנטוויקלט אויף אַ פּאָליטישן
און יורידישן יסוד פון גלייכע מעגלעכקייטן פאַר אַלעמען,
און דאָס האָט געשאַפן פאַר דעם אינטערעסן-קאַמף פון די
אַרבעטער די זעלביקע יורידישע גרונט-באַדינגונגען, ווי פאַר
די קאַפּיטאַליסטן. דערפאַר טאַקע איז פון אָט דעם אינטערעסן-
קאַמף אודאי ניִשט געוואָרן קיין קלאַסן-קאַמף.
אמת, דידאָזיקע פאַרהעלטעניש צווישן דעם סאָציאַליס-
טישן געפילס צושטאַנד פון דער אַרבעטערשאַפט, פון איין זייט,
און דעם סאָציאָלאָגישן פאַקט, אַז זי ווערט שטענדיק באַעולט,
פון דער צווייטער זייט, זעט מען הפנים אמקלאָרסטן אין דער
אָנפאַנגס-צייט פונם אינדוסטריאַליזם. אָבער אַפילו אויך היינט
איז דער ענין אין תוך ניִשט אַנדערש. אַזאַ גרויס-קאַפּיטאַליסט,
ווי, למשל, שטינעס, איז ניִשט בלויז אין דייטשלאַנד, נאָר אין
דער גאַנצער וועלט געוואָרן אַ סימבאָלישער אָביעקט פון אַ

פראָלעטאַרישן קלאַסן-רעסענטימענט. געשען איז דאָס נישט חלילה צוליב זיין אויסבערענגערישן בעל גאווהדיקן לעבן — דערצו האָט אים בכלל אויסגעפעלט צייט און אויך די נאַטירלעכע נטיה — נאָר טאַקע צוליב דעם פאַקט, אַז זיין רייכטום האָט אים געגעבן אַ ריזיקע סאָציאַלע איבערמאַכט, און די וועלט האָט געהאַלטן אַזאַ זאַך פאַר אומ־מאָראַליש, וואָס אַ קאָלאָסאַלע איבערמאַכט איז געלעגן אין די הענט פון אַן איינצלנעם מענטשן. ער האָט מיט זיך סימבאָליזירט דעם קאַפּיטאַליסטישן אונטערנעמער אַלס אַ מאַכט-מענטש, וואָס באַלעבאַטעוועט פריי איבער מיליאָנען מענטשלעכע לעבנס, אָבער טראָגט נישט קיין שום אַנטשפּרעכנדיקע עטישע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, ווי זי איז אַמאָל אויסגעדריקט געוואָרן אין דער מאַכט פון דעם פעאָדאַל איבער די לייב-אייגענע פון זיין לאַנדגוט, אָדער אין דער מאַכט פון דעם האַנטווערק-מייסטער איבער זיינע געזעלן. איר מוזט דאָך וויסן, אַז דער הייַנטיקער גרויסקאַפּיטאַליזם פאַרמאָגט אין אַ סך פּראָדוציר-צווייגן אַזאַ מאָנאָפּאָל-מאַכט, אַז ער האָט די קראַפט צו זיין כמעט דער איינציקער בעל דעה איבער די פרייזן. דער קאָנסומענטן-שטאַנדפּונקט, וואָס שטאַמט פון אַזאַ לאַגע, רופט אַגב אַרויס ביי געוויסע אומשטאַנדן אַ נאָך שטאַרקערע אַנטיקאַפּיטאַליסטישע שטימונג (וואָס נעמט אַרום אויך די נישט-פּראָלעטאַרישע קרייזן), ווי דער פּראָדוצירער-אינטערעס פון דער אינדוסטריעלער אַרבעטערשאַפט גופא. אין אַמעריקע, למשל, זענען די אַנטיקאַפּיטאַליסטישע געדאַנקען-שטרעמונגען אָנגעזאַפּט דווקא מיט אַזעלכע קאָנסומענטן-שטימונגען, באַזונדערס וואָס ס'איז שייך דעם מיטלשטאַנד און די פאַרמערס, פּונקט אַזוי שטאַרק ווי זיי זענען ביי די אַרבעטער אָנגעזאַפּט מיט זייערע אינטערעסן אַלס פּראָדוצירער. דער הייַנטיקער קאַפּיטאַליסטישער מאַכט-מענטש, אַפילו ווען ער אַליין איז נישט קיין פּאָליטיקער, איז אָבער אַ געלט-געבער פאַר פּאָליטישע פּאַרטייען און צייטונגען, און מיט דער הילף פון זיינע קלאַסן-אָרגאַניזאַציעס פירט ער פאַרן נאָז די מלוכה-מענער, די פאַרוואַלטונגס-באַאַמטע און ריכטער. ער האָט אויפגעבויט אַ מלוכה אין דער מלוכה, און מיט איר הילף קאָן ער שליסן במקום פון דער

אָפּיציעלער מלוכה גופא. אַזוי צו זאָגן, אייגענע שלום-אָפּמאַכן-אָט דידאָזיקע מלוכה זיינע איז צוליב איר אויטאָקראַטישער פּאַראַנטוואָרטונגסלאָזיקייט ממש אַ קעגנזאַץ צו דעם דעמאָקראַטישן, צום קריסטלעכן און צום פּעדאַלן יושר-געפיל. דער פּראָטעסט קעגן איר ווערט אויפגעהויבן אין נאָמען פון דעמדאָזיקן יושר-געפיל, און נישט דערפאַר ווייל דער קאַפּיטאַליסט נעמט זיך צופיל מערוועוערט, נאָר טאַקע דערפאַר, ווייל ער נוצט אויס דעמדאָזיקן פאַרמעגן, כדי צו באַוואָרענען זיך אויף ווייטער, אויף שטענדיק, מיט אַן אוממאָראַלישער איבערמאַכט. געטריבן ווערט דער אַרבעטער צום קלאַסן-קאַמף נישט דורך דער פּשוטער ראַציאָנאַלער דערקענטעניש פון זיינע פּרנסה-אינטערעסן, נאָר דורך דעם פיל מער קאָמפּליצירטן פּסיכאָלאָגישן פאַקט פון זיין סאָציאַלער מינדערווערטיקייט, וואָס זיינע טיפע וואָרצלען זענען פאַרקניפּט און פאַרבונדן מיט דעם גאַנצן געפילס-לעבן פון די אַרבעטער.

III

עקספּלואַטאַציע, אונטערדריקונג און דער אומחשק צו אַרבעט.

דאָס גאַנצע לוין-אַרבעט-סיסטעם איז שרעקלעך נישט נאָר צוליב דער סאָציאַלער אומגערעכטיקייט, וועלכע זי פאַראורזאַכט און פאַראייביקט, נאָר אויך, ווייל זי רייסט אָפּ דעם מענטש, וועלכער טוט די אַרבעט, פון דעם צוועק, פאַר וועלכן זי ווערט געטאָן.

בערטראַנד ראַסעל.

אַפילו דער גרעסטער קעגנזאַץ צווישן אָרעמע און רייכע איז אַליין נאָך נישט גענוג, כדי אַרויסצורופן ביי די אָרעמע דאָס געפיל, אַז זיי ווערן עקספּלואַטירט. ס'זענען, למשל, אויך היינט דאָ אין דער וועלט לענדער מיט אַזעלכע קולטור-אומשטאַנדן, ווו אַ געזעלשאַפטלעכע מאָראַל, וואָס איז דערהויבן געוואָרן צו אַ רעליגיעזן געבאָט, באַשרענקט די פּרנסה-מעגלעכקייטן לויט דעם שטאַנד, אין וועלכן דער אָדער יענער מענטש איז געבאָרן געוואָרן. ביי די אָרעמע מענטשן, וואָס זענען אין דערדאָזיקער מאָראַל דערצויגן געוואָרן, אַנטשטייט קיינמאָל נישט אַפילו קיין קנאה-געפיל.

אויך אין דעם עבר פון אונזער אייגענער קולטור זענען געווען ענלעכע אומשטאַנדן. דאָס פעאָדאַלע סיסטעם האָט בלי ספק געזען זייער שאַרפע, לויט יענער צייט, אונטערשיידן צווישן דעם לוקסוס פון די עשירים און דעם דלות פון די

פויערים. און דאָך איז נישטאָ קיין גרונט אָנצונעמען, אַז די פויערים זאָלן האָבן געפילט דאָסדאָזיקע סיסטעם, ווי אַ אומ־נערעכטע עקספּלואַטאַציע. די ערשטע סימנים פון אַ אומצו־פרידנקייט שטאַמען פון דער צייט, בעת דער פעאָדאַליזם האָט אָנגעפאַנגען אָפּצושטאַרבן אונטער דער השפּעה פון דעם אויפ־קומענדיקן קאַפּיטאַליזם און פון דער אויפגעוואַקסטער באַדער־פעניש אין געלט. און דעמאָלט האָבן זיך די פויערים אויפ־געהויבן נישט קעגן דעם פּרינציפּ גופא פון פעאָדאַל־פּריצישער ערשאַפט איבער דעם באָדן און די פויערים, נאָר קעגן זיין פאַרניכטונג דורך די פּריצים גופא.

דער מיטלאַלטערלעכער האַנטווערק־געזעל האָט געקאָנט גענוי באַרעכענען דעם מערווערט. וואָס זיין באַלעבאָס האָט זיך גענומען. ער האָט דאָס געקאָנט אויסרעכענען לויט דער דיפערענץ צווישן דעם לוין, וואָס ער האָט באַקומען פאַר אַ באַשטימטער אַרבעט, און דעם פּרייז, פאַר וועלכן דער מייסטער האָט דעם פּראָדוקט פון דערדאָזיקער אַרבעט פאַרקויפט. און דאָך וואָלט דעם געזעל נישט איינגעפאַלן צו האַלטן, אַז ער ווערט עקספּלואַטירט. דער גאַנצער סדר פון די צעכן מיט זייערע מנהגים און עטישע פּרינציפּן האָט שוין געזאָרגט דער־פאַר, אַז אויך די פּרנסה־מעגלעכקייטן פון דעם מייסטער זאָלן נישט איבערשטייגן דעם ווערט פון זיין אַרבעט פּראָדוקט, אַז די באַשיידענע עקזיסטענץ פון דעם געזעל זאָל זיין געזיכערט דורך דעם פאַקט אַליין, וואָס ער קאָן און וויל טאָן זיין מלאכה, און אַז ער גופא זאָל אַמאָל, מעשה בעל־הבית, קומען צו אַ גרעסערן פאַרדינסט. אויך אויף דעמדאָזיקן געביט איז די אומצופרידנקייט געקומען ערשט דעמאָלט, ווען דער אויפ־בליענדיקער קאַפּיטאַליזם האָט צעטרייסלט די יסודות פון די־דאָזיקע פאַרהעלטענישן פונם שטאָטישן האַנטווערק־סדר.

דאָס געפיל צו זיין עקספּלואַטירט האָט צוויי פּאָראויסזע־צונגען: ערשטנס, דאָס, אַז מען געפינט נישט דורך אַרבעט קיין מעגלעכקייט צו באַפרידיקן די באַדערפענישן, צו וועלכע מען פילט זיך באַרעכטיקט; און צווייטנס, דאָס, אַז די פרוכט פון דערדאָזיקער אַרבעט פאַלן אַריין צו אַנדערע און גיבן זיי די מעגלעכקייט זייערע הוצאה־באַדערפענישן יאָ צו באַפרידיקן.

אַ חיכטיקער באַדינג, פון וועלכן ט'קומט אַרויס דאָסדאָזיקע געפיל, איז דערביי נישט נאָר דער פאַקט פון אַ דויערנדיקער שפּאַנונג צווישן באַפרידיקונג און באַדערפעניש, דער אומשטאַנד, הייסט עס, אַז די נויטיקסטע באַדערפענישן פון מענטש בלייבן גישט אָנגעזעטיקט, נאָר אויך דאָס געפיל מכח אַ גלייכן רעכט פון אַלע מענטשן אויף געוויסע באַפרידיקונגען. דאָ האַנדלט עס זיך, בכן, וועגן עפּעס מער, ווי נאָר וועגן אַן עקאָנאָמישן סכסוך פון פּרנסה-אינטערעסן. מיר געפינען אים אַ שטייגער צווישן דעם קויפער און פאַרקויפער פון יעטוועדער סחורה. דעם מקור פון אָט דעם געפיל – עקספּלואַטירט צו זיין, מוז מען זוכן אין אַ יושר-געפיל פון אַ באַשטימטן מין.

דאָסדאָזיקע יושר-געפיל האָט זיינע וואָרצלען אין די אָנשויאונגען פון דער גאַנצער פאַרקאַפּיטאַליסטישער צייט. עס איז פאַרבונדן מיט אַזעלכע פּראָדוקציע-סיסטעמען, ווו דאָס רעכט אויף דעם גאַנצן פּראָדוקט פון דער אַרבעט איז געווען געזיכערט אויב נישט פאַר יעדן איינצלנעם פּראָדוצירער, טאָ פאַר דעם גאַנצן כּלל פון די אַרבעטנדיקע אין אַ באַשטימטער אונטערנעמונג (לאַנדגוט אָדער וואַרשטאַט). די אומגלייכהייט ביי דער פאַרטיילונג פון דעם פּראָדוקט פון דער אַרבעט צווישן די מיטגלידער פון אַזאַ אונטערנעמונגס-געמיינשאַפט, ווי, צום ביישפּיל, צו-גרויסע חלקים פון דעם פּריץ אָדער דעם מייסטער, איז בדרך כּלל אָנגענומען געוואָרן פאַר גוט, ווי אַ באַרעכטיקטע זאַך. האָבן דאָך טאַקע די מער פּריווילעגירטע יחידים געטראָגן אַנשפּרעכנדיק גרעסערע סאָציאַלע פאַרפליכטונגען, ווי, למשל, די פליכטן פון דעם פּריץ בנוגע צו דער פאַרוואַלטונג, שוץ, צדקה-זאַכן און געריכט, אָדער די פליכטן פון דעם באַלעבאָס אין דעם וואַרשטאַט, אויסצופירן מיט די אייגענע הענט אַלע קוואַליפיצירטע (פאַכאָווע) אַרבעטן, אָנצופירן פּערזענלעך מיט דער אונטערנעמונג, צו לערנען זיינע העלפער און לערן-ייִנגלעך, באַזאָרגן זיי מיט קעסט און קומען זיי צו הילף אין שווערע צייטן.

ווען אָט די אַלע זאַכן האָט ביים פאַבריקאַנט, אין דער עפּאָכע, ווען דער קאַפּיטאַליזם איז אַרויף אויף דער סצענע, גאָר קיין רייד נישט געקאָנט זיין. די ערשטע פאָדערונגען,

וואָס זענען געווען געשטעלט צו די באַלעבאַטים אין דער אָנ־
פאַנגסצייט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, האָבן טאקע בדרך
כלל געהאַט דעם צוועק אויסצופירן, אַז די באַלעבאַטים זאָלן
אין די קריזיס־צייטן דערפילן די טראַדיציאָנעלע פאַרזאָרגונגס־
פליכטן לגבי זייערע לוין־אַרבעטער און זאָלן זיכערן פאַר זיי
כאָטש דאָס רעכט אויף אַ שטיקל עקזיסטענץ. די נויט־דערפי־
לונג פון דידאָזיקע פאָדערונגען איז געווען דער וויכטיקסטער
איםפולס צו דער מאָראַלישער עמפערונג קעגן דעם קאַפּיטאַ־
ליזם. דידאָזיקע עמפערונג האָט געפונען איר אויסדרוק נישט
נאָר אין די שטרייקן און אויפשטאַנדן אין די דרייסיקער און
פערציקער יאָרן פון דעם פאָריקן יאָרהונדערט, נאָר אויך אין דער
סאָציאַל־ראָמאַנטישער ליטעראַטור און דיכטונג פון יענער צייט.
אמת, דער קאַפּיטאַליזם האָט, לכל הפחות אין יענע פּראָדוק־
ציע־צווייגן, ווו ס׳קאָנען באַנוצט ווערן מאַשינען, אַרויסגערופן
אַ אומגעהייערע פאַרגרעסערונג פון דער פּראָדוקטיוויטעט, און
זי האָט פאַרמערט נישט נאָר דעם טעאָרעטיש־מעגלעכן, נאָר
אויך דעם ממשותדיקן חלק פון דעם רוב האָרעפּאַשניקעס אין דעם
סכום פון רייכטום, וואָס די אינדוסטריעלע פּראָדוקציע האָט
געשאַפן. מ׳וואָלט געקאָנט מיט רעכט זאָגן, אַז דער היינטיקער
דורכשניטלעכער אַרבעטער האָט אַזעלכע באַקוועמלעכקייטן, פון
וועלכע דער מלך לודוויג דער פערצנטער האָט אפילו נישט
געקאָנט חלומען, און דער בעסטער באַווייז קעגן דער „אַבסאָ־
לוטער פאַראָרעמונגס־טעאָריע” איז דאָך די פראַגע מכח דעם,
וויפל צווישן די היינטיקע אַרבעטער וואָלטן געקאָנט אויסהאַלטן
לענגער, ווי איין וואָך, אַזאַ לעבן־שטייגער, אין וועלכן ס׳האָבן
געלעבט זייערע זיידעס נאָך מיט אַ הונדערט יאָר צוריק.

אויב אָבער, נישט קוקנדיק דערויף, איז דער היינטיקער
אַרבעטער פאָרט מער אומצופרידן, ווי דער אַרבעטער פון דע־
מאָלט, שטאַמט עס דערפון, וואָס זיינע באַדערפעניש זענען
בינו לבינו מער געשטיגן, ווי זיין חלק אין דער אויסגעוואַק־
סענער פּראָדוקציע. דעמדאָזיקן פאַקט האָט מען אין ריין־
עקאָנאָמישע באַגריפן אויסגעדריקט אָט ווי: דער אינדוסטריאַליזם,
וואָס אַרבעט נישט צוליב דעם פאַרברויך, נאָר צוליב פּראָפיט,
האָט געטריבן צו שאַפן נייע אָפּזאַץ־מעגלעכקייטן און צוליב

דעם אויך גייט באַדערפֿעניש. אָבער, כּדי דידאָזיקע נייע אָפּזאַץ-מעגלעכקייטן זאָלן זיך נישט באַגרענעצן נאָר מיט דעם לוקסוס-באַדאַרף פֿון די רייכע, אָדער מיט דעם עקספּאָרט אין די נישט-קאַפּיטאַליסטישע לענדער, מוזן קודם כּל אויסגעפֿירט ווערן אַזעלכע פּסיכאָלאָגישע באַדינגונגען, וואָס שטאַמען נישט פֿון דער עקאָנאָמישער פֿאָרם, אָבער וועלכע קומען טאַקע אַרויס פֿון די סאָציאַליסטישע רעזולטאַטן און פּועל יוצאס פֿון דער גאַנצער אַנטוויקלונגס-געשיכטע פֿון קאַפּיטאַליזם. ראשית כּל וואַרפֿט זיך אין די אויגן, אַז דער אינדוסטריעלער קאַפּיטאַליזם האָט געמאַכט פֿון דער אומבאַשרענקטער תּאווה צו פֿאַרדינען געלט אַ הויפּט-מאָטיוו פֿון דער פּראָדוקציע. פֿריער האָט דער דאָזיקער אינסטינקט געהערשט נאָר ביי אַ לערך קליינער צאָל סוחרים, דער עיקר אין האַנדל מיט די לענדער מעבר לים; דער געלט-האַנדל איז טאַקע צוליב דעמדאָזיקן אין אים פֿאַרקערפּערטן געלט-מאָטיוו, פֿון מיטלאַלטער אָן, געשטאַנען טאַקע אין אַזאַ שטאַרקן קעגנזאַץ צו די הערשנדיקע עטישע באַגריפֿן, אַז די קירכלעכע וווכער-פֿאַרבאָטן האָבן אים אַ לאַנגע צייט געמאַכט צו אַ געשעפֿט נאָר פֿון די יידישע אָדער לאָמבאַרדישע רעכטלאָזע געלט-מענטשן. יעדער איינער פֿון זיי איז געווען אַ נבֿזה-מענטש אין די אויגן פֿון גאַנצן פֿאָלק.

בינו לבינו איז, ווי מאַרקס האָט געזאָגט, די יידישע פֿראַגע אַזוי געלעזט געוואָרן, אַז די קריסטן זענען געוואָרן יידן, דער פּעאָדאַלער מאָטיוו פֿון געטרייקייט, וואָס האָט פֿאַרבונדן דעם מענטש מיטן באָדן און מיט דער אַרבעטס-געמיינשאַפֿט, איז פֿאַרדרענגט געוואָרן דורך דעם קאַפּיטאַליסטישן מאָטיוו פֿון עקאָנאָמישן אינטערעס. אגבֿ, האָט דער בעל-מלאכה נאָך געשעצט זיין אַרבעט אויך דעריבער, ווייל די מלאכה איז געווען פֿאַר אים אַ קריסטלעכע מצווה און אַ מענטשלעכע פֿרייד, כאָטש ער האָט דערמיט, פּונקט אַזוי ווי זיינע צעך-ברידער, געקאָנט דערגרייכן פֿאַר זיך נישט מער, ווי אַ געזיכערטע עקזיסטענץ, און פֿאַר זיינע קינדער, ווען זיי וועלן אויסוואַקסן, די מעגלעכקייט זיך מפֿרנס צו זיין אויף דעמזעלביקן שטייגער. אָבער אין דעם נייעם פּראָדוציר-סיסטעם איז די באַשיידנקייט אין דער הוצאה און אַלע מאָראַלישע פֿאַרפּליכטונגען לגבי דעם

באַדן מיט זיינע איינוווינער און לגבי דער אַרבעט, געווען
גאָר אַ מניעה פאַרן חייטערדיקן אויפקום; דער ציל איז גע-
ווען צו פאַרדינען געלט, וואָס מער געלט. דער פּרינציפּ, לויט
וועלכן ס'האָבן זיך רעקרוטירט די מיטג.-ידער פון די אויבער-
שטע שיכטן, איז געוואָרן אַן אַנדערער. נאָר די, וואָס האָבן
געהאַט אין אַ שטאַרקער מאָס דעם אינסטינקט אָנצושאַרן גאָלד
זענען אויפגעקומען, דערפאַר איז אַלץ, וואָס ס'האָט געקאָנט
אַנטוויקלען אַט דעמדאָזיקן אינסטינקט, געוואָרן אַ „חוק ולא
יעבר" פאַר די נייע געזעלשאַפטלעכע מנהגים. אויך דער אַר-
בעטער איז, אונטער דער השפעה פון דעם לעבעדיקן ביישפּיל
און פון דער סיסטעמאַטישער לערע אין הלכות געלט-עסקנים,
אַפילו אין קירכע און שול, אריינגעצויגן געוואָרן אין אַט
דער געלט-פאַרגעטערונג. און אויף אַזויפיל איז ער אויך גע-
וואָרן אַ „קאַפּיטאַליסטישער" מענטש. ווייל פון יענעם טאָג אָן
זענען בטל געוואָרן די גרענעצן, וואָס האָבן באַשרענקט דעם
געלט-אינסטינקט. די תאווה צו שאַרן וואָס מער גאָלד האָט
פריי געקאָנט שאַלטן און וואַלטן ביי אַלע יחידים, ניט נאָר
ביי די איינצלנע פּריווילעגירטע דורך זייער מיטגעבאָרענעם
יחוס, אָדער אַ דאַנק פירשטלעכע חסדים, נאָר טאַקי ביי אַלע
בירגער, פונם קלענסטן ביזן גרעסטן. אַט דידאָזיקע גרענעצן
זענען בטל געוואָרן גלייכצייטיק מיט דעם אונטערגאַנג פון דעם
פּרינציפּ, אַז די מלוכה איז אויפגעבויט פון פעסטע שטאַנדן
(קלאַסן), גלייכצייטיק מיט דער אָפּשאַפונג פון דעם מנהג אי-
בערצוגעבן די פּרנסה בירושה פון פאָטער צום זון, מיט דעם
אונטערגאַנג פון דעם צעכן-סדר, מיט דעם בטל ווערן פון די
וואָכער-פאַרבאָטן, מיט דער פאַרניכטונג פון מלוכהשן מאָנאָ-
פּאָל אין אינדוסטריע און האַנדל. די ווירקונג פון דעמדאָזיקן
פּסיכאָלאָגישן שינוי איז ביי די אַרבעטער געווען נאָך שטאַר-
קער דורך דעם, וואָס די אַרבעטסלאָזיקייטס-געפאַר האָט נאָך צו
אַלע צרות פאַנאַנדערגעטרייסלט דעם אידעאַל פון אַ באַשיידע-
נער עקזיסטענץ, וועלכע איז פאַרצייטן געווען געזיכערט דורך
פלייס און ערלעכקייט. מ'האָט געמוזט וואָס מער פאַרדינען,
כדי צו קאָנען ווי ס'איז עקזיסטירן אין די שווערע צייטן
און כדי צו קאָנען פאַרזאָרגן די אייגענע קינדער מיט אַ

בעסערער עקזיסטענץ. אין אַמעריקע, למשל, געפינט מען, אַז די עמיגראַנטן, וואָס זענען דער עיקר אומפאַכאָווע אַרבעטער, וועלכע האָבן דערפאַר אַ באַזונדערס שווער, תמיד אומזיכער מזל, האָבן אַ סך שטאַרקערן דראַנג צו געלט. ווי די אַלטאיינגעזעסענע פאַכאָווע אַרבעטער און פאַרמערס, וואָס פילן זיך זיכערער אין זייערע פּרנסות. אַט די אַלטאיינגעזעסענע אַרבעטער געפינען גיכער אַ וועג צו דער פאַרווירקלעכונג פון זייער באַשיידענעם לעבנס-אידעאַל אין זייער אַרבעט און אין דער לערכדיקער זעלבשטענדיקייט, וואָס אַט די פּרנסה גיט זיי.

אין דער אָנפאַנגס-צייט פון דער אינדוסטריאַליזירונג פאַרגלייכט נאָך דער אַרבעטער זיין לאַגע מיט דער לאַגע פון דעם בעל מלאכה און פויער; לכל הפּחות אין דעם זין, וואָס ער מעסט זי מיט דעם מאַסשטאַב פון די טראַדיציעס אין דעם האַנטווערק און אין דער פויערים-תקופה. אין משך פון דער צייט הויבט ער אַלץ מער און מער אָן צו פאַרגלייכן זיין לאַגע מיט דער לאַגע פון די הערשנדיקע קלאַסן. דאָס קומט פאַר אויך אַט דאָס מאָל אין דער פאָרם, וואָס ער מעסט זיין לאַגע, מיט אַ מער אָדער ווייניקער קלאָרן בליק, מיט דעם מאַסשטאַב פון יענע מאָראַלישע און יורידישע געפילן, וועלכע די הערשנדיקע קלאַסן אליין האָבן דערהויבן צו אַ מדרגה פון סאָציאַל-עטישע נאָרמעס, ד. ה. כּללים. אַזאַ נאָרם דריקט זיך פאַר אים זייער דייטלעך אויס אין דעם פאַקט פון דער פּאָליטישער דעמאָקראַטיע; נאָך דייטלעכער פּאַסירט עס דערפאַר, ווייל זיין אייגענע קלאַסן-לאַגע טרייבט אים דערצו, אַז ער זאָל פאַרוואַנדלען דעם פריערדיקן האַנטווערקער-בירגערלעכן קאַמף פאַר דער דעמאָקראַטיע אין זיינעם אַן אייגענעם קאַמף, אין אַ קאַמף לשם זיינע גרופּן-אינטערעסן. די אָפּשאַפונג פון די אַריסטאָקראַטישע פּריווילעגיעס און די פּאָליטישע גלייכהייט פון אַלע מלוכה-בירגער לגבי דעם וואַל-קאַסטן און דעם געזעץ פאַרשטאַרקן נאָך דאָס געפיל, אַז וואָס איינער מעג, דאַרף אויך דער אַנדערער מעגן, און אַז דערפאַר ווערט לכל הפּחות מעגלעך פאַר יעדן איינצלנעם זיך צו דערשלאָגן צו יעטוועדן רייכטום און צו יעטוועדער עקאָנאָמישער מאַכט. דערדאָזיקער ווונש ווערט חוץ דעם נאָך פאַנאַנדערגעבלאָזן דורך

אַנדערע באַגלייט-דערשיינונגען פון דער דעמאָקראַטיע, דורך די פאָלקס-שולן און דורך דער פרעסע, וואָס פאַרגרעסערן אומגעהויער די ספערע פון די מענטשלעכע פאָרשטעלונגען, פון וועלכער עס וואַקסן אַרויס נייע באַדערפעניש, נייע באַגערן צו מאַטעריעלע באַפרידיקונגען, צום קאָמפאָרט, ביליקן לוקסוס וכד.

בעת אָבער דער סכום פון די זאַכן, וואָס זענען פאַראַן, אָדער וועלכע דער אַרבעטער איז בכח צו קויפן, איז באַגרעַצט דורך עקאָנאָמישע רעמלען (געלט-איינקונפט), איז די פאַרמערונג פון די באַדערפעניש ביי די מאַסן (וואָס דאָס איז אַ ריין-פסיכאָלאָגישער פּראָצעס) באַגרענעצט נאָר דורך דעם טעמפּ, אין וועלכן עס וואַקסן די געוווינהייטן פון לעבנס-שטייגערס, דאָס מיינט, אַז ווען ס'פאַרשפּרייט זיך שנעל אַ נייע פאָרם פון לעבנס-שטייגער בכלל, שטייגט אויך ביים אַרבעטער-קלאַס דער חשק נאָכצוטאָן די אַנדערע קלאַסן, און ס'שאַפט זיך אויף אַזאַ אופן אין אַרבעטער-קלאַס אַ נייע עקאָנאָמישע באַדערפעניש. דערפון נעמט זיך, אַז די באַפרידיקונג שטייט שטענדיק אָפּ פון די באַדערפעניש. דעם כאַראַקטער פון די באַדערפעניש אָבער ווערט נישט באַשטימט פון דעם ווירטשאַפט-סדר, אַלס אַזעלכן, אָדער דורך דעם סכום פון די קאָנקרעטע פּראָדוקטן-רייכטימער. אויך דער כאַראַקטער פון די באַדערפעניש איז נאָר אַ פועל יוצא פון דעם פאַרענדערטן יושר-געפיל, אָדער, אום עס נעגאַטיוו אויסצודריקן, ער איז אַ פועל יוצא פון דעם, אַז ס'פאַלן אָפּ אַלטע טראַדיציאָנעלע נשמה-מניעות, וועלכע באַגרענעצן די סוביעקטיווע תביעה פונם יחיד אויף דעם מאַטעריעלן רייכטום, וואָס ער זעט מיט זיינע אויגן, און די גענוס-מעגלעכקייטן: פון דעמדאָזיקן סכסוך צווישן דעם, וואָס מען האָט, און צווישן דעם, וואָס מען וויל האָבן, וואַקסט אַרויס אַן אומצופרידנקייט, וואָס פאַרבינדט זיך נאָך מיט דעם שמערץ-געפיל פון אַ שווערער עולה, ווי נאָר די אייגענע לאַגע ווערט פאַרגליכן מיט דער לאַגע פון די רייכע. אָט ווי אַזוי ס'קומט אַרויס דאָס געפיל פון עקספּלואַטאַציע, וואָס גיט ערשט דער מערווערט-טעאָריע פון מאַרקסן

יענעם אומרויִקן געפילס־אינהאַלט, וועלכער דערהויבט זי צו אַ סימבאָל פון דעם פּראָלעטאַרישן פּראָטעסט!

דאָסדאָזיקע געפיל פון עקספּלואַטאַציע פירן מיר אַרויס אַלזאָ פון דער קעגנזייטיקער באַאיינפלוסונג פונם פּרנסה־דראַנג און גלייכהייטס־געפיל. אויך דאָס געפיל פון אונטערדריקונג ביי דער אַרבעטערשאַפט קומט אַרויס דערפון, וואָס דאָסדאָזיקע גלייכהייטס־געפיל רעאַגירט אויף דעם איינגעקלעמטן „געלטונגס־באַגער”, דאָס הייסט, דעם אינסטינקט פון דעם מענטש צו האָבן אַ ווערט, צו זיין „עפּעס”, אין לעבן פון כלל.

דער מענטש וויל האָבן אַ ווערט און שפּילן אַ ראָלע אויך אין זיין אַרבעט און דורך זיין אַרבעט. דער וויכטיקסטער פּסיכאָלאָגישער מקור פון דער מענטשלעכער אַרבעט איז דער דראַנג פון דער נשמה אָפּצושפּיגלען און אַרויסצווייזן זיך אין דער אויסן־וועלט, צו באַלעבן די אויסערלעכע קעגנשטאַנדן. דער קולטור־צושטאַנד פון די פּרימיטיווע פעלקער, ווי אויך די קינדער־פּסיכאָלאָגיע, באַווייזן, אַז די דערקענטעניש פונם נוצן פון דער אַרבעט איז נישט דער אורשפּרינגלעכער שאַפונגס־מאָטיוו, נאָר זי איז עפּעס, וואָס אַנטוויקלט זיך ערשט שפּעטער פון דעם פרייען, שפּילנדיקן, קינסטלערישן שאַפן, און פירט אים צו אַן עקאָנאָמישן תכלית. די מענטשלעכע אַרבעט האָט געשאַפן שיינקייט און פרייד נאָך איידער זי האָט געשאַפן נוצלעכקייטס־ווערטן — דאָס איז אפשר דער טיפסטער אייביקער זין פון דעם אוראַלטן מיטאָס מכח דעם עץ הדעת, מכח דעם פאַרלאָרענעם גן עדן, און מכח האָרעוואַניע אַלס אַ שטראָף פאַרן ערשטן, אוראַלטן חטא. אָבער אויך נאָכדעם, ווי מיר זענען צוגעשמידט צו דער אַרבעט צוליב דעם טרוקענעם נוצן, לעבט דאָך אין אונז נאָך די אַלטע נטיה צו זוכן הנאה אין דער אַרבעט טאַקע דורכדעם, וואָס אין איר אַנטפּלעקט זיך אונזער אינערלעכסט וועזן, אונזער פּערזענלעכסטע מהות.

אַלע סאָציאַלע פּראָבלעמען פון דער געשיכטע זענען נאָר פאַרשיידענע געשטאַלטן פון דעם אייביקן, אַלץ אַריבערוועגנ־דיקן, אייגנטלעך איינציקן סאָציאַלן פּראָבלעם, דהיינו: חי זאָל דער מענטש געפינען גליק נישט נאָר דורך דער אַרבעט, נאָר א ו י ך אין דער אַרבעט.

קיינמאָל איז דאָסדאָזיקע פּראָבלעם נישט געווען ברענענדיקער, ווי גראָד איצט, ווען דער רוב פון דער באַפעלקערונג פון אַלע אינדוסטריעלע קולטור־לענדער איז פאַרמשפּט צו לעבן צוליב אַן אַרבעט, וואָס שאַפט טאַקע מער נוצלעכקייטס־ווערטן, אָבער וואָס גיט די האָרעפּאַשניקעס אַסך ווייניקער פרייד, ווי אַמאָל. טאַקע אַרום דעמדאָזיקן, און נישט קיין שום אַנדערן, פּראָבלעם, וועט דער סאָציאַליזם אָדער מנצח זיין אָדער וועט ברעכן זיין קאָפּ.

אין זיין פּסיכאָלאָגישער עם־הארצות, און אין דער אָפּגעפרעמדקייט פון דער וועלט, האָט דער מאַרקסיזם לגמרי נישט דערבליקט דעם פאַקט, אַז דער פאַרלוסט פון אַרבעטס־פרייד איז לכל הפחות פּונקט אַזאַ וויכטיקער מאָטיוו פון אומצופרידנקייט ביי די אַרבעטער, ווי זייער, אייגנטלעך פּראָבלעמאַטישער, פאַרלוסט פון די פאַרדינסט־מעגלעכקייטן. דאָס, וואָס אַזויפיל אַרבעטער — מאַרקסיסטישע און נישט־מאַרקסיסטישע — זעען אַליין דאָס נישט איין, באַווייזט נאָר, אַז דער רוב מענטשן ווייסן נישט קלאָר, וואָס ס׳קומט פאָר אין זייער אייגענעם נשמה־לעבן, און פאַרבייטן אָפטמאָל דעם סימפּטאָם פון אַ צרה מיט איר אורזאַך. די דערשיינונגען פון דעם אונטערבאַוווסטזיין דערקלערן זיי דורך די דערשיינונגען פון דעם באַוווסטזיין, וואָס שטאַמען אינדעראמתן פון די אומבאַוווסטזיניק־פאַרלויפנדיקע פּראָצעסן, אָנשטאָט צו זוכן די וואָרצלען פון „קלאָרן דענקען" אין דער אונטערשטער שיכט פון דעם גייסטיקן אַפּאַראַט.

דידאָזיקע שווערע טענה פון מאַרקסיזם קעגן דעם קאַפּיטאַליסטישן פּראָדוקציע־סיסטעם שעפּט זיך ליידער אויס בלויז דערמיט, וואָס זי האָט אָפּגעריסן גייסטיק דעם פּראָדוצענט פון די פּראָדוציר־מיטלען. זי האָט אָבער געטאָן נאָך אַן ערגערע זאַך: זי האָט אָפּגעשיידט דעם פּראָדוצענט פון דער פּראָדוקציע, דעם אַרבעטער פון דער אַרבעט. דורכדעם האָט זי געשאַפן אַזאַ אומחשק צו אַרבעט, וועלכער איז גיכער פאַרשאַרפט געוואָרן, ווי אָפּגעשוואַכט דורך דער דערהויבונג פונם מאַטעריעלן לעבנס־צושטאַנד, און וועלכער קאָן נישט באַזייטיקט ווערן דורך קיין שום פּשוטער פאַרענדערונג פון די אייגנטום־פאַרהעלטענישן.

דער לייב-אייגנטום-פויער און דער האַנטהעדקער פון דער
פאַרקאַפּיטאַליסטישער צייט, דער היינטיקער פאַבריק-אָנפירער,
דער אינטעליגענט. אָדער דער ערד-אַרענדאַטאָר שטייען טאַקע
אין די סאַמע פאַרשיידנסטע פאַרהעלטענישן צו די פּראָדוציר-
מיטלען, וועלכע זיי באַנוצן. און דאָך אונטערשיידן זיי זיך
אַלע פון דעם אינדוסטריעלן אַרבעטער דערמיט, וואָס, ריין-
טעכניש גענומען, באַלעבאַטעווען זיי איבער דידאָזיקע
פּראָדוציר-מיטלען, וואָס זיי קאָנען פריי אָנפירן מיט זייער
אַרבעט און האָבן אַ פּערזענלעכן אינטערעס אין דעם פּראָדוקט.
דערפאַר גיט זיי דידאָזיקע אַרבעט די געלעגנהייט צו באַפרידיקן
פּסיכישע באַדערפענישן, וואָס הענגען צוזאַמען מיט דעם „געל-
טונגס-באַגער”, דעם חשק אַנערקענט צו ווערן אַלס אַ מיטגליד
פון דער געזעלשאַפט. דעם אינדוסטריעלן אַרבעטער איז אָבער
דידאָזיקע באַפרידיקונג מערסטנס נישט באַשערט צו האָבן.

אַמשאַרפסטן שטעלט זיך דאָס אַרויס אין דעם קעגנזאַץ
צווישן דעם היינטיקן אינדוסטריעלן אַרבעטער און דעם אַמאָ-
ליקן האַנטווערק-פּראָדוצירער, דעם צעכאָיון בעל מלאכה פון
מיטלאַלטער. דער האַנטווערקער האָט געקאָנט באַזיצן זיין הויז,
זיין וואַרשטאַט, אָדער זיין קראָם. אָדער ער האָט דאָס געקאָנט
דינגען, ער האָט געקאָנט לעבן אין, ווי נאָר מ גלעך, באַשיי-
דענע פאַרהעלטענישן: אָבער אין זיין אַרבעט איז ער געווען
דער פולער בעל הבית. ער האָט זעלבשטענדיק אויסגע-
אַרבעט אינגאַנצן דעם פּראָדוקט צום פאַרקויף. ער האָט
אַליין געקויפט דעם רוי-מאַטעריאַל, ער האָט געהאַט די ווערק-
צייג און די אַרבעטס-מ טלען, ער פלעגט קריגן פאַר זיין אַר-
בעט אַ געלט-פּרייז, וועלכן ער האָט געווינלעך באַקומען באַ-
צאָלט דירעקט פון די פאַרברויכער. ער האָט אַליין באַשטימט
די אַרבעטס-צייט, די אינטענסיווקייט און דעם אופן פון זיין
אַרבעטס-אָנשטרענגונג. פלעגט מען זיך אָבער יאָ אַריינמישן פון
דרויסן, כּדי צו רעגולירן די אַרבעט, האָט עס געהאַט בלויז
דעם צוועק צו באַשטימען די העכסטע גרענעצן אירע, דאָס
מיינט, נישט צו דערלאָזן, אַז איינער זאָל אַרבעטן צופיל און
אַפּנעמען די פּרנסה ביי אַנדערע פון זיין פאַך. האָט מען גע

מאַכט תקנות מכּח דעם טעכנישן פּראָצעס, איז דאָס געווען נאָר כּדי צו זיכערן אַ העכערע וואַליטעט פונם פּראָדוקט. אין די ביידע פאַלן האָט זיך אייגנטלעך געהאַנדלט וועגן אַזעלכע רעגולירונגען, אין וועלכע יעדער צעכאָווער האַנטווערקער האָט אַליין געקאָנט זאָגן אַ דעה, און וועלכע האָבן געזאָלט זיי באַשיצן נאָר קעגן דעם, וואָס דער בעל מלאכה אַליין האָט געהאַלטן פאַר אַן אומערלעכע קאָנקורענץ. דער האַנטווערקער האָט געזען, ווי דער פולער פּראָדוקט פון זיין אַרבעט ווערט געשאַפן ממש אונטער זיינע הענט. זיין ווערק האָט צו אים געהערט, נישט נאָר על פּי אייגנטום-רעכט, נאָר אויך טאַקע דערפאַר, וואָס דער פּראָדוקט, אין זיין אינדיווידועלער גאַנצער אייגנאַרטיקייט, איז באַשטימט געוואָרן דורך זיין אייגענער אי-ניציאַטיוו, דורך זיינע פאַך-קענטעניש, דורך זיין פלייס און דורך די שעפערישע קרעפטן פון זיין נשמה. אין דעם זין איז יעדער מין האַנטווערק געווען אַ שטיק קונסטווערק, און יעדער איינצלנער האַנטווערקער אַ שעפער. דער האַנטווערקער האָט געוווסט דעם טעם פון אַרבעטס-הנאה, ער האָט געלעבט אין זיין ווערק, ער האָט דורך זיין ווערק מיטגעווירקט אין דעם לעבן פון כּלל.

פּראָדוצירער אין דעמדאָזיקן זין זענען היינט, ווייניקסטנס אין דער אינדוסטריע, נאָר יענע, וואָס האָבן איבערגענומען פון דעם אַמאָליקן האַנטווערקער די אָנפירונגס-פונקציעס אין פאַבריק. אמת, זיי זענען דאָס נאָך נאָר אין אַ באַשרענקטער מאָס, ווייל דעם פיזישן טייל פון דער אַרבעט באַזאָרגט פאַר זיי דער אַרבעטער און די מאַשין. חוץ דעם זענען אויך די אויפגאַבן פון דער טעכנישער און סוחרישער אָנפירונג פון פאַבריק אָפטמאָל אַזוי ספּעציאַליזירט געוואָרן דורך אַרבעט-צעטיילונג און היעראַרכיע, אַז דער אַרבעטס-מאָטיוו ווערט אַסך מאָל פאַרדרענגט דורך דעם געלט-מאָטיוו. יעדנפאַלס זענען פאָרט די פונקציעס פון דער פאַבריק-פירונג די איינציקע אין דער אינדוסטריע, וואָס מאַכן מעגלעך צו אַנטפּלעקן דעם אַרבעטס-גייסט און זעלבשטענדיק צו באַפרידיקן דעם שאַפונגס-אינסטינקט, כאָטש אַפילו דידאָזיקע געפילן זענען אָפטמאָל צונויפגעמישט מיט גשמיותדיקער הנאה, וואָס ס'האָט אַ שפּעקולאַנט ביי זיינע

מאַכינאַציעס און מיט דער תאווה פון אַ בעל הבית צו סאָציאַ-
ליער מאַכט.

פאַרקערט, דער אינדוסטריעלער אַרבעטער אַרבעט אונטער אַזעלכע טעכנישע און סאָציאַלע באַדינגונגען, וואָס פאַרוואַנדלען אין זייער היפּך כמעט יעטוועדע פּראָוויסאָריאונג, וועלכע איז בכח צו שאַפן די אַרבעטס-פרייד ביים בעל-מלאכה. ער איז קיין באַלעבאָס נישט, נישט איבער די אַרבעטס-מיטלען, נישט איבער דעם רוי-מאַטעריאַל און נישט איבער דעם פּראָדוקט. אין גרונט, שאַפט ער בכלל קיין פּראָדוקט נישט, ווייל ער איז באַגרענעצט מיט אַ טייל-אַרבעט אין אַ פּראָצעס, וואָס זיין גאַנצן גאַנג איז ער נישט אומשטאַנד צו באַאיינפלוסן און אָפטמאָל אַפילו נישט איבערצובליקן. זיין פאַרדינסט ווערט נישט באַשטימט דורך דעם פּרייז פון דעמדאָזיקן פּראָדוקט, נאָר דורך דער לאַגע אויף דעם אַרבעטס-מאַרק בשעת מעשה פון זיין אַרבעט. די אַרבעטס-צייט און די אינטענסיווקייט פון זיין אַרבעט באַשטימט נישט ער, נאָר די דיסציפּלין פונם וואַרשטאַט אָדער פאַבריק, אין וועלכער ער איז נאָר אַן „אַרבעטס-קראַפט". און וועלכע קאָן אים, נישט היינט, איז מאָרגן, אָפּזאָגן פון דער באַשעפטיקונג. דער אופן און דער טעמפּ פון זיין אַרבעט ווערט אים דיקטירט דורך דער מאַשין, וועלכע ער באַדינט, אָדער דורך דער פאַבריק-דירעקציע, וואָס גיט אים אַרויס באַפעלן. דאָס מאַשינעלע סיסטעם נעמט צו ביי אים סוף כל סוף אַמ-מערסטן די מעגלעכקייט — אויב ער קאָן בכלל נאָך דעם, וואָס מיר האָבן אויבן געזאָגט, דאָך פילן אַ שטיקל שטרעבן דערצו, געמלעך — צו אַנטוויקלען די איניציאַטיוו און אָנגע-מען באַשלוסן, וועלכע זאָלן באַאיינפלוסן דעם רעזולטאַט פון זיין אַרבעט. דערפאַר טאַקע טרעט ביי אים אויף אָנשטאָט דעם אַרבעטס-הנאה-מאָטיוו — אַלס אימפּולס צו אַרבעט — די מורא פאַר דער אַרבעטסלאָזיקייט. דאָס זענען די טיפערע אורזאַכן פון דעם וואַקסנדיקן אומחשק צו אַרבעט ביי דער אינדוסט-ריעלער אַרבעטערשאַפט. נו, אָן דעם אַריינבליק אין דער גע-וואַלטיקער באַדייטונג פון דעמדאָזיקן אומחשק קאָן מען גאָר-נישט פאַרשטיין קיין איין-איינציקע דערשיינונג פון דער אַר-בעטער-באַוועגונג ס'איז כמעט נישטאָ קיין איין שטרייק, וואָס

מ'זאָל קאָנען זיינע לעצטע אורזאַכן פאַרשטיין, אויב מ'נעמט נישט אין באַטראַכט אַזעלכע דערשיינונגען, הגם זיי זענען אָפטמאָל נישט קלאָר די אַרבעטער גופא, און שפּיגלען זיך אָפּ נאָר זעלטן אין די פון ביי אַרויסגעשטעלטע פאָדערונגען.

איך דאַרף דאָ נישט אָנווייזן, וואָס ס'באַדייט פאַר דעם גאַנצן קולטור־לעבן דער פאַקט, אַז די וויכטיקסטע פּראָדוציר־פּראָצעסן ווערן היינט צו טאָג אויסגעפירט דורך מענטשן, וועלכע הויבן נישט אָן צו געפינען דערין קיין שום באַפרידיקונג. די אַרבעטער־באַוועגונג האָט אַממערסטן אַ מוראדיק־קליינע פאַרשטענדעניש פאַר די פּסיכישע פועל יוצאס פון אַזאַ צושטאַנד. דווקא דער מאַרקסיזם באַטראַכט דעם וווקס פון מעכאַניזירונג און פונם אומפאַכאָוון כאַראַקטער פון דער אינדוסטריע־אַרבעט טאַקע ווי אַ תנאי, וואָס מוז ווערן דערפילט, איידער דער פּראָלעטאַריאַט וועט ווערן גענוג צאָלרייך, געוועלירט און אָנגעפילט מיט אומצופרידנקייט, כדי צו קאָנען דורכפירן די סאָציאַלע רעוואָלוציע. דער „אידעאַלער אַרבעטער־טיפּ" פון מאַרקסיזם זעט אויס, לכל הפחות, וואָס ס'איז שייך זיין לאַגע אין דער פאַבריק, מוראדיק ענלעך צום „אידעאַלן אַרבעטער־טיפּ" פון דעם הויך־קאַפּיטאַליסטישן טעילאָר־סיסטעם. 1) ס'איז באמת קיין צופאַל נישט, אַז דער קאָמוניזם אין רוסלאַנד האָט אָנערקענט דידאָזיקע גייסטיקע קרובהשאַפט אין אַזויפיל פון זיינע פאָרשלאַגן אָדער אינסטרוקציעס, אויפצוהויבן די פּראָדוקציע. דער טעילאָריזם האָט אויך אין זיין אַמעריקאַנישער היים עקספּערימענטירט דער עיקר מיט די אַרבעטער, וואָס זענען איינגעוואַנדערט אַהין פון מזרח־איראָפּע, ווייל די אַנגלאָ־סאַקסישע אַרבעטער האָבן זיך צו „קאָנסערוואַטיוו" געהאַלטן ביי זייערע אַלטע צעכאָווע טראַדיציעס, אַז זיי זאָלן וועלן פרייוויליק צושטימען צו דער שטרענגער דיסציפּלינירונג פון די פאַבריקן, מעשה מיליטער־קאַזאַרמע.

---

1) פ. טעילאָר — אַן אַמעריקאַנער אינזשינער, פון פאַר 30—40 יאָר, וועלכער האָט איינגעפירט אַ סיסטעם פון שטרענג־רעגולירטע (ראַציאָנאַליזירטע) אַרבעטס־מעטאָדן אויפן יסוד פון גענויע וויסנשאַפטלעכע פּרינציפּן און מיטן צוועק אויפצוהויבן די פּראָדוקטיווקייט פון דער אַרבעט.

דער מאַרקסיזם זעט נאָר דערבײַ נישט אײַן, אַז דער־
ראָזיקער אידעאַלער אַרבעטער־טיפּ, װאָס „האָט נישט מער צו
פאַרלירן, װי זײַנע קייטן“, און פאַר װעמען די פאַבריק איז
נישט מער, װי אַ פאַרהאַסטע צװאַנג־אַרבעט, װאָלט קיים גע־
קאָנט זײַן דער פאַסנדיקער מענטש־טיפּ, צו װערן אַ פּעאיקער
פּראָדוצירער אין װעלכן נישט איז פּראָדוציר־סיסטעם. מיר
קאָנען זאָגן, אַז בעת די שטענדיקע אַרבעטס־אומלוסט האָט
צעשטערט די געװױנהײט צו אַרבעטן אַנדערש, װי אונטער װעלכן
נישט איז בײַטש, בעת די אַרבעטער־מאַסן לײַדן פון „אַ פאַב־
ריק־קאָמפּלעקס“, װאָס פאַרװאַנדלט פאַר זײ דאָס גאַנצע אַרבעטס־
פּראָבלעם אין דער פראַגע מכּח די אַרבעטס־באַדינגונגען אין
פאַבריק, װי אַ שטײגער װעגן דער גרעסטער פאַרקירצונג פון
דער אַרבעטס־צײַט אָן דער אינטענסיװקייט, דעמאָלט שטײט
יעטװעדעס נײַ פּראָדוציר־סיסטעם פאַר אָט דער שאלה: װי
זאָל מען אָנשטאָט דעם אַלטן אַרבעט־מאָטיװ, װאָס איז צעשטערט
געװאָרן, שאַפן אַ נײַעם? די ראַציאָנאַליסטישע נאַאיװקייט פון
דעם מאַרקסיזם פירט אים צום גלויבן, אַז מ׳קאָן דעם פאַר־
שװונדענעם אַרבעט־מאָטיװ פון געװױנהײט פאַרבײַטן דורך דעם
נײַעם מאָטיװ פון אַ באַװוסטזיניקן סאָציאַלן ציל, װי למשל,
די פאַרטײדיקונג פון דער רעװאָלוציע, אָדער אַרבעט לטובת הכּלל.
דאָס קאָן אפשר געמאָלט זײַן פאַר אַ פאָר צענדליק אָדער
אײניקע הונדערט רעװאָלוציאָנערע פירער, װאָס געהערן צו די
אױסנאַמס־מענטשן, בײַ װעלכע ראַציאָנאַלע צילן קאָנען שאַפן
פון זיך גופא געװױנהײטן. דידאָזיקע מענטשן װאָלטן אָבער
נישט געקאָנט אַלײן אָנפירן מיט די אינדוסטריע־אונטערנעמונ־
גען, װען זײ װאָלטן אַפילו שוין מרוצה געװען אַלע צו פאַר־
לאָזן זײערע פּאָליטישע שטעלעס, אום צו גײן אין די פאַבריקן
אַרײַן. פאַרקערט, די מיליאָנען הענט, װאָס זענען נויטיק אין
די פאַבריקן, קאָן מען טאַקע דורך אַגיטאַציע באַגײַסטערן פאַר
פּאָליטישע צילן, און אַפילו באַװעגן זײ מקריב צו זײַן
זײערע לעבנס, אָבער אַזאַ מין געפיל־באַגײַסטערונג איז לחלוטין
נישט בכּח צו שאַפן נײַע אַרבעטס־געװױנהײטן. נאָר אײנער
צװישן אַ סך טויזנטער מענטשן װעט זײַן פּעאיק יאָרנלאַנג
אױסצוהאַלטן די שװערע אַרבעט בײַ דער מאַשין פון באַגײַס־

טערונג פאַר דער רעוואָלוציע, ווען אַפילו דידאָזיקע אַרבעט זאָל אים שוין פון לאַנג זיין פאַרהאַסט; די איבערגעגעבנסטע רעוואָלוציאָנערן פאַרלאָזן גיכער די פאַבריקן, כּדי צו ווירקן אויף אַנדערע פּאָסטנס דירעקט פאַר זייער אידעאַל. מען קאָן ברענגען די מאַסן אויף אַ שטיק צייט צו דער העכסטער מדרגה פון פּאָליטישער ליידנשאַפט, באופן זיי זאָלן זיך לאָזן טויטן פאַר דער רעוואָלוציע; אָבער דידאָזיקע מדרגה האַלט זיך נישט אַזוי לאַנג. אַז בשעת זיי קערן זיך אום צוריק אין די פאַבריקן, זאָלן זיי ווייטער, טאָג איין טאָג אויס, שוויצנדיק און שווייגנדיק, האָרעווען כּסדר, כּדי נאָר צו באַווייזן, אַז די רעוואָלוציאָנערע עקספּערימענטן זענען מעגלעך אָן אַ פאַרמי-נערונג פון דער פּראָדוקציע. דער רוסישער קאָמוניזם איז אויף דעמדאָזיקן געביט גאָר גיך דורך ביטערער דערפאַרונג קליגער געוואָרן. אין דער פאַבריק-אָנפירונג האָט ער זיך צוריקגעקערט צו די מעטאָדן, וואָס שטיצן זיך אויף דיזעלביקע מאָטיוון, ווי אין דער אַלטער צייט. מ'האָט אַפילו טיילווייז פאַרזוכט צו פאַרבייטן די אומגעניגענדיקע אָנציאונגס-קראַפט פון די קליינע שכירות דורך דער מיליטערישער דיסציפּלין און „אַרבעטס-רע-גימענטער". אָבער אויך אויף אַזאַ אופן איז נאָך נישט גע-לונגען צו פאַרדרענגען ביי די מאַסן די אַלטע אַרבעט-מאָטיוון דורך נייע. דאָס וואָלט אויך אין ערגעץ ווו נישט געלונגען; ווייל די מענטשן, ביי וועלכע די אידעאַלן זענען בכּח צו שאַפן לעבנס-געוווינהייטן, זענען בכלל אומעטום נישט מער, ווי גאָר אַ קליינע מינדערהייט.

ווייל די אַרבעטער-באַוועגונג בכן זיך שאַפן פּאַסנדיקע מענטשן פאַר אַ נייעם פּראָדוציר-סיסטעם, וואָס זאָגט זיך אָפּ פון די צוואַנגס-מיטלען פון אַ הונגער-בייטש און פון דער אוי-טאָקראַטישער דיסציפּלין אין פאַבריק, דאַן מוז זי זיך ווייני-קער פאַרלאָזן אויף דער אַגיטאַציע פון פּראָקלאַמאַציעס און פאַרזאַמלונג-רעדעס אין דער רעוואָלוציע-תּקופה, ווי אויף דעם מיטל, וועלכן עס באַנוצן, למשל, אַפילו שוין היינט צו טאָג, די געווערקשאַפטן. ווי-נישט-ווי געלינגט זיי דורך אַ שטילער מעסטער אַרבעט אָפּצוהאַלטן דעם דעקוואַליפיצירונגס-פּראָצעס פון דער אינדוסטריע-אַרבעט, אָדער לכל הפּחות צו פאַרהינדערן

די ערגסטע פועל יוצאס, וואָס אזאַ פּראָצעס האָט פאַר דער אַרבעטערשאַפט: זיי דערגרייכן דאָס מיט דעם, וואָס זיי בעמען זיך, למשל, פאַר דער דערהאַלטונג פון די טעכנישע פּאַבקענטעניש, פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון פאַך-טעכנישע למודים, פאַר דעם דערפאָלגרייכן קאַמף, צו אָנערקענען די זעלבסטבאַשטימונגסרעכט פון די אַרבעטער אין די וואַרשטאַטן, פאַר דער דעמאָקראַטיזירונג פון דער פאַבריק-דיסציפּלין דורך די דעלעגאַטן פון די פאַבריק-אַרבעטער-„באַטריבסראַטן", א. א. וו. אָט דורך די מיטלען העלפן זיי א סך שטאַרקער, ווי דאָס שטעלן זיך פאַר דעם רוב אַרבעטער און כמעט אַלע אונטערנעמער, צו דערהאַלטן די לעצטע פעדים, וואָס פאַרבינדן נאָך ווי-נישט-ווי דעם אַרבעטער מיט זיין אַרבעט. דערמיט אָבער טוט מען אים — אויך אַלס דעם בירגער פון א „צוקונפט-שטאַאט" — אַ סך א גרעסערע טובה, ווי ווען מ'רייסט אים לגמרי אָפּ פון אַלע אינערלעכע באַציאונגען צו דער גאַנצער אַרומיקער סביבה — אין זיין וואַרשטאַט.

דעם אמת געזאָגט, דער „אידעאַלער אַרבעטער-טיפּ" פון מאַרקסיזם, דער ריינער קלאַסן-קעמפער, דער מענטש, וואָס איז באַפרייט פון אַלע אינערלעכע באַציאונגען צו אַלע זאַכן פון דער „קאַפּיטאַליסטישער" סביבה, איז, ברוך השם, נישט מער ווי אַ טעאָרעטישע פאַנטאַזיע. וואָלט דער מענטש געקאָנט פולשטענדיק אַרויסגעריסן ווערן מיט די וואָרצלען פון דער קעגנוואַרט, און וואָלט געקאָנט לעבן נאָר פאַר די אידעאַלן פון דער צוקונפט, וואָלט ער אפשר, איין מאָל צווישן 10.000 פאַלן, געוואָרן טאַקע אַ געניאַלער פירער, אָבער אין די איבעריקע 9999 פאַלן וואָלט ער געבליבן א טרוקענער אומטויגלעכער פאַנאַטיקער.

אויף אַזוי פיל איז דאָס אפשר אין תוך גוט, וואָס אין דעם היינטיקן רעאַלן, דורכשניטלעכן אַרבעטער שטעקט נאָך — אָדער שטעקט שוין — אַזויפיל פון דעם „שפּיס-בירגער", ד. ה. פון דעם מענטש, וואָס איז מיט דער גאַנצער נשמה צוגעבונדן צו די מאַטעריעלע זאַכן: צו זיין אַרבעט, צו די פלוש-מעבל פון זיין צימער, צו זיין גערטנדל, צו זיין זונטיקדיקער ציגאַר, צו זיין רעסטאָראַן. שוין דידאַזיקע סוראָגאַט-

מיטלען פון קולטור זענען אין עצם געגוג קלאָגעדיקע, זיי באַווייזן אָבער אויף יעדן פאַל, אַז די לעצטע שפּורן פון דעם ממשותדיקן לעבנס־גליק זענען נאָך נישט פאַרשוואונדן אַפילו פון דעם אַרבעטער־לעבן. וואָלט דאָס נישט געווען אַזוי, וואָלט אין זיין נשמה אויסגעוואַקסן אַזאַ שוידערהאַפט־טייוולשע פּוסטקייט, וואָס מ׳וואָלט זי ממש מיט קיין זאַך נישט געקאָנט אויספילן; ווייל מען קאָן נישט אַלע אינסטינקטיווע באַדערפעניִשן פון דעם מענטש פון אַ גאַנץ יאָר פאַרוואַנדלען אין מאָטיוון פון קלאַסן־קאַמף, פּונקט אַזוי, ווי אַן אַלטע מויד איז נישט בכח דורך אַ פרומען קלויסטער־לעבן אַליין אויף אַ געראָטענעם אופן צו אַנטוויקלען איר פולע מענטשלעכע פּערזענלעכקייט.

„די צרה פון די אָרעמעלייט איז די אָרעמקייט", האָט מיט רעכט אַמאָל געזאָגט בערנאַרד שאָאו. ער האָט דערמיט געוואָלט זאָגן, אַז די באַזיצלאָזיקייט רופט אַרויס אויך אַ גייסטיקע אָרעמקייט. געוויס ווערט דערמיט נישט געמיינט, אַז יעדער מין באַזיץ איז שוין אַ גוטע סגולה, רייכער צו מאַכן די נשמה; גראָד דער היפך פון אַזאַ כלל וואַרפט זיך געגוג שאַרף אין די אויגן. דערמיט איז אָבער געמיינט, אַז ס׳איז דאָ אַזאַ מין באַזיץ, וועלכער באַזירט זיך, לכל הפּחות אין אָנפאַנג, אויף אייגנטום־רעכט, אַ באַזיץ, וואָס קאָן שאַפן דורך זיין פאַלן אַ גייסטיקן דלות, אַן אינערלעכע אָרעמקייט. פּאַסירט אָבער, אַז דאָס געפיל פון אייגנטום, וואָס בינדט צו דעם מענטש צו אַ חפץ, שטראַלט אַרויס פון דעם מענטשן אויף דער זאַך, און נישט פאַרקערט, ווען דער אויסערלעכער גלאַנץ פון אַ זאַך פאַרטונקלט דעם מענטש גופא, דעמאָלט איז דאָס גראָד אַ געווינס פאַר דער נשמה. אויף אַזאַ אופן קאָנען מיר אָפטמאָל האַלטן פאַר אונזער אינערלעך אייגנטום דאָס, וואָס מיר באַזיצן גאָרנישט מעשה־אייגנטימער: אַן אַרענדירט שטיקל ערד, וועלכע מ׳האָט אָבער אַליין באַאַרבעט; אַ געדונגענע דירה; אַ מאַשין, איבער וועלכער מען איז נישט קיין פולער באַלעבאָס, אָבער ביי וועלכער מ׳גייט אַרום מיט ליבע, אָדער, ריכטיקער געזאָגט, וועלכע דער מענטש באַהערשט; אַ ווערק, איבער וועלכן מען אַרבעט, כאָטש פאַרקויפן וועט דאָס פאַרקויפן אַן אַנדערער. דאָס געפיל פון באַזיץ, וואָס טראָגט זיך

איבער פון די מענטשן אויף די זאַכן, וועלכע זיי באַניצן צו דער אַרבעט, אָדער צום הנאה האבן, אָדער זאַכן, וועלכע זיי האָבן אַליין געשאַפן, — אַט דאָסדאָזיקע באַזיץ־געפיל און דאָס רעכט אויף אייגנטום, וואָס באַזירט זיך דערויף, איז דווקא נישט קיין פאַרשאָלטענער פּראָדוקט פון אַ אוממאָראַלישער געזעלשאַפט, נאָר איז סתם אַן אומפאַרמיידלעכער עיקר־תנאי פון יעטוועדער געזעלשאַפטלעכער עטיק. די נשמה פונם יחיד קאָן בשום אופן נישט אָפּזאָגן זיך פון איר טבע צו פאַרלאַנגען אַט אַזאַ מין פּריוואַט־אייגנטום, און ס'איז נישט מעגלעך אויפצובויען קיין פּראָדוציר־סיסטעם, וואָס זאָל זיך מיט דעמדאָזיקן פּסיכאָלאָגישן תנאי נישט רעכענען. וואָלט דער אַרבעטער נישט געהאַט יענעם אייגענעם אינסטינקט — וואָס מען טאָר אים גאָרנישט צונויפמישן מיט דעם געלט־גייסט־אינסטינקט צוליב געלט־פאַרדינען גופא, וועלכער מאַכט דעם קאַפּיטאַליסט פאַר אַ שקלאַף פון זיין רייכטום — וואָלט ביי אים געפעלט דער מאָטיוו פון אַ רעכטלעכער פאָדערונג מצד דעם פּראָדוצירער אויף די מיטלען פון פּראָדוקציע און אויף דעם פּראָדוקט פון דער אַרבעט; ערשט דערדאָזיקער מאָטיוו דערהויבט דעם עקאָנאָמישן קלאַסן־קאַמף איבער די פּשוטע קרעמערישע שאַכערמאַכער־עסקים.

איך אַליין האָב אַמאָל געמאַכט די דערפאַרונג, ווי ווייניק דער מאַרקסיסטישער אינטעליגענט פאַרשטייט דעם אַרבעטער. אין אַ זיצונג פון דעם פאַרוואַלטונגס־ראַט פון די בעלגישע געווערקשאַפטן, מיט אַן ערך 15 יאָר צוריק, האָב איך אַנטייל גענומען אין אַ דיסקוסיע איבער געוויסע געווערקשאַפטלעכע פאַרזיכערונגס־אינסטיטוציעס, וואָס האָבן געשפּילט אַ ראָלע אין דער באַוועגונג און וואָס האָבן געשטערט צו פאַראייניקן די פּראָפעסיאָנעלע פאַך־פאַראיינען אין גרויסע אינדוסטריע־פאַרבאַנדן. ס׳האָט זיך דערביי אַרויסגעשטעלט, אַז דער האָלצאַרבעטער־פאַראיין אין בריסעל האָט פאַרזיכערט זיינע מיטגלידער קעגן פאַרלוסט פון זייערע װערקצייג, וועלכע זיי האָבן פאַרמאָגט, אַלס זייער אייגנטום, ווי ס'איז אויך דער פאַל ביי זייערע חברים אין אַנדערע ערטער. אַט דאָס געצייג האָבן זיי אין אַ קאַסטן אַרומגעשלעפּט פון איין אַרבעטס־אָרט צו אַן

אנדערן. איך האב פארטראטן דעם שטאנדפונקט, אז אזא פאר-
זיכערונג שטייט אין קעגנזאץ צו די פרינציפן פון דער סא-
ציאליסטישער געווערקשאפטס-באוועגונג. איך האב געטענהט, אז
די ארבעטער נעמען אויף זיך דערמיט איבער א ריזיקע,
וועלכע מען דארף אייגנטלעך ארויפלייגן אויף די אונטערנעמער;
דער „קאסטן מיט די ווערקצייג" שטערט, משמעות, דער פרייער
באוועגלעכקייט פון די ארבעטער, וועלכע איז נויטיק פאר דעם
קלאסן-קאמף, שאפט כלומרשט א שטערונג פאר דעם טעכנישן
פארטשריט, ער איז א רעשטל פון די אלטפרענקישע צעכאווע
טראדיציעס; עס וואלט בכן געווען א קליינבירגערלעכע סענ-
טימענטאלקייט, ווען די געווערקשאפט וואלט געוואלט באשיצן
דידאזיקע אינדיווידואליסטישע צוגעבונדנקייט פון אן ארבעטער
צו זיינע אינסטרומענטן. איך האב געגלויבט, אז דידאזיקע
ארגומענטן וועלן תיכף אויפגעכאפט ווערן מיט אפענע ארעמס
דוקא פון די פארטרעטער פון דעם האלצארבעטער-פאראיין, ווייל
דידאזיקע געווערקשאפט איז דעמאלט געווען איינע פון די
הויפט-זיילן פונם מארקסיסטישן פליגל פון דער בעלגישער
ארבעטער-פארטיי. נו, בין איך אבער געווען טיף בשתומם, ווען
ס'האט זיך ארויסגעשטעלט, אז דוקא דיזעלביקע האלצארבע-
טער, וואס זענען ביי יעדער פאליטישער פראגע שטענדיק
געגאנגען מיט מיר און מיט אנדערע מארקסיסטישע פירער
דורך פייער און וואסער, האבן דעמאלט מיט גרויס כעס אפ-
געווארפן אלע מיינע טענות. אמת, זיי איז נישט געלונגען
אפצושטופן מיך פון מיין שטאנדפונקט; צו מיין שבח מוז
געזאגט ווערן, אז אלע זייערע ראיות זענען געווען נאך שווא-
כער פון מיינע. זיי האבן ארגומענטירט מיט א לאגיק, וואס
פאסט פאר ווייבער: דהיינו, ראציאנאלע באווייזן האבן זיי
אייגנטלעך כמעט נישט געבראכט; אבער איין זאך האבן זיי
קלאר געמאכט, טאקע דאס נעמלעך, אז א באשטימט גע-
פיל האט זיי פארבונדן מיט דעם, פאר זייער פאך כאראקטע-
ריסטישן, קאסטן, א געפיל, וואס האט זיי אוועקגעשטעלט מחוץ
פון אלערליי זייער לאגישע ראיות און שיטות פון דער קלאסן-
קאמף-טעאריע. ערשט אסך שפעטער איז מיר קלאר געווארן,
אז דידאזיקע לייט, ווי שלעכט זייערע טענות זאלן נישט

האָבן געווען, האָבן דאָך געהאַט רעכט אויף אַזויפיל, אַז זיי ווענען דאָך בכח געווען מיינע אַרגומענטן אָפּצופרעגן. זיי האָבן ייכטיק געפילט, אַז דער אַרבעטער לעבט נישט צוליב דעם קלאַסן־קאַמף, אָבער אַז דער קלאַסן־קאַמף עקזיסטירט צוליב דעם אַרבעטער. דער „קאַסטן" איז פאַר זיי געווען אַ סימבאָל פון דער אַרבעט־חשיבות, דער צייכן פונם לעצטן יעשטל אַרבעט־שטאָלץ, און פון אַרבעטס־פרייד. אַוועקנעמען דאָס פון זיי וואָלט באַטייט, אין זייערע אויגן, אַוועקרויבן פון זיי אַ שטיקל זיכערן גליק היינט־צו־טאָג צוליב אַ מאָרגן, מיט וועלכן מען איז נאָך נישט זיכער.

אינם ענין אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע וועט מען אסך זיכערער זיין, אויב מ'וועט נישט שטעלן די פראַגע: צי געהערט דאָס אָדער יענץ צו די באַדינגונגען, וועלכע מוזן דערפילט ווערן, כדי אַן אידעאַלער געדאַנקען־בנין זאָל פאַרווירקלעכט ווערן אין דער געזעלשאַפט? — נאָר מ'זאָל פרעגן: צי העלפט טאַקע דאָס אָדער יענץ גליקלעכער צו מאַכן די מענטשן, און צי אין דאָס דעריבער טאַקע בעסער און מער צוגעפּאַסט צום אויפבוי פון אַ בעסערן סדר? אַט אַזוי פאַרוואַנדלט זיך דאָס שטרעבן צו פאַרווירקלעכן דעמדאָזיקן בעסערן סדר סוף כל סוף אין אַ שטרעבן צו האָבן בעסערע און גליקלעכערע מענטשן, צו דער אַנטוויקלונג גראַד פון יענע פסיכאָלאָגישע מאָטיוון, וואָס קאָנען ערשט מאַכן אַזאַ מין סדר דויערנדיק און לעבנס־פעאיק.

דער מאַרקסיסט, וועלכער גלויבט, אַז ער שאַפט סאָציאַליסטישע מענטשן דערמיט, וואָס ער אונטערשטיצט אַלץ, וואָס רייסט זיי אָפּ פון די טראַדיציאָנעלע באַציאונגען צו זייער אַרבעט און צו זייער סביבה, האַנדלט פונקט, ווי ס'וואָלט, הפנים, מעגלעך געווען אַ פּאָציאַליסטישע אָרדענונג מיט מענטשן, וואָס ווערן געטריבן נאָר פון שנאה צו די באַלעבאַטים. מילא, אַזעלכע מענטשן וועלן טאַקע אויף אַ גלענצנדיקן אופן פּאַסן דורכצופירן אין לעבן די צעשטערונגס־אַרבעט פון אַ רעוואָלוציע, אָבער פּאַראַלעל מיט דעם וועלן זיי זיין אומפעאיק עפּעס אויפצובויען. דער, וואָס שפּאַרט איין אַ הונט אין שטייג און שטערט דער באַפרידיקונג פון זיינע אינסטינקטן, וועט, נאָך

א געווילדער צייט, האָבן אַ בייסיק־ביזע חיה, וועלכע וועט אין קאַמף באַווייזן אירע ציין; אויב ער וועט אָבער פּרוּוון אויס־צונוצן דעמדאָזיקן הונט פאַר אַן אַנדער מין אויפגאַבע, וועט ער תּיכף דערזען, אַז דער הונט איז שוין געוואָרן אומפעאיק דערצו, אומפעאיק אַפילו צו לעבן צוזאַמען מיט אַנדערע לע־בעדיקע באַשעפענישן.

זייער שלעכט וואָלט געהאַלטן מיט דער פאַרווירקלעכונג פון סאָציאַליזם, ווען זי וואָלט געמוזט שטיצן זיך אויף מענטשן, וואָס שטעלן זיך איין פאַר אים נאָר דערפאַר, ווייל זיי האָבן נישט די מעגלעכקייט (צייט) זיך צו שפּילן מיט קינ־דער נאָך דעם לאַנגן אַרבעטס־טאָג, אָדער צו פלאַנצן אוגערקעס אין זייער גערטנדל. כ׳פרעג אייך: וואָס וואָלט איבערגעבליבן פון די סאָציאַליסטישע אָנשויאונגען ביי אַ פאַרביסענעם צו־להכעיס־סאָציאַליסט, ווען דער סאָציאַליזם וואָלט אים אַליין אַראָפּגענומען דאָס האָלז־קייטל און וואָלט פאַר אים אָנגעפילט זיין שיסל?

ווער ס׳דערוואַרט, אַז דער סאָציאַליזם וועט קומען נישט דורך דער אויטאָמאַטישער פאַרווירקלעכונג פון די אייזערנע עקאָנאָמישע געזעצן, נאָר דורך דער שאַפונג פון סאָציאַ־ליסטישע מענטשן, וועט מוזן, למען האמת, אָנפילן דידאָזיקע פאָרמול מיט אַזאַ זין, וועלכער שטעלט דעם טראָפּ נישט נאָר אויף דאָס וואָרט סאָציאַליסטיש; אדרבא, זאָל אויך פאַר דעם וואָרט מענטש עפּעס איבערבלייבן! דער סאָציאַליסטישער מענטש זאָל קודם כל זיין אַ מענטש. אויב דאָס צוקונפט־בילד, וואָס מאַכט זיך פונם סאָציאַליזם, שטימט נישט מיט דער מענטשלעכקייט פון דער אַרבעטערשאַפט אַזוי ווי זי איז, טאָ איז דערמיט נאָר באַוויזן, אַז דאָס בילד באַזירט זיך אויף יסודות, וועלכע זענען סותר דער מענטשלע־כער נאַטור.

אמת, דידאָזיקע נאַטור איז נישט אומפאַרענדערלעך; ס׳איז פונקט אַזוי מעגלעך, אַז דער סאָציאַליזם זאָל אויפבויען אַ פּראָדוציר־סיסטעם אויף דעם מאָטיוו פון אַרבעט פאַר דער געמיינשאַפט, אָנשטאָט דעם פּראָפיט־מאָטיוו, ווי ס׳איז מעגלעך פאַר דעם קאַפּיטאַליזם צו פאַרדרענגען דעם סאָציאַלן פליכט־

מאָטיוו דורך דעם סוחרישן פּראָפיט-מאָטיוו.ביידע וויסנשאַפטס-פאָרמען זענען נישט קיין אוממעגלעכע זאַכן.

זאָל מען אָבער דערביי נישט פאַרגעסן, אַז דער איבער-גאַנג פון איין מאָטיוו צום אַנדערן איז אַ סך מער אַ קאָמפּלי-צירטערע און לענגערע דערשיינונג, ווי די פאַרדרענגונג פון איין געדאַנקלעכער פאָרשטעלונג דורך אַ צווייטער. די מאָטיוון, וואָס באַשטימען די האַלטונג פון די מאַסן, באַזירן זיך אויף סאָציאַלע געוווינהייטן. אָבער געוווינהייטן לאָזן זיך נישט פאַרבייטן איינס-צוויי דורך נייע פאָרשטעלונגען, דורך טעאָרע-טישע פּיקציעס.

נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דאָס באַוווסטזיין פון דעם אַרבעטער-קלאַס איז אין דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם אינגאַנצן באַהערשט פון דער געלט-פאַרדינסט-אידעע, ווירקט נאָך אויף אים אויך די השפּעה פון די אַרבעטס-געוווינהייטן פון דער פ א ר ק א פ י ט א ל י ס ט י ש ע ר צייט, בשעת די אַרבעט איז דאָך געווען אַ מין מאָראַלישע פליכט; און געבליבן איז גאָט, אַז ס'איז אַזוי! וואָרום, אויב נישט, וואָלט די אַרבעט אינם קאַ-פּיטאַליסטישן וואַרשטאַט געווען אָדער נאָך אַן ערגערער גיהנום, ווי זי איז שוין במילא פאַרן רוב אַרבעטער, אָדער די גע-זעלשאַפט וואָלט בכלל אונטערגעגאַנגען אין אַזעלכע סאָציאַלע קאַמפן, וועלכע וואָלטן געווען אַסך ענלעכער צו די דער-פאָלגלאָזע אויפשטאַנדן פון די שקלאַפן אין אַלטערטום, ווי צו אַ קולטור-ווידערגעבורט און אויפקום פון דעם אַרבעטער-קלאַס. דער פאַקט, וואָס דער מאָטיוו פון אַרבעטס-פליכט און אַרבעטס-פרייד האָט פאָרט איבערגעלעבט די צעשטערנדיקע ווירקונג פון דער פאַבריק-אַרבעט, גיט ערשט די מעגלעכקייט פאַר אַ סאָ-ציאַליסטישן סיסטעם, דהיינו: ס'זאָל קאָנען געמאָלט זיין, אויפן יסוד פון די פּאָזיטיווע געוווינהייטן, אויסצופורמען אין מענטשלעכן גייסט נייע באַוווסטזיניקע אַרבעטס-מאָטיוון, וואָס זאָלן שטיין אויף אַ העכערער סאָציאַל-עטישער מדרגה. אין פאַל, ווען דאָס וואָלט נישט אַזוי געווען, וואָלט דער סאָציאַליזם פאַרשטאַנען, אַז ס'איז אַסך לייכטער צו דערוועקן נייע פאָ-ליטישע געדאַנקען, ווי צו שאַפן נייע געוווינהייטן פון לעבנס-

שטייגער, און די פערספעקטיוון פארן סאָציאַליזם וואָלטן געמעגן קלאָגעדיקע.

די מעגלעכקייט פון א סאָציאַליסטישן סדר הענגט ווייניקער אָפּ פון דער איבערמאכט פון א פּראָלעטארישער פּארטיי איבער אירע פּאָליטישע קעגנער, ווי פונם נצחון פון יענע טענדענצן, וועלכע קאָנען דערהאלטן ביים פּאָלק די שטענדיקע ארבעטס-פרייד און בריהשאפט, איבער די קעגן-טענדענצן, וואָס שטעלן אין געפאר דידאָזיקע מאָראַלישע יסודות פון א צוקונפטיקן געזעלשאפטס-סדר. גראָד יענע אונטערנעמער, וואָס זענען אויפגעבראכט קעגן דעם וואַקסנדיקן אומחשק צו ארבעטן, אונטערשטיצן די צעשטערנדיקע טענדענצן. זיי פארשווענדן די ירושה פון א בעסערער צייט, בעת זיי פארוואנדלען דעם ארבעטער אלץ מער און מער אין אן אינסטרומענט אָן א נשמה, און נוצן אויס יעטוועדע שטייגערונג פון פּראָדוקטיוויטעט, אָדער ארבעטס-אינטענסיווקייט, כדי דעם ארבעטער, ווי נאָר מעגלעך, צו עקספּלאָאטירן. דעמדאָזיקן פּאראדאָקס אנטשפּרעכט אן אנדערער: דוקא די פּראָפעסיאָנעלע באוועגונג, וועלכע די אונטערנעמער באשולדיקן, אז זי באגינסטיקט די ארבעטס-אומלוסט, און וועלכע איז אליין, צום גרעסטן טייל, אן אויסדרוק פון דערדאָזיקער וואַקסנדיקער ארבעטס-אומלוסט, דוקא זי העלפט אמשטארקסטן אויפצוהאלטן אָדער צו שאפן די גינסטיקע פּאראויסזעצונגען פאר דער ארבעט-פרייד. דאָס טוען די געווערקשאפטן שוין א דאנק דעם פשוטן פאקט, וואָס זיי פירן א קאמף פאר א העכערן לוין, פאר א קירצערער ארבעט-צייט, וועלכע באשיצן דעם ארבעטער פון עלנט און איבעראָנשטרענגונג און גיבן אים דערמיט די מעגלעכקייט צו זען אין דער ארבעט עפּעס אנדערש, ווי נאָר די פארהאסטע האָרעוואניע. זיי גיבן אים דאָס באוווסטזיין פון זיין מענטשלעכער חשיבות, אָן וועלכער זיין גאנצע ארבעט איז א פשוטע שקלאפעריי; זיי באגינסטיקן אלץ, וואָס קאָן ארויסברענגען העכערע לייסטונגען און א גרעסערע פּראָדוקטיווקייט, ווייל ערשט דערמיט שאפן זיי א פּראקטישן באָדן פאר זייערע פאָדערונגען פון א בעסערער עקזיסטענץ. זיי באקעמפן די שוויץ-מעטאָדן, וועלכע טרייבן דעם ארבעטער צו אויפגעמאטערטקייט און דורכדעם

אויך צו א כראָנישער פאַרביטערונג. זיי שטרעבן אלץ מער און מער אָנצוווענדן נישט אזוי דעם נעגאַטיוון מעטאָד פון צוריקהאלטן זיך פון דער ארבעט, וואָס איז א שטענדיקע דערשיינונג אין דער עפּאָכע פון סטיכישע שטרייקן, ווי דעם מעטאָד פון באַיאָזונג פון ארבעט, וועלכער פירט סוף כּל סוף דערצו, אז די ארבעטס־פאַרהעלטענישן ווערן גצזיכערט דורך אָפּמאכן און דורכדעם מיט דעם רעכט פון די ארבעטער — צו זאָגן א דעה אין דער פירונג פון דער פאבריק. פון אזא קוק קומט נישט אָפּ קיין ברעקל ווערט פון דעם רעכט און דעם נוצן פון שטרייקן, וואָס דאָס שאַפט ערשט די מעגלעכקייט פון יעטוועדער עקאָנאָמישער פאַרבעסערונג. אָבער דער קאַמף, אין וועלכן דערדאָזיקער וואפן ווערט געברויכט, אָדער ער ווערט געהאלטן גרייט צום געברויך, באקומט א נייע ריכטונג, וועלכע דריקט זיך אויס אין דעם ציל פון א דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע אין פאבריקן; דערדאָזיקער ציל, צו וועלכן עס שטרעבט די אינסטיטוציע פון די „באַטריבסראַטן" (פאַבריק־קאָמיטעטן), און וועלכן די געווערקשאַפטן פון פאַרשיידענע לענדער פאָרמולירן אלס workshop control, industrial democracy, control ouvrier, ארבעטער־קאָמיטעטן, ארבעטער־ראַטן א. א. וו., ווערט אלץ מער און מער צום עיקר גדול פון אלע הייַנטיקע געווערקשאַפטס־באַוועגונגען, ווו נאָר זיי בעגרענעצן זיך נישט, צוליב גאָר קריטישע און עקאָנאָמישע אומשטענדן פון די ארבעטער, נאָר מיט דעם קאַמף פאַר דעם עקזיסטענץ־מינימום סתם. דאָס קאָן, מער ווי א וועלכע נישט איז אנדערע פאָדערונג, מעגלעך מאכן די פרוכטבארע באַציאונגען פון דעם ארבעטער צו זיין ארבעט אויף אזויפיל, אויף וויפל די אינערלעכע אָרגאַניזאַציע פון דער פאַבריק גיט דעם ארבעטער אויך מער איינפלוס איבער די סאָציאַלע און טעכנישע באַדינגונגען פון דערדאָזיקער ארבעט.

אמת, דאָס ארבעטס־געפיל לאָזט זיך נישט אינגאנצן ווידער אָנפילן דורך דעם „פאַבריק־גייסט" מיט א נייעם נשמה־אינהאלט, אָבער פאַר דעם פּראָדוצענט איז די באַנייאונג פון די פאבריק־גייסט־איבערלעבונגען איינע פון די הויפּט־באַדינגונגען, וועלכע מוזן פאַרווירקלעכט ווערן, איידער אן אמתע

ארבעטס-פרייד וועט בכלל מעגלעך ווערן צוריק אין דער אינדוסטריע. די געווערקשאפטן וואָלטן זיכער געווען אין דער לאַגע נאָך מער אויפצוטאָן אין דערדאָזיקער ריכטונג, אפילו צו באזיגן א סך פון די היינטיקע פסיכישע ווידערשטאנדן ביי די אָנפירער פון די פאַבריקן און די טעכניקער, ווען זיי גופא, די געווערקשאפטן, וואָלטן נישט געמוזט קעמפן מיט אינערלע־כע מניעות, וועלכע ווערן פונם מארקסיזם אומגעהייער באגינ־סטינקט. דידאָזיקע מניעות האָבן זייער וואָרצל אין דעם פאטא־ליסטישן גלויבן, אז אין דער קאפיטאליסטישער געזעלשאַפט קאָן מען נישט אָפּהאַלטן דעם דעקוואליפיצירונגס-פּראָצעס פון דער אַרבעטערשאַפט (דאָס כסדרדיקע זינקען פון דער טעכ־נישער בילדונג און צוגרייטונג פון דעם אַרבעטער), און אַז אָט דער פּראָצעס איז טאַקע א באַדינגונג פון דער פּראָלע־טאַרישער איינהייט. אָט אזוי פאַרבינדט זיך מיט דער סאָציאַ־לער פאַראָרעמונגס-טעאָריע, וועלכע שרייבט אָן, על פי נוסח קאַרל מארקס, איבער יעטוועדן פאַבריק-טויער די ווערטער פון דאַנטעס גיהנם: „פאַרדאַמט זייט איר, נישט צו געניסן קיין שום פרייד און האָפענונג! — ביז ס'וועט שלאָגן די שעה פונם לעצטן פסק דין, דאָס הייסט, פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע”. און וואָס וועט זיין דערנאָך? ווען אויף מאָרגן נאָך דער רע־וואָלוציע וועט די פאַבריק אַריבערגיין צו דער מלוכה, און אַנדערע באַלעבאַטים וועלן זיצן אין קאַנטאָר, טאָ וועלן שוין די מענטשן, וואָס וועלן זיך צוריקקערן אין דער פאַבריק, דורך דעם טויער מיט א נייער אויפשריפט איבער אים, טאַקע ווערן גאַנץ אַנדערע מענטשן? מוז מען טאַקע ביז אָט יענעם טאָג אָפּזאָגן זיך פון יעדער מעגלעכקייט צו געשטאַלטן דאָס לעבן אין דער פאַבריק אויף א גאַנץ אַנדער אופן, ווי דער אופן, וועלכן ס'דריקט אויס די אויפשריפט פון דאַנטען? די פּראַקטיק פון דער באַוועגונג ענטפערט אויף דעם: ניין! זי וואָלט אָבער געקאָנט דעם ענטפער מאַכן א סך באַדייטונגס־פולער, אויב זי וואָלט זיך וועלן באַפרייען פון די אָפּגעלעבטע שלאָג-ווערטער, וואָס פאַרצאָמען דעם וועג צו אירע אייגענע ציִלן. אין דער אמתן שטימט דאָ די טעאָריע בכלל גאָרנישט מיט דער ווירקלעכקייט; די טעאָריע, לויט וועלכער דער טעכ־

גישער פאָרטשריט פון דער מאַשינעריע מוז פאַרוואַנדלען אַלע אַרבעטער אין אומגעלערנטע משרתים און גייסטלאָזע טיילן פון דער מאַשין, און דורך דעם אַוועקנעמען פון זיי די גאַנצע אַרבעטס-פרייד. נו, האָט מאַרקס בכלל געקאָנט אויפבויען די טעאָריע, דערקלערט זיך דאָס אייגנטלעך מיט די פאַרהעלטע-נישן פון זיין צייט. ער האָט געזען דעם אונטערגאַנג פון האַנטווערק און דאָס אויפקומען פון נייע מאַשינעלע אינדוסטריעס, ווי, למשל, די ענגלישע טעקסטיל-אינדוסטריע, וועלכע ער האָט גענומען אַלס מוסטער און וועלכער ס'האָבן געאַרבעט כמעט נאָר אומגעלערנטע (אומפאַכאָווע) אַרבעטער, דערהויפט פרויען און קינדער. דאָס בילד פון דעמדאָזיקן צושטאַנד, וואָס מאַרקס און ענגעלס האָבן אין די ריכטיקע פאַרבן אויסגעמאָלט, איז געבליבן אַזוי קלאַסיש, אַז דאָס האָט עד היום, אויך אַפילו פאַר אַ סך נישט-מאַרקסיסטן, פאַרטונקלט דעם קוק אויף דער ווירקלעכקייט, וועלכע שטימט נישט מער מיט דעמדאָזיקן בילד.

קודם כל מוז מען וויסן, אַז אין דער פראַקטיק איז אוממעגלעך, מעשה-דויערנדיקע דערשיינונג, די פולשטענדיקע באַזייטיקונג פון דער נשמה, אַלס אַ פאַקטאָר אין דער אַרבעט. די אַבסאָלוטע הכנעה פון דעם אַרבעטער לגבי דער מאַשין איז אַן עקסטרעמער צופאַל, וועלכער ווערט קיינמאָל נישט אינגאַנצן פאַרווירקלעכט. דער מענטש וויל דאָס נישט; ס'איז תמיד דאָ אַ שטיקל רעשט פון אַ מעגלעכקייט פון אַר-בעטס-פרייד, וועלכעס ער מוז אויסנוצן, כדי ער זאָל נישט אונטערגיין פסיכיש אינגאַנצן. יעטוועדע טעטיקייט, ווי פאַר-טעמפּט זי זאָל נישט ווערן דורך דער מעכאַניזירונג, גיט דאָך געוויסע מעגלעכקייטן דעם מענטש אַרויסצווייזן אין איר אי-ניציאַטיוו, וועלכע ברענגט אַ געוויסע באַפרידיקונג דעם שפּיל-אינסטינקט און טעטיקייטס-אינסטינקט; דאָס קומט שוין אויך פון דעם, ווייל ס'איז נישטאָ קיין אַרבעט, וועלכע אַ מענטש זאָל נישט קאָנען אויספירן בעסער אָדער ערגער. אַפילו יענער אויספירונגס-פּלאַן, וועלכער איז אויסגעאַרבעט אויפן פּאַפּיר, אויפן גרונט פון דעטאַלירטע צייט- און באַוועגונגס-חשבונות, לאָזט נאָך שטענדיק איבער דעם אַרבעטער פאַקטישע ווינקע-לען, דורך וועלכע ער קאָן צייטווייליק ווידער באַקומען דאָס

באַשטימונגס־רעכט איבער זײַנע אײגענע באַוועגונגען, אַלץ אײנס, צי עס האַנדלט זיך אַפילו וועגן מאַכן אַ װעלכע נישט אין רעפּאַראַטור, צי װעגן צוקלערן אַ נײַ מיטל, דורך װעלכן דער אַרבעטער קאָן באַאײַנפלוסן דעם טעמפּ אָדער די קװאַ־ליטעט פון זײַן אַרבעט. דער אַרעסטאַנט אַפילו, װאָס איז אויף יאָרן לאַנג פאַרמשפּט צו קלעפּן אין טורמע פּאַפּירענע זעקלעך, זוכט זיך אויס מיטלען און װעגן, כּדי אין אַ געװיסער הינ־זיכט צו באַקומען אַן אינטערעס צו דער דראַזיקער אַרבעט. לכל הפּחות זוכט ער ביז צום סוף פאַרשײדענע קונצן, כּדי מיט אַ קלענערער אָנשטרענגונג צו שאַפן אַ בעסערע אַרבעט. און שוין דידאָזיקע זוכעניש גופא ברענגט צו אַ גײַסטיקער באַ־פרידיקונג, װעלכע קאָן אים ראַטעװען פון אַ פולשטענדיקער טעמפּקײטס־שטימונג.

די הערשאַפט פון דער מאַשין איז קײנמאָל נישט קײן אַבסאָלוטע הערשאַפט, אין װעלכער נאָר די מאַשין איז אַ פאַקטאָר. די באַציאונג פון דעם אַרבעטער צו איר טראָגט אין זיך שטענדיק אַ קאַמף פון מאָטיװן, װאָס גײען אין צװײ קעגנזעצלעכע ריכטונגען, און װעלכע זענען תּמיד בײדע, אין אַ װעלכער נישט איז מאָס, פאַראַן אין לעבן. אויף אײן זײַט שטײט דער מענטש, װעלכער פרוװט, מערסטנס אויף אַן אומ־באַװוסטזיניקן שטײגער, שטענדיק איבערנײס צו געפינען אַ שטיקל פרײד אין זײַן אַרבעט, און דורך איר צו געװינען לכל הפּחות אַזױפיל װערט און זעלבסט־רעספּעקט, אַז ער זאָל זיך אַלײן, װי אַ טויטן אינסטרומענט, נישט מוזן פאַראַכטן. אויף דער אַנדער זײַט געפינען זיך די מניעות צו אַזאַ לאַגע, דהײנו: ערשטנס, אַ פּסיכישע; די הינדערניש בײַ דעם אַר־בעטער גופא, װעלכן אַ געװיסע מאָס פון אויטאָמאַטישקײט — באַזונדערס פון ריטמישער אויטאָמאַטישקײט, קאָן גאָר זײַן גאַנץ ליב, װײַל דאָס מאַכט קלענער אין אים די מידקײט און לאָזט איבער פרײַ די געדאַנקען. אויך דער מיטלאַלטערלעכער האַנטװערקער האָט געמוזט קאָנען און װעלן האָבן אַזעלכע פאַזן פון אָפּגעשװאַכטער אויפמערקזאַמקײט. ס'איז אַפילו נישטאָ קײן אײן קינסטלער, װעלכן עס זאָל נישט זײַן ליב צו מפסיק זײַן זײַן שעפערישע אַרבעט דורך פאַזן פון לײַכטער רוטינ־

אַרבעט. און נאָכמער זוכט דער אַרבעטער בײַ דער מאַשין אויסצונוצן זי, כּדי צו געפינען אַ געלעגנהייט פאַר זײַנע טאָג-חלומות, וואָס דערווייטערן אים, אין זײַן פאַנטאַזיע, פון דער פאַבריק-סביבה. און צווייטנס, די טעכנישע הינדערנישן, פשוטם כּמשמעם, וואָס זענען די פּועל יוצאס פון דער מאָנאָטאָנישקייט און אומזעלבשטענדיקייט פון דער אַרבעט גופא. און ענדלעך די סאָציאַלע ספקות, וואָס שטאַמען פון דער קלאַסן-אומצופרידנקייט פון אַרבעטער: ער טראַכט שטענדיק וועגן דעם, אַז סוף כּל סוף „שאַפט ער דאָך נײַע דיווידענדן". אויסער דעם האָט ער דאָס געפיל, אַז דורך אַ צו גוטער אַרבעט אַנטשטייט פאַר אים די געפאַר, אַז מ'וועט אים פאַרקלענערן דעם אַקאָרד-לוין (שטיק-שכירות), אָדער דער מייסטער וועט פון אים פאַרלאַנגען נאָך מער אַרבעט, אָדער וויניקסטנס, אַז די אייגענע חברים וועלן אים פאָרוואַרפן זײַן כּלומרשטע נישט-סאָלידאַרישקייט אָדער קאַריעריזם; באַשר, פאַרגעסט נישט, אַז „אַרבעט" און „קאַפּיטאַל" שטייען דאָך שטענדיק, ווי צוויי דם-שונאים, אין אַ קאַמף אויף לעבן און טויט.

בײַ דעם דורכשניט-אַרבעטער, וואָס באַדינט אַ מאַשין, וועגן איבער בכלל זייער שטאַרק דוקא די לעצטע טענדענצן, וועלכע פאַרמינדערן די אַרבעטס-פרייד. אָבער קיינמאָל זענען זיי נישט בּיכולת אינגאַנצן אויסצושליסן די ערשטע טענדענץ, וואָס זוכט דאָך, אין קעגנזאַץ צו אַלעם דעם, דעם וועג צו דער אַרבעטס-פרייד. אין דערווירקלעכקייט קומט פאַר צווישן בײדע תּמיד אַ קאַמף, וועלכער פירט צו אַ וואַקלענדיקן גלײַכגעוויכט פון די אַנטקעגנגעזעצטע פסיכישע כּחות, אַ מין פּשרה פון מאָטיוון. בײַ דעם אַרבעטער, וועלכער פילט אָט דעם קאַמף, קאָן דערדאָזיקער קאָמפּראָמיס-צושטאַנד פירן צו אַן אינערלעכער אומרו, וועלכע אַנטפּלעקט זיך אין זיך אין פאָזן פון באַפרידיקונג, אַנטוישונג און יאוש, וואָס בײַטן זיך כּסדר איינע נאָך דער אַנדערער. אַ צווייטער גרונט, וואָס באַגרענעצט שטאַרק די אַלגעמיינע גילטיקייט פון דער קלאַסישער מאַרקסיסטישער טעאָריע, איז דער, וואָס ווייט נישט אין אַלע אינדוסטריעס זענען דאָ די טעכנישע באַדינגונגען פאַר אַ מעכאַניזירונג פון אַלע אַרבעטס-פּראָצעסן, די פּראָדוקציע-צווייגן, אין

וועלכע די אנווענדונג פון מאשינען דערמעגלעכט די גרעסטע עקאנאמיע פון ארבעט, זענען, פארשטייט זיך, געווען די ערשטע איינצופירן דאס פאבריק-סיסטעם: אין דער טעקסטיל-אינדוסטריע רופט ארויס די איינפירונג פון מאשינען א וווקס פון דער פראדוקטיווקייט פון יעדן ארבעטער, וואס שטייגט אפילו אריבער אויף א הונדערטפאכיקן שטייגער די בעל מלאכהשע לייסטונג. אזעלכע דערפארונגען האט מארקס פאראלגעמיינערט צו פרי און צו שנעל; קיין אלגעמיינעם כלל טאר מען פון זיי נישט מאכן.

ביי א גרויסער צאל אנדערע אינדוסטריעס, וואס האבן פון דעמאלט אן פארדרענגט דאס האנטווערק, אדער האבן געשאפן גאנץ נייע פראדוקציע-צווייגן, איז אדער די עקאנאמיע פון ארבעט דורך דער מאשין נישט אזוי גרויס, אדער די מאשינען, וואס זענען דערצו נויטיק, זענען צו טייער. חוץ דעם איז דא אין דער אינדוסטריעלער פראדוקציע אין איר גאנצער ברייט א ריי אזעלכע ארבעטן, וואס קאנען בכלל דורך דער מאשין נישט אויסגעפירט ווערן. די צאל פון אזעלכע ארבעטן ווערט גראד שטארק פארמערט דורך דער פארגרעסערונג פון די פאבריקן און דורך דער, מיט דעם פארבונדענער, דערווייטערונג צווישן דעם פלאץ פון דער פראדוקציע און דעם פלאץ פון פארברויך; אזוי, למשל, די פארקערס-אינדוסטריע, די טראנספארט-אויפגאבן אין די פאבריקן גופא, די ביוראקראטיזאציע און די איינטיילונג פון די ארבעטן אויף העכערע און שווארצע, וואס שאפט א געוויסע צאל פון נישט-מאשינאווע פונקציעס א. א. וו. דערצו מוז מען צוגעבן — שוין נישט רעדנדיק פון דער לאנדווירטשאפט, האנדל, פון דער הויז-ארבעט פון פרויען, פונם באאמטענטום א. א. וו.— א גאנצע ריי פון געווערבלעכע פראדוקציע-צווייגן און פארמיטלונגס-פונקציעס, וועלכע אדער זיי ווערן בכלל נישט אויסגעפירט דורך דער מאשין, אדער זיי ווערן (ווי דאס איז מיט אסך רעפאראטור-ווארשטאטן) אפילו אויסגעפירט אין א קאפיטאליסטישן ווארשטאט, אבער דאך אויף דעם האנטווערקערשן אופן. פאר מענטשלעכער ארבעט איז נאך דא גענוג פלאץ; ס'איז א פאקט, אז דער רוב פון די אומפאכאווע ארבעטער-

פירט היינט אויס די נישט-מאַשינאַלע אַרבעטן, און די אומטאַכאָווע אַרבעטער שטייגן דוקא אין צאָל פון יאָר צו יאָר.

דער האַנטווערקער פון אַמאָל איז געוואָרן היינט צוטאָג אַ יקר המציאות; ער איז אָבער דאָך, אויף וויפל עס קומט אין באַטראַכט די מאַשינעלע אַרבעט, פאַרדרענגט געוואָרן נישט אַזוי פון דעם טיפ פון אַ אומגעלערנטן מאַשינען-שקלאַף, ווי פון דעם טיפ פון אַ „צוגעלערנטן", האַלב-ספּעציאַליזירטן אַרבעטער. דערדאָזיקער אַרבעטער האָט נישט נאָך אַלעמען קיין פּראָפעסיע, אין דעם זין, אַז ער זאָל זיין ביכולת אינגאַנצן אויסצואַרבעטן אַ אינדוסטריעלן פּראָדוקט. ער איז באַשרענקט אויף אַ טייל-אַרבעט, ווי, למשל, דער „דרייער" (טאָקער) אין אַ מאַשין-פאַבריק; אָבער צו דערדאָזיקער טייל-אַרבעט מוז ער האָבן טעכנישע קענטעניש, ד. ה. אַ ספּעציעלע בילדונג און פּראַקטישע צופּאַסונג, וועלכע פאַרלאַנגט אָפטמאָל נישט ווייניקער צייט, ווי די פריערדיקע לערן-צייט פון דעם ריכטיקן האַנטווערק-געזעל.

דערמיט שליסט מען זיך אָן אויף דעם דריטן הויפּט-חלוק צווישן דעם דיאַגנאָז פון קאַרל מאַרקסן און דער ווירקלעכקייט:

נאָך דעם סטאַדיום פון דער מעכאַניזירונג, וועלכע דערנידעריקט דעם אַרבעטער צו אַ טעכניש-אומגעלערנטן משרת פון דער מאַשין, קומט אָפטמאָל אַן אַנדער סטאַדיום, אין וועלכן ער פאַרוואַנדלט זיך אין אַ קוואַליפיצירטן אויפזעער אָדער באַהערשער פון דער מאַשין. אין דער מעכאַניזירונג פון דער פּראָדוקציע זענען דאָ צוויי טענדענצן, וואָס פירן אין אַ קעגנזעצלעכער ריכטונג: אַ דעקוואַליפיצירנדיקע, אַ דערנידעריקנדיקע, און אַ קוואַליפיצירנדיקע, אַזאַ, וואָס פירט ווידער אַרויף, נו, וועלכע פון די ביידע טענדענצן זעצט זיך דורך אין יעטווידן איינצלנעם פאַל — נישט פון אַ אינדוסטריע בכלל, נאָר פון אַ באַשטימטער איינצל-אַרבעט, — דאָס הענגט אָפּ פון דער טעכנישער אייגנאַרטיקייט פון דערדאָזיקער אַרבעט און פון דעם גראַד פון דער טעכניק, וועלכע איז שוין דערגרייכט געוואָרן אין דעמדאָזיקן באַזונדערן פונקט. מען טאָר נישט באַטראַכטן די אָדער די אַנדערע טענדענץ פאַר אַן איינציק-

הערשנדיקע ; פון פאל צו פאל זענען די אומשטענדן צו שטארק פארשיידן, אז מ'זאל קאנען זיי פאראלגעמיינערן און דערביי פארט נישט פארגוואלטיקן די ווירקלעכקייט. אמת, מ'קאן זאגן, אז דאס בילד פון מארקסן שטאמט פון אזא צייט, ווען די דעקוואליפיצירנדיקע טענדענצן פון דער מאשיניזירונג האבן געשטאכן די אויגן, בעת די אנטקעגנגעזעצלעכע טענדענצן באקומען דוקא פון יענער צייט אן אלץ מער באדייטונג און וואקסן צוזאמען מיט דעם וווקס פון דער טעכניק.

דארטן, ווו די טענדענץ צו א באנייטער קוואליפיקאציע האט זיך שוין אנטפלעקט, קאן מען זיך אויסמאלן אומגעפער פאלגנדיק בילד פון איר אנטוויקלונג. די מאשין דערשיינט צוערשט, ווי אן איינצל־וערקצייג, וואס ווערט געטריבן דורך מעכאנישער קראפט. נו, וואס איז דערביי געשען? אויף דעם ארט פונם האנטווערקער, וועלכער האט פריער באנוצט דאס־דאזיקע ווערקצייג, איז אלזא אריינגעטראטן אן „אומגעלערנטע" ארבעטס־קראפט, אפטמאל אפילו א פיזיש־שוואכע קראפט, ווי א שטייגער די פרוי אדער דאס קינד, וואס זייער ארבעט ביי דערדאזיקער איינפאכער מאשין באגרענעצט זיך מיט איינפאכע באדינונג־פראצעסן, וועלכע מ'קאן זיך אויסלערנען אין א זייער קורצער צייט. מיט דער צייט ווערט אבער די מאשין טעכניש אזוי פארפולקאמט, אז זי נעמט איבער די פראצעסן פון א גאנצן קאמפלעקס פון אינסטרומענטן, אדער פון א סך האנט־באוועגונגען. עס ווערט שוין אין איינקלאנג מיט דעם פארטשריט שווערער און קאמפליצירטער אנצופירן מיט דער מאשין ; די באוועגונגען, וואס דער ארבעטער האט געמוזט פריער מאכן, כדי זי צו שפייזן, און צו פארוואלטן איבער דעם רוי־שטאף בעת דער ארבעט, ווערן איצט אלץ מער אויסגעפירט פון דער מאשין גופא. צוליב דעם האט זיין ארבעט, אלס דינער פון דער מאשין, א״ך ווייניקער באדייטונג אין פארגלייך מיט זיין אויפגאבע, אלס אויפזעער און מייסטער פון דער מאשין. זיין ארבעט איז אלזא דורך דעם טעכנישן פארטשריט גופא אויפסניי געווארן קוואליפיצירט ; נאר שוין נישט אויף דעמזעלביקן שטייגער, ווי די ארבעט פון דעם אמאליקן האנטווערקער. וואס איז איצט נויטיק, איז שוין נישט אזוי די

האַנט-בריהשאַפט, ווי די אַלגעמיינע שטייגערונג פון די גייסטיקע פעאיקייטן, למשל, די צופּאַסונג צו אַ באַשטימטער טייל-אויפגאַבע פון דעם פּראָדוציר-פּראָצעס, ווי די באַקאַנטשאַפט מיט די אַלגעמיינע געזעצן פון דער טעכניק און מעכאַניק — מיט איין וואָרט, אַ דערנענטערונג צום טיפּ פון אַן אינזשינער. אַ מאַסשטאַב פאַר דעם גאַנג פון דערדאָזיקער סאָציאַלער אַנטוויקלונג איז צו זען אין דעם, ווי די אַלטע ספּעציעלע פּראָפעסיאָנעלע אויסבילדונג ווערט פאַרביטן דורך אַ נייעם טיפּ פון אַ אַלגעמיין-געווערבלעכער, אָדער אַלגעמיין-טעכנישער, אויסבילדונג. אמת, דער אומבוי פון דעם טעכניש-פּראָפעסיאָנעלן אונטעריכט גיט נאָך נישט די מעגלעכקייט צו דערקענען אין איר פולער גרויס דידאָזיקע אַנטוויקלונג, ווייל דער פּעדאַגאָגישער קאָנסערוואַטיזם פירט נאָך, אין אַסך אייראָפּעאישע לענדער, דערצו, אַז אַן 80 יונגע געווערבע-שילער באַקומען אָפט אַזאַ פּראָפעסיאָנעלע אויסבילדונג, וועלכע זיי קאָנען שפּעטער נישט אויסנוצן ביי דער מאַשין.

די טעכנישע אַנטוויקלונג מוז אָבער נישט דווקא גיין לויט דער אויבן-געשילדערטער פאָרם: ד. ה. פון אַ בהדרגהדיקער פאַרפולקאָמונג פון דעם ווערקצייג צו דער מאַשין, און פון דער ווערקצייג-מאַשין צו אַן אויטאָמאַטישער פול-מאַשין, וואָס פירט אויס די גאַנצע אַרבעט. ביי די העכסט-אַנטוויקלטע טיפּן פון מאַשינען — האַנדלט עס זיך אָפטמאָל וועגן פּראָצעסן, וואָס האָבן קיינמאָל נישט געהאַט קיין שייכות צום האַנטווערק, און וועלכע זענען אַנשטאַנען, אין פאַרלויף פון דער גאַנצער אַנטוויקלונג פון דער טעכניק, אַלס נייע ספּעציעלע אַרבעט-אויפגאַבן. אַ ביישפּיל פונם בהדרגהדיקן אַנטוויקלונגס-טיפּ איז דער איבערגאַנג פון דעם אַלטן האַנטווערקלעכן בוכדרוק פון דעם גוטענבערגערשן האַנטפּרעס צום מאַשינמייסטער פון דעם היינטיקן ראָטאַציע-דרוק. אַ ביישפּיל פון אַ שפּרונג-אופנדיקער אַנטוויקלונג איז דער לאָקאָמאָטיוו-פירער, וועלכן אַפילו סטעפענסאָן, דער דערפינדער פון לאָקאָמאָטיוו, וואָלט משמעות אויך נישט געזוכט צווישן די פאָסט-בעלי-עגלות, וועלכע זענען פריער געפאָרן אויף דערזעלביקער שטרעקע. אין ערשטן פאַל (בוך-דרוק) שטייט היינט צו טאָג אַ הויך-

קוואַליפיצירטער מאַשין-אויפזעער דאָרט, ווו פריער איז געשטאַנען דער אויך הויך-קוואַליפיצירטער האַנטווערקער. אין צווייטן פאַל (לאָקאָמאָטיוו-מאַשיניסטן) פירט אויס אַ כמעט-אינזשינער אַ טעכניש גאַנץ נייע אויפגאַבע, וועלכע האָט אָבער, פון סאָציאַלן שטאַנדפונקט, לגמרי איבעריק געמאַכט די אַרבעט, וואָס האָבן פריער אויסגעפירט די אומגעלערנטע קוטשערס און בעלי-עגלות.

אויך די אַנטוויקלונג פון דער „נייער" לאַנדווירטשאַפט אין די קאָלאָניאַלע לענדער שטעלט מיט זיך פאָר אַן ענלעכע באַנייטע קוואַליפיצירונג, אַ דאַנק דער אַנטשטייאונג פון אַ נייער פּראָדוקציע-פאָרם. פריער איז די גאַנצע לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקציע געווען געשאַפן דורך [illegible] אַרבעט פונם פויער, היינט אָבער איז שוין דער גרעסטער טייל פונם וועלטבאַדאַרף פון ערד-פּראָדוקטן — קודם כל פון תבואה — געדעקט דורך דער עקסטענסיווער לאַנדווירטשאַפט אין די מעבר-לים לענדער. אין די געדיכט-באַזעצטע אינדוסטריע-לענדער פון אייראָפּע, ווי ענגלאַנד און בעלגיע, גייט די לאַנדווירטשאַפט אַלץ מער און מער אַריבער צו אַ העכסט-אינטענסיווער פּראָדוקציע פון גרינס און פון דער מילך-ווירטשאַפט, בעת דער גרעסטער טייל פון מעל ווערט געמאָלן פון אַמעריקאַנער תבואה. דער פאַרמער, וועלכער ברענגט אַרויס דידאָזיקע תבואה, איז לויט דעם גאַנצן שטייגער פון זיין פּראָפעסיאָנעלער אויסבילדונג פּונקט אַזוי פאַרשיידן פון דעם אייראָפּעאישן פויער, ווי ס'איז פאַרשיידן דער היינטיקער מאַשינען-שלאָסער פונם פאַרצייטיקן דאָרפשמיד. די עקסטענסיווע קולטור מאַכט איבעריק אַ סך האַנטווערקלעכע פעאיקייטן, קענטעניש און קונצשטיק, וועלכע דער פויער האָט אין אַ געוויסער מאָס באַקומען בירושה. נו, וואָס פאָדערט זיך אָבער פאַרן דערפאָלג פון דער נייער לאַנדווירטשאַפטס-פירונג? דער פאַרמער מוז פאַרשטיין אַרומצוגיין ביי מאַשינען, טראַקטאָרן, אַפילו ביי זיין אייגענעם אויטאָמאָביל. די גרויסע מרחקים צווישן איין אָרט און אַ צווייטן צווינגען אים, ער זאָל אַליין מאַכן די נויטיקע מאַשין-רעפּאַראַטורן, וועלכע דער אייראָפּעאישער פויער גיט געוויינלעך אָפּ אין דאָרף, אָדער אין שטאָט; ער מוז זיין גלייכצייטיק אַ שאָפער, אַ מעכאַניקער, אַ מויערער,

א טישלער, א מאליאר און א גלעזער, און ווייל ער זעצט אָפּ זיין סחורה נאָר איינמאָל אין יאָר אין אזא פּראָדוציר-צווייג, אין וועלכן די פראגן פון טראנספּאָרט און אָפּזאַץ שפּילן א הויפּטראָלע, מוז ער אויך האָבן פארשיידענע ידיעות מכח באנקן און קרעדיטן, וועגן בוכהאַלטעריע און האנדל-קאָרעספּאָנדענץ, דאָס אלץ, וואָס עס דאַרף נישט האָבן דער פויער, וועלכער פאָרט פשוט מיט זיין סחורה אויפן מארק. אויף אזא אופן האָבן מיר אויך דאָ א פּראָדוצענט, וואָס ווערט, דורך דער אינדוסטריאליזאַציע און מעכאניזאַציע, געהויבן אויף א העכערער שטופע פון קוואליפיקאַציע, ווי דער „בעל-מלאכה-שער” פויער.

ס'איז אָבער וויכטיק פעסטצושטעלן, אַז דער פּראָגרעס פון דער טעכניק, וואָס מאַכט מעגלעך די דאָזיקע אַנטוויקלונג, איז בשום אופן נישט עפּעס אַזוינס, וואָס איז אין זיך זעלבסט באַגרינדעט. אין דער היינטיקער צייט פון דער ממש אומבאַגרענעצט-הערשנדיקער טעכניק האָבן מיר זיך אַזוי צוגעוווינט צו מיינען, אַז דער פּאָרטשריט פון די פּראָדוציר-מעטאָדן קומט פאָר נאָר א דאַנק די עקאָנאָמישע געזעצן מיט אַן אייזערנער נויטווענדיקייט און עפּעס ווי פון זיך אַליין, אַז מיר זעען גאָרנישט איין, ווי נישט-היסטאָריש אַזא אויפפאַסונג איז. דערוועלביקער אַבערגלויבן בנוגע דער זעלבשטענדיקייט פון דעם טעכנישן פּאָרטשריט האָט מאַרקסן געבראַכט דערצו, אַז ער האָט דעם גאַנצן מענטשלעכן פּראָגרעס באַטראַכט נאָר ווי א טעכנישן פּראָגרעס, און האָט דערמיט אומבאַוווּסטזיניק, לויט דעם ביישפּיל פון דער ליבעראַלער פּאָליטישער עקאָנאָמיע, דערהויבן צו א מדרגה פון א נאַטור-געזעץ איין-אייציקן עלעמענט פון דעם קאַפּיטאַליסטישן פּראָדוציר-סיסטעם.

אויך אין דעם היינטיקן קאַפּיטאַליזם איז די טעכנישע אַנטוויקלונג נישט קיין אויטאָמאַטישער פּראָצעס, נאָר זי איז א פּראָצעס, וועלכער הענגט אָפּ פון די סאָציאַלע פאַרהעלטענישן, און טאַקע דער עיקר פון דער האַלטונג פון דער אַרבעטערשאַפט. די אַנטוויקלונג פון מאַשיניזם, וועלכע מאַרקס האָט באַאָבאַכטעט און געשילדערט, וואָלט טאַקע אַרויסגערופן יענע, פון אים פאָראויסגעזעענע, פולשטענדיקע דעקוואַליפיצי-

רונג, ווען דער קאַפּיטאַליזם פון דעם 20־טן יאָרהונדערט האָט נאָך געהאַט צו טאָן מיט אַן „אַרבעטער־מאַטעריאַל", וואָס ס'לאָזט זיך הכנעהדיק בויגן, און קאָן פאַרגליכן ווערן מיט די "Hands" („אַרבעטער־הענט") פון דעם אַלטן ענגלישן פאַבריק־סיסטעם.

דער מעכטיקסטער מאָטיוו צו דער ווייטערדיקער פאַרפולקאָמונג פון דער טעכניק, וואָס האָט מעגלעך געמאַכט די באַנייטע קוואַליפיצירונג פון דעם מאַשין־אַרבעטער, איז טאַקע געקומען אַ דאַנק דער וואַקסנדיקער טייערקייט פון דער מענטשלעכער אַרבעטס־קראַפט, אַ דאַנק דער פאַרמערונג פון די פאָדערונגען און צוליב דער סאָציאַלער מאַכט פון דעמדאָזיקן „מענטשן־מאַטעריאַל". צפון־אַמעריקע האָט אַמווייטסטן דורכגעפירט די מעכאַניזירונג פון דער פּראָדוקציע, ווייל, נישט קוקנדיק אויף דער וואַקסנדיקער איינוואַנדערונג, איז דאָרט דער אָנגעבאָט פון אַרבעטס־קרעפטן געווען לערך נישט גרויס, אַזוי, אַז די אַרבעטער האָבן געקאָנט דערגרייכן אַ הויכן לעבנס־שטייגער, און דאָס האָט געפירט דערצו, אַז אַפילו טייערע מאַשינען זענען געווען נאָך אַלץ ביליקער פון דער מענטשלעכער אַרבעטס־קראַפט, וועלכע מ'האָט דערביי איינגעשפּאָרט. פאַרקערט, די לענדער, וו דער אָנגעבאָט פון ביליקע אַרבעטס־קרעפטן איז באַזונדערס גרויס, און אַ דאַנק דעם איז דאָרט די אַרבעטס־צייט די לענגסטע און דער לוין דער נידעריקסטער, זענען אויך די לענדער מיט אַן אָפּגעשטאַנענער פּראָדוציר־טעכניק. אויך אויף אַ געוויסער אַלגעמיינער שטופע פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג איז די ריכטונג, לויט וועלכער די טעכניק ווערט פאַרפולקאָמט, אָפּהענגיק נישט פון אומעטום גלייכע, אָדער לכל הפחות אומעטום גלייך־פאַרוועגדבאַרע, דער־פאַרונגס־טאַלאַנטן פון די אינזשינערן, נאָר פון די סאָציאַלע פאַרהעלטענישן. אין דער סאָציאַל־אָפּגעשטאַנענער גאַליציע וועט דער טעכנישער פּראָגרעס, למשל, באַשטיין דערין, אַז אַ שטיוול־פאַבריק וועט איינפירן מאַשינען, וועלכע פאָדערן פון די פערצניאָריקע מיידלעך נאָר עטלעכע לייכטע האַנט־באַוועגונגען. אין דעם שטאָט מאַססאַטשוזעטס (אין נאָרד־אַמעריקע) אָבער וועט פשוט נישט לוינען אַזוי צו פירן די פאַבריק, צו־

ליב דער טייערער אַרבעטס-קראַפט; דערזעלביקער קאַפיטאַליסט, וועלכער וואָלט אין גאַליציע געעפנט אַ פריוואַטע שטיוול פאַבריק, וועט אָבער אין מאַסאַטשוזעטס האַלטן נוצלעכער צו לאָזן בויען די נויטיקע מאַשינען, און טאַקע דורך גוטבאַצאָלטע און הויך-קוואַליפיצירטע שלאָסער, אָדער פון באַר קוואַליפיצירטע מאַשינען-בוי-פאַבריקן, וועלכע נויטיקן זיך אין דער אַרבעט פון געלערנטע מעכאַניקער. דער פראָגרעס פון דער טעכניק שאַפט אַלזאָ אין גאַליציע נייע אומגעלערנטע (אומפאַכאָווע) אַרבעטער, אין מאַסאַטשוזעטס אָבער — נייע מאַשינען-מייסטער. אויף דער ערשטער שטופע איז דער מענטש נאָך אַ שקלאַף פון דער מאַשין, אויף דער צווייטער איז ער שוין איר האַר, ווייל די אַרבעט פון דעם שקלאַף וואָלט צו טייער געקאָסט. דער סאָציאַלער צושטאַנד — די קוואַליפיצירטקייט פון דעם אַרבעטער — איז אַלזאָ פאָראויסבאַדינגט דורך אַ ווירטשאַפטלעך-טעכנישן צושטאַנד, דורך דער פראָדוציר-מעטאָדע. און דערדאָזיקער צושטאַנד איז אָבער ווידעראַמאָל באַדינגט דורך אַ סאָציאַלן צושטאַנד, דורך דעם לעבנס-שטייגער (סטאַנדאַרד) און דער סאָציאַלער מאַכט פון דער אַרבעטערשאַפט. שטענדיק איז, בכן, דער מענטשלעכער פאַקטאָר אַן אַנטשיידנדיקער פאַקטאָר, ווייל דאָס מאַשינעלע סיסטעם גופא איז ערשט דער פראָדוקט פון אַ געזעלשאַפטלעכער לאַגע, וועלכע פליסט אַרויס פונעם מענטשלעכן רצון.

אַ ביישפיל זענען אויך די סאָציאַלע מניעות, וואָס שטעלן זיך אויפן וועג פון דער פאַרשפרייטונג פון דעם טעילאָר-סיסטעם. וואָלט די לאָגיק פון דעם פראָדוציר-סיסטעם געווען די איינציק-באַשטימענדיקע, דעמאָלט וואָלט דער טעילאָריזם שוין לאַנג געווען אַריינגעפירט אין אַלע אינדוסטריעס, ווו ס'זענען דאָ טעכנישע באַדינגונגען פאַר זיין דורכפירונג. ער וויל דאָך נאָר ציען די לעצטע קאָנסעקווענצן פון דעם מאַשינעלן פראָדוציר-שטייגער: ער וויל באַגרענעצן די טעטיקייט פון אַרבעטער מיט אַ מינימום פון פראָצעסן, וועלכע ווערן באַשטימט אויפן גרונט פון עקספערימענטאַלער באַרעכענונג פון צייט און באַוועגונג. אַן אַנטשפרעכנדיק לוין-סיסטעם, וואָס באַזירט זיך אויפן פרינציפ פון אַ נידעריקן מינימאַלן צייט-לוין מיט באַ-

דייטנדיקע פרעמיעס פאַר דער דורכפירונג ביי דער אַרבעט די פאָרגעשריבענע צייט-פאָרשריפטן, דאַרף האָבן דעם צוועק, אָנצורעגן דעם אַרבעטער, לגמרי אָפּצוזאָגן זיך פון אַלע „איבעריקע" באַוועגונגען, פאַרלאַנגזאַמונגען און אַרבעטס-הפסקות. דאָס ווערט מעגלעך דורך דעם, וואָס אַלע נישט ריין פיזיש-מעכאַנישע פונקציעס ווערן פון דעם אַרבעטער צוגענומען און איבערגעגעבן אין די פאַבריק-קאַנטאָרן, דער אַרבעטער זאָל אויטאָמאַטיש אויספירן די פאָרגעשריבענע באַוועגונגען; די גייסטיקע איניציאַטיוו, די אָפּשאַצונגס-אַרבעט, די באַשטימונג פון די פאַסנדיקע באַוועגונגען, פון דער פאַרווענדונג פון אינסטרומענטן, פון דעם אַרבעטס-טעמפּ — דאָס אַלץ באַזאָרגט פאַר אים אַ ספּעציאַליזירטער שטאַב פון אינזשינערן. דער אידעאַל, ווי טעילאָר אַליין האָט אַמאָל אין אַ לעקציע אַרויסגעזאָגט, איז אַזוי שטאַרק צו פאַראיינפאַכן יעטוועדע פאַבריקס-אַרבעט, אַז זי זאָל קאָנען אויסגעפירט ווערן דורך אַ אויסגעדרעסירטער גאָרילע.

בלי ספק קאָן מען זאָגן, אַז דערדאָזיקער אידעאַל אַנטשפּרעכט אינגאַנצן די טענדענצן, וועלכע הערשן אין דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוציר-טעכניק, אַלס אַן עקאָנאָמישע פאָרם, וואָס פּראָדוצירט וואָס מער מערווערט מיט דער הילף פון די אַרבעטס-איינשפּאָרנדיקע מאַשינען. אויף אַזוי פיל פאַרטרעט דער טעילאָריזם די פאַבריק-אָרגאַניזאַציעס און די אַרבעטס-מעטאָדן און לוין-מעטאָדן, וועלכע אַנטשפּרעכן ווירקלעך דעם סאַמע אַנטוויקלטסטן סטאַדיום פון דער מאַשינעלער פּראָדוקציע, לכל הפּחות אין געוויסע אינדוסטריעס. אָט ווייס מען דאָך גאַנץ גוט, אַז יעטוועדע פאַבריקס-אַרבעט האָט די טענדענץ צו אַנטוויקלען זיך, אין דערדאָזיקער ריכטונג, אפילו אין יענע אונטערנעמונגען, ווו די נעמען פון טעילאָר אָדער פון זיינע תלמידים זענען גאַנץ אומבאַקאַנט. דידאָזיקע טענדענץ קאָן זיך אָבער אומגעשטערט דורכזעצן נאָר דאָרט, ווו די אַרבעטערשאַפט איז אַ ריינער אָביעקט פון דער „ראַציאָנאַליזירטער" פאַבריק-פּאָליטיק, און שטעלט איר נישט אַנטקעגן קיין גרעסערן ווידערשטאַנד, ווי די מאַשין גופא. אין אַמעריקע, אין דעם געבורטס-לאַנד פון טעילאָריזם, איז נישטאָ קיין איינציקע וויכטיקע

פאבריק, אין וועלכער ס'איז נישט מיאוס דורכגעפאַלן די פול-שטענדיקע דורכפירונג פון דעמדאָזיקן סיסטעם צוליב דעם, וואָס ס'לאָזט זיך פשוט נישט באהאנדלען מענטשן, ווי מאַרילעס.

די פולשטענדיקע דעקוואליפיצירונג פון דער ארבעט, צו וועלכער ס'שטרעבט דער טעילאָריזם, רופט אַרויס ביים ארבעטער אַזעלכע פסיכאָלאָגישע פועל יוצאס, וואָס זייער שאָדן (אפילו פון דעם יונגן אומסאָציאלן שטאנדפונקט פון דער עקאָנאָמיק פונם פאַבריק-דירעקטאָר) קאָן נישט קאָמפּענסירט ווערן דורך דעם טעאָרעטיש-באַרעכנטן נוצן פון דער עקאָנאָמיזירונג אין ארבעט און לוין. אַן אָביעקטיווע אויספאָרשונג פון די מענטשלעכע עלעמענטאר-באַוועגונגען און עלעמענטאר-ארבעטס-צייט, כדי צו פארמיידן א ניוועץ אין צייט און מי, איז נישט מעגלעך שוין צוליב דער סוביעקטיווער איינשטעלונג פון יענע עקספּערטן, וועלכע מוזן מאכן דידאָזיקע אויספאָרשונג. דער פאַבריק-פירער, וועלכער הייסט מאכן דעם עקספּערימענט, דער אינזשינער, וועלכער פירט אים דורך, דער ארבעטער, וועלכער מוז דאָס אַלץ לאָזן דורכמאכן אויף זיך — זיי אלע וויסן, אַז דאָס וועט ווערן אַ יסוד פון א לוין-קאַלקולאַציע. צוליב דעם זענען זיי אלע, ווי געפּענטעט. חוץ דעם ווייס דער ארבעטער, אַז ער ווערט דורך אזא מיטל געטריבן צו א גרעסערער אָנשטרענגונג מיט די פּערספּעקטיוון פון א העכערן פארדינסט נאָר דערפאַר, ווייל דער קאַפּיטאַליסט שטרעבט צו נאָך א גרעסערן וווקס פון דער פּראָדוקציע. אָט דער אומזיכערער און אומגלייכמעסיקער מעטאָד צו באַשטימען דעם לוין באַרירט שמערצלעך, נישט קוקנדיק אויף זיין ווִיסנשאַפטלעכן פּרצוף, דאָס יושר-געפיל פונם ארבעטער, וועלכער וואָלט געוואָלט, אַז זיין לוין זאָל געמאָסטן ווערן לויט זיינע לעבנס-באַדערפענישן און נישט לויט זיין ווירקלעכער ארבעטס-לייסטונג. מאָנאָטאָנע האָרעוואניע נעמט פון אים אוועק יעמוועדע ארבעטס-פרייד און רופט ארויס א נעוורעזע מידקייט, אויפרעגונג, פריציייטיקע אויסשעפּונג. ער ווייס, אַז די טעילאָריזירטע פאַבריק קאָן באַנוצן נאָר אַזעלכע ארבעטער, וועלכע ווערן געטריבן, א דאנק דעם רייץ פון דער געלט-פּרעמיע, צו אַן איבערנאָרמאַלער ארבעטס-לייסטונג, און ער האָט מורא פאַר דער געפאַר, וועלכ

באַדראָט דעם אַרבעטער, וועלכער איז צו פרי אָפּגעשוואַכט געוואָרן דורך דערדאָזיקער שווערער האָרעוואַניע. ער רעבעלירט קעגן דער מיליטערישער פאַבריק-דיסציפּלין און קעגן דער שטענדיקער קאָנטראָל פון אַ ריי אויפזעער, וועלכע ס׳פאָדערט פאַר זיך דאָס טעילאָר-סיסטעם. די אויפגעצוווּנגענע קאָנטראָל איבער זיינע אַרבעטס-פּראָצעסן מיט דעם סטאָפּזייגער אין דער האַנט דערפילט ער, ווי אַ דערנידעריקונג, דער פּסיכאָלאָגישער עקספּערימענט, צו וועלכן ער מוז זיך לאָזן אונטערוואַרפן, אַלס אָביעקט, דערשיינט פאַר אים, ווי אַ שפּיאָנאַזש איבער זיין אייגענעם איך, ווי אַ פּסיכישע אינקוויזיציע. פון דעם אַלץ פליסט אַרויס דער אומווילן, וואָס דאַרף זיך גאָרנישט ערשט מגולגל ווערן אין אַן אָפענעם אָדער אָרגאַניזירטן ווידערשטאַנד, כדי צו שטעלן אונטער אַ פראַגע-צייכן בכלל דעם נוצן פון דער טעילאָריזירונג פאַר אַ פאַבריק.

ווי שטאַרק די שטעלונג אויך פון דעם אַמעריקאַנער אַרבעטער צו זיין אַרבעט הענגט נאָך אָפּ פון אַנדערע מאָטיוון אויסער דעם געלט-פאַרדינסט-מאָטיוו, זעט מען דערפון, אז אין די פאַבריקן, וווּ מען האָט די אַרבעטער געלאָזט אָפּשכימען מכּח די רעזולטאַטן פון דעם איינגעפירטן אויף פּראָבע טעילאָריזם, האָבן דוקא די אַרבעטער-שיכטן מיט דעם העכסטן פאַרדינסט געשטימט אַנטקעגן אים. דער אמתער פאַקט איז, אַז די טעילאָריסטישע עקספּערימענטן, וואָס מען האָט דורכגעפירט אין אַמעריקע, זענען געבליבן באַגרענעצט נאָר אויף אַזעלכע אינדוסטריעס, אין וועלכע מ׳באַשעפטיקט דערהויפּט איינוואַנדערער פון די אָפּגעשטאַנענדסטע געגנטן פון אייראָפּע, דאָס זענען מענטשן, וואָס קומען צומערשט גלייך פון דאָרף, אומגעלערנטע און אומדערפאַרענע אין דער אינדוסטריעלער אַרבעט; זיי שטעלן אַ סך קלענערע פאָדערונגען צום לעבן, ווי דער געבאָרענער אַמעריקאַנער, און האָבן נאָר די איינציקע זאָרג, וואָס גיכער צונויפצושפּאָרן מער דאָלאַרס, אַפילו ווען זיי זאָלן זיך לאָזן צוליב דעם שינדן די הויט ביזן טויט. ס׳פאַרשטייט זיך, אַז זיי זענען אויך נישט אָרגאַניזירט אין געווערקשאַפטן. ביי אַ רייזע, וואָס איך האָב במשך פון עטלעכע חדשים אין אַמעריקע דורכגעמאַכט, אַלס מיטגליד פון אַ

שטודיום-קאָמיסיע צו אויספאָרשן דעמדאָזיקן ענין, האָב איך נישט געפונען קיין איין-איינציקע טעילאָריזירטע פאַבריק, אין וועלכער די אַרבעטער זאָלן זיין אָרגאַניזירט. אומעטום, ווו די געווערקשאַפטן האָבן זיך פאַרפעסטיקט, האָבן זיי געקאָנט פאַרהינדערן דאָס איינפירן פון דעם טעילאָר-סיסטעם; עס איז זיי אַפילו געלונגען, שוין אין יאָר 1916, צו זיכערן דאָס אָננעמען פון אַ מלוכהשן פאַבריק-געזעץ, וואָס האָט פאַרבאָטן די אָנווענדונג פון טעילאָריסטישע „סטאָפּ-וויגערס” און לוין-מעטאָדן מיט פּרעמיעס אין אַלע פאַבריקן, וואָס אַרבעטן פאַר דער מלוכה; דערביי איז זיי געקומען צו הילף די עפנטלעכע מיינונג. אַפילו די נישט-אומיטלבאַר-פאַראינטערעסירטע קרייזן זענען געוואָרן אומרואיק צוליב די שלעכטע אַלגעמיינע סאָציאַלע פועל-יוצאס פון אָט דעם סיסטעם. עס זענען דערמיט אַוועקגעשטעלט געוואָרן גרענעצן אויך פאַר דער טעכנישער אַנטוויקלונג, וועלכע שטעקט אין דעם וועזן גופא פונם טעילאָר-סיסטעם, מחמת דער רוב פון די טעכנישע „פאָרטשריטן”, וועלכע טעילאָר האָט פאָרגעשלאָגן, ליגנען נאָר דאַן, ווען די אַרבעטס- און לוין-מעטאָדן קאָנען ווערן אַנטשפּרעכנדיק אומגעענדערט.

די וואַקסנדיקע דעקוואַליפיקאַציע פון דער אינדוסטריעלער אַרבעט איז אַליין נישט קיין געזעץ, נאָר אַ טענדענץ, וואָס איר ווירקונג קאָן באַזייטיקט ווערן דורך סאָציאַלע אומשטענדן, קודם כל דורך דעם ווידערשטאַנד פון דער אַרבעטערשאַפט גופא. דער פּראָגרעס פון סאָציאַליזם הענגט אָפּ נישט פון דער צוואַנג-פאַרווירקלעכונג פונם געזעץ, נאָר, פאַרקערט, פון דער דערפאָלגרייכער קעגנווירקונג פון דער אַרבעטער-באַוועגונג, וועלכע פאַרזוכט, שטרעבט, צו דערהאַלטן און ווידערצוגעבן דעם אַרבעטער די אַרבעטס-פרייד.

אין דערדאָזיקער רעאַקציע פון דער אַרבעטערשאַפט, וועלכע וויל אויך מיטשפּילן אַ ראָלע אין דער אַרבעט און דורך דער אַרבעט, קומט צום אויסדרוק אַ געפיל, וועלכעס איז איינגעוואָרצלט נישט נאָר אין דער באַציאונג פונם אַרבעטער צו דער מאַשין, נאָר אויך אין זיין באַציאונג צו די פאַבריק-אָנפירער. ביידע באַציאונגען זענען אָבער ענג פאַר-

בונדן איינע מיט דער צווייטער. וואָס מער די אַרבעט איז אָן נשמה, ווערט אַלץ נויטיקער אַ שטרענגע פאַבריקס-דיסציפּלין, וועלכע פאַרבייט דעם פעלנדיקן, דעם נישט-עקזיסטירנדיקן מאָטיוו פון ארבעטס-פרייד דורך דעם מאָטיוו פון מורא פאַר באַשטראָפונג, באַליידיקונג, מאַטעריעלן שאָדן און אַפילו אָפּזאָג פון אַרבעט. דער אויטאָקראַטישער כאַראַקטער פון דערדאָזיקער פאַבריקס-דיסציפּלין, וואָס שטייט אין שאַרפסטן קעגנזאַץ צו דער פריערדיקער אַרבעטס-פאַרהעלטעניש פון דעם האַנטווערקער, אָדער אַפילו פון דעם לייב-אייגנטום-פויער, האָט זיך אַמבולטסטן אַנטפּלעקט אין דער התחלה-צייט פון דעם קאַפּיטאַליסטישן אינדוסטריאַליזם. היינט-צו-טאָג קאָן שוין פאָרט דער באַלעבאָס-שטאַנדפּונקט נישט אויסווירקן זיך אין יענע פאָרמען. אָבער דורך דעם זענען נאָך נישט שוואַכער געוואָרן די סתּירות צווישן דעם אַלגעמיינעם יושר-געפיל, וואָס קומט צום אויסדרוק, למשל, אין דער פּאָליטישער דעמאָקראַטיע, און דעם סאָציאַלן אויבערמאַכט-געפיל פונם אונטערנעמער, וועלכעס באַזירט זיך סוף כּל סוף אויף דעם, וואָס ער קאָן צוגלייך מיט דער ארבעט צונעמען פון דעם אַרבעטער אויך זיין עקזיסטענץ-מעגלעכקייט. אָט דידאָזיקע סתּירה פירט צו אַ געפיל פון סאָציאַלער מינדערווערטיקייט, וועלכע דריקט זיך אויס אַלץ ווייניקער, ווי אַ נשמה-פאַרשקלאַפונג, און אַלץ מער, ווי אַ שטרעבן צו פרייהייט. דאָס איז פרייהייט אין דעם זין פון אַ פאָרשטעלונג מכּח גלייכע רעכט פאַר אַלע בירגער; פרייהייט, וועלכע פאַרלאַנגט פאַר דעם, וואָס וויל אַרבעטן, דאָס רעכט אויף אַ זיכערער עקזיסטענץ, און פאַר דעם אַרבעטנדיקן — דאָס רעכט אויף אַרבעטס-פרייד.

IV

דאָס שטרעבן צו גלייכהייט און דעמאָקראַטיע.

דער ערגסטער בעל-מקנא אין דער וועלט
איז דער, וואָס האַלט, אַז יעדער מענטש
איז צו אים אַ גלייכער.

(בערנע)

דער געדאַנק פון גלייכהייט איז שוין פון שטענדיק אָן געווען די וויכטיקסטע טרייבנדיקע קראַפט פון אַלע סאָציאַליסטישע מאַסן-באַוועגונגען. דער סאָציאַליזם, אַלס אַן אידעאַלע אָרגאַניזאַציע פון דער געזעלשאַפט אויף אַ ראַציאָנעלן יסוד, אָדער אַלס אַ פאַרווירקלעכונג פון געבאָט „ואהבת לרעך כמוך“, אָדער אַלס אַ גאַראַנטיע פון דער פרייהייט פאַר יעדן אינדיווידואום, — דאָס אַלץ זענען צוקונפט-חלומות, וועלכע קאָנען שפּילן אַ ראָלע שטענדיק נאָר פאַר אַ קליינער גרופּע ענטוזיאַסטן. דאָרט אָבער, וווּ ס'קומען אין פראַגע מאַסן און נישט יחידים, איז די הויפּט-פּרוזשינע פון דער סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע נישט אַזוי דער פאַרלאַנג פון אַן אידעאַלן יורידיש-סאָציאַלן סדר, ווי אַן אינסטינקטיוו שטרעבן, אַ שטרעבן, וואָס גייט דירעקט צו זיין ענדציל, מצד די אונטערשטע קלאַסן צו אַ גרעסערער גלייכהייט.

די סאָציאַליסטישע פאָדערונג פון גלייכהייט איז יענער באַלאַנסירנדיקער באַגריף לגבי אַ מינדערווערטיקייטס-געפיל, וועלכער קומט אַרויס פון אַ לאַנגער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פון די לעבנס-באַדינגונגען פון דער אַרבעטערשאַפט.

דורות-לאַנג האָבן די העכערע קלאַסן געקוקט מיט פאַר-

אכטונג און שטאָט אויף די אונטערדריקטע, אַרבעטנדיקע מאַסן. אין דעם האָרעפּאַרגעם פֿאָלק איז אָבער קיינמאָל נישט איינגעשלאָפֿן אָדער פֿאַרשוווּנדן דער נ־אירלעכער, ריין־מענטש־לעכער דראַנג צו חשיבות און צו זעלבסט־רעספּעקט. ער האָט געזוכט און געפֿונען פֿאַר זיך אַ ווינקל, אַ טרייסט, אין די גייסטיקע איינריכטונגען, ווי די קירכע, די געמיינשאַפֿטס־חברות א. א. וו. מיט דער צייט האָט דער וווּקס פֿון דער בילדונג און פּאָליטישער פֿרייהייט געשאַפֿן אַ שפּאָגל־נייעם וועג צו פֿאַרגלעטן דעם שמערץ פֿון דער סאָציאַלער אומחשיבות, פֿון אָט דעם צושטאַנד פֿון די אומשולדיקע איבערלעבנע ליידן, ד. ה. פֿון דעם „מינדערווערטיקייטס־קאָמפּלעקס”, דהיינו: דורך אַ שטרע־בונג צו אַ סדר, וואָס זאָל זיך בויען אויף סאָציאַלער גלייכהייט.

לאָמיר זיך צוקוקן צו דער סאָציאַלער לאַגע פֿונם היינטיקן פֿאַבריק־אַרבעטער. ער וויל זיין אַ מענטש, ווי אַלע מענטשן. האָבן די פֿולע דעה איבער אַלץ, וואָס איז אים נוגע סיי אין פֿאַבריק, סיי אין פּריוואַטן לעבן. אַגב, איז אָט דידאָזיקע איינ־טיילונג גופא נישט מער, ווי אַ קינסטלעך מיטל צו אַנאַלי־זירן דעם ענין, אָדער לכל־הפּחות צו קאָנען אים מער דייט־לעכער באַשרייבן. אמת, די פֿאַבריק פֿון איין זייט און די שטוב און גאַס פֿון דער צווייטער זייט זענען טאַקע צוויי באַזונדערע באַגריפֿן, אָבער דער מענטש, וועלכער אָט איז ער דאָ און אָט איז ער דאָרט, איז דאָך איין און דערזעלבער בשר ודם. געפֿינט איר דעם אַרבעטער אין אָוונט אין אַזאַ אָדער אין אַנדער צושטאַנד, איז אין דעם צושטאַנד האָט אים אַריינגעפֿירט די אַרבעט דורך דעם טאָג. מעג זיין, אַז דער אַרבעטער אין דער פֿאַבריק שפּירט ביי זיין האָרעוואַניע אָן אַ שיעור קייטן און שטערונגען אין זיין פֿאַרלאַנג אַרויסצווייזן זיך, חי אַ מענטש און בירגער; אָבער איז דען דערפֿון נישט גע־דרונגען, אַז דווקא צוליב אָט דעם יאָך וואַקסט אין אים דער חשק, צו זוכן אין שטוב און אין גאַס באַפֿרידיקונגען, וועלכע ער קאָן אין פֿאַבריק נישט דערגרייכן? דאָס איז, אַגב אורחא, דער טיפֿערער פּסיכאָלאָגישער גרונט פֿון דעם כּסדרדיקן שטרעבן פֿון דעם אַרבעטער־קלאַס צו פֿאַרקירצן די אַרבעטס־צייט. אַזאַ שטרעבן שטאַמט לחלוטין נישט פֿון דער קלאָרער אידעע אין

דעם אַרבעטער-קאָפּ, אַז וואָס מער אַרבעט, אַלץ גרעסער דער מערווערט פון קאַפּיטאַליסט; ניין, די אורזאַך פון אַזאַ שטרעבן איז דעם מענטשס דראַנג צו גליק. נו, געפינט, אַלזאָ, דער אַרבעטער דאָס גליק נישט אין זיין אַרבעט, טאָ ווי זאָל ער נישט ווען זוכן דאָס גליק ערגעץ אַנדערש?

דערדאָזיקער דראַנג ווערט פאַרשטאַרקט נאָך דורכדעם, וואָס אויך אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן מחוץ פון דער פאַבריק שטייט דער אַרבעטער אונטער אַ באַהאַנדלונג, וועלכע ווידערשפּרעכט דעם טראַדיציאָנעלן יושר-געפיל, וואָס ליגט אין זיין נשמה. אָט דאָס מינדערווערטיקייטס-געפיל, וועלכעס אַנט-שטייט פון אַזאַ לאַגע, איז נישט גלייך סיי מיטן באַגריף פון דער פּאָליטישער אומגלייכהייט און סיי נישט מיט דעם באַגריף פון עקאָנאָמישער עקספּלואַטאַציע. אמת, די מלוכה און די פאַבריק זענען וויכטיקע גרונט-טיילן פון דער געזעלשאַפט, אָבער זיי זענען נאָך לאַנג נישט די גאַנצע געזעלשאַפט פון אויבן ביז אונטן. דער אַרבעטער פילט זיין נידעריקע סאָציאַלע מדרגה אויך מחוץ פון זיין פּאָליטישער רעכטלאָזיקייט און פון דער עולה, וואָס מ'טוט אים ביים פאַרטיילן דעם פּראָדוקט פון זיין אַרבעט. ס'איז גענוג צו דערמאָנען זיך, אַז די אַרבעטס-לאָזיקייט פון דעם אינדוסטריע-אַרבעטער מאַכט פאַר אים קלאָר זיין קלאַסן-לאַגע נאָך אין אַ פריקרערער פאָרם, ווי דער שווע-רער אַרבעטס-דינסט גופא. קאָן מען דען האָבן אַ שטיקל באַ-גריף מכח דעם פּראָלעטאַרישן אופן צו פילן און דענקען, אויב מען לעבט נישט איבער די אַרבעטסלאָזיקייט אַלס אַ פאַקט, אָדער אַלס אַ מעגלעכקייט, פאַר וועלכער מ'האַלט אין איין מורא האָבן? דאָס איז דער טיפערער גרונט, פאַרוואָס עס געלינגט אַזוי ווייניק די נישט-פּראָלעטאַריער, וואָס טוען אָן דעם אַרבעטס-ראָק, למשל, צוליב שטודיען-צילן, אַריינצוקוקן טיף, טיף אין נשמה-לעבן פון זייערע צייטווייליקע אַרבעטס-חברים. מעגן זיי, אָט די פּראַקטיקאַנטן, אָדער פאָרשער, פירן אפילו דאָסזעלבע לעבן, ווי זיי, די אַרבעטער; אָבער שמידן צו דעם ווערקצייג שמידט דאָך זיי פאָרט נישט די עקאָנאָמישע נויט; און דערפאַר טאַקע, מוז מען זאָגן, באַטייט פאַר זיי דער פאַרלוסט פון דער אַרבעטס-מעגלעכקייט נישט דעמזעלבן

קלאַס, ווי ער איז פאַר די אמתע פּראָלעטאַריער. דער דילעטאַנט מעג האָבן וויפל מ'וויל מאַזאָלעס אויף די הענט און אָן אַ שיעור אייל־פלעקן אויף זיין אַרבעטס־ראָק, פעלט אים פאָרט דער אינערלעכער צייכן פון דער געזעלשאַפטלעכער אונטערטעניקייט, וואָס זי געפינט איר שאַרפסטן, קענטיקסטן אויסדרוק אין דער מורא פאַר אַרבעטסלאָזיקייט.

איך אַליין האָב זיך אַ צייט־לאַנג איינגערעדט, אַז אַ דאַנק מיין אַרבעט אין גרויסע פאַבריקן, וועלכע איך האָב דורכגעמאַכט צוליב מיין שטודיום, האָב איך זיך פאַרוואַנדלט אויך אין פסיכאָלאָגישן זינען אין אַ כשרן פּראָלעטאַריער, בפרט נאָך בזכות פון מיין געפיל פון סימפּאַטיע צו די אַרבעטער באַשר איך בין אַ סאָציאַליסט. מיין טעות איז מיר קלאָר געוואָרן ערשט דעמאָלט, ווען דער צופאַל האָט שפּעטער אַמאָל געוואָלט, אַז איך זאָל טאַקע מוזן זוכן אַרבעט אויף אַן אמתן, לשם דעם טעגלעכן שטיקל ברויט. און אָט די פּאָר טעג, וואָס איך בין אַרומגעלאָפן צו זוכן אַרבעט, מיט דעם פּעקל אַרבעטס־קליידער אונטערן אָרעם, האָבן זיך ביי מיר אַ סך ברייטער געעפנט די אויגן אויף דעם גורל און אויף דער נשמה פון אַרבעטער, פיל מער, ווי ס'וואָלט מיר קלאָר געוואָרן אין צען יאָר שווערסטע האָרעוואַניע, אָבער אונטער אַ זיכערער עקזיסטענץ־לאַגע. די אומזיכערקייט פון דער עקזיסטענץ, די מאַכטלאָזיקייט צו באַשאַפן פאַר זיך אַרבעט, די אַלע פּסיכישע פּועל יוצאס פון דער כראָנישער מורא, וועלכע שטאַמען פון זייער (מ'מוז באַמערקן, אַז לויט דער לאַגע און טעמפּעראַמענט וואַקלען זיי זיך צווישן טעמפּן יאוש און פאַרביטערטער קנאה צו די גליקלעכערע), אָט דאָס זענען די ממשותדיקסטע סימנים פון דער געזעלשאַפטלעכער מינדערווערטיקייט פון דעם אַרבעטער. און זייט וויסן, אַז דאָ וואָלט זיך קיין זאַך נישט געביטן, ווען אַפילו די גאַנצע איינקונפט פון אַרבעטער־קלאַס וואָלט זיין אַזוי גלייכמעסיק פאַרטיילט, אַז אַפילו די הכנסה פון דעם קאַפּיטאַליסט וואָלט געווען נישט העכער פון דעם איינפאַכן געהאַלט, וואָס קומט דעם העכסטן פאַבריק־דירעקטאָר; אָדער ווען אַפילו די פאַבריקן וואָלטן געווען קאָאָפּעראַטיווע אונטער־

געמונגען, וו ס'איז בכלל קיין שפור שוין נישטאָ פון אונטער־געמער־איינקונפט.

סוף כל סוף באַזירט זיך די געזעלשאַפטלעכע מינדער־ווערטיקייט פון די אַרבעטנדיקע קלאַסן נישט אויף דער פּאָלי־טישער רעכטלאָזיקייט, און נישט אויף דער עקאָנאָמישער עולה, נאָר אויף אַ פּסיכישן צושטאַנד. דער בעצמדיקער און דירעק־טער צייכן פון זייער סאָציאַלער מינדערווערטיקייט איז זייער אייגענער גלויבן אין אָט דער מינדערווערטיקייט. די אַרבע־טערשאַפט איז סאָציאַל באַעולט, ווייל זי פילט זיך כסדר אונטער די סאָציאַלע עולות. און זאָלט איר נישט מיינען, אַז די זאַך איז קאַפּויער: כלומרשט ווייל דער אַרבעטער איז סאָציאַל אַ קרבן פון עולות, פילט ער זיך באַדריקט און פאַרשקלאַפט. זיכער, די אָביעקטיווע איבערלעבונג איז אַ טייל פון דערדאָזיקער סוביעקטיווער געפילס־לאַגע, אָבער דער אופן, אויף וועלכן דידאָזיקע אָביעקטיווע איבערלעבונג שפיגלט זיך אָפּ אין דער נשמה, העגגט אָפּ פון אַ פריערדיקער אינערלע־כער פּאָזיציע לגבי דעם צושטאַנד, און דידאָזיקע פּאָזיציע איז באַזירט נישט נאָר אויף בלויז דער אָביעקטיווער דערפאַרונג.

איין גרונט־תּנאי, אָדער פאָראויסזעצונג, פון דעם סאָציאַלן מינדערווערטיקייטס־געפיל ביי דער אַרבעטערשאַפט איז איר גלויבן אין דער אומפאַרענדערלעכקייט פון דער קלאַסן־גע־בונדנקייט: איין מאָל אַן אַרבעטער — שטענדיק אַן אַרבע־טער. די צווייטע פאָראויסזעצונג איז איר גלויבן, אַז די לאַגע פון די נישט־אַרבעטנדיקע קלאַסן איז אַ בעסערע, אַ מער געווינשענע, ווי זייער אייגענע לאַגע, דורך וואָס עס אַנטשטייט די איינטיילונג אין „אויבערשטע” און „אונטערשטע” קלאַסן. די דריטע פאָראויסזעצונג איז איר גלויבן, אַז דידאָזיקע קלאַסן־איינטיילונג לאָזט זיך פאָרט בייטן, וואָס דאָס שאַפט די מעג־לעכקייט פאַר די אונטערשטע קלאַסן צו שטרעבן צו אַן אויס־גלייך פון די קלאַסן־לאַגעס דורך אַ טיפער סאָציאַלער פאַרענ־דערונג. אין יעטוועדן פון דידאָזיקע דריי פאַלן האַנדלט זיך מכח אַ פּסיכאָלאָגישער פאָראויסזעצונג, וועלכע קאָן ביי דיזעל־ביקע מאַטעריעלע פאַרהעלטענישן זיין אַזוי אָדער אויך אַנדערש. די אַמעריקאַנער אַרבעטער, למשל, ווערן היינט צו טאָג עקאָ־

נאָמיש עקספּלואַטירט נישט ווייניקער, ווי זייערע אייראָפּעאישע קלאַסן-חברים, נו, אויב אין דעם פּאָריקן יאָרהונדערט זענען נאָך געווען מעגלעכקייטן פאַר דעם איינצלנעם מענטש סאָציאַל אַרויפצושטייגן דורך אַ זעלבשטענדיקער עקזיסטענץ, אַלס קאָלאָניסט, סוחר, אונטערנעמער א. א. וו., זענען זיי אָבער היינט-צו-טאָג פאַר דער גרויסער מאַסע כמעט ווי אינגאַנצן אוממעגלעך; אָבער דער גלויבן אין דער מעגלעכקייט פון אַן אינדיווידועלן אויפקום, אַ גלויבן, וואָס שטאַמט פון יענער צייט און איז נאָך שטאַרקער געוואָרן דורך דעם פּאָליטישן און סאָציאַלן לעבנס-שטייגער, לעבט נאָך עד היום אין דעם רוב אַמעריקאַנער, און דאָס שטערט, ס'זאָל זיך שאַפן דער „קאָמפּלעקס" (געפיל) פון אַ קלאַסן-מינדערווערטיקייט. דער אַמעריקאַנער אַרבעטער וויל נישט אָנגערופן ווערן „פּראָלעטאַריער" אָדער „לוין-שקלאַף" נאָר דערפאַר, ווייל ער פילט זיך באַליידיקט צו געהערן צו אַ קלאַס, וועלכער איז פאַרבונדן מיט דעם באַגריף פון סאָציאַלער אונטערטעניקייט. וואָלט ער זיך אָפּגעזאָגט פון דער האָפענונג אויף אַ צוקונפטיקן אויפקום, וואָלט ער אַזאַ זאַך געהאַלטן פאַר אַ באַליידיקנדיקן באַווייז פון זיין אייגענער אומטויגלעכקייט. לכל הפחות האַלט ער זיך פעסט ביים גלויבן, אַז פאַר זיינע קינדער שטייען אָפן די אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייטן פון דעם סאָציאַלן אויפקום. אָט דערפאַר שאַצט ער זיין סאָציאַלע לאַגע פונקט אַזוי הויך, ווי די אַנדערע מענטשן; מער נאָך, ער שאַצט די לאַגע פון אַ גוט-פאַרדינענדיקן פּראָדוצירער, גאַנץ גלייך, צי ער אַרבעט פאַרן לוין, אָדער איז אַ זעלבשטענדיקער בעל מלאכה, העכער, ווי די לאַגע פון אַ גאָר רייכן ליידיקגייער. סיי דער אַמעריקאַנער אַרבעטער אָדער פאַרמער, סיי דער רייכער אינדוסטריעלער קוקן אויף דעם רענטנער מיט זיין אַרבעטסלאָזער הכנסה פון אויבן אַראָפּ, ווי אויף אַ סאָציאַל-מינדערווערטיקן מענטש. דער רוב פון די אַמעריקאַנער געווערקשאַפטלעכע טוער זענען קעגן דער מלוכהש-געזעצלעכער סאָציאַלער פאַרזיכערונג לויט דעם דייטשישן מוסטער; דאָס איז אַ שטעלונג, וועלכע איז ממש אומפאַרשטענדלעך פאַר אַ דייטשישן סאָציאַליסט, אָבער ס'איז גענוג לייכט צו דערקלערן אַזאַ שטעלונג דורך דעם פּראָטעסט

פון די אַמעריקאַנער קעגן יעטוועדער סאָציאַלער גרינגשעצונג פון דעם אַרבעטס־מאַן. דער אַמעריקאַנער אַרבעטער זאָגט: מען באַצאָלט מיר גענוג, כדי איך זאָל קאָנען, פונקט ווי יעדער אַנדער בירגער, פאַרזיכערן זיך אין אַ געזעלשאַפט לויט מיין אייגענעם רצון, אָדער היילן זיך ביי אַ דאָקטאָר. ער וויל נישט שטיין אונטער אַ השגחה, ווי אַ מיטגליד פון אַ נעבעכדיקן, שוין־באַדערפטיקן קלאַס; אים איז ליבער אַרויסצולייגן זיינע דאָלאַרן אויפן טיש פאַר אַ וויזיט ביים דאָקטאָר, ווי צו שטיין אין אַ ריי ביי אַ פענסטערל, הינטער וועלכן ס'זיצט אַ באַאַמטער, בעטנדיק אַן אומזיסט דאָקטאָר־צעטל.

פון דער אַנדער זייט זענען דאָ פעלקער — ווי, למשל, די אַזיאַטישע מיט אַ רעליגיעז־געהייליקטן קלאַסן־סיסטעם — ווו די אונטערשטע קלאַסן זענען, אין פאַרגלייך מיט די אויבערשטע, אין אַ שלעכטער לאַגע, וועלכע האַלטן אָבער דעמדאָזיקן סדר פאַר אַ נאַטירלעכן, פון גאָט אַליין באַשטימטן סדר; דורך דעם ווערן געשטעלט אינערלעכע, אומצערשטערבאַרע, קלאָרע גרענעצן פאַר די פאָדערונגען און די ווונשן פון יעדן איינצלנעם יחיד, לויט זיין קלאַסן־צוגעהעריקייט. אין דעמדאָזיקן פאַל איז פאַראַן אַ מינדערווערטיקייט און אַ רעסענטימענט, וועלכער איז בדרך כלל אַ נויטווענדיקער באַשטאַנדטייל פונם מינדערווערטיקייטס־געפיל.

און דריטנס: ס'זענען דאָ אויך צווישן די אָרעמע אין אייראָפּע, און דווקא צווישן די סאַמע אָרעמסטע, גענוג מענטשן, וועלכע ווייסן זייער גוט, וואָס ס'באַטייט דער עלנט און דלות פון זייער קלאַסן־לאַגע, אָבער וועלכע זענען דאָך מיט זייער גורל צופרידן, און דערביי קומט זיי אָפטמאָל צו הילף די טרייסט פון אַ רעליגיעזן עולם הבא. אין אַלע דאָזיקע דריי פאַלן פעלט איינע פון די פּסיכאָלאָגישע פאָראויסזעצונגען, וועלכע זענען וויכטיק פאַר דער שאַפונג פון יענעם מינדערווערטיקייטס־געפיל, וועלכעס מאַכט די אייראָפּעאישע אַרבעטער־מאַסן גוטה צום סאָציאַליזם. דעם מקור פון אַ נשמה־צושטאַנד מוז מען תמיד זוכן אין דער נשמה גופא. אַן אַנדער גלויבן וואָלט געקאָנט שאַפן אויך אַן אַנדער סאָציאַלן צושטאַנד; ער וואָלט געקאָנט אפילו פאַרוואַנדלען אויך דאָס סאָציאַלע מינדערווער-

טיקייטס-געפיל פונם אַרבעטער אין אַ איבערוועטיקייטס-געפיל. ווי ס'זאָל נישט זיין, רופט אַרויס דער רייכער מענטש קנאה-געפילן נאָר ביי יענע מענטשן, פאַר וועלכע רייכטום און גליק זענען צוויי גלייכע באַגריפן.

בערנאַרד שאָו זאָגט: „דער מענטש, וואָס האָט ציין-ווייטיק, האַלט, אַז גליקלעך איז דער, וועלכער האָט געזונטע ציין; דער מענטש, וואָס פלאָגט זיך אין דלות, מאַכט דעמזעלביקן טעות בנוגע צום גביר".

נו, דער מאַרקסיזם שאַפט אַ פאַלש בילד פון דער אמתער פסיכאָלאָגיע פון דער אַרבעטערשאַפט, ווייל ער איגנאָרירט דעם פסיכישן גרונט-פאַקט, וועלכער גיט ערשט דעם שליסל צו פאַרשטיין אַלץ, נעמלעך, אַז פאַר דעם דורכשניטלעכן אַרבעטער דערשיינען די פאַרמעגלעכע קלאַסן טאַקע אַלס מוסטער פון אַ העכערן לעבנס-שטייגער. ער קעמפט מיט זיי פאַר מער לוין און פאַר אַ בעסערן וווילשטאַנד אָדער פאַר פאָליטישע רעכט, אָבער ער טוט עס נאָר צוליב דעם, כדי צו דערנענטערן זיין אייגענעם צושטאַנד צו זייערן. די פסיכישע טרייב-קראַפט פונם קאַמף, דורך וועלכן ער וויל אַרויסרייסן ביי זיי אַ העכערע שטעלונג, איז דוקא דער גלויבן אין דער העכערער חשיבות פון די רייכע לייט. סוף כל סוף איז די בורזשואַזיע היינט צו טאָג דער העכערער קלאַס נאָר דערפאַר, ווייל יעטוועדער וויל ווערן אַ בורזשואַ. יענער קלאַס וואָס איז אַ מוסטער פאַר דער געזעלשאַפט, באַהערשט טאַקע דידאָזיקע געזעלשאַפט, הערט ער אָבער אויף צו זיין אַ מוסטער, דעמאָלט ווערט אויך זיין מאַכט בטל. דידאָזיקע געזעלשאַפטלעכע איבערמאַכט שטייט, פאַרשטייט זיך, אין אַ צוזאַמענהאַנג מיט די פאָליטישע פרעראָגאַטיוון און מיט דעם עקאָנאָמישן וווילשטאַנד, אָבער סוף כל סוף איז די מאַכט געשטיצט דורך דעם ברייט-אָנערקענטן פרעסטיזש, און נישט דער פרעסטיזש בויט זיך אויף דעם סאָציאַלן כח. ס'איז אַ סך לייכטער אָפּצוהאַלטן אַ פאָליטישן אָדער עקאָנאָמישן נצחון איבער דעם קאַפּיטאַליזם, ווי אַ פסיכאָלאָגישן נצחון איבער דעם סנאָביזם. דער סאָציאַליזם איז אָבער אוממעגלעך, כל זמן דער סנאָביזם

האָט די איבערהערשאַפט, אַ דאַנק וועלכער דער אַרבעטער זעט אין דעם בורזשואַ אַ מענטשלעך וועזן, וועלכן ס'איז כדאי מקנא צו זיין און נאָכצומאַכן. דערביי האָט נישט קיין באַדייטונג, וואָס דער אַרבעטער האַסט אים אפשר אויך, ווייל דערדאָזיקער האַס גופא איז אָפטמאָל נאָר אַ באַווייז און אַ באַשטעטיקונג פון זיין קנאה.

דער אַרבעטער האַלט זיך פאַר גלייכווערטיק מיט דעם פאַרהאַסטן בורזשואַ אָדער אַריסטאָקראַט ערשט דעמאָלט, ווען ער קאָן זיך פונקט אַזוי באַנעמען, ווי ס'באַנעמט זיך יענער. דער מאַרקסיסטישער אינטעליגענט קאָן צוליב זיין וועלט-פרעמדקייט מיינען, אַז די אַרבעטערשאַפט דעסטילירט אַרויס איר געזעלשאַפטלעכן אידעאַל פון דעם פלייסיקן שטודיום פונם קאַרל מאַרקסעס „קאַפּיטאַל“. דער קלאָר-זעענדיקער באַאָבאַכטער ווייס דוקא פאַרקערט: אַז דערדאָזיקער אידעאַל גופא שפּייזט זיך פון דעם פלייסיקן שטודירן פון דעם מוסטער-בילד, וואָס ס'שטעלט מיט זיך פאָר די פירונג פון די אויבערשטע צענטויזנט. דערדאָזיקער ביישפּיל איז משפּיע אויפן פאָלק דורך דער ווירקלעכקייט פון דעם גרויסשטאָטישן לעבן און פון די סענטימענטאַלע פּיקציעס פון ליטעראַטור, טעאַטערס, קינאָס און אילוסטרירטע צייטונגען, — אויף די פרויען באַזונדערס דורך די שויפענסטער און מאָדע-זשורנאַלן.

זאָגט, וואָס איר ווילט, נאָר ס'איז פאָרט אמת, אַז דאָס שטרעבן צו גלייכהייט און די באַדערפעניש צו זיין אַ גרעסערער יחסן, ווי דער אַנדער מענטש, שליסן לחלוטין נישט אויס איין זאַך די צווייטע. נאָר פאַרקערט, זיי שפּייזן איינע די צווייטע. די אינדיווידועלע נאַטור פון זיין „געלטונגס-אינסטינקט“, דער דראַנג צו ווערן מער, ווי עפּעס און אַבי-ווער, טרייבט דעם מענטש, באַזונדערס דעם מערב-מענטש, צו פאַרלאַנגען די גלייכהייט. אָבער זיינע סאָציאַלע אינסטינקטן ווילן פאָרט האָבן אין יעדער געזעלשאַפט אַן „אויבערשטע“ שיכט, וועלכע ווירקט ווי אַ מוסטער פון אַ געוווּנשענעם צושטאַנד, און גיט דערמיט דעם שטרעבן צו סאָציאַלער גלייכהייט אַ ריכטונג און ציל.

דערדאָזיקער פּסיכאָלאָגישער גרונט מאַכט אוממעגלעך,

לכל הפּחות בײַ דער הײַנטיקער פּסיכישער נאַטור פֿונם מענטש, אַ וועלכע נישט איז געזעלשאַפֿט אָן אַן אַריסטאָקראַטיע. געוויס, די אַריסטאָקראַטיע איז אַ בריה אויף אָנצונעמען פֿאַרשיידענע פֿאָרמען: דער אַדל-שטאַנד-מיטגליד פֿון אייראָפּע, דער מאַנדאַרין פֿון דער אַלטער כינע, דער אַמעריקאַנישער יורש פֿון די „פֿאָטערס-פּיליגרימען" (די ערשטע קאָלאָניסטן אין ניו ענגלאַנד), דער ענגלישער קלוב-דזשענטלמאַן, דער קאָמוניסטישער פֿירער אין רוסלאַנד — דאָס זענען נאָר פֿאַרשיידענע דערשיינונגס-פֿאָרמען פֿון דעמזעלביקן סאָציאַל-פּסיכאָלאָגישן פֿאַקט: פֿון דער באַדערפֿעניש פֿונם מענטש צו האָבן אַ מוסטער-בילד, וואָס איז נישט גלייך צו אים, אָבער צו וועלכן ער וויל זיך דאָך צוגלייכן און עס נאָכטאָן. אַ סאָציאַלער איבערקער, וועלכער וואָלט ווייטער נישט אָנערקענט די טראַדיציאָנעלע אַריסטאָקראַטיע פֿאַר אַ סאָציאַל מוסטער-בילד, ווי דאָס איז פֿריער געווען, ווי למשל, די בירגערלעכע רעוואָלוציע אין ענגלאַנד אינם 17-טן יאָרהונדערט, אָדער וועלכער וואָלט נישט געשאַפֿן תּיכף ומיד אַ שפּאָגל-נייע אַריסטאָקראַטיע און זי אויסגעפּוצט טאָקע מיט דעם אַלטן פּליטער-גלאַנץ, ווי די פֿראַנצויזישע רעוואָלוציע פֿון 18-טן יאָרהונדערט, וואָלט קיינמאָל נישט געווען בכּח צו שאַפֿן אַ דויערנדיקן נייעם צושטאַנד. דער רוסישער קאָמוניזם וואָלט זיך קיינמאָל נישט געקאָנט פֿאַרפֿעסטיקן, ווען ער וואָלט נישט רעספּעקטירט די באַדערפֿעניש פֿון די מאַסן אין אַ פֿעסטן היעראַרכישן סאָציאַלן סדר, אויב ער וואָלט אויפֿן אָרט פֿון דעם הערשאַפֿטס-סימבאָל פֿון אַ צאַר נישט אַוועקגעשטעלט דעם דיקטאַטאָר, און אויף דעם אָרט פֿון דעם רעגירנדיקן אַלטן באַאַמטן-קלאַס — די „נייע ביוראָקראַטיע פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי".

דאָס שטרעבן צו גלייכהייט און די באַדערפֿעניש צו האָבן אומגלייכהייט, לויפֿן אַלזאָ פּאַראַלעל. ס'איז נישט מער ווי רעכט צו פֿאָרמולירן אַזאַ כּלל: דאָס, וואָס עס פֿעלט אַמערסטן, וויל מען אַמשטאַרקסטן. אָט אַזוי קומט עס, אַז, אין גרונט גענומען, לייגט מען זיך אין דער לענג און אין דער ברייט, נאָר כּדי צו זיין ענלעך צו יענע, וועלכע מען איז מקנא צוליב זייער אומענלעכקייט, און וועלכע מען האַסט

בתכלית שנאה צוליב דערדאָזיקער קנאה. דערפאַר טאַקע ליגט הינטער דעם אינטערעסן-קאַמף קעגן דער בורזשואַזיע די פאַראויסזעצונג, אַז די אַרבעטער האַלטן דעם בורזשואַזן שטייגער פאַר געווונשן; און דערפאַר טאַקע פירט דער אינטערעסן-קאַמף דערצו, אַז די אַרבעטער ווערן ענלעך צו זייערע קעגנער אויף אַזויפיל, אויף וויפל עס געלינגט זיי אויסצוקעמפן און אַוועקצונעמען די פּאָזיציעס פון די קעגנער.

די דערפאַרונג פון די פּסיכאָלאָגישע וואָרצלען פון דער סאָציאַליסטישער מאַסן-געזינונג פירט צו דער לייזונג פון אַ פּראָבלעם, אין וועלכן דער מאַרקסיזם האָט זיך קיינמאָל נישט געפּרוּווט צו פאַרטיפן: די פאַרהעלטעניש צווישן סאָציאַליזם און דעמאָקראַטיע. פאַר דעם מאַרקסיזם איז די אַרבעטער-באַוועגונג אַ פּשוטער אינטערעסן-קאַמף פון קלאַסן, און די פּאָליטישע דעמאָקראַטיע איז נאָר אַ מיטל צו באַוואָרענען פאַר דער אַרבעטערשאַפט, באשר זי איז דאָך דער צאָלרייכסטער-קלאַס, דעם נצחון אין דעמדאָזיקן קאַמף. דידאָזיקע שייכות פון באַגריפן „סאָציאַליזם אַלס ציל און דעמאָקראַטיע אַלס מיטל" איז אין דעם מאַרקסיסטישן שטייגער דענקען פּונקט אַזוי פעסט פאַרוואָרצלט, ווי די אַנדערע באַגריפן-שייכות, מיט וועלכער, אגב, זי איז לאָגיש זייער שטאַרק פאַרבונדן, דהיינו: „עקאָנאָמישער פונדאַמענט און פּאָליטישער אויבערשטער בנין", אַט די דאָגמע איז דאָך אַן עיקר גדול פון דער מאַרקסיסטישער געשיכטס-פילאָזאָפיע. די פאַרשפּרייטונג פון דעמדאָזיקן שטייגער דענקען אין די לענדער מיט דער מאַרקסיסטישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע האָט אַ סך געהאָלפן, אַז גראָד ביי די איבערגעגעבנסטע אָנהענגער פון סאָציאַליזם זאָל פאַראַליזירט ווערן דער ווידערשטאַנד קעגן די קאָמוניסטישע דיקטאַטור-חלומות. ממה-נפשך, אויב די דעמאָקראַטיע איז נאָר אַ מיטל צו פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם, דעמאָלט איז אונזער לעצטע אָפּשאַצונג פון דעמדאָזיקן מיטל אָפּהענגיק פון דעם, צי איז ער ביכולת צו ברענגען די אַרבעטערשאַפט צו דער פּאָליטישער מאַכט. מילא, אויב אין די לענדער, ווו די אינדוסטריעלע אַרבעטערשאַפט איז אַ מערהייט פון דער באַפעלקערונג, איז די דעמאָקראַטיע נאָר אַ מיטל צו ברענגען דידאָזיקע מערהייט

צו דער מלוכה-מאַכט, מיט דער הילף פון אַ גלייכן וואַל-רעכט, סאָ איז אין די לענדער. ווו דער פּראָלעטאַריאַט האָט נישט קיין מערהייט, אויך יעדעס אַנדער מיטל, — ווי, למשל, מיליטער-אויפשטאַנד, מלוכהשער איבערקער, פּאַרטיי-דיקטאַטור — אויך אַזוי גוט. אויף וויפל עס איז בכח צו דעראָבערן און פאַרזיכערן די מאַכט. אין ליכט פון אַזאַ געדאַנקען-גאַנג קאָן אייגנטלעך די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע מאַכן דעם רוסישן קאָמוניזם נאָר דעם איין-אייציקן פאָרוואורף, אַז זיין טאַקטיק, וואָס איז באַגרינדעט מיט באַשטימטע לאָקאַלע פאַרהעלטענישן אין מזרח-אייראָפּע, וויל ער איבערטראָגן אויף די לענדער, ווו די דעראָבערונג פון דער מאַכט איז מעגלעך אַפילו דורך דעם דעמאָקראַטישן וואַל-רעכט גופא. נו, פרעג איך: איז נישט דאָס פּראָבלעם אין דער אמתן פיל טיפער, ווי דערדאָזיקער סכסוך איבער טאַקטישע מעטאָדן? צי איז דען די דעמאָקראַטיע בלויז און נישט מער, ווי אַ וואַל-טאַקטיק אָדער אַ פאַרוואַלטונגס-טעכניק? צי איז זי דען נישט אַ פּסיכישע פאָראויסזעצונג פון סאָציאַליזם, אַן אָרגאַנישער, נישט-אָפּרייסבאַרער באַשטאַנדטייל פון זיין יושר-אידעאַל, זיין אידעאַלער תוך גופא?

דידאָזיקע פראַגע ווערט פון זיך אַליין פאַרענטפערט פאַר דעם, וואָס אים איז דער סאָציאַליזם עפּעס מער, ווי אַ לאָזונג צו פאַרכאַפּן די מלוכה-מאַכט; נאָר דער סאָציאַליזם איז פאַר אים טאַקע אַ געזינונג, וועלכע פאָדערט נייע באַציאונגען פון מענטש צו מענטש. זאָל מען נאָר פּראָבירן אָפּוואַרפן די אומוויסנשאַפטלעכע באַגריפן-הלכה מכח דעם ענדציל, וועלכן מ'האָט ראַציאָנאַל, דאָס הייסט, מיטן אַבסטראַקטן שכל און דאָקטרינער-לאָגיש, אויפגעבויט, צוזאַמען מיט די פּלפּולים מכח די אַבסטראַקט-אויסגעטראַכטע מיטלען, וואָס פירן כלומרשט צום ענדציל, זאָל מען נאָר וועלן אויפפאַסן, זאָג איך, די סאָציאַליסטישע געדאַנקען-וועלט, ווי אַ לעבעדיקע איינהייט, וואָס איר טיפסטער זין קאָן פאַרשטאַנען ווערן דורך איר פּסיכאָלאָגישן מקור און נישט דורך אַ אינטעלעקטואַליסטישן מיראַוש — דעמאָלט מוז מען אויסגעפינען, אַז די דעמאָקראַטיע איז לחלוטין נישט קיין נעבן-צווייגל אויף דעם בוים פון סאָציאַליזם, נאָר טאַקע אַ וואָרצל פון דעמדאָזיקן בוים. און ווייטער

דיזעלבע זאַך: נאָר ווען מען שטעלט ארויס אַנטקעגן דער קאָמוניסטישער אילוזיע מכח אַ סאָציאַליזם אָן דעמאָקראַטיע די שטאָלצע אויפפאַסונג פון אַן עטישן מענטשהייטס-אידעאַל, וועלכער ציט זיין יניקה באַוווסטזיניק פון יאָרהונדערטער פון מענטשלעכן שטרעבן צו גלייכהייט, אָט נאָר דעמאָלט וועט אַ שטאַרקער מאַסן-ווילן קאָנען אַנטקעגנשטיין דעם קאָמוניסטישן פשוף. און דאָס איז די אונטערשטע שורה: ווען די דעמאָקראַטישע אַרבעטער-באַוועגונג אין צענטראַל-אייראָפּע און מערב-אייראָפּע וועט קומען צו דער פולער און איבערצייגטער אָנערקענונג פון דעם הויכן מאָראַלישן ווערט פון אירע אייגענע מאָטיוון, וועט זי קאָנען פירן גאָר אַן אַנדער מין פּאַרטיידיקונגס-קאַמף קעגן די ווירקונגען פון דער קאָמוניסטישער געוואַלט- און אומגעדולד-פּאָליטיק, און נישט בלויז אַ קאַמף, וואָס זיינע כלי זין זענען די העכסט-געלערנטע פאָרשונגען וועגן דעם, ווי אַזוי מאַרקס און ענגעלס האָבן בשעתם געקוקט אויף די טאַקטישע פּראָבלעמען פון זייער צייט.

אָבער נאָך אַ זאַך: די איבערצייגונג מכח דער שורשדיקער איינהייט פון די סאָציאַליסטישע און דעמאָקראַטישע געפילס-מאָטיוון פאַרלאַנגט אַ סך מער, ווי נאָר ויכוחים מכח דעם צוזאַמענהאַנג צווישן דער עקאָנאָמיק און דער מלוכה-פאָרם, מכח די חסרונות פון די היינטיקע דעמאָקראַטישע מלוכה-קאָנסטיטוציעס, אָדער וועגן דער באַציאונג פון דער אַרבעטער-באַוועגונג צו די בירגערלעכע דעמאָקראַטישע פּאַרטייען. דאָ האַנדלט זיך וועגן דעמאָקראַטיע אַלס אידעאָלאָגיע און וועלט-געפיל, און נישט נאָר וועגן דעמאָקראַטיע אַלס פאַרוואַלטונגס-טעכניק סתם, ווי אַ קאָנסטיטוציע-ענין, אָדער פּאַרטיי-באַוועגונג. אָבער די מעשה איז זאַך, אַז נאָר וועגן אָט דער טעכניק טראַכטן יענע מאַרקסיסטן, וועלכע קאָנען נישט זאָגן דאָס וואָרט דעמאָקראַטיע אָן אַ נעבן-טאָן פון פאַראַכטונג; זיי זעען בעת מעשה נאָר די אומטויגלעכקייט פון די היינטיקע דעמאָקראַטישע איינריכטונגען אין די פּאַרלאַמענטאַרישע מלוכות און די נישטיקייט פון די בירגערלעך-דעמאָקראַטישע באַוועגונגען, וועלכע האָבן תמיד פאַרראַטן און געלאָזט פאַלן די דעמאָקראַטיע, וויבאַלד ס'האָט זיך זיי געדוכט, אַז זייערע קלאַסן-

אינטערעסן שטייען אונטער אַ געפֿאַר. מיר נעמען זיך נישט צו זאָגן, צי האָבן די קאָמוניסטישע מאַרקסיסטן דאָס רעכט צו באַרימען זיך מיט דערדאָזיקער פֿאַראַכטונג; זיי גופֿא האָבן דאָך מקריב געווען צוליב דעם קלאַסן־אינטערעס, אָדער צוליב דער זעלבסטדערהאַלטונג פֿון זייער פּאַרטיי־דיקטאַטור, די דעמאָקראַטישע פֿרייהייטן, לשם וועלכע דער רוסישער סאָציאַליזם האָט באַקעמפֿט דעם צאַריזם. דערביי האָבן זיי אין דער סאָוויעט־רעפּובליק געשאַפֿן אַן אָרדענונג, וואָס שליסט אין זיך אַריין אַלע פּלאָגן פֿון דעם מערבדיקן פּאַרלאַמענטאַרישן רעזשים (פּאַרטיי־ווירטשאַפֿט, איבערפֿלוס פֿון באַראַטנדיקע אינסטאַנצן, ביוראָקראַטיזם, באַאַרבעטונג פֿון דער געזעלשאַפֿטלעכער מיינונג אין די אינטערעסן פֿון דער רעגירונג, הערשאַפֿט פֿון דער פֿראַזע ביי דער פּראַקטישער מאַכטלאָזיקייט לגבי די עקאָנאָמישע כּחות א. א. וו.), — נישט האָבנדיק דערביי די מעלות, וועלכע קומען אַרויס פֿון דער פֿרייהייט פֿון אָפּאָזיציע. אין דערזעלבער צייט איז אויך ביי די נישט־קאָמוניסטישע מאַרקסיסטן פֿון שטענדיק אָן אָנגענומען אַזאַ מין טאַקטיק: פֿון איין זייט אַרויסשטעלן די דעמאָקראַטיע אַלס אַן אידעאַלע רעגירונגס־פֿאָרם פֿון דעם צוקונפֿט־שטאַאַט, און פֿון דער אַנדערער זייט, האַלטן, אַז אַלץ, וואָס איז היינט בנמצא אין דער דעמאָקראַטישער געזינונג און אַדמיניסטראַציע, איז אַ פּועל יוצא פֿון די אָפּגעלעבטע, צביעותדיקע, קליינבירגערלעכע באַשטרעבונגען, וועלכע קאָנען נאָר אָפּלענקען די אַרבעטער פֿון דעם הויפּט־ציל פֿון קלאַסן־קאַמף. מיט איין האַנט, הייסט עס, גלעט מען, און מיט דער צווייטער פּאַטשט מען...

די באַדייטונג פֿון דער דעמאָקראַטיע, אַלס געזינונג אין די גייסטיקע שטרעמונגען פֿון אונזער צייט, טאָר מען אָבער נישט מעסטן מיט דעם מאַסשטאַב פֿון דעם ווערט אָדער דעם אומווערט פֿון די עקזיסטירנדיקע אינסטיטוציעס. קוקט מען זיך צו, ווי ס'איז היינט־צו־טאָג בכלל געוואָרן די מאָדע צו אונטערשטרייכן די חסרונות פֿון דער דעמאָקראַטיע אַלס אַ מלוכה־פֿאָרם — דערביי האָט מען, אגב, אין זינען מערסטנס נאָר דעם פּאַרלאַמענטאַריזם, — דאַכט זיך, אַז די דעמאָקראַטישע געזינונג איז אין דער אמתן נאָר נאָך אַן איבערזעל־

טיקטער שטאַנדפּונקט, ווי דאָס פּראָקלאַמירן קאָמוניסטן און נאַציאָנאַל-פאַשיסטן. די, וואָס רעדן אַזוי, נאַרן זיך גאַנץ שטאַרק בנוגע צו זייערע אייגענע מאָטיוון. דער סקעפּטיציזם לגבי די דעמאָקראַטישע שלאָגווערטער, באַזונדערס נאָך די אַנטוישטע האָפענונגען פון ווילסאָנס וועלט-עפּאָכע, די טענות און מענות מכח דעם קריזיס פונם פּאַרלאַמענטאַריזם א. א. וו., דאָס אַלץ באַווייזט נישט די שוואַכקייט, נאָר די וואַקסנדיקע שטאַרקייט פון דעם דעמאָקראַטישן וועלט-געפיל, די עקזיסטירנדיקע פּאַרלאַמענטאַרישע און דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס האַלט מען בחוש פאַר אומטויגלעכע, מערסטנס פשוט דערפאַר, ווייל זיי זענען דוקא נישט גענוג דעמאָקראַטיש. דער מאַסשטאַב פון דער קריטיק איז דוקא נישט קיין אַנדערער, ווי טאַקע דאָס דעמאָקראַטישע וועלט-געפיל גופא, וואָס ווערט אָנגעווענדעט קעגן די אינסטיטוציעס אויך ביי א סך פון די, פאַר וועלכע דאָס איז גאַנץ אומקלאָר. דער, ווער עס קריטיקירט דעם פּאַרלאַמענטאַריזם אַלס א שיין-דעמאָקראַטיע און אַלוזיע, זאָגט דערמיט אַרויס, אין תוך, א ווונטש און פאַרלאַנג צו אַן אמתער דעמאָקראַטיע. די גרונט-אידעען פון דער דעמאָקראַטיע — יורידישע גלייכהייט פון אַלע מענטשן און די באַשטימונג איבער דעם שיקזאַל פון כלל, פון דער געזעלשאַפט, דורך די געזעלשאַפט-מיטגלידער, דורך דעם כלל גופא — זענען היינט אינם האַרץ פון די מענטשן לעבעדיקער, ווי ווען עס איז פריער. די אומצופרידנקייט מיט דעם, וואָס איז שוין דערגרייכט געוואָרן, איז דער בעסטער באַווייז פאַר דעם כח פון דעם אומבאַפרידיקט-געבליבענעם ווונטש. מערסטנס איז דאָס א נאַאיווע אומגעדולד, וועלכע האָפט אין דעם דיקטאַטאָר צו געפינען א קירצערן וועג צו דער זעלבסט-באַשטימונג, בפרט צו דער נאַציאָנאַלער זעלבסט-באַשטימונג, ווייל זי גלויבט, אַז דער דיקטאַטאָר וועט בעסער פון דעם פּאַרלאַמענטאַריער ברענגען צום אויסדרוק דעם ווילן פון די מאַסן. א סך פון דעם, וואָס דערשיינט דאָ אַלס פּראָצעס פון פוילעניש, איז אין תוך נאָר א קינדער-קראַנקהייט פון דעם דעמאָקראַטישן וועלט-געפיל. דאָסדאָזיקע וועלט-געפיל האָט טאַקע ביי די ייִנגערע פעלקער געמאַכט שנעלערע פאָרטשריטן, ווי זייער פּאָליטישע אורטייל-

פעאיקייט, וועלכע קאָן רייף ווערן ערשט במשך פון דורות. דער ווילן צו רעגירן פון אונטן איז שוין דאָ, הגם עס פעלט נאָך די פעאיקייט דערצו. די טעג פון רעגירן פון אויבן אראָפּ ווענען שוין אויף אייביק פאַרביי; ס'איז נאָר אַ פראַגע פון צייט, וועלכע איז נויטיק, כדי אַ נייע פאָרם זאָל קאָנען ווערן רייף און אויפּלעבן. בינו לבינו איז דאָס דעמאָקראַטישע שטרעבן קיינמאָל נישט געווען לעבעדיקער. ווי דווקא אין דער-דאָזיקער צייט, בעת די דעכאָקראַטישע שאַפונגען פון דעם פריערדיקן דור זענען אַן אָפענע אייטערנדיקע וואונד. און ס'איז נישט מער ווי רעכט, דאָס פאָלק זאָל מיט זיי זיין אומצופרידן ביז גאָר.

דער סאָציאַליזם, וואָס אונטערשטיצט דעמדאָזיקן מאָטיוו, שטעלט זיך אַליין אויס אַן אויג. אָט צו דער אונטערשטיצונג האָט שוין געבויג מיטגעהאָלפן דער פאַרקאָמוניסטישער מאַרקסיזם פון דער פאַרמלחמה-צייט; קודם כל דערמיט, וואָס ער האָט פאָפולאַריזירט דעם געדאַנק, אַז די פּאָליטישע דעמאָקראַטיע איז די רעגירונגס-פאָרם, וועלכע אַנטשפּרעכט דעם פּאָליטישן קאַפּיטאַליזם און במילא — אויך די אינטערעסן און אידעאַלן פון דער בורזשואַזיע. קיין זאַך איז נישט אַזוי פאַלש, ווי דידאָזיקע אידענטיפיצירונג פון דעמאָקראַטיע און קאַפּיטאַליזם. זי איז דער קערנדל-קיים פון דער קאָמוניסטישער אָנשויאונג, וועלכע פאַרדאַמט די פּאָליטישע דעמאָקראַטיע, ווי אַ מאַסקע פון בירגערלעכער צביעות, און שטעלט איר אַנט-קעגן, אונטערן נאָמען פון ראַטן-סיסטעם, דעם ביוראָקראַטישן דעספּאָטיזם, מעשה עכטע פּראָלעטאַרישע רעגירונגס-פאָרם.

דער אמת איז, אַז דאָס, וואָס די אייראָפּעאישע אינ-דוסטריעלע מדינות האָבן היינט-צו-טאָג פון דער דעמאָקראַ-טיע, איז פלייש און בלוט פון דער אַרבעטער-באַוועגונג גופא. וואָלט, למשל, די אַרבעטערשאַפט מיט דעם ריכטיקן אינסטינקט פון איר היסטאָרישער אויפגאַבע, גראַד אין דער מאָס, ווי זי האָט אָנגעהויבן צו פילן סאָציאַליסטיש, נישט אידענטי-פיצירט איר אידעע מיט דער אידעע פון דעמאָקראַטיע, דע-מאָלט וואָלט דייטשלאַנד אויך איצט נאָך געווען אַ בונד פון פירשטן, ווי פאַר 1848; פראַנקרייך וואָלט געווען אַ קאָנסטי-

טוציאָנעלע מאָנאַרכיע מיט אַ פּאַרלאַמענט פון בלויז פאַרמעגלעכע ווילער; און ענגלאַנד — דער קאַפּיטאַליסטישער גן עדן פון דער עפּאָכע פאַר דעם „רעפאָרם־ביל" (18.2). אַלץ דאָס, וואָס איז אין אייראָפּע פאַר די הונדערט יאָר אויסגעקעמפט געוואָרן פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג אין זינען פון פּאָליטישער פרייהייט, און פאַר די אַרבעטער אין זינען פון אַ פּאָליטישער גלייכבאַרעכטיקונג, דאָס הייסט, אַלץ, וואָס איז הייַנט בנמצא אין ענין דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס, האָבן ראשית כל געמוזט פאַר זיך אויסקעמפן די סאָציאַליסטישע אַרבעטער גופא. נו, שוין אין דעמדאָזיקן זין פון דער ריינער היסטאָרישער ווירקלעכקייט זענען דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם באַגריפן, וואָס מ'קאָן זיי בשום אופן פון צווייטן נישט אָפּרייסן.

געוויס איז ריכטיק, אַז דער אויפוואַכנדיקער בירגערטום־קלאַס איז, אינם קאַמף קעגן דער פריערדיקער מלוכה־קאָנסטיטוציע אויפן יסוד פון פעסטע סאָציאַלע שטאַנדן און פון מאָנאַרכישן אַבסאָלוטיזם, געווען דער ערשטער אָנצושרייבן אויף זיין פאָן די פּרינציפּן פון פּאָליטישער דעמאָקראַטיע. די אַמעריקאַנישע פּראָקלאַמירונג פון אומאָפּהענגיקייט און די פראַנצויזישע מענטשן־רעכט־דעקלאַראַציע — דאָס זענען דאָקומענטן פון ריין־בירגערלעכע רעוואָלוציעס. און שוין הונדערטער יאָר פאַר דעם האָבן די דעמאָקראַטישע קאָנסטיטוציעס פון די שטאָט־רעפּובליקן אין מיטלאַלטער געדינט די אינטערעסן פון דעם פאָרווערטס־שטרעבנדיקן בירגערטום. אָבער צווישן יענע בירגערלעכע דעמאָקראַטיעס און די הייַנטיקע דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס איז פונקט אַזאַ חילוק, ווי צווישן די האַנטווערקער־צעכן פונם מיטלאַלטער, אָדער דעם דריטן שטאַנד פון 1789 (דאָס זענען די אונטערדריקטע פּראָדוציר־שטאַנדן פון דעמאָלט), און דעם הייַנטיקן קלאַס פון די קאַפּיטאַליסטן. דורך דער ניי־אויפגעקומענער קלאַסן־שיידונג צווישן די פאַרמעגלעכע און די נישט־פאַרמעגלעכע אין דעם דריטן שטאַנד גופא איז אָבער (במשך פון 19־טן יאָרהונדערט) געוואָרן קלאָר, אַז די פאָלקס־געמיינשאַפט פון דער בירגערלעכער דעמאָקראַטיע איז געווען אַזוי צוגעשניטן, אַז זי זאָל קענען אַריינגעמען אין

איר בגד נאָר די פֿאַרמעגלעכע קלאַסן. דער אַרבעטער־שאַפֿט איז במילא אויסגעקומען דורכצופֿירן אין לעבן די פּאָליטישע דעמאָקראַטיע פֿונם אַלגעמיינעם און גלייכן וואַל־רעכט, נישט עפּעס מעשה־שפּיל, נאָר דורך לאַנגע שווערע קאַמפֿן, וועלכע ציען זיך נאָך עד היום אין דער געשיכטע פֿון אייראָפּע.

דער שורש פֿון די יורידישע פֿאָרשטעלונגען, וואָס האָבן געגעבן דעם אימפּולס צו דידאַזיקע קאַמפֿן, ליגט בעוויס אַ סך טיפֿער, ווי אין די טעקסטן פֿון די קאָנסטיטוציעס פֿון 1776 (אין אַמעריקע) און 1789 (אין פֿראַנקרייך). ווי יעטוועדע דעמאָקראַטיע, זינט דעם מיטלאַלטערלעכן אויטאָנאָמען, כמעט רעפּובליקאַניש־זעלבשטענדיקן סדר פֿון די גרויסע האַנטווערק־צעכן, שטיצן זיי זיך אויף די גלייכהייטס־פּרינציפּן פֿון קריסטנטום. יעטוועדע דעמאָקראַטישע, און ממילא אויך יעטוועדער סאָציאַליסטישער רעכטס־באַגריף, באַזירט זיך סוף כּל סוף אויף דער גלייכהייטס־אידעע פֿונם קריסטנטום. אָט ווען בערנאַרד שאָאו דעפֿינירט דאָס דעמאָקראַטישע וועלט־געפֿיל אַלס דאָס געפֿיל פֿון אַן אומבאַדינגטן דרך ארץ לגבי יעטוועדן מיטמענטשן, דאַן דריקט ער דערמיט אויס דעמזעלביקן געדאַנק, וועלכער איז אַן עיקר פֿון דעם פֿרומען קריסטס „אני מאמין” אין באַצוג צו דער אומשטערבלעכקייט פֿון דער נשמה און צו דער מענטשלעכקייט צו גאָט, על פּי דער אידעע פֿון אדמס שאַפֿונג „בצלם אלהים”. און וועלכע נעמט אַרום דעם זעלבסט־רעספּעקט, די זעלבסט־באַשטימונג און די זעלבסט־פֿאַראַנטוואָרטונג פֿון דעם מענטשלעכן שיקזאַל אין יעדן איינצל־פֿאַל פֿון אַ יחיד. דער סך הכּל בכן פֿון אָט דעם אַנאַליז איז אָט אַזאַ: ערשט אין אַ געזעלשאַפֿט, אין וועלכער דער קריסטלעכער שטייגער צו פֿילן איז געוואָרן, דורך דורות־לאַנגן וווּקס, אַ צעמענט פֿון אַלע איינריכטונגען און מנהגים, האָט געקאָנט געמאָלט זיין, אַז אויך דער לעצטער און אָרעמסטער פֿאָלקס־מענטש האָט זיך געקאָנט אויפֿהויבן צו אַ געפֿיל פֿון מענטש־חשיבות, וועלכעס ביט יעדן מענטשן־קינד די גלייכע רעכט־פּרעטענזיעס צום כּלל, די גלייכע פֿאָדערונגען, צו זיין אַ גלייכער צווישן גלייכע.

דער ווידערשטאַנד פֿון דעם קירכלעכן מאַכט־ווילן איז נישט געווען בכּח צו פֿאַרהינדערן, אַז מען זאָל די פֿאָדערונג

פון גלייכהייט איבערטראָגן אויך פון דעם רעליגיעזן געביט אויף דעם פּראַקטיש-מאָראַלישן און געזעלשאַפטלעכן געביט. יידישע פאָדערונג האָט זיך שטענדיק דורכגעזעצט מיט אַן עלעמענטאַרער געוואַלט. דערפאַר טאַקע האָט זיך יעטוועדער מיטלאַלטערלעכער קאָמוניזם, האָט זיך יעטוועדע פאָדערונג פון פּאָליטישער און סאָציאַלער גלייכבאַרעכטיקונג, יעטוועדע דע־מאָקראַטישע רעפאָרם, שוין לאַנג נאָך פאַר די גרויסע בירגערלעכע רעוואָלוציעס, בפירוש געשטיצט אויף דער אידעע פון קריסטנטום. דערפאַר טאַקע איז עד היום נאָך דער סאָציאַליזם געבליבן אַ זאַך, וואָס באַגרענעצט זיך מיט די לענדער מיט דער קריסטלעכער קולטור; דערפאַר איז די קריסטלעכע געזינונג סוף כל סוף איינע פון די טיפסטע קוואַלן פון דער דעמאָקראַטישער און סאָציאַליסטישער איבערצייגונג.

אָבער וויסן מוז מען, אַז דער געדאַנק פון דעמאָקראַטיע איז דערביי אַן אומבאַדינגט-גויטוועדיקער פאַרבינדונגס-גליד צווישן דעם קריסטלעכן און סאָציאַליסטישן געפיל. מ'קאָן זיכער זאָגן, אַז פון דער צייט אָן, ווען די גרונט-באַגריפן פון דער פּאָליטישער דעמאָקראַטיע זענען אין אַ געוויסער מאָס אויך פאַר דער אַרבעטערשאַפט געוואָרן איר אייגן בלוט און פלייש, דערשיינט איר דער קערן פון די סאָציאַליסטישע עקאָנאָמישרעכטלעכע פאָרשטעלונגען נישט אַנדערש, ווי דערזעלביקער דעמאָקראַטישער פּרינציפּ, וואָס איז איבערגעטראָגן געוואָרן פון דעם פּאָליטישן געביט אויף דעם עקאָנאָמישן און געזעלשאַפטלעכן געביט. אין דעמזאָזיקן זינען פאַרווירקלעכט די סאָציאַליסטישע באַוועגונג, מעשה אַפּיטרופּס איבער אַ גייסטיקער ירושה, סיי די דעמאָקראַטיע, וואָס איז פון דער בורזשואַזיע פאַרלאָזן געוואָרן, סיי דעם קריסטלעכן אידעאַל גופא וועלכן די קירכע האָט שוין פון לאַנג פאַרראַטן.

דאָס קריסטנטום פון די מערב-לענדער טראָגט אויף זיך דעם שטעמפּל פון די גערמאַנישע פעלקער, וועלכע האָבן געהאַט הינטער זיך אַ לאַנגע פאַרגאַנגענהייט פון דעמאָקראַטישער זעלבסט-פאַרוואַלטונג אונטער געווײלטע הערשער. מ'קאָן באַמערקן, אַז ווי נאָר ס'שאַפן זיך צווישן דידאָזיקע פעלקער געמיינשאַפטן, שלאָגט זיך ביי זיי דורך דער דראַנג צו דע־

מאָקראַטיע, ווערכער איז שטענדיק מנצח, הגם נישט אָן קרבנות
און צייטווייליקע מפלות, אין קאַמף מיט דעם מאַכט-אינסטינקט
פון די פירער. די דעמאָקראַטיש-אָרגאַניזירטע שטאָטישע גע-
מיינשאַפטן פירן סוף כל סוף צו אַ מפלה פון דעם פעאָדאַליזם.
די האַנטווערקער-צעכן זענען מנצח, אין בלוטיקע קאַמפן, דעם
חשק פון דעם סוחרישן פּאַטריציער צו רעגירן פון אויבן
די בירגערלעכע נאַציעס, וואָס שאַפן זיך אין דער עפּאָכע
פון דער מלוכה-הירטשאַפט, באַפרייען זיך פון דעם מאָנאַרכישן
אַבסאָלוטיזם, די סעקטן-קירכע שטירצט דעם פּויפּסטלעכן הער-
שאַפטס-פּרינציפּ (פּאַפּיזם). די אורשפּרינגלעכע שטאַם-געמיינ-
שאַפט, די פריערשע „מאַרך" (געמיינדע), דער האַנטווערק-צעך,
די סוחרישע גילדע און די „האַנזאַ" (אַ פעדעראַציע פון דייטשישע
האַנדלס-שטעט פון מיטלאַלטער), זיי אַלע באַווייזן, אַז דער
דראַנג צו דער זעלבסט-באַשטימונג צווישן גלייכע געווינט די
אויבערהאַנט נישט נאָר אין דעם פּאָליטישן פאַרבאַנד, נאָר
אויך אין דער פאָרמירונג פון די עקאָנאָמישע געמיינשאַפטן,
אומעטום דאָרט, ווו דער פאַרנעם און דער איינהייטלעכער כאַ-
ראַקטער פון דיזאָזיקע געמיינשאַפטן גיבן די מעגלעכקייט צו
לעזן דאָס פאַרוואַלטונגס-טעכנישע פּראָבלעם, ד. ה. די וועגן
צו פאַרוואַלטן און אָנצופירן די אַרבעט צום וויל און בעסטן
פון אַלע מיטגלידער. בינו לבינו האָט די אינדוסטריעלע רע-
וואָלוציע פאַרניכטעט אָט דיזאָזיקע התחלות און האָט אַריינ-
געוואָרפן די ווירטשאַפט אין דעם תהו ובהו פון אומגעצוימטע
פּראָפיט-אינסטינקטן. פון אַלע פריערדיקע פאַרבינדונגען, וואָס
זענען אומגעקומען, איז בלויז די מלוכהשע פאַרבאַנד-פאָרם
געבליבן לעבן אין דער עפּאָכע פון דער וועלט-ווירטשאַפט,
וועלכן מיר מאַכן היינט דורך. אָבער די אינדוסטריעלע און
סאָציאַלע דעמאָקראַטיע בויט איצט ווידער אויף דעם אימ-
פּולס, וואָס קומט פון אונטן, אָן אימפּולס, וואָס איז אַרויסגע-
גאַנגען פון דער אַרבעטערשאַפט. נו, ווערט טאַקע אַלץ קלאָ-
רער, אַז נאָכדעם, ווי ס'זענען באַזייטיקט געוואָרן די פּאָליטישע
מניעות פון דער בירגערלעכער קלאַסן-הערשאַפט, אַנטוויקלט
זיך אויך דערדאָזיקער סאָציאַלער אויפבוי פון אונטן אַרויף
פון דעם איינצל-קעמערל צום גאַנצן פאַרבאַנד. אין דער פאַר-

טרעטערשאַפֿט אין די פֿאַבריקן (ווי מ'רופֿט זיי היינט „פֿאַבריק-ראַטן”), וואָס ווערט קאָנטראָלירט פֿון דער געווערקשאַפֿט, לאָזט זיך שוין דערקענען דער אויפֿבוי פֿון די קעמערלעך פֿון דער צוקונפֿטיקער געמיינשאַפֿט פֿון די אַרבעטנדיקע עלעמענטן.

די ריין-אינסטינקטיווע גאַנצקייט און איינהייט פֿון דעמדאָזיקן שטרעבן דריקט זיך בולט אויס אומעטום, וווּ ס'איז דאָ אַ קאָלעקטיוו אינטערעסן-פֿעלד, ד. ה. אַ געמיינשאַפֿט, אַט, למשל, אין דער משפּחה. איז די פֿאַרדרענגונג פֿון דעם אויטאָריטעט-פּרינציפּ דורך דעם גלייכהייטס-פּרינציפּ און זעלבסטבאַשטימונגס-פּרינציפּ פֿון דער פֿרוי לגבי דעם מאַן, אָדער פֿון די קינדער לגבי דעם פֿאָטער, נישט עפּעס אַנדערש, ווי אַ דערשיינונגס-פֿאָרם פֿון אַ באַשטימטן פּסיכישן דראַנג, וואָס שטייט מיט דער סאָציאַליסטישער בעזינונג אין אַ סך אַ טיפֿערער שייכות, ווי דאָס וויל האָבן דער מאַרקסיזם. מיר מוזן זאָגן, אַז מיט זיין אומפֿאַרשטענדניש פֿון אָט דעמדאָזיקן שטרעבן ברענגט ער, אגב אורחא, דעם סאָציאַליזם פֿיל מער שאָדן, ווי נוצן. אין די פֿאַרענדערונגען פֿון פֿאַמיליע-רעכט און פֿאַמיליע-מנהגים דערבליקט ער נאָר אַ מעכאַנישן רעפֿלעקס, אַן אָפּשפּיגלונג און רעזולטאַט פֿון די פֿאַרענדערטע עקאָנאָמישע פֿאָרמען. דערמיט שאַפֿט ער ביי זיינע אָנהענגער די אָנשויאונג, וועלכע פֿאַרדאַמט, אַלס אַ בירגערלעכע באַזעגונג, דעם פֿעמיניזם, למשל, דאָס גאַנצע שטרעבן פֿון דער פֿרוי צו אַ העכערער מענטשלעכער באַדייטונג און ראָלע אין לעבן, צו פֿרייער צייט, בילדונג און ווילן-פֿרייהייט, הגם דאָסדאָזיקע שטרעבן שטאַמט פֿון דעמזעלביקן מקור, ווי דאָס שטרעבן פֿון מאַן צום אַכט-שעהדיקן אַרבעטסטאָג. און ווייל די שולד פֿאַר דער פֿאַרקנעכטונג פֿון דער פֿרוי ווערט אויף אַזאַ אופֿן איבערגעטראָגן אויף דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם, מעג יעדער איינער מענטשלעכער הויז-דעספּאָט נאָך לייכטער ווייטער פֿירן זיין באמת בירגערלעכע און קליינלעך-זעלבסטצופֿרידענע ממשלה. אָט טאַקע דעריבער איז אין די אַנגלאָזאַקסישע לענדער, וווּ דאָס דעמאָקראַטישע געפֿיל האָט זיך בעסער דערהאַלטן אין די פֿאָלקס-מנהגים און וווּ דער סאָציאַליזם איז פֿון אַן אוממאַרקסיסטיש-עט-שער שאַטירונג, די

באפרייאונג פון דער אַרבעטער-פרוי פון איר סיראַנישן מאַן און הערשער שוין אַ סך ווייטער אַוועק ווי, לאָמיר זאָגן, למשל, אין דייטשלאַנד מיט איר מאַרקסיסטישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע.

דער אויספיר פון אונזער שטעלונג צו דעמדאָזיקן פראָבלעם איז אַזאַ: וואָס לענגער און שטאַרקער די אַרבעטער-שאַפט האָט געקעמפט פאַר דער פּאָליטישער דעמאָקראַטיע, אַלץ מער פילט זי דעם דערגרייכטן רעזולטאַט אַלס אירן אַן איי-גענעם ענין און אַלץ אַנטשיידנדיקער וועט זי זיך מי געבן צו פאַרטיידיקן דאָס דערוואָרבענע קעגן יעדער סכנה. דערפון במילא שטאַמט דער פאַקט, וועלכער איז ממש אומפאַרשטענד-לעך פאַר די אָרטאָדאָקסאַלע מאַרקסיסטן, און דער עיקר פאַר די רוסישע קאָמוניסטן. אַז נישט קוקנדיק אויף אַלע שווערע חסרונות פון דער היינטיקער דעמאָקראַטיע, פאַרבלייבן ביי איר דוקא יענע פעלקער, וועלכע באַזיצן די אַנטוויקלטסטע דעמאָ-קראַטישע אינסטיטוציעס. און אין דידאָזיקע פעלקער גופא זענען מערסטנס דוקא די סאָציאַליסטיש-געזינטע קרייזן פון דער אַרבעטערשאַפט גרייט, אַפילו מיט די גרעסטע קרבנות, צו פאַרטיידיקן און ווייטער צו אַנטוויקלען זייערע דעמאָקראַ-טישע מלוכה-אינסטיטוציעס. זיי טוען דאָס, הגם זיי זעען שאַרף די חסרונות און די געפאַרן פון די פּאַרלאַמענטאַריש-דעמאָקראַטישע פּרינציפּן. און דערפאַר האָט עס נאָר פאַר יענע סאָציאַליסטן, וואָס זייער דאָגמע האָט זיי בלינד געמאַכט, נישט צו קאָנען זען אָט דידאָזיקע אינערלעכע פסיכישע צו-זאַמענהאַנגען, געקאָנט דערשיינען, ווי אַן אומפאַרשטענדלעכער ווונדער, אַז דער לאָזונג „פאַרטיידיקונג פון דער דעמאָקראַטיע״ האָט באַקומען בעת דעם וועלט-קריג אַזאַ אָנציאונגס-קראַפט צווישן די סאָציאַליסטן פון די פאַרבינדעטע מלוכות (ענגלאַנד, פראַנקרייך און אַמעריקע). דערביי איז נישט וויכטיק צו וויסן, וויפל פּראָצענט אויפריכטיקייט האָבן געהאַט אין זיך די קלוגע פּאָליטיקער, וואָס זענען געפאַלן אויף דער המצאה צו פּראָק-לאַמירן אָט דעם לאָזונג. און צי די סאָציאַליסטן, וואָס האָבן דורך אים גלאָזט זיך באַגייסטערן פאַרן קריג, האָבן ריכטיק געהאַנדלט. מיר רעדן דאָ נאָר מכח דער מאַסן-פסיכאָלאָגישער ווירקונג פון דעמדאָזיקן מאָטיוו.

נו, זעט מען אַלזאָ אין סאָציאַליזם עפּעס אַן אַנדערע און גרעסערע זאַך, ווי נאָר דעם קעגנטייל פון דעם היינטיקן קאַפּיטאַליזם, און פאַרבינדט מען אים מיט זיינע עטישע און גייסטיקע אורקוואַלן, דעמאָלט געפינט מען איין, אַז אָט דידאָזיקע קוואַלן זענען אידענטיש מיט די וואָרצלען פון אונזער גאַנצער מערבדיקער קולטור בכלל. דעמאָלט זענען קריסטנטום, דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם, אויך פון דעם היסטאָרישן שטאַנדפּונקט, נאָר נאָך דריי פאָרמען פון דערזעלביקער אידעע. באַמערקט מען דען נישט, וואָס פאַר אַן אומדערשעפּלעכער קוואַל פון גייסטיקער ענערגיע אַנטפּלעקט זיך פאַר דעם סאָציאַליסט, פאַר וועלכן עס ווערט קלאָר אָט דידאָזיקע דרייפאַכיקע איינהייט! די צילן פון סאָציאַליזם, ווי ער פאָרמולירט זיי אין זיין פּראָגראַם, באַקומען דעמאָלט זייער זין שוין נישט נאָר בזכות פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע פון 19-טן יאָרהונדערט אַליין, נאָר פון די אַלע צוואַנציק יאָרהונדערטן פון דער מענטשלעכער געשיכטע. יעטוועדער פאַקט פון אָט דער געשיכטע — די עוואַנגעלישע מוסר-דרשה (באַרג-פּרעדיגט), ווי אויך די דעקלאַראַציע פון מענטשן-רעכט און דער קאָמוניסטישער מאַניפעסט, די מיטלאַלטערלעכע שטאָטישע אויטאָנאָמיע מיט בריטע שטאַטלעכע רעכט, ווי אויך דער הומאַניזם, די רעפאָרמאַציע, די נאַציאָנאַלע באַפרייאונגס-מלחמות, די אַנטשטייאונג פון וועלט-מאַרק, די היינטיקע אַרבעטער-באַוועגונג — אָט דאָס אַלץ זענען, פון אַזאַ בליקפּונקט, נאָר עטאַפּן פון איין גרויסער אַנטוויקלונג, וואָס שטרעבט צו אַ גרויסן ציל; יעדע טאַט, וועלכע דערנענטערט אונז צום דאָזיקן ציל, פאַרבינדט אונז מיט דעם גאַנצן שטרעבן פון דער מענטשהייט.

V

סאָלידאַריטעט, עסכאַטאָלאָגיע, רעליגיעזע סימבאָליק.

> מיר מיינען אַלע, אַז אונזער רעליגיע
> האַלט שוין ביים גוססן, בעת אין דער
> אמתן איז זי נאָך גאַרנישט געבאָרן
> געוואָרן, הגם ס'איז קלאָר, ווי דער טאָג,
> אַז אונזער צייט שוואַנגערט מיט איר.
> בערנאַרד שאָו.

מיט זיין דערקלערונג פון דעם סאָלידאַריטעטס-געפיל ביי דעם אַרבעטער-קלאַס דורך דער געמיינזאַמקייט פון זיינע אינטערעסן און דעם שטענדיקן סכסוך צווישן די אַרבעטער און דעם אונטערנעמער-קלאַס, האָט דער מאַרקסיזם געשאַפן דאָס איינציקע געביט, ווו זיינע פרווון צו באַגרינדן אַ קלאַסן-עטיק גייען דאָך אין אַ פּאָזיטיווער ריכטונג. דאָס הייסט אָבער נאָך נישט, אַז ער האָט ריכטיק פאַרשטאַנען די אינערלעכע פאַרבינדונגען און באַציאונגען צווישן אַ ריי פסיכישע פאַקטאָרן. פאַרקערט — ער האָט אויך אין דעם פרט פאַרשפּרייט אין דער אַרבעטערשאַפט גופא מעכאַניסטיש-מאַטעריאַליסטישע אָנשויאונגען, וואָס האָבן זיך אַרויסגעשטעלט אַלס מניעה פאַר דער עטישער פרוכטבאַרקייט פון איר סאָלידאַריטעטס-געפיל. פאַר דעם מאַרקסיזם איז די סאָלידאַריטעטס-עטיק פון דער אַרבעטערשאַפט, סיי אין איר מקור, סיי אין אירע פועל יוצאס, נישט מער ווי א קלאַסן-ענין. דעמדאָזיקן פּראָצעס שטעלט דער מאַרקסיזם זיך פאָר, אַ שטייגער, לויט דער פאָלגנדיקער סכעמע : די קאַפּי-

טאַליסטישע אינדוסטריע-אונטערנעמונג פירט צונויף מענטשן אינאיינעם אונטער פאַרהעלטענישן, וועלכע שאַפן ביי זיי אַלעמען געמיינזאַמע עקאָנאָמישע אינטערעסן; דורך דעם לערנען זיי זיך אויס צו פאַרשטיין די קלאַסן-סאָלידאַריטעט, אַלס אַ נויטווענדיקייט („צוערשט די איינצלנע אַרבעטער, נאָכדעם די אַרבעטער פון איין פאַבריק, נאָכדעם די אַרבעטער פון אַ גאַנצער אינדוסטריע״ א. א. וו., ווי דאָס שטייט אין אַ באַרימטער שטעלע פון דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט״); און דידאָזיקע קלאַסן-סאָלידאַריטעט, זאָגט ווייטער דער מאַרקסיזם, וועט זיך אַמאָל אויסברייטערן צו אַ געזעלשאַפטלעכער סאָלידאַריטעט דורך דעם, וואָס די אַרבעטער וועלן איבערנעמען די מלוכה-מאַכט און וועלן אָפשאַפן די קלאַסן-עקספּלואַטאַציע.

נו, וואָס זענען די פאָראויסזעצונגען, די תּנאים און גרונט-הנחות פון אַזאַ שיטה: ערשטנס, אַז דער איינצלנער אַרבעטער שטעלט אין אָנפאַנג פון אָט דעם פּראָצעס פאַר מיט זיך אין אַ געוויסער מאָס נאָר אַן איזאָלירטן אַטאָם, אַז ער איז, וואָס איז נוגע זיין סאָציאַל-עטיש פּנים, אַ וועזן ממש אָן אינסטינקטן; צווייטנס, אַז דער וווּקס פון זיין סאָלידאַריטעטס-געפיל איז נישט מער, ווי אַ ריין-שכלדיקער פּראָצעס, וואָס באַזירט זיך אויף דער דערקענטעניש פון דער געמיינזאַמקייט פון געוויסע געלט-פאַרדינסט-אינטערעסן; און דריטנס, אַז דידאָזיקע סאָלידאַריטעט בלייבט אַ ריינער קלאַסן-ענין, און קאָן זיך ערשט דעמאָלט פאַרוואַנדלען אין אַ געזעלשאַפטס-עטיק, ווען אַ נייע קלאַסן-הערשאַפט וועט האָבן געשאַפן אַ נייע פאָרם פון דער געזעלשאַפטלעכער עקאָנאָמיק.

וואָלט אין דער אמתן די מעשה זיין טאַקע אַזוי, דאַן וואָלט דער סאָציאַליזם געהאַלטן גאָר שלעכט. אמת, דער אַרבעטער-קלאַס וואָלט דעמאָלט געקאָנט, אַ דאַנק זיין גרעסערער סאָלידאַריטעט, פאַרכאַפן די מאַכט. אָבער לויט דעם מענטשלעכן פאָראויסזען, וואָלט ער דידאָזיקע מאַכט אויסגענוצט נאָר כדי זיך צו פאַרפעסטיקן, אַלס די שטאַרקסטע סאָציאַלע גרופּע, וואָס הערשט איבער די אַנדערע גרופּעס, און צו שאַפן, אַנשטאָט די אַלטע סאָציאַלע קעגנזאַצן, נייע-קאָנפליקטן. אָט דערדאָזיקער שטאַנדפּונקט פאַרזעט דעם גרונט-תּנאי, אַז ביי דער

ארבעטערשאַפט אַנטשטייען נייע מאָראַלישע מאָטיוון; ער דערבליקט אין די איצטיקע און אין די צוקונפטיקע טאַטן פון דעם אַרבעטער נאָר דעם מעכאַנישן המשך פון אַן אימפולס, וואָס האָט זיינע וואָרצלען אין דער אַנטאַגאָניסטישער פאָרם פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע און וועלכער וועט על פּי שכל מוזן קומען צו אַ סוף ערשט נאָך דעם, ווי דאָסדאָזיקע פּראָדוקציע-סיסטעם וועט בטל ווערן. די פּרוּוון אויפצובויען אַ נייע עטיק אויף דעם יסוד פון דער פּראָלעטאַרישער אינטערעסן-סאָלידאַריטעט מוזן בלייבן דערפאָלגלאָז, מחמת אַ געפיל, וואָס שטאַמט נאָר פון דער דערקענטעניש פון אַן אינטערעס, האָט מיט עטיק בכלל קיין שייכות נישט. פאַרקערט, דווקא די עטיק זעצט פאַראויס אַ געפיל, וואָס דריקט זיך אויס אין אַן אינערלעכן מוז, נישט קוקנדיק דערויף, צי דאָס שטייט אין איינקלאַנג מיט אַ ממשותדיקן אינטערעס, אָדער דאָס שטייט נישט אין איינקלאַנג מיט אים. נאָך מער, די עטיק הויבט זיך ערשט אָן דאָרט, ווו ס'ענדיקט זיך דער ממשותדיקער אינטערעס: דעם ווערט פון מאָראַלישן ווילן מוז מען מעסטן לויט דער שטאַרקייט פון דעם קעגנגעזעצטן אינטערעס, וועלכן ער איז בכח בייצוקומען, דאָס מיינט, צי איז דער מאָראַלישער ווילן בכח צו ברענגען קרבנות אין נאָמען פון זיין ציל.

אין דער אמתן, איז די אַרבעטער-סאָלידאַריטעט נישט קיין נייער מאָטיוו, נאָר די באַזונדערע פאָרם פון יענעם אור-אינסטינקט פונם געזעלשאַפטלעכן מענטש, וועלכן די סאָציאַל-פּסיכאָלאָגן רופן אָן מיט דעם נאָמען סטאַדנער אינסטינקט, אין די סאָציאַל-עטיקער — אַלטרויִסטישער אינסטינקט און וועלכער איז דער אורשפּרונג פון יעטווידער עטיק.

אָט דער מענטש, וואָס דער מאַרקסיזם נעמט זיך צו דערקלערן זיינע מאָראַלישע מעשים נאָר דורך זיינע קאָנקרעטע אינטערעסן, איז אַבסאָלוט נישט קיין אַנדער נפש, ווי דער „עקאָנאָמישער מענטש“ פון דער קאַפּיטאַליסטישער אויפקלערונגס-עפּאָכע (סוף 18-טן יאָרהונדערט), דער פולשטענדיקער עגאָאיסט און העדאָניסט, וועלכער ווייס נישט פון קיין שום אַנדערן אינסטינקט, אחוץ זיין „ריכטיק-פאַרשטאַנענעם אינטערעס“. אָבער אין דעם לעבעדיקן מענטש האָבן דאָך אַ ווייר-

קונג די אַלטרואיסטישע מאָטיוון (קודם כל די, וועלכע זענען פאַרוואָרצלט אין דעם סטאַדנעם אינסטינקט און אין געזעלשאַפטלעכן שוץ-אינסטינקט), וואָס זענען עפּעס גאָר אַן אַנדער זאַך, ווי דער עגאָאיזם, וואָס איז געלייטערט געוואָרן דורך דעם לאָגישן אַנאַליז פון די אומשטענדן.

דער אַרבעטער פון דער פרי-קאַפּיטאַליסטישער צייט, וועלכער איז געווען דער ערשטער צו קומען צום געדאַנק פון דער אַרבעטער-סאָלידאַריטעט, איז אין סאָציאַל-עטישער הינזיכט לחלוטין נישט געווען אַן אומבאַשריבן בלעטל פּאַפּיר. ער האָט שוין געהאַט אַלטרואיסטישע געמיינשאַפטס-אינסטינקטן, וועלכע האָבן באַקומען זייער פאָרם פון דעם קריסטנטום און פון דער סאָציאַלער דערפאַרונג פון די פריערדיקע דורות, און טאַקע פון אָט די דאָזיקע געפילן, און נישט פון דער שפּאָגל-נייער דערקענטעניש פון דעם קלאַסן-אינטערעס, איז געבאָרן געוואָרן זיין דראַנג צו סאָלידאַריטעט. וואָלט דער דאָזיקער מענטש טאַקע אין דער אמתן געווען פעאיק צו האַנדלען נאָר לויט דעם שכל הישר פון דער דערקענטעניש פון זיין קלאַסן-לאַגע, דעמאָלט וואָלט ער אַנשטאָט צו פאַרבינדן זיין מזל מיט זיינע עקספּלואַטירטע קלאַסן-חברים, פאַרקערט גאָר געזוכט אויסצובייטן זיין פּראָלעטאַרישע קלאַסן-צוגעהעריקייט אויף אַ בעסערער קלאַסן-לאַגע, וואָס וואָלט אים גאָרנישט געווען שווער צו דערגרייכן דורך קלוגע חשבונות. ממילא, ער וואָלט זיך געפּרוּווט דאָס צו טאָן, און ער וואָלט אויף אַזאַ אופן געוואָרן נישט אַ העלדנהאַפטער קעמפער פאַר דער קלאַסן-סאָלידאַריטעט, נאָר אַ קאַריעריסט און אַ פאַררעטער פון אָט דער דאָזיקער סאָלידאַריטעט. און אויב ער האָט דאָס נישט געטאָן, איז דאָס טאַקע גאָר דערפאַר, ווייל זיין מאָטיוו איז געווען נישט די דערקענטעניש פון זיין אייגענעם אינטערעס, נאָר דער אוראַלטער סטאַדנער אינסטינקט, וועלכער האָט זיך פאַרגייסטיקט דורך דעם קריסטנטום צו אַ צדקה-געפיל, דורך דער האַנטווערקער-טראַדיציע צו אַ קאָלעגיאַל פאַך-געפיל און האָט זיך פאַרוואַנדלט איצט אין אַ סאָלידאַריטעטס-געפיל. אוודאי, איז דער אופן, ווי אַזוי עס אַנטפּלעקט זיך דער דאָזיקער מאָטיוו, און באַזונדערס איז דער אומפאַנג און דער כאַראַקטער פון דער געמיינשאַפט, אויף

װעלכער דער מאָטיװ באַװירט זיך, אָפּהענגיק אין אַ װײַטער שטאַרקער מאָס פֿון דעם קלאַסן־אינטערעס. אָבער אַט דער מאָטיװ גופֿא איז פֿאָרט נישט געשאַפֿן געװאָרן פֿון דעם קלאַסן־אינטערעס; פֿאַרקערט, דאָס שאַפֿן זיך פֿון קלאַסן־געמײנשאַפֿטן גופֿא קומט אַרויס פֿון דער עקזיסטענץ פֿון אַ מאָראַלישן געמײנשאַפֿטס־אינסטינקט.

די אומגענױקײט פֿון דער מעכאַניסטיש־ראַציאָנאַליסטישער װעלטאָנשױאונג פֿונעם מאַרקסיזם, װעלכער זעט אין דעם מאָראַלישן מאָטיװ נאָר אַ פּראָדוקט פֿון קלאַסן־אינטערעס און פֿון דער רײנער לאָגיק, איז מיר צוערשט געקומען אויפֿן זין דורך אַ פֿראַגע, װאָס עס האָט מיר געשטעלט מיט יאָרן צוריק מײַן לערער, אַ באַרימטער היסטאָריקער. ער האָט געפֿרעגט: „אויב די סאָציאַל־עטישע מאָטיװן פֿון דער הײַנטיקער געזעלשאַפֿט שטאַמען פֿון אירע קלאַסן־אינטערעסן, טאָ װאָס װעט װערן מיט דידאָזיקע מאָטיװן, װען אַט דער קלאַס װעט שױן קומען צו דער מאַכט און װעט אָפּשאַפֿן די קלאַסן, װי דאָס זאָגט דער מאַרקסיזם? דעמאָלט איז דאָך שױן מער נישטאָ קײן קלאַסן־אינטערעס, אום צו שפּײַזן די מאָטיװן פֿון סאָציאַליזם; פֿון װאַנען זשע זאָלן דעמאָלט די נײַע מאָטיװן קומען?“ די תּשובֿה, װאָס איך האָב דעמאָלט געפּרוּװט געבן אויף דערדאָזיקער פֿראַגע, האָט מיך אַזױ װײניק באַפֿרידיקט, אַז זי איז פֿאַר מיר געװאָרן די אורזאַך פֿון אַ טיפֿער בײַסטיקער אומװאַנדלונג; בפֿרט נאָך דעם, װי אײניקע דערפֿאַרונגען פֿון דער לעצטער צײַט, באַזונדערס אין רוסלאַנד, האָבן באַװיזן זײער װיכטיקײט דורך דעם קאָנקרעטן בײַשפּיל פֿון פּראַקטישן לעבן.

און אַזױ אַרום בין איך ערשט אין אַ סך יאָרן געקומען צו דער פֿאָלגנדיקער תּשובֿה: דער קלאַסן־אינטערעס אַלײן טוט עס נישט אויף, ער שאַפֿט נישט קײן עטישע מאָטיװן, ער גיט נאָר אַ נײַע געשטאַלט און אַ נײַע ריכטונג די מאָטיװן, װאָס עקזיסטירן שױן און װאָס זענען אײַנגעװאָרצלט אין דער געזעלשאַפֿטלעכער נאַטור פֿונעם מענטש. דידאָזיקע מאָטיװן זענען פּונקט אויף אַזױ פֿיל נאָר בכּוח צו װירקן אַפֿילו נאָך דעם, װי עס װעלן אויפֿהערן די קלאַסן־באַציאונגען, אויף װיפֿל מיר שפּירן זײ בחוש, אַלס אַלגעמײנע נאָרמעס פֿון דעם

מענטשלעכן געוויסן, און נישט נאָר פון דעם מאַטעריעלן אינטערעס. וואָלט אַ קלאַס, וואָס זיין סאָלידאַריטעטס-געפיל איז באַזירט אויף דעם קלאַסן-אינטערעס, אַמאָל געקומען צו דער מאַכט, וואָלט ער געשטרעבט צו פאַרווירקלעכן אין אַן אַנדער פאָרם די עגאָאיסטישע אינסטינקטן, וואָס באַגרינדן דעם אינטערעס, און וואָלט דערמיט געשאַפן נייע פאָרמען פון הערשאַפט. די פעאיקייט פון דער אַרבעטערשאַפט צו שאַפן אַ נייע סאָציאַלע ווירקלעכקייט וועט, פאַרקערט, אָפּהענגען פון דעם אופן, ווי אַזוי ס'וועט איר געלינגען צו פאַרוואַנדלען די סאָציאַל-עטישע מאָטיוון, וואָס שטאַמען פון די קלאַסן-אינטערעסן, אין אַלגעמיינע עטישע פּרינציפּן פון דעם טאָג-טעגלעכן לעבן. דאָס וועט זיך איר אויף אַזוי פיל בעסער איינגעבן, אויף וויפל שטאַרקער זי וועט באַטאָנען אַלץ, וואָס פאַרבינדט אירע מאָטיוון מיט די מאָטיוון פון דעם אַלגעמיין-מענטשלעך-מאָראַלישן מין, און אויף וויפל ס'וועט זיך איר איינגעבן צו מאַכן די-דאָזיקע פאַרבונדנקייט לעבעדיק און בולט אין דעם באַוווסטזיין פון אירע אָנהענגער. אָט מהאי טעמא איז טאַקע די טעאָריע, וועלכע פּרוווט צו דערקלערן די אַרבעטער-סאָלידאַריטעט דורך דעם קלאַסן-אינטערעס, נישט נאָר אויף אַ האָר נישט אויסגעהאַלטן, סיי היסטאָריש און סיי פּסיכאָלאָגיש, נאָר אויך פּראַקטיש שעדלעך, ווייל זי צעשטערט דעם בריק, וועלכער פאַרבינדט אין באַוווסטזיין פון יעדן איינצלנעם יחיד דעם עקאָנאָמישן אייגענעם אינטערעס מיט דעם מאָראַלישן געבאָט פון כּלל, פון דער געזעלשאַפט.

גראָד דערפאַר, ווייל זיי פילן די דאָזיקע פאַרבינדונג מער אָדער ווייניקער דייטלעך, באַמיען זיך אַזוי שטאַרק די מאַרקסיסטן ווידער אַריינצוברענגען דורך אַ הינטערטירל דעם עטישן פּרינציפּ, וועלכן זיי האָבן אויסגעשלאָסן דורך זייער קריטיק פון קאַנטן און פון דער „בירגערלעכער" פילאָזאָפיע: זיי דערהויבן דעם עקאָנאָמישן אינטערעס גופא צו אַ מאָראַלישן געבאָט. און דאָך איז דאָס, וואָס מען וויל שוין אַריינלאָזן דורך דעם עקאָנאָמישן הינטערטירל, נישט דאָסזעלבע, וואָס מ'האָט אַרויסגעוואָרפן דורך דער פאַראַדנער טיר. אָט די דאָזיקע עטיק פון דעם קלאַסן-אינטערעס באַזיצט נישט קיין איינציקן פון די

אַלע סימנים, וואָס כאַראַקטעריזירן דעם עטישן מוז: זי ווערט נישט אויפגעכאַפּט אינטואיטיוו, נאָר זי איז קאָנסטרואירט דורך אַ לאָגישער דערקענטעניש; זי וויל נישט באַהערשן די נידעריקע אימפּולסן פון עגאָאיזם, נאָר זי וויל פּשוט זיין זייער משרת; זי ווענדעט זיך נישט צו אַלע מיטגלידער פון אַ קולטור-געמיינשאַפט, אָבער נאָר צו די אָנגעהעריקע פון איין קלאַס; און דאָס, וואָס זי זאָגט זיי אָן, האָט אַ שייכות בלויז נאָר צו די קלאַסן-חברים און שליסט אַלזאָ לחלוטין אויס פון דעם גבול פון מאָראַלישן געזעץ אַלע אַנדערע מענטשן.

די סאָלידאַריטעט לשם דעם לייבלעכן אינטערעס ווערט בטל אויך דעמאָלט, ווען ס'הערט אויף דער אינטערעס גופא, אָדער, לכל הפחות, ווען ער ווערט פּאַרטיקולאַר און נישט באַמערקט. אַט זאָל מען זיך נאָר דערמאָנען, ווי עס ווערן אין ס'רוב פאַבריקן באַהאַנדלט די יונגע הילפס-אַרבעטער און לערן-יינגלעך מצד די דערוואַקסענע אַרבעטער, וועלכע זענען צווישן זיך סאָלידאַריש און געווערקשאַפטלעך אָרגאַניזירט. אָדער זאָל מען זיך נאָר דערמאָנען די לייכטקייט, מיט וועלכער אַזוי פיל אַרבעטער, וואָס זענען דערהויבן געוואָרן צו אויפזעער, פאַרוואַנדלען זיך תיכף, ווי ס'שלאָגט זיך דורך אין זייערע מחות די קלאָרע דערקענטעניש פון זייער פּריוואַטן אינטערעס, אין דעספּאָטן, וואָס זענען אַפילו ערגער, חי ס'וואָלט געקאָנט זיין אַ וועלכער נישט איז אונטערנעמער. אָדער, ס'איז כדאי אַמאָל צו שטעלן אָט די פראַגע: ווי קומט עס, אַז אַזוי פיל פאַרהייראַטע אַרבעטער, וועלכע שרעקן זיך נישט אָפּ פאַר קיין שום קרבן, כדי אויסצוקעמפן פאַר זיך און פאַר זייערע חברים אַ שטיקל גרעסערן וווילשטאַנד און מער פרייהייט, גיבן אַפילו גאָר קיינמאָל קיין טראַכט נישט מכּה דעם, ווי ס'וואָלט זיך זיי געלאָזן דערלייכטערן פאַר זייערע פרויען די לאַסט פון דער הויזלעכער אַרבעט. מיר קאָנען זיכער באַהויפּטן, אַז כל זמן די ענגלישע געווערקשאַפטן האָבן נישט פאַרשטאַנען, אַז דער נידעריקער לעבנס-שטייגער פון דעם אומגעלערנטן אַרבעטער קאָן ווערן אַ קאָנקורענץ-געפאַר אויך פאַר די פאַכאַווע אַרבעטער, האָט זיך זייער סאָלידאַריטעטס-געפיל באַשרענקט נאָר אויף זייערע פאַך-קאָלעגן; אַלע אַנדערע זענען געווען

פאַרשטויסן אויף מיילן פון די אָרגאַניזאַציעס און פון די פּריווילעגירטע אינדוסטריעס. אַט אַזוי איז דער לערנדיקער ווילשטאַנד פון די אָרגאַניזירטע אַרבעטער געקויפט געוואָרן מיטן פּרייז פון דער פאַראָרעמונג פון דער גרויסער מאַסע פון די אומפאַכאָווע אַרבעטער. דאָס האָט געדויערט ביז די פאַראָענדערטע טעכנישע באַדינגונגען (וועלכע האָבן צעשטערט די פעסטע גרענעצן צווישן די פאַכאָווע און אומפאַכאָווע אַרבעטן), דער ראַדיקאַלער „נייער יוניאָניזם" און די סאָציאַלע איבערקערעניש פון דער מלחמה-צייט האָבן פאָרט געצוואונגען צו פאַרברייטערן דעם סאָלידאַריטעטס-באַגריף, אפילו אין דער קאָנסערוואַטיווער ענגלאַנד. פונקט אַזוי איז די באַציאונג פון די אַמעריקאַנער אַרבעטער לגבי די אַרבעטער פון די פאַרביקע ראַסן און אפילו לגבי די אייראָפּעאישע עמיגראַנטן אין צפון-אַמעריקע.

נג. איך זע פאָראויס די קעגן-טענה מצד די מאַרקסיסטן, אַז די דאָזיקע ביישפּילן באַלויכטן נאָר די אומפעאיקייט פון די ברייטע אַרבעטער-קרייזן צו פאַרשטיין זייער אמתן קלאַסן-אינטערעס. דער אַמעריקאַנער אַרבעטער, למשל, וואָס שטייט שטאָל-און-אייזן פאַר דעם פאַרבאָט, אָדער פאַר דער באַשרענקונג, פון דער עמיגראַציע, טוט דערמיט כלומרשט פאַרטרעטן נאָר די שמאָלע סעפּאַראַט-אינטערעסן, און נישט קיין קלאַסן-אינטערעסן, ווייל אַט די קלאַסן-אינטערעסן פון דעם פּראָלעטאַריאַט שטעלן זיך דאָך נישט אָפּ פאַר קיין ראַסן-גרענעצן. נו, זאָל מען אפילו אָננעמען, אַז דאָס שטימט, וואָלט דען דערמיט טאַקע נישט געגעבן געוואָרן אַ באַווייז, אַז דער מאַרקסיסטישער קלאַסן-אינטערעס איז ווי אַ בלויזע פיקציע און איז לחלוטין נישט קיין פועל יוצא פון דער עקאָנאָמישער דערפאַרונג? די געפאַרן, וואָס באַדראָען זיינע שכירות צוליב אַ מאַסן-עמיגראַציע פון די „פרעמדע", שאַפן ביי דעם אַמעריקאַנער אַרבעטער בלי ספק אַ וויכטיקן מאַטעריעלן אינטערעס, וואָס פאַרבינדט אים מיט זיינע קלאַסן-חברים אין איין פראָנט קעגן זיינע אונטערנעמער; דער באַגריף פון אַ סאָציאַלער געמיינשאַפט, וועלכע נעמט אַרום אויך די נעגערס און אַזיאַטן, איז פאַר אים אין בעסטן פאַל אַ גוטע טעמע

פאַר דער זונטיק-דרשה פון זײַן פּאַסטאָר. אמת, ס'וועט אים דערבײַ אפילו נישט אײַנפאַלן אויף אַ רגע צו קלערן וועגן אַן אינטערעסן-געמײנשאַפט צווישן די „ווײַסע" אַרבעטער גופא קעגן די „פרעמדע". האָט דען נישט דער פּריוואַט-אינטערעס די טבע צו אָפּערירן מיט אַזעלכע כּללים, ווי אַ שטײַגער: „דאָס העמד איז נענטער צום לײַב, ווי דער ראָק". אָבער אַן אַנדער קוק אויפן קלאַסן-אינטערעס, אַזאַ, נעמלעך, וועלכער וואָלט געווען בּיכולת צו פאַרוואַנדלען די אַנטיפּאַטיע פון דעם אַמעריקאַנער אַרבעטער צו זײַנע פרעמדע קאָנקורענטן אין אַ ברענענדיקע ליבע, מוז האָבן אַלס אורזאַך אַ הומאַניטאַרישע לײַדנשאַפט, וועלכע וואָלט פּונקט אַזוי אָנגעפילט געווען דווקא מיט „עטיק", ווי די הײַנטיקע פּאָליטיק פון די אַמעריקאַנער געווערקשאַפטן איז פול דווקא מיט „קלאַסן-אינטערעס". סוף כּל סוף ווערט דערמיט נאָר אויפסנײַ באַוויזן, אַז די גרענעצן פונם קלאַסן-אינטערעס און די גרענעצן פון דער אויפפאַסונג פון דעמדאָזיקן אינטערעס זענען דיזעלביקע. דאָס פעלן פון דערדאָזיקער קלאָרער אויפפאַסונג אין די געבראַכטע בײַשפּילן ווײַזט אונדז, אַלזאָ, די שמאָלע גרענעצן, וואָס אין זײַער תּחום קאָן דער קלאַסן-אינטערעס דאָך שאַפן כאָטש אַ שטיקל סאָלידאַריטעט. קודם כּל שטעלט זיך דאָ אַרויס, אַז באַפרײַענדיק דאָס סאָלידאַריטעטס-געפיל פון אַלע מאָטיוון, וואָס ציִען זײַער יניקה נישט פון דעם קלאַסן-אינטערעס, נעמען מיר אַוועק בײַ דעמדאָזיקן געפיל יעדן מאָראַלישן, ד. ה. יעדן אַלגעמײן-מענטשלעכן כאַראַקטער.

און דאָך איז מען ווי-נישט-ווי באַרעכטיקט צו דערבליקן אין דער אַרבעטער-סאָלידאַריטעט דעם קיום פון אַ נײַער געזעלשאַפטס-עטיק, ווײַל מען ווייס, אַז זי איז סוף כּל סוף מער, ווי אַ ניכטערער אינטערעס, אַז זי איז פאָרט אַן אײַנצלפאָרם, אַזאַ, וואָס שפּראָצט אַרויס פון די סאָציאַלע באַדינגונגען פון אונדזער צײַט, פון דעם אייביק-מענטשלעכן מאָראַלישן געמײנשאַפטס-אינסטינקט, וועלכער איז צײַטווײַליק פאַרטונקלט געווען דורך דער קאַפּיטאַליסטישער קאָנקורענץ-ווירטשאַפט און פּראָפיטווירטשאַפט. אַן אינסטינקט פליסט נישט אַרויס פון אַ לאָגישער דערקענטעניש, פּונקט ווי די ליבע שפּראָצט נישט אַרויס פון

דער דערקענטעניש פון די מעלות פון דעם געליבטן ווערן פארקערט, דאָס אינסטינקטיווע געפיל גיט ערשט אַ ריכטונג פאַר דער גייסטיקער אויפמערקזאַמקייט און אַן אינהאַלט פאַר דער דערקענטעניש. מיר פילן זיך סאָלידאַריש מיט יעם־ווערן פון די אַלע מענטשן, וועלכע האָבן דאָסזעלבע מזל, וואָס מיר, און מיט וועלכע מיר האָבן צוזאַמען דורכגעליטן אַן אומ־גערעכטיקייט. וואָס טיפער ס'איז דאָס געפיל פון ליידן, אַלץ שטאַרקער באַנעמען די ליידנס־חברים זייער בשותפותדיק מזל און אַלץ גרעסער איז זייער פאַרשטיין פון דער געמיינ־שאַפט פון זייערע אינטערעסן. כדי די אַרבעטער־סאָלידאַריטעט זאָל באַקומען אַן עטישן ווערט און אַ קולטור־שאַפנדיקע קראַפט, איז ניט גענוג, אַז די דאָזיקע סאָלידאַריטעט זאָל, דורך שכל־חשבונות, אַריבערגעטראָגן ווערן פון דעם אינטערעס פון בלויז איין פאַך, און פון דעם אינטערעס פון דעם אַרבעטער־קלאַס פון בלויז איין לאַנד, אויף דעם גאַנצן אַרבעטער־קלאַס בכלל. דער אַנטשיידנדיקער פאַקטאָר איז דערביי דאָס באַוווסטזיין, אַז די דאָזיקע סאָלידאַריטעט וואַקסט אַרויס, ניט אַזוי פון דעם געמיינזאַמען פּראַקטישן אינטערעס, ווי פון דעם געמיינזאַמען אַנטשלאָסענעם פּראָטעסט פון דעם מאָראַלישן געפיל קעגן דער סאָציאַלער עולה.

אויך אויף אָט דעם פעלד געפינט די פּסיכאָלאָגישע פאַרבונדנקייט אַ באַלעבנדיקן פּאַראַלעל אין דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג. אין דער געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג וואַקלט זיך די אויפפאַסונג פון דער סאָלידאַריטעט צווישן די צוויי פּאָלוסן, דהיינו: צווישן דער געפילסמעסיק־עטישער און דער ראַציאָנאַליסטיש־ווירטשאַפטלעכער אויפפאַסונג. דערביי שטעלט זיך אַרויס, אַז די עטישע פאָרם איז די אורשפּרינג־לעכע; די טעאָריעס וועגן אַ סאָלידאַריטעט לשם פּראַקטישן נוצן על פי שכל הישר, זענען פּראָדוקטן פון אַ שפּעטערדיקער צייט און זיי באַלויכטן די אַנטוויקלונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אויף וועגן, וואָס פירן בלויז צו אַ פאַרטרעטונג פון עקאָנאָמישע אינטערעסן. די כאַכן, אין וועלכע עס האָט זיך צוערשט פאַרפעסטיקט די געווערקשאַפטלעכע סאָלידאַריטעט, זענען לחלוטין ניט געווען יענע פאַכן, אין וועלכע די גע־

מיינשאַפט פון די אַרבעטער-אינטערעסן איז געווען אַמבוטסטן קלאָר פאַר דעם ניכטער-דענקנדיקן מענטשלעכן פאַרשטאַנד. ממה נפשך, וואָלט דאָס פּראָבלעם פון סאָלידאַריטעט געווען נאָר אַ פּראָבלעם פון דער ניכטער-זאַכלעכער דערקענטעניש, וואָלטן דוקא די פאַבריקס-אַרבעטער פון די גרויסע מאַשינעלע אינדוסטריעס געדאַרפט זיין די ערשטע, זיי צו לעזן: די גרויסע מאַסן פון אַרבעטער אין די אונטערנעמונגען פון אַזאַ „שווערער" אינדוסטריע, די גלייכע לוין-פאַרהעלטענישן, דאָס פעלן פון פּאַרצייטיקע פאַך-טראַדיציעס (ווייל אַמאָל איז אַזאַ „שווערע" גרויס-אינדוסטריע, ווי אייזן, שטאָל, א. א. וו. בכלל נישט געווען), וואָלטן זיי זייער לייכט געמאַכט די אויפגאַבע מכח דעם סאָלידאַריטעטס-פּראָבלעם. אין דער אמתן אָבער האָבן דוקא נישט די פאַבריקס-אַרבעטער געשאַפן דעם היסטאָרישן יסוד פאַרן אינהאַלט, און אַפילו פאַר די פאָרמען, פון דער אַרבעטער-סאָלידאַריטעט, נאָר גאָר די בוכדרוקער, טישלער, בוי-אַרבעטער און די אַלע אַנדערע „שניידער און שוסטער" פון דעם בעל-מלאכות-געסל. געשען איז דאָס טאַקע געשען, נישט קוקנדיק אויף דעם ווייניקער קריסטאַליזירטן פּראָלעטאַרישן כאַראַקטער פון זייער לאַגע, און נישט געאַכטעט אויף די גרענעצן און די פאָראורטיילן פון די צעכאָווע טראַדיציעס, נישט געאַכטעט אויף די ענגע פערזענלעכע באַציאונגען צו די מייסטערס, אומגעאַכטעט אויך אויף דער צעשפּליטערונג אין אַ צאָל קליינע ווארשטאַטן. אָדער ריכטיקער געזאָגט: גראָד צוליב דעם אַלעם, ווייל אין זייערע פאַרהעלטניסמעסיק קליין-בירגערלעכע לעבנס-פאַרהעלטענישן איז שוין פון אָנהויב אָן געווען אַ חוש פאַר געמיינזאַמע מעשים און שטרעבונגען (איינגנטלעך אויך נישט גאַנץ פריי פון דעם קריסטלעכן צע-כאָוון גייסט, ווי דאָס מיינען פאַרשיידענע היסטאָריקער), וועלכער איז מגולגל געוואָרן אין אַ שטאַרקער אַרבעטער-סאָלידאַריטעט שוין ממש ביי דער ערשטער באַרירונג מיט די סאָציאַליסטישע אידעען. נאָך אַפילו היינט-צו-טאָג באַטייט די סאָלידאַריטעט, למשל, ביי די בוך-דרוקער עפּעס גאָר אַן אַנדער זאַך, און דרינגט אַריין עפּעס טיפער אין די אַלטעגלעכע לעבנס-געוווינהייטן, ווי די אחדות ביי די, לויט דער מאַרקסיסטישער

זכעמע, „כשרע" פּראָלעטאַריער פון די גרויסע פאַבריקן; פאַר
די, פאַר די פאַבריקס-אַרבעטער, איז די סאָלידאַריטעט, די
אחדות, גיכער אַ פּאָליטיש-טעאָרעטישער באַגריף, ווי אַ קראַפט,
וואָס איז מסוגל צו באַשאַפן מנהגים און כּללים פון דער טאָג-
טעגלעכער פירונג אין פאַבריק און אין גאַס. מ'קאָן זאָגן, אַז
אויך וויפל די אַרבעטער-באַוועגונג איז געוואָרן אַ מאַסן-באַ-
וועגונג, און ווי דאָס זאָל נישט געשען, איז אויך דער עטי-
שער אימפּולס תמיד אָפּגעטראָטן אויף אַ הינטערשטן פּלאַן
לגבי די קאַלטע אינטערעסן-חשבונות. דער פּועל יוצא איז:
נאָר אויף אַזוי פיל, ווי די היינטיקע קלאַסן-סאָלידאַריטעט
אנטהאַלט אין זיך נאָך — אָדער ווידער — אַ חוש פון גע-
מיינשאַפט און מאָראַלישע געפילן, נאָר אָט אַזוי פיל באַטייט
די אַ סאָציאַליסטישע, און נישט אַ קאַפּיטאַליסטישע געזינונג.
דאָ איז דער פּונקט, ווו דער סאָציאַלער מינדערווערטי-
קייטס-קאָמפּלעקס פון דער אַרבעטערשאַפט פאַרוואַנדלט זיך
פון אַ פּאַסיוון, נעגאַטיוון ווערט אין נשמה-באַלאַנס, אין אַן
אַקטיוון, פּאָזיטיוון ווערט פון דעם נשמה-באַלאַנס, מחמת ער
פאַרוואַנדלט זיך אין אַ פּאָזיטיוון, עטיש-שאַפנדיקן באַגריף מכּח
יושר און רעכט. און ווי נאָר ס'קומט פאָר דידאָזיקע פאַר-
וואַנדלונג, שטעלן זיך אַרויס מאַסן-פּסיכאָלאָגישע דערשיינונגען,
וועלכע מ'קאָן בשום אופן נישט באַטראַכטן, ווי אַ פּשוטן פּועל
יוצא פון אַ ראַציאָנעלער דערקענטעניש פון טרוקענע אינטע-
רעסן, און וועלכע מען קאָן באַשרייבן נישט אַנדערש, ווי נאָר
אין דער שפּראַך פון דער רעליגיע-געשיכטע און פון דער
פּסיכאָלאָגיע פון גלויבן. צווישן דידאָזיקע דערשיינונגען פאַר-
נעמט דעם אויבן-אָן דער נשמה-צושטאַנד, וואָס וואַקסט אַרויס
פון די עסכאַטאָלאָגישע געפילן. 1)

ווי לײַדן, איז אויך האָפענונג, און ווו האָפענונג, איז
גלויבן — אָט אַזוי דריקט אויס דאָס פאָלק דעם פּסיכאָלאָגישן

1) עסכאַטאָלאָגישע שטימונג — אַ שטימונג, וואָס קומט אַרויס פון דעם
גלויבן און טרוימען מכּח די לעצטע צילן און צוועקן פון לעבן, ווי טויט, דאָס
„לעצטע געריכט", עולם הבא א. א. וו. עסכאַטאָלאָגיע (גריכיש) איז די לערע
וועגן די ענדצילן און נאָך ווייטע אידעאַלן און שטרעבונגען פון דער מענטשהייט.

אמת, אַז יעטוועדער אומאַנגענעמער געפילס־צושטאַנד שאַפט אויך, אַלס קאָמפּענסאַציע, די פאָרשטעלונג פון אַ בעסערן צושטאַנד. פון דעם מינדערווערטיקייטס־קאָמפּלעקס ביי דער ארבעטערשאַפט, וועלכע דערהויבט זיך צו אַ מאָראַלישן פראָטעסט קעגן די אומגערעכטע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן, וואַקסט ארויס אַ ביי געפיל פון בענקשאַפט צו אַ צוקונפטיקן בעסערן סדר. צו וואָס דאָס האַרץ ציט, אין דעם גלויבט מען. די רעאַליטעט פון דעמדאָזיקן גלויבן שטייגט גלייכצייטיק מיט דעם באַוווסטזיין פון די ליידן, וואָס מ'מאַכט דורך אין דער קעגנוואַרט. דערדאָזיקער גלויבן איז ממש אַ פסיכאָלאָגישע באַדערפעניש; אונטערדריקט קאָן ער ווערן נאָר בתנאי, אַז ס'וועט בלייבן פאַר דעם מענטש די געפאַר פון אַ פולשטענדיקער דעמאָראַליזירונג, אַ צוזאַמענברוך פון זיין נשמה־גלייכגעוויכט. אויף אַזאַ אופן ווערט יעטוועדעס סאָציאַל מאַסן־שטרעבן, וועלכעס שטיצט זיך אויפן גלויבן, אַז אָנשטאָט דעם מיאוסן היינט, וועט קומען אַ שענערער מאָרגן, אָפּגעפאַרבט אין אַ רעליגיעזער פאַרב. דאָס איז דאָס עסכאַטאָלאָגישע געפיל, ד. ה. די בענקשאַפט צו די „ימים הבאים״, פון וועלכע דער יידישער משיחיזם, דער אַלטקריסטלעכער כיליאַזם, „מלכות שדי״ און דאָס „אייביקע עוואַנגעליום״ פונם מיטלאַלטער, זענען נישט מער ווי נאָר פאַרשיידענע איינצל־פאָרמען. נו, איז געשען, אַז די מאַסן גלויבן היינט אין אַ סאָציאַליסטישער צוקונפטס־מלוכה, וואָס וועט מאַכן אַ סוף צו אַלע סאָציאַלע ליידן און אומרעכט, טאָ איז דאָס אַ פועל יוצא פון אַן עסכאַטאָלאָגישער האָפענונג, אָבער נישט קיין וויסנשאַפט. ס'איז נישטאָ קיין מענטשלעכע וויסנשאַפט מכח דער צוקונפט. ס'איז דאָ נאָר אַ גלויבן אין דער צוקונפט, און אָט דער גלויבן איז איינער פון די שטאַרקסטע כחות, וואָס וועלן דידאָזיקע צוקונפט פאַרווירקלעכן. דער וויסנשאַפטלעכער „אמת״ און די וויסנשאַפטלעכע שיטות קומען דעמדאָזיקן גלויבן צו הילף נאָר דערמיט, וואָס זיי ווייזן אים אָן די מעגלעכע וועגן צו זיין פאַרווירקלעכונג און פאַרוואַנדלען די אומבאַשטימטע בענקשאַפט אין אַ באַוווסטזיניקן ווילן. דער ווילן שטאַמט פון דעם גלויבן און ציט פון אים די יניקה דורך דעם, וואָס אויפן אָרט פון איינפאַכע געפילס־רעאַקציעס

טרעטן ארויס באַשטימטע וועג-ווייזנדיקע פאָרשטעלונגס-סימבאָלן. די צוקונפט-בילדער פון דער נביאישער סאָציאַלער וויסנשאַפט זענען טאַקע נישט קיין אַנדער זאַך, ווי אַזעלכע פאָרשטעלונגס-סימבאָלן, וואָס גיבן אַ ציל דעם ווילן, וועלכער ווערט געבאָרן פון דעם היינט. אַט אַזוי קאָן דער זין פונם סאָציאַליזם אַנט-פּלעקן זיך נאָר פאַר דעם, וועלכער זעט אין אים אַ גלויבן, און וועלכער קוקט אויף די גאַנצע וויסנשאַפטלעכע געביידעס, נאָר ווי אויף אַ מיטל צו שאַפן סימבאָלן פאַר אַט דעמדאָזיקן גלויבן.

די פּסיכאָלאָגישע איינהייט פון די וואָרצלען פון סאָציאַ-ליזם און קריסטנטום אַנטפּלעקט זיך היינט-צו-טאָג אויך אין דעם, וואָס כמעט די גאַנצע פאָרשטעלונגס-סימבאָליק פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער-באַוועגונג האָט אַ קריסטלעכן מקור. ס'איז אויך קיין וווּנדער נישט, ווייל כּדי צו האָבן אַ השפּעה, וועלכע ווירקט אויף אונזערע טיפערע געפילן און אַפעקטן, מוזן זיי זיך פאַרבינדן מיט די, שוין פון פריער, באַקאַנטע און געוווינטע געפילס-אַסאָציאַציעס. ביי דעם מערב-מענטשן זענען די געפילס-סימבאָלן פונם קריסטנטום אין אַ געוויסער מאָס אַריבער אין פלייש און בלוט, אַז עמעצער פון אונז וואָלט געפּרוּווט נאָכצומאַכן סימבאָלן פון בראַמאַניזם, וואָלט ער אפשר באַ-פרידיקט דערמיט אַ באַדערפעניש אין עקזאָטיק, אָבער ער וואָלט גראָד דערפאַר אונטערדריקט אין זיך דאָס שטאַרקע נאַטירלעכע געפיל, וואָס קאָן קלינגען נאָר אויף די סטרונעס, וועלכע זע-נען אָנגעשטימט געוואָרן אין אונז דורך לאַנגע דורות פון דער קריסטלעכער קולטור און מאָראַל. אויך קאָן מען באַטראַכטן די פּירהענטיקע סטאַטוע פון נאַטאַראַיאַ, אַלס אַ זייער אינטע-רעסאַנטע און פולקאָמענע קונסט-שאַפונג. און דאָך קאָן זי ביי מיר קיינמאָל נישט אַרויסרופן דאָס, וואָס איך פיל, בעת איך באַטראַכט אַ גאָטישע מאַדאָנע; און ווייניאַכטן וועט פאַר מיר תמיד — און דוקא ווען איך בין אין כינע — באַטייטן עפּעס אַ גאַנץ אַנדער זאַך, ווי אַ שטייגער דאָס כינעזישע ניי-יאָר.

נישט דאָ איז דער פּלאַץ צו פאַרנעמען זיך מיט דער פראַגע, ווי אַזוי מ'קאָן דערקלערן דעם המשך, וואָס גייט אַריבער בירושה פון די פעלקער-פּסיכאָלאָגישע אידיאָסינקראַ

זיעס (כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפטן), וועלכע מאַכן די מענטשן
באַזונדערס גוטה און אויפנאַמספעאיק צו באַשטימטע סימבאָלן:
צי דורך דעם ביאָלאָגישן היפּאָטעז מכּח ירשנען פון דער-
וואָרבענע אייגנשאַפטן, צי דורך דער פסיכאָלאָגישער השערה
פון אַ גערישנטן אוטערבאַוווסטזיין-זכרון, אָדער סתּם דורך
דעם סאָציאָלאָגישן פאַקט פון דעם איבערנעמען אַ קולטור-
ירושה. ס'איז אָבער קלאָר, אַז מען מוז אַנערקענען די סימ-
באָליק פון קריסטנטום פאַר אַזאַ, וואָס האַרמאָנירט אַמשטאַרקסטן
מיט דעם געפיל און די אָנשויאונגס-פאָרמען פון אונזער מערב-
דיקער קולטור. אינם ליכט פון דערדאָזיקער דערקענטעניש
איז שוין גישט אַזוי וויכטיק אַרויסצופירן די סאָציאַליסטישע
פאָרשטעלונגס-וועלט פון דער קריסטלעכער, ווי ס'איז וויכטיק
צו דערפירן די ביידע פאָרשטעלונגס-וועלטן צו איין פסיכאָ-
לאָגישן מקור, וועלכער אַנטפּלעקט זיך דורך אַ השערה מכּח
דער טיפּישער מערב-קריסטלעכער פאָרם פון געפילן. און דאָס
איז אויך ריכטיקער, ווייל דער עכט-דינאַמישער כאַראַקטער
פון אונזער מערב-אייראָפּעאישער קולטור, וועלכע רייסט זיך
צו אומענדלעכקייט און צו שטענדיקע שינויים, דריקט זיך
טאַקע אויס סיי אין דעם סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערן שטרעבן פון
סאָציאַליזם, סיי אין דעם שטרעבן צו דער מאָראַלישער פאַר-
פולקאָמונג אין קריסטנטום. דאָס מערבדיקע קריסטנטום איז
דאָך די דינאַמישע וועלט-רעליגיע „פאַר עקסעלאַנס", זי איז
די איינציקע, וואָס זעט פאָראויס אַן אומבאַגרענעצטע וועלט
מיט אַן אומבאַגרענעצטער גאָטהייט, וועלכע גיט דעם מענטש
אַן איבערמענטשלעכן אידעאַל פון פאַרפולקאָמונג, וועלכע
מאַכט אים פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער דערלייזונג פון זיין
אייגענער נשמה, וועלכע דערהויבט איבער אַלע עולם-הזהדיקע
פאַרלאַנגען די זאָרג מכּח דער אומשטערבלעכער נשמה, און
אַדאַנק דעם דערציילט ער אין יעטוועדן מאָראַלישן צושטאַנד
גאָר אַן אויסגאַנגס-פּונקט פון אַ שטרעבן צו בעסערס. דאָס-
דאָזיקע אייביקע שטרעבן פירט תּמיד צו אַן עסכאַטאָלאָגישער
מאַסן-שטימונג, איבעראַל, וווּ אין יענע די שפּאַנונג, דער קאָנ-
טראַסט צווישן דעם דורכגעלעבטן נשמה-צושטאַנד און דער
בענקשאַפט צו אַן אַנדער אַלגעמיינעם צושטאַנד דערגרייכט

אַ געוויסע מדרגה. אגב איז דאָס כאַראַקטעריסטישע דערביי, אַז דאָ האַנדלט זיך נישט וועגן דער שפּאַנונג צווישן דער דערלעבעניש און בענקשאַפט אין און פון דעם איינצלנעם יחיד, נאָר וועגן דער דערוואַרטונג פון אַן איבערקערעניש פון דעם ס אָ צ י אַ ל ן שיקזאַל, אַלזאָ וועגן אַ געזעלשאַפטלעכער עסכאַטאָלאָגיע, אַלץ איינס צי דאָס מילעניום (משיח-הערשאַפט) באַטייט דעם צוזאַמענבראָך פון דער רוימישער געצנדינסט-ממשלה, אָדער צי ס'באַטייט די דערהויבונג פון די אָרעמעלייט און צדיקים איבער די רייכע און שטאַרקע.

דערביי טרעט אַרויס דאָס סאָציאַליסטישע עסכאַטאָלאָגישע געפיל נאָר דאָרט, ווו ס'זענען פאַראַן די פריער באַהאַנדלטע גרונט-געפילן פון דעם קלאַסן-מינדערווערטיקייטס-קאָמפּלעקס, באַזונדערס דאָס סאָלידאַריטעט-געפיל, און וועלכע באַגרינדן אַ געמיינשאַפטס-געפיל לכל הבחות אין דעם זין פון אַ קלאַסן-סאָלידאַריטעט. ערשט די עסכאַטאָלאָגישע דערוואַרטונג פון דער צוקונפט איז דער בריק פון דעם ענגערן געמיינשאַפטס-געפיל פון אַ קלאַס צום אַלגעמיין-מאָראַלישן געפיל, וועלכעס דאַרף דורכדרינגען די גאַנצע געזעלשאַפט. דער דערוואַרטעטער נייער צושטאַנד איז נישט נאָר אַ שינוי פון דער קלאַסן-לאַגע, ער איז בפירוש אַן אַנדערער, אַ נייער געזעלשאַפט-סדר. דורך דעם אַנטפּלעקט זיך, אגב, אין דער געפילס-וועלט פון אַרבעטער דאָס געפיל פון אחריות פאַר דער גאַנצער מענטשהייט, אַ געפיל, וועלכעס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַרן סאָציאַליזם, וואָס די קריסטלעכע געדאַנקען-וועלט שלייערט אים איין אין דער לערע מכח זינד און דערלייזונג, און וועלכן די מיסטיק פון אַ דאָסטאָיעווסקי פאָרמולירט אים אין די ווערטער „מיר אַלע זענען אין אַלץ שולדיק". אַלע אַנדערע געפילן פון דער אַרבעטערשאַפט, וועלכע זענען ווייניקער עטיש פון אָט דעם מענטשהייטס-געפיל, אָנהויבנדיק פון דעם געפיל פון עקספּלויאַטאַציע ביז צום געפיל פון קלאַסן-סאָלידאַריטעט (זאָל מען זיך נאָר דערמאָנען די נישט-סאָציאַליסטישע ענגלישע טרעד-יוניאָנס פון אַמאָל !), קאָנען זיך באַגיין לחלוטין אָן אַ ברעקל סאָציאַליזם. דער אינסטינקט, פון וועלכן דאָס עסכאַטאָלאָגישע געפיל שטאַמט, האָט אַ שייכות נישט נאָר צום פּ ע ר ז ע נ-

לעכן ווילשטאנד סתם, ווי עס איז יאָ דער פאל, חוץ דעם פרנסה-אינסטינקט און דעם געלטונגס-אינסטינקט (שטרעבן צו א סאָציאלער חשיבות), אויך סוף כל סוף מיט דעם געזעלשאפטס- און דעם סטאדנעם אינסטינקט. פאקטיש, האנדלט זיך ביים סאָציאלן אינסטינקט מכח דעם געזעלשאפטלעכן שוץ-אינסטינקט, וואָס שטייט אין א נאָענטער קרובהשאפט צו דער אינסטינקטי- ווער ליבע פון די עלטערן צו די קינדער; און זייענדיק טיף פארוואָרצלט אין דער סעקסועלער נאַטור פונם מענטש, באוועגט ער דעם מענטש צו פילן, אז די סימפאטיע מיטן שיקזאל פון אלע זיינע געמיינשאפטס-חברים איז א מאָראליש געבאָט, און דאָס טרייבט אָפטמאָל א מענטש זיך אפילו מקריב צו זיין פאַר אָט דעם מיטגעפיל. אָט פון וואנען, פון וועלכן אינסטינקט ס'שטאמט יעטוועדעס געפיל פון יושר, וועלכעס קאָן עקזיסטירן גאָר זאָרט, וו א מענטש באנעמט מכ״ש. ווי זיינס אן אייגענעם ענין, דאָס אימרעכט, די עולה, וואָס איז באגאנגען געוואָרן לגבי אן אנדער מענטש.

די עסכאטאָלאָגישע שטימונג, וואָס נאָר דורך איר אליין קאָן מען דערקלערן די וועלט פון די סאָציאליסטישע געפילן און באגריפן, ווערט אלזאָ מעגלעך א דאנק גאָר אן אנדער זאך, און נישט א דאנק דעם פשוטן סכסוך פון די מאטעריעלע אינטערעסן. דער סאָציאלער סדר, וואָס שאפט אָט דידאָזיקע אינטערעסן-קעגנזאצן, מוז געהאלטן ווערן בחוש אלס אן אומ- מאָראלישער אָדער אן אומגערעכטער סדר; ערשט דעמאָלט דערשיינט דער דערוואַרטעטער נייער סדר, ווי א פארווירקלע- כונג פון א מאָראלישן געבאָט, וואָס דאָס ווערט אָנגערופן אין דער שפראַך פון דער קירכע — דאָס צוקונפטיקע „מלכות שדי", און וואָס רופט זיך אין דער סאָציאליסטישער מיסטיק — „די ברידערלעכקייטס-עפּאָכע" אָדער „דער שפרונג פון דער נויט- ווענדיקייט אין דער פרייהייט אריין". אלע די פאלן האָבן דעם אנטשיידנדיקן סימן, אז דער צוקונפטיקער סדר ווערט געשפירט, ווי אן אבסאָלוט גוטער סדר, ווי א לייכטנדיק בילד, וועלכעס הויבט זיך אויף איבער דעם היינטיקן צושטאנד, וועלכער ווערט געהאלטן בחוש פאר אן אבסאָלוט-שלעכטן צושטאַנד, ווי א מין פאָטאָגראפישער פאָזיטיוו, וועלכער אנטשטייט פון א נעגאטיוו,

קאָס צלך, וואָס איז אין דעם נעגאַטיוו געווען ווייס, ווערט אויף דעם פּאָזיטיוו שוואַרץ, און פון די שוואַרצע שטעלן ווערט אויפן פּאָזיטיוון בילד אַ ווייסער פלאַק.

אמת, דאָס דריקט זיך נישט אויס אין אַלע פּאַזן פון דער באַוועגונג מיט אַ גלייכער קראַפט. קוקט מען אַריין אין דער ביזאיצטיקער געשיכטע פון דער אַרבעטער-באַוועגונג, געפינט מען, אַז דער עסכאַטאָלאָגישער כאַראַקטער איז אַם-שטאַרקסטן אַנטוויקלט אין דער אָנפאַנגס-צייט פון דער באַוועגונג. שפּעטער טרעט ער שוין אָפּ מער אין דעם הינטערגרונט, בעת די באַוועגונג קריסטאַליזירט זיך אויס אין אַן אָרגאַניזאַציע און טראָגט אַריבער איר לכתחילה ריין-אַגיטאַטאָרישע טעטיקייט אויף די נענטער-ליגנדיקע קאָנקרעטע אויפגאַבן פון דער אַזוי גערופענער קלייניקייטס-אַרבעט. דאָך וואָלט געווען פאַלש צו סכעמאַטיזירן דידאָזיקע אַנטוויקלונג און צו מאַכן פון איר דעם אויספיר, אַז די עסכאַטאָלאָגישע פאַזע פון סאָציאַליזם איז שוין אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט. קוקט מען זיך צו נענטער, זעט מען, אַז ס'קאָנען געמאָלט זיין נאָך פרישע עסכאַטאָלאָגישע כוואַליעס, וועלכע וועלן געוויס זיין עפּעס אַנדערש, נאָר דאָך וועלן זיי משמעות נישט זיין ווייניקער שטאַרק, ווי אינם 19-טן יאָרהונדערט.

בכלל, די עסכאַטאָלאָגישע שטימונג פאַרשפּרייט זיך אומעטום, וווּ ס'איז נאָר דאָ אַ גרויסע שפּאַנונג צווישן דעם מאַסן-שטרעבן צו אַ סאָציאַלער פאַרבעסערונג פון איין זייט, און דער מעגלעכקייט באַלד, אָדער אין דער נאָנטער צוקונפט, צו דערגרייכן דידאָזיקע פאַרבעסערונג, פון דער צווייטער זייט. דער אַלטער מאַרקסיזם פון די צייטן פונם קאָמוניסטישן מאַניפעסט האָט געגלויבט באמונה שלמה, אַז דידאָזיקע שפּאַנונג וועט ווערן אַלץ מער אומדערטרעגלעך צוזאַמען מיט דעם, ווי עס וועט פאָרווערטס שרייטן די קאָנצענטראַציע פון די געשעפטס-אונטערנעמונגען און די פאַרשאַרפונג פון די עקאָנאָמישע קלאַסן-קעגנזאַצן. פון דעמאָלט אָן האָט אונדז די דערפאַרונג אָבער געלערנט, אַז דאָס מוז גאָרנישט קומען, אפילו ווען ס'זאָל שוין יאָ געמאָלט זיין אַ פאָרטשרייטנדיקע פאַרטיפונג פון די קלאַסן-קעגנזאַצן. עס האַנדלט זיך וועגן אַ פּסיכאָלאָ-

גישן פראָצעס, וועלכער איז, אמת, נישט אומאָפּהענגיק פון דער עקאָנאָמישער סביבה, אָבער וואָרצלט זיך דאָך אין די פאַרענדערלעכע, וואַקלדיקע פּסיכאָלאָגישע באַדינגונגען פון דעם גאַנצן קולטור-לעבן און אַפילו אין דער אַנטוויקלונג פון דער אַרבעטער-באַוועגונג גופא. די בנבואה אָנגעזאָגטע שטענדיקע שטייגערונג פון דער עסכאַטאָלאָגישער שטימונג איז אַלזאָ נישט מקוים געוואָרן. און דוקא פאַרקערט, ס'זענען דאָ איבער גענוג שטיך-פונקטן אָנצונעמען, אַז עס קאָנען פאָרט קומען נייע עס-כאַטאָלאָגישע שפּאַנונגען, וואָס זייערע אורזאַכן וועלן ליגן אָדער אין די געשעענישן (ווי, למשל, מלחמות), וואָס געפינען זיך בכלל אויף אַ גאַנץ אַנדערן פעלד און גראָד נישט אין דער אַנטוויקלונג פון דער עקאָנאָמישער פאָרם גופא, אָדער אין יענע שינויים אין דער מאַסן-פּסיכאָלאָגיע, וועלכע שטאַמען פון אירע אייגענע אַנטוויקלונגס-טענדענצן.

די מעכטיקע עסכאַטאָלאָגישע שטימונג פון דער רעוואָ-לוציע-צייט אין רוסלאַנד פונם יאָר 1917 אָן מעג מען נאָך באַטראַכטן, אַלס אַ פאַרשפּעטיקטע כוואַליע אין דעם שטאַרקן שטורעם, וואָס האָט געבושעוועט אין מערב-און מיטל-איראָפּע שוין אין דעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. דאָ, אין רוסלאַנד, האַנדלט זיך דאָך וועגן מאַסן, וואָס האָבן ביז דעמאָלט גע-לעבט אין אַ טעמפּער הכנעה. און וואָס האָבן איצט, אַלס אַ פועל יוצא פונם צוזאַמענברוך פון דעם אַלטן רעזשים אין דער מלחמה-צייט, דערוואַכט מיט אַמאָל צו אַ נייעם לעבן. אַנדערש זענען געווען די פאַרהעלטענישן אין די איבעריקע לענדער און בפרט אין די מערב-איראָפּעאישע זיגער-מלוכות, אין אַמעריקע, אין דער מחמדאַנישער וועלט, אין אינדיע א. א. וו. דאָרט איז נאָך דער מלחמה אויפגעקומען אַן עס-כאַטאָלאָגישע שטימונג צווישן די פאָלקס-מאַסן, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ דערוואַרטונג פון אַ וועלט-רעוואָלוציע דורך דעם רוסישן קאָמוניזם. די קאַפּיטאַליסטישע קאָנצענטראַ-ציע פון די פאַבריק-אונטערנעמונגען האָט, בנאמנות, גאָר ווייניק וואָס דערמיט צו טאָן; די סיבות זאָל מען בעסער זוכן די-רעקט אין די פּסיכאָלאָגישע פאַראַלעל-דערשיינונגען פון דער מלחמה-צייט. דער רעוואָלוציאָנערער ביישפּיל פון רוסלאַנד האָט

נאָך דער לאַנגער שרעק-צייט פון דער וועלט-מלחמה געווירקט ווי אַ סימבאָל פון אַ באַפרייענדיקער טאַט, וועלכע האָט מבטיח געווען מיטאַמאָל אַ דערלייזונג פון די שווערע ליידן, וואָס זענען שוין געוואָרן ממש נישט אַריבערצוטראָגן. אַט זעגען, בכן, דורכדעם אויפגעטרייסלט געוואָרן דוקא יענע שיכטן, וואָס האָבן ביז דאַן נאָך נישט אַנטוויקלט קיין שום סאָציאַלע איניציאַטיוו, ווי, למשל, די פריער פּאָליטיש-גלייכגילטיקע אונטערשטע שיכטן פון דער אַרבעטערשאַפט, די פרייע פּראָפעסיעס, די אָנגעשטעלטע און באַאַמטע, די באָהעם-לייט א. א. וו. אַלע סאָציאַלע שטרעבונגען, וואָס זענען ביז צו יענער צייט נאָך געבליבן אומבאַפרידיקט, אָנפאַנגענדיק פון דעם ציוניסטישן און מחמדאַנישן נאַציאָנאַליזם, ביז צו דער אומצופרידנקייט מיט איר לאַגע פון דער אייראָפּעאיש-אַמעריקאַנישער אינטעליגענץ, האָבן אַלע באַקומען דורך דעמדאָזיקן ביישפּיל אַ נייעם פּסיכישן שטויס.

דידאָזיקע בענקשאַפט פון די מאַסן איז געווען נאָך מער עסכאַטאָלאָגיש שאַטירט שוין דורך דעם, וואָס די רעזולטאַטן, וועלכע זענען דערגרייכט געוואָרן אין דער מלחמה-צייט, האָבן אויף אַ קלאָגעדיקן אופן זיך אַרויסגעשטעלט, ווי גאָר נישטיקלייגע. די מלוכה האָט אויסגעשעפּט און פּאַראָרעמט די אייראָפּעאישע זיגער-מלוכות, פּונקט אַזוי ווי די באַזיגטע; די אַמעריקאַנער, וואָס האָבן געגלייבט אין ווילסאָנס שלום-פּראָגראַם, זענען פּונקט אַזוי ביטער אַנטוישט געוואָרן, ווי די דייטשן. דער שלום האָט געבראַכט דעם ענגלענדער די אַרבעטסלאָזיקייט, און די איטאַליענער די דחקות פון דעם טראַנצויז. די דייטשישע נאָוועמבער-רעוואָלוציע האָט אַנטוישט די רעוואָלוציאָנערן; די נייע נאַציאָנאַלע שטאַאַטן פון דעם אַמאָליקן עסטרייך-אונגאַרן האָבן אַנטוישט די פּאַטריאָטן. דער פעלקער-בונד האָט אַנטוישט אַלעמען. די רעאַקציע, וואָס האָט זיך גלייך אָנגעהויבן קעגן די הנחות לטובת די אַרבעטער פון דער ווילסאָן-עפּאָכע, האָט פּאַרביטערט די אַרבעטערשאַפט. בקיצור, אַ לאַנגע ריי געשעענישן, פּועל-יוצאס פון אַ פּאָליטישער וועלט-קאַטאַסטראָפע און נישט פון אַן אַנטוויקלונג פון דעם עקאָנאָמישן סיסטעם, האָבן די אייביקע שפּאַנונג, דעם קאָנטראַסט צווישן חלום און

פארווירקלעכונג דערהויבן ביז צו אן עסכאטאלאגישער מדרגה. די אנטפלעקונגען פון דער מענטשלעכער מאסן-נשמה זענען אונטערגעווארפן אונטער אנדערע און שווערער אויספארשבארע געזעצן, ווי די אנטוויקלונג פון דער טעכניק אדער פון דער פאבריקאציע-פארם; מ׳קאן זיי נישט בארעכענען פון היינט אויף מארגן. ווער וואלט דאס געקאנט, למשל, זאגן, אז דווקא די סאציאליסטן פון א קומענדיקן דור וועלן באלד דערפילן א „צווייטע רעליגיעזיטעט", א רעליגיעזן פאנאטיזם פון עקסטרעם-סאציאליזם, אלס רעאקציע קעגן די עגאאיסטיש-מאטעריאליסטישע טענדענצן פון דער פאליטישער און געווערקשאפטלעכער קלייניקייטס-ארבעט און צוליב דער אינערלעכן-פסיכישער באדערפעניש אין א גלויבן אין דער צוקונפט?

א סכעמאטישע השערה פאסט לגמרי נישט אין דעמדאזיקן פרט אויך צוליב דעם אומשטאנד, וואס דער כאראקטער פון דער ארגאניזירטער סאציאליסטישער ארבעטער-באוועגונג ווערט עד היום אייגנטלעך געשאפן פון און דורך א קליינער מינדערהייט פון די אקטיווע אנטיילנעמער אין איר. פאסירט פארט אבער, אז אין דער באוועגונג ווערן אריינגעצויגן ברייטע מאסן, ווי דאס קומט שטענדיק פאר אין צייטן פון שטארקע סאציאלע אויפברויזן, טא איז אזא פראצעס מסוגל פולשטענדיק צו בייטן דאס פנים און כאראקטער פון דער באוועגונג, בפרט ווייל די אינדוסטריע-ארבעטערשאפט איז לגמרי נישט אידענטיש מיט דער גאנצער ארבעטערשאפט בכלל און האט אין זיך גופא הינדערט און איינע פסיכאלאגישע אונטער-גרופעס און קאטעגאריעס. ווער קאן זיך פארשטעלן, וואס עס קאן אמאל ווערן פון דעם רוסישן קאמוניזם, ווען די פויערים-מאסן, וואס האבן זיך פארהאלטן ביז איצט כמעט גאנץ פאסיוו, וועלן מיטאמאל ווערן אין אים אקטיוו? וואס וועט ווערן פון דעם אייראפעאישן סאציאליזם, ווען די פרויען, וואס האבן ביז איצט, נאר אלס א קליינע מינדערהייט, מיטגעמאכט דעם „מאנסבילשן עסק", וועלן אויך אמאל ווירקלעך אנהויבן גאר שטארק משפיע צו זיין אויף דעם געפילס-אינהאלט און געדאנקען-אינהאלט פון דער באוועגונג, און וועלן אויסדריקן אין איר זייער אייגענע פסיכיק, די אויסגעשפראכענע פרויען-נשמה?

אַן ענטפער אויף דידאַזיקע פראַגן קאָן מען פשוט נישט באַקומען, אַפילו דורך דעם סאַמע פלײסיקן אַנאַליז פון די געזעצן פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע. די באַשטימענדיקע פאַקטאָרן זענען צו פאַרשיידנאַרטיק און פאַרוויקלט, אום מ׳זאָל זיי קאָנען אַלע איבערבליקן. און סוף כּל סוף וועט יעדער פון אונז פאַרט גלייבן אין דוקא אַזאַ צוקונפט, וועלכע ער ווינשט זיך אַממערסטן. זאָל אָבער דערמיט נאָר געזאָגט ווערן, אַז אין דעם גאַנצן גאַנג פון דער אַרבעטער-באַוועגונג שטעלט מיט זיך פאָר די עסכאַטאָלאָגישע שטימונג אַ מין שטענדיקן גרונדטאָן פון די מאַסן-געפילן, וועלכער קלינגט אַרויס שטאַרקער אַלעמאָל, ווען אַ נייע סאָציאַלע גרופּע דערוואַכט פונם צושטאַנד פון וווּנשלאָזיקייט צו אַן איניציאַטיוו, אָדער ווען די צייט-פאַרהעלטענישן דערהייבן, הויך איבער דער געוויינלעכער מאָס, די שטענדיקע שפּאַנונג צווישן ווונש און ווירקלעכקייט.

אָט אַזוי געפינען מיר אויך דידאָזיקע שטימונג פאַרקערפּערט אין דער בלומרשט-קריסטלעכער וועלט פון מיטאָסן און סימבאָלן, אין וועלכער עס קומט צום אויסדרוק דאָס געפילס-לעבן פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. ערנסט רענאַן האָט אַמאָל געזאָגט: „ווילט איר האָבן אַ פאָרשטעלונג מכח די ערשטע קריסטלעכע געמיינדעס, טאָ קוקט זיך צו צום לעבן פון אַ לאָקאַלער צווייג-גרופּע פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער-אַסאָציאַציע“. דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל געהער שוין דעם טויטן עבר; די בעסטע אַנאַלאָגיע גיט אונז איצט אפשר דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל צו לאָזן זיך מאַכן אינטערעסאַנטע פאַרגלייכן, נישט נאָר צווישן די פּסיכאָלאָגישע סיטואַציעס, נאָר אויך צווישן די קונסט-פאָרמען, אין וועלכע רעפלעקט זיך אויפן אוממיטלבאַרסטן אופן די נשמה פון געמיינשאַפט. ראשית כּל וואַרפט זיך אין די אויגן דער עיסאַרטיקער עמאָציאָנעלער מיטאָס פון דער רעוואָלוציע, וועלכער איז אַ פאַראַלעל-בילד צו די עסכאַטאָלאָגיעס פון דער אַפּאָקאַליפּסיס, פון דעם וועלט-אונטערגאַנג, פון דעם „לעצטן געריכט“, פון דעם „טויזנטיאָריקן מלכות שדי“ א. א. וו. דער הערשער בעפילס-אינהאַלט פון אַ רעוואָלוציע-אידעע

אַלס אַזעלכע — די אַזוי גערופענע רעוואָלוציאָנערע ראָמאַנ־טיק — מאַכט דעם רעוואָלוציאָנער-געשטימטן מענטש אין דער העכסטער מאָס גוטה און אויפנאַמספעאיק פאַר דער סוגעסטיווער ווירקונג פון יעטוועדן רעוואָלוציאָנערן ביישפיל. אין דער דאָזיקער ווירקונג איז דער ציל און דער דערפאָלג פון אַ באַ־שטימטער רעוואָלוציע לערך נישט וויכטיק; וויכטיק איז דער אינטימער געפילס-טאָן, וועלכער קלינגט אַרויס פון יעטוועדן פּלוצלונגדיקן דראַמאַטיש-געוואַלטזאַמען שנוי. נאָר אַזוי קאָן מען פאַרשטיין די ווערטער, וואָס טראָצקי זאָל האָבן געזאָגט וועגן מוסאָליני (דעמזועלבן מוסאָליני, וועלכער קאָן זיך באַ־רימען מיט דעם, אַז ער האָט דערשטיקט אין איטאַליע דעם קאָמוניזם און סאָציאַליזם): „ער איז אונזער פאַרבינדעטער, ווייל ער האָט געמאַכט אַ רעוואָלוציע“. אויב די ווערטער האָלטן אַפּילו נישט געווען געזאָגט, איז אָבער דער גייסט, וואָס שטעקט אין זיי, כאַראַקטעריסטיש פאַר דער גאַנצער אויסערלעכער פּאָליטיק פון דעם רוסישן קאָמוניזם, וועלכער פירט צו דעם רעזולטאַט, אַז ער סימפּאַטיזירט מיט יעדער רעוואָלוציע סתם, אַפילו ווען די רעוואָלוציע זאָל שטרעבן צו נאַציאָנאַליסטישע צילן, און אויפשטעלן ביים רודער אַ מילי־טערישע אָדער אַ סאָציאַלע קאַסטע.

דורך אַן ענלעכן גייסטיקן צושטאַנד לאָזט זיך, למשל, דערקלערן די נאָך אַלץ לעבעדיקע השפּעה פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע אין דער געפילס-וועלט פון דעם אייראָפּעאישן סאָציאַליזם. זאָל שוין אַפילו זיין, אַז די ווייס־שאַפטלעכע ליטעראַטור פון מאַרקסיזם קוקט אויף דער דאָזיקער רעוואָלוציע נאָר ווי אויף דאָס פאַרכאַפּן פון דער מאַכט דורך דער פאַרהאַסטער בורזשואַזיע, ווייל פאַרט אָבער דאָס אונטער־באַוווסטזיין, וועלכעס דריקט זיך אויס אין די געפילס-בילדער, לחלוטין נישט וויסן און נישט הערן פון אַזאַ קריטישער באַ־שרייבונג. עס קלערט גאָרנישט זיך אָפּצוזאָגן פון דער ראָ־מאַנטיק, אין וועלכער די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע איז איינגעהילט. פון דעם יאַקאָבינערטום, דורך דעם בלאַנקיזם און דעם מאַרקסיזם, פירט אַ גראַדע אַנטוויקלונגס-ליניע צום באָלשעוויזם. אַפּילו יענע מאַרקסיסטן, וואָס באַטראַכטן די

פאַרהעלטעניש צווישן דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם נאָר מעשה דירעקטער קעגנזאַץ, קאָנען זיך בשום אופן נישט באַפרייען, אין די טיפסטע טיפענישן פון זייער געפילס-לעבן, פון דעם כּשוף פון דער גרויסער רעוואָלוציע. בעת איך בין געווען אין רוסלאַנד אין סאַמע פריילינג פון דער רעוואָלוציע אין 1917, האָב איך געהאַט די געלעגנהייט, בעת מיינע באַגעגענישן מיט די סאָציאַליסטישע פירער פון אַלע ריכטונגען, אַריינצו-בליקן אין די פערזענלעכע מאָטיוון פון זייער שטייגער דענקען, וועלכע האָבן געשטעקט אונטער דעם אויבערפלאַך פון זייערע אָפיציעלע מיינונגען. מיך האָט דערביי תמיד איבערראַשט צו געפינען, ווי געוואַלטיק שטאַרק זענען זיי אַלע געווען באַהערשט פון דער אידעע, אַז די רוסישע רעוואָלוציע מוז נאָכמאַכן דעם פראַנצויזישן ביישפּיל, אַפילו אין אירע איינצלנע פאַזן. אָט אזא גלויבן אנטפלעקט שטענדיק אַ ווונש פון דעם מענטשלעכן אונטערבאַוווסטזיין: איינער האָט, למשל, געוואָלט זיין אַ זשיראָנדיסט, דער צווייטער — אַ יאַקאָבינער, דער דריטער האָט געחלומט מכּח דעם 18. ברימער א. א. וו. איך בין טיף איבערצייגט, אַז אויב דער גאַנג פון די געשעענישן האָט שפּע-טער צייטנווייז אַרויסגעוויזן אַ פּאַראַלעליזם, ממש נשתּומם צו ווערן, מיט דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, טאָ ליגט דאָס נישט נאָר אין אַ געוויסער פּסיכאָלאָגישער געזעצמעסיקייט, וועלכע ווירקט זיך אויס מער אָדער ווייניקער אין אַלע רעוואָלוציעס, נאָר אויך אין אָט דערדאָזיקער פּסיכאָלאָגיע פון די באַטיי-ליקטע מענטשן גופא. מיט זיי האָט געטראָפן דאָס, וואָס קומט פאָר מיט די אימפּראָוויזירנדיקע שוישפּילער, וועלכע קאָנען זיך ממש נישט באַפרייען פון דער ווירקונג אויף זיי פון אַ פילמאָליק-געשפּילטער דראַמע, וואָס אירע שפּורן לעבן כּסדר אין דער נשמה.

נו, אויב אַפילו די קריטיש-דענקנדיקע פירער זענען אונטערגעוואָרפן דערדאָזיקער סוגעסטיע, טאָ איז זי, נאַטירלעך, על אחת כּמה וכמה, פיל שטאַרקער אַנטוויקלט ביי דער מאַסע, וועלכע לעבט בטבע עמאָציאָנעל. די מ אַ ר ט ע ל י ע ז ע, וואָס איז מיט דער צייט אין פראַנקרייך פאַרטריקנט געוואָרן אין אַ אָפיציעלן הימן, איז כּמעט אין גאַנץ אייראָפּע, חוץ

פראַנקרייך גופא, געוואָרן דער באַליבטעסטער נגון פון אַלע סאָציאַליסטישע קאַמפּס-לידער. אין די לענדער מיט דער פראַנ־צויזישער שפּראַך איז דאָס וואָרט „בירגער" פון דער גרויסער רעוואָלוציע אָנגענומען אַלס צורוף-וואָרט צווישן סאָציאַליסטישע פּאַרטיי-חברים (אגב, דאָס איז געשען אין דער צייט, ווען דער גרעסטער טייל אַרבעטער זענען בכלל נאָך נישט געווען וואַל־בארעכטיקטע מלוכה-בירגער!). דער פראַנצויזישער רעוואָלו־ציאָנערער לוח איז נאָכגעמאַכט געוואָרן אין אומצייליקע סאָ־ציאַליסטישע וואַריאַציעס, וועלכע וואָלטן זיך נישט געקאָנט דורכזעצן ווייט און ברייט נאָר צוליב ריין פּראַקטישע אור־זאַכן סתם. רופט מיר אָן נאָך אַ וואַנט-בילד, וואָס מ'זאָל אַזוי אָפט געפינען אין אַלע לענדער אין די וווינונגען פון סאָציאַ־ליסטן, ווי „רוזשע דע ליל, זינגענדיק די מאַרסעליעזע". אויך די רויטע פאָן באַטייט אַן אנערקענונג פון דער טראַדיציע נישט נאָר פון די פּאַריזער „סעקציעס" אַליין. זי איז אַ טראַ־דיציע אויך פון אַלע אויפשטאַנדן און באַוועגונגען שוין פון דעם מיטלאַלטער אָן, וועלכע האָבן זי געמאַכט פאַר אַ סימבאָל, ריכטיק אָפּשאַצנדיק בשעת מעשה די ווירקונג פון דער רויטער פאַרב אויף די העראָאישע אַפעקטן אין מענטש. און וואָס קאָן דען זיין כאַראַקטעריסטישער, ווי דער פאַקט, אַז דיזעלביקע דייטשישע ספּאַרטאַקיסטן, וועלכע האָבן געלייגט אַזוי פיל ווערט אויף דער באַדייטונג פונם דווקא פּראָלעטאַרישן קלאַסן-כאַראַק־טער פון זייערע שטרעבונגען, האָבן אין דעם ראָמאַנטישן איבערשוואונג פון זייער רעוואָלוציע-פּסיכאָז גענומען פאַר אַ סימבאָל דעם רוימישן שקלאַפן-פירער און העלד?

נו, אויב אויף דעם געביט פון רעוואָלוציאָנערער ראָ־מאַנטיק האָט די סאָציאַליסטישע עסכאַטאָלאָגיע זיך געשאַפן אַן אייגענע סימבאָליק, וואָס האָט מיט דער קירכע קיין שייכות נישט, האָט זי פון דער אַנדערער זייט גענוג מיטאָלאָגישע און סימבאָלישע שאַפונגען, וועלכע האָבן לויט זייער פאָרם נאָך יאָ אַ בענטערע קרובהשאפט צו די שאַפונגען פון דער קריסט־לעכער עסכאַטאָלאָגיע. אַ רעליגיעזער שטריך אַנטפּלעקט זיך אין יעטוועדן פאַרזוך צו פאַרבינדן די איינטיילונג פון היסטאָ־רישע תקופות מיט די גרויסע דערוואַרטונגען ביי די ברייטע

פאָלקס-מאַסן. אַט פונקט אַזוי זענען די פאַרשיידענע פאָרמ. פון דער קריסטלעכער עסכאַטאָלאָגיע, למשל, דאָס „טויזנט-יאָריקע מלכות שדי״, אויפן ענגסטן אופן פאַרקניפט מיט די פראַגן מכּח דער איינטיילונג פון דער געשיכטע אין באַזונדערע עפּאָכעס. די געזעצמעסיקייט פון די צוקונפטיקע געשעענישן, אין וועלכע מען וויל גלויבן, קומט צום אויסדרוק אַמנאָנטסטן און קלאָרסטן אין דער געזעצמעסיקייט פון די צאָלן, דורך וועלכע מען טיילט איין די צייטן, און מען באַשטימט דורך זיי דעם רעגלמעסיקן סדר פון די פעריאָדן. ביי די ערשטע קעמפער פון דער סאָציאַליסטישער אידעע איז געווען אַ דרינגענדיקע באַדערפעניש, כּדי צו פאַרפעסטיקן דעם בטחון און גלויבן אין דער רעוואָלוציע, צו גלויבן מיט גרויס בטחון אין באַשטימטע טערמינען פון דער צוקונפט, ד. ה. צו זאָגן נביאות. אפילו מאַרקס און ענגעלס האָבן, ווי באַקאַנט, אַמאָל געגעבן זיך דערלויבט דאָסדאָזיקע שפּיל, דערביי זענען זיי שטענדיק געווען אַ קרבן פון דעם נאַטירלעכן פערספּעקטיווישן טעות, וועלכער זעט שטענדיק צו-נאָנט דעם געווונטשענעם ציל.

יעטוועדע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פילט זיך מעשה נייער אָנהויב, ווי אָן אָנפאַנג פון אַ נייער היסטאָרישער עפּאָכע, יעטוועדע שטרעבט דערפאַר צו אַ נייעם לוח, יעטוועדע רופט זיך אָן „נייע צייט״ — דער אַמאָליקער באַליבטעסטער נאָמען פון די סאָציאַליסטישע זשורנאַלן פון אַלע לענדער.

ביי דער פראַקטישער וויכטיקייט פון אַן איינהייטלעכער צייט-רעכענונג אין אונזער היינטיקן פאַרוויקלטן פאַרקערס-לעבן און קולטור-לעבן, איז ממש אוממעגלעך פאַר אַ וועלכער נישט איז סאָציאַלער גרופּע צו האָבן פאַר זיך אַן אייגענעם לוח, צו פירן די צייט-רעכענונג אויף איר אייגענעם שטייגער; אָבער דאָס שטרעבן צו אַזאַ לוח איז דאָ, און וואַרט נאָר אויף דעם מאָמענט, ווען אַזאַ זאַך וועט קאָנען פאַרווירקלעכט ווערן.

נאָך ביים 60-יאָריקן יובל פון דער גרינדונג פון דעם 1-טן אינטערנאַציאָנאַל, וואָס איז געפייערט געוואָרן דורך דעם 2-טן אינטערנאַציאָנאַל אין לאָנדאָן דעם 28-טן סעפּטעמבער 1924, האָט דער ענגלישער רעדנער ע. בעלפאָרט-באַקס געזאָגט: „ווער ווייס, צי וועט אַ שפּעטערדיקע עפּאָכע נישט מאַכן דעם

יאָר 1864 פאַר אַ יסוד פון דער צייט-רעכענונג (כראָנאָלאָגיע). אנשטאָט דער קריסטלעכער". בינו לבינו העלפט מען זיך דערמיט, וואָס מ'לייגט אַריין, אויף וויפל ס'לאָזט זיך, אַ פרישן אינהאַלט אין דעם הייַנטיקן לוח. עס ווערן צוזאַמענגעשטעלט און אָפּגעדרוקט אין די סאָציאַליסטישע טעגלעכע צייטונגען סאָציאַליסטישע געשיכטס-קאַלענדאַרן, לוחות מיט די יאָרצייטן פון רעוואָלוציאָנערע געשעענישן, מיט דאַטומס פון דער געשיכטע פון דער אייגענער באַוועגונג און פון די גייסטיקע שטרעמונגען. אילוסטרירטע וואַנט-קאַלענדאַרן, וועלכע פילן אויס די ראַמען פון דער צייט-רעכענונג מיט אַ סאָציאַליסטישן אינהאַלט, געפינען זיך אין יעדער אַרבעטער-שטוב. אָט ליגט דאָ פאַר מיינע אויגן אַ רוסישער קאָמוניסטישער אָפּרייס-קאַלענדאַר פון די ערשטע יאָרן נאָך דער רעוואָלוציע, וואָס איז אָפּגעדרוקט אין מאַסן-אויפלאַגן, און וועלכער גיט אויף יעדן בלעטל פון פאָרנט און פון הינטן אַסטראָנאָמישע, מעטעאָראָלאָגישע און קירכלעכע ידיעות, אויסגעמישט מיט אַן אמתער ענציקלאָפּעדיע פון די סאָציאַליסטישע יאָרצייטן און פּראָפּאַגאַנדע-שטאָף. דערביי צייכענען זיך אויס מיטן רויטן דרוק די רעוואָלוציאָנערע יום-טובים, וואָס זענען, אגב, צום גרעסטן טייל נאָר די אַלטע קירכלעכע פאָלקס-יום-טובים אין אַ נייעם לבוש, פונקט אַזוי ווי די קאַטוילישע קירך האָט איבערגענומען דעם געצנדינערישן יום-טוב-קאַלענדאַר.

דער סאָציאַליסטישער מאַי-יום-טוב האָט פאַר דער אַרבעטער-וועלט דיזעלבע באַדייטונג, וואָס די קריסטלעכע יום-טובים האָבן געהאַט פאַר די ערשטע קריסטן. איז דען דאָ אַ בעסערער ביישפּיל פאַר דאָס שטרעבן פון דער מאַסע צו אַ סימבאָליק, וואָס איז פאַרבונדן מיט דעם פעריאָדישן לויף פון קיילעכדיקן יאָר, ווי די געשיכטע פון דעם מאַי-יום-טוב? אַז אין יאָר 1889 האָט דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס אויפגעפאָדערט די אַרבעטערשאַפט פון דער וועלט צו דער ערשטער מאַי-דעמאָנסטראַציע, האָט דערדאָזיקער קאָנגרעס פאַרטראָטן נאָר אַ קליינע מינדערהייט פון דעם אַרבעטער-קלאַס. צוגלייך מיט די פּראַקטיש-וויכטיקע פראַגן האָט ער אָנגענומען אויך אַ סך אַנדערע באַשלוסן, וועלכע זענען

געווען פאַר די אַנטיילנעמער פון קאָנגרעס, לכל הפּחות, פּונקט אַזוי וויכטיק, ווי אויסצוקלייבן און באַשטימען דעם 1-טן מאַי פאַר אַ דאַטום פון אַרבעטער-דעמאָנסטראַציעס פון יאָר צו יאָר. נו, פון יענע אַנדערע באַשלוסן ווייסן אָבער היינט-צו-טאָג נאָר אַ האַלב צענדליק ספּעציעלע פאָרשער, וואָס האָבן זיי אויסגעגראָבן פון אַלטע פּראָטאָקאָלן. פאַרקערט אָבער, דער געדאַנק פון דעם 1-טן מאַי-יום-טוב האָט אַריינגעשלאָגן, ווי אַ בליץ אין אַ פאַס שיספּולווער. די צאָל באַטייליקטע אַרבעטער אין דעם יום-טוב איז מיט יעדן יאָר אַלץ גרעסער געוואָרן, און גלייכצייטיק האָט זיך די דעמאָנסטראַציע פאַר די אוממיטלבאַרע צילן (ווי, למשל, פאַרן 8-שעהדיקן אַרבעטס-טאָג) אַלץ מער פאַרוואַנדלט אין אַ יום-טוב מיט אַן אַלגעמיין-סימבאָלישער באַדייטונג. דאָס אויסקלייבן דעם 1-טן מאַי-טאָג האָט אויך אַ זייער געלונגענעם אופן אַריבערגענומען דעם סימבאָלישן אינהאַלט פון דעם אַלטן געצנדינעריש-קריסטלעכן פרילינג-יום-טוב. דאָס, וואָס איז פאַר דעם קעלטישן און גערמאַנישן געצנדינער געווען דער יום-טוב פונם נאַטור-פרילינג, וואָס פאַר דעם קאַטאָליק איז געווען דער יום-טוב פון דער מיט רויזן פאַרפּוצטער גאָטס מוטער, פון דעם מענטשהייטס-פרילינג. — אָט דאָס איז געוואָרן פאַר דעם סאָציאַליסטישן אַרבעטער דער טאָג, וועלכער דינט פאַר אַ צייכן פון דער אומפאַרמיידלעכער זיגרייכער באַנייאונג פון אַלץ, וואָס איז אָפּגעשטאָרבן אין דעם לעבן פון דער געזעלשאַפט.

בינו לבינו האָט דער סאָציאַליזם אַריבערגענומען אויך די סימבאָליק פון אַזעלכע אַלגעמיינע פאָלקס-יום-טובים, ווי אָסטערן און ווייַנאַכטן, וואָס זענען שוין אין גרונט אוראַלטע חגאות, וועלכע מ'האָט צוגעפּאַסט צום קריסטנטום. זאָלן דאָ נאָר דערמאָנט ווערן די טראַדיציאָנעלע אָסטערן- און ווייַנאַכטס-אַרטיקלען, אָדער די יום-טובדיקע נומערן פון דער סאָציאַליסטישער טעגלעכער פּרעסע און די פּאַרטיי-פייערונגען אונטער דעם קריסט-בוים. סאָוועט-רוסלאַנד האָט אויך זיינע אָפיציעלע רויטע ווייַנאַכטס-חגאות. אויך די טראַדיציע פון אַ סך אַרבעטער-פּאַרטייען אָפּצוהאַלטן זייערע צווייטאָגיקע יאָר-קאָנגרעסן אין דער אָסטערן-צייט, איז משמעות אינספּירירט געוואָרן נישט

נאָר פון ריין-פראַקטישע טעמים. האַלטן דען אַנדערע טעג נישט געקאָנט זיין פונקט אַזוי צוועקמעסיק? אין דערדאָזיקער צאָל פון דעם תחית המתים-טאָג (וואָס איז, אגב, געווען אין די אוראַלטע צייטן אויך דער ניי-יאָר-טאָג), מיט וועלכן עס הויבט זיך אָן דאָס גייסטיקע און קירכלעכע יאָר, דריקט זיך אויס אַ גרויסער טייל פון אַ געוווּנשענער סימבאָליק. אַ פאַרצייטיק-רעליגיעזן מנהג דערמאָנט אויך די אַמאָליקע טראַדיציע פון דער האָלענדישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, דהיינו: איר פירער פלעגט יעדן וויינאַכטסטאָג האַלטן פאַר די פאַרזאַמלטע פאַרטיי-חברים אַ מין „דרשה“, וועלכע האָט געדאַרפט האָבן די באַדייטונג פון אַ קירכלעכער פרעדיקט; די חברים אויפן לאַנד, וואָס האָבן נישט געקאָנט זיין ביי דער פאַרזאַמלונג, האָבן מסתמא געלייענט די רעדע, וואָס איז וואָרט אין וואָרט איבערגעגעבן געווען אין דעם פאַרטיי-אָרגאַן, מיט דעמזעלביקן געפיל, ווי די ערשטע קריסטלעכע געמיינדעס האָבן געלייענט די בריף פון דעם אַפּאָסטאָל פּאַולוס.

און די מעשה איז, אַז דער סאָציאַליזם האָט טאַקע אויך זיינע אַפּאָסטאָלן, נביאים, הייליקע און מאַרטירער, אויפן יסוד פון דערזעלביקער מאַסן-פּסיכאָלאָגישער גרייטשאַפט, ווי די קאַטוילישע קירך. דאָס איז אַ באַדערפעניש פון די מענטשן, וואָס זענען אַלע פאַרכאַפּט און עקסטאַטיש באַגייסטערט דורך אַ געמיינשאַפטלעכן אידעאַל, „איבערצוטראָגן זייערע טאָג-חלומות אויף אַ פּערזאָן, וועלכע ווערט דורך אַ באַזונדערער רעזשי אַוועקגעשטעלט אין אַ פאַרגרעסערטן פאָרמאַט, אַלס אַן אידעאַלער מוסטער פאַר זיי“. קורט גייער, וואָס האָט אַרויסגעזאָגט דידאָזיקע ווערטער, ברענגט אַ זייער אינטערעסאַנטן ביישפּיל פון די אָנפאַנגס-צייטן פון דער היינטיקער קאָמוניסטישער באַוועגונג אין דייטשלאַנד. די פּלאַקאַטן, וואָס האָבן מודיע געווען וועגן די פאַרזאַמלונגען, פלעגן נישט אָנגעבן דעם נאָמען פונם רעדנער, נאָר פלעגן אָנזאָגן מיט גרויסע אותיות „ספּאַרטאַקוס רעדט“. ווען דאָס וואָלט געווען מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק, בעת די טעכנישע פאַרפולקאָמונג האָט נאָך נישט שווער געמאַכט די אַנטשטייאונג פון מיטאָסן, וואָלט זיך אַ דאַנק דעם געשאַפן געוואָרן אַ גלויבן אין אַן אויפסג-

געבאָרענעם נביא, אין אַ געטלעכער משיח-געשטאַלט פון בלוט און פלייש. נאָר אויך אַזוי איז שוין בענוג ווירקזאַם געוואָרן דער מיטאָס פון אַן איבערשכלדיקער-אַלצוזעענדיקער פערזענלעכקייט, וואָס סימבאָליזירט דעם באַפרייאונגס-אידעאַל.

אַזאַ מין מיטאָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער אָנפאַנגסצייט פון אַ באַוועגונג, וואָס איז געבאָרן געוואָרן פון אַן איינהייטלעכן אימפּולס. אָט זאָל נאָר די דיאָזיקע באַוועגונג זיך פאַרשפּרייטן און צופּאַסן זיך צו פאַרשיידענע צייטלעכע און אָרטיקע פאַרהעלטענישן, טאָ לערנט זי זיך תיכף ומיד אויס אָפּצופאַרבן אין אַ מיטאָלאָגישער פאָרם איר אייגענע געשיכטע באופן, אַז אַ גאַנצע ריי מענטשן ווערן פאַרוואַנדלט, מעשה הייליקע און מאַרטירער, אין סימבאָלן. דער „מאַטעריאַליסטיש-וויסנשאַפטלעכער" מאַרקסיזם, אויף וויפל ער שאַפט אַ מאַסן-באַוועגונג, איז אויך קיין אויסנאַם נישט. אין היינטיקן קאָמוניסטישן רוסלאַנד זענען די נביאים-געשטאַלטן פון אַ מאַרקס און אַ לענין פונקט אַזוי עכט פאַר דער מאַסע, ווי פריער די הייליקע פון דער קירך. אָבער דוקא דאָס מאַרקסיסטישע דייטשלאַנד איז געוועזן פון שטענדיק אָן דאָס קלאַסישע לאַנד פון דער סאָציאַליסטיש-פעטישיסטישער פאַרגעטערונג. מיט דער דייטשישער פּראָדוקציע פון פאָטאָגראַפיעס, אַנזיכטס-קאַרטן, מאַלערייען, קליינוואַרג פון יעדן מין, — למשל, לאַסאַל-שניפּס-נאָדלען, בעבעל-ציגאַרן-שפּיצן, ליבקנעכט-ביר-גלעזער א. א. וו. — געקאָנט אָנגעפילט ווערן גאַנצע מוזייען. אויף יעטוועדן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס פאַרנעמען די ביוסטן פון מאַרקס און בעבעל אין דייטשלאַנד, אָדער פון מאַרקס און לענין אין רוסלאַנד, פון זשאָרעס אין פראַנקרייך, דעמזעלביקן דערהויבענעם צענטראַל-פּלאַץ, ווי דער אַ ל ט אַ ר און דער צלם אין דער קירך. מאַרטירער-בילדער געפינען זיך אין אַלע פּאַרטיי-לאָקאַלן, אין אַלע דירות פון די איבערגעגעבענע חברים. די פּאָפּולערסטע פּראָדוקציעס פון דער סאָציאַליסטישער פאָלקס-קונסט זענען „די וואַנט פון די דערשאָסענע קאָמונאַרן", „די מאַרטירער פון טשיקאַגאָ" אין אַמעריקע, „די קרבנות פון די וואַל-רעכט-קאַמף" אין בעלגיע, די ראָזאַ לוקסעמבורג-און קאַרל ליבקנעכט-בילדער אין דעם קאָמוניסטישן דייטשלאַנד.

דער מאַרטירער-קולט איז די אומפאַרמיידלעכע באַגלייטס-דערשיינונג פון אַ באַוועגונג, וואָס אירע אָנהענגער האָבן געמוזט אַזויפיל ליידן פאַר זייער גלויבן, ווי די סאָציאַליסטן אין דער אָנפאַנגס-צייט. צענדליקער טויזנטער זענען געפאַלן אין די רעוואָלוציאָנערע גאַסן-קאַמפן און שטרייק-אומרוען, הונדערטער טויזנטער האָבן געמוזט אויסשטיין רדיפות, פאַרשיקונגען, געפענגענישן, אַ געזעלשאַפטלעכן חרם. מיליאָנען האָבן ממש מקריב געווען זיך און זייערע פאַמיליעס צו ליידן הונגער און נויט אין די שטרייק-צייטן. אויך היינט פאַרלאַנגט די סאָציאַליסטישע באַוועגונג פון אַ סך אירע אָנהענגער און פּראָפּאַגאַנדיסטן די גרייטשאַפט צו טאָג-טעגלעכע קרבנות. פון די סימבאָליזירטע מאַרטירער שטראַלט אַרויס פונקט אַזאַ קראַפט, ווי דאָס איז ביי דער רעליגיעזער געמיינשאַפט, וואָס באַגייסטערט זיך דורך דעם קרבן, וועלכער איז פאַרקערפּערט אין דעם געקרייציקטן יעזוס. אויך די קערפּערלעכע געשטאַלט פון די רעליקוויעס האָט דאָ דיזעלבע השפּעה. די ענגלישע געווערקשאַפטן, וואָס קאָנען קלאָר דעם גאַנג פון זייער געשיכטע זינט דעם אָנפאַנג פון דער העראָאישער צייט פון די אַנטי-קאָאַליציע-געזעצן (מיט אַ יאָר 125 צוריק), באַציִען זיך צו די ערשטע מיטגלידס-ביכלעך, צו די צייכנס פון די געהיימע אַרבעטער-געזעלשאַפטן און די אַנדערע זאַכן, וואָס דערמאָנען יענע צייט, מיט אַ געוואַלטיקער יראת הכבוד, פונקט ווי די גאָר אַלטע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס אומעטום האַלטן בכבוד זייערע ערשטע פאָנען און עמבלעמען.

ווען נאָך דער דעראָבערונג פון גלייכע וואַל-רעכט, זענען די ערשטע סאָציאַליסטישע דעפּוטאַטן אין אַ גרעסערער צאָל אַריין אין די פּאַרלאַמענטן, איז אין אַלע לענדער אַרויס אַ מאָדע צו באַנוצן זיך מיט די וואַנט-קאַלענדאַרס און ליטאָגראַפיעס מיט די בילדער פון די דעפּוטאַטן. זיי האָבן געזאָלט דעם וויילער תמיד דערמאָנען, אַז זיין ווילן ווערט אין דער העכסטער מלוכה-אַנשטאַלט פאַרטרעטן דורך וויכטיקע מענטשן. אין יענער צייט פון נאַאיוו-איבערגעטריבענע האָפענונגען אויף די גליקן פון דעם נייעם וואַל-רעכט, האָט דער וויילער געקוקט אויף די דאָזיקע בילדער מיט דעם געפיל פון באַשיצט-זיין,

פונקט ווי דער קאטוילישער גלויביקער קוקט אויף די בילדער פון זיינע הייליקע שוץ-פאטערס. באזונדערס כאראקטעריסטיש איז געווען די סימבאליק, מיט וועלכער עס האבן אין יאר 1892 די סאציאליסטישע וויילער געערט דעם דעפוטאט און פירער דע פעליטשע אין סיציליע.

שוין בעת דעם וואל-קאמף האט מען אומעטום אויסגעשטעלט קליינע אלטארן מיט זיין בילד און מיט אנגעצונדענע ליכט. לויט דעם באריכט פון ראבערט מיכעלס (אין זיין בוך „פסיכאלאגיע פון די אנטיקאפיטאליסטישע מאסן-באוועגונגען"), „האט דאס פאלק, בעת דער באוועגונג פון די סיציליאנישע פאשי אין יאר 1893—94 ארומגעטראגן אין די גאסן-פראצעסיעס גלייכצייטיק די בילדער פון קארל מארקס, פון דע פעליטשע, פונם קעניג און פון גאטס מוטער, צום צייכן פון דער האפענונג אין די פארשיידנסטע מעגלעכקייטן פון דער סאציאלער הילף". אן ענלעכע באדייטונג האבן געהאט די צערעמאניעס ביי און נאך דער לויה פון לענין, די דענקמעלער און איקאנעס, וואס מען האט אים געווידמעט, דאס משנה שם פון פעטראגראד אויף לענינגראד און דער אויפבוי (אדער פראיעקט) פון א שטאט אין קאווקאז לכבוד לענינען, וועלכע האט נאך דערצו געזאלט געבויט ווערן אין דער געשטאלט פון א סאוויעט-שטערן, א שטייגער ווי די קריסטלעכע קירכעס ווערן געבויט אין דער פארם פון א צלם. אויך דער קלענסטער פון די ארבעטער-פירער שטרעבט אויף אן אומבאוווסטזיניקן אופן, צו באפרידיקן אט די דאזיקע באדערפעניש פון דער מאסע צו א פערזענלעכקייטס-סימבאליק, בשעת ער באמיט זיך, למשל, צו דערנענטערן זיך, אין זיין קליידונג, האלטונג, פריזור, לעבנסשטייגער און שפראך, צום בילד, וואס דערשיינט פאר דער מאסע, אלס די לעבעדיקע פארקערפערונג פון איר בענקשאפט. נו, אויב אויף אזא אופן פאסט זיך צו דער פירער צו דעם אידעאל פון דער אויסערלעכער געשטאלט, וועלכע אנטשפרעכט דעם געפיל פון דער מאסע, איז פון דער אנדער זייט, מאכט אויך די מאסע גופא נאך דעמדאזיקן סימבאלישן שטייגער. אין דעם פאר-מלחמהדיקן דייטשלאנד איז דער הוט פון בעבעל, זיין פריזור, זיין שטי-

גער רעדן, געווען פאַר דעם קלענסטן פירער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע ממש אַ מוסטער־בילד, פונקט אַזוי ווי די שטאָלץ־אויפגעהויבענע וואָנסעס פון אַ ווילהעלם וו זענען געווען אַ מוסטער פאַר די געטרייע און פאַרריסענע ביי זיך קייזערלעכע אונטערטאַנען.

די מאַסע דערוואַרט פון אירע פירער און פאַרטרעטער, זיי זאָלן נישט נאָר אין זייער פּאָליטישער האַלטונג, נאָר אין זייער גאַנצן לעבנס־שטייגער אויספירן אַ סימבאָלישע פונקציע. מען דאַרף נישט לייענען פּראָפ. זיגמונד פרויד, כּדי צו וויסן, אַז די אויסוואַל פון די פירער באַזירט זיך אויף אַזאַ מין פּראָצעס פון אידענטיפיצירונג פון דעם אייגענעם איך מיט אַן „איך־אידעאַל", ווי דאָס קומט פאָר ביי אַ קינד, בעת עס הייבט אָן, אונטער דעם איינפלוס פון די עלטערן אָדער דערציער, פאַנאַנדערצוגלידערן זיין איך־באַוווסטזיין אין אַן אומבאַפרידיקנדיקן אייגנטלעכן איך און אין אַ פרעמדן אידעאַלן איך.

ס'איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז פּאָליטישע „פּרינציפּיעלע" פאָדערונגען, ווי, למשל, די אָפּוואַרפונג פון מלוכה־בודזשעט אין פאַרלאַמענט, דאָס אַנטיילנעמען אין דער רעגירונג, די וויזיט־באַזוכן ביים קעניג א. א. וו. האָבן קודם כּל געהאַט אַ סימבאָלישע באַדייטונג אין די אַגיטאַטאָרישע אָנפאַנגס־צייטן פון היינטיקן סאָציאַליזם. ממילא, אויב ס'איז אַזוי אויסערגעוויינלעך שווער אין אַלע לענדער, אונטער דעם דרוק פון נייע פּאָליטישע נויטווענדיקייטן, צו ברעכן מיט דער אַלטער טראַדיציע, האָבן פאַרט דערביי די לאָגישע, פּרינציפּיעלע טעמים, וועלכע מען האָט באַהאַנדלט אין די ענדלאָזע דעבאַטן, געשפּילט אַ סך אַ קלענערע ראָלע, ווי דער דרך ארץ פאַר דעם שטאַרקן גלויבן פון די מאַסן אין די אַלט־איינגעפירטע סימבאָלן. מען האָט טאַקע מורא געהאַט, אַז דאָס אָפּזאָגן זיך פון די דעמאָנסטראַציעס פונם קאָמפּראָמיסלאָזן קלאַסן־קאַמף וועלן פון די מאַסן אויפגענומען ווערן בחוש, ווי אַ צייכן פון דער אָפּגעשוואַכטער קאַמפּס־פעאיקייט פון זייערע דעפּוטאַטן. אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי־געשיכטע פון אַלע לענדער איז כּמעט נישטאָ קיין אינערלעכע מחלוקות, וועלכע זאָלן האָבן

אַרויסגערופן, אין פאַרגלייך מיט דער קליינער פּראַקטישער באַדייטונג פון אַט דעם ענין, אַזויפיל בייז בלוט, ווי די דיסקוסיעס מכּח דעם פּראָבלעם פון „פאַרגעשטעלט ווערן דעם קעניג", מכּח פערזענלעכע באַציאונגען צו פּאָליטישע קעגנער, מכּח אָננעמען אָפיציעלע כּבוד-אויסדרוקן, אַפילו מכּח דעם פּריוואַטן לעבנס-שטייגער, וואָס דאָס אַלץ ווערט, משמעות, גע-האַלטן בחוש, ווי די סימבאָלן פון העכערע אידעאַלע באַגריפן אין גייסט פון ריינעם סאָציאַליזם.

די געווערקשאַפטן האָבן נאָך אַ לאַנגע צייט, באַזונדערס אין ענגלאַנד און אַמעריקע, צום טייל נאָך עד היום, אויפגע-האַלטן זייערע מאַסאָניש-געהיימע מנהגים, הגם ס'איז נישטאָ אין דעם קיין שום פּראַקטישער טעם. מען האָט געהאַלטן פאַר אַ מעלה צו באַנוצן די סוגעסטיווע ווירקונג אָט פון דעם רי-טואַל, וואָס רופט אַרויס אין זכּרון די העראָאישע צייט פון די ערשטע פּיאָנערן און וועלכער וויקלט איין די ערנסטקייט פון די סאָלידאַריטעטס-פליכטן, וועלכע דער מיטגליד נעמט אויף זיך, אין אַ רעליגיעזער קדושה. אויך אין אייראָפּע, חוץ ענגלאַנד, האָבן די געזעלן-פאַרבאַנדן, באַזונדערס די פראַנ-צויזישע „קאָמפּאַניאָנאַזשן" פון דער ערשטער העלפט פונם 19-טן יאָרהונדערט, נאָך אַ לאַנגע צייט אָפּגעהיט זייערע מאַ-סאָנישע מנהגים צוליב ריין-פּסיכאָלאָגישע טעמים. אמת, אין דייטשלאַנד זענען נאָר אין זייער ווייניקע האַנטווערקערלעכע פאַכן איבערגעבליבן נישטיקע רעשטלעך פון דידאָזיקע צעכאָזע מנהגים אין דער היינטיקער געווערקשאַפטס-באַוועגונג. אירע ניכטערע מעטאָדן, וועלכע מיידן אויס, צוליב דער שאַרפער באַטאָנונג פון קלאַסן-שטאַנדפּונקט, יעטווידע ענלעכקייט מיט די צעכאָווע מנהגים אָדער האַנטווערקער-ראָמאַנטיק, האָבן אפשר דורך דעם טאַקע עפּעס פאַרלאָרן אין זייער צוציאונגס-קראַפט און אין דער דערציערישער השפּעה. פאַרקערט אָבער, די ענגלישע טרעיד-יוניאָנס, וואָס האָבן זיך אָדער אָרגאַניש אַנט-וויקלט פון די אַלטע, געהיימע אַרבעטער-געזעלשאַפטן, אָדער זוכן אַ קאָנטאַקט מיט די פאַרצייטיקע טראַדיציעס, האָבן אין זייערע סטאַטוטן און מנהגים אויפגעהאַלטן אַ סך פון דעם, וואָס גיט צו דעם קאָרפּאָראַטיוון גייסט פון דער מיטגלידער-

שאַפט אַ לייכט-פאַרשטענדיקן סימבאָלישן אויסדרוק. נאָך אין
אַ העכערער מאָס איז דאָס ריכטיק בנוגע צו דער אַמעריקאַ-
נישער „פעדערײשן אָף לעיבאָר". אירע געווערקשאַפטן אַנט-
האַלטן אין זיך עפּעס אַ מין מאַסאָנענטום, וועלכעס מאַכט אַן
איינדרוק פון אַ שפּילעריי מיט אַ פאַרשטיינערטן געשעפט-
פירונגס-ריטואַל, מיט איר קאָמפּליצירטער היעראַרכיע און מיט
זינלאָז-געוואָרענע פאָרמאַליטעטן; און דאָך היטן זיי דאָס
אַלץ אָפּ, פשוט אַלס אַ סימבאָל פון אָפּגעשלאָסנקייט פון דער
פאַך-אָרגאַניזאַציע און פונם פּרעסטיזש פון די העכסטע און
פול-אויטאָריטעטע פירער.

אויך די מאַסן-דעמאָנסטראַציע שטרעבט קודם כל טאַקע
צו אַ סימבאָלישער ווירקונג. איר סוגעסטיווע קראַפט ווירקט
געוויינלעך שטאַרקער אויף די אָנטיילנעמער גופא, ווי אויף דער
אויסנוועלט. דורך איר דאַרף די מאַסע זיך אַליין סימבאָליש
דערקענען, ווי אַ גרויסע מאַכט. דורך דעם דערקלערט זיך,
וואָס סאָציאַליסטישע דעמאָנסטראַציעס זענען פון שטענדיק אָן
באַזונדערס באַליבט אין יענע לענדער (למשל, אין בעלגיע,
אין איטאַליע פאַר דער מלחמה און איצט איגם קאָמוניסטישן
רוסלאַנד), ווו די אַרבעטערשאַפט איז אַממייסטן נוטה און רייף
פאַר עמאָציאָנעלע איינדרוקן, אַלץ איינס, צי ווייל איר נידע-
ריקערע בילדונגס-מדרגה מאַכט זי מסוגל אויפצונעמען אַנ-
דערע איינדרוקן, צי ווייל זי פילט אַ גרעסערע באַדערפעניש
אין אַ דעמאָנסטראַטיווער געזעלשאַפטלעכקייט. דאָ איז קלאָר
דער פאַראַלעליזם מיט די קירכלעכע טראַדיציעס, וועלכע מוזן
זיך רעכענען מיט דיזעלביקע פעלקער-פּסיכאָלאָגישע אייגנ-
שאַפטן; ס'איז געגוג צו דערמאָנען די טראַדיציאָנעלע באַ-
דייטונג סיי פון די פאָלקס-יום-טובים, סיי פון די קאַטוילישע
פּראָצעסיעס אין בעלגיע און איטאַליע, די ליבע פון דער רו-
סישער פּראַוואָסלאַוונער קירך צו גשמיותדיקע פאַרבן און קלאַנג-
עפעקטן. די פאָנען, די אויפשריפטן, די מוזיק, די בלומען,
די געמיינזאַם-געזונגענע לידער שפּילן דערביי דיזעלביקע
ראָלע, אַלץ איינס צי דאָס ווערט געטאָן לשם דעם קריסטוס-
משיח, אָדער פאַר דעם רעוואָלוציע-משיח. אויך דאָ מאַכט דער
טאָן די מוזיק, ד. ה. אַז ס'איז וויכטיק נאָר די אַלגעמיינע

אַפֿעקט-סטימולירנדיקע ווירקונג פֿון זינגען בצבור; די וועלביקע מאַרסעליעזע, וואָס איז היינט אין פֿראַנקרייך דער הימן פֿון נאַציאָנאַליזם, ווערט פֿאַר די דייטשישע סאָציאַליסטן אַ רעוואָלוציאָנערער מאַרש, אַ זאַך, פֿון וועלכער די פֿראַנצויזן גופֿא וואָלטן ממש נתפּעל. און דאָס קאַמף-ליד פֿון די ענגלישע סאָציאַליסטן „דהי רעד פֿלעג" (די רויטע פֿאָן) ווערט געזונגען מיטן ניגון פֿון דעם קריסטלעכן ליד „טאַנענבוים", פֿון וואָס די דייטשן אויף די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסן ווערן הפּנים שטאַרק נשתומם.

אַ לאַנגע צייט איז געווען אַ מאָדע ביי די איטאַליענישע סאָציאַליסטן אָנצורופֿן זייערע ניי-געבאָרענע קינדער מיט סימבאָלישע נעמען. דערביי האָט מען זיך לחלוטין נישט באַשרענקט נאָר מיט די נעמען און פֿאַמיליעס פֿון סאָציאַליסטישע הייליקע, ווי, למשל, לאַסאַלאַ און מאַרקסינאַ, נאָר עס זענען דאָ אויך קינדער, וואָס הייסן „פּרימאַ מאַדזשיאָ" (ערשטער מאַי). אַן איבערגעגעבענער חבר, ווי דאָס האָט מיר דערציילט אַנדזשעליקאַ באַלאַבאַנאָווא, איז אַמאָל שוין אַזוי ווייט פֿאַרקראָכן, אַז ער האָט אויסגענוצט פֿאַר זיינע קינדער די נעמען פֿון פּאַרטיי-אינסטיטוציעס, וועלכע ער האָט פֿאַרערט: איין זון זיינער האָט באַקומען דעם נאָמען „קאָמיטאַטאָ טשענטראַלע" (צענטראַל-קאָמיטעט), דער צווייטער „גרופּאַ פּאַרלאַמענטאַרע" (פּאַרלאַמענטס-פֿראַקציע). אין דעם איצט אויסוואַקסנדיקן דור פֿון רוסלאַנד הייסן נישט אַ קליינע צאָל פֿון יינגלעך — לענין, און מיידלעך — אָקטיאַבריגאַ (פֿון דעם אָקטאָבער-אויפֿשטאַנד).

ס'זענען דאָ גענוג פּרוּוון ווידער אויפֿצולעבן אין אַ סאָציאַליסטישער פֿאָרם אַזעלכע קירכלעכע צערעמאָניעס, ווי די טויף-פּראָצעדור און קאָנפֿירמאַציע. אַ לאַנגע צייט איז דאָס געווען זייער באַליבט, באַזונדערס ביי די סאָציאַליסטישע אַרבעטער פֿונעם בעלגישן קוילן-געביט שאַרלערואַ, איינצוריכטן וועלטלעכע קאָנפֿירמאַציע-פֿייערונגען אונטער דעם נאָמען „ראַציאָנאַליסטישע ערשטע קאָמוניאָן" (ווי אויף צו-להכעיס דווקא „ר אַ צ י אָ נ אַ ל י ס ט י ש ע ערשטע קאָמוניאָן") אונטער דעם שוץ פֿון דער געטין פֿאַרנונפֿט, פֿולשטענדיק על־פּי מוסטער פֿון דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע. אגב, הייסט אין דעם-

זעלביקן שאַרלערואַ דאָס עלטסטע פאָלקס־הויז „טעמפּל פון דער וויסנשאַפט“, פּונקט אַזוי ווי אין אַמעריקע רופן זיך גאָר אַ סך געווערקשאַפטס־הייזער מיטן נאָמען „אַרבעטער־טעמפּל“.

אַ סימבאָלישע ווירקונג שטראַלט אַרויס אויך פון די אַרויסגעזאָגטע און געשריבענע ווערטער. דער טעאָרעטיקער פון דעם פראַנצויזישן רעוואָלוציאָנערן סינדיקאַליזם, זשאָרזש סאָרעל, באַצייכנט די אידעע פון גענעראַל־שטרייק, וועלכע ער שטעלט אַוועק אינם מיטל־פּונקט פון זיין לערע מכח דעם קלאַסן־קאַמף, גאַנץ אָפן אַלס „מיטאָס, וואָס סימבאָליזירט די קאַטאַסטראָפע פונם קאַפּיטאַליזם“. וואָלט נאָר דער „וויסנשאַפטלעכער“ סאָציאַליזם געוואָלט באמת זיין אויף פולע הונדערט פּראָצענט וויסנשאַפטלעך, אום צו זען זיינע אייגענע טעאָריעס אין ליכט פון אַ וויסנשאַפטלעכן פּסיכאָאַנאַליז, טאָ וואָלט ער געפונען, אַז אויך אַזעלכע באַגריפן, ווי די סאָציאַלע רעוואָלוציע, די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור, אָדער דער צוקונפטס־שטאַט, זענען פון דעם סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישן שטאַנדפּונקט מיטאָסן, ד. ה. גלויבנס־סימבאָלן אין אַ געשטאַלט פון היסטאָרישע לעגענדעס.

דער סאָציאַליסטישער אינטעליגענט, וואָס זיין דענקען איז צו שטאַרק אויסגעפאָרמט דורך דער עקזאַקטער וויסנשאַפט, אַז ער זאָל זיך קאָנען אַריינפילן אין די רעליגיעזע געפילן, ווערט תמיד נשתומם פון דעם פאַקט, אַז די „פּאַרטיי“, די „אָרגאַניזאַציע“, די „באַוועגונג“, די „סאָלידאַריטעט“ זענען פאַר די סאָציאַליסטישע אַרבעטער־מאַסן נישט אַזוי סאָציאָלאָגישע באַגריפן, ווי סימבאָל־בילדער פון אַ טיפן געפילס־צושטאַנד; זיי זענען כמעט ווי מיט דער האַנט אָנגעטאַפּטע „סובסטאַנצן“. דער נישט־סאָציאַליסט, און אפילו דער סאָציאַליסט פון אַ נישט־פּראָלעטאַרישער פאַמיליע, וועלכער האָט נישט, ווי דער אַרבעטער, אויפן אייגענעם לייב דערפילט, וויפל קרבנות און האָפענונגען עס שטעקט פאַר אים אין דער „אָרגאַניזאַציע“, קאָנען די גאַנצע מאַכט פון דערדאָזיקער געפילס־באַטאָנונג כמעט גאָרנישט פאַרשטיין. דער אינטעליגענט שאַצט פאַלש אָפּ די צוגעבונדנקייט פון דעם אַרבעטער צו דעם מאַטעריעלן ווערט פון דער „אָרגאַניזאַציע“, ווי עפּעס אַ קורצזיכטיקע, מאַטעריאַליסטישע געזינונג, וועלכע איז נישט אומ־

שטאַנד צו מאַכן אַן אונטערשייד צווישן מיטל און צוועק און קאָן זיך נישט דערהויבן צו דער פאַרשטענדעניש פון אַ „ריינער" אידעע. ער זעט דערביי נישט איין, אַז די ריינע אידעע קאָן נאָר דעמאָלט ווירקן שעפעריש, ווען זי ווערט ממש בלוט און פלייש, ווען זי מאַטעריאַליזירט זיך, לכל הפחות, צו אַ סימבאָלישן בילד. ס'איז אַ פאַקט, אַז ווען די מאַסן קאָנען אויפפאַסן „די באַוועגונג" נאָר ווי אַן „אָרגאַניזאַציע", ווי עפעס זייער ממשותדיקס, טאָ איז דאָס נישט קיין מאַטעריאַליזם, נאָר גאָר אַ מין סאָציאַלער אַנימיזם, אַן אַריינטאָן אַ נשמה אין דאָס, וואָס מען באַטראַכט אַלס אַן אייגענע שאַפונג, ווי אַ לעבעדיק-דערפילטע דערהויבונג פון דער אייגענער פערזענלעכקייט צום איבערפערזענלעכן, אַלזאָ אַ אמתדיק רעליגיעז געפיל. די שטאַרקייט פון דעמדאָזיקן געפיל דריקט זיך אויס אויך אין יענער באַדייטונג, וועלכע ס'האָבן די צורופן אין דעם סאָציאַליסטישן אָרגאַניזאַציע-לעבן. די צורופן דעקן אויף די צוגעהעריקייט צו דער סאָציאַליסטישער געמיינדע, ווי, למשל, די ווערטער „גענאָסע", ביי די פראַנצויזן „סיטואַיען", „קאַמעראַד", אָדער „קאָמפּאַניאָן", ביי די ענגלענדער „קאַמרעד" אָדער „בראָדער", ביי די איטאַליענער „קאָמפּאַניאָ", ביי די רוסן „טאָוואַרישטש", ביי די האָלענדער „פּאַרטיגענאָט", ביי די פלאַמענער „געזעל", ביי די שוועדן „פּאַרטיוועין" א. א. וו. די שווערסטע באַליידיקונג פאַר אַ סאָציאַליסט איז אָנצורופן אים אין פּאַרטיי-בלאַט, אָדער אין אַ פּאַרטיי-פאַרזאַמלונג, „הער..."

פון די לאָזונגען, וואָס טראָגן אויף זיך אַ בולטע געפילס-באַטאָנונג, ווערן מיט דער צייט אויך אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג ממש ריטואַל-סימבאָלן. אַזוי איז, למשל, אין דייטשלאַנד געוואָרן דער אויסרוף „זאָל לעבן די אינטערנאַציאָנאַלע רעוואָלוציאָנערע סאָציאַל-דעמאָקראַטיע!", מיט וועלכן מען פלעגט שליסן, נאָך פון דעם אַלטן פּאַאול זינגערס צייטן אָן, די יערלעכע פּאַרטיי-קאָנגרעסן; אָדער אַזוי האָט זיך איינגעבירגערט די געוווינהייט צו זינגען ביי אַזעלכע געלעגנהייטן דעם אינטערנאַציאָנאַל. אָבער די סימבאָליק קומט צום אויסדרוק נישט נאָר ביי יום-טוב-געלעגנהייטן, נאָר אויך

אין דער גאַנצער ליטעראַטור, אַפילו אין דער טעאָרעטישער. דאָס איז קלאָר קענטיק אין דער פּראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור, וואָס איז באַשטימט פאַר די מאַסן. ס'איז כאַראַקטעריסטיש, ווי אָפט מען שטויסט זיך דאָרט אָן אויף אַ רעליגיעזן מוסטער. די פאָרם פון עשרת הדברות איז אָנגענומען געוואָרן אין אַלע לענדער אין אומצייליקע וואַריאַציעס אין דער סאָציאַליסטישער אַגיטאַציע־ליטעראַטור. אַזוי איז אויך געווען מיט דער פאָרם פון קריסטלעכן קאַטעכיזם. און זאָל מען נישט זאָגן, אַז דאָס דערקלערט זיך בלויז דורך ריין־פּראַקטישע טעמים, ד. ה. ווייל אָט די צוויי פאָרמען זענען כלומרשט באַזונדערס מסוגל, קלאָר און דייטלעך צו פאַנאַנדערגלידערן און איינצוקריצן אין זכרון די סאָציאַליסטישע געדאַנקען־אַרגומענטאַציעס. און זאָל שוין זיין, אַז אָט דערדאָזיקער גרונט האָט ווי־נישט־ווי געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָלע, בלייבט דאָך פאָרט אומבאַשטרייטבאַר, אַז דידאָזיקע, פון דער קירכע איבערגענומענע, פאָרמען האָבן אַ סוגעסטיווע קראַפט דוקא אַ דאַנק זייער אַסאָציאַציע מיט אַ דאָגמאַטישן קאַטעגאָרישן געבאָט, וואָס דריקט אויס אַ הייליקן אמת; אַ סוגעסטיווע קראַפט, וואָס ווערט איבערגעגעבן אויך יעטווידן נייעם אינהאַלט, ווען ער טוט זיך אָן אין אָט אַזאַ טראַדיציאָנעלן לבוש. דערפאַר אויך זענען די מערסטע און פאַרברייטסטע סאָציאַליסטישע „קאַטעכיזיסן" פאַרשפּרייט דוקא אין די קאַטוילישע לענדער, ווו די סוגעסטיווע־קראַפט פון דערדאָזיקער פאָרם לעבט, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַמשטאַרקסטן; און בכלל גייען אויף די זאָמען פונם קאַטעכיזם און פון די עשרת הדברות אַמבעסטן דוקא אין יענע פאַזן פון דער באַוועגונג, ווו ס'איז נאָך אַנטוויקלט אַמשטאַרקסטן די רעליגיעזע עסכאַטאָלאָגישע פאָרם פון דער מאַסן־שטימונג.

די באַזונדערע ווירקונג פון דעם געדרוקטן וואָרט איז אויך פאַרבונדן מיט דעם פּרעסטיזש, וואָס שלאָגט אַרויס פון אַ ממשותדיקער פאָרם, פון אַ קאָנקרעטן קעגנשטאַנד. שוין דער געהיימנישפולער פּראָצעס אַליין, וואָס דער פּראָדוקט פון אַ מענטשלעכן קאָפּ ווערט גאָר אַ ממשותדיקער פּראָדוקט, וואָס קומט אַרויס אויף דער וועלט אין אָן אַ צאָל עקזעמפּלאַרן — שאַפט דאָס פּרעסטיזש־געפיל ביי דער מאַסע. אויך

דאָס געדרוקטע בוך האָט פון שטענדיק אָן שוין געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָלע אין יעדן רעליגיעזן קולט. „דער פּסוק זאָגט אַזוי" — און מען איז יוצא און פּטור צו ענטפערן אויף יעטוועדע קריטיק. ביי דעם לוטעראַנער, ווי ביי דעם קאַטאָליק, ביים ייִד, ווי ביי דעם מחמדאַנער. דער סאָציאַליסטישער רעדנער אויף אַ פאַרזאַמלונג ווייס, אַז מען גלויבט איבּ באמונה שלמה דוקא דעמאָלט, ווען ער שטיצט זיך אויף עפּעס אַ געדרוקט וואָרט און, נאַטירלעך, באַזונדערס דעמאָלט, ווען דער איינדרוק ווערט פאַרשטאַרקט דורך דער דערמאָנונג פון אַ חיכטיקן נאָמען. אָט, ווי באַקאַנט, איז לאַסאַל אַ סך מאָל אויפגעטראָטן אויף אַרבעטער-פאַרזאַמלונגען מיט אַן אימפּאָנירנדיקער מאַסע וויסנשאַפטלעכע ביכער, געבונדן אין לעדער, וועלכע ער פלעגט אַוועקשטעלן פאַר זיך אויפן רעדנער-שטענדער. דערביי איז פאַר דער ווירקונג געווען לגמרי אומוויכטיק, וואָס ער וועט פון זיי ציטירן, און צי ער וועט זיי דערמאָנען בכלל. פון דעם מאָמענט אָן, וואָס ער איז דערשינען מיט דידאַזיקע ספרים, איז שוין רייף געווען דער איינדרוק, אַז אַלץ, וואָס ער וועט זאָגן, שטימט מיט דעם, וואָס אַזויפיל געלערנטע האָבן אויסגעפונען און אויסגעטייטשט. אָט אַזוי איז אין אַ באַשטימטער מאָס, כּלומרשט, די גאַנצע וויסנשאַפט שוין אַרויסגעטראָטן אַלס עדות צו זיין זכות, אַפילו נאָך איידער ער האָט געעפנט דאָס מויל.

די באַדייטונג פון קאַרל מאַרקסעס „ק אַ פּ י ט אַ ל", אַלס אַ ביבל פון סאָציאַליזם, העגגט אָפּ נישט אַזוי פון דעם אינהאַלט פון דעם בוך, ווי פון זיין פאָרם, וועלכע איז ממש ווי געשאַפן צו ווירקן מעשה אַ הייליקע אַנטפּלעקונג. לאָמיר שוין אָננעמען טאַקע, אַז מאַרקס איז געשטאַנען מיט אַ קאָפּ העכער איבער אַלע טעאָרעטישע פּאָליטיקאָ-עקאָנאָמען פון זיין דור, און אַז ער האָט אויף דורות לאַנג אָדעקגעשטעלט פאַר דער דאָזיקער וויסנשאַפט נייע אויפגאַבן. נו, קומט אָבער פאָרט נישט פון דידאָזיקע אומשטאַנדן אַרויס, אַז הונדערטער טויזנטער מענטשן זאָלן נאָך היינט-צו-טאָג גרייט זיין צו פאַרהייליקן דעם אינהאַלט פון אָט דעם בוך, פון וועלכן זיי האָבן אפשר נישט געלייענט אַפילו אַן איינציקע שורה. אין גרונט

גענומען איז דאָס נישט נאָר אַ זייער שווער־פֿאַרשטענדלעך ווערק, נאָר אויך (איך האָב די העזה דאָס אָפֿן אַרויסצוזאָגן!) אַ זייער לאַנגווייליק בוך. דער לייענער ווערט שטעלנווייז דערשטיקט אונטער אַ באַרג ציטאַטן און באַווייזן, דער געדאַנקענגאַנג ווערט אומגעהייער־שווער דורך אַ ים פֿון פּעדאַנטישע פּלפּולים. דער גאַנצער געבוי ציט זיך שווער פֿון אָנהויב ביזן סוף, פֿון ערשטן ביזן דריטן באַנד, קומענדיק סוף כּל סוף צו אַזעלכע אויספֿירן, ביי וועלכע ס'שטעלט זיך אַרויס, אַז דריי־פֿערטל פֿון דעם פֿריערדיקן באַווייז־מאַטעריאַל איז געווען לגמרי איבערפֿליסיק. געוויס, דידאַקטישע אָפּשאַצונג איז נישט מער, ווי אַ געשמאַק־זאַך, וועלכע מען מעג, אויב איר ווילט, אָפּוואַרפֿן. און פֿונדעסטוועגן בין איך איבערצייגט, אַז אַ גרויסער טייל פֿון די סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן דעם „קאַפּיטאַל" געלייענט, אָדער געוואָלט זיך נעמען לייענען, האָבן דאָסזעלבע געשמאַק, אָדער ווילן זיך מייסטנס נישט מודה זיין אין דעם. דאָס מערקווירדיקסטע איז אָבער, אַז גאָר אַ גרויסן טייל פֿון זיין כּישוף פֿאַרדאַנקט דאָס בוך דווקא די אומשטאַנדן, וועלכע מאַכן אים אַזוי שווער צו געניסן: זיין אומפֿאַרשטענדלעכקייט פֿאַר די מאַסן, זיין אַלגעבראַאיסטישע מיסטיק, זיין טבע צו בלייבן פֿאַרן לייענער שווער צו פֿאַרדייען. די פֿאַרערונג פֿון דעם בוך האָט קיין שייכות נישט מיט דער לאָגישער דערקענטעניש אין באַצוג צו זיין אינהאַלט. דערפֿאַר טאַקע שפּרינגט אָפּ פֿון מאַרקסן, ממש אָן שום ווירקונג, יעדע אָביעקטיווע קריטיק, וועלכע האַלט, אַז נאָר דאָס אַלץ, וואָס האָט אַ ריין־שכלדיקן יסוד, איז אַן אַבסאָלוטער אמת. „דער קאַפּיטאַל" געהערט נישט צו יענע ביכער, וועלכע לאָזן זיך אָפּפֿרעגן.

אין אַ מאַסן־באַוועגונג ווירקט בלויז יענער טייל פֿון יעדער טעאָריע, אין וועלכן ס'ווערן סימבאָליש פֿאָרגעשטעלט יענע געפֿילן, וועלכע גיבן אַ פֿאָרם און אַ ריכטונג דער באַוועגונג. דאָס איז ריכטיק באַזונדערס פֿאַר אַלץ, וואָס איז פֿאַרבונדן מיט דעם גלויבן אין אַ צוקונפֿטיקער, בעסערער געזעלשאַפֿטס־אָרדענונג. יעדער סאָציאַליסט האָט אַ דרינגענדיקע באַדערפֿעניש צו מאַכן זיך אַ בילד פֿון דערדאָזיקער אידעאַלער צוקונפֿטס־אָרדענונג. כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס די אַמ-

בעסטן געלייענטע ווערק פון דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור זענען דווקא די, ווי, למשל, בעבעלס „פרויי", וועלכע האָבן אין זיך שילדערונגען פון דעם „צוקונפטס-שטאַאַט", און אויך די אוטאָפּיסטישע ראָמאַנען, לויט דעם מוסטער, אַ שטייגער, פון וו. מאָרריסעס „נייעס פון ערגעץ נישט", אָדער בעלאַמיס „אין דעם 2000 יאָר", פון וועלכע אַפילו די בעסטע זענען וויסנשאַפטלעך פּשוט באַדייטונגסלאָז און זענען, נאָך אַ צולייג, אויך גאַנץ שלעכטע ראָמאַנען. מ'קאָן פאָרמולירן אָט אַזאַ כלל: קיינמאָל נישט, אַבסאָלוט קיינמאָל נישט, קאָנסטרויִרט זיך דער סאָציאַליסט — אויך דער מאַרקסיסט — דאָס צוקונפטס-בילד, צו וועלכן עס שטרעבט זיין יושר-זוכנדיק האַרץ, נאָר אויפן יסוד פון די פּשוט-לאָגישע אויספירן פון די אַנטוויקלונגסטענדענצן פון דער היינטיקער ווירטשאַפט. קומען קומט דאָס, ווייל פון אַ ריין-לאָגישער אַרגומענטאַציע וואָלט אַרויסגעקומען נישט קיין בילד, נאָר אַ בנין פון אַבסטראַקטע באַגריפן, וואָס זיי קאָנען נאָך עפּעס וואָס באַטייטן נאָר פאַר אַ מענטש, וועלכער האָט אַבסאָלוט קיין שום לעבעדיקע פאַנטאַזיע נישט און וואָס וועט נישט זיין בכח אַפילו אַרויסצולאָזן אַ הונט פון היינטערן אויוון. דאָס בילד, וואָס ציט צו מענטשן און שלעפּט זיי אַרויס נישט נאָר פון הינטערן אויוון, נאָר פירט זיי אַוועק אויף באַריקאַדן, און אַפילו צום פרייוויליקן הונגער און טויט, דאָס איז אַ פּועל יוצא פון אַ ווונש, דאָס איז אַ קאָנקרעטע פאָרשטעלונג מכח אַ צושטאַנד, וועלכער באַפרידיקט אַ באַשטימט מאָראַליש געפיל און האַרמאָנירט מיט אַ באַשטימטן סיסטעם פון יורידישע באַציאונגען, צו וועלכע אונזער הילן שטרעבט, ווי צו אַן אידעאַלן געזעלשאַפטלעכן סדר.

צווייטער טייל

די צייט

VI

דאס סאָציאַליסטישע צוקונפטס-בילד.

דער גייסט — ער בויט פאַר זיך דעם גוף.

שילער.

דער סאָציאַליזם, אַלס צוקונפטס-בילד פון אַ געוווּנשטן געזעלשאַפטלעכן סדר, וועלכער אַנשטאַט דעם יושר-געפיל, איז דער פּונקט, ווו ס'פאַראייניקן זיך די ביידע עלעמענטן, וואָס פון זייער פאַרבינדונג קומט אַרויס די סאָציאַליסטישע אַרבעטער-באַוועגונג, דהיינו: די עסכאַטאָלאָגישע גאולה-האָפע-נונג פון דעם אַרבעטער-קלאַס, פון איין זייט, און די לערע, וועלכע באַגרינדעט דידאַזיקע האָפענונג אויף אַ וויסנשאַפטלעכן אופן, פון דער צווייטער זייט. די סאָציאַלע אוטאָפּיע איז סיי דער סוף פון אַ פּראָצעס, וועלכער מאַכט בטל דעם מינדער-ווערטיקייטס-קאָמפּלעקס פון די מאַסן, סיי דער אויסגאַנגס-פּונקט פון דעם געדאַנקענגאַנג פון די סאָציאַליסטישע טעאָרעטיקער.

דער מאַרקסיזם איז אין דעם פּרט גאָר קיין אויסנאַם נישט. ס'איז נישט קיין אונטערשייד, וואָס דער לבוש, אין וועלכן עס טרעט אַרויס די באַגרינדונג פון זיין עסכאַטאָלאָגיע, איז גאַנץ ווייט פון דער פרייער ווונש-פאַנטאַזיע פון דעם קלאַסישן אוטאָפּיזם. פאַקטיש, נישט קוקנדיק אויף דעם, איז ער אויך „אוטאָפּיש", ווייל דער אויסגאַנגס-פּונקט פון זיין קריטיק פון דער קעגנוואַרט איז אַ צוקונפטס-בילד, צו וועלכן ער שטרעבט און וועלכעס האָט אין זיינע אויגן פעסט באַ-שטימטע יורידישע און עטישע גרונט-יסודות. אמת, דער מאַרק-

טיזם שפּאָרט נישט קיין מי צו מאַכן דוקא אַ פּאַרקערטן איינדרוק, ד. ה. אַז זיין סאָציאַליסטיש צוקונפטס-בילד קומט אַרויס בּלומרשט אומדערוואַרטעט דורך אַן אַנאַליז פון די אַנטוויקלונגס-טענדענצן פון דער היינטיקער ווירטשאַפטס-פאָרם, — אַן אַנאַליז, וועלכער האָט נישט אין זיך להלוטין קיין ווונש אָדער ליידנשאַפטס-עלעמענטן. דאָס איז אָבער אין גרונט נישט קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר אַ פּאַרזוך, אָפּצונאַרן דאָס אייגענע באַוווסטזיין מכּח די אמתע מאָטיוון פון דעם אונטערבאַוווסט-זיין. אָט, למשל, ווי ענגעלסעס און מאַרקסעס „די לאַגע פון די אַרבּעטער-קלאַסן" און „דער קאָמוניסטישער מאַניפעסט" זענען געשאַפן און פאַרעפנטלעכט געוואָרן פריער פון דעם „קאַפּיטאַל", אַזוי האָבן אויך געלעבט אין מאַרקסעס און ענ-געלס גייסט דאָס מיטגעפיל צום אַרבּעטער-קלאַס און די שטרע-בונג צום סאָציאַליזם נאָך פאַר דעם, ווי זיי האָבן זיך גענומען צו בּויען די לאָגישע באַווייזן מכּח דעם, אַז דער אונטערגאַנג פון קאַפּיטאַליזם איז אומפאַרמיידלעך. קאַרל מאַרקס האָט זיך באַמיט אַרויסצודרינגען פון די אַנטוויקלונגס-טענדענצן פון קאַפּיטאַליזם אַ טויט-אורטייל פאַר דעם קאַפּיטאַליסטישן עקאָ-נאָמישן סיסטעם, אָבער בשעת מעשה האָט דאָס געפיל פון יושר און רעכט דעמדאָזיקן אורטייל שוין פון לאַנג אָן געהאַט אַ פאַרטיקן. און נישט נאָר דאָס: שוין דעמאָלט האָט ער געהאַט פאַר זיינע אויגן אַ געזעלשאַפטלעך צוקונפטס-בילד, אין וועלכן די פאַרהאַסטע שטריכן פון דעם קעגנוואַרטס-בילד זענען געווען פאַרוואַנדלט אין זייער היפך. לאָמיר אויך פרעגן: איז דען נישט דאָס דענקען פון דעם וויסנשאַפטס-מאַן נישט מער ווי אַן איינצל-פאַל פון אַ שטאַרק אַנטוויקלטער פאַנטאַזיע-טעטיקייט, וועלכע קאָן זיך בשום אופן נישט באַפרייען פון דער שליטה פון דעם געזעץ, לויט וועלכן יעדער ווונש אונ-זערער שאַפט שוין במילא אויך די פאָרשטעלונג מכּח זיין באַפרידיקונג — הגם מיט דעם ווערט אָבער ערשט געמאַכט בלויז דער אָנפאַנג פון אַ וויסנשאַפטלעכער טעטיקייט?

דער פאַקט, אַז קאַרל מאַרקס האָט אין זיינע וויסנשאַפט-לעכע ווערק געזוכט מיט אַלע מיטלען צו פאַרמיידן יעדן סאָרן פון אָפּעקט, ד. ה. פון זיי זאָל חלילה נישט אַרויסקלינ-

גען קיין סימן פון געפילס-טאָן; אָדער דער פאַקט, אַז דאָס צוקונפטס-בילד, צו וועלכן ער בענקט, זאָל ווערן אָנגעצייכנט אין זיינע ביכער בלויז אין די ברייטע שטריכן, איז לגמרי קיין שום ראיה נישט, אַז זיינע אַפעקטן זענען געווען גאָר שוואַכע, אָדער אַז ער האָט קיין שום שייכות נישט געהאַט מיט דער סאָציאַלער אוטאָפּיע. דווקא פאַרקערט, גראָד די בכיוונדיקע פאַרדרענגונג פון די עלעמענטן פון געפיל און פאַנטאַזיע אין זיין געדאַנקענגאַנג איז דער בולטסטער באַווייז, אַז דידאָזיקע עלעמענטן זענען ביי אים יאָ געווען שטאַרק אַנטחיקלט.

ביים איינציקן דענקער, ווי ביי דער מאַסע, וואָס זי ווערט בטבע באַהערשט דורך געפילן, קומט דאָס בילד פון דער צוקונפט אַרויס פון די אומבאַפרידיקטע, איינגעפּענטעטע ווונשן, וועלכע זענען נוגע דער קעגנוואַרט, די חיי שעה-אינטערעסן. דער שטייגער פון אָט די ווונשן איז אָבער שטענדיק אַ פאַרשיידענער. ביי די שעפערישע דענקער האָבן די מאָטיוון פון דער גייסטיקער טעטיקייט אין געזעלשאַפטלעכן קאַמף קיין שום שייכות נישט מיט זייער מאַטעריעלער קלאַסן-לאַגע. נו, פונוואַנען קומט דען פאָרט אַרויס אין אַזאַ פאַל די אידעאָלאָגיע? געוויס פון קאָפּ און האַרץ, און נישט פון דעם מאָגן. זי קומט אַרויס פון אַ באַזונדערער נאַטירלעכער נטיה, וועלכע פלאַנצט איין ביי דעם אָדער יענעם מענטשן די מאָראַלישע און גייסטיקע אינסטינקטן, וואָס זענען אַזוי באַשאַפן, אַז אָט דער מענטש באַנעמט בחוש, אַז דער סאָציאַלער סדר פון זיין צייט איז אומגערעכט, און וועלכע זענען אַזוי שטאַרק, אַז אָט דער מענטש איז מקריב זיין קאַריערע פאַר זיין אידעאַל. אָבער, כדי פון דערדאָזיקער אידעאָלאָגיע זאָל אַרויסקומען אַ שעפערישע אידעע, אַ לערע, מוזן פונדעסטוועגן פאַרווירקלעכט ווערן נאָך אַנדערע ספּעציעלע באַדינגונגען. דאָס איז, ראשית כל, נוגע דעם דענקער גופא: ער מוז זיין איינער פון יענע אויסנאַמס-מענטשן, ביי וועלכע די מאָראַלישע ליידנשאַפט באַהערשט דורך און זיין גאַנצע גייסטיקע טעטיקייט.

ג. ב. שאָו שילדערט אַזאַ מענטש אין זיין דראַמע

„מענטש און איבערמענטש״: „אזוי לאַנג, ווי איך קאָן זיך פאָרשטעלן עפּעס, וואָס איז בעסער, ווי איך אַליין, בעפין איך קיין רו נישט און בין כסדר באַמיט, דאָס בעסערע צו באַשאַפן אָדער צו פאַרלייכטערן זיין אָנקום; אויף דעם אופן ווירקט אין מיר די ענדלאָזע שטרעבונג פון דעם לעבנס-פּראָצעס צו אַ העכערער אָרגאַניזאַציע, צו אַ ווייטערדיקן, טיפערן, מער אינטענסיוון זעלבסט-באַוווסטזיין און צו אַ קלאָרערן זעלבסט-פאַרשטיין״. אָט די „פאָרשטעלונג״ איז אָבער נאָר דורך דעם סטימולירט געוואָרן, וואָס עס זענען נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן באַשטימטע אינסטינקטיווע פאָדערונגען צום לעבנס-פּראָצעס, פאָדערונגען און טענות, וועלכע האָבן זייערע וואָרצלען אין דעם מענטשלעכן כאַראַקטער. דאָס זענען יענע נשמה-באַדערפענישן, מכּח וועלכע שאָאו גופא, אין אַן אַנדער ווערק (מאַיאָר באַרבאַראַ. הקדמה), זאָגט דאָס פאָלגנדיקע:

„רייכע מענטשן אָדער אַריסטאָקראַטן מיט אַ הויך-אַנטוויקלטן חוש פאַר דעם לעבנס-פּראָצעס — מענטשן, ווי רעסקין און וויליאַם מאָריס און קראָפּאָטקין — האָבן אומגעהייערע געזעלשאַפטלעכע און זייער אויסקלייבערישע פּערזענלעכע אַפּעטיטן. זיי זענען נישט צופרידן מיט שיינע הייזער: זיי ווילן שיינע שטעט; זיי זענען נישט צופרידן מיט די פרויען, וואָס גלאַנצן מיט אַ סך דימענטן, און מיט עלעגאַנטע בליענדיקע מיידלעך; ס'פאַרדריסט זיי, וואָס דאָס דינסט-מיידל גייט שלעכט אָנגעטאָן, וואָס פון דער וועשערין שמעקט מיט בראָנפן, וואָס די נייטערין ליידט פון בלוט-אָרעמקייט, וואָס נישט יעדער מאַנסביל, וועלכן זיי טרעפן, איז ראוי צו זיין אַן אינטימער פריינט, און אַז נישט יעדע פרוי איז שוין אַ גאַנצער ראָמאַן... די לופט גופא איז נישט גוט פאַר זייערע נאָז-לעזער: ס'איז אין איר אַ צו שטאַרקער פאַבריקס-גערוך. זיי קומען אפילו אַרויס מיט אַבסטראַקטע טענות און מענות — יושר, כבוד, אַ פאַראיידלטע מאָראַלישע אַטמאָספער, אַ מין מיסטישע געמיינשאַפט, אָנשטאָט דער געלט-געמיינשאַפט״. בזה הלשון איז זייער ריכטיק געשילדערט דאָס, וואָס קאַרל קאַאוטסקי האָט אָנגערופן עטיש-עסטעטישן סאָציאַליזם. דאָ זעען מיר, ווי קינסטלער-נאַטורן באַנעמען די אוממאָראַלישע דערשיינונגען פון לעבן, ווי העס-

לעכע פאקטן, און ווי דאָס באַליידיקטע עסטעטישע געפיל פאַרבינדט זיך מיט אַ באַליידיקטן מאָראַלישן געפיל, כדי צו שטרעבן צו אַן אַנדערן סאָציאַלן סדר.

דערביי זענען נאָך אָבער מעגלעך אויך אומצייליקע מינים פון געפענטעטע ריין-סאָציאַלע אינסטינקטן, אַלס אויסגאַנגס-פּונקטן פון אַ סאָציאַליסטישן געדאַנקענגאַנג. ס'איז אַ פאַקט, אַז אַנטשפּרעכנדיק דעם אָדער יענעם אומשטאַנד, אונטער וועלכן די נשמה דערשפּירט אַמשטאַרקסטן די סאָציאַלע קייטן, באַקומט די סאָציאַליסטישע אידעאָלאָגיע פון דעם אָדער יענעם דענקער אַ באַזונדערע שאַטירונג, וועלכע איז מסוגל אָנצונעמען אַזוי-פיל פאָרמען, וויפל ס'קאָנען געמאָלט זיין קאָמבינאַציעס פון פאַרשיידענע מענטשלעכע כאַראַקטערן מיט פאַרשיידענע שיקזאַלן. אָט אַזוי, למשל, איז זיכער, אַז צווישן די סאָציאַלע אינסטינקטן, וואָס זענען דער יסוד פון דער סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע, פעלט קיינמאָל נישט דער קאַמפּס-אינסטינקט אין אַ מער אָדער ווייניקער פאַרגייסטיקטער געשטאַלט. דער באַשטימטער כאַראַקטער, אין וועלכן אָט דער קאַמפּס-אינסטינקט איז שטאַרק אַנטוויקלט, וועט, אונטער אַנטשפּרעכנדיקע גלייכע אומשטאַנדן, גיכער געניגט זיין צו שפּירן אַ שטאַרקע פּסיכישע קרובהשאַפט צום סאָציאַליזם, ווי צו האָבן אַ שטיקל שייכות צום קאָנסערוואַטיזם אָדער אַפילו צום ליבעראַליזם, ווייל דער רעבעלישער, אַגרעסיווער עלעמענט אין סאָציאַליזם גיט אַ באַפרידיקונג דעם שטאַרקן קאַמפּס-אינסטינקט.

ס'איז קלאָר, אַ טעמפּעראַמענט, וואָס איז שטאַרק באַהערשט פון קאַמפּס-אינסטינקט, וועט גיכער נייגן צו אַ פּראַקטיש-פּאָליטישער, ווי צו אַ טעאָרעטיש-ליטעראַרישער טעטיקייט; און נישט קוקנדיק אויף דעם, געפינט מען אין קאַרל מאַרקסן, באַקונינען, פּלעכאַנאָוון אין לעבנס פון זיין עמיגראַציע-פּעריאָד, און אין אַ סך אַנדערע מענער (וואָס איז שייך אַלע איבעריקע פּרטים — לגמרי פאַרשיידענע מענטשן), די ביישפּילן פון אַ קאַמפּס-אינסטינקט, וואָס טראָגט אויף זיך די אויסערלעכע קייטן און זעלכער מאַכט דורך אַן אינערלעכע אומוואַנדלונג און ווערט אַ טרייב-קראַפט פאַרט פון אַ ריין-טעאָרעטישער, ד. ה. אַ קריטישער און פּאָלעמישער טעטיקייט. בדרך כלל שאַפט

דער קאַמפּס-אינסטינקט נאָר דעמאָלט אַ סאָציאַליסטישן חילן װען ער פאַרבינדט זיך, אויף אַ װעלכן נישט איז שטייגער, מיט אַן אַנדער סאָציאַלן אינסטינקט: פּונקט װי אין פּסיכישן לעבן בכלל, קאָן נאָר דעמאָלט דער קאַמפּס-אינסטינקט בולט אַרויסטרעטן, װען אַן אַנדער אינסטינקטיװער פאַרלאַנג שטויסט זיך אָן אויף אַ שטאַרקן װידערשטאַנד.

ראָבערט אָאועז (ענגלישער הומאַניטאַרער פאַבריקס-אונטערנעמער און סאָציאַל-אוטאָפּיסט פון דער ערשטער העלפט פון 19-טן יאָרהונדערט) איז, פון דער צװייטער זייט, דער בעסטער ביישפּיל פון אַ מענטש, אין װעלכן דער געזעלשאַפטלעכער שוץ-אינסטינקט, אַלס מאָראַליש געבאָט, װאָס באַפעלט די סאָציאַל-פּריװילעגירטע זיך אָנצונעמען פאַר דעם גורל פון די סאָציאַל-רעכטלאָזע, איז דער הויפּט-פאַקטאָר פון דער סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע. דער געזעלשאַפטלעכער שוץ-אינסטינקט, זייענדיק פאַרבונדן מיט אַנדערע אינסטינקטן אָדער כאַראַקטער-נטיות, טרעט אַרויס אין אַ סך װאַריאַציעס, װעלכע האָבן אַ טיפּישע באַדייטונג. ביי די שטאַרק רעליגיעז-געשטימטע קריסטן װערט אין די מערסטע פאַלן דער געזעלשאַפטלעכער שוץ-אינסטינקט סובלימירט (דערהויבן) צו רחמנות, צו אַ טיפער ליבע צום מיט-מענטשן; דאָס איז אַ נטיה אָבער, װעלכע פירט נאָר דעמאָלט צו אַ סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע, און נישט בלויז צו אינדיװידועלער פילאַנטראָפּיע, װען זי װערט אין אַ װעלכער ס'איז פאָרם אַקטיװירט דורך איר פאַרבינדונג מיט דעם קאַמפּס-אינסטינקט.

דאָרט, װו דער געזעלשאַפטלעכער שוץ-אינסטינקט פאַרבינדט זיך מיט אַ נטיה צום מיטגעפיל, אָדער, אין אַנדערע װערטער, מיט אַ שטאַרקער און אַקטיװער רעאַקציע לגבי די אַפעקטן פון אַנדערע מענטשן, דאָרט קומט אַרויס אַ נייגונג, װעלכע איז אַליין נאָך נישט פעאיק צו אַ גייסטיקער שאַפונג, אָבער איז דאָך בכח איינצופלאַנצן דעם עמאָציאָנעלן אינהאַלט פון דער סאָציאַליסטישער אידעע, װעלכע דערשיינט איר שטאַרק ענלעך צו איר אייגענעם תוך. זי האָט אין תוך אַ װייבלעכע נאַטור און מען טרעפט זי על פי רוב טאַקע ביי פרויען. בדרך כלל פאַרט זי זיך אויף, אויב נאָר ס'איז דאָ אין

דעם מענטש אַ מינימום פֿון אינטעלעקטועלע פֿעאיקייטן, מיט אַן אויסגעשפּראָכענעם אָראַטאָרישן טאַלענט, ווײַל נאָר דער, וואָס ווערט אַמשטאַרקסטן באַאײַנפֿלוסט פֿון די געפֿילן פֿון אַנדערע מענטשן, קען אַליין אויך אַמשטאַרקסטן סטימולירן די געפֿילן פֿון זײַנע מיט-מענטשן. דער רעסקין-טיפּ און מאָריס-טיפּ פֿון דער אַנדער זײַט, פֿאַרבינדט דעם געזעלשאַפֿטלעכן שוץ-אינסטינקט מיט אַ טיפֿן עסטעטישן געפֿיל; לויט זייער שכל קומט אויס, אַז דאָס ערגסטע אין דעם שיקזאַל פֿון די מאַסן איז דער פֿאַקט, אַז די מאַסן גופֿא שפּירן אפֿילו נישט, ווי מיאוס איז די סאָציאַלע וועלט, אין וועלכער זיי לעבן.

אַן אײַגנאַרטיקער „געלטונגס-טריב“, אַן אינסטינקטיווער דראַנג פֿון יחידים און מאַסן צו אַ סאָציאַלער אָנערקענונג און חשיבֿות, איז דער וואָרצל פֿון די מערסטע פֿאָרמען פֿונעם אַנאַרכיסטישן סאָציאַליזם. אין אַזאַ פֿאַל קומט פֿאָר, אַז די אייגענע מענטשלעכע פּערזענלעכקייט, וועלכע שטרעבט צו קאָמפּענסאַציעס, דערפֿילט זיך אידענטיש, אויפֿן וועג פֿון אַבסטראַקציעס, מיט אַ קאָלעקטיוו, ד. ה. מיט דער גאַנצער געזעלשאַפֿט בכלל. געוויס, אין די מערסטע פֿאַלן מאַכן די אייגענע איבערלעבונגען, וואָס דער מענטש גופֿא האָט צוליב די קייטן געהאַט, די קייטן, וועלכע שמידן זײַן סאָציאַלן חשיבֿות-אינסטינקט, אים נוטה צו אַן אַנאַרכיסטישער אידעאָלאָגיע. אַזעלכע קייטן שפּירט, למשל, דער אַנטוישטער שרײַבער מיט שטאַרקע אַמביציעס און מיט אַ הייסן באַגער צו כּבֿוד; אָדער דער אינטעליגענט, וועלכן די רעאַקציאָנערע מלוכה שטערט צו פֿאַרנעמען זיך מיט פּאָליטישער אַרבעט; אָדער דער האַנטווערקער, פֿאַר וועלכן דער אינדוסטריאַליזם איז אַ סכּנה, וועלכער פֿאַראורטיילט אים צו אַן עקאָנאָמישער אומאָפּהענגיקייט; אָדער דער „נישט-צוגעפּאַסטער“ אַרבעטער, פֿאַר וועלכן דער צוואַנג פֿון דער פֿאַבריקס-דיסציפּלין איז עקלדיק און טרײַבט אים צו די אַוואַנטורעס פֿון אַ נע-ונדניק אָדער פֿון אַ מענטש, וואָס לאָזט זיך, אויף גאָטס בעראָט, אַוועק, אַרומצוטרײַבן זיך איבער דער ווײַטער וועלט; אָדער דער „זאָנדערלינג“, וואָס אַנטלויפֿט פֿון די קאָנווענציאָנעלע קייטן פֿון דער שטאָטישער קולטור צו אַ האַלב-פֿאַנטאַסטישן „נאַטור-לעבן“. אָט דאָס זענען

די פינף טיפּן, מיט וועלכע ס'שעפּט זיך כמעט שוין אויס די כאַראַקטער־באַשרייבונג פונם אַנאַרכיסטישן סאָציאַליזם. אָבער, וואָס אמת איז, אין אָט דער באַשרייבונג איז נישט אַריין דער העכסטער, דער איינציקער שעפערישער טיפּ פון אַן אַנאַרכיסט־סאָציאַליסט, ווי דאָס שטעלט מיט זיך פאָר, אמשעגנסטן און ריינסטן, קראָפּאָטקין. אָט אין אַזאַ פאַל איז דער דרוק אויף דעם חשיבות־אינסטינקט, אַזויצוזאָגן, לחלוטין שוין באַפרייט געוואָרן פון דער פּערזענלעכער שאַטירונג, ווייל ביים אַנאַרכאָ־סאָציאַליסט פון אַזאַ מין זענען דאָ אַ שטאַרק מיטגעפיל, אַ רייכע פאַנטאַזיע און, קודם כּל, אַן אומגעהייער־פאַרשאַרפטער געזעלשאַפטלעכער שוץ־אינסטינקט, — זיי זענען בכח צו פאַרוואַנדלען די קריוודע, וועלכע אַ פ ר ע מ ד ע פּערזענלעכקייט לעבט דורך, אין זיין א י י ג ע נ ע ר איבערלעבונג. די ריין־פּערזענלעכע דערפאַרונג טרעט אין אַזאַ פאַל לגמרי אָפּ אויף דעם הינטערשטן פּלאַן לגבי דער מיטגעפילטער סאָציאַלער דערפאַרונג. ס'איז טאַקע נישטאָ, חוץ קראָפּאָטקין, קיין שום מענטש, וועלכער וואָלט קאָנען קלאָר און דירעקט אַרויסברענגען און ווערטלעך אויסדריקן דעם ריינעם אידעען־אינהאַלט פון סאָציאַליזם, פּונקט ווי ס'איז נישטאָ, גלויב איך, קיין שענערער סאָציאַליסטיש בוך, ווי קראָפּאָטקינס מעמואַרן.

די אינסטינקטיווע מענטשלעכע נטיה, וועלכע ווערט אַריינגענומען דורך די ענגלישע און אַמעריקאַנישע סאָציאַל־פּסיכאָלאָגן אין דעם זאַמל־באַגריף „אויפבוי־אינסטינקט" (constructive instinct) טרעט אַמאָל אַרויס, אינפאַרשיידענע וואַריאַנטן, אַלס אַ טרייב־קראַפט פון דער סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע. דער אויפבוי־אינסטינקט גופא איז אַן אינדיווידועלער אויסדרוק פונם מענטשלעכן טעטיקייטס־אינסטינקט, און צוגלייך איז ער אויך אַ מקור, אַ פאַראויסזעצונג און פועל יוצא פון יעדער אַרבעטס־טעטיקייט און פון אַ סך שפּיל־טעטיקייטן. ביים גייסטיקן מענטש, וואָס זוכט צו פאַרווירקלעכן זיין איך אויך הינטער די גרענעצן פון זיין אייגענעם אינדיווידואַליטעטס־אינהאַלט, ד. ה. וואָס זוכט צו פאַרווירקלעכן זיין איך אין די באַציאונגען צו די זאַכן און צו אַנדערע מענטשן, — איז דער חשיבות־אינסטינקט ביכולת צו פאַרוואַנדלען דעמראַויקן

אויפבוי-אינסטינקט אין אַ סאָציאַלן אינסטינקט. אָבער, ס'איז געזאָגט ווערן, אַז אַ תּנאַי, אָן וועלכן אַזאַ פאַרוואַנדלונג קאָן נישט געמאָלט זיין, איז, אַז דער מענטש דאַרף האָבן די פע-איקייט איבערצולעבן אין זיך גופא דעם שיקזאַל פון אַ גע-מיינשאַפט, ד. ה. דעם שיקזאַל פון פרעמדע מענטשן, פון די מיט-מענטשן. און ווייל אַזאַ גייסטיקע מיט-איבערלעבונג איז מעגלעך נאָר אויפן יסוד פון אַ מיטגעפיל, קאָן מען זאָגן, אַז ערשט דער געזעלשאַפטלעכער שוץ-אינסטינקט מאַכט מעגלעך, ס'זאָל פאָרט געשאַפן ווערן אַ שטיק גייסטיקע שייכות צווישן דעם אויפבוי-אינסטינקט און דער געזעלשאַפט. דער אמתער פאַקט איז, אַז, אַנטשפּרעכנדיק דעם אָדער יענעם שטייגער פון אויפבוי-אינסטינקט, וועלכער פאָרט זיך אויף מיט דעם שוץ-אינסטינקט, זענען מעגלעך אַ סך ספּעציעלע מינים פון דעם-דאָזיקן מאָטיוו פון דער סאָציאַליסטישער געזינונג, פון וועלכע איך וועל אָנרופן, אַלס די וויכטיקסטע, דעם ווּיסנשאַפטלעך-ראַציאָנאַלן, דעם עקאָנאָמישן, דעם נאַציאָנאַלן און דעם אייגע-ניסטישן טיפּ.

די בעסטע דעפיניציע פון דעם וויסנשאַפטלעכן מאָטיוו איז געגעבן געוואָרן אין בעבעלס פאָלגנדיקן זאַץ: „סאָציאַ-ליזם איז די וויסנשאַפט, וועלכע ווערט פּראַקטיש באַנוצט אויף אַלע געביטן פון דער מענטשלעכער סטטיקייט". נו, מוז מען דערביי באַמערקן, אַז בעבעל איז, מיט דעמדאָזיקן זאַץ, בשום אופן נאָך נישט צוגעשטאַנען צו די טיפּישע פאַרטרעטער פון דעם וויסנשאַפטס-מאָטיוו; דערדאָזיקער פּסוק זיינער איז פּשוט כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם אופן, אויף וועלכן די אויטאָדי-דאַקטן, ד. ה. די, וואָס האָבן דורך דעם אייגענעם פלייס באַ-קומען אַ סיסטעמאַטישע בילדונג, זענען זיך נוהג מגזם צו זיין דעם ווערט פון דער וויסנשאַפט. אָבער, ווי די מעשה זאָל נישט זיין: אין אונזער אינדוסטריאַליזירטער געזעלשאַפט איז דער אויפבוי-אינסטינקט, צום גרעסטן טייל, פאַרוואַנדלט גע-וואָרן אין אַ וויסנשאַפטלעכן דערקענטעניש-אינסטינקט און אין אַן אָרדענונגס-גייסט. אונזער גאַנצע וויסנשאַפט איז אין גרונט נישט מער, ווי אַ פאַרזוך, וואָס דער מענטש נעמט אונטער, צו באַהערשן די וועלט דורך דער קראַפט פון זיין אינטעלעקט;

בכן, איז די וויסנשאַפט דער שטאַרקסטער גייסטיקער אויסדרוק פון דעם מענטשלעכן אויפבוי-אינסטינקט. די דערקענטעניש ווערט אָבער נאָר דורכדעם אַ וויסנשאַפט, וואָס מ'טראָגט אין איר אַריין אַ קלאָרן סדר, ד. ה. אַז זי ווערט באַאַרבעט דווקא אונטער די כּללים פון אינטעלעקט און אין נאָמען פון אַ ראַציאָנאַלער צוועקמעסיקייט. נו, וואָס איז שייך דעם געזעלשאַפטלעכן סדר, איז נאָך נישט קיין מוז, אַז די לאָגישע אָרדענונג זאָל באַטייטן דיזעלבע זאַך, וואָס דער סאָציאַליזם. פאַר דעם קלאַסישן פּאָליטיקאָ-עקאָנאָמיסט, למשל, איז דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע-שטייגער דיזעלבע זאַך, וואָס די צוועקמעסיקע איינאָרדענונג פון דער ווירטשאַפט, ווייל ער זעט דעם לעצטן צוועק פון דער ווירטשאַפט אין דער פּראָדוקציע פון וואָס מער סחורות. ס'וואָלט אַלזאָ געווען נישט ווייט אויסן וועג, אַז אַזאַ עקאָנאָמיסט זאָל באַקומען די איבערצייגונג — ווי דאָס טוען שוין אַ סך ווייט-זעענדיקע עקאָנאָמיסטן היינט-צו-טאָג, — אַז דער קאַפּיטאַליזם האָט די טבע נישט נאָר צו באַשאַפן מאַטעריעלע גיטער, נאָר אויך זיי צו פאַרשווענדן. ווי די מעשה זאָל נישט זיין, וו דער געזעלשאַפטלעכער שוץ-אינסטינקט גייט אַריבער אין דער איבערצייגונג, אַז די לאָגישע אָרגאַניזירונג פון דער געזעלשאַפט האָט דעם צוועק צו ברענגען גליק און פרייהייט פאַר דעם מענטשן, דאָרט דינט אינדעראמתן דער וויסנשאַפטלעך-ראַציאָנאַלער מאָטיוו דעם סאָציאַליסטישן צוועק. פון שטענדיק אָן האָבן אַ סך געלערנטע אָנגעצייכנט סאָציאַליסטישע ראַציאָנאַל-אויפגעבויטע אוטאָפּיעס. דער געדאַנקענגאַנג פון אַזעלכע וויסנשאַפטס-לייט פון פאַרשיידענע געביטן (בדרך כּלל אָבער פון דעם עקזאַקטן געביט, פון די ריין-פאָרמעלע וויסנשאַפטן, ווי אַ שטייגער מאַטעמאַטיק אָדער לאָגיק), פלעגט זייער גוט פּאַסן פאַר אָט דעם צוועק: צו שאַפן אַ לאָגישע קאָנסטרוקציע מכּח אַ סאָציאַליסטישן סדר. ביז דער סאָציאַליזם איז געוואָרן אַ פּראַקטישע מאַסן-באַוועגונג, און געוואָרן איז ער דאָס צווישן די מאַסן בלויז אַ דאַנק דער צוציאונגס-קראַפט פון דעם שטאַרק-באַטאָנטן עטישן געפילס-עלעמענט, איז דערדאָזיקער גייסטיק-קאָנסטרוקטיווער מאָטיוו געווען די הויפּט-טרייב-פרוזשינע ביי אַלע גרוי-

סע סאָציאַלע אוטאָפּיסטן. זייער ציל איז געווען אַ צוועקמע־סיקע איינאָרדענונג פון דער מלוכה, אָבער נישט די גערעכטי־קייט. מיט אַנדערע ווערטער: פאַר זיי איז די גערעכטיקייט געווען נישט מער ווי צוועקמעסיקייט. שטאָטס־לייט זענען אין יענער צייט געוואָרן סאָציאַליסטן, בעת היינט ווערן סאָציאַליסטן שטאָטס־לייט. נו, אויב היינט איז דער וויסנשאַפטלעך־ראַציאָנאַלער מאָטיוו פאָרט שוין מער נישט אין אַזאַ הערשנדיקער פּאָזיציע, ווי אַמאָל, איז אָבער אַ פאַקט, אַז ער שפּילט פונדעסטוועגן אַ היפּשע ראָלע אין לעבן.

יענער אינסטינקט, וואָס די אָדער יענע עקאָנאָמיסטן רופן אים אָן דער „עקאָנאָמישער אינסטינקט" ביים מענטש — דער אינסטינקט צו באַשאַפן מיט וואָס ווינציקער אַרבעט וואָס מער גיטער, — איז בעצם גאָר קיין אינסטינקט נישט. ער איז נאָר (אַזוי ווי אויך דער וויסנשאַפטלעכער מאָטיוו) אַ ראַציאָנאַליזירטע איינצל־פאָרם פון דעם אויפבוי־אינסטינקט. דיזאָזיקע פאָרם פון דעם אויפבוי־אינסטינקט קאָן נאָר געמאָלט זיין, ווי אַ פועל יוצא פון אַ באַוווסטזיין־פּראָצעס, דהיינו: דעם געדאַנקענגאַנג צו באַנעמען קלאָר די אידעע מכח דעם ווערט־קעגנשטאַנד, וועלכן מען וויל שאַפן, אָדער מכח דעם ניוועץ, וועלכן מען וויל בעת דער פּראָדוקציע איינשפּאָרן. אָט דאָס איז אין תוך דער „עקאָנאָמישער אינסטינקט". די ענגלישע פאַביאַנער (מיטגלידער פון דער ענגלישער פאַביאַן־געזעלשאַפט, וואָס שטרעבט צו אַנטוויקלען און פאַרשפּרייטן די סאָציאַליסטישע טעאָריע) האָבן אַמביציעזע, קאָן מען זאָגן, געוויזן, ווי דער מאָטיוו, וועלכן מיר באַהאַנדלען און וואָס שטרעבט, דורך אַ צוועקפולער געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע צו פאַרמיידן ניוועץ נישט בלויז פון דער אַרבעטער־קראַפט, נאָר אויך פון די ווערט־קעגנשטאַנדן בכלל, מוז סוף כל סוף פירן צום סאָציאַליזם.

צווישן די אינטעליגענטן וועלכן פון דעמדאָזיקן אויסגאַנגס־פונקט קומען צו סאָציאַליסטישע אויספירן דער עיקר אינזשינערן און efficiency experts (אָרגאַניזיר־ספּעציאַליסטן). ס'איז אַ פאַקט, אַז ווי נאָר דער אינזשינער הויבט אָן צו מעסטן די גאַנצע ווירטשאַפט און געזעלשאַפט מיט דעם מאָס־

שטאַב פון די עקאָנאָמישע און טעכנישע אָרגאַניזאַציע־פּרינ־
ציפּן, וועלכע הערשן אין זיין אייגענעם פּראָדוציר־סעקטאָר,
קומט ער צו סאָציאַליסטישע אויספירן, כאָטש ער נעמט ניש
אָן אָפּט דעמדאָזיקן נאָמען. דער אַמעריקאַנער טיילאָריסט ה.
ל. גאַנט שטעלט מיט זיך פאָר אַ טיפּישן ביישפּיל פון אַ טעכ־
ניקער, וועלכער האָט, צו זיין אייגענער פאַרוואונדערונג, אויס־
געברייטערט די אידעע פון אַ ראַציאָנעלער אָרגאַניזאַציע פון
דער פּראָדוקציע, וועלכע ער האָט צום אָנפאַנג אָנגעווענדט נאָר
צו אַן איינצלנער אונטערנעמונג, אויף דער גאַנצער אומפאַסנ־
דיקער געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע.

אַ ווייניקער ראַציאָנאַליסטישער, אָבער מער „צטיש־עפּ־
טעטישער", וואַריאַנט פון דער קאָנסטרוקטיווער איינשטעלונג
שווימט אַרויס פון דער אָנווענדונג פון דעם קאָנסטרוקטיוון
אינסטינקט צו דער נאַציאָנאַלער געמיינשאַפט, וועלכע ווערט
באַלד אויסגעברייטערט אין באַגריף פון אַ סאָציאַלע געמיינ־
שאַפט. אַ סך אַזעלכע ביישפּילן געפינען מיר צווישן די קול־
טורעלע שיכטן פון די נאָרוואָס אויפגעשטאַנענע פעלקער, אָדער
פון די, וועלכע זענען צוריק אויפגעוואַכט געוואָרן אַדאַנק זייער
נאַציאָנאַלן געפיל, וועמעס אונטערדריקונגס־געפיל ווערט באַ־
גלייט דורך אַ לעבהאַפט באַוווסטזיין פון זייער אייגענעם קול־
טורעלן כאַראַקטער. כדי דאָסדאָזיקע געפיל פון נאַציאָנאַלער
געמיינשאַפט זאָל זיך פאַרטיישן אין אַ געפיל פון סאָציאַלער
געמיינשאַפט דאַרף דער אינטעלעקטועלער קאָנסטרוקטיווער אינ־
סטינקט זיין געווענדעט פון אָנפאַנג אָן מער צו אַ קולטורעלן
ציל ווי צו אַ ריין־פּאָליטישן ציל. דעריבער באַגעגנט מען די־
דאָזיקע געזינונג בפרט ביי די אינטעליגענטן, וועלכע אינטע־
רעסירן זיך מיט היסטאָרישע וויסנשאַפטן, ליטעראַטור און קונסט.
אַ צווייטער תנאי, וואָס מוז אָנוועזנהייט ווערן, איז דאָס עקזיס־
טירן פון אַ שטאַרקן סאָציאַלן שוץ־אינסטינקט. דעמאָלט נאָר
גיט זיך אָפּ דער אינטעליגענט אַ דין וחשבון, אַז דאָס רעאַלי־
זירן זיין אייגענעם קולטורעלן אידעאַל איז פאַרבונדן מיט
איבעראַנדערשן די עקזיסטענץ־תנאים פון די אַלע, וועלכע שאַפ־

די נאַציאָנאַל־קולטורעלע איינהייט, און אַלס רעזולטאַט דער־פון, אַז דער קולטורעלער פּראָגרעס פון זיין אייגן פאָלק איז נאָר אַ טייל פון דעם אוניווערסאַל־קולטורעלן אויפשטייג. די־דאָזיקע צונויפפלעכטונג פון נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע מאָטיוון, מער אָדער ווייניקער באַפאַרבט דורך אַנדערע השפעות, געפי־נען מיר ביי דער מערהייט קולטורעלע אינטעליגענטן. מיר געפינען זי אַזוי גוט ביי מאַרקסן און ענגעלסן, ווי ביי דעם רעפאָרמיסט זשאָרעס און דעם קאַטעדרע־סאָציאַליסט מאַסאַריק. דאָס איז דערפאַר, ווייל וואָס מער דער מאַרקסיסטישער סאָציאַליזם באַמיט זיך צו נעגירן דעם נאַציאָנאַלן מאָטיוו, אַלץ מער שטאַרקט זיך דער לעצטער אין דעם אונטערבאַוווסטזיין פון דעם אינטעלעקטועלן מאַרקסיסט. די פּסיכאָאַנאַליטישע ביאָגראַפיעס פון אַ גרויסע צאָל טשעכישע, פּוילישע, פלעמישע אָדער אירלענדישע סאָציאַליסטן וועלן אונז ווייזן קלאָר די פאַרשיידענע פאַזן פון שטופנווייזן איבערגאַנג פון דעם קאָנ־סטרוקטיוו־קולטורעלן מאָטיוו פון דעם נאַציאָנאַלן אויבערפלאַך אויף דעם סאָציאַלן. דער כאַראַקטעריסטישסטער פאַל, וואָס איך קען, פון דעם מין, איז פון דעם פלעמישן סאָציאַליסט אויגוסט ווערמעילען. אַליין אַ קונסט־היסטאָריקער, איז ער דער־צויגן געוואָרן פון ריינעם עסטעטיזם צום קולטורעלן נאַציאָנאַ־ליזם און פונדאַנען — צום סאָציאַליזם, נישט דאַרפנדיק קיין אַנדער זאַך ענדערן אין זיין אַלגעמיינער פּסיכישער איינשטע־לונג ווי נאָר די פאָרמול, מיט וועלכער ער האָט געפּרווט לעזן, אין מאָמענטאַנע עוואָלוציע־סטאַדיעס, דעם פּערמאַנענטן קאָנפליקט צווישן זיין אינטעלעקטועלער איינשטעלונג און דער סאָציאַלער סביבה.

אַן אַנדער וואַריאַנט פון דעם קאָנסטרוקטיוון אינסטינקט איז דאָס, וואָס איך רוף דער עוואַנגעלישער מאָטיוו. ער גייט אַריבער פון דער קאָנצענטרירונג פון דעם סאָציאַלן שוץ־אינסטינקט און פון קאָנסטרוקטיוון אינסטינקט אויף דעם אויבערפלאַך פון אַ געזונטער ראַסע. מען געפינט דאָס זייער אָפט ביי די מעדיצינער, ביאָלאָגן און היגיעניסטן, וועלכע שטעלן זיך אָפּ אויף די סאָציאַלע ליידן און

זייער ווירקונג אלס קראנקהייטס-שאפנדיקע פאקטארן. דער סאציאליזם שטעלט זיך דעריבער פאר זיי אוועק קודם כל אלס א גוט מיטל אויפצובויען א געזונטע געזעלשאפט. נו, פאר-שטייט מען שוין, אז דארט, וו דער מעדיציגישער שטאנד-פונקט דערהויבט זיך צו אן אלגעמיין-ביאלאגישן, ווערט ארויס-געשטעלט דער אידעאל פון אזא נייעם סדר, וועלכער דארף פארמיידן אלע סאציאלע אורזאכן פון די קערפערלעכע און פסיכישע יסורים, וועלכע די מענטשהייט האט די מעגלעכקייט צו באקעמפן, און וועלכער וואלט געפירט צו א נייער מענטש-הייט מיט מעגלעכסט שטארקע, פראדוקטיווע און לאנגלעבנדיקע מענער און פרויען. דעם פאפולערסטן פארטרעטער האט דער-דאזיקער טיפ פון א סאציאליסטישן אידעאלאג געפונען, קאן מען זאגן, אין דעם ענגלישן שריפטשטעלער ה. ג. וועלס, וועמעס געדאנקענגאנג איז זייער שטארק באאיינפלוסט פון זיין „ביאלאגישער" בילדונג.

אן אייגנארטיקן מין פון אט דער מאטיווירונג שטעלן מיט זיך פאר אייניקע אמעריקאנישע אגהענגער פון דער אינסטינקט-פסיכאלאגיע. פאר זיי איז דער סאציאליזם קודם כל א מיטל צו פארדרענגען דעם אלמעכטיקן דעמאראליזירנדיקן אינסטינקט פון מורא (וועלכער איז היינט-צו-טאג דער טרע-גער פון דעם עקאנאמישן ארבעטס-מאטיוו און פון דעם פא-ליטיש-בירגערלעכן מלוכה-מאטיוו) דורך א פאזיטיוון, פאר-איידלענדיקן אויפבוי-אינסטינקט.

פונקט אזוי ווייניק, ווי ס'איז נישטא קיין סאציאליסטישע לערע, וועלכע איז נישט געבארן געווארן פון א אוטאפישן צוקונפטס-בילד, איז אויך נישטא קיין סאציאלע אוטאפיע, וועלכע זאל נישט זיין קיין פועל יוצא פון א גייסטיקן מא-טיוו, וועלכער שטויסט זיך אן אויף די אדער יענע סאציאל-פסיכישע מניעות. אין אט דעם זין איז יעדער סאציאליזם אין גרונט א אינטעליגענטן-סאציאליזם. די עמאציאנעלע נייגונג, די נטיה צו יושר, רעכט און אמת וועט אליין אבער זייער זעלטן שאפן א טעאריע. אין א טעאריע פון סאציאליזם זענען אויפגעפארט די שעפערישע פאנטאזיע, וואס שטעלט ארויס לגבי דער ווירקלעכער וועלט א נייע מעגלעכע וועלט אויף אן

אידעאַלן יסוד, מיט אַ באַשטימטע קראַפט פון אַ קריטישן און אָרדענונג-אַריינפירנדיקן פאַרשטאַנד. דער לעצטער דאַרף שאַפן אַ פאַרהעלטעניש צווישן דעם פאַרלאַנג און דער ווירקלעכקייט, צוריקפירנדיק דאָס אידעאַלע בילד צו זיינע אַקטועלע באַדינגונגען, כּדי אויף אַזאַ אופן אָנצוצייכענען דעם ווילן צו פאַרווירקלעכונג אַ מעגלעכע ריכטונג. דערפאַר איז טאַקע יעדער אָריגינעלער סאָציאַליסטישער דענקער גלייכצייטיק אַן אוטאָפּיסט און אַ סאָציאָלאָגיע-טעאָרעטיקער.

אַזוי קומט-צו אַ נייער פאַרשיידענער עלעמענט צו דער גרויסער צאָל פון עמאָציאָנעלע מאָטיוון, וועלכע קאָנען לענקען דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק: דאָס איז די אינדיווידועלע נאַטור פון פּראָצעס פון אינטעלעקטועלער רעכטפאַרטיקונג. די פילפאָרמיקייט פון סאָציאַליסטישן געדאַנק איז, ווי מיר זעען, ווייט פון צו זיין אַ שוואַכקייט-סימן; מ׳וואָלט געקאָנט, קאַפּויער, אָנווענדן דאָ מחמדס ווערטל, אַז די מיינונגס-פאַרשיידנהייטן צווישן זיינע גלויביקע איז אַ צייכן פון געטלעכן חסד. טאַקע די גרויסע צאָל פון די אינטעלעקטועלע פאָרמען, אונטער וועלכע עס מאַניפעסטירט זיך דער בונט פון דעם מענטשנס סאָציאַלע אינסטינקטן קעגן דעם קאַפּיטאַליזם, שפּייזט דעם מעכטיקן שטראָם, וועלכער פליסט אונטער דער אייביקער שטרעבונג צו סאָציאַלן יושר.

VII

די אינטעליגענץ און די מלוכה.

„די אנערקענט צו ווערן, מוז מען ווירקן און נוצן.

געטע.

ס'איז א משונהדיקער פאקט, אז דער מארקסיזם, וועלכער, ווי יעדע סאָציאַליסטישע לערע, איז תחילת געווען נישט מער, ווי אַן ענין פאַר אינטעליגענטן, מאַכט זיך נישט-וויסנדיק, אין זיין שילדערונג פון דער געזעלשאַפט, אַז ס'איז פאַראַן אין דער וועלט די אינטעליגענץ. און דאָך איז אָט דער קלאַס, די „געבילדעטע", אין געזעלשאַפטלעכן זין פונקט אזא כאַראַקטעריסטישער און באַדייטנדיקער פראָדוקט פון דער אינדוסטריעלער עפּאָכע, ווי דער פּראָלעטאַריאַט גופא. ער איז אַ כאַראַקטעריסטישער פּראָדוקט, ווייל ערשט אין קאַפּיטאַליזם איז די פאַנאַנדערשיידונג פון קאָפּ-אַרבעט און האַנט-אַרבעט געוואָרן אַ כלל פון דעם ווירטשאַפטלעכן לעבן. דאָס איז געוואָרן אַ באַדייטנדיקער פועל יוצא פון דער עקאָנאָמיק, ווייל דורך אָט דעם פאַקט איז אַנטשטאַנען אַ קלאַס, וועמעס דענק-אופן דריקט אַרויף זיין אָפּשטעמפּלונג אויפן גאַנצן אינהאַלט פון דער מאָדערנער קולטור, וועלכער גיט דער מלוכה און דער ווירטשאַפט דעם אָנפירנדיקן פּערסאָנאַל און איז בעצם, דורך אָט די אומשטענדן, די רעגירנדיקע גרופּע פון דער סאָציאַלער וועלט.

די מאַרקסיסטישע סאָציאָלאָגיע מאַכט זיך דעם עסק צו-פּשוט און לייכט, בעת זי שטעלט אַוועק אַ גלייכקייטס-צייכן

צווישן דער ווירטשאַפטלעכער קאַטעגאָריע „קאַפּיטאַליזם" פֿון איין זייט און דער געזעלשאַפטלעכער קאַטעגאָריע „בורזשואַזיע" פֿון דער צווייטער זייט. אמת, דער קאַפּיטאַליזם באַהערשט די אינדוסטריאַליזירטע ווירטשאַפֿט, אָבער דער פּרינציפּ מכח אַ געזעלשאַפֿטלעך-הערשנדיקן קלאַס (גראָד אין דעם זינען פֿון אַ פֿאַקטאָר, וועלכער באַשטימט די קולטור, און אָט דעם זין האָט דער פּרינציפּ אויך ביי מאַרקס און ביי ענגעלסן), אַנטהאַלט אין זיך עפּעס גאָר אַן אַנדער זאַך, ווי נאָר די מאַכט פֿון דעם קאַפּיטאַליסט אין דער פּראָדוקציע.

ביי דער שילדערונג פֿון דער אַרבעטער-פּסיכאָלאָגיע אין דעם פֿריערדיקן טייל פֿון דעמדאָזיקן בוך איז גענוג געווען אָנצווענדן דעם זאַמל-אויסדרוק „בורזשואַזיע" אין אַלגעמיינעם זינען בנוגע צו אַלע נישט-פּראָלעטאַרישע, פֿאַרמעגלעכע קלאַסן. די שפּראַך-געוווינהייטן, וועלכע מישן צונויף די באַגריפֿן: אונטערנעמערטום, קאַפּיטאַליסטן-קלאַס, בורזשואַזיע, ווירטשאַפֿטלעך-זעלבשטענדיק-הערשנדיקע קלאַסן וכדומה, אַנטשפּרעכן דער סאָציאַל-פּסיכאָלאָגישער נטיה פֿון די מאַסן, צונויפֿצונעמען אין איין טיפּ אַלץ, וואָס איז זיי פֿרעמד און פֿאַרהאַסט. אַ רעדנער אויף אַ פֿאָלקס-פֿאַרזאַמלונג קאָן שטענדיק זיכער זיין מיט זיין דערפֿאָלג, אויב אין איינקלאַנג מיט דערדאָזיקער נטיה וועט ער נאָר פֿאַלן אויף דער המצאה, אַרויסצושטעלן אַ פֿאַרוויקלטע פֿראַגע אין אַזאַ ליכט, אַז דער גאַנצער אַפֿעקט פֿון דער מאַסע קאָן זיך אויסגיסן אויף וועלכן ס'איז סימבאָלישן קעגנשטאַנד, נישט קיין אונטערשייד, צי דאָס איז דער אונטערנעמער אַלס עקספּלואַטאַטאָר, אָדער דאָס איז „אַ רעאַקציאָנערע מאַסע", אויב אויף דער טאָג-אָרדענונג שטייט אַ ריין-פּאָליטיש פּראָבלעם.

די באַשרייבנדיקע סאָציאָלאָגיע קאָן זיך בשום אופֿן נישט באַנוגענען מיט אַזאַ פּרימיטיווער איינטיילונג. די קאָנקרעטע פֿאַקטן, מיט וועלכע זי האָט צו טאָן, זענען צו-שטאַרק קאָמפּליצירט און פֿאַרענדערלעך, אַז ס'זאָל זיך לאָזן עפּעס וואָס אָנהויבן צו מאַכן מיט דעם באַגריף מכח א י י ן - א י י נ צ י ק ן הערשנדיקן קלאַס. די עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און קולטורעלע פֿונקציעס פֿונם געזעלשאַפֿטלעכן לעבן זענען אַזוי

פֿאָלקאָם פֿאַרשיידנאַרטיק אין דער היינטיקער עפּאָכע פֿון אָר־
בעטס־פֿאַרטיילונג. אַז מ׳קאָן נישט פֿאַרשטיין די פֿאַרוויקלטע
אָרגאַנישע פֿונקציע פֿון אַ מלוכה נאָר מיט דער הילף פֿון
אַ ריין־עקאָנאָמישער קאַטעגאָריע, ווי ס׳איז דער קאַפּיטאַליזם,
די בורזשואַזיע, וועלכע מיר האָבן באַשריבן אַלס גרזעלשאַפֿטלעך־
באַהערשנדיקן קלאַס, דערפֿאַר ווייל איר מאַכט שטעלט פֿאַר
מיט זיך אַ משל פֿאַר אַלעמענס נאָכמאַכונגס־אינסטינקט, נעמט אַרום
אַ סך מער ווי נאָר די אינדוסטריעלע אונטערנעמערישקייט.
בפֿרט איז פֿאַלש דאָס גלייכשטעלן פֿון דער עקאָנאָמישער
מאַכט פֿון קאַפּיטאַליזם מיט דער מאַכט פֿון דער מלוכה, דאָס
וואָס האָט געליפֿערט ממשותדיקע שוועריקייטן די פֿרוון פֿון
פֿיל סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין דעם אָנווענדן פֿון זייערע
פּאָליטישע טעאָריעס אין דער נייער ווירקלעכקייט פֿון דער
נאָך־מלחמה־צייט.

וויבאַלד מען וויל פֿאַרשטיין די ווירקלעכקייט, דאַרף מען
אַרויסגיין פֿון דעם פּשוטן אמת, אַז יענער קלאַס הערשט פּאָ־
ליטיש, וועמעס מיטגלידער דערפֿילן די פֿונקציעס פֿון פּאָלי־
טישער הערשאַפֿט, ד. ה. אין דער ערשטער ריי די פֿונקציעס
פֿון דער מלוכה, אַדמיניסטראַציע און פֿון די לאָקאַלע פֿאַרוואַל־
טונגען, פֿון דער פּאַרטייען־אָנפֿירונג און פֿון דער פּרעסע אַלס
אָרגאַן פֿון דער עפֿנטלעכער מיינונג. פֿון דעם מאָמענט, ווען
מיר נעמען־אָן דידאָזיקע דעפֿיניציע, איז שוין מער נישט אָנגענעמבאַר
דער באַגריף „קאַפּיטאַליסטישער קלאַס״, וואָס שטאַמט פֿון קאַ־
פּיטאַליסטישער אָרגאַניזאַציע פֿון דער פּראָדוקציע. אינדעראמתן
ווערן דאָך די אויבן־אויסגערעכנטע פֿונקציעס נישט אויסגעאיבט
דורך די קאַפּיטאַליסטן, ד. ה. דורך די אונטערנעמער, באַנקירן,
גרויסע סוחרים, ערד־באַזיצער א. א. וו., נאָר דורך דער אינ־
טעליגענץ. די קאַפּיטאַליסטן האָבן בדרך־כּלל קיין צייט נישט
זיך צו פֿאַרנעמען מיט פּאָליטישע עסקים. זיי זענען צופֿיל
אַריינגעטאָן אין זייערע אייגענע געשעפֿטן. אַז זיי זאָלן קאָנען
זיך אָפּגעבן מיט עפֿנטלעכע ענינים מער ווי דרך־אַגבדיק. די מלוכה
און די עפֿנטלעכע מיינונג זענען נישט אַזוי „זייער־

זאַך, ווי זיי זענען דערוויילּ די זאַך פון דער אַרבעטערשאַפט אין איר גאַנצער מאַסע.

די מלוכה איז טאַקע דאָך עפּעס אַנדערש, ווי נאָר דער פאַרוואַלטונגס-קאָמיטעט אין די אינטערעסן פון די עקאָנאָמיש-הערשנדיקע קלאַסן. די פאַרוואַלטונג פון דידאָזיקע אינטערעסן פירן אויס די גרויסע באַנקן, די אינדוסטריע-קאָנצערנען, די אונטערנעמער-פאַרבאַנדן, די לאַנדווירטשאַפטס-קאָנצערנען און די האַנדלס-קאַמערן א. א. וו. אין זיי פאַרקערפּערן זיך די „אינדוסטריע", „האַנדל", די „לאַנדווירטשאַפט", די „ווירטשאַפט" בכלל. די מלוכה קאָן זייער איינפלוס נישט איגנאָרירן שוין פשוט צוליב דעם, וואָס זיי זענען אַ טייל פון דער געזעל-שאַפטלעכער מיינונג און האָבן אין זייער רשות אַ זייער היפשן חלק פון די פרעסע-אָרגאַנען, דורך וועלכע דידאָזיקע מיינונג קומט צום אויסדרוק. אָבער דאָס, וואָס די מלוכה וויל שטיין אונטער דעמדאָזיקן איינפלוס, באַווייזט טאַקע, אַז מ'קאָן נישט אַהעקשטעלן, ווי איינס און דאָסזעלבע, די צוויי באַגריפן: קאַפּיטאַל-הערשאַפט און מלוכה און אַז די מלוכה שטעלט מיט זיך פאָר אַ סאָציאָלאָגישע דערשיינונג פאַר זיך גופא.

די מלוכה איז נישט קיין אויסשליסלעכער יוריסטישער באַגריף און אירע פונקציעס שעפּן זיך נישט אויס אין דער געזעצגעבונג. וואָלט דאָס געווען אַזוי, דעמאָלט וואָלט דער ווילן, וואָס קומט צום אויסדרוק אין אַ פאַרלאַמענטאַרישער מערהייט, געווען אידענטיש מיט דעם ווילן פון דער מלוכה. נאָר אַ זייער פרימיטיוו-דעמאָקראַטישער גלויבן קאָן משער זיין, אַז די פאַרווירקלעכונג פון דעם פאָלקס-ווילן איז אָט אַזאַ פשוטער פּראָצעס. כמעט אין אַלע לענדער זענען דאָ סאָציאַליסטישע מיניסטאָרן אָדער געוועזענע מיניסטאָרן, וועלכע האָבן דורך זייער אייגענער פּאָליטיק דערגאַנגען דעם סוד, אַז ס'איז אַ סך לייכטער צו מאַכן געזעצן מיט דער הילף פון אַ פאַרלאַמענטאַרישער מערהייט, ווי צו רעגירן אויפן יסוד פון אָט דידאָזיקע געשריבענע געזעצן. די באַציאונג צווישן געזעצגעבונג און מלוכה איז נישט קיין איינזייטיקע, וואָס דאָס מיינט, למשל, אַז די מערהייט פירט פשוט אויס איר ווילן דורך דער מלוכה. ווער עס נעמט אָנטייל אין דעם מלוכה-לעבן, ווי

אַ שטייגער די פּאַרלאַמענט-דעפּוטאַטן, ווערט גאָר אָפּט באַהערשט דורך דער שליטה פונם מלוכה-ווילן גופא. און דאָס, וואָס קומט סוף כּל סוף אַרויס פון דעם פּאַרלאַמענטאַרישן „פאָלקס-ווילן", איז אין דעם בעסטן פאַל אַ פּשרה, אַ פּועל יוצא פון אַ פּאַראַלעלאָגראַם פון כּחות, און בעת מעשה געהער די סאַמע באַדייטנדיקע קראַפט (זאָל דאָס זיין אַפילו אַ קראַפט פון אינערציע) די באַאַמטע און נישט קיין אַנדערן סאָציאַלן שיכט. די מלוכה איז אַ זעלבשטענדיקער אָרגאַניזם, זי האָט אַן אייגענעם ווילן, ווייל סוף כּל סוף באַשטייט זי דאָך פון מענטשן.

די מלוכה — דאָס זענען מענטשן. מיינען מיין איך נישט דערמיט דעם אַבסטראַקטן באַגריף מכּח די מלוכה-בירגער סתּם, נאָר אין אַן אַבסאָלוט-קאָנקרעטן זין די אַלע, וואָס זייער פּראָפעסיע איז די אַרבעט פאַר דער מלוכה. בעת איך טראַכט וועגן דער מלוכה, זע איך פאַר זיך פּערזאָנען, מענטשן פון בלוט און פלייש: באַאַמטע, פּאָליטיקער, ריכטער און יענע מענטשן-מאַסע, אָנגעטאָענע אין מונדירן — די סאָלדאַטן, פּאָליציאַנטן, בריפטרעגער, געריכטס-אַגענטן, אייזנבאַן-באַאַמטע, טורמע-שומרים א. א. וו. — וואָס דינען דער מלוכה און באַקומען פון איר דערפאַר אַ זיכערע עקזיסטענץ און אַן אָפּגלאַנץ פון איר אַלמעכטיקייט. איך ווייס, אַז דוקא די דייטשן וועלן זיין אומצופרידן מיט דערדאָזיקער טעאָריע מיינער מכּח דער מלוכה, אַלס איינער פון אַ סך טיפּן אָרגאַניזאַציעס, אַ פאַרבאַנד צווישן אַ סך פאַרבאַנדן מיט קאָנקרעטע פּראַקטישע צילן: פאַר דעם אוניווערזיטעטס-פּראָפעסאָר, פּונקט ווי דעם סאָציאַל-דעמאָקראַטישן אַרבעטער, איז די מלוכה אַ העכערס, אין די הימלען טראָגנדיק וועזן, וועמעס באַפעלן דער מענטש מוז פאָלגן און וועלכן ער מוז זיך מקריב זיין. איך, פון מיין זייט, קאָן נישט דערבליקן אַפילו אין דער העכסטער פונקציע פון דער מלוכה, דהיינו: אין דער געזעצגעבונג און יוסטיץ, עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל זי באַפרייען פון דער ערדישער אומפולקאָמענהייט און באַשרענקטקייט, וועלכע ליגן בטבע אין יעדן מין מענטשלעכער שאַפונג; און באַזונדערס קאָן איך נישט בלייבן גלייכגילטיק אין פרעמד צו דער אָנשויאונג, אַז די מלוכה באַשטייט אין

גרונט פון די מענטשן, וועלכע פאַרווירקלעכן אין דער מלוכה זייערע אייגענע עקזיסטענץ-צילן.

די פונקציע פון דער מלוכה ווערט אויסגעפירט נישט אין דעם פּראָדוקציע-פּראָצעס גופא, נאָר אויף דעם געביט פון פיל ברייטערע רעכט-פּאָליטישע באַציאונגען. באַטראַכט מען די מלוכה פון דער זייט פון דעם פּראָדוקציע-פּראָצעס — סיי פון דעם שטאַנדפּונקט פונם קאַפּיטאַליסט, סיי פונם שטאַנדפּונקט פון דעם אַרבעטער, — דערשיינט זי אין עצם, ווי א זייטיקע מאַכט, וואָס מישט זיך אַריין נאָר אין אויסנאַמס-פאַלן, און קאָן דירעקט באַאיינפלוסט ווערן אויך נאָר אין אויסנאַמס-פאַלן. דער ווילן, וואָס זעצט זיך דורך אין דער פּאָליטיק און אַדמיניסטראַציע, אַלס דער ווילן פון דער מלוכה, איז נישט דער-זעלביקער ווילן, ווי דער דראַנג פון דעם קאַפּיטאַליסט צום אומבאַגרענעצטן פּראָפיט, א ווילן, וואָס שטרעבט דורכצוזעצן זיך אין דעם עקאָנאָמישן לעבן. דער ווילן פון דער מלוכה איז דער געמיינזאַמער פועל יוצא פון די ווילנס פון אַלע מענטשן, וואָס נעמען א שטענדיקן אַנטייל אין דעם גורל פון דער מלוכה; דאָס זענען באַאַמטע, פּראָלעטאַריער, זשורנאַליסטן, אָבער נישט די אונטערנעמער, נישט די קאַפּיטאַליסטן. און פּונקט אַזוי זענען דאָס נישט די פּראָלעטאַריער. די אידענטיפיצירונג פון דער מלוכה מיט דער פּראָלעטאַרישער קלאַסן-הערשאַפט — אַלס א פאָדערונג, ווי ס'איז אין דייטשלאַנד, אָדער אַלס א כלומרשדיקע ווירקלעכקייט, ווי אין רוסלאַנד — איז פּונקט אַזא פאַנטאַזיע, ווי די אידענטיפיצירונג פון מלוכה מיט א קאַפּיטאַליסטישער קלאַסן-הערשאַפט אין דער מאַרקסיסטישער טעאָריע. ביידע קלאַסן-באַגריפן באַזירן זיך אויף סימנים, וועלכע שטאַמען פון די פּאָזיציעס אין דעם פּראָדוקציע-פּראָצעס; זיי לאָזן זיך נישט איבערטראָגן אויף אַנדערע פונקציעס פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן. א פּאָליטישע דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט איז אן אומזין פשוט אויס דעם גרונט אַליין, ווייל דיקטאַטור באַטייט די הערשאַפט פון איין-איינציקן דיקטאַטאָר און נישט פון א מיליאָנען-קעפּיקער, משונהדיקער בריה. אונטער דער אַזוי-גערופענער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור איז דער פּראָלעטאַריער פּונקט אַזוי אן אָביעקט, א ווערקצייג פון

דער פּאָליטיק, ווי דער קאַפּיטאַליסט איז אַן אָביעקט אין דער מלוכה, וועלכע דער מאַרקסיזם באַצייכנט נאָר אַלס „פאַרוואַל־טונגס־קאָמיטעט" פון די קאַפּיטאַליסטישע קלאַסן. אויך דער פּראָלעטאַריער האָט נישט קיין צייט צו רעגירן טאַקע און פשוט דערפאַר, ווייל ער איז א פּראָלעטאַריער. מען קאָן נישט בייטאָג שטיין אין דעם וואַרשטאַט און אין אָוונט פאַרוואַלטן מיט דער מלוכה: פּאָליטיק איז נישט קיין איבערשטונדן־אַרבעט, זי איז א הויפּט־פאַך פון ספּעציאַליסטן, אַן עסק פאַר מומחים.

אמת, סוגדעסטוועגן זענען דאָ סיי קאַפּיטאַליסטן, סיי פּראָלעטאַריער, וואָס באַקומען יאָ פּאָליטישע אַמטן אין די געווײלטע קערפּערשאַפטן, אָדער פאַרוואַלטונגען. אָבער זיי קאָנען אויך די־אָזיקע אַמטן שאַפן עפּעס ווירקטיקס נאָר דעמאָלט, ווען זיי אַרבעטן דאָרט אַלס פאַכאָווע באַאַמטע; ווי שטאַרק דער פּראָלעטאַרישער קלאַסן־אינטערעס זאָל נישט באַאיינפלוסן זייער גייסטיקע שטעלונג, אָבער פון דעם מאָמענט אָן, ווען זיי ווערן פּאַרלאַמענטאַריער, אָדער באַאַמטע, הערן זיי אויף צו זיין פּראָלעטאַריער. זיי באַהעפטן זיך מיט דעם קלאַס, וואָס זיינע מיטגלידער פירן אָן מיט די פונקציעס פון דער מלוכה־פּאָליטיק. זיי ווערן אינטעליגענטן, און צוזאַמען מיט א „גייסטיקן" באַרוף נעמען זיי אויך גלייך אָן, אין זייער האַלטונג און זייער שטייגער דענקען, אין זייער באַגיין זיך מיט מענטשן, אפילו אין זייער קליידונג און דעם אויסערלעכן לעבנס־שטייגער זייערן, די סימנים פון זייער קלאַסן־לאַגע. ווען נאָך דער רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד איז אַן אַמאָליקער זאָטלער־געזעל געוואָרן א פּרעזידענט, איז דאָס געווען נישט אזוי דער חוקס אין דער ווירקונג פון די זאָטלער ביי די אינטעליגענטן, ווי דער איינפלוס־געווינס פון די אינטעליגענטן ביי די זאָטלער.

די אויסדרוקן „גייסטיקע פּראָפעסיע", „אינטעליגענט", א. א. וו. דאַרף מען נישט פאַרשטיין אין דעם זין, אַז מיט זיי מוז כלומרשט פאַרבונדן זיין אַ העכערע שאַצונג פונם גייסט, וואָס דאָס איז אַ גרונט־תּנאַי פאַר דערדאָזיקער אַרבעטס־לייסטונג. זיי באַצייכענען בלויז אַזאַ מין אַרבעט, וואָס פאַרלאַנגט

נישט קיין פיזישע קראַפט, אָדער וואָס פאַרלאַנגט הויפּטזעכלעך גייסטיקע כּחות, וואָס קאָנען זיך אויסווירקן נאָר אויפן גרונט פון די פריער דערוואָרבענע באַזונדערע קענטעניש און פון אינטערעסירן זיך מיט גייסטיקע ענינים. דער אינטעליגענט איז דערפאַר גאָרנישט קליגער אָדער געבילדעטער, ווי, למשל, דער ארבעטער, אָדער דער פּויער; ער באַנוצט נאָר זיין גייסטיקע קראַפט אויף אַן אַנדער אופן, און די קענטעניש, וועלכע ער געברויכט פאַר אָט דעם צוועק, האָבן צוליב דעם אַנדערן צוועק אויך אַן אַנדער כאַראַקטער.

אין דער פּאָליטיק איז נישטאָ קיין שום רעגלמעסיקע באַשעפטיקונג, וואָס זאָל נישט פאַרלאַנגען פאַר זיך באַזונדערע פּראָפעסיאָנעלע ספּעציאַליזירונג. אַלע וויכטיקע פּאָליטישע לייסטונגען — צי דאָס האַנדלט זיך וועגן דער דורכפירונג פון אַן אַדמיניסטראַטיוון פאַרוואַלטונגס-שריט, צי מכח אַ צוגרייטונג פון אַ פּרעסע-קאָמפּאַניע, צי מכח דער פּאָזיציע פון אַ פּאַרלאַמענטס-פראַקציע — דאָס אַלץ איז אַן ארבעט פון פאַכמאָנישע ספּעציאַליסטן. פּאָליטיק — און טאַקע גראָד אין דער היינטיקער דעמאָקראַטיע — איז נאָר אין אַ זייער אומדירעקטן זינען אַ פאָלקס-ענין, אַ ענין, מיט וועלכן אַלע זענען זיך מתעסק; ד. ה. הויפּטזעכלעך איז פּאָליטיק אַן ענין פון די פּאָליטיקער. אָבער דידאָזיקע ספּעציאַליסטן געהערן אַלע, לויט דער נאַטור פון זייער טעטיקייט און לויט די קענטעניש, וואָס זענען דערצו נויטיק, צו די גייסטיקע פּראָפעסיעס. אָט אַזוי איז די מלוכה, אַלס אַ מעכאַניזם, אָפּגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון דער אינטעליגענץ. דאָס איז אַ פּראָצעס, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און וואָס זיין זינען איז באַשטאַנען קודם כּל אין דעם פאַרזוך מצד די געבילדעטע קלאַסן צו פאַרכאַפּן די מלוכה. דער אויסגאַנגס-פּונקט און דער סימבאָל פון דעמאָזיקן פּראָצעס איז די מלוכהשע מאָנאָפּאָליזירונג פון דעם גאַנצן בילדונגס-וועזן, וואָס איז טאַקע געוואָרן איינגעפירט ערשט דורך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און וואָס איז אייגנטלעך דאָס מיטל, אַ דאַנק וועלכן די אינטעליגענץ גייט נישט אונטער במשך פון דורות און לעבט כּסדר, אַלס אַ באַזונדערע

סאָציאַלע גר. פּצ. קיין איינציקער סאָציאַלער קלאַס האָט אַזוי ענג נישט פֿאַרבונדן זיין שיקזאַל מיטן שיקזאַל פֿון דער מלוכה, ווי דאָס האָבן געטאָן די אינטעליגענטן: פֿון אירע אוניווער-סיטעטן באַקומען זיי זייערע דיפּלאָמען: דער אַדוואָקאַט, דער דאָקטאָר, דער גייסטלעכער זענען אָפּהענגיק פֿון דער מלוכהס חתימה און שטעמפּל, אום צו פֿאַרנעמען זיך מיט זייער פּראָ-פֿעסיע; פֿאַר דעם זשורנאַליסט זענען די מלוכה-אָנגעלעגנהייטן דער מאַטעריאַל פֿון זיין פֿאַך; דער לערער ווערט אויסגע-האַלטן פֿון דער מלוכה, דער קינסטלער, דער ליטעראַט און דער שוישפּילער געפֿינען אין איר זייער באַשיצער און העל-פֿער; און ענדלעך איז פֿאַר דעם גרויסן וואַקסנדיקן טייל פֿון דער אַקאַדעמישער און נישט-אַקאַדעמישער אינטעליגענץ די באַאַמטן-שטעלע געוואָרן אַ דערגרייכטער און הייס-באַגערטער ציל.

די אַלע באַוועגונגען, וועלכע קריסטאַליזירן זיך אויס אין פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציעס, זענען ענלעך צו דער מלוכה אויף אַזוי-פֿיל, נעמלעך, אויף וויפֿל זייערע הויפּט-פֿונקציעס ווערן אָנ-גענין פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע ספּעציאַליסטן, וועלכע אָדער זיי קומען אַרויס פֿון דער אינטעליגענץ, אָדער גייען צו איר אַריבער. אויך אין יענע פּאַרטייען, וואָס האַלטן אַמהעכסטן די פּרינציפּן פֿון דער דעמאָקראַטיע — די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, למשל — הערט אויף דורכדעם זייער דעמאָקראַטישע קאָנסטי-טוציע צו זיין אַ סיסטעם, אין וועלכן אַלע מענטשן האָבן אַ דעה איבער די ענינים פֿון כּלל אין דעם פּשוטן זינען פֿון די גריכישע אָדער אַלט-גערמאַנישע דעמאָקראַטיעס. דאָס פּראָב-לעם „מאַסע און פֿירער" אין איר היינטיקער פֿאָרם קאָן מען פֿאַרשטיין נאָר אין ליכט פֿון דער סאָציאַל-פּסיכאָלאָגיע. אַ נייע געזעלשאַפֿטלעכע שיכט, מ׳קאָן אַפֿילו זאָגן אין סאָציאָ-לאָגישן זינען, אַ נייע קלאַסן-גרופּירונג, אַנטשטייט פֿון דער פּראָפֿעסיאָנעלער ספּעציאַליזירונג אין די עיקרדיקע פֿונקציעס פֿון די פּאָליטישע פּאַרטייען. אויך דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער דעפּוטאַט אָדער זשורנאַליסט איז פֿון פּראָפֿעסיע-פּסיכאָלאָגישן און סאָציאָלאָגישן שטאַנדפּונקט אַלץ מער און מער ענלעך צו זיין „פֿאַך-קאָלעגע" פֿון אַנדערע פּאַרטייען, און תּמיד ווייניקער

ענלעך צו זיין פּאַרטיי-חבר, וואָס געהער נישט צו דער אינטעליגענץ. אויך דאָ איז סימפּטאָמאַטיש די אויסערלעכע דערשיינונג: דער סאָציאַליסטישער דעפּוטאַט, למשל, וואַרפט זיך ווייניקער אין די אויגן, אַלס אַ באַזונדערער טיפּ אין פּאַרלאַמענט, ווי אין דער אַרבעטער-פאַרזאַמלונג, ווו ער טרעט אַרויס מיט אַ רעדע. די פאָרוווּרפן מכח דער אָנשטעקונג דורך דער בירגערלעכער סביבה אין דער פּאַרלאַמענטאַרישער אַטמאָספער, וואָס זענען געווען פּאָפּולער אין דער צייט פון דעם אַנאַרכיסטישן און סינדיקאַליסטישן אַנטי-פּאַרלאַמענטאַריזם, אָט די פאָרוווּרפן זענען אונטער די היינטיקע אומשטענדן אַ שטאַרקע נאַאיוויטעט פונם שטאַנדפּונקט פון דער באַוועגונג בכלל, און זענען פּונקט אַזאַ שטאַרקער אומרעכט לגבי די מענטשן גופא, וואָס זיי איז נוגע דער ענין. דער, וואָס וויל נישט האָבן קיין ביוראָקראַטן, זאָל נישט עפענען קיין ביוראָס; ווער ס'וויל טרייבן פּאָליטיק, קאָן זיך אָן פּאָליטיקער נישט באַגיין. די סאָציאַלע דיפערענצירונג צווישן פירער און מאַסע איז אַן אומפאַרמיידלעכער פועל יוצא פון דערדאָזיקער אַנטוויקלונג, און עס האָט קיין זינען נישט דערפון צו מאַכן אַ פאָרוווּרף די פירער.

אָבער פּונקט אַזוי אומלאָגיש איז צו מאַכן דעם אָנשטעל, אַז די פירער זענען כלומרשט גאָר קיין פירער נישט. זיי ז ע נ ע ן פירער, און זיי מוזן דאָס זיין צוליב זייער פונקציע. ס'איז ממש אַ פיקציע צו זען אין זיי נאָר די פאַרטרעטער פונם ווילן פון די פּאַרטיי-חברים אָדער פון די וויילער. צווישן דער מאַסן-שטימונג, פון איין זייט, און דער פירערשאַפט, פון דער צווייטער זייט, איז פאַראַן אַ קעגנזייטיקע באַאיינפלוסונג. דערביי צייכענען אָן די מאַסן-אינטערעסן גופא, דורך דעם אופן פון די עמאָציאָנעלע רעאַקציעס ביי די מאַסן לגבי די גרויסע געשעענישן (מלחמה א. א. וו.), יענע גרענעצן, אין די ראַמען פון וועלכע די פירער — די פּאַרטיי-אינסטאַנצן, פּאַרלאַמענטס-פראַקציעס, רעדאַקציעס — קאָנען זיך אַנטשיידן פאַר דער אָדער יענער פּאָליטישער ליניע און בעת מעשה דאָך נישט פאַרלירן די הסכמה פון די מאַסן, וועלכע איז נויטיק, כדי זייער איינפלוס אין דער באַוועגונג זאָל זיך נישט אָפּ-

פאַנגען צו וואַקלען. דידאָזיקע גרענעצן זענען אָבער שטאַרק עלאַסטיש. שטאַמען, שטאַמען זיי פון אַ גאַנצע ריי טראַדיציעס און באַגריפן מכּח דער טאַקטיק און פּראָגראַמאַטיק פון דער סאָציאַליסטישער פּאָליטיק, וואָס זענען אַריבער בירושה פון די גרינדער און קלאַסיקער פון דער מאָדערנער אַרבעטער-באַוועגונג. און דאָך טראָגט אַריין יעדע נייע אַנטשיידונג, וואָס אַנטשפּרעכט די נייע פאַקטן פונם לעבעדיקן לעבן, אַ שטיקל שינוי אין אָט דעם פאַרטיקן קאָמפּלעקס פון די פריערדיקע פּאַרטיי-טאַקטישע השגות און טראַדיציעס. דורך דעם תּחילת אומבאַמערקבאַרן, פאַראייניצלטן, כּמעט צופעליקן דרוק אויף דעם רודער פון דעם מלוכה-שיף, וואָס חזרט זיך אָפּט איבער אין איין און דערזעלבער ריכטונג, ווערן מיט דער צייט אָבער אין דער שטימונג פון די מאַסן גופא אַרויסגערופן באַדייטנדיקע ענדערונגען פונם פּאָליטישן קורס. אַנטשיידנדיק אָבער פאַר דעם באַזונדערן שטייגער פון דער קעגנזייטיקער השפּעה צווישן ווילן פון די פירער, פון איין זייט, און דער שטימונג פון די מאַסן, פון דער צווייטער זייט, זענען די צוויי פאָלגנדיקע פאַקטן: ערשטנס, ליגט אין דער נאַטור פון דערדאָזיקער איינטיילונג פון די פונקציעס, אַז דער איניציאַטיוו-שריט צו יעדער איינצלנער אַנטשיידונג, — וואָס איז אַלס אַזעלכע אַ גייסטיק-שעפערישער און נישט קיין עמאָציאָנעל-פּאַסיווער פּראָצעס, — זאָל געמאַכט ווערן דורך די פירער; און צווייטנס, באַווירט זיך די גאַנצע פאַרהעלטעניש צווישן די צוויי סאָציאַלע פאַקטאָרן אויף דעם, וואָס די מאַסע האָט מער צוטרוי צום שׂכל פון די פירער, ווי די פירער צום שׂכל פון דער מאַסע.

פּאַרטיי-פאַרזאַמלונגען און פּאַרטיי-קאָנגרעסן האָבן שוין לאַנג אויפגעהערט צו האָבן די איניציאַטיוו אין זייער האַנט. שוין זייער צונויפרופונג, די באַשטימונג פון זייער טאָג-אָרדענונג, די אויסוואַל פון די רעפערענטן, די צוגרייטונג פון די רעזאָלוציעס, — דאָס אַלץ פאָדערט, אַלס גרונט-תּנאַי, באַשלוסן, וועלכע קאָנען אָנגענומען ווערן אויף אַ צוועקמעסיקן אופן נישט אַנדערש, ווי נאָר דורך מאַכטמענישע באַאַמטע. פאַרזאַמלונגען און אָפּשטימונגען פון די מיטגלידער אין אַ מעגלעך-דירעקטער פאָרם זענען דערפאַר נישט ווייניקער נוצלעך און

ווײכטיק היינט, ווי אין דער צייט, ווען ס׳זענען נאָך קיין פּאַרטיי-ביוראָקראַטן גאָרנישט געווען; פאַרקערט, זיי ווערן אַלץ נויטיקער, וואָס מער עס אַנטוויקלט זיך די באַאַמטנשאַפט, כּדי זי זאָל בכלל בלייבן אומשטאַנד צו פאַרטרעטן די אינטערעסן און די פּראָגראַמען, וועלכע זענען איר געוואָרן אָנפאַרטרויט. מ׳דאַרף אָבער גענוי וויסן, אַז דידאָזיקע פאַרזאַמלונגען פירן אויס אַן אַנדער פונקציע: נישט די פונקציע פון איניציאַטיוו און פון דער פּראַקטישער אויספירונג פון די באַשלוסן, נאָר די פונקציע פון באַראַטונג און אויפזיכט איבער יענע מענטשן, אויף וועמען ס׳איז אַרויפגעלייגט די איניציאַטיוו און די קאָנקרעטע אַקציעס. דאָס איז דיזעלבע פאַרהעלטעניש, וואָס איז דאָ אין מיניאַטור אין יעטוועדן פאַרוואַלטונגס-קאָמיטעט פון אַן אָרגאַניזאַציע, וועלכע באַשטייט פון אַן אָנגעשטעלטן סעקרעטאַר און פון נישט-באַצאָלטע מיטגלידער: דער סעקרעטאַר איז דער „גאַנצער מאַכער״, ער פירט — אויף וויפל ער טויג בכלל צו זיין אַרבעט — זיין קאָמיטעט, אָנשטאָט ער זאָל פון דעם קאָמיטעט גופא ווערן געפירט. דער פאַרוואַלטונגס-קאָמיטעט איז דאָ נישט צוליב דעם, כּדי אָנשטאָט דעם סעקרעטאַר צו פאַרכאַפּן די איניציאַטיוו, נאָר כּדי צו שטעלן געוויסע גרענעצן — אָפּטמאָל ערשט אחר המעשה — אויף דעם געביט פון דעם סעקרעטאַרס איניציאַטיוו, און ביי דער דורכפירונג פון די באַשלוסן צו געבן עצות און האָבן די ברייטע השגחה; דער באַאַמטער דערפילט זיין פליכט אַם-בעסטן, ווען ער איז דער טרייב-מאָטאָר, און דער קאָמיטעט — ווען ער איז דער טאָרמאָז. פאַר דעם פּאַרטיי-פירער זענען די אָנהענגער-מאַסן געוויינלעך נישט מער, ווי אַן אָביעקט; ער גייט תּמיד אַרויס פון דעם שטאַנדפּונקט, אַז ער מוז אויספאָרמירן זייער מיינונג. די נאָרמאַלע באַציאונג צווישן אַ פּאַרטיי-פאַרזאַמלונג און אירע געוויילטע, באַצאָלטע פאַרטרעטער איז נישט די באַציאונג פון אַ באַשטימענדיקן מאַסן-ווילן און אַן איינצל-ווילן, וואָס ווערט דורך דעם מאַסן-ווילן באַשטימט. דאָס איז אַ באַציאונג פון אָנגריף און פאַרטיידיקונג. דערביי זוכט דער יחיד זיך צו פאַרטיידיקן און זיך צו פאַרפעסטיקן; ער פרווט אַפילו בעת מעשה, אויף וויפל ער קאָן, דורכזעצן

זיין אייגענעם ווילן, און דערביי דאָך נישט פאַרלירן די אונ־טערשטיצונג מצד די מאַסן, דורך וועלכע זיין ווילן ווערט ערשט ווירקזאַם בפועל ממש. און אויב פון אָנהויב אָן פאַלט צונויף דער ווילן פונם פירער מיט דער שטימונג פון דער מאַסע, דעמאָלט איז ער בלי ספק דער פירער, וועלכער פאַר־שטאַרקט און פירט אָן מיט דער שטימונג פון די מאַסן, ווייל ער דאַרף זי אַלס אַ הילפס־מיטל פון זיין פּאָליטיק, אַלס אַ דרוק־מיטל לגבי זיינע פּאָליטישע קעגנער.

יעטווידע פירערשאַפט באַזירט זיך אויף אַ פּסיכאָלאָגישן פאַקטאָר, וועלכער לאָזט זיך נישט באַשטימען דורך סטאַטוטן, דהיינו: אויף דעם צוטרוי. היינט־צו־טאָג באַטייט דאָס עפּעס גאָר אַן אַנדער זאַך, ווי אין דער העראָאישער עפּאָכע פון סאָציאַליזם, בעת דער פירער איז נאָך געשטאַנען כסדר פאַר די אויגן פון די מאַסן אין פולן ליכט פון דער עפנטלעכקייט. איצט אָבער איז ער שוין נישט מער, ווי נאָר אַ סתם אַגיטאַ־טאָר; ער מוז וויסן אַ סך פון דעם, וואָס די מאַסע קאָן נישט וויסן, ווייל דאָס פאַרלאַנגט זיין שטאַרק־ספּעציאַליזירטע פאַך־אַרבעט; און ער מוז מאַכן אַלערליי זאַכן, וואָס די מאַסע קאָן דאָס נישט מאַכן, ווייל דאָס קומט פאָר אין דער וואָכע־דיקער רוטין־אַרבעט פון די פאַרוואַלטונגס־אָרגאַנען, קאָמיסיעס, פּרעזידיומס, רעדאַקציעס און ביוראָס. צווישן די מיטלען, וואָס ליגן אין רשות פון דער מאַסע, כדי צו באַאיינפלוסן דעם ווילן פון איר פירער, איז נישטאָ קיין איינציקער, דורך וועלכן זי וואָלט געקאָנט באַשטימען זיין מיינונג; דער גאַנצער „מאַטעריאַל", די גאַנצע קענטעניש פון פאַקטן, וואָס געהער צו דער אויספאָרמירונג פון די מיינונגען, געפינט זיך אין די הענט פון דעם אָנפירנדיקן עקספּערט. ער האָט אין זיין רשות אין אַ גרויסער מאָס אויך די אינפאָרמאַציע־מיטלען (פּרעסע א. א. וו.), דורך וועלכע זיין מיינונג באַאיינפלוסט דעם ווילן פון די מאַסן. יעטוועדער אָרגאַניזאַציע־פּראַקטיקער ווייס, אַז דער הויפּט־יסוד פאַר דער גייסטיקער איינהייט פון דער דייטשישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע באַשטייט אין דעם, וואָס די פּאַרטיי־אינסטאַנצן האָבן אין זייערע הענט די פּאַרטיי־פּרעסע, ד. ה. דאָס ווירקזאַמסטע מיטל צו באַאיינפלוסן די קריסטאַלי־

זירונג פון דער פּאַרטיי-מיינונג. דאָס באַטייט אין די גרויסע פראַגן פון דער מלוכה- און וועלט-פּאָליטיק פון אונזער צייט עפּעס אַ גאַנץ אַנדער זאַך, ווי דער דעמאָקראַטישער אמט, וואָס איז אָנגעטרויט געוואָרן אַ פירער אין אַ דאָרפס-פאַר-זאַמלונג, ווו ס'ווערט באַהאַנדלט אַ פראַגע, למשל, וועגן דער דאָרפס-פּומפּע, אָדער מכּח דעם קהלישן וואַסער פאַר די קאַטש-קעס, און ווו ס'איז יעטוועדן אַנטיילנעמער געגעבן געוואָרן דורך דערזעלבער פערזענלעכער דערפאַרונג ממש דערזעלבער אינפאָרמאַציע-מאַטעריאַל. מיליאָנען דייטשן פאַלן אריין אין די גרעסטע ליידנשאַפטן בעת אַ ויכּוח פאַר אָדער קעגן דעם ווערסאַלער שלום-אָפּמאַך, אָדער מכּח דעם דאַאוּס-פּלאַן, און די ויכּוחים קאָנען זיי פירן ממש צו מסירת נפש. וויפל פון זיי האָבן אָבער געלייענט דעם אָריגינאַל פון דעם ווערסאַלער פאַרטראַג און פון דעם דאַאוּס-באַריכט? איך אַליין פיל זיך ביכולת צו האָבן אַ גאַנץ באַשטימטע מיינונג איבער די ביידע דאָקומענטן, הגם איך האָב זייער נוסח קיינמאָל נישט געהאַט פאַר מיינע אויגן. טראָצדעם, וואָס איך פיל אַ גאַנץ באַזונדערע אַנטיפּאַטיע נאָכצוגיין נאָך די אַנדערע אין די פראַגן פון אַ גייסטיקער אָפּשאַצונג, בין איך אָבער אין דערדאָזיקער הינזיכט אויך אַן אטאָם פון דער „מאַסע". דאָס איז דער מזל פון יעדן מענטש בנוגע צו די אַלע פּאָליטישע אַנטשיידונגען, וואָס איבער זייערע צוזאַמענהאַנגען קאָן ער נישט זיין אַזוי גוט אינפאָרמירט, ווי דער פאַכמאַן, צו וועלכן ער האָט צוטרוי, אַלס צום פאַרטרעטער פון זיינע מיינונגען אָדער אינטערעסן. מ'קאָן זאָגן מכּח דער היינטיקער לאַגע, אַז נאָך קיינמאָל אין דער געשיכטע האָבן אַזאַ גרויסע צאָל מענטשן אַזוי נישט געגלויבט אין זאַכן, פון וועלכע זיי ווייסן נישט מער, ווי דאָס, וואָס זייערע פירער האָבן זיי דערציילט.

אויב מיר שטעלן פעסט, אַז די מלוכה- און פּאַרטיי-באַאַמטע, וואָס האָבן געזאָלט לויט די דעמאָקראַטישע פּרינציפּן שפּילן נאָר אַן אויספירנדיקע און פאַרטרעטנדיקע ראָלע, שטעלן אָבער צוזאַמען באמת אַן אָנפירנדיקע גרופּע, באַטייט דאָס אָבער לחלוטין נישט, אַז ס'וואָלט זיין בעסער בטל צו מאַכן די דעמאָקראַטישע פיקציע לגמרי און אָנערקענען דעם פּרינ-

ציפ פון פירערשאַפט אויך אין דעם טעקסט פון די קאָנסטי־טוציעס און סטאַטוטן. גראָד דער, ווער עס פאַרלאַנגט צו האָבן אַ פירערשאַפט, זאָל זיך היטן זי צו פּראָקלאַמירן און אָרגאַ־ניזירן פאַרטיקערהייט אין די פאַרגליווערטע טעקסטן. תּיכּף אין דעם מאָמענט, ווען די פּאָזיציע פון די פירער וואָלט געוואָרן פאַרפעסטיקט דורך דער קאָנסטיטוציע, וואָלט פון דעם פירער געוואָרן אַ געפירטער, ער וואָלט געוואָרן אָפּהענגיק טאַקע פון יענער קאָנסטיטוציע גופא און ער וואָלט געמוזט אָנווענדן אַלע זיינע כּחות, אום נישט צו פאַרלירן די אונטערשטיצונג פון די מאַסן, וואָס האָבן אים געגעבן די מאַכט; דורך דעם ערשט וואָלט ער מיט אַן אמת געוואָרן זייער יוצר משרת, און טאַקע נישט אין דעם זינען פון דעמאָקראַטיע, ווי אין דעם זינען פון דעמאַגאָגיע. ס'איז נאָך קיינמאָל נישט בעקומען אַ שטאַר־קער מענטש פּשוט, ווייל מ'האָט אים גערופן; אמתע פירער ווערן נישט בעווילט דורך דער מאַסע. זיי צווינגען זיך אַרויף אויף איר. די באַוועגונגען, וועלכע גאַרן נאָך שטאַרקע מענטשן, זענען באַוועגונגען פון שיאַכע בּריות; שוואַכע מענטשן זענען שטענדיקע בעל מקנאס, זיי פאַרטראָגן נישט קיין שטאַרקע פירער, אין גרונט גענומען ווילן זיי נאָר אַזעלכע, וועלכע זענען שוואַך און וויך צו זיי גופא. וואָס מער מאַכט גיט אַ קאָנסטיטוציע דעם הערשער, אַלץ שווערער איז פאַר אים די־דאָזיקע מאַכט צו פאַרווירקלעכן, יעטוועדעס נייע מאַכט־מיטל איז פאַר אים אַ נייע קייט; דאָרט, ווו דער געשריבענער טעקסט זאָגט צו מאַכט, גיט ער אײַנדערהאמתן נאָר אחריות, וועלכע באַטייט אָפּהענגיקייט. שוין דורכדעם, וואָס מ'ווילט אויס אַ פירער, מאַכט מען אים צו אַ געפירטן; ווען מען וויל, אַז ער זאָל אויף אַן אמת פירן, טאָ זאָל מען אים ווילן צו זיין אַ דינער פון דער געזעלשאַפט.

ס'איז נישט קיין צופאַל, וואָס די אייבעטער־באַוועגונג איז גראָד אַזאַ באַוועגונג, וואָס איר אָרגאַניזאַציע איגנאָרירט אויף דעם שטאַרקסטן אופן און דערלאָזט נישט אַפילו קיין שום אויטאָריטעט פון פירער. צו דער גלייכער צייט איז דאָס אָבער אַזאַ באַוועגונג, ווו די פירער האָבן די גרעסטע מאַכט. גראָד די דעמאָקראַטיע, וואָס היט אָפּ אַזוי שטאַרק די גלייכהייט פון

רעכט פון אַלע אירע מיטגלידער, שאַפט מיט דערדאָזיקער גלייכהייט דעם גינסטיקסטן אויסגאַנגס-פונקט פאַר אַן אויסוואַל, וואָס לאָזט אַרויפקלעטערן צו דער פירערשאַפטס-שטופע נאָר די ווירקלעך-פעאיקע יחידים; מיט דער גרעסטער פעאיקייט איז פאַרבונדן אויך דער גרעסטער אויטאָריטעט, וועלכער שטיצט זיך אויף דעם צוטרוי פון די מאַסן. די נישט-אָנערקענונג פון דעם פירער-אויטאָריטעט אין די דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס מיינט אַלזאָ נישט אַ פאַרניינונג פון דער פאַקטישער אומגלייכהייט נאָר, פאַרקערט, דאָס איז אַ באַיאָאונג פון דער פרינציפּיעלער גלייכהייט פון רעכט; אָט דידאָזיקע גלייכהייט דאַרף זיין אַ מיטל צו אַ מעגלעך ברייטער און מעגלעך צוועקמעסיקער רעקרוטירונג פון פירער, — דאָס הייסט סוף כּל סוף אַ מיטל צו דער פולער אַנטוויקלונג פון יענער פאַקטישער אומגלייכהייט, וועלכע ווערט געשאַפן דורך דער פאַרשיידנקייט פון די מענטשלעכע פעאיקייטן. און דאָס, וואָס דערשיינט אויפן ערשטן בליק, ווי אַ צביעותדיקע פיקציע פון דער פאַרגאַנגענהיים, איז אַלזאָ, אַז מען קוקט זיך צו נעענטער, גאָר אַ געזונטע און אַ נויטיקע גאַראַנטיע פון דער צוקונפט. די דעמאָקראַטיע זאָרגט פאַר דער נויטווענדיקער פאַר איר פירערשאַפט דערמיט, וואָס זי זאָגט: מיר וועלן קיינעם נישט גרינג מאַכן צו ווערן אַ פירער, און צוליב דעם טעם טאַקע איז די פירערשאַפט דוקא נאָכמער איינפלוסרייך. דאָס זאָגן אָבער די סטאַטוטן נישט, ווייל ס'איז נישט זייער עסק אָפּצוהיטן דעם אויטאָריטעט פון די פירער; זייער זאַך באַשטייט מער אין דעם, דעמדאָזיקן אויטאָריטעט אַזוי אָפּצוגרענעצן, אַז ער זאָל זיך קאָנען האַלטן און ווירקן נאָר אַלס אַ פרייוויליקע פאַרהעלטעניש פון צוטרוי צווישן מאַסע און פירער.

אויך אין די גרויסע אונטערנעמונגען פון דער פאַבריקס-אינדוסטריע, פונם קרעדיט, האַנדל און טראַנספּאָרט איז דאָ אַ פּראָבלעם פון מאַסע און פירער, וואָס איז נישט ווייניקער חשוב, ווי דאָס פּראָבלעם מכּח לוין און קאַפּיטאַל-פּראָפיט. אויך דאָ האָט די נויטווענדיקע ספּעציאַליזירונג און ביוראָקראַטיזירונג אַוועקגעשטעלט אָנשטאָט דעם אָנפירנדיקן איינצל-ווילן פון אַ קאַפּיטאַליסט-אונטערנעמער אַ צווייַ אָדער אַ מער-פאַכיקן הילנס-

קאָמפּלעקס, און דערביי ליגן בעת מעשה אַלע אויספירנדיקע פונקציעס אין די הענט פון די נישט־קאַפּיטאַליסטן, — פון די אינטעליגענטן. אמת, ס׳בלייבט פאַרט די אָרגאַניזאַטאָרישע פיקציע, אַז דער געבילדעטער ספּעציאַליסט פאַרטרעט כּלומרשט נאָר די אינטערעסן און דעם ווילן פון אַ מער אָדער ווייניקער אומפּערזענלעכער קאַפּיטאַל־מאַכט, פּונקט אַזוי ווי דער פּאָליטיקער פאַרטרעט כּלומרשט דעם פאָלקס־ווילן. אינדעראמתן ברענגט די וואַקסנדיקע ספּעציאַליזירונג פון די גייסטיק־פירנדיקע פונקציעס מיט זיך אויך די וואַקסנדיקע פאַרזעלבשטענדיקונג. פונם שטאַנדפּונקט אויך פון דעם קאַפּיטאַל־באַזיצער ווערט אין די הענט פון די אָנגעשטעלטע די פולמאַכט, וואָס איז זיי געגעבן געוואָרן בתור הלואה, צו אַ מאַכט, איבער וועלכער זיי ווערן די פולע באַלעבאַטים. פון דעם אַרבעטער ווערט פאַרלאַנגט נאָר די קראַפט, די פיזישע לייסטונג; די אַרבעט פון דעם אינזשינער אָדער פונם דירעקטאָר וואָלט נישט געהאַט קיין שום ווערט, ווען זי וואָלט זיך אויסגעשעפּט מיט דער פיזישער אויספירונג פון גייסטיקע אויפגאַבן, וואָס ווערן געשטעלט דורך אַנדערע. זי מוז אַליין שטעלן זיך אויפגאַבן, זי מוז אַליין געבן אָנרעגונגען, אַליין באַפעלן, אָרגאַנירן, אָנפירן, זיין ממש דער גייסטיקער שעפערישער אויטאָקראַטן־ווילן.

די מערסטע אַרבעטער, געווערקשאַפטס־פירער און סאָציאַליסטישע טעאָרעטיקער פאַרשטייען נאָר זעלטן, אויף וויפל אַס דערדאָזיקער אויטאָקראַטן־ווילן פון דעם אינטעליגענט קאָן זיין פאַרשיידן פון דעם פּראָפיט־ווילן פון קאַפּיטאַליסט, וועלכער זוכט בלויז אויסצונוצן דעם אינטעליגענט, ווי אַן אינסטרומענט. די מאַרקסיסטישע אויפפאַסונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג איז צופיל געריכטעט און שאַרף אָריענטירט אויף דעם פּראָפיט־מאָטיוו אַזוי, אַז זי מאַכט שווער צו פאַרשטיין אַזעלכע מינים סאָציאַלע קעגנזאַצן, וועלכע שטאַמען פונם סכסוך פון אַנדערע מאָטיוון. אמת, נישט אַלע מאַרקסיסטן זענען טאַקע גרייט צו פאַרניינען די פונקציאָנעלע קעגנזאַצן אין תחום פון דעם אַזוי גערופענעם קאַפּיטאַליסטן־קלאַס גופא, ווי, למשל, דער קעגנזאַץ צווישן אַן אַקציאָנער און אַ פאַבריק־פירער, צווישן

די אָנפירנדיקע און אויספירנדיקע אָנגעשטעלטע, צווישן דעם דיווידענדן-שטאַנדפונקט און דעם פּראָדוקטיוויטעט-שטאַנדפונקט; אָבער זיי גיבן נישט צו דידאָזיקע פאַקטן קיין סאָציאַלע באַדייטונג, ווייל דער סאָציאַלער קעגנזאַץ שעפּט זיך אויס פאַר זיי גאָר אין דעם קעגנזאַץ פון די פאַרדינסט-אינטערעסן. אַזאַ מין סתירה קאָנען זיי טאַקע נישט ארויסגעפינען ביי די אָנגעוויזענע ווילנס-קאָנפליקטן צוליב דעם פשוטן טעם, ווייל ער איז דאָרט נישטאָ. דערפאַר טאַקע האַלט נישט דער מאַרקסיזם פון דער אינטעליגענץ, אַלס אַ קלאַס; ער צעשטיקלט זי אין צוויי אָדער דריי טיילן, וואָס ווערן אָנגעהאָנגען צום קאַפּיטאַליסטן-קלאַס, אָדער צום פּראָלעטאַריאַט, אָדער צום מיטלשטאַנד, לויט דער ריכטונג פון אירע געלט-פאַרדינסט-אינטערעסן. דערמיט ווערט צעריסן אַ וויכטיקער און קלאָרער באַנד — די פאַרבונדנקייט צווישן אַן ארבעטס-פונקציע און אַן ארבעטס-מאָטיוו, — כדי צו דערהאַלטן אַ נעבנזאַכלעכן און צווייפלהאַפטן באַנד — די גלייכקייט פון דעם געלט-פאַרדינסטס-אינטערעס. דערדאָזיקער שטייגער דענקען מאַכט אוממעגלעך צו פאַרשטיין דעם פאַרנעם פון דעם פאַקט, אַז ס'איז דאָ אַזאַ סאָציאַלע שיכט, וועלכע איז נישט אידענטיש נישט מיט דער אונטערנעמערשאַפט און נישט מיט דער ארבעטערשאַפט, אָבער וועלכע פירט דאָך אויס אַלע עיקרדיקע פונקציעס פון דעם פּאָליטישן און עקאָנאָמישן לעבן. דידאָזיקע נישט-פאַרשטענדעניש וואָלט געווען נישט אַזוי שלעכט, ווען ס'וואָלט זיך דערביי געהאַנדלט נאָר וועגן אַן אומפולשטענדיקייט אָדער וועגן אַ פעלער פון דער סאָציאָלאָגישער שפּראַך. אין דער פּראַקטיק אָבער פּאַסירט, אַז די אָפּלייקענונג פון דער אינטעליגענץ, אַלס אַ זעלבשטענדיקן סאָציאַלן קלאַס, פירט צו דעם, אַז ס'ווערט אוממעגלעך צו פאַרשטיין אין זיינע גרונט-מאָמענטן דאָס פּראָבלעם מכח דער פאַרהעלטעניש צו דער מלוכה מצד די קלאַסן און שיכטן פון פאָלק. דורך אַזאַ פעלער ווערן אַלע דיסקוסיעס אין דער ארבעטער-באַוועגונג מכח דערדאָזיקער ברענענדיקער פראַגע פאַרסמט דורך דעם הויפּט-טעות, אַז די מלוכה איז כלומרשט נאָר אַן אינסטרומענט פון דער קלאַסן-הערשאַפט. אויסער דעם דערלאָזט נישט די מאַרקסיסטישע

אויפפאַסונג דעם סאָציאַליסטישן אַרבעטער צו פאַרשטיין די סאָציאַל-פּסיכאָלאָגישע אייגנאַרטיקייט פון דער אינטעליגענץ באופן, אַז דאָס זאָל קאָנען מעגלעך מאַכן אַ פרוכטבאַרע פאַרהעלטעניש צווישן דעם אַרבעטער-סאָציאַליזם און אינטעליגענטן-סאָציאַליזם. דערפאַר איז קיין וווּנדער נישט, אַז גראָד אין די לענדער מיט אַ מאַרקסיסטישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע איז דאָס אַזוי גערופענע אַקאַדעמיקער-פּראָבלעם פון שטענדיק אָן געווען אַן אייטערנדיק ווונד אויף דעם קערפּער פון דער פּאַרטיי; דער איינפלוס פון די סאָציאַליסטישע אידעען אויף די אינטעליגענטן איז דאָ אַ סך קלענער, ווי ערגעץ וווּ אַנדערש. דער פלומרשדיקער אויסנאַם אין רוסלאַנד באַשטעטיקט נאָר די אַלגעמיינע רעגל. דאָ איז נישט געווען קיין באַדייטנדיקע אַרבעטער-באַוועגונג; די אינטעליגענץ, וועלכע איז געקומען צום רודער דורך דער רעוואָלוציע, איז באַשטאַנען נישט פון טרעגער פון אָנפירנדיקע פונקציעס, נאָר פון סאָציאַל-פאַרשטויסענע, פּאָליטיש-פאַראורטיילטע אָדער פאַרשיקטע מענטשן.

גאָר דייטלעך אַנטפּלעקט זיך דער קעגנזאַץ צווישן דער מאַרקסיסטישער און נישט-מאַרקסיסטישער באַציאונג צו דער פראַגע מכּח אינטעליגענץ, בעת מען פאַרגלייכט די דייטשישע צושטאַנדן מיט די ענגלישע. אָט דאָס, וואָס ס'עקזיסטירט היינט אין ענגלאַנד, אַלס אַ סאָציאַליסטישע אַרבעטער-באַוועגונג, איז אַ פּראָדוקט פון דעם פּראָלעטאַרישן טרעיד-יוניאָניזם, אָבער נישט ווייניקער אויך אַ פּראָדוקט פון דער באַוועגונג פון דער סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ (די פאַביאַנער). די גייסטיקע באַוועגונג, וועלכע האָט זיך, זינט די 80-קער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, קריסטאַליזירט אַרום די פּאָר הונדערט מיטגלידער פון דער פאַביאַנער-געזעלשאַפט און וואָס זייער פאַרטרעטערין אין דער אַרבעטערשאַפט איז שפּעטער געוואָרן די י. ל. פּ. (אומאָפּהענגיקע אַרבעטער-פּאַרטיי), איז פּונקט אַזוי אַ פאָראויסזעצונג פון דער איצטיקער ענגלישער אַרבעטער-באַוועגונג, ווי די גרייטשאַפט פון די געווערקשאַפטלער צו שטיין אונטער אַ סאָציאַליסטישער פירונג. וואָס וואָלט געווען דער ענגלישער סאָציאַליזם אָן אַ וויליאַם מאָריס, אַ סידנעי וועבּ, אַ ראַמזאַי מאַקדאָנאַלד? דערמאָנענדיק דידאָזיקע נעמען, טראַכט איך

נישט װעגן אײנצלנע פּערזאָנען, װײל יחידים גײען אָפּטמאָל איבער, אין אַלע לענדער, פון דער בורזשואַזיע צום דינסט פון דער אַרבעטער־באַװעגונג; איך האָב דערבײ אין זינען יענע ספּעציפיש־אינטעליגענטישע, אידעאָלאָגישע פּאָזיציע, פאַר װעלכער זײ האָבן געשאַפן פּלאַץ אין דער סאָציאַליסטישער באַװעגונג דורך דער אַפּעלירונג צו די גײסטיקע און מאָראַלישע געמײנשאַפטס־מאָטיװן פון דער אינטעליגענץ. מען פרעגט: װו בלאָזט אין די דײטשישע אוניװערזיטעטן יענע פרישע לופט, װעלכע פילט אָן, זינט דער מלחמה, אַפילו די גאָר קאָנסערװאַטיװע ענגלישע אוניװערזיטעטן פון אָקספאָרד און קעמברידזש? מ'װעט אין דײטשלאַנד הײנט נישט געפינען אַ סאָציאַליסטישע ליטעראַטור, װעלכע זאָל זײן עפּעס אַנדערש, װי גאָר אַן אונטערגעמונג פון די פּאַרטײ־אינסטאַנצן. און זאָל מען דערמיט פאַרגלײכן דעם פאַקט, אַז אין ענגלאַנד זענען אַזעלכע שרײבער, װי בערנאַרד שאָאו און װעלס, אין דער ליטעראַטור און אין טעאַטער, געװאָרן די פירער פון אַ נײעם דור. און האָבן אין דעם ענגליש־רעדנדיקן עולם פאַרשפּרײט מער סאָציאַליסטישע אידעען, װי אַלע פּאַרטײ־פאַרלאַגן פון דער װעלט צוזאַמענגענומען. ס'פרעגט זיך: צי קאָן מען אין דער דײטשישער גײסטיקער װעלט געפינען אַזאַ מין געלערנטן, װעלכן מ'זאָל קאָנען פאַרגלײכן מיט דעם גרויסן ענגלישן דענקער בערטראַנד רעסעל, װעלכער איז צוגלײך אַ פירנדיקער סאָציאַליסט, אָדער צי קאָן מען אין דײטשלאַנד געפינען אַזאַ מין סאָציאַלע אידעען־באַװעגונג, װאָס זאָל זײן פרײ פון ביוראָקראַטיזם, און אַזױ שטאַרק ארויפלײגן איר שטעמפּל אויף דער געזעלשאַפטלעכער מײנונג, װי, למשל, דער ענגלישער גילדן־סאָציאַליזם? זאָל מען זיך דאָ נישט פאַרענטפערן מיט דעם װערסאַלער פאַרטראַג, װעלכער זאָל כלומרשט האָבן געבראַכט די רעאַקציע אין דײטשלאַנד. ס'איז אַ גרויסע שאלה, צי איז שוין אַ סך פריער נישט געװען אין דער געדאַנקען־װעלט פון דער דײטשישער מאַרקסיסטישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אַ רײ אורזאַכן, װעלכע האָבן געפירט צו אַ טיפן תהום צװישן דעם אַרבעטער־סאָציאַליזם און דער אינטעליגענץ.

דאָס איז אַ געפערלעכע טעאָריע, װאָס זעט די אײנציקע

פאַרבינדונג צווישן דער אַרבעטער-באַוועגונג און אינטעליגענטן
סאָציאַליזם נאָר אין דעם געמיינזאַמען געלט-פאַרדינסט-אינטע-
רעס פון דעם „האַנט-אַרבעטער" און דעם „קאָפּ-אַרבעטער",
ווייל דערדאָזיקער געמיינזאַמער אינטערעס איז בכלל גאָר
נישטאָ. די געלט-פאַרדינסט-אינטערעסן פון פאַרשיידענע שיכטן
פון דער אינטעליגענץ זענען צו פאַרשיידנאַרטיק, אום זיי
זאָלן קאָנען זיין כלומרשט א צייכן פון צוגעהעריקייט צו איין
געמיינזאַמען קלאַס. דאָס, וואָס דער אינטעליגענט לעבט נישט
געוויינלעך פון דעם קאַפּיטאַל-פּראָפיט, נאָר פאַרקויפט, ווי
ס'טוט אויך דער אַרבעטער, זיין אַרבעטס-קראַפט פאַר שכירות
אָדער האָנאָראַר, מאַכט אים נאָך לחלוטין נישט פאַר א פּראָ-
לעטאַריער. אויב דער פאַרקויף פון דער אַרבעטס-קראַפט וואָלט
געווען דער אַנטשיידנדיקער סימן פון דעם פּראָלעטאַרישן קלאַס,
דעמאָלט וואָלט מען געמוזט האַלטן פאַר פּראָלעטאַריער אַלע
באַנק-דירעקטאָרן און פאַבריק-דירעקטאָרן, וועלכע באַקומען
נאָר א פעט געהאַלט. נישט דער פאַקט, וואָס חיים אָדער חצקל
פאַרקויפן זייער אַרבעטס-קראַפט, איז דער עיקר, וויכטיק און
אַנטשיידנדיק זענען די באַזונדערע סאָציאַלע באַדינגונגען
(וואָס זענען שוין אין דעם פריערדיקן קאַפּיטל באַהאַנדלט
געוואָרן), אין וועלכע ס'קומט פאָר דערדאָזיקער פאַרקויף: די
באַזיצלאָזיקייט און שוצלאָזיקייט, וואָס שטרעבט אַרונטערצודריקן
דעם אַרבעטס-לוין צום פיזישן עקזיסטענץ-מינימום, די וואַקל-
דיקייט פון דער לעבנס-לאַגע, די אָפּהענגיקייט פון דעם אַר-
בעטער פון א קאַלטער פאַבריק-היעראַרכיע, אין וועלכער ס'איז
קיין ברעקל נשמה נישטאָ, די נודנע פאַבריקס-אַרבעט, דאָס
פעלן פון די נאָרמאַלע מעגלעכקייטן צו א העכערער בילדונג,
די סוביעקטיווע געזעלשאַפטלעכע מינדערווערטיקייטס-געפילן.
דאָס זענען די הויפּט-פאַקטאָרן, וועלכע מאַכן פון דער אַרבע-
טערשאַפט א פּראָלעטאַריאַט, אַן „אונטערשטן" קלאַס. אין
דעמדאָזיקן זינען שטייען אַמנאָנטסטן צו דער אינדוסטריע-אַר-
בעטערשאַפט נאָר די דוקא גרופּן צווישן די אַזוי גערופענע
קאָפּ-אַרבעטער, וועלכע שטעלן צוזאַמען די אַמשלעכטסטן באַ-
צאָלטע שיכטן פון באַאַמטע און אָנגעשטעלטע, די אייגנטלעכע
„ווייס-קראַגן-פּראָלעטאַריער". וואָס זייער כאַראַקטעריסטישער

ס'פּ איז דער ביוראָ-אָנגעשטעלטער. זיי געהערן דערפאַר מער צום פּראָלעטאַריאַט, ווי צו דער אינטעליגענץ; זייער אַרבעט אונטערשיידט זיך פון דער אַרבעט פונם פאַבריקס-אַרבעטער גאָר דערמיט, וואָס זי פאַרלאַנגט נישט קיין גרויסע פיזישע אָנשטרענגונג. רעכנט מען אָבער יאָ צו דידאָזיקע שיכט צו דער אינטעליגענץ, טאָ קומט עס אייגנטלעך פון דער פאַלשער השערה, אַז יעדער לוין-אַרבעטער, וואָס מאַכט נישט קיין האַנט-אַרבעט, איז שוין צוליב דעם גופא אַ גייסטיקער אַרבעטער.

גייסטיקע אַרבעט איז אָבער מער, ווי אַ טינט- און פעדער-מלוכה. זי באַטייט אַ לייסטונג, וואָס איר ווערט (אפילו פונם שטאַנדפּונקט פון יענע, וואָס באַצאָלן פאַר איר) ווערט נישט געמאָסטן דורכן מאָסשטאַב פון דער פאַרברויכטער אַרבעטס-צייט, ווי, למשל, האַנט- אָדער שרייב-אַרבעט, נאָר זי ווערט געוויגן קוואַליטאַטיוו, ד. ה. אויפן יסוד פון איר אינהאַלט און פון יענער פרוכטבאַרער באַדייטונג אירער, וועלכע ליגט אין דער שאַפונג פון ווערטן, און דער גייסטיקער איניציאַטיוו און אין דעם מוט פון אַנטשיידונג. דערביי איז גאַנץ גלייך, צי עס האַנדלט זיך מכח אַן ערפינדונג, שאַפונג, פאַרוואַלטונג, אָנפירונג, השגחה, אָרגאַניזאַציע, מעדיצין, אונטערריכט, דערציאונג, פאַרווײלונג, בילדונג, אינפאָרמאַציע, פאָרשונג, סאָציאַלע פאַרזאָרגונג אָדער אויספירונג פון וועלכע נישט איז אַנדערע וויכטיקע אינטערעסן. דידאָזיקע טעטיקייטן שאַפן פאַר דעם, וואָס פירט זיי אויס, מעגלעכקייטן צו ברענגען גרויסע נוצן דעם כלל, וואָס שטעלן אים אַריין אין אַ גאַנץ אַנדערער געזעלשאַפטלעכער לאַגע, ווי די לאַגע פונם פאַבריק- אָדער ביוראָ-פּראָלעטאַריער. בדרך כלל ווייס מען, אַז דאָס באַזיצן פון גוטיקע קענטענישן מוז האָבן פאַר זיך אַלס תנאי די לאַגע, ביי וועלכער מען וועט קאָנען געניסן פון אַ געוויסן וווילשטאַנד און זיין פריי פון אַ פולשטענדיקער באַזיצלאָזיקייט; אַ וווילשטאַנד, וואָס איז לכל הפחות גענוג, אום נישט צו מוזן זוכן, אַזוי ווי ס'טוט דער לוין-אַרבעטער, תיכף ומיד נאָכן פאַרלאָזן די שול-באַנק אַ טעגלעכן פאַרדינסט. די געזעלשאַפטלעכע פאַרבינדונגען, וועלכע דער אינטעליגענט האָט, אויב נישט אַ דאַנק זיין פאַמיליע, איז כאָטש אַ דאַנק זיינע

באַקאַנטשאַפטן מיט מענטשן פון די פאַרמעגלעכע קלאַסן, שאַפן פאַר אים אויך אַ סך מעגלעכקייטן פון שוץ און גוטער קאַריערע, וועלכע זענען אוממעגלעך פאַר די געוויינלעכע מענטשן פון דער גרויסער, גרויער מאַסע. עס ליגט שוין אין דער נאַטור פון דער גייסטיקער טעטיקייט גופא, אַז כדי צו זיין ווערטפול פאַר דעם אַרבעטסגעבער, מוז זי טראָגן אין זיך אַ הויכע אינדיווידועלע קוואַליפיצירונג, אַ געוויסע באַפרייאונג פון די אוממיטלבאַרסטע מאַטעריעלע דאגות, אַ שטענדיקע פעאיקייט צוצופאַסן זיך צו דער געשטעלטער אויפגאַבע, אַן ענגערע פערזענלעכע פאַרבינדונג און אַ פאַכמענישע צוטרוי-באַציאונג צווישן דעם „אַרבעטס-געבער“ און דעם „אַרבעטס-נעמער“. בקיצור, דאָס, וואָס אונטערשיידט אַממייגסטן די סאָציאַלע לאַגע פון דעם אַפילו ווייניקער באַצאָלטן אינטעליגענט פון דער לאַגע פונם אַרבעטער, איז די אומפאַרגלייכלעך-גרעסערע מעגלעכקייט פון אַן אינדיווידועלן אויפשטייג, וועלכע קומט דערפון, וואָס דער אינטעליגענט באַזיצט אַ הויך-קוואַליפיצירטע אַרבעטס-קראַפט און איז נויטיק, ממש נישט אויסצומיידן, פאַר די אָנפירונגס-פונקציעס פון דעם געזעלשאַפטס-לעבן.

די איינהייט פון דער סאָציאַלער ווילנס-ריכטונג, וועלכע איז דער סימן פון יעדער קלאַסן-צוגעהעריקייט, שטיצט זיך אַלזאָ ביי דער אינטעליגענץ נישט אויף דעם געלט-פאַרדינסט-אינטערעס, נאָר אויף דעם שטייגער פון דער אַרבעט. דערדאָזיקער אַרבעטס-שטייגער רופט אַרויס אַן אַרבעטס-מאָטיוו, וואָס איז גאָרנישט ענלעך נישט צו דעם מאָטיוו פון דעם קאַפיטאַליסט און נישט צום מאָטיוו פון דעם אַרבעטער. דער ווילן צו מאַכט ביי דעם קאַפיטאַליסט, די נויט און די אָפּהענגיקייט ביי דעם אַרבעטער פאַרשאַרפן און פאַרגרעבן ביי זיי ביידע דעם אַרבעטס-ווילן, מאַכנדיק פון אים אַ געלט-פאַרדינסט-ווילן. איינער אַרבעט צוליב דעם פּראָפיט, דער אַנדערער — צוליב דעם לוין; זייער גאַנצע שטעלונג איז געריכטעט נאָר צו דאָס קוואַנטיטאַטיווע, צו אַ פועל יוצא, וואָס לאָזט זיך מעסטן און וועגן אויף דער וואָגשאָל פון געלט. די אַרבעטס-לייסטונג פון דעם אינטעליגענט באַשטייט, פאַרקערט, דוקא אין אַן אַנדער זאַך, דהיינו: אין אַ שטרעבונג אָט די ביידע

קוואַנטיטעטן, געלט און אַרבעטס-קראַפט, צו פּאַראיידעלן דורך אַ דריטן עלעמענט, דורך דער קוואַליטעט. דעם מאַסשטאַב פון איר סאָציאַלן ווערט טראָגט זי, אַלס אַ גייסטיקע קוואַליטעט אין זיך גופא. איר אַרבעטס-מאָטיוו איז דערפאַר ראשית כל נישט דער פּראָפיט, נאָר די לייסטונג אָדער דיגסט; די באַפרידיקונג פון דעם געלט-פאַרדינסט-מאָטיוו דינט נאָר דעם צוועק, פריי צו מאַכן די גייסטיקע אַרבעטס-קראַפט פאַר דערדאָזיקער קוואַליטאַטיווער לייסטונג.

אמת, אויך אין דער גייסטיקער אַרבעט זענען דאָ די-זעלביקע נשמה-טויטנדיקע טענדענצן פון יעדער אַרבעטס-טיילונג, ווי אין דער האַנט-אַרבעט. באַזונדערס ווערן דורכדעם אַלץ מער און מער ביוראָקראַטיזירט די נידעריקערע פונקציעס פון דער אינדוסטריע-באַאַמטנשאַפט און פון דער מלוכה-באַאַמטנשאַפט. דאָ פּאַסירט מיט דער גייסטיקער אַרבעט פונקט דאָס, וואָס פריער איז געשען מיט דער האַנטווערקעריי: די פונקציעס, וואָס זענען פריער געווען אויסגעפירט פון איין מענטש, ווערן איינגעטיילט אין פירנדיקע און אויספירנדיקע אויפגאַבן, און דערביי ווערן די לעצטע, ווי נאָר מעגלעך, לגמרי אויסגעליידיקט פון זייער גייסטיק-זעלבשטענדיקן אינהאַלט. דאָס באַטייט אָבער נישט אַזוי אַ פאַרענדערונג פון די פונקציעס פון דער אינטעליגענץ, ווי דאָס שטענדיקע איבערגעבן דעם ווייס-קראַגן-פּראָלעטאַריאַט די פריערדיקע פונקציעס פון דער אינטעליגענץ. צווישן סאָציאַליסטן איז שטאַרק פאַרשפּרייט דער פאַלשער קוק צו פאַרבייטן דידאָזיקע פּראָלעטאַריזירונג פון די נידעריקערע אויפגאַבן פון דער אינטעליגענץ מיט אַ פּראָלעטאַריזירונג פון דער אינטעליגענץ גופא. אמת, אָפטמאָל ווערן די אינטעליגענטן דורך אַזאַ פאַקט טאַקע אַראָפּגעשטויסן אין די שורות פונם פּראָלעטאַריאַט; אָבער גראָד דערמיט הערן זיי אויף צו זיין אינטעליגענטן. אַ סך אָפטער אָבער ווערן דידאָזיקע גייסטלאָזע פונקציעס פון ביוראָקראַטיזם אויסגעפירט נישט פון די „אַרונטערגעקומענע" אינטעליגענטן, ווי פון די „אויפגעקומענע" זין און טעכטער פון דעם פּראָלעטאַריאַט. ס'רוב אַרבעטער זענען אין יעדער, אַפילו זייער קליינער, באַאַמטן-קאַריערע אַ סאָציאַלן אויפשטייג. צו וועלכן

זיי שטרעבן אליין, אָדער לכל הפּחות זיי באַמיען זיך דאָס אויסצופּועלן פאַר זייערע קינדער. דער חויס-קראַגן-פּראָלעטאַ-דיער פאַרדינט הײנט, אמת, בכלל ווייניקער פון דעם פאַכאָהן פאַבריקס-אַרבעטער. ער האָט אָבער אַ גרעסערע עקזיסטענץ-זיכערקייט און בעסערע מעגלעכקייטן אויפצוקומען: דער ביוראָ-אָנגעשטעלטער קאָן יעדנפאַלס לייכטער ווערן אַ ביוראָ-פאַרוואַלטער, ווי דער פאַבריקס-אַרבעטער — אַ דירעקטאָר. דערצו קומט נאָך די מאַגנעטישע קראַפט פון אַ העכערער סאָציאַלער חשיבות, וועלכע דער ווייסער שטיי-קראַגן דריקט אויס, אַלס אַ סימבאָל פון אַ כלומרשט גייסטיקערער, אָן ספק אָבער ווייניקער אָנשטרענגנדיקער, ווייניקער געפערלעכער און קורם כל ווייניקער שמוציקער, אַרבעט. אָט אַזוי רופט אַרויס די אינדוסטריאַליזי-רונג פון אַ טייל פון די גייסטיקע אַרבעטער פשוט נישט קיין אַנדער זאַך, ווי דעם פאַקט, אַז פיל מער פון די נידעריקערע קלאַסן פון די גייסטיקע אַרבעטער גייען אַריבער פאַקטיש צום פּראָלעטאַריאַט. ד. ה. אַז די גרענעץ צווישן דער אמתער אינטעליגענץ און די חייס-קראַגן-פּראָלעטאַריער ליגט אויף אַ העכערער שטופע, ווי פריער, ס'איז אָבער נישטאָ קיין גרונט משער צו זיין, אַז דערדאָזיקער נייער פּראָצעס איז גאָר די פּראָלעטאַריזירונג פון דער אינטעליגענץ בכלל.

טאַקע גראָד די פּראָגרעסירנדיקע טיילונג צווישן גייסטיק-אָנפירנדיקע און פיזיש-אויספירנדיקע אויפגאַבן פאַרוואַנדלט אַלץ מער די ראָלע פון דעם אָנפירנדיקן אינטעליגענט אין אַ ריין-גייסטיקע אַרבעט. אָט דער שטייגער פון אַרבעטן שאַפט פאָרט אַ לעצטע גרענעץ פאַר דער ווייטערדיקער פּסיכאָלאָגי-שער מעכאַניזירונג און פּראָלעטאַריזירונג פון די פונקציעס; ליידער שאַפט די אַרבעטס-פרייד נישט אַזאַ גרענעץ ביי דעם אינדוסטריע-אַרבעטער, די אַרבעטס-פרייד איז דורך דער מע-כאַניזירונג צעשטערט געוואָרן ביז צו אַזאַ גראַד, אַז דער אַרבעטס-אומחשק פאַרוואַנדלט זיך אין אַן אומווילן צו אַרבעטן בכלל און דאָס טעכנישע געווין פאַרן באַלעבאָס ווערט במל ומבוטל דורך דער שלעכטער קוואַליטעט פון דער גודנער אַרבעט. דאָס איז די גרענעץ, וועלכע עס האָט נישט געקאָנט איבערשפּרייזן אַפילו דער אַמעריקאַנער טײלאָריזם. אָבער

דערזעלבער טעילאָריזם, וואָס שטרעבט צו דער פולשטענדיקער [illegible]שנײַטיקונג פון דער אויספירנדיקער האַנט-אַרבעט, קאָן דאָס דערגרייכן, נאָר ווען ער פאַרשטאַרקט וואָס מער די גײַסטיקייט פון דער אָנפירנדיקער קאָפּ-אַרבעט; וואָס מער מען שטרעבט צו מאַכן די אינטענסיווקייט און די קוואַליטעט פון דער אַרבעט אומאָפּהענגיק פונם ווילן פון דעם אַרבעטער, אויף אַזוי פיל מער מאַכט מען זי אָפּהענגיק פון די אָנפירנדיקע אינטעליגענטן. אָבער דידאָזיקע אינטעליגענטן קאָנען נאָר דעמאָלט אויפטאָן קוואַליטעטס-אַרבעט, ווען מען האַלט בײַ זיי אויף די אַרבעטס-פרייד. דאָס פאַרלאַנגט, צוזאַמען מיט דער אַנטשפּרעכנדיק-העכערער באַצאָלונג, אויך די עקזיסטענץ-זיכערקייט, אויפשטייג-מעגלעכקייט און סאָציאַלע חשיבות, און אַזאַ מין טעטיקייט, וועלכע איז געשיצט קעגן די נשמה-טויטנדיקע רעזולטאַטן פון דער ספּעציאַליזאַציע. בקיצור הדבר, אַפילו אין דעם עקסטרעמסטן פאַל פון אַ הויך-קאָנצענטרירטער אינדוסטריע-אונטערנעמונג באַטייט דער טעכנישער פאָרטשריט נישט די אַלגעמיינע פּראָלעטאַריזירונג פון אַלע די, וואָס זענען באַטייליקט אין דער פּראָדוקציע, נאָר אַ שאַרפערע טיילונג צווישן די צוויי קלאַסן פון די פּראָדוצירער: אַ פולקאָם-פּראָלעטאַריזירטער אַרבעטערשאַפט, וואָס האַלט זיך בײַ דער אַרבעט נאָר דורך דעם אָנטרײַב פונם געלט-פאַרדינסט-מאָטיוו, און פון אַן אָנפירנדיקער שיכט פון אינטעליגענטן, וואָס זייער נחת-רוח דורך דער אָנפירונג מיט דער פּראָדוקציע איז דער וויכטיקסטער באַדינג פון דעם פאַבריקס-דערפאָלג, פון דער מזל ברכה אין דער פּראָדוקציע. דידאָזיקע שיכט ווערט אַ דאַנק דעם אומשטאַנד די מאָדערנע טרעגערין פון דעם פאַרצײַטיקן געהויבענעם פּראָדוקציע-מאָטיוו, וועלכער האָט דורכגעדרונגען דעם בעל-מלאכה און וואָס איז הײַנט אָפּגעזונקען געוואָרן בײַם קאַפּיטאַליסט, אַזוי גוט ווי בײַם פּראָלעטאַריער, צו אַ מדרגה פון אַ טרוקענעם געלט-פאַרדינסט-מאָטיוו. זי איז די איינציקע שיכט, וואָס איר עקאָנאָמישע פונקציע גופא ברענגט מיט זיך, אַז איר אַרבעטס-מאָטיוו ליגט קודם כל אין דער צוועקמעסיקער אָרגאַניזאַציע, אין דער קוואַליטעט פון דער פּראָדוקציע, ד. ה. אין דינסט פאַרן טובת הכלל. נו, אויב דאָס

איז בעזאָגט געוואָרן מכּח דער גרויס-אינדוסטריעלער פאַבריק, אין וועלכער, ווי עס שיינט אויפן ערשטן בליק, עס ווירקט נאָר דער אומבאַשרענקטער פּראָפיט-אינסטינקט, טאָ איז דאָס נאָך על אחת כּמה וכמה ריכטיקער בנוגע צו אַלע אַנדערע פונקציעס פון דער אינטעליגענץ: פאַר די האַנדלס-, טראַנס-פּאָרט- און קרעדיט-אונטערנעמונגען, וואָס זייער אײַנקונפט הענגט אָפּ אויסשליסלעך פון דער קוואַליטאַטיווער גײַסטיקער איניציאַטיוו, פאַר די פרייע פּראָפעסיעס, פאַר דער לערער-שאַפט, פאַר די פאָרשער, וועלכע אַרבעטן בכלל נאָר צוליב גײַסטיקע צילן, און פאַר דער מלוכה, וואָס די אַרבעט אין איר איז אַממערסטן ענלעך צו דער אַרבעט לטובת הכּלל. אמת, די גײַסטיקע אַרבעט איז נישט אין דידאַקטיקע אַלע פאַלן אַ באַוווּסטזיניקע אַרבעט פאַרן כּלל, אָבער פונדעסטוועגן — און דאָס איז דער עיקר העיקרים — שטיצט זי זיך אויף אַ פּסי-כאָלאָגישן אַרבעטס-מאָטיוו, וועלכער דערבליקט זײַן ציל אין דער אַרבעט גופא און נישט אין אַ זײַטיקן צוועק, און איז דערפאַר טאַקע גרייט צו דינען דער געזעלשאַפט. אַ פּראָ-דוקטיווער פּלאַן, וועלכער וואָלט טאַקעווירקלעך זײַן אַ גע-זעלשאַפטלעכער פּלאַן, וואָלט דאָ גלײַך געפונען אַ וועג צו-צוקומען צו אַ פאַרווירקלעכונג, בעת פאַקטיש איז הײַנט בײַ די אַרבעטער די אינערלעכע גרייטשאַפט צו אַרבעט אין אַ גרויסער מאָס שוין צעשטערט געוואָרן דורך דער קללה פון דעם אַרבעטס-אומחשק.

אָט דער אינטעליגענטישער מאָטיוו צו דינען דער גע-זעלשאַפט קאָן אָבער באַטײַטן מער, ווי די בלויזע גרייטשאַפט צו אַרבעט; דער אינטעליגענט, וואָס איז באַזעלט פון דעם פאַרלאַנג צו זײַן נוצלעך דעם כּלל, קאָן זיך אויך אויסזוכן אַזאַ באַלעבאָס, וואָס וועט אים געבן אַ בעסערע באַפרידיקונג, ווײַל זײַן אַרבעט פאַר אַזאַ אונטערנעמער וואָלט, אגב, צוגעלאָזן אַ גרעסערע אַנטוויקלונג פון די שעפערישע פעאיקייטן זײַנע. נו, אויף אַזויפיל, אויף וויפל דער אינטעליגענט באַזיצט אין זיך אַ געמיינשאַפטס-גײַסט, וועט אים דער ווונטש, צו זײַן פאַרבונדן מיט אַ בעסערן באַלעבאָס, פירן צו דער אידעע מכּח דעם טובת הכּלל. אָט דאָ ליגט טאַקע דער פּסיכאָלאָגישער שורש פון דעם סאָציאַליזם פון דער אינטעליגענץ.

VIII

דער סאָציאַליזם פון דער אינטעליגענץ.

דער מענטש זאָל אַרבעטן לשם שמים און
נישט פאַר מאַכט? — ... ניט

> דער מענטש זאָל אַרבעטן לשם שמים און
> פֿדי לייכטער צו מאַכן דעם מענטשלעכן
> שיקזאַל.
>
> פֿראַנסיס בעקאָן.

איך ווייס זייער גוט, אַז פאַר אַ מאַרקסיסטיש־דענקנדיקן סאָציאַליסט וועט קלינגען ממש ווי אַ העזהדיקער פּאַראַדאָקס דאָס רעדן מכח אַ סאָציאַליזם פון אינטעליגענטן, נאָכדעם ווי איך האָב געזאָגט, אַז כ׳האַלט די אינטעליגענץ פאַר דעם קלאַס, וועלכער רעגירט איבער דער הייַנטיקער געזעלשאַפט. דער מאַרקסיזם גלויבט אַזוי שטאַרק אין דעם כּלל, אַז די געזעלשאַפטס־אָרדענונג און קלאַסן־הערשאַפט זענען צוויי גלייכ־באַדייטנדיקע באַגריפן, אַז ער פאַרזעט לגמרי די געזעלשאַפטס־איבערקערנדיקע כּחות, וועלכע איר קאָנט נישט צוריקפירן אויף דעם אינטערעסן־קאַמף פון דעם אונטערדריקטן פּראָלעטאַריאַט.

דאָ שטעלט זיך אַרויס, אַז דאָס דערקלערן דעם באַגריף „קלאַס” דורך דער געזעלשאַפטלעכער פונקציע און דורך דער טענדענץ פון סאָציאַלן ווילן, וואָס איז מיט אַזאַ פונקציע פאַרבונדן, האָט אַ גאַנץ אַנדערן זין, ווי די ביי די פּראָפעסאָרן אַזוי אָנגענומענע און באַליבטע נייע קלאַסיפיקאַציע פון אַלטע אינהאַלטן לויט אַ שפּאָגל־נייער טערמינאָלאָגיע. אָבער דער, ווער ס׳שטעלט אַוועק אָנשטאָט דעם מעכאַניסטישן פּרינ־ציפּ פון אינטערעסן־קעגנזאַץ און פון קאַמף פאַר מאַכט, ווער ס׳שטעלט אַוועק אָנשטאָט אַזאַ פּרינציפּ דווקא דעם אָרגאַנישן

באגריף מכח א סאָציאַלער פונקציע און די באַגריפן מכח סאָציאַל-עטישע געפילן און ווילן-טענדענצן, וועלכע פאַרענדערן זיך אין גאַנג פון דעם געשיכטלעכן פּראָצעס, אָט דער מענטש ווערט בכלל אריבערגעטראָגן אין אַן אַנדער ספּערע פון דענקען. ערשט אויפן יסוד פון אַזאַ געדאַנקענגאַנג איז מעגלעך טיפער צו באַנעמען דעם סאָציאַלן באַגריף מכח דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, מחמת דערדאָזיקער באַגריף ווערט דאַן אָפּגעטיילט פון דער צו-אַבסטראַקטער השערה מכח דער הערשאַפט פון דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס, וועלכע באַזירט זיך, ווי ס'זאָגט די טעאָריע, אויף דער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער מאַכט.

די קאַפּיטאַליסטן, ד. ה. לויט דער טעאָריע פון קאַרל מאַרקס יענע מענטשן, וואָס לעבן פון דעם מערווערט, וואָס איז פּראָדוצירט דורך א פרעמדער אַרבעטס-קראַפט, זענען א גאָר קליינע מינדערהייט פון דער באַפעלקערונג. מ'קאָן זייער גוט זיך פאָרשטעלן א קאַפּיטאַליסטישן געזעלשאַפטס-סדר, וואָס זאָל לגמרי נישט האָבן א הערשנדיקן קלאַס פון קאַפּיטאַליסטן, פונקט אַזוי ווי מ'קאָן זיך פאָרשטעלן א קאַפּיטאַליסטישן קלאַס אפילו אין א נישט-קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. אַן אַקציע-געזעלשאַפט, וואָס אירע אַקציעס געפינען זיך אין די הענט גאָר פון א מאַסע קליינע אַקציאָנערן, למשל אין די הענט פון אירע אייגענע אַרבעטער, וואָלט געקאָנט זיך באַגיין גאָר אינגאַנצן אָן קאַפּיטאַליסטן, ווייל דאָס, אַז איינער פאַרמאָגט עטלעכע אַקציעס, מאַכט פון אים נאָך נישט קיין קאַפּיטאַליסט, אויב אַזאַ איינער פאַרדינט זיין טעגלעך ברויט פון לוין-אַרבעט אָדער פון קליין-מסחר. און דאָך וואָלט אַזאַ אונטערנעמונג געמוזט באַטראַכט ווערן ווי א קאַפּיטאַליסטישע, כל זמן און ווייל זי איז אויפגעבויט אויף דעם פּרינציפּ פון געלט-פאַרדינען אין דער פאָרם פון קאַפּיטאַל-פּראָפיט. נו, וואָס איז ריכטיק מכח אַן איינצל-אונטערנעמונג, איז אויך ריכטיק לגבי דעם גאַנצן געזעלשאַפטלעכן סדר; געוויס, אַזאַ קאָאָפּעראַטיווע פּראָדוציר-פאָרם מיט דער ברייטסטער פאַרטיילונג פון קאַפּיטאַל, אָלזאָ אָן א פאַקטישן קאַפּיטאַליסטישן קלאַס, איז גאַנץ מעגלעך, זי וואָלט אָבער דאָך, — זאָגט וואָס איר ווילט, — געווען

דורכאויס קאַפּיטאַליסטיש, ווייל די עצם פּראָדוקציע פון די איינצלנע קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען וואָלט געווען געפירט לשם אַ פּרינציפּ פון יאָגן זיך נאָך פּראָפיט. פּאַרקערט, אויך אַ מין גילדן-סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע, ווי עס האָט, למשל, פּאָרגעשלאָגן דער פּלומב-פּלאַן פאַר די אייזנבאַנען אין אַמעריקע, וואָלט אויף קיין פאַל נישט געמאַכט אַ סוף צו די קאַפּיטאַליסטן אין אָט דער אינדוסטריע; זיי וואָלטן אויך ווייטער געקאָנט באַזיצן דאָס נאָמינאַלע אייגנטומס-רעכט, באַקומען דיווידענדן און האָבן זייערע פאַרטרעטער און דירעקטאָרן אין דער אייזנבאַן-פאַרוואַלטונג. און פונדעסטוועגן וואָלט דאָך אַזאַ מין אונטערנעמונגס-פאָרם אויפגעהערט צו זיין קאַפּיטאַליסטיש תיכף פון דעם מאָמענט אָן, ווען די צוויי-דריטלמערהייט פון די פאַרטרעטער פון די אַרבעטנדיקע און קאָנסומענטן וואָלטן זי פאַרוואַנדלט פון אַן אונטערנעמונג, וואָס פירט זיך צוליב קאַפּיטאַל-אָנזאַמלונג, אין אַן אַרבעטס-געמיינשאַפט, וואָס אַרבעט לטובת דעם כּלל, ד. ה. אין דינסט פון דער טראַנספּאָרט-פונקציע אין סאָציאַל-עקאָנאָמישן לעבן.

פאַר דעם עצם כאַראַקטער פון אַ געזעלשאַפטלעכן סדר איז נישט אַזוי וויכטיק דאָס, ווי אַזוי ס'פאַרטיילט זיך אין אַ באַשטימטן מאָמענט די פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע מאַכט צווישן די פאַרשיידענע קלאַסן, ווי ס'איז וויכטיק דאָס, וועלכע אַרבעטס-מאָטיוון, וועלכער רעכט-פּרינציפּ, וועלכער מאָראַלישער ציל, וועלכער קולטור-אינהאַלט באַשטימען דעם שטייגער פון לעבן און שאַפן פון אַלע קלאַסן. די הערשאַפט פון קאַפּיטאַליזם באַטייט אַלזאָ, אין גרונט, אַ סך מער ווי נאָר די הערשאַפט פון דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס: זי באַזירט זיך אויף דעם פּרינציפּ, אַז יעדער איינער וויל ווערן אַ קאַפּיטאַליסט, ד. ה. אַז יעדער איינער פילט און דענקט מעשה קאַפּיטאַליסטישער אונטערנעמער.

נו, אויב דאָס וואָלט נישט געווען אַזוי, וואָלט דאָך, באַשר די קאַפּיטאַליסטן זענען אַזאַ לערכדיק-קליינער טייל פון דער געזעלשאַפט, געווען לחלוטין אוממעגלעך טאַקע די ווייטערדיקע עקזיסטענץ פון קאַפּיטאַליזם, בעת ס'הערשט דאָס סיסטעם פון דעמאָקראַטיע און דאָס אַלגעמיינע פּאָליטישע וואַל-

רעכט. אַט אין אַזאַ אויסגעשפּראָכן-קאַפּיטאַליסטישן לאַנד, ווי אַמעריקע אַפילו, איז דאָך דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס נישט נאָר אַ קליינע מינדערהייט, נאָר ער איז נאָך זייער ווייט פון צו האָבן דעם מאָנאָפּאָל פון דער פּאָליטישער און געזעלשאַפט־לעכער הערשאַפט, נישט קוקנדיק אַפילו אויף אַלע פאַקטישע מעגלעכקייטן אין זיין רשות צו באַאיינפלוסן די געזעלשאַפט־לעכע מיינונג מיט דער הילף פון די פּאָליטישע פּאַרטייען, פון דער פּרעסע. פון דעם דירעקטן אָפּקויפן דעם מענטשלעכן געוויסן, ווען אַרבעטער שטימען לויטן באַפעל פון פאַבריקאַנט א. א. וו. און פּאָרט פאַלט נישט אָן קיין איינציקע סאָציאַלע שיכט פון אַמעריקע מיט אַזעלכע זלזולים אויף דער מלוכה, ווי דאָס טוען די קאַפּיטאַליסטן גופא. דער אין גרונט פאַקטיש הערשנדיקער קלאַס איז דאָרט גאָר דער אומגעהייער-גרויסער מיטלשטאַנד פון די קלענערע סוחרים, די קליינע הויז-באַזי־צער, פּאַרמערס, באַאַמטע, פאַבריקס-אָנגעשטעלטע, אינטעלי־גענטן, און אַפילו טאַקע די בעסער באַצאָלטע אַרבעטער, וואָס זייער סאָציאַלן טיפּ האָט אַזוי ריכטיק געשילדערט סינקלער לואיס אין זיין בוך „בעביט". אָט די מענטשן זענען גאָר קיין קאַפּיטאַליסטן נישט. פאַרקערט, זיי שטעלן זיך ענערגיש אַרויס אַלס די קעגנער פון וואָל-סטריט און פון די טראָסט־מאַגנאַטן; און טאַקע, נישט געקוקט אויף די אַלע זאַכן, האָט גראָד דורך זייער הערשאַפט די אַמעריקאַנישע געזעלשאַפט באַקומען איר קאַפּיטאַליסטישן כאַראַקטער. פּשוט, ווייל זיי ווילן זיין קאַפּיטאַליסטן, און טאַקע די אַרבעטס- און פאַרדינסט־מאָטיוון פון דער קאַפּיטאַליסטישער געלט-ווירטשאַפט באַשטי־מען אַלע זייערע עטישע און סאָציאַלע אָפּשאַצונגען פון לעבן און יוועלטאָנשויאונג, און דערמיט אויך זייער גאַנצן קולטור־אינהאַלט.

דער קאַפּיטאַליזם באַטייט אַלזאָ נישט אַזוי די הער־שאַפט פון דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס, ווי די הערשאַפט פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּסיכאָלאָגיע. וואָס איז נוגע דער אינ־טעליגענץ בכלל, און באַזונדערס דער אינטעליגענץ, וואָס איז באַשעפטיקט אין דער אינדוסטריע, באַזיצן די קאַפּיטאַליסטן לגבי איר, אַ דאַנק זייער געלט-מאַכט, די דירעקטע מעגלעכ־

קייטן פון הערשאַפט און באַפרייַונג, וועלכע זיי נוצן מאַקע זיי געהעריק אויס; דאָס איז אַזוי גוט באַקאַנט, אַז ס'איז איבעריק וועגן דעם אַ סך צו רעדן. אָבער נישט אַזוי קלאָר און אָפן, הגם אַ סך וויכטיקער, איז דער פאַקט, וואָס די קאַפּיטאַליסטישע אידעאָלאָגיע פון דער מערהייט פון דער אינטעליגענץ באַזירט זיך סוף כּל סוף אויף דער פּסיכאָלאָגישער גרייטשאַפט צו דינען דעם קאַפּיטאַליזם, ד. ה. צו צופּאַסן זיך, נישט נאָר מיט דעם גוף נאָר טאַקע מיט דער נשמה, צו די פאָדערונגען פון דעם קאַפּיטאַליסטישן סדר. דאָס געלט, וואָס דער קאַפּיטאַליסט באַזיצט, קאָן פון זיך אַליין נישט הערשן איבער דער געזעלשאַפט; ניין, דאָס געלט גופא מוז אַליין אָנקומען צו די אָנפירנדיקע פונקציעס, וואָס ווערן אויסגעפירט דורך די אינטעליגענטן אין דער מלוכה און אין דער ווירטשאַפט. אַ נייע אָריענטאַציע ביי די אינטעליגענטן, למשל דער ווילן אויסצונוצן די הערשאַפטס-פונקציע, כּדי פּאַקטיש צו באַקומען טאַקע די פולע מאַכט, וואָס שטייט הינטער דערדאָזיקער הערשאַפט, וואָלט שוין זיין גענוג, אום צו קאָנען פאַרוואַנדלען די קאַפּיטאַליסטן אין אַ מער אָדער ווייניקער איבעריקן, אָבער אַזוי צי אַזוי מאַכטלאָזן, טייל פון דעם פּראָדוציר- און האַנדלס-פּראָצעס. דעררדאָזיקער ווילן צו מאַכט ביי דער אינטעליגענץ וואָלט באַטייט שוין אַן איבערוועלטיקונג פונם קאַפּיטאַליזם אַלס אַ פונדאַמענטאַל-טאָנגעבנדיקן פּרינציפּ פון דער געזעלשאַפט, וואָלט באַטייט אַ פאַרדרענגונג פון דעם פּראָפיט-צוועק אין דער עקאָנאָמיק דורך דעם צוועק פון געזעלשאַפטלעכן נוצן, אַ פאַרוואַנדלונג פון דער פּראָדוקציע אין אַ געמיינשאַפטס-דינסט, געבויט אויף די באַדערפענישן און נישט אויפן פּראָפיט. יעדעס שטרעבן, וואָס שטעלט פאַר זיך דעמדאָזיקן ציל, איז שוין אַן אינטעליגענטישער סאָציאַליזם, דאָס הייסט אַזאַ סאָציאַליזם, וועלכער זוכט צו מאַכן די מאָטיוון, וואָס האָבן זייערע וואָרצלען אין דעם אַרבעטס-שטייגער און אין דער פונקציע פון דער אינטעליגענץ, פאַר אַ יסוד פון דעם סאָציאַלן סדר.

אָט דערדאָזיקער אינטעליגענטישער סאָציאַליזם איז אין זיין תּוך פונקט אַזוי אינסטינקטיוו און אַזוי טיף פאַראַנקערט אין די געפיל-שטרעמונגען פון דעם אונטערבאַוווסטזיין, ווי

דער סאָציאַליזם פון די אַרבעטער-מאַסן. דער סאָציאַליזם פון די אַרבעטער, אין זיין גייסטיק-ענגסטער, אָבער אינסטינקטיוו-ספּאָנטאַנער פאָרם, וויל אַלע מענטשן מאַכן פאַר אַרבעטער. דער אינטעליגענטן-סאָציאַליזם אין דערזעלבער ספּאָנטאַנער פאָרם וויל זיי אַלעמען פאַרוואַנדלען אין אינטעליגענטן: דער פאַבריקס-דירעקטאָר זאָל זיין אַ דינער פון דער געמיינשאַפט, דער אַרבעטער זאָל זיין דער פירער פון דער מאַשין. אין ערגעץ קומט נישט אַזוי דייטלעך צום אויסדרוק די דאָזיקע אידעע, ווי אין דעם ענגלישן גילדן-סאָציאַליזם, וואָס איז די מאָדערנסטע און אַמיינסטן דורכגעטראַכטע פאָרם פון דעם סאָציאַליזם פון דער אינטעליגענץ. אַנטקעגן אים שטייט דער מאַרקסיסטישער קאָמוניזם, אַלס די טיפּישע היינטיקע פאָרם פון דעם אינסטינקטיוון, פּרימיטיוון סאָציאַליזם פון דעם פּראָלעטאַריאַט.

אין ביידע פאַלן שלאָגט דורך אַ שטרעבונג צו אַ נייער קלאַסן-הערשאַפט, הגם אָט אַזאַ שטרעבונג מעג זיך אַרויסגעבן נאָר ווי אַ כוונה, בטל צו מאַכן אַלע קלאַסן-קעגנזאַצן. דאָס גרונט-געפיל איז דערביי, אַז בלויז די אַנדערע קלאַסן, און נישט דער אייגענער קלאַס, זאָלן בטל ווערן. דער קאָמוניסטישער פּראָלעטאַריער וויל פּראָלעטאַריזירן די גאַנצע געזעלשאַפט, די מלוכה, די קולטור, ער וויל פאַרוואַנדלען דעם קלאַסן-קאַמפּס-מאָטיוו פון דעם אַרבעטער אין אַ מאָטיוו פון אַרבעט פאַר דער מלוכה. דער גילדן-סאָציאַליסט וויל, אַז דער פּראָפיט-מאָטיוו פון קאַפּיטאַליסט און פון דעם אַרבעטער זאָלן ביידע פאַרביטן ווערן דורך אַ נייעם דינסט-מאָטיוו פאַר דעם טובת-הכלל, פאַר דער געמיינשאַפט; אַלס אַן אידעאַלער טרעגער פון דעם דאָזיקן מאָטיוו, שוועבט פאַר זיין גייסטיקן בליק דער אינטעליגענטישער פאַבריקס-דירעקטאָר און פאַבריקס-באַאַמטער, וואָס זייערע עקזיסטענצן וועלן עקאָנאָמיש געזיכערט ווערן דורך אַ גענוגנדיקער שכירות.

אָט פון אַזאַ שטאַנדפּונקט געזען, איז דער גילדן-סאָציאַליזם דער יורש פון פאַביאַניזם. דער פאַביאַניזם איז אַרויסגעגאַנגען פון דעם גאַנץ ריכטיקן געדאַנק, אַז די אינטעליגענטן זענען שוין אייגנטלעך דער הערשנדיקער קלאַס אויף

אזויפיל, געמלעך, אויף וויפל זיי פירן אויס די הערשאַפטס-פונקציעס; און זאָל דאָס לעת עתה זיין אפילו אינם דינסט פון פרעמדע פּראָפיט-אינטערעסן. נו, כדי איינצופירן דעם סאָציאַליזם וואָלט מען, בכן, געדאַרפט קודם כל געווינען פאַר אים די אינטעליגענץ. זי וואָלט געדאַרפט גרייט זיין צו שטעלן זיך אין דינסט פון דער געמיינשאַפט און מיט זיך אויך דעם געזעלשאַפטלעכן אַפּאַראַט, וועלכער ווערט דורך איר אָנגעפירט, כדי זי זאָל אפילו די מלוכה גופא פון אינעווייניק פאַרוואַנדלען באַמעלעך אין אַ געמיינשאַפטס-אָרגאַניזאַציע. דידאָזיקע אידעע האָט אין ענגלאַנד באַקומען אַ ברייטערע פאַרשפּרייטונג, ווי דאָס דוכט זיך אויפן ערשטן בליק. אמת, אין גרונט, האָט דער געווערקשאַפטלעך-אָרגאַניזירטער אַרבעטער-קלאַס, און נישט קיין אַנדער גרופּע, פאַרוואַנדלט דעם ענגלישן סאָציאַליזם אין אַ פּאָליטישן מאַכט-פאַקטאָר. די אידעע אָבער, וואָס איז פאַרקערפּערט אין דערדאָזיקער מאַכט, איז אין תוך פאַביאַניש, און אירע פאַרשפּרייטער זענען על פי רוב אינטעליגענטן, וועלכע ווילן, ווי, למשל, דער גילדן-סאָציאַליסט ר. ה. טאָוני, פאַרוואַנדלען די „פּראָפיט-געזעלשאַפט" אין אַ „פונקציאָנעלער געזעלשאַפט", ד. ה. אין אַ געזעלשאַפט, וואָס באַזירט זיך דווקא אויפן פּרינציפּ פון אַרבעט און סאָציאַלן דינסט. זייער ציל באַצייכענען זיי אַלס די „אומוואַנדלונג פון דער אינדוסטריע אין אַ „פּראָפעסיע", וואָס דאָס איז דער ענגלישער ברייטער אויסדרוק פאַר יעדן מין פרייען באַרוף (ד. ה. „אינטעליגענטע פּרנסה").

דער גילדן-סאָציאַליזם, וואָס זוכט אָנצופאַרטרויען דער מלוכה דעם אַרבעטס-מאָטיוו פון דעם אינדוסטריעלן אינטעליגענט, ווייל אייגנטלעך, הגם אין אַן אַנדער פאָרם, נישט קיין אַנדער זאַך, ווי דעם ספּעציפיש-דייטשישן סאָרט פון דעם אינטעליגענטן-סאָציאַליזם, דהיינו — דעם באַאַמטן-סאָציאַליזם, וועלכער שטרעבט אויפסניי אויפצובויען די געזעלשאַפטלעכע עקאָנאָמיק דווקא אויף דעם יסוד פון דעם פאַרצייטיקן דינסט-מאָטיוו פון דעם מלוכה-באַאַמטן. דינסט-מאָטיוו און אַרבעטס-מאָטיוו זענען אין תוך נאָר צוויי פאַרשיידענע אויסדרוקס-פאָרמען פון יענעם מאָטיוו, וואָס איז אַלס אימגולט דער יסוד

פון יעדער גייסטיקער אַרבעט: די פרייד און אינערלעכע באַפרידיקונג ביי דער שאַפונג, ביי דער אָנפירונג, ביי דער פאַראַנטוואָרטונג, דער אויפבוי־אינסטינקט פון דעם שאַפנדיקן און טעטיקן מענטש, דער חשיבות־אינסטינקט און חשק צו שפּילן אַ ראָלע אין לעבן, וואָס זוכט אַ באַפרידיקונג אין דער פאַרגייסטיקונג פון אַן אַרבעט דורך דער אייגענער פערזענלעכקייט, דער ווילן צו געווינען מאַכט איבער זאַכן און איבער מענטשן — לכל הפּחות אַזויפיל מאַכט איבער זיי, אויף וויפל זייערע לייסטונגען לאָזן זיך אָנגעפירט און אָרגאַניזירט ווערן דורך אַ גייסט, וואָס ווירקט אַלס אַ סטימולירנדיקער און אָרגאַניזירנדיקער פאַקטאָר.

דער אינטעליגענט איז, בכן, גוט מסוגל דעם סאָציאַליזם אָנצונעמען, און דאָס — אויף אַזויפיל, אויף וויפל ער פילט אין דעם קאַפּיטאַליסטישן געזעלשאַפטס־סדר אַ מניעה פאַר זיין אַרבעטס־מאָטיוו. דאָס קומט פאָר אַ סך אָפטער, ווי דאָס רוב אַרבעטער שטעלן זיך פאָר. די אַרבעטער זענען צו שטאַרק באַדריקט דורך זייער אייגענעם סאָציאַלן מינדערווערטיקייטס־געפיל, וועלכעס איז פאַרבונדן מיט זייערע אומגעניגנדיקע שכירות, אום צו קאָנען פאַרשטיין, אַז אַפילו ביי אַן עקאָנאָמיש־געזיכערטער לעבנס־לאַגע איז פאָרט מעגלעך אַ סאָציאַלער מינדערווערטיקייטס־קאָמפּלעקס, וואָס שטאַמט פון די מניעות, אויף וועלכע די אַרבעטס־פונקציע פון אַ מענטש שטויסט זיך בסדר אָן. די טאַקטיק פון דעם געווערקשאַפטלעכן קאַמף אַרום די קליינע טאָג־פראַגן קאָן טאַקע דערפאַר נאָר זייער זעלטן אויסנוצן די לאַגע, וועלכע שאַפט זיך אַ דאַנק די פּסיכאָלאָגישע קעגנזאַצן צווישן דעם שטאַנדפּונקט פון דעם אַקציאָנער און דעם שטאַנדפּונקט פון אַ מענטש, וואָס פירט אויס אַ גייסטיק־פּראָדוקטיווע פונקציע אין פאַבריק. עס פעלט געוויינלעך די פאַרשטענדעניש, אַז דער אינזשינער און אַפילו דער וואַרשטאַט־מייסטער גראָד דערפאַר, ווייל זיין נשמה איז אַזוי שטאַרק באַהערשט פון דעם אַרבעטס־גייסט, פילט אַ רעסענטימענט קעגן דער, על פּי רוב אַנאָנים־אָנגערופענער, דאָס רוב פאַרשטענדנישלאָז־דעספּאָטישער, מאַכט פון דעם קאַפּיטאַל, אַ רעסענטימענט, וועלכער איז פאַרשיידן אין זיין מין, אָבער איז

אין תוך פאַרט פאַרגלייכבאַר צו דעם ענלעכן געפיל מצד דעם אַרבעטער. אָפט זעט אַזאַ אינטעליגענט, ווי דער פּראָפיט-גייסט „דערשטיקט” וויכטיקע נייע דערפינדונגען און שטעלט זיך אין קעגנזאַץ צום פאָרטשריט פון דער פּראָדוקציע און טעכניק.

דער אינטעליגענט אין דער אינדוסטריע פילט אַ געפאַר פאַר זיין חשיבות-אינסטינקט דורך דער ביוראָקראַטיזירונג און ספּעציאַליזירונג פון די פונקציעס, צו וועלכער עס שטרעבט די נשמהלאָזע מאַכט פונם קאַפּיטאַל. דער קינסטלער, דער וויסנשאַפטס-מאַן, דער שריפטשטעלער, דער דאָקטאָר, דער קאָפּ-אַרבעטער בכלל, וועלכער הענגט אָפּ פון דעם צאָלונגס-פעאיקן עולם, דאַרף גאָרנישט זיין באַזונדערס גייסטיק-דעליקאַט און פיינפילנדיק, אום צו פילן אַלס אַ בפירושע פאַרמינערונג פון דער חשיבות פון זיין אַרבעטס-פונקציע דעם אומשטאַנד, אַז ער מוז אָט די פונקציע פאַרקויפן פאַר געלט, און בפרט נאָך צו יענע מענטשן, וואָס על פי רוב קאָנען זיי גאָרנישט אָפּשאַצן איר ווערט. דער, ווער עס פירט אויס אַן אָנפירנדיקע פונקציע און שאַפט ביי דערדאָזיקער פונקציע דאָס בעסטע, וואָס זיין גייסטיקע פערזענלעכקייט קאָן אַרויסברענגען, איז גאָרנישט גערן אַוועקצושטעלן זיין העכערן אַרבעטס-מאָטיוו אינם דינסט פון אַ פרעמדן און נידעריקערן פּראָפיט-מאָטיוו. אַ מענטש דינט נישט גערן דעם באַלעבאָס, וועלכן ער וועט נישט רעספּעקטירן העכער ווי זיך אַליין. דער באַאַמטער, פון וועלכן די מלוכה פאַרלאַנגט אַ פאַרדרענגונג פון דעם פּראָפיט-מאָטיוו דורך דעם דינסט-מאָטיוו, אַ פאַרדרענגונג, וואָס ווערט פון זיך אַליין אַ פעסטע געוווינהייט, וועט אַזאַ צושטאַנד זיין בכח אויסצוהאַלטן אַ לאַנגע צייט נאָר בתנאי, ווען ער וועט קאָנען דערבליקן אין דער אַרבעט פאַר דער מלוכה אַן אַרבעט פאַר דער געמיינשאַפט. פשוט גערעדט: דורך דעם, וואָס ער וויל, אַז די מלוכה זאָל דערהויבן ווערן צו אַן אמתער געמיינשאַפט, זוכט ער אויך צו שאַפן פאַר דער פונקציע, וועלכע ער אַליין פירט אויס, אויך אַ העכערע חשיבות. פונקט אַזוי ווי ביי דער אַרבעטערשאַפט, באַזירט זיך, בכן, אויך ביי דער אינטעליגענץ די גרייטשאַפט צו טראָגן אַ סאָציאַליסטישע געזינונג אויף אַ מינדערווערטיקייטס-קאָמפּלעקס, דהיינו: אויף

א ווידערשטאנד מצד די סאציאלע אינסטינקטן אין מענטש קעגן א סאציאלן סדר, וואס גיט נישט קיין באפרידיקונג אט דידאזיקע מענטשלעכע אינסטינקטן.

דידאזיקע אינסטינקטן זענען אבער אין אט די צוויי פאלן (ביים ארבעטער און אינטעליגענט) נאר טיילווייז דיזעלביקע. נאטירלעך, דער מאטיוו פון פארדינען געלט, וועלכער איז לכתחילה ביי דעם אינטעליגענט נישט וויניקער שטארק ווי ביי דעם ארבעטער, ווערט אבער בדרך כלל ביי דעם אינטעליגענט בעסער באפרידיקט און שפילט א דאנק דעם נאר א צווייט-קלאסיקע ראלע ביים אויפקומען פון זיין מינדערווערטיקייטס-קאמפלעקס. מ'מוז זאגן, אז אן אויסנאם שטעלן פאר אין דערדאזיקער הינזיכט נאר די „דעקלאסירטע" אינטעליגענטן. זייער מינדערווערטיקייטס-געפיל האט א גרויסע ענלעכקייט מיט אט דעם געפיל פון דער ארבעטערשאפט, ווייל עס שטאמט פון אן עקאנאמישער שטערונג אויפן וועג פון דעם מאטיוו צו פארדינען געלט און פון דעם חשיבות-אינסטינקט, דעם פסיכישן דראנג צו שפילן א ראלע אין דער געזעלשאפט. און דאך אונטערשיידט עס זיך פון דעם מינדערווערטיקייטס-געפיל פון ארבעטער דערמיט, וואס דער געפּענטעטער חשיבות-אינסטינקט פון דעם דעקלאסירטן אינטעליגענט טראגט דאס רוב א זייער שטארק באטאנטן עגאאיסטישן כאראקטער; דאס געפיל, וואס ביי דעם ארבעטער קריסטאליזירט עס זיך אויס אין א סאלידאריטעט, האט אין פאל פון דעם דעקלאסירטן אינטעליגענט די טענדענץ צו דערשיינען נאר אלס א קרענקלעכע איבערטרייבונג פון דעם גייסטיקן חשיבות-אינסטינקט אויף א שטייגער פון דער פרעטענזיע פון א „נישט-אנערקענטן געניוס", אלס א פערזענלעכע קנאה, וואס מ'טראגט אין הארצן אין באצוג צום גרעסערן בעל-מזל, באזונדערס לגבי דעם אייגענעם גליקלעכערן פאך-קאלעגע. אין די אגיטאטארישע אנפאנגס-צייטן פון דער סאציאליסטישער באוועגונג אין דערדאזיקער אינטעליגענטן-טיפ געווען גאר און גאר צאלרייך א דאנק די אדוואקאטן מיט וויניק ארבעט אבער מיט א סך אמביציע, די נישט-אנגענומענע אדער אפגעזאגטע באאמטע, איינגעבילדעטע האלב-געלערנטע — צווישן זיי א סך לערער, נישט

אָנערקענטע דערפינדער, נישט געדרוקטע דיכטער, צו־
אָריגינעלע מאָלערס און שלימזלדיקע קאַפע־ליטעראַטן פון אַלע
זיבעציק מינים. די אַלע נפשות זענען דעמאָלט געווען אין
דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אַ סך מער פאַרטראָטן ווי היינט־
צו־טאָג ; איצט עקזיסטירן זיי אין דער פאָרם פון קאָמוניזם און
נאַציאָנאַל־פאַשיזם, וועלכע זענען ראַדיקאַלערע באַוועגונגען ווי
די סאָציאַליסטישע, וואָס האָבן, בכן, אַ גרעסערע נשמה־קרובה־
שאַפט מיט דעם צעשטערנדיקן ניהיליזם פון אַט דידאָזיקע
אינדיווידועל־געפּענטעטע מענטשן, ווי ס'האָט דער מעסיקער
און ניכטערער סאָציאַליזם.

אין די לענדער מיט אַן אַנטוויקלטער אַרבעטער־באַוועגונג האָט אָבער דידאָזיקע שיכט שוין לאַנג אויפגעהערט צו
האָבן יענע באַדייטונג פאַרן סאָציאַליזם, וועלכע זי האָט געהאַט
אין פראַנקרייך צווישן די יאָרן 1848 און 1890, אָדער ווי זי
האָט היינט, למשל, אין בולגאַריע אָדער אין מעקסיקע. ווען
מען רעדט היינט־צו־טאָג אין דייטשלאַנד, אין ענגלאַנד אָדער
אין אַמעריקע מכּח דער באַציאונג פון דער אינטעליגענץ צום
סאָציאַליזם, האָט מען אין זינען נישט דווקא די טפל־דערשיי־
נונג פון די דעקלאַסירטע, נאָר דעם עיקרדיקן פאַקטאָר, וועלכן
ס'פאַרקערפּערן די געבילדעטע פון דעם נייעם מיטלשטאַנד,
די מענטשן, וואָס שטייען ביים רודער אין דער אינ־
דוסטריע, אין דער מלוכה, אין דעם קולטור־וועזן. מעג אַ
שטייגער אַ רואיקער שיף זיין נישט מער ווי אַ פּראָפּיט־אינ־
סטרומענט אין די הענט פון אַ קאַפּיטאַליסטן־גרופּע, אָבער די
מענטשן, וואָס לענקען פון קאָמאַנדאָ־בריקל די באַוועגונגען
פונם אָט דעם שיף אויף דעם ים, וואָס גיבן אים דעם קורס,
אַז צו שווימען, און וואָס אַרבעטן אין דער מאַשינען־אָפּטיילונג,
זענען זיך מתעסק בשעת מעשה מיט דער נאַוויגאַציע פון דעם
שיף, מיט דעם קורס אויפן ים, און נישט מיט דעם קורס פון
די אַקציעס פון דער שיף־געזעלשאַפט אויף דער בערזע. און
אַז דער שיף וואָלט געביטן זיין אייגנטימער און וואָלט גע־
וואָרן אַן אייגנטום פון אַ קאָאָפּעראַטיווער ים־פאָרער־גילדיע,
אָדער פון אַ געגאָסנשאַפטס־מלוכה, וואָלט דער נייער באַזי־
צער פונקט אַזוי וויניק געקאָנט אויסקומען אָן די שיף־אָפי־

צירן, ווי דער אַלטער; נישט נאָר אין דעם זין, וואָס זייער פונקציע לאָזט זיך נישט פאַרמיידן, נאָר אויך דערפאַר, וואָס זייער אַרבעטס־מאָטיוו שטעלט מיט זיך פאָר דעם נויטווענדיקן פסיכאָלאָגישן יסוד פון יעטוועדער טעטיקייט לטובת דער געזעלשאַפט. אָן קאַפּע־ליטעראַטן וואָלט דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפטס־סדר געקאָנט זיך זייער גוט באַגיין; אָבער נישט אָן אינזשינערן, אָן געלערנטע, אָן לערער, אָן געבילדעטע מלוכה־באַאַמטע און מלוכה־מענער.

האַנדלען האַנדלט עס זיך דערביי נישט נאָר מכח אַ צוקונפטס־פּראָבלעם. דער סאָציאַליזם אַלס אַ קולטור־רעוואָלוציאָנירנדיקע, קולטור־אויפבויענדיקע באַוועגונג טאָר דאָך נישט פאַרזען דעם פאַקט, אַז יעטוועדע טעטיקייט, וואָס גיט אַ ריכטונג און טאָן דער קולטור, איז היינט־צו־טאָג די מאַט פון דער אינטעליגענץ, אַ פּועל יוצא פון איר שאַפן. נאָכמער: דער אַנטי־קאַפּיטאַליסטישער פּרינציפּ אין סאָציאַליזם, אין מאָראַלישן און קולטורעלן זין, איז אַליין אַ ספּעציפישער פּראָדוקט פון די סאָציאַלע לעבנס־אומשטאַנדן פון דער אינטעליגענץ. די אידעע פון סאָציאַליזם איז אַנטשטאַנען נישט פון דער פיזישער נויט ביים האַנט־אַרבעטער, נאָר פון דער נשמה־נויט ביים קאָפּ־אַרבעטער. די אַרבעטערשאַפט, וואָס באַנוצט זיך מיט דערדאָזיקער אידעע אינם קאַמף פאַר דער פאַרבעסערונג פון איר לאַגע, ווערט נאָר אויף אַזויפיל געטריבן פון אָט דער אידעע, אויף וויפל זי גופא, די אַרבעטער־מאַסע, גייט איבער צו דער אינטעליגענץ, דאָס הייסט, אויף וויפל זי איז מסוגל צו פאַרגייסטיקן דעם קאַפּיטאַליסטישן פּראָפיט־מאָטיוו פון דעם מאַטעריעלן קאַמף און אים פאַרוואַנדלען אין אַ סאָציאַליסטישן דינסט־מאָטיוו און אַרבעטס־מאָטיוו. פון דעמדאָזיקן שטאַנדפּונקט וואָלט מען געקאָנט קוקן אויף דער גאַנצער פאַרווירקלעכונג פון סאָציאַליזם ווי אויף אַ פאַרוואַנדלונג פונעם פּראָלעטאַריאַט אין אַן אינטעליגענץ. נו, האַלטנדיק זיך אין די קאָנקרעטע פאַרהעלטענישן פון דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע, וואָלט מען דאָס געקאָנט אויסדריקן אַזוי: דער סאָציאַליזם קאָן נאָר אויף אַזויפיל פאַרווירקלעכט ווערן, אויף וויפל עס וועט זיך איינגעבן אומצוּוואַנדלען דעם אַרבעטער־

פון אַ גייסטלאָזן דינער פון דער מאַשין אין אַ אינטעליגענטן באַהערשער פון דער מאַשין. אָבער דער ווילן און די פעאיקייט צו באַהערשן די מאַשין, אין דעם אַלגעמיינעם זין פון אַ באַהערשונג פון טויטע זאַכן דורך דעם מענטשלעכן גייסט, זענען דאָך די סימנים פון דער אַרבעטס-פונקציע, פון דעם אַרבעטס-מאָטיוו פון דער אינטעליגענץ. פאַר יעטוועדער אָרגאַניזאַציע אין נאָמען פון געמיינשאַפטס-צילן איז דערפאַר ממש אַ לעבנס-פראַגע צו מאַכן פון דעמדאָזיקן אַרבעטס-מאָטיוו אַ פונדאַמענט און יסוד פון דעם געזעלשאַפטלעכן בנין.

פון אַלע פאָרמען פון סאָציאַליזם איז דער מאַרקסיזם די פאָרם, וועלכע פאַרשטייט אַמווייניקסטן די סאָציאַלע יסודות פון דער סאָציאַליסטישער נטיה בײַ דער אינטעליגענץ. אויף וויפל די אינטעליגענטן פאַסן זיך נישט אײַן אײַנגאַנצן צו דער פּסיכאָלאָגיע פון די אַרבעטער-מאַסן, זענען זיי פאַר דעם מאַרקסיזם נישט מער ווי „מיטלויפער". דער אינטעליגענט, וועלכער דינט דעם סאָציאַליזם דערמיט, וואָס ער פירט אויס אַ פונקציע אין דער אַרבעטער-באַוועגונג, קאָן זיך דערפאַר קיינמאָל נישט באַפרייען פון דעם געפיל, אַז זיין קלאַסן-אורשפרונג לייגט אויף אים אַרויף אַ שטעמפל פון אַ באַזונדערער מינדערווערטיקייט. איך אַליין, אַלס אַ פרייוויליק-דעקלאַסירטער, דיפּלאָמירטער אינטעליגענט, וועלכער האָט געדינט דער אַרבעטער-באַוועגונג אַלס אַ באַצאָלטער באַאַמטער, האָב דורכגעלעבט די אַלע דאָזיקע געפילן. מיר האָט זיך געדוכט, אַז די סאָציאַליסטישע איבערצייגונג פאַרלאַנגט פון מיר, מעשה קאַטעגאָריש געבאָט, אַז איך זאָל זיך אָפּזאָגן פון אַלע אויסערלעכע פּריווילעגיעס פון מיין פריערדיקן קלאַסן-מצב. איך האָב יאָרןלאַנג געשטרעבט אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך אַלץ, וואָס שיידט מיך אָפּ פון אַ פּראָלעטאַריער, ווייל איך האָב אָט די משא געשפּירט ווי אַ נשמה-חסרון לגבי די מאַסן, וועלכע איך האָב געוואָלט דינען. פרייוויליקע אָרעמקייט און אָפּזאָג פון אַלע פריערדיקע געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען זענען מיר נישט גענוג געווען, כּדי אָפּצוּוואַשן פון מיר די פּגימה — מיין בורזשואַזן יחוס. אומבאַוווּסטזיניק האָב איך געשטרעבט אין קליידונג, האַלטונג און שפּראַך וואָס מער צו פאַרקלענערן דעם מרחק

צװישן מיר און די אמתע אַרבעטער. ס'האָט אַפילו פּאַסירט, אַז צײַטנװײַז פלעג איך אַלײן װערן אַ פּשרער פּראָלעטאַריער, פלעג אַרומגײן אין שמוציקע בגדים און אָפּגעלאָזן. אָבער אַזאַ צושטאַנד איז געװען בײַ מיר אַ זעלטענע דערשײַנונג און פלעגט נישט אָנהאַלטן לאַנג. ערשט אין די שפּעטערע יאָרן האָב איך געכנומען פאַרשטײן, אַז סוף כל סוף קאָן מען זײַן אַ גוטער סאָציאַליסט און נישט מוזן אָפּזאָגן זיך פון די מאַניערן און מנהגים, װאָס זענען אײַנגעזאַפּט געװאָרן אין די קינדער-יאָרן. דידאָזיקע פאַרשטענדעניש האָט זיך נאָך געשטאַרקט דורך אַן אַנטדעקונג, װעלכע איך האָב געמאַכט מיט אַ געפיל פון אַ שמערצלעכער אַנטױשונג. נעמלעך, איך האָב ביסלעכװײַז אַרױסגעפונען, אַז די מײַסטע חברים, באַזונדערס די פירנדיקע באַאַמטע גופא אין דער באַװעגונג, מיט װעלכע איך האָב געהאַט טעגלעך אַ מגע ומשא, זײַ אַלײן האָבן, אין תוך גענומען, נאָכמער געהאַט אין זיך פון בורזשואַזן גײַסט, װי איך. זײַ האָבן געקוקט מיט קנאה און באַװוּנדערונג גראָד אױף די זאַכן און שטריכן אין מײַן פריערדיקן קלאַס, װאָס איך האָב אַממײַסטן געהאַסט אין דעם סאָציאַלן קלאַס, װאָס פון אים בין איך אַרױסגעקומען. נו, מיט באַרבאַרן װאָלט איך נאָך װי ס'איז מיך צוגעװױנט און געלעבט בשלום, אָבער מיט די האַלב-קולטיװירטע קלײנבירגער האָט זיך מיר נישט אײַנגעגעבן דאָס צו דערגרײכן...

װײַטער, זאָל מען זיך נישט לאָזן נאַרן דורך דעם פאַקט, װאָס די מאַסן-אָרגאַניזאַציע פון דער אַרבעטערשאַפט שטעלט מיט זיך בלומרשט פאַר אַ זײַער װיכטיק מיטל פאַר דער פאַרװירקלעכונג פון סאָציאַליזם, װי ס'איז די אינדיװידועלע אונטערשטיצונג מצד אײן מענטש, װי דאָס װערט געגעבן דער באַװעגונג דורך די אינטעליגענטן ; אָדער װי די לײַסטונגען פון די קאָפּ-אַרבעטער, װאָס דוקא זײַ פאָרמולירן די צילן פאַר דער מאַסן-באַװעגונג און פירן אין איר אױס די „אינטעליגענטע" פונקציעס, אָן װעלכע זי קאָן נישט לעבן. אַ װכּוח מבח אָט דעם ענין װאָלט געװען נישט מער װי אַ װאַריאַציע פון דעם נאַרישן פּלפּול-שטרײַט, װעלכער אָרגאַן איז פאַרן לעבן אַמנױטיקסטן : דער מאָגן צי דער קאָפּ. העכסטנס

האָט מען געקאָנט זאָגן, אַז די מאַכט פון דער פּראָלעטאַרישער קלאַסן־אָרגאַניזאַציע איז אַ הויפּט־באַדינג צו באַקעמפן מיט דערפאָלג די מאַטעריעלע ווידערשטאַנדן קעגן דעם סאָציאַליזם און אַז די געזינונג פונם אינטעליגענט איז אָבער אַ הויפּט־תנאי דידאָזיקע מאַטעריעלע פאַרענדערונג זאָל טאַקע ווערן אַ מיטל פאַרן אויפבוי פון אַ נייעם מאָראַלישן געזעלשאַפטלעכן סדר אויפן יסוד פון אַ נייעם פּסיכאָלאָגישן מאָטיוו. אָן דעם איינפלוס פון דעם מאָטיוו, וואָס לעבט אין דער אינטעליגענץ, וואָלט די אַרבעטער־באַוועגונג געווען נישט מער ווי אַ אינטערעסן־פאַרטרעטונג לשם דער אומוואַנדלונג פון דעם פּראָלעטאַריאַט אין אַ נייעם מין בורזשואַזיע.

מען קאָן אָפטמאָל באַאָבאַכטן אין מיניאַטור אַזעלכע פאַקטן, וועלכע אילוסטרירן דידאָזיקע פאַרהעלטעניש צווישן ביידע פאַקטאָרן פון סאָציאַליזם אין דער פולער גרויס פון אָט דעם פּראָבלעם, דהיינו, אַז דער אַרבעטער, וועלכער דערהויבט זיך סאָציאַל, — אויך אין דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אפילו און דורך איר — ווערט אליין אַ סך שנעלער פאַרבירגערלעכט, ווי דער סאָציאַליסטישער אינטעליגענט גופא ווערט עס אונטער די גלייכע אומשטאַנדן. ביי דעם אינטעליגענט איז דער מקור פון זיין אידעאָלאָגיע על פי רוב אַ פּראָטעסט קעגן דער קולטור פון דער בורזשואַזיע ; ער איז טאַקע אויף אַזויפיל מער פון אַרבעטער מסוגל צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד קעגן דעם כשוף פון די מאַטעריעלע נסיונות פון דער בירגערלעכער סביבה, אויף וויפל דער אינדיווידועלער גייסטיק־עטישער און נישט דער עקאָנאָמישער עלעמענט שפּילט אין זיין פּסיכאָלאָגיע אַ גרעסערע ראָלע אין פאַרגלייך מיט דעם מאַטעריעלן עלעמענט, וועלכער איז די וויכטיקסטע טרייב־קראַפט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. און זאָל מען זיך נישט לאָזן פאַרפירן נישט דורך דער מאַכט פון צאָל און פון אָרגאַניזאַציע, און נישט דורך דעם נוסח פון זייערע ליטעראַרישע דערקלערונגען ; אויך צווישן דער סאָציאַליסטיש־אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט זענען די סאָציאַליסטן נאָר אַ קליינע מינדערהייט, אויב מען זאָל אונטער סאָציאַליסטן פאַר-

שטיין אַזעלכע מענטשן, פאַר וועלכע דער מאָטיוו פון דער פאַרווירקלעכונג פון אַ נייעם געזעלשאַפטס-סדר איז געוואָרן דער אַנטשיידנדיקער באַשטאַנד-טייל פון זייער עטישן און גייסטיקן מהות. דער חלוק צווישן אינטעליגענטישן און אַרבעטער-סאָציאַליזם באַשטייט נישט אַזוי אין דער וועלטנהייט פון דער סאָציאַליסטישער געזינונג אין די קרייזן פון דער אינטעליגענץ, ווי אין דעם פאַקט, אַז ס׳פעלט אַ קלאַסן-באַוועגונג ביי דער אינטעליגענץ, וואָס וואָלט געקאָנט אַרויסטרעטן מעשה טרעגערין פון דערדאָזיקער געזינונג. אין דער צייט, ווען דער אַרבעטער-סאָציאַליזם טרעט אויף ווי אַ מאַכט-ווילן פון אַ קלאַס, פעלט אָבער לגמרי דערדאָזיקער מאָטיוו ביי דעם אינטעליגענטישן סאָציאַליזם, אָדער ער איז שטאַרק פאַרדרענגט געוואָרן אין דעם הינטערגרונט פון זיין באַוווסטזיין.

קוקט מען אויף דעם סאָציאַליזם ווי אויף אַ פועל יוצא פון אַ אינדיווידועלן ווילן, וועלכער ווערט געטראָגן פון דעם עטישן און יושר-געפיל, דעמאָלט איז דערדאָזיקער ווילן גלייך ווערטפול, אַלץ איינס צי ער שטאַמט פון דעם קאַמפּס-דראַנג מצד דעם אַרבעטער קעגן דער קלאַסן-נויט, צי פון דעם פּראָטעסט מצד דעם אינטעליגענט קעגן דער דערנידערונג פון זיין פּראָפעסיע דורך פּראָפיט-אַפּעטיטן ביים קאַפּיטאַל. דערביי קאָן דער אַרבעטער לערנען, אַז מען קאָן פאָרט זיין אַ סאָציאַליסט און נישט זיין קיין אַרבעטער. און פון דער אַנדער זייט קאָן מען זיין אַ קלאַסן-באַוווסטער, אָרגאַניזירטער אַרבעטער און נאָך ווייט פונדעסטוועגן נישט זיין אַ באמת-סאָציאַליסטישער מענטש. אויף אַזאַ אופן לערנען זיי זיך ביידע אויסצומעקן פון זייער נשמה די קללה פון דער קאַפּיטאַליסטישער צוגעבונדנקייט צו דער גשמיות-מאַטעריע: ביים אַרבעטער אַן איבערגעכאַפּטע מאָס קלאַסן-עגאָאיזם, ביים אינטעליגענט דאָס ביסל צופיל אינדיווידועלן עגאָאיזם; ביים אַרבעטער דאָס גלויבן אין דער פון זיך אַליין חסד און קדושה-שענקנדיקער מאַטעריע, ביים אינטעליגענט דער גלויבן אין דעם גייסט, וואָס איז כלומרשט אַליין ראוי און מסוגל צו דערהויבן דעם מענטשלעכן לעבן צו דער פולקאָמענסטער שטופע.

גו, נאָר אין דערדאָזיקער העכערער סינטעז-איינהייט, און נישט אין דער אונטערוואַרפונג פון איין עלעמענט אונטער דעם אַנדערן, קאָן זיך פאַרווירקלעכן דאָס, וואָס לאַסאַל האָט אַמאָל געפאָדערט אַלס דעם „בונד פון דער אַרבעטערשאַפט און דער וויסנשאַפט לשם דער רעטונג פון דער מענטשהייט"

הענדריק דע מאַן

די פּסיכאָלאָגיע פון סאָציאַליזם

יידיש: א. יעסעלסאָן

צווייטער באַנד

פאַרלאַג ח. בזשאָזאַ, וואַרשע, 1935

Printed in Poland

H. de Mann: Psychologja socjalizmu
Wydawnictwo Ch. Brzoza, Warszawa
Gęsia 25.

Druk. „Rekord" Warszawa
Zamenhofa 18 tel. 11.37-36

דריטער טייל

די באוועגונג

IX

פראלעטארישע קולטור אדער פארביר-גערלעכונג?

אך, צוויי נשמות לעבן אין מיין הארצן!

געטהע.

כדי פארשטענדלעכער צו מאכן די באציאונגען צווישן די סאציאליסטישע פארשטעלונגען פון די ארבעטער און זייער געפילס-צושטאנד, האב איך די סאציאלע סביבה פון קאפיטאליזם ביז איצט באהאנדלט פונקט ווי זי וואלט זיין אומפארענדערלעך אין רוים און צייט. נו, אויב מען זאל זיך האלטן ביי דער דאזיקער השערה, ווי מ'האלט זיך ביי א שטיק ווירקלעכקייט, טא וואלט מען אפשר געקאנט העכסטנס פארשטיין די אורזאכן און נישט די אופנים פון דער סאציאליסטישער באוועגונג. אמת, דעמאלט וואלט זי פאר אונז דערשינען ווי א קאריקאטור פון דער ווירקלעכקייט, ווי זי שטייט פאר די אויגן פון דעם מארקסיסטישן דאגמאטיקער. וויסן מוז מען, אז אויב די ביידע זיך באאיינפלוסנדיקע פאקטארן — די פסיכישע נאטור פון דעם מענטש און די סאציאלע סביבה — וואלטן בלייבן שטענדיק דיזעלבע, דעמאלט וואלט דאך, נאטירלעך, אויך דער רעזולטאט פון זייער באאיינפלוסונג, פון דער רעאקציע, די סאציאליסטישע ארבעטער-באוועגונג, שטענדיק און אויף א גלייכן אופן געשריטן צו איינעם אין דעמזעלבן אומפארענדערלעכן ציל, ביז די דערגרייכונג פון דעם דאזיקן ציל וואלט ארויסגערופן אן אנדער אופן פון דער פראדוקציע און דערמיט אויך אן אנדער סאציאלער סביבה.

אזא דערשיינונג ווי די סאָציאַליסטישע אַרבעטער-באַוועגונג, וואָס דויערט גאַנצע דורות און נעמט אַרום אַ האַלבע וועלט, קאָן נישט אויף אַזאַ אופן געפינען איר דערקלערונג. אַליין שוין נישט דערפאַר, ווייל זי גופא פאַרענדערט דאָך שטענדיק די סאָציאַלע סביבה, וועלכע איז איינע פון די פאַקטאָרן אין דעם פּראָצעס, פון וועלכן זי הענגט אָפּ, און פאַרענדערט אויך כסדר, דורך דעם גופא, דעם כאַראַקטער פון זיך, ווי פון אַ פועל-יוצא פון דעם פּראָצעס, וואָס שאַפט די באַוועגונג.

ראשית-כל וואַרפט זיך דאָ אין די אויגן דער פאַלגנדיקער צוזאַמענהאַנג פון פאַקטן: די סאָציאַלע לאַגע מאַכט די אַרבעטערשאַפט מסוגל אויפצונעמען די סאָציאַליסטישע געזינונג; דידאָזיקע געזינונג ווערט די וויכטיקסטע טרייבקראַפט, וואָס העלפט פאַרבעסערן איר מאַטעריעלע און גייסטיקע לאַגע; אָט די פאַרבעסערונג אָבער מאַכט זי אויפנאַמפעאיק פאַר די בירגערלעכע און קאַפּיטאַליסטישע קולטור-אימפּולסן, וועלכע ווידערשפּרעכן דער סאָציאַליסטישער געזינונג. אויב דער לאָזונג מכח דער „פּראָלעטאַרישער קולטור" האָט זייט דעם אָנהויב פון אונזער יאָרהונדערט באַקומען, אין די סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע קרייזן, אַ באַדייטונג, וועלכן ער האָט נישט געהאַט אין דער פריערדיקער אַרבעטער-באַוועגונג, איז נאָך דערמיט נישט אָפּגעלייקנט, נאָר דוקא באַשטעטיקט, דער פאַקט מכח דער וואַקסנדיקער פאַרבירגערלעכונג פון דער אַרבעטערשאַפט. דער געשריי מכח דער פּראָלעטאַרישער קולטור איז אַ קעגן-רעאַקציע פון אַ מינדערהייט פון אינטעלעקטועלע געזינונגס-סאָציאַליסטן לגבי און בנוגע דער דערשיינונג, אַז די מאַסן געפינען די באַפרידיקונג פון זייערע אינסטינקטיווע באַדערפענישן אַלץ מער אין דער בירגערלעכער קולטור. דערפאַר איז קיין וווּנדער נישט, אַז דער גלויבן אין דער פּראָלעטאַרישער קולטור איז אַ ספּעציפישער פּראָדוקט פון דער סאָציאַליסטישער אינטעליגענטן-געזינונג. די שנאה פון דער אינטעליגענץ צו דער בורזשואַזער קולטור איז טאַקע דער אויסגאַנגס-פּונקט פון דערדאָזיקער געזינונג.

די קנאים פון דער פּראָלעטאַרישער קולטור שטיצן זיך

גערן אויף דער פּאָלגנדיקער שטעלע פונם „קאָמוניסטישן מאַ-ניפעסט", וועלכער האָט אמת גאָרנישט בדעה אויסצודריקן דעמדאָזיקן באַגריף, שאַפט אָבער דעם פרייען אָרט, אין וועלכן עס ווערט שפּעטער באַשאַפן דער האָמונקולוס: „דער פּראָ-לעטאַריער האָט נישט קיין אייגנטום; זיין באַציאונג צו ווייב און קינד האָט שוין מער נישט קיין שום געמיינזאַמעס מיט די בירגערלעכע פאַמיליען-באַציאונגען; די מאָדערנע אינ-דוסטריעלע אַרבעט, די מאָדערנע פאַרשקלאַפונג אונטער דעם קאַפּיטאַל, — דיזעלבע אין ענגלאַנד ווי אין פראַנקרייך, אין אַמעריקע ווי אין דייטשלאַנד, — האָט פון אים אָפּגענומען יעטוועדן נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. די געזעצן, די מאָראַל, די רעליגיע זענען אַלע פאַר אים נישט מער ווי בירגערלעכע פאָראורטיילן, הינטער יעדן איינעם, פון וועלכע ס'באַהאַלטן זיך בלויז בירגערלעכע אינטערעסן".

לאָמיר שוין נישט רעדן וועגן דעם, אויף וויפל די צו-שטאַנדן פונם יאָר 1848 האָט האַרמאָנירט מיט דערדאָזיקער שילדערונג. וויכטיק איז דאָ נאָר פעסטצושטעלן, אַז די היינ-טיקעווירקלעכקייט האָט יעטוועדן פון די אויבן דערמאָנטע מעזיסן פאַרוואַנדלט אין זיין היפך.

דער פּראָלעטאַריער איז היינט אַ סך ווייניקער אייגענטום-לאָז ווי אין יאָר 1848. די פאַמיליע האָט פאַר אים נאָך אַ גרעסערע באַדייטונג ווי פאַר דעם בירזשויאַ: זיין באַציאונג צו דער פרוי איז ענגער, ווייל זי איז פאַר אים די איינציקע הילף אין דער הויז-ווירטשאַפט, אָן וועלכער ער קאָן זיך נישט באַגיין; זיין באַציאונג צו די קינדער איז אויך נענטער, ווייל זיי פאַרגרעסערן דעם פאַרדינסט פון דער פאַמיליע. די „מאָדערנע פאַרשקלאַפונג אונטער דעם קאַפּיטאַל" צייכנט זיך אויס נישט דורך דער „אָפּוואַרפונג" נאָר דורך דער שטאַרקע-רער באַטאָנונג פון דעם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער; די חילוקים אין דער סאָציאַלער לאַגע, ווי אויך אין דעם שטייגער דענ-קען פון דער אַרבעטערשאַפט „אין ענגלאַנד ווי אין פראַנק-רייך, אין אַמעריקע ווי אין דייטשלאַנד", האָבן זיך זייט דעם יאָר 1848 פאַרטיפט. נו, וואָס איז שייך דעם דרך-ארץ לגבי די געזעצן, לגבי דער מאָראַל, לגבי דער רעליגיע, איז דווקא די

אַרבעטערשאַפט הײנט כּמעט דער אײנציקער קלאַס, װאָס האַלט פֿון דעם דאָזיקן געפֿיל און קוקט נישט אױף אים װי אױף אַ „בירגערלעכן פֿאָראורטײל". ס'איז דאָך זיכער, אַז זי גלױבט אין אָט דעם געפֿיל מער פֿון דער בורזשואַזיע גופֿא. און װאָס איז נאָך באַצײכנדיקער: דער אַמשנעלסטן אױפֿשטײגנדיקער, אינטעליגענטער אַװאַנגאַרד פֿון דער אַרבעטערשאַפֿט װאַקסט טאַקע אַרײַן, דרינגט אַרײַן אין די „בירגערלעכע פֿאָראורטײלן" פֿון מאַקס-ענגעלס „מאַניפֿעסט", בעת דער אינטעליגענטער אַװאַנגאַרד פֿון דער בורזשואַזיע שאָקלט זיך פֿון זײ אָפּ.

דער „פּראָלעטקולט" איז אָדער אַ טעאָרעטישע צוקונפֿט-ספּעקולאַציע, אָדער אַ פּראָפּאַגאַנדיסטישער באַגריף, אָבער בשום-אופֿן נישט אַ לעבעדיקע װירקלעכקײט. די בײדע באַגריפֿן פּראָלעטאַריאַט און קולטור שליסן לגמרי אױס אײנער דעם אַנדערן, אױב מען נעמט דאָס װאָרט פּראָלעטאַריאַט אין דעם אורשפּרינגלעכן און מאַרקסיסטישן פּשט. די טיפּישע קלאַסן-לאַגע פֿון פּראָלעטאַריאַט איז אַ צושטאַנד פֿון באַזיצלאָזיקײט, פֿון סאָציאַלער אָפּהענגיקײט, פֿון אַ דעקװאַליפֿיצירטער אַרבעט. קולטור אָבער פֿאָדערט אַלס תּנאי כאָטש אַ קלײן ביסל באַזיץ, גײסטיקע אױטאָנאָמיע, פֿרײַע צײַט, לעבנס-פֿרײד און אַרבעטס-פֿרײד. נאָך קײנמאָל האָט אַן אונטערדריקטער קלאַס נישט געשאַפֿן קײן נײַע קולטור; ער האָט תּמיד געמוזט ערשט אָננעמען די קולטור פֿון די הערשנדיקע קלאַסן, כּדי נישט צו בלײַבן אונטערדריקט. די פּרימיטיװקײט פֿון די פֿריערדיקע קולטור-שטופֿן, װי, למשל, די ראָמאַנישע קולטור פֿון אונזער פֿריען מיטל-אַלטער, האָט זיך נישט באַזירט אױף דער קולטורעלער פּרימיטיװקײט פֿון אַן אונטערדריקטן קלאַס; זי איז געװען אַ יונגע, כּמעט אַ קינדערשע קולטור, אָבער דאָך אַ קולטור פֿון די אױבערשטע שיכטן פֿון יענער צײַט. דער פּראָלעט פֿון אונזער אינדוסטריעלער עפּאָכע איז נישט קײן פּרימיטיװער מענטש; ער איז אַ נישט-באַזיצער אין אַזאַ קולטור-געמײנשאַפֿט, װעלכע באַזירט זיך אױף דעם באַזיץ. יעטװעדע קולטורעלע שאַפֿונג דאַרף האָבן אַלס גרונט-תּנאי די זעלבשטענדיקײט און פֿאַראַנטװאָרטלעכקײט; דער הױפּט-שטריך

פון דעם פּראָלעטאַרישן אַרבעט־שיקזאַל איז אָבער, גראָד פאַרקערט, די אומזעלבשטענדיקייט און פאַראַנטוואָרטונגסלאָזיקייט.

אָבער, אין גרונט, דערקלערט דערזעלבער מאַרקסיזם, וועלכער גלויבט אין אַן אַבסאָלוט פּראָלעטאַריזירטע אַרבעטערשאַפט, אַז דידאָזיקע אַרבעטערשאַפט באַזיצט אין איר קלאַסן־קאַמף אַ גייעם קולטור־שאַפנדיקן מאָמענט, וועלכער איז פּרינציפּיעל אַנטקעגנגעשטעלט דער קאַפּיטאַליסטישער סביבה. אויך דידאָזיקע פאָרשטעלונג איז אַ טיפּישער ביישפּיל פון דעם אינטעליגענטישן אָפּטימיזם בנוגע צו די מאַסן. דער אינטעליגענט, וועלכער זעט אין ציל פון דעם אַרבעטער־קאַמף נאָר אין דעם איבערקער פון דער קולטור, רוקט אונטער, אויף אַ יסוד פון פאַלשער לאָגיק, דעם פּראָלעטאַריאַט זיין אייגענעם שטייגער דענקען, גראָד דערפאַר, ווייל דער קלאַסן־קאַמף פון דער אַרבעטערשאַפט איז אַ קאַמף פאַר קולטור־מעגלעכקייטן, איז דערדאָזיקער קאַמף נישט דאָסזעלבע וואָס די קולטור־טעטיקייט; די באַנייאונג פון דער קולטור קאָן אין בעסטן פאַל קומען ערשט נאָך דעם, ווי דער קאַמף האָט זיך שוין פאַרענדיקט מיט אַ נצחון און האָט פאַר די קעמפנדיקע מאַסן געבראַכט זיכערקייט און רו, וועלכע זענען נויטיק צוליב דער בילדונג פון קולטור.

קיינער טאָר דעם אינטעליגענט, נאַטירלעך, נישט פאַרבאָטן פריי צו ספּעקולירן, למשל, וועגן די פּרינציפּן פון דער קונסט אין אַזאַ אָדער אַנדערער סאָציאַליסטישער אָרדענונג. יאָ, ווען ער איז אַליין אַ קינסטלער, זאָל ער טאַקע פאַרזוכן, אויפן יסוד פון אַ פאַרבינדונג צווישן זיין אייגענער אינטואיציע און דעם אַבסטראַקטן דענקען, צו שאַפן קונסטווערק, וועלכע וועלן באַפרידיקן די פאָדערונגען וואָס ער אַליין שטעלט אַרויס צו דער צוקונפט. ביי די מערסטע פון דידאָזיקע פאַרזוכן שטעלט זיך אמת אַרויס, אַז דאָס טעאָרעטישע דענקען מעגט איבער די געפיל־אינטואיציע אויף אַזוי פיל, אַז ער ברענגט שאָדן דער פרייהייט און זעלבשטענדיקייט פון דער באמת שעפערישער אַרבעט. דאָס מערסטע, וואָס עס ווערט געשאַפן אויף דעמדאָזיקן אופן אין דער ליטעראַטור און קונסט, איז טאַקע דערפאַר אויך בלוט־אָרים, וואָס דאָס אַנטפּלעקט זיך

אין „דער בלאַסקייט פון געדאַנק". נאָר אַמאָל דאָ אָדער דאָרט קאָן אַ באַזונדערער טאַלענט אויף אַט אַזאַ וועג אָנצײַ־כענען אַ בילד פון דער מעגלעכער צוקונפט אין שאַפונגען, וואָס שטעלן פאָר אויך אין קינסטלערישן זינען אַ נייע פאָרם. עס האַנדלט זיך אָדער דעמאָלט שטענדיק וועגן דענקער אין קינסט־לער, וועלכע זענען אַליין דורכגעווייקט געוואָרן מיט אַלע זאַפטן פון דער בירגערלעכער, ד. ה. פון דער קלאַסישער, קולטור. דער ווערט פון זייער שאַפונג איז דעמאָלט אַ פועל־יוצא נישט פון דער פּראָלעטאַרישער אָרעמקייט אין דער קול־טור, נאָר פון דער בירגערלעכער עשירות אין דער קולטור. דאָס אַנטפּלעקט זיך שוין אין דעם, וואָס דערבײַ איז תמיד דאָ אַ באַוווסטזיניקע באַציאונג צו אַ באַשטימטער קולטור־פאַרגאַנגענהייט און טאַקע צו די פּרימיטיווע קולטור־פּעריאָדן, וועלכע זענען דאָך אויך נאָר אַ באַשטאַנדטייל פון דער היינ־טיקער „בירגערלעכער" קולטור־ירושה.

דאָס מערקווירדיקסטע איז דערבײַ, אַז דידאַקטיקע — אמת זעלטענע — שאַפונגען פון באַוווסטזיניקע סאָציאַליסטישע קול־טור־פּיאָנערן, טרעטן גאָרנישט אַרויס פון די ראַמען פון דער אַלגעמיינער קולטור פון זייער צייט; זיי זענען נאָר אַן עלע־מענט אין דער אַנטוויקלונג פון די קונסט־פאָרמען און די דענק־פאָרמען, פון וועלכע אויך די בירגערלעכע קולטורטרעגער פון דערזעלבער צייט זענען נישט בכח זיך צו באַפרייען. מ'קאָן זאָגן, אַז די סאָציאַליסטישע קונסט־שאַפונגען, דאָס הייסט אַזעלכע, וואָס דער גייסט פון זייערע שעפער איז באַ־פליגלט דורך דעם באַוווסטזיניקן ווילן צו זען פאַרווירקלעכט אַ סאָציאַליסטישע צוקונפט־קולטור, זענען דורכאויס נישט קיין פּראָלעטאַרישע קונסטווערק, נייערט זענען זיי די נייעסטע פאָרם פון דער בירגערלעכער קולטור. דער מזל פון סאָציאַליסטישע קינסטלער איז נישט אַ בעסערער, ווי דער מזל פון זייערע בירגערלעכע קאָלעגן, וואָס ווילן רעוואָלוציאָנירן די קונסט, אַרויסגייענדיק פון אַ ריין אינדיווידועלער נישט סאָציאַל־טעאָ־רעטיש באַגרינדעטער נייער פּאָזיציע; זייער אַרבעט לאָזט זיך נישט אָפּרייסן פון דעם צוזאַמענהאַנג מיט דער קולטור פון זייער צייט, זי איז פון אַט דער קולטור טיף באַאײַנ־

פֿלוסט און זי אַליין ווירקט אויף דער קולטור. יעטוועדער פֿוטוריזם, וועלכער היל פֿון אַ נייער וועלטאַנשויאונג אויס־קריסטאַליזירן אַ קונסט־פֿאָרם, ענדיקט זיך תּמיד דערמיט, וואָס ער שאַפֿט אַ פֿרישע צירונג פֿאַר די סאַלאָנען פֿון די מענטשן, וועלכע זענען בכּח צו באַצאָלן פֿאַר אָט דער קונסט; היינט־צו־טאָג הויבט ער אָפּטמאָלס אַפֿילו גלייך מיט דעם אָן. יעטוועדער דיכטער, יעטוועדער מוזיקער, וואָס דריקט אויס אַ נייע שפּראַך, ווענדט זיך סוף כּל סוף נאָר צו די, וועלכע קאָנען דידאָזיקע שפּראַך פֿאַרשטיין. און דאָס מערקווירדיקסטע בײַ דער גאַנצער גוטער סאָציאַליסטישער קונסט, וועלכע פֿאַרנעמט זיך נישט נאָר מיטן גיסן אַ נייעם וויין אין די אַלטע פֿלאַשן, איז דאָס, וואָס ס׳רוב מענטשן, וועלכע פֿאַר־שטייען איר שפּראַך, געפֿינען זיך דווקא אין די רייען פֿון דער בירגערלעכער אינטעליגענץ.

אויף וויפֿל מען איז בכלל באַרעכטיקט צו אידענטיפֿי־צירן קולטור־אינהאַלטן מיט יענע סאָציאַלע שיכטן, וואָס זייער אַנשויאונגס־ און אויסדרוקס־סטיל דריקן אָט די קולטור־אינ־האַלטן אויס; וואָס פֿון זיי און פֿאַר זיי זענען זיי אייגנטלעך געשאַפֿן געוואָרן, איז דאָך די גאַנצע היינטיקע קולטור, אויך און דווקא די סאָציאַליסטישע, די קולטור פֿון דער אינטעלי־גענץ. דער פּרע־ראַפֿאַעליזם (אַ קונסט־ריכטונג, וואָס האָט גע־שטרעבט צו באַלעבן די פֿאָרמען, וואָס זענען געווען פֿאַר־שפּרייט פֿון פֿאַר ראַפֿאַעלן, אין 16־טן יאָרהונדערט) פֿון דעם סאָציאַליסטישן דיכטער און קונסטהאַנטווערקער פֿון 19־טן יאָר־הונדערט, וויליאַם מאָריס האָט געגעבן די ריכטונג אויך דער דורך און דורך בירגערלעכער קולטור פֿון זיין צייט אין ענגלאַנד. דער באַרימטער האָלענדישער אַרכיטעקטאָר ה. פּ. בערלאַגע, וועלכער האָט, אַלס מאַרקסיסטישער סאָציאַליסט, אויף אַ היס־טאָריש־מאַטעריאַליסטישן אופֿן באַגרינדעט זיין צוריקקער צו די ראָמאַנישע בוי־פֿאָרמען, האָט, אויף וויפֿל איך ווייס, אין די צוויי צענדליק יאָר, וואָס זענען אַוועק נאָכן אויפֿבוי פֿון דעם בנין פֿאַרן בריליאַנטן־אַרבעטער־פֿאַרבאַנד אין אַמסטערדאַם, מער נישט געבויט קיין געווערקשאַפֿט־לאָקאַלן, דערפֿאַר אָבער אַ גאַנצע מאַסע פֿון ביוראָ־געביידעס פֿאַר פֿאַרזיכערונג־געזעל־

שאַפן און פאַר אַנדערע העכסט-בורזשואַזע באַשטעלער. די האָלענדישע דיכטערין הענריעטע ראָלאַנד האָלסט 1), וועלכע שאַפט יאָרן-לאַנג כסדר צוגרייטונגס-אַרבעטן צו אַ מאַרקסיס-טיש-באַגרינדעטער עסטעטיק, און איר אולטראַ-מאַרקסיסטישער אידישער חבר הערמאַן גאָרטער 2) האָבן מיט זייער סאָציאַ-ליסטישער קונסט געשאַפן נייע שיינקייטס-נאָרמען פאַר דער גאַנצער ליטעראַטור פון זייער לאַנד.

איך ווייס צו גוט פון מיין אייגענער דערפאַרונג, אַז פאַר דער אַרבעטערשאַפט איז אָט די גאַנצע קונסט נישט גאָר „צו הויך", נאָר דירעקט פרעמד. גראָד די בכיונדיק-פּרימיטי-ווע, געדאַנקען-שווערע איינפאַכקייט, וועלכע שיינט צו זיין פאַר די בעסטע פיאָנירן פון אַ סאָציאַליסטישער קונסט-פאָרם דער סטיל פון דער קומענדיקער צייט, דערשיינט אָבער פאַר דעם פּראָלעטאַריער אַלס העסלעך; העסלעך צוליב דיזעלביקע טעמים, וועלכע באַוועגן דעם קליין-בירגערלעכן עם הארץ אָפּצוּוואַרפן אַלע נישט-טראַדיציאָנעלע סטילן. דער אַרבעטער האָט נישט ליב פּרימיטיווקייט, האָט ליב סענטימענטאַליטעט. סאָציאַליסטישע קונסט איז פאַר אים — אויף וויפל ער שטעלט זיך בכלל עפּעס פאָר אין דעם פּרט — יעטוועדער טענדענציעזע מאַ-כערייקע, אויך ווען זי באַנוצט זיך אַפילו מיט די טראַדיציאָ-נעלע פאָרמען פון דעם סאַמע ערגסטן מין בירגערלעכן געשמאַק-

אפשר באַווייזט דאָס אַלץ נאָר, אַז ס'איז בעסער איבער-

---

1) ראָלאַנד האָלסט איז איינע פון די רעוואָלוציאָנערע קעמפער פון וועלט-סאָציאַליזם נאָך פאַר דעם קריג. נאָכן קריג איז זי געווען באַטראַכט אין קאָמוניס-טישן אינטערנאַציאָנאַל. אין יאָר 1928 האָט זי מיט אים איבערגעריסן צוליב זיין אָפּאָרטוניזם און טעראָריסטישער טאַקטיק. זי האָט פאַרעפנטלעכט אַ ריי ווערק („קאָמוניזם און מאָראַל", „דער וועג צו איינהייט"), אין וועלכע זי רעווי-דירט דעם מאַרקסיזם אין גייסט פון רעוואָלוציאָנער-עטישן סאָציאַליזם.

2) ה. גאָרטער, איינער פון די באַקאַנטעסטע דיכטער פון האָלאַנד, בלייבצייטיק אויך איינער פון די טעאָרעטישע פירער פון ראַדיקאַלן קאָמוניזם אין האָלאַנד. אין יאָר 1920 איז ער אַרויסגעטראָטן פון דעם קאָמוניסטישן אינ-טערנאַציאָנאַל, ווייל ער איז פאַר אים בעוועגן צו אָפּאָרטוניסטיש. זיינע געדאַנקען וועגן דעם האָט ער אויסגעדריקט אין זיין „אָפענעם בריף צו לענינען".

וויפּט נישט פּרוּוון איבערצוטראָגן דעם פּאָליטיש-סאָציאַלן באַגריף פון קלאַסן-אידעאָלאָגיע אויף דעם געביט פון קולטור. די קולטור פון אַ באַשטימטער צייט איז נישט עפּעס אַנדערש, אַלס דער אויסדרוק פון אַ וועלט-געפיל אין באַשטימטע פאָרמען, וואָס זייער סכום איז דער סטיל פון דערדאָזיקער צייט. ס'איז באַגרינדעט איינם וועזן פון דידאָזיקע פאָרמען, אַז זיי מוזן זיין אַ רשות פון דעם גאַנצן כלל. זיי זענען אַזוי אַזאַ געמיינזאַמער באַזיץ ווי די שפּראַך, וואָס פאַרבינדט אַ פאָלק צו אַ געמיינשאַפט און וואָס קיינער, וועלכער רעדט אויף דער שפּראַך, קאָן זיך פון איר איינפלוס נישט באַפרייען. די גרענעצן פון זייער גילטיקייט האָבן גאָרנישט צו טאָן מיט דער קלאַסן-צוגעהעריקייט, זיי צייכענען זיך אָן פשוט אין איינקלאַנג מיט דעם, צי מען פאַרשטייט די שפּראַך — גאַנץ גלייך, צי איז דאָס אַ שפּראַך פון אַ ליד, פון אַ געביידע אָדער פון אַ קאַמער-מוזיק. איינער פון די ווייניקע סטאַטיסטישע מאָסשטאַבן, וואָס מיר פאַרמאָגן, כדי אָפּצומעסטן די פאַרשפּרייטונג פון דער קולטור אין די אונטערשטע קלאַסן, איז די פאַרמערונג פון דעם וואָרט-אוצר ביי זיי; ביי דעם אַרבעטער דריקט זיך דאָס היינט-צו-טאָג אַפילו אויס אין אַ מאַניע צו געברויכן פרעמדע אָדער מאָדע-ווערטער. אָבער אַ געמיינזאַמע אויסדרוקספאָרם באַטייט אין גרונט דאָסזעלבע, וואָס אַ געמיינזאַמע אָנשויאונגס-פאָרם. קולטור, אַלס אַ סכום פון געמיינזאַמע אָנשויאונגספאָרמען, געהער צו דער צייט און נישט צום קלאַס. דער געבילדעטער סאָציאַליסט פון היינט איז אַלס קולטור-מענטש אַ סך ענלעכער צו דעם בירגערלעכן מענטש אויף דער געהעריקער בילדונגס-שטופע, ווי צו מאַרקסן, וועלכער איז אָבער גראַד דעריבער פיל מער געווען פאַרבונדן דורך קולטורעלע פעדים מיט ז י י נ ע צייט-חברים — אויך און דווקא מיט די, וועלכע ער האָט אַמשטאַרקסטן באַקעמפט.

פיל ענגער און דירעקטער זענען, נאַטירלעך, פאַרבונדן עטיק און רעליגיע מיט דער סאָציאַלער ווירקלעכקייט. דאָ קאָן מען אָבער אַמווייניקסטן רעדן מכּח אַ פּראָלעטאַרישער קולטור. די קלאַסן-לאַגע האָט אַ גרויסן איינפלוס אויף די מנהגים און מאָראַל; אויך דער קלאַסן-קאַמף קאָן איבערגעשטאַלטן די

מאָראַלישע אָנשויאונגען פון אַ קלאַס; אָבער קיינמאָל קאָן ער נישט ארויסרופן קיין מאָראַלישע מאָטיוון, וועלכע זענען נאָך נישט געווען פאַר אים. אין דעם מענטש ליגט אָן אַ אייביקער אייזערנער באַשטאַנד פון מאָראַלישער פאַראַנלאַגונג (די פעאיקייט צו באַנעמען בחוש די האַנדלונגען אַלס גוט אָדער שלעכט), וועלכן מען קאָן נישט דערקענען אָדער באַגרינדן דורך קיין שום סאָציאַלער וויסנשאַפט, ווייל ער קומט פריער פון יעטוועדער סאָציאַלער דערפאַרונג; נאָך מער, ער איז דער גרונט-תּנאי פון יעטוועדער עקאָנאָמישער טעטיקייט, פון יעטוועדער געמיינשאַפט. דער מענטש, אַלס מאָראַליש וועזן, מוז פון יעדער וויסנשאַפט אָנערקענט ווערן אַלס עפּעס געגעבענעס, וואָס זיינע פאַרענדערונגען קאָנען ווערן באַשריבן, וואָס זיין תּוך אָבער קאָן קיינמאָל נישט דערקענט ווערן, און באַגרינדעט ווערן — אוודאי נישט.

חוץ דעם איז דער עטאָס, די „זיטלעכקייט" פון אַ סאָציאַלער גרופּע — דאָס הייסט, דער אופן, ווי זי לעבט אין איינקלאַנג מיט אַ נאָרם, וואָס איז פון איר אָנערקענט געוואָרן — עפּעס אַנדערש ווי די עטיק, ד. ה. די דאָזיקע נאָרם גופא. די זיטן אָדער די עטיק זענען לויט זייער נאַטור נאָך אַ געמיינשאַפטס-באַגריף, דער עטאָס איז אַ באַגריף פון דעם אינדיווידועלן פאַרהאַלטן זיך, וואָס קאָן פאַרשפּרייט ווערן אויף סאָציאַלע גרופּעס נאָר בדרך אַנאַלאָגיע. די רעלאַטיווע באַשטענדיקייט פון די רעליגיעז-עטישע געבאָטן אין פאַרגלייך מיט די שטענדיקע שינויים פון דעם סאָציאַלן עטאָס איז דער צייטלעכסטער סימן, אַז די עטיק איז עפּעס אַנדערש ווי אַ פועל יוצא פון די צייטווייליקע סאָציאַלע אומשטענדן, אָדער, געברויכנדיק דעם אויסדרוק פון מאַניפעסט, „די געזעצן, די מאָראַל, די רעליגיע" זענען בשום אופן נישט קיין „בירגערלעכע פאָראורטיילן".

קודם כּל איז דאָס ריכטיק בנוגע דער אַרבעטערשאַפט. וואָלט דער אַרבעטער געהאַט נאָר אַ קלאַסן-מאָראַל, וועלכע באַזירט זיך נאָר אויפן געמיינזאַמען קלאַסן-אינטערעס, טאָ וואָס וואָלט אים אָפּגעהאַלטן צו טויטן זיין קלאַסן-קעגנער אָדער ביד חזקה אָװעקנעמען דעם באַזיץ, וועלכער איז, לויט דער

מערווערט-טעאָריע, אומגעזעצלעך דערוואָרבן געוואָרן? דער קאָנסעקווענטער מאַרקסיסט וועט אויף דערדאָזיקער פראַגע מסתּם ענטפערן, אַז טאַקע דער ריכטיק-פאַרשטאַנענער קלאַסן-אינטערעס דיקטירט נישט צו פאַרוואַנדלען דעם קלאַסן-קאַמף אין אַ קלאַסן-קריג; אפשר מיט דער איינציקער באַשרענקונג: — ביז צו דער רעוואָלוציע — דאָס הייסט, ביז צום מאָמענט, ווען די מאַכט-פאַרהעלטענישן וועלן זיך אַזוי פאַרענדערן, אַז דער אַרבעטער-קלאַס וועט ווערן דער שטאַרקערער צד. איז דאָס אָבער באמת נאָר די האַנט פונם געזעץ, וועלכע לאָזט נישט, אַז דער קלאַסן-קאַמף זאָל געפירט ווערן מיט די מיטלען פון מאַסן-פאַרברעכנס — אָדער דאָס זענען איבערלעבנס עטישע גרענעצן? איך גלויב, אַז דאָס איז טאַקע אַזוי. די עטישע אָנשויאונגען, וועלכע האַלטן אָפּ דעם סאָציאַליסטישן אַרבעטער צו פאַרווירקלעכן אין דער דירעקטער פּראַקטיק די באַקאַנטע עצה „רויבט דאָס אָנגערויבטע", זענען טאַקע דיזעלביקע „פאָראורטיילן", וואָס אַ דאַנק זיי ווערט ער ערשט אַ קלאַסן-קעמפער: אָן דעם עטישן חוש, וועלכער שטעלט אים אַוועק אונטער דער געזעלשאַפטלעכער נאָרם, וואָלט נאָך געקאָנט געמאָלט זיין רויב, נקמה און הריגה, אָבער נישט קיין געמיינשאַפטס-קאַמף, וואָס באַזירט זיך אויף אַ געמיינזאַמען רעכטס-געפיל. דער סאָציאַליזם איז אַ קאַמף-אורטייל קעגן דעם הערשנדיקן עטאָס אינם נאָמען פון דעם עטישן געזעץ, וואָס איז פאַר אַלע גלייך; אָדער, אויב מען זאָל נישט שרעקן זיך פאַר דידאָזיקע שלאָגווערטער, אַ פאַרמשפּטונג פון קאַפּיטאַליזם אין נאָמען פון קריסטנטום.

דערביי מוז מען נעמען אין אכט, אַז דער קלאַסן-קאַמף איז נישט דער איינציקער צושטאַנד, אין וועלכן דאָס עטישע באַוווסטזיין פונם אַרבעטער דריקט זיך אויס. ער איז נישט נאָר אַ קלאַסן-קעמפער, נאָר קודם כּל אַ מענטש, פאָטער, בירגער, שכן, חבר און אויך — די טעאָרעטיקער פאַרגעסן דאָס צו-אָפט — אַן אַרבעטער, ד. ה. אַ מענטש אין אַ פאַבריק, ווו עס געשעען נאָך אַנדערע זאַכן, אַ חוץ קלאַסן-קאַמף. און ווו ס'זענען דאָ נאָך אַנדערע באַציאונגען צווישן מענטשן, אַ חוץ דעם קעגנזאַץ צווישן עקספּלואַטאַטאָרן און עקספּלואַטירטע.

אין אָט די אַלע פאַרהעלטענישן איז ער אַרבעטער — ריכטיק
אַפילו דאָס קומט נאָר זעלטן צום באַוווסטזיין — אָפּהענגיק
ניט נאָר פון די מנהגים און זיטן פון אַן אַבסטראַקטער
קלאַסן-געמיינשאַפט, נאָר אויך און קודם כל פון די מנהגים
און זיטן פון אַ זייער קאָנקרעטער מענטשן-געמיינשאַפט, וואָס
מיט איר קולטור פאַרבינדט אים די געמיינזאַמע שפּראַך. די-
דאָזיקע געמיינשאַפט קאָן אין יעדן איינצלנעם פאַל לויט זייער
אומשטענדן זיין ברייטער אָדער שמעלער ווי דער קלאַס, זי
איז אָבער תמיד דער אויסדרוק פון דעם, אַז דער אַרבעטער
געהער צו עפּעס אַן אַלגעמיינעם סאָציאַלן סדר. אין דעם-
דאָזיקן סדר ווערן אַלע עטישע פּרינציפּן אָפּגעשאַצט לויט דעם
פּרעסטיזש פון יענע סאָציאַלע שיכטן, וועלכע פאַרקערפּערן די
עטישע פּרינציפּן פון דעמדאָזיקן סדר. דאָס איז געזאָגט גע-
וואָרן בנוגע דער עטיק, ווי אויך בנוגע דעם עטאָס (לעבעדי-
קע זיטן-פאָרמען); אויך דעם אַרבעטער דיקטירט די קריסטלע-
כע מאָראַל דעם „ואהבת לרעך“ און די פאַראַכטונג פון די
תענוגים פון עולם הזה, בעת דער קאַפּיטאַליסטישער עטאָס
דיקטירט אים קאָנקורענץ און געלט-פאַרדינסט.

אָבער דער עטאָס פון יעטוועדער עפּאָכע, וועלכע דער
מאַרקסיזם כאַראַקטעריזירט אַלס דעם עטאָס פון דעם הערש-
דיקן קלאַס, איז טאַקע דערפאַר דער עטאָס פון דערדאָזיקער
עפּאָכע בכלל. די הערשאַפט פון איין קלאַס באַזירט זיך סוף
כל סוף אויף דעם, וואָס זי שאַפט אַזעלכע באַדינגונגען, וועל-
כע צווינגען אַרויף אויך אויף די איבעריקע קלאַסן די עטאָס-
נאָרמען פון דעם הערשנדיקן קלאַס. נו, אויף וויפל עס אַנט-
שטייט קעגן דעם אַ פּראָטעסט — ווי דאָס איז דער סאָציאַ-
ליזם — קומט עס פאָר ניט אַ דאַנק עפּעס אַ נייעם עטישן
געפיל, נאָר אַ דאַנק דעם שוין עקזיסטירנדיקן געפיל, וועלכעס
איז געשעפט געוואָרן פון דער סאָציאַלער פאַרגאַנגענהייט.
קיין איינציקע רעוואָלוציע איז זיך ניט סומך אויף עפּעס
נייע, אַנטדעקטע מענטשן-רעכט; יעטוועדע רעוואָלוציע פאָדערט
די א י ב י ק ע מענטשן-רעכט, דאָס הייסט אַזעלכע, וועלכע
שיינען איר צו אַנטשפּרעכן דעם עטישן מהות פונם מענטשן

און וועלכע דערשיינען צו זיין פאַרלעצט דורך דער „אומגע־פירלעכער" סאָציאַלער לאַגע פון דער צייט.

דער עטאָס פון די באַהערשטע קלאַסן קאָן אויך דער־פאַר נישט אַזוי לייכט גרייכשעצן די טראַדיציאָנעלע עטיק, ווי דאָס טוען די הערשנדיקע קלאַסן; וויל אין די סיפּעגישן פון זייער נשמה שעפּן די אונטערדריקטע קלאַסן זייער קראַפט צוליידן און צו קעמפן פון דעם געפיל פון גוטס און שלעכטס, וועלכע עס באַזיצן פון דער נאַטור אַלע מענטשן, פון דער אידעע מכח דער טובת הכלל, מכח מענטשן־ווירדע, מענטשן־ליבע וכדומה.

אין דער מאָס אָבער, אין וועלכער אַ סאָציאַל־אויפ־שטייגנדיקער קלאַס שעפט זיין קראַפט פון דער עטיק פון זיין קולטור־סביבה, פאַלט ער אַריין אויך בנוגע זיין אייגענעם עטאָס אין אַן אייגנאַרטיקע, סתירותדיקע לאַגע. סאָציאַלער אויפשטייג באַטייט פאַרמערונג פון די באַרירונגס־פונקטן מיט דער קולטור פון די הערשנדיקע קלאַסן. ראשית, שוין דורך דעם, וואָס יעטווועדע אויסגעקעמפטע פאַרבעסערונג פון דעם מאַטעריעלן מצב שפּיגלט זיך אָפּ אין באַוווּסטזיין פון דעם מענטש, וועלכער געניסט דערפון, ווי אַ דערפאָלג פון דעם געלט־פאַרדינסט־אינסטינקט, און פאַרשטאַרקט אַלזאָ דערמיט דעמדאָזיקן אינסטינקט. אַ שטרייק צוליב אַ לוין־העכערונג מעג זיך אָפּשפּילן אין אַן אַטמאָספער פון סאַמע עטישן סאָ־לידאַריטעטס־קאַמף און מאָראַלישן פּראָטעסט קעגן דעם קאַפּי־טאַליזם; אָבער ווען דער קאַמף איז שוין פאַרענדיקט, טרעט אָפּ דער סאָציאַליסטישער מאָטיוו פון די געבראַכטע קרבנות צוריק לגבי דעם קאַפּיטאַליסטישן מאָטיוו מכח קאָנען געניסן לאַנג פון דעם מאַטעריעלן דערפאָלג. אָט אַזאַ מין פּסיכאָלאָ־גישע דערשיינונג האָט, אגב, מיטגעווירקט ביי יענער „דעגע־נעראַציע פון דער דייטשישער נאָוועמבער־רעוואָלוציע פון 1918 אין אַ פּשוטער לוין־באַוועגונג", אויף וועלכער ס'האָבן זיך אַזוי שטאַרק געקלאָגט די סאָציאַליסטן. דער, ווער עס האָט צו פאַרלירן נאָר זיינע קייטן, פילט זיך נאָר מעשה־רעוואָלו־ציאָנער; דער, ווער עס האָט עפּעס דערוואָרבן, פילט זיך אין באַצוג אויף דאָס דערוואָרבענע מעשה־קאָנסערוואַטיווער מענטש

דאָס איז חל אויך אויף די ווונשן, וועלכע די קלאַסן-לאַגע רופֿט אַרויס בײַ דער אַרבעטערשאַפֿט. אויף אַזויפֿיל, אויף וויפֿל זיי באַזירן זיך אויף דעם געלט-פֿאַרדינסט-אינסטינקט, אויף מאַטעריעלער קנאה, אויף דעם ווונש נאָך אַן עקאָנאָמישער עקזיסטענץ — קאָנען די ווונשן טאַקע בעתן קאַמף לכתחילה געשטײַגערט ווערן, ווײַל דער „אַפּעטיט קומט מיטן עסן״; אָבער סוף כּל סוף ווערט דערדאָזיקער ווונש אומגעוואַנדלט דורך דער באַפֿרידיקונג: דער זאַטער מענטש איז שוין אַן אַנדערער מענטש ווי דער הונגעריקער. דער ענגלישער פֿאַכאָווער אַרבעטער אין דער צײַט פֿון דעם קלאַסישן טרעד-יוניאָניזם און דער סאָציאַל-קאָנסערוואַטיווער אַמעריקאַנישער געווערקשאַפֿטס-מיטגליד פֿון דערזעלבער עפּאָכע זענען בײַשפּילן פֿון דעם, אַז אַזאַ באַפֿרידיקונג פֿון פּראָלעטאַרישע באַדערפֿענישן אין מאַטעריעלער הינזיכט קאָן זיך זייער גוט פֿאַרבינדן מיט דער אויפֿהאַלטונג פֿון דעם קאַפּיטאַליסטישן פּראָדוציר-סיסטעם. דעם פֿאַקט, אַז אַפֿילו די צוגעהעריקייט צו אַ פּאַרטיי מיט אַ סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערן פּראָגראַם באַשיצט נאָך לחלוטין נישט פֿון אַזאַ פֿאַרבירגערלעכונג, באַווײַזן, אויך אין לענדער מיט אַ מאַרקסיסטישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, אַ סך אינדיווידועלע קאַריערעס פֿון אַרבעטער, וועלכע זענען דערגאַנגען צו אַ געזיכערטער באַאַמטן-עקזיסטענץ, אָפֿטמאָל טאַקע אין די ראַמען פֿון דער אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע גופֿא.

און אויב, אין לויף פֿון דעם לעצטן יאָרהונדערט, וואַקסט דאָך בײַ די מאַסן תּמיד דער מרחק צווישן ווונש און באַפֿרידיקונג, טאָ איז דאָס טאַקע דערפֿאַר, ווײַל דערדאָזיקער ווונש באַקומט אַ גײַסטיק-עטישן טאָן דורך דער באַוווּסטזיניקער, אינם עטישן געפֿיל באַגרינדעטער, פֿאָדערונג פֿון יושר, וואָס באַשיצט אים פֿון איבערזעטיקן זיך. נאָר אויף אַזויפֿיל, אויף וויפֿל ס'איז לעבעדיק דאָסדאָזיקע עטישע באַוווּסטזײַן, ווערט דער אורשפּרינגלעכער אַנטי-בירגערלעכער מאָטיוו פֿון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער-באַוועגונג דווקא געשטאַרקט, אָבער נישט געזעטיקט, דורך יעטוועדער נײַער פֿאַרבעסערונג פֿונם לעבנס-מצב.

אָבער ווייל אינם גרונט פון דער אַרבעטער-באַוועגונג ליגן די מאָטיוון פון ביידע מינים, וואַקסט מיט דער צייט אויך די צווייפאַכיקייט פון זייערע פסיכאָלאָגישע ווירקונגען. די־דאָזיקע סתירה אַנטפּלעקט זיך אין די קעגנזאַצן פון מאַסע און פירער, פון טעאָריע און פּראַקטיק, פון גנעווערקשאַפטלעכער טעגלעכער אַרבעט און פּאָליטישער מאַסן-אַגיטאַציע און שטענדיק זענען נאָך צו דעם פאַרייניקטע אַנדערע זייטיקע אומשטענדן פון דעם אָדער יענעם מין. אַמאומיטלבאַרסטן ווירקט זי זיך אויס אין דעם אייביקן קעגנזאַץ צווישן עלטער און יוגנט; בעת דער עלטערער סאָציאַליסטישער דור באַמיט זיך תמיד מער מכּח דער אויפהאַלטונג פון די טיילווייזע דערפאָלגן, וואָס ביי זייער פאַרווירקלעכונג האָט זיך אין אַ גאַנצן היפּשער מאָס אָנגעזעטיקט זייער סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערע געווינונג, וועגט אַריבער ביי דער סאָציאַליסטישער יוגנט, לויט דער פסיכאָלאָגישער אייגנאַרטיקייט פון איר עלטער, דער גייסטיקער מאָטיוו פון שטרעבן צו אַן עטישער וועלט-באַנייאונג.

דידאָזיקע ווירקונגען זענען פאַרשיידן ביי די אַרבעטער-באַוועגונגען פון פאַרשיידענע צייטן און פאַרשיידענע פעלקער. אָבער די צייטלעכע און נאַציאָנאַלע ווירקונגען דאַרפן אונז נישט פאַרפירן מכּח דער אַלגעמיינגילטיקייט פון דער דערשיינונג, וועלכע ליגט אין זייער תּוך און וועלכע איז אַ סך טיפער באַגרינדעט, ווי אין די צופעליקע פּאָליטישע לאַגעס. די וואַקסנדיקע צווייפאַכיקייט פון די צילן אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג באַזירט זיך סוף כּל סוף אויף אַ וואַקסנדיקער צווייפאַכיקייט פון די מאָטיוון אין די אַרבעטער-מאַסן גופא. זייער וואַקסנדיק קלאַסן-באַוווסטזיין ווירקט זיך אויס אין צוויי ריכטונגען, וועלכע גייען זיך אַלץ מער פאַנאַנדער. דידאָזיקע טענדענץ איז באַגרינדעט אין דער פסיכאָלאָגישער אייגנאַרטיקייט פון דידאָזיקע מאָטיוון, באַזונדערס אָבער אין דער אומגעניגנקייט פון אַלע אויף ריין-אַבסטראַקטע וועגן אויפגעשטעלטע צילן פאַר מאַסן-באַוועגונגען. דער שליסל צום פאַרשטיין די טראַגישע צעשפּאָלטנקייט פון יעדן מענטשלעכן שטרעבן ליגט אין דעם, מ'זאָל פאַרשטיין די אייביקע שפּאַנונג צווישן דער אינסטינקטיווער געוווינהייט און דעם פאַנטאַזיע-

רייכן דענקען. דערפאַר טאַקע זעען מיר, ווי דאָס שטרעבן פון דער אַרבעטערשאַפט צו אַן אויסגלייך פאַר איר סאָציאַלן מינדערווערטיקייטס-קאָמפּלעקס ווירקט זיך אויס אויף אַ טאָפּלטן אופן; דאָסדאָזיקע שטרעבן רופט אַרויס גלייכצייטיק אַ צופּאַסונגס-רעאַקציע (ווי, למשל, נאָכמאַכן די העכערע קלאַסן) און אַ קעגנזאַץ-רעאַקציע (דער עסכאַטאָלאָגישער פאַרלאַנג צו אַן אַנטי-קאַפּיטאַליסטישער צוקונפטס-אָרדענונג). די צופּאַסונגס-רעאַקציע איז, ווי מיר האָבן שוין געזען, אַ דערשיינונג, וועלכע באַזירט זיך בשום אופן נישט נאָר אויף דעם אַלט-אינסטינקט; פאַרדינסט-אינסטינקט גופא שטייט נאָר אין דינסט פון דעם „געלטונגס"-אינסטינקט, פון דעם דראַנג צו אַ ראָלע און חשיבות אין סאָציאַלן לעבן. די פאַרגרעסערונג פון הכנסה, צו וועלכער מען שטרעבט, איז אייגנטלעך נאָר אַ מיטל אָפּצווישן בכלל די געזעלשאַפטלעכע מינדערווערטיקייט, צו דערהייבן די חשיבות און דעם רעספּעקט פונם מענטשן אין די אויגן פון זיין אייגענער סביבה. וואָס גרעסער איז דער קאָנטראַסט צווישן דער עקאָנאָמישער באַדערפעניש פון גלייכהייט און דער פאַקטישער עקאָנאָמישער אומגלייכהייט, אַלץ שטאַרקער איז דאָס שטרעבן פאָרט צו שאַפן פאַר דערדאָזיקער אומגלייכהייט אַן אויסגלייך מחוץ פון דעם ריין-עקאָנאָמישן געביט. דעמדאָזיקן אויסגלייך זוכט די אַרבעטערשאַפט קודם כל אויסצוווירקן אויפן קולטורעלן געביט.

בעת די טעאָרעטיקער זענען זיך מתעסק מיט דער דעפיניציע פון דער פּראָלעטאַרישער קולטור, פּרוּווט די פּראָלעטאַרישע מאַסע נאָכצומאַכן דער בורזשואַזיע אַלס דעם געבילדעטן און ציוויליזירטן קלאַס, פילנדיק אינסטינקטיוו, אַז די קולטורעלע פאַרהערשאַפט איז ענג פאַרבונדן מיט דער סאָציאַלער. מ'קאָן זאָגן, אַז אויף וויפל די פּראָלעטאַרישע קולטור איז בכלל עפּעס אַנדערש, ווי אַ פאַנטאַזיע-פּראָדוקט פון דער טעאָריע, איז זי אין תוך אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט. אין דער פרי-קאַפּיטאַליסטישער צייט, בעת דער פּראָלעטאַריאַט איז צוליב זיין געדריקטער לעבנס-לאַגע געווען כמעט אינגאַנצן אָפּגעשניטן פון אַלע קולטורעלע איינפלוסן, האָט ער נאָך נישט געהאַט קיין קלאַסן-באַוווּסטזיין אין סאָציאַליסטישן זינען.

דאָסדאָזיקע קלאַסן-באַוווּסטזיין גופא איז ערשט אַ פועל יוצא פון דער באַרירונג מיט דער צייט-קולטור, וואָס דאָס איז מעגלעך געוואָרן אַ דאַנק דער פאַרמערונג פון פראָלעטאַריאַט, דעם וווּקס פון די גרויסע שטעט, אַ דאַנק דער פאָלקס-בילדונג און דעם פאָרטשריט פון די מאַטעריעלע און גייסטיקע פאַרבינדונגען פון אַזאַ אַנטוויקלונג. דער פראָלעטאַריאַט האָט דעמאָלט טאַקע זיכער נישט געהאַט קיין סאָציאַליסטישע קולטור; אָבער דאָך האָט ער געהאַט אַ פראָלעטאַרישע קלאַסן-קולטור, הגם אַן אומאַנטוויקלטע, וועלכע האָט זיך אויסגעדריקט אין דער אייגנאַרטיקייט פון זיין לעבנס-שטייגער, פון זיינע באַציאונגען צו מענטשן, פון זיין געפילס-וועלט, פון זיין קליידונג און זיינע זיטן.

דידאָזיקע קולטור איז געווען אַ פראָדוקט פון איבערגעבליבענע אין אַ לעבעדיקער פאָרם טראַדיציעס פון בעל-מלאכות, פויערים און אָרעמע מענטשן, מיט אַ שטאַרקער צומישונג פון פאָלקסטימלעכן קריסטנטום. דער מאַטעריעלער יסוד פון אָט דער קולטור איז געווען די אָרעמקייט, וועלכע האָט געצוווּנגען צו אַן אייגענעם לעבנס-סטיל, אַן אָפּגעזונדערטן פון די איבעריקע קלאַסן. געוויס איז ער געווען פונקט אַזוי נישט איינהייטלעך, ווי דער סאָציאַלער מקור פון דעם קלאַס גופא. דער פראָלעטאַריאַט פון פאַר הונדערט יאָר, וועלכער האָט זיך דערלויבט צו האָבן נאָר אַ לייוונטענעם רעקל, אַ היטל און הילצערנע שיך און וואָס אין זיין אָרעם הייזל איז געשטאַנען נאָר אַ בעטל מיט אַ פאָר הילצערנע בענקלעך, אָן וועלכן נישט איז פוך, אויסער אַ פאָר רעליגיעזע בילדער אָדער אַן אַלטן וואַנט-קאַלענדאַר, אָט דער פראָלעטאַריער האָט טאַקע פאַרמאָגט אין זיין אויסערלעכן לעבן וו ניק „קולטור". אָבער דאָס, וואָס ער האָט פון איר געהאַט, איז געווען שטאַרק כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין קלאַס. אַ חוץ רעליגיעזע שריפטן האָט ער כמעט קיין זאַך נישט געלייענט; אָבער זיין אַרט דענקען איז גראָד דערפאַר געווען אַזוי נאַטירלעך. אַזוי דירעקט פאַרבונדן מיט זיין אייגענעם סאָציאַלן הינטערגרונט, ווי דאָס איז היינט-צו-טאָג מעגלעך אפשר נאָר אין די זייער אָפּגעלעגענע געגנטן ביי די אמתע פויערים. ער פלעגט גאָרנישט

האָבן בדעה נאָכצומאַכן די בירגערלעכע מאַניערן, סיידן בײַם אַראָפּנעמען דאָס היטל פאַר דעם באַלעבאָס אָדער פאַר דעם גלח. דידאָזיקע גאַנצע קלאַסן-קולטור האָט געטראָגן אויף זיך דעם שטאַרקסטן שטעמפּל, באַזונדערס אין די לענדער מיט דער דײַטשישער שפּראַך, פון די האַנטווערק-געזעלן. ווירקלעך דאָס קליין ביסל שיריים אָט פון די בעלי מלאכות זענען הײַנט כמעט די אײנציקע עדות, וועלכע דערמאָנען די צייט, בעת די אַרבעט- און די וואַנדערונגס-זיטן האָבן אַרומגענומען אַ גאַנץ קולטור-סיסטעם פון סאָציאַלע ווערטן, אַרבעטס-טראַדיציעס, מענטשלעכע באַציאונגען, פון שטייגער קליידונג און שפּראַכלעכע אײגנטימלעכקייטן צוזאַמען מיט אַ מערסטנס נישט-געשריבענער, און דאָך לעבעדיקער, ליטעראַטור פון לעגענדעס, משלים און לידער. דידאָזיקע גאַנצע פּראָלעטאַרישע קולטור איז פאַרשוווּנדן אויף דעמוּלבן אופן, ווי דער פּויערשער קליידונגס-שטייגער אין דאָרף. געשען איז דאָס אָבער אַ סך שנעלער.

דער הײַנטיקער פּראָלעטאַריער האָט אויסגעטאָן פון זיך דעם רעקל, דאָס היטל און די הילצערנע שיך, כדי אַרומצושפּאַצירן אינם פראַק פון אַ בירגערלעכן אַנצוג, אַ בירגערלעכן פילץ-הוט און בירגערלעכע זונטיק-שיך. אָנשטאָט די פריערדיקע פאָלקס-לידער, זינגט ער די לידלעך פון די נײַעסטע גאַסן- און טאַנץ נגונים פון דער נאָנטסטער גרויסשטאָט, גאַנץ גלייך פון וואַנען זיי קומען, צי פון בראָדוויי, פון מאָנמאַרטר אָדער פון די וועסט-קוואַרטאַלן פון בערלין. דאָרט, וווּ ס'איז פריער געשטאַנען דאָס פּשוטע אָבער באַקוועמע און באַשיידענע מעבל, וועלכע מ'האָט געירשנט פון זיידן, הערשט איצט דער לוקסוס פון אַ „פײַנער דירה", וועלכע דערמאָנט אָן אַ מוזיי פון אַלע מינים בירגערלעכע מיאוסע סוראָגאַטן. דער מאַהאַגאַני-געפאַרבטער יעלאַווער שראַנק, דער פּלושענער פאָטעל מיט די וואַקלדיקע געדרייטע פיס, די געשטיקטע דעקן, די גלאַנציקע וואַזעס מיט די קינסטלעכע בלומען, די פאָטאָגראַפישע גאַלעריע פון עלטער-זיידעס און פון קרובים אין יום-טובדיקע קליידער, דער גאַנצער רומל פון צירונג און לוקסוס-זאַכן פון מעש, בלעך, גלאָז, פאַרצעלאַן,

צעלולאָיד, האָלץ-שניצעריי — איילפאַרביקע בילדער מיט אַנדיכטס-קאַרטלעך דאַרף מען אויך נישט פאַרגעסן — אַלץ איז דאָ פונקט אַזוי, ווי דאָס איז ביי די שולעס אָדער ביי די מילערס, וואָס וווינען אין דעם ערשטן שטאָק און וואָס זייערע קינדער לערנען זיך אין די גימנאַזיעס; דאָס אַלץ אָבער — און דאָס איז מעגלעך! — נאָך העסלעכער, נאָך ביליקער, נאָך אומפּראַקטישער, ווייל דאָס מוז קאָסטן ווינציקער געלט און ווייל דער שטראָם פון דער מאָדע פליסט אַריין ערשט אין אַ סך יאָרן נאָך דעם גלאַנץ-פּונקט פון זיין איינפלוס צו די אונטערשטע שיכטן פון דער געזעלשאַפט. אויך אין דער קליידונג פון די פּראָלעטאַריער און זייערע פרויען דריקן זיך אויס די וואַקלונגען פון דער בירגערלעכער מאָדע, כאָטש אפילו צוליב דער פאַרשפּעטיקונג ווערן אירע עקסטרעמען ווי-נישט-ווי געמילדערט. דער אופן פון פאַרגעניגן, ווי, למשל, ביי דעם ספּאָרט-פאַנאַטיזם פון דער יוגנט, שטאַמט, אמת, פון די ספּעציפישע באַדערפענישן מכח אַ פסיכישן אויסגלייך ביי דעם שטאָטישן פּראָלעטאַריער; דערדאָזיקער אופן איז אָבער דאָך שטאַרק אָפּהענגיק אויך פון דעם אינסטינקט נאָכצומאַכן די „העכערע“ ביישפּילן. דעם סאָציאַל-נידעריק שטייענדיקן מענטש גיט הנאה דאָס, וואָס ער קאָן מעשה-ספּאָרט-מענטש, אָדער ווי אַ צושויער, נעמען אָנטייל אין אַ געזעלשאַפט, אין וועלכער די טאָן-געבער זענען ווירקלעכע אָדער פּלומרשדיקע דאַמען און הערן. אפילו אַזאַ קלייניקייט, ווי די פאַרדרענגונג פון דעם זיידנס פּיפּקע דורך דעם פּאַפּיראָס, זאָגט עדות מכח דעם שטרעבן צו פאַרקלענערן, ווי נאָר מעגלעך, די אויסערלעכע אונטערשיידן אין לעבנס-סטיל.

דאָס געזעץ פון שטרעבן צום פסיכישן אויסגלייך פאַר די מינדערווערטיקייטס-קאָמפּלעקסן לאָזט זיך פאָרמולירן אַזוי, אויב מען טראָגט אים אַריבער אויף דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן: „וואָס ווייניקער חשוב מען איז, אַלץ מער באַמיט מען זיך חשוב צו דערשיינען“. דער אָרעמאַן איז ווייניקער מקנא דעם רייכן זיין קאָמפאָרט ווי זיין לוקסוס, ווייניקער זיין וואַנע-צימער ווי זיין מאָטאָציקלעט, ווייניקער זיינע גוטע אונטערוועש ווי דאָס פיין זיידן טיכעלע אין דער רעקל-קעשענקע.

אין קיין בודזשעט פון אַ מיליאָנער פאַרנעמען נישט די הוצאות אויף „רעפּרעזענטאַציע״ פאַרהעלטניסמעסיק אַזאַ גרויס אָרט, ווי אין דעם בודזשעט פון דעם דורכשניטלעכן אַרבעטער. זייער פּראָפּאָרציע צו דער גאַנצער הוצאה פון דער פאַמיליע ווערט אַלץ גרעסער, וואָס טיפער ס׳פאַלט דער לוין־פאַרדינסט. זייער כאַראַקטעריסטיש זענען אין דעמדאָזיקן פרט די אומגלויבלעך־גרויסע הוצאות, אין דער פּראָפּאָרציע צו די הכנסות, וואָס די מערסטע אַרבעטער־פאַמיליעס גיבן אויס אויף לויות. ווען דער טויטער האָט נאָך געלעבט, האָט מען יעסוועדן גראָשן, וועלכן מען האָט געמוזט אויסגעבן פאַר זיין רפואה, צען מאָל מער געוויגן אין דער האַנט, ווי יענעם רובל, וואָס מען גיט אויס, כדי דעם מת זאָל מען אויף אַן „אַנשטענדיקן״ אופן מקבר זיין. ס׳רוב נישט־אַרבעטער פאַרשטייען גאָרנישט, וואָס פאַר אַ געפערלעכע לאַסט פאַר אַ סך אַרבעטער־בודזשעטן וואַקסט אָפּט אַרויס פון אַזעלכע הוצאות. וואָס ווערן געמאַכט נאָר פון דעם שטאַנדפּונקט, „וואָס וועלן זאָגן לייטן״ וועגן דאָס אָדער יענץ. אין דער אָנפאַנגס־צייט פון אונזער קולטור פלעגט מען דעם געשטאָרבענעם אויפן וועג אין יענער וועלט אריין מיטגעבן טייערע זאַכן, וואָס האָבן געזאָלט זיין אַ מאַסשטאַב פאַר דעם סאָציאַלן מצב פון מת. פּונקט אַזוי איז היינט די לויה־צערעמאָניע, מיט וואָס מער בירגערלעכע מנהגים, פאַר דעם קבצן געוואָרן אין אַ געוויסער מאָס אַ סימבאָל פון קאָמפּענסאַציע פאַר זיין דחקות ביים לעבן — און אגב אורחא ווערט דורך דעם געוויינלעך נאָך מער פאַרגרעסערט דער דלות פון זיינע יורשים.

אָבער די השפעה פון די בירגערלעכע קולטור־נאָרמעס שפּעט זיך נישט אויס נאָר מיט אויסערלעכקייטן. דאָס שטרעבן צו „אָנשטענדיקייט״ באַשטימט אויך דעם אַרבעטערס אינערלעכע האַלטונג. אויך דאָס אָננעמען פון די עטישע נאָרמעס פון די פּריווילעגירטע קלאַסן באַטייט אַ סאָציאַלן אויסגלייך פאַרן אַרבעטער. די פאַקטישע מדות, דער עטאָס פון פּראָלעטאַרישן לעבן איז דער שטענדיק־וואַקלדיקער פועל יוצא פון צוויי באַשטימענדיקע פאַקטאָרן: פון איין זייט זענען דאָ די מאַטעריעלע פאַרהעלטענישן — אָרעמקייט, עקזיסטענץ־אומזיכערקייט

וויצוונגס-נויט, זנות, די נסיונות פון גרויסשטאָטישן לעבן א. א. וו.— וועלכע ווירקן פאַרניכטנדיק אויף די טראַדיציאָנעלע בינדונגען פון משפּחה און מדות; פון דער אַנדער זייט ווירקט דער פּסיכאָלאָגישער פאַקטאָר פונם שטרעבן צו אַן אויסגלייך מיט דער בירגערלעכער אָנגעשטענדיקייט. אַלץ שטאַרקער קעגן די־ דאָזיקע טענדענצן גופא. דערפאַר איז די אַרבעטערשאַפט פון היינט אין עטיש-קולטורעלן זינען אַ גרופּע, וועלכע איז אַ סך מער דיפערענצירט, ווי מיט צוויי אָדער דריי דורות צוריק.

פון דעם גאַנצן סכום פון די דערשיינונגען, דורך וועלכע די קולטור פון די אויבערשטע קלאַסן ווירקט אויף די אונ־ טערשטע, צייכענען זיך אויס, אַלס באַזונדער וויכטיקע, אַט די פיר השפּעות: דאָס גרויסשטאָטישע לעבן, די פּרעסע, דאָס קינא און דער ראָמאַן. דער פאַרקער פון דער גרויס־ שטאָט באַזייטיקט אין אַ געוויסער מאָס די לאָקאַלע מרחקים, וועלכע האָבן אין די פריערדיקע צייטן אָפּגעשיידט די לעבנס־ קרייזן פון רייך און אָרעם. אין דעם הוראַגאַן פון גאַסן-לעבן, פון רעקלאַמע און שוי-פענסטער-פּוץ, פון די פאַרווײלונגען, פון די טאָג-טעגלעך טויזנט מאָל איבערגעחזרטע תאוה-וועקנדי־ קע איינדרוקן ווערן די אָנטקעגנגעזעצטע סאָציאַלע קרייזן אַלץ מער צונויפגעבונדן. רעדט מען שוין יאָ מיט רעכט מכח דער גרויס-שטאָט, ווי פון אַ נעסט פון ראַציאָנאַליסטישן קריטישן דענקען, טאָ זאָל מען דערפון נישט מאַכן קיין אויספיר, אַז דאָסדאָזיקע דענקען באַפרייט לגמרי די מאַסן פון די גרויסע שטעט פון אַלע נישט-ראַציאָנעלע אפעקט-איינדרוקן, פאַרקערט: דאָס גייסטיקע לעבן פון דער גרויס-שטאָט, וואָס ווירקט ווי אַ באַפרייאונגס-פאַקטאָר אויף יחידים, לייגט אָבער אַרויף אויף דער מאַסע אַלץ אַ גרעסערן יאָך פון די אומבאַוווסטזיניק־ אויפגענומענע געוווינהייטס-איינדרוקן. דער דורכשניטלעכער גרויס-שטאָטישער מענטש רעדט מער — צייטנווייז ווייס ער אויך מער — ווי דער פּראָווינץ-מענטש, אָבער ער טראַכט אַ סך ווייניקער. אוודאי איז ער אין זיין דענקען אַ סך ווי־ ניקער זעלבשטענדיק אין פאַרגלייך מיט דעם קליינשטעטלדיקן תושב. ער האָט אפילו גאָרנישט קיין צייט דערצו; נאָך איידער ער קאָן פאַרטיק ווערן מיט איין איינדרוק — גאַנץ גלייך, צי

דאָ האַנדלט זיך מכח אַ שמועס אין טראַמוויי, וועגן אַ עקסטראַנומער פון אַ צייטונג, וועגן אַ גאַסן-סצענע, אַ ליכט-רעקלאַמע אָדער אַ קינאָ-בילד — האָט שוין די שפּורן פון ערשטן איינדרוק אָפּגעווישט דער נעכסטער איינדרוק. דער גרויס-שטאָטישער מענטש איז נאָר בלויז אַן אָביעקט פון די אייגענע צוועקן פון אַ מינדערהייט, וועלכע ווירקט דורך תּאוהדיקע איינדרוקן אויף זיין אונטערבאַוואוסטזיין, אויף אַזויפיל זיכערער, אויף וויפל די פאַרשיידנאַרטיקייט און צוגעוווינטקייט פון דידאָזיקע איינדרוקן שלעפערן איין זיין קריטיש באַוואוסטזיין. אויך דאָרט, וווּ דידאָזיקע איינדרוקן דריקן זיך אויס לסוף אין אַ שטענדיקן געפיל-אונטערטאָן פון סקעפּטיציזם לגבי די סכנות פון גרויסשטאָט-טומל, ווערט דורך דעם געשאַפן נאָר אַ געפיל פון אַ פאַלשער זיכערקייט: ווער עס האַלט זיך פאַר אַ גרויסן חכם, פאַלט דער ערשטער אַריין ביי דעם נעכסטן בעסטן שווינדל. יעטוועדער מין פון אָבערגלויבן בליט היינט-צו-טאָג ביי די גרויס-שטאָט-מענטשן אַ סך מער, ווי ביי די פּאַרוואָרפענע שבטים אין די ווייטע וועלדער; און נישט נאָר אָבערגלויבנס אין די אַלטמאָדישע פאָרמעס פון די מאַגישע רפואות און נביאות, אָבער אויך אין דער פיל געפערלעכערער מאָדערנער געשטאַלט פון אַ גלויבן אין דאָס געדרוקטע וואָרט און אין דער סוגעסטיוו-פאַרפשופנדיקער מאַסן-ווירקונג פון דער רעקלאַמע.

אויף אַן ענלעכער סוגעסטיווער ווירקונג באַזירט זיך דער איינפלוס פון דער טעגלעכער פּרעסע. אַלס שעפערין פון כאַציאַלע און פּאָליטישע שטימונגען ווירקט די צייטונג ווייניקער דורך דער אָפענער אַרגומענטאַציע פון אירע לייט-אַרטיקלען, ווי דורך דעם בגניבה-סוגעסטיוון איינדרוק פון אירע ידיעות, אירע פעליעטאָנען און אפילו אויך פון אירע קעפלעך. ס'רוב לייענער פון צייטונגען לייענען בכלל נישט די לייט-אַרטיקלען, פאַרקערט אָבער די וועשערקע, וועלכע קאָן קוים לייענען, קריכט ווי ס'איז דורך, אות נאָך אות, די אָפּטיילונג „פאַרשיידנס" און פאָלגט נאָך געשפּאַנט די ליידן און טאַטן פון דעם פעליעטאָן-העלד. אָט די וועשערקע קאָן זיך נישט באַפרייען פון דער ווירקונג, וואָס ווערט ביי איר געשאַפן שוין

פֿון דעם אַליין, וואָס אויך זי לייענט איבער די אמתע אָדער די אויסגעקלערטע לעבנס-געשיכטע פֿון מענטשן, וועלכע שטייען דרויסן פֿון איר אייגענער סביבה. דווקא דער פּרעסטיזש און זיין ווירקונג פֿון די אויבערשטע קלאַסן ווערט באַזונדערס פֿאַרגרעסערט דורך אַזעלכע מיטלען; ווען נישט וואָלטן זיך כּמעט פּעליעטאָן-ראָמאַנען נישט האָבן אָפּגעשפּילט אין יענע קרייזן, ווי דער גראַף דערקלערט זיך אין ליבע פֿאַר דער פֿירשטין, אָדער דער באַנקיר האָט חתונה מיט זיין סעקרעטאַרין. אויך די סאָציאַליסטישע צייטונגען מוזן אויספֿירן אַ ריי פֿונקציעס, וועלכע פֿאַרמערן די באַרירונגס-פֿלאַכן מיט דער בירגערלעכער קולטור, שוין נאָר דערפֿאַר, ווייל זיי זענען צייטונגען, ד. ה. פֿאַרשפּרייטער פֿון ידיעות ביי אַ סיסטעם פֿון קעגנזייטיקער שאַרפֿער קאָנקורענץ אין דער צייטונגס-וועלט. זאָל מען נאָר אַ טראַכט טאָן וועגן דער רעקלאַמע-אָפּטיילונג, ספּאָרט-אָפּטיילונג, וועגן די פּאָליטיש-נייטראַלע, אָבער סאָציאַל-דערציערישע אַזוי וויכטיקע ידיעות פֿון טאָג-טעגלעכן לעבן אויפֿן גאַס אָדער אין געריכט.

אויף אַן ענלעכן אופֿן ווירקט דאָס קינאָ, נאָר דאָ ווערט דער איינדרוק נאָך מער געשטאַרקט דורך צוויי אומשטענדן. דאָס לעבעדיקע לייכטנדיקע בילד לעבט שטאַרקער אין זכּרון, באַזונדערס אין אַפֿעקט-זכּרון פֿון אונטערבאַוווסטזיין, ווי דאָס געדרוקטע וואָרט, און דער צושויער באַזיצט נישט יענעם שטילן קריטישן גייסט, וועלכער לאָזט נישט אינגאַנצן דערשטיקן ביים לייענער זיין באַוווסטזיין מכּח די פּאָליטישע אָדער אַנדערע טענדענצן פֿון דער טעגלעכער צייטונג. וועגן דער סאָציאַל-פּסיכאָלאָגיע פֿון קינאָ און וועגן די קאָמפּענסאַציע- און פּרעסטיזש-ווירקונגען פֿון דעם סאָציאַלן הינטערגרונט, אויף וועלכן עס שפּילן זיך אָפּ ס'רוב קינאָ-דראַמעס, וואָלט מען געקאָנט שרייבן גאַנצע ביכער. די ידיעות-אָפּטיילונג פֿון דעם קינאָ ווירקט פֿון איר זייט נאָך שטאַרקער, ווי די זעלביקע אָפּטיילונג אין דער צייטונג; אַ דאַנק איר נעמט דאָס פּובליקום אַן אָנטייל אינעם לעבן פֿון דער גרויסער וועלט, ד. ה. דער עיקר אינעם לעבן פֿון די רייכע, נישט קוקנדיק אויף דער גאַנצער טעריטאָריאַלער ווייטקייט פֿון אים. די בילדער פֿון די נייעסטע דאַמען-

מאָדעס, למשל, אינטערעסירן די מינדערהייט פון דער עלעגאַנטער פּרויצן־וועלט, וועלכע קאָן זיך דערלויבן דעמדאָזיקן לוקסוס, נישט מער, ווי זי אינטערעסירט די גרויסע מערהייט פון די אָרעמע פּרויען, וועלכע באַקומען אויף דעמדאָזיקן אופן לכל הפּחות אַ בליק איבער דער פאַר זיי פאַרשלאָסענער פאַנטאַסטישער וועלט. אַ גרויסן טייל פונם רייץ, וואָס עס האָבן די קינאָ־דראַמעס פאַר די פאָלקס־מאַסן, ליגט אין דעם סאָציאַלן הינטערגרונט פון אָט די דראַמעס, וועלכער פירט דורך פאַר די אויגן פון די מאַסן אויף אַ מער אָדער ווייניקער עכטן אופן דאָס לעבן פון די רייכע. אַ קינאָ־דראַמע, וועלכע זאָגט זיך אָפּ פאַרצושטעלן פּרעכטיק־לוקסוריעזע זאַלן, פיינע סאַלעטן און פעאָדאַלע מנהגים, איז אַ האָר נישט פּאָפּולער. פּרעכטיקע אויטאָס מוזן דוקא אַרומפאָרן אונטער פּאַלמעס, דאַמען, באַדעקטע מיט פוטערוואַרג און צירונג, און מענער, אָנגעטאָענע אין טייערע פראַקן, מוזן דוקא אַרומשפּאַצירן, טאַנצן און פלירטעווען אויפן גלאַטן פּאַרקעט אונטער די לייכטנדיקע קאַנדעלאַברעס, כדי דער אָרעמאַן פון צווייטן ראַנג זאָל קאָנען הנאה האָבן לכל הפּחות פון אַ בליק איבער דער „פיינער“ וועלט. אין קינאָ לערנען זיך דער מאַן און פרוי פון פאָלק נאָכצומאַכן אין זייער אויסזען און האַלטונג די הערן און די דאַמען פון דער געזעלשאַפט. אַ סך פּראָלעטאַרישע קינדער שפּייזן דאָס גאַנצע לעבן זייער קנאה און זייער סאָציאַלן כבוד מיט אָט די בילדער, וועלכע דער פילם האָט פאַר זיי, ווי אין אַ כשוף, געוויזן.

די זאַכן, וואָס די מאַסן האָבן ליב אין קינאָ, זוכן זיי און געפינען אויך אין דער פּאָפּולערער ראָמאַנצן־ליטעראַטור. אַמווייניקסטן אינטערעסירן דאָס פאָלק און די אַרבעטערשאַפט בעלעטריסטישע שילדערונגען פונם פאָלק־ און אַרבעטער־לעבן. אַממייסטן האָט דערפאָלג יענע פאָלקס־ליטעראַטור, וועלכע באַפרידיקט נישט נאָר די אַלגעמיינע באַדערפעענישן פון געפּילשפּאַנונג, פון קיצלען די תאווה און פון סימפּאַטיעס אָדער אַנטיפּאַטיעס צו די געשילדערטע געשטאַלטן, נאָר אויך דעם באַזונדערן אינטערעס פון די אָרעמע צו דער וועלט פון די רייכע. פון דער צייט אָן, וואָס די שרעקן פון גיהנום און דער

רייך פון עולם הבא האָבן פאַר ס'רוב מענטשן פאַרלאָרן זייער ממשות, קומט פאַר די סאָציאַל-עטישע דערציאונג פון די מאַסן אין אַ שטאַרקער מאָס דורך דער ראָמאַנען-ליטעראַטור. לויט דעם מוסטער פון די העלדן און מנובלים ווערן באַאיינפלוסט מאָראַלישע אָפּשאַצונגען, ווערן האַלטונגען און האַנדלונגען נאָכגעמאַכט אָדער אָפּגעוואָרפן. נישט אַנדערש ווערט געפירט די דערציאונג צו העלדנטום אין מלחמה-צייטן מיט דער הילף פון אַן אַנטשפּרעכנדיקער ליטעראַטור. דערדאָזיקער היפּנאָז וואָלט זיך זיכער נישט איינגעגעבן, ווען ער וואָלט שוין נישט געהאַט געפונען ביי דער מאַסע גופא אַ פּאַרטיקע אינסטינקטיווע נייגונג, וואָס לעכצט, אַזוי-צו-זאָגן, נאָך איר אייגענער אידעאַליזירונג. ס'איז ממש נישטאָ קיין שום ליגן, וועלכער זאָל אין זיך נישט האָבן אַ קערנדל אמת, און דאָס ראָמאַנטישע באַשטייט גראָד אין דעם, צו באַפרידיקן דעם דראַנג צו ווירקלעכקייט דורך אַ פאַנטאַסטישער אומווירקלעכקייט, אַריבערצוטראָגן אמתע געפילן אין אַ פאַלשער סענטימענטאַליטעט. אָט אַזוי באַפרידיקט אין אַ געוויסן זינען אַ מאַסן-באַדערפעניש אויך די ליטעראַרישע סאָציאַל-ראָמאַנטיק, וועלכע שפּייזט די מאַסן מיט די סוראָגאַט-פּראָדוקטן פון בירגערלעכער מאָראַליטעט דער בירגערלעכער לעבנס-קולטור. די אַנטוויקלונג פונם מאַסן-געשמאַק לויט די בירגערלעכע נאָרמעס ווערט דורך דעם נישט אַרויסגערופן, אָבער נאָר געשטיצט.

ערשט די וואַקסנדיקע טענדענץ פון קאַפּיטאַליזם צו אַ מאַסן-פּראָדוצירונג פון ביליקע זאַכן מאַכט טעכניש מעגלעך דידאָזיקע אַנטוויקלונג. מען זאָל נאָר אַ טראַכט געבן מכח די סאָציאַלע פועל יוצאס, וועלכע עס האָט געהאַט ביי די אַרבעטער די פאַרשפּרייטונג פון דעם וועלאָסיפּעד צווישן זיי — וואָס איז ביי אַ טייל פון די אַמעריקאַנער אַרבעטער שוין פאַרביטן געוואָרן דורך דעם פאָרד-אויטאָמאָביל. די ביליקע פּראָדוקטן פון דער פאַבריקער קליידער-אינדוסטריע, פון די שוכוואַרג-פאַבריקן, פון פוצמאַכעריי, דערמעגלעכן אַזאַ פּאָפּולאַריזירונג פון דער מאָדע, וועלכע איז געווען אינגאַנצן אויסגעשלאָסן אין די פריערדיקע צייטן, ווען אַן אָנצוג, אויפגעבייט

אין דער היים, האָט געדינט אַ גאַנץ לעבן. די מאָדע האָט נאָך מיט הונדערט יאָר צוריק באַרירט נאָר אַ גאַנץ קליינעם טייל פון פאָלק; היינט אָבער קאָן אַפילו דער לעצטער שוין נישט באַפרייען זיך פון איר איינפלוס. דער פּרינציפּ פון דער גאַנצער היינטיקער מאַסן-פּראָדוקציע „אַ סך, ביליק און שלעכט־שרעקט נישט אָפּ אַפילו דעם אָרעמסטן קונה; ווייל קודם כּל איז פאַר די מאַסן וויכטיק די אילוזיע, אויף וועלכער עס האַלט זיך די סאָציאַלע חשיבות. דאָס שרעקלעכסטע אין דער סוראָגאַטן-קולטור איז נישט דאָס, וואָס די מאַסן פאַרלאַנגען צופיל, אָבער אַ סך מער דאָס, וואָס אין דער אמתן באַנוגענען זיי זיך מיט אַזוי ווייניק. פאַר הונדערט יאָר האָט מען דעם אַרבעטער גערופן „יונג", ער האָט צוואַנציק יאָר נאָכאַנאַנד געטראָגן דעם זעלבן לייוונטענעם רעקל, אָבער ער האָט פאַרט געגעסן אַ גוטע מילך-זופּ. דער אַרבעטער פון היינט איז אַ „הער", ער טראָגט אַ מאָדערנעם אַנצוג (וועלכער וועט, אגב, נישט האַלטן זיך קיין גאַנצע צוואַנציק יאָר), דערפאַר אָבער האָט ער ווען-נישט-ווען אַ ביסל וואַסערדיק מילך צום סוראָגאַט-קאַפע; און אויסערדעם רויבט נאָך די גרויס-שטאָט פון אים אַוועק אין זיין פרייער צייט ליכט, לופט, די אינטימקייט און די שטילקייט, וועלכע זיינע אורזיידעס פלעגן האָבן לרוב אָן אַ פּרוטה. אין דערדאָזיקער פאַרענדערונג פון די באַדערפענישן דריקט זיך אויס בכלל די איבערגעשטאַלטונג פון דעם קולטור-אידעאַל ביים אַרבעטער. דאָס באַווייזט אגב אורחא, אַז מ'קאָן נישט באַהאַנדלען די אַזוי גערופענע פראַגע מכּח דער חאַקסנדיקער פאַראָרעמונג פון פּראָלעטאַריאַט נאָר אין ליכט פון די סטאַטיסטישע ציפערן מכּח זיינע געלט-הכנסות; ווייל דער גראַד פון דער באַפרידיקונג קאָן תּמיד געמאָסטן ווערן נאָר לויט דער נאַטור פון די באַדערפענישן גופא, און דידאָזיקע פסיכאָלאָגישע פאַרענדערלעכע נאַטור קאָן פון דער סטאַטיסטיק נישט אויפגעכאַפּט ווערן.

עס וואָלט אָבער געקאָנט שיינען, אַז די סאָציאַליסטישע אידעאַלן פון דער אַרבעטער-באַוועגונג וואָלטן דאָס געמויזט אַנטוויקלען אַ טענדענץ קעגן דערדאָזיקער מאַכט פון בירגערלעכע קולטור-נאָרמעס. אַ סאָציאַליסטישע טענדענץ, וועלכע

װאָלט געקאָנט מיט דער צייט װערן דער הערשנדיקער פאַקטאָר
איך, פון מיין זייט, גלויב נישט, אַז אין דער בירגערלעכער
געזעלשאַפט זאָל קאָנען געמאָלט זיין אַן אַנדער מין מאַסן-
קולטור, װי נאָר אַ בירגערלעכע. פונדעסטװעגן זאָל מען נישט
גרינגשעצן און זוכן דוקא יאָ צו פאַרשטאַרקן די סאָציאַליס-
טישע טענדענץ, אַפילו װען מען גלויבט נישט אין איר די-
רעקטן באַלדיקן נצחון. פונקט פאַרקערט. דאָס אַליין איז שוין
אַ גרויסע דערגרייכונג, װען די קולטור-באַנייענדיקע עלעמענטן
פון דער אַרבעטער-באַװעגונג קאָנען אַזוי באַלעבט װערן, אַז
לכל הפחות דער בעסערער טייל פון פּראָלעטאַריאַט זאָל אַרויס-
שטעלן נייע הויכע אידעאַלן אַלס אַ מוסטער פאַר דער צו-
קונפט. די אַנטװיקלונג פון דידאַזיקע אידעאַלן איז אָבער
הויפּטזעכלעך אַן אויפגאַבע פון די אינטעליגענטן, װעלכע זאָלן
איך האַלטן ביי דעם װאָרט פון בערטראַנד רעסעל, אַז די
גרויסע אויפגאַבע פון היינטיקער צייט איז דער עיקר נישט
אַזוי דער קלאַסן-קאַמף פון דער אַרבעטערשאַפט קעגן דעם
קאַפּיטאַליזם, װי דער קאַמף פון דער מענטשלעכקייט קעגן
דער אינדוסטריעלער ציוויליזאַציע גופא.

X

דער סאָציאַליזם איז די צייט-אומשטענדן:
פון ראַדיקאַליזם צום רעפאָרמיזם.

װוּ נאָר איך האָב עפּעס לעבעדיקס
געפונען, האָט עס געהאַט אַ ווילן צו
מאַכט.

ניטשע.

די אַריינציִאונג פון דער אַרבעטערשאַפט אין דעם בירגערלעכן קולטור-קרייז ווערט אַרויסגערופן נישט נאָר דורך דעם אַלגעמיינעם סאָציאַלן אויפשטייג פון די אַרבעטער-מאַסן, נאָר אויך, אין ענגערן זינען גענומען, דורך דער אָרגאַניזאַטאָרישער טעטיקייט פון דער אַרבעטער-באַוועגונג גופא. יעטוועדער נייער דערפאָלג, יעטוועדע נייע אָנערקענונג פון דער מאַכט ביי דער אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע שאַפט נייע באַרירונגס-פונקטן, דורך וועלכע עס קומט פאָר די צופּאַסונג צו די קולטורעלע נאָרמעס פון דער בירגערלעכער סביבה. יעטוועדער אַרבעטער-פאַרטרעטער, וואָס ווערט אויסגעקליבן אין אַ פּאַרלאַמענט, אין אַ שטאָט-פאַרוואַלטונג אָדער אין אַ וועלכער נישט איז אַנדערער פאַרוואַלטונגס-אָרגאַניזאַציע, יעדער חבר, וואָס ווערט אַ באַאַמטער, כדי צו פאַרשטאַרקן דעם פּאַרטיי-איינפלוס, מוז, אום בכלל ערשט צו קענען אויספירן זיין פונקציע, צופּאַסן זיך צום לעבנס-שטייגער פון זיין נייער סביבה. נאָך מער, ער וועט אפילו אין די מערסטע פאַלן נאָך שטאַרקער שטרעבן צו דערדאָזיקער צופּאַסונג, ווייל ער זעט אין איר די באַפרייאונג פון דעם מינדערווערטיקייטס-שטעמפּל, וועל-

כער האָט ביז איצט נישט צוגעלאָזן די פאַרטרעטער פון זיין קלאַס צו די געזעלשאַפטלעכע ענינים. מעג דער אָנטייל אין דעם כלל-לעבן אפילו לכתחילה באַטראַכט ווערן נאָר מעשה ריין-אַגיטאַטאָרישע אָפּאָזיציע, מוז אָבער דאָך קומען אַ צייט, ווען די אָפּאָזיציע ווערט אַזוי שטאַרק, אַז ווען זי נעמט נישט איבער כאָטש אַ טייל פון די רעגירונגס-אחריות, שאַפט זי מניעות פאַר דער דערפילונג פון אירע אייגענע פאָדערונגען.

אין דער געווערקשאַפט- און קאָאָפּעראַציע-באַוועגונג פאַרלויפט דיזעלביקע אַנטוויקלונג. זאָל מען דערביי נישט טראַכטן בלויז וועגן אַזעלכע שטענדיקע אינסטיטוציעס, ווי די פאַבריק-ראַטן און טאַריף-אָפּמאַכן, וואָס שאַפן פּערמאַנענטע באַרירונגס-פלאַכן צווישן בירגערטום און פּראָלעטאַריאַט; יעט-ווערע פאַרהאַנדלונג, יעטוועדער אָפּשלוס פון אַ קאָלעקטיוון אָפּמאַך, יעטוועדע דורכפירונג פון אָט דעם פאָרטראַג — און סוף כל סוף פאַרענדיקט זיך יעדער קאַמף מיט אַן אָפּשלוס פון אַ פאָרטראַג — האָט אַן ענלעכן פועל יוצא. יעדער אַר-בעטער, וועלכער פירט אונטערהאַנדלונגען מיט די אונטערנע-מער, מאַכט אַ טריט אַרויס פון זיין אייגענער קלאַסן-סביבה און אַ טריט אַריין אין אַ פרעמדער קלאַסן-סביבה. ווען אַ פאַרטרעטער פון אַ יונגער, וואַקסנדיקער, אָבער נאָך אַ קליי-נער מאַכט, פאַרלאַנגט אָנערקענונג פון אַן אַלטער, שוין דע-גענערירנדיקער אָבער נאָך הערשנדיקער מאַכט, פירט די אונטערהאַנדלונגען פאַקטיש אויפן יסוד פון דעם דוקא סאָציאַלן סדר, וועלכן עס פאַרקערפּערט די הערשנדיקע מאַכט. אַ סימן פון דעם איז שוין דער פאַקט אַליין, וואָס דער פאַרטרעטער פון די אַרבעטער גייט בשעת מעשה אין ביוראָ פון דעם אונ-טערנעמער און נישט פאַרקערט. דער פאַקט, אַז די טעאָרע-טישע איבערצייגונגען פונם אַרבעטער-פאַרטרעטער וואַרפן אָפּ אין תוך דאָס רעכט פון דעם אונטערנעמער, איז דאָ גאָרנישט וויכטיק. אַן אַנטשיידנדיקער אומשטאַנד איז, אַז דאָס עצם גיין אין ביוראָ פון אונטערנעמער צוליב דעם ענין, מיט וועלכן מען גיט זיך אָפּ, איז מחייב צו אַ האַלטונג, וואָס באַטייט אַ צופּאַסונג צו אַ פרעמדער סביבה — אפילו אין די סימבאָלישע פרטים פון די אויסערלעכע פאָרמען. און ווען דידאָזיקע פאַר-

האנדלונגען ווערן א שטענדיקע אויפגאבע פון דעם באַצאָלטן באַאמטן, דעמאָלט ווערט פאַר אים דידאָזיקע כבֿ־בה א מין אייגענע פּראָפעסיאָנעלע אַטמאָספער; דער „געווערקשאַפטס-באַנצע", דער געווערקשאַפטס-ביוראָקראַט, מעג זיך זיין אפילו א זייער רעוואָלוציאָנערער מענטש, אָבער ער איז נאָר דעמאָלט בכח אויסצופירן זיין פונקציע, ווען ער פאַסט זיך צו אין טאָג-טעגלעכן פאַרקער צו די מדות און מנהגים פון אָט די אַנדערע מענטשן פון די בירגערלעכע קלאַסן.

נישט אַנדערש האַלט עס אויך מיט דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג. אין נאָמען פון די פאַרברויכער-אינטערעסן פון די אַרבעטער וויל זי בטל מאַכן דעם בירגערלעכן צווישן-מסחר, און אפילו די בירגערלעכע פּראָפיט-פּראָדוקציע גופא. זי קאָן דאָס אָבער דערגרייכן נאָר דעמאָלט, ווען זי אַליין קאָנקורירט מיט די סוחרים-קרייזן; חוץ דעם מוז זי אויף אַ ריין-„בירגערלעכן" אופן איינקויפן און זייער אָפט מוז זי אויף א „בירגערלעכן" אופן אָנקומען צו קרעדיט-אָפּעראַציעס. זאָגט זי זיך שוין יאָ אָפּ צו פאַרקויפן בראָנפן און וויין, גיט זי אָפּ די דאָזיקע צווייגן פון מסחר אין די הענט פון דעם פּריוואַט-פאַרקויפער; אויב זי זאָגט זיך שוין יאָ אָפּ צו מאַכן רעקלאַמע, שאַפט זי דערמיט א גרעסערע מעגלעכקייט פון דערפאָלג פאַר דעם קאַפּיטאַליסט, וועלכער מאַכט יאָ רעקלאַמע.

אויב, למשל, די פרויען פון די אַרבעטער פאַרלאַנגען, אונטער דעם איינפלוס פון דער בירגערלעכער מאָדע, שיך מיט הויכע קנאַפּלען, מוז די קאָאָפּעראַציע אַזעלכע שיך האַלטן, אָדער זי מוז זיך אינגאַנצן אָפּזאָגן פון דעם מסחר מיט אָט דער סחורה. אויב זי מאַכט בערזע-געשעפטן, כדי צו קויפן רוי-שטאָפן פון דער ערשטער האַנט, מוז זי שיקן אַהין מענטשן, וועלכע רעוואָלוציאָניזירן נישט די בערזע, נאָר זענען מסוגל זיך צוצופּאַסן צו דעם סדר, וועלכער הערשט דאָרט. אויב זי באַנוצט געשעפטס-רייזנדער, טאָ מוזן זיי לויבן זייער סחורה מיט נאָך אַנדערע אַרגומענטן, ווי נאָר מיט דער קריטיק פון קאַפּיטאַליזם; ווייל זיי זוכן קונים נישט פאַר די קאָאָפּעראַטיווע אידעאַלן, נאָר פאַר די קאָאָפּעראַטיווע איינגעמאַכטס אָדער שוואַקס. די ערשטע זאַך, וואָס דער קאָאָפּע-

ראַציע־פאַרטרעטער האָט צו טאָן אויף דער בערזע אָדער אַלס געשעפטס־רייזנדער, איז זען אויסצומיידן דעם געשעפטלעכן היזק, וואָס קאָן אַרויסקומען פון זיין „פּראָלעטאַרישן" שטייגער זיך פירן און רעדן.

אויף אַזאַ אופן האָט זיך אין אַלע לענדער מיט אַן אַנטוויקלטער אַרבעטער־באַוועגונג אויסגעפאָרמט אַן אויבער־שיכט פון באַאַמטע, וועלכע צייכענען אָן פאַר די מאַסן דעם וועג צו דער בירגערלעכער קולטור, ווייל זיי זענען פאַר די מאַסן, וועלכע זיי פירן, אַ שטענדיקער מוסטער אויף נאָכצומאַכן. דער „ביוראָקראַט" ווערט דער פאַרמיטלער צווישן דער מאַסע פון איין זייט און דער בירגערלעכער קולטור פון דער צווייטער זייט.

דאָס קומט פאָר נישט ווילנדיק, און אָט דער פאַקט אילוסטרירט די אינערלעכע געזעצמעסיקייט פון דער אַנטוויקלונג, אַז יעטוועדעס מיטל, וואָס קאָן אָנגעווענדט ווערן צוליב דער דערגרייכונג פון אַ ווייטן צוועק, ווערט מיט דער צייט דערהויבן צו אַ זעלבסט־צוועק. אין איינקלאַנג מיט דער נאַטור פונם מיטל קאָן דערדאָזיקער זעלבסט־צוועק זייער דערווייטערט ווערן פון דעם לכתחילה געשטעלטן צוועק. ביי אַ ז אַ אַנטוויקלונג דערשיינט פאַרן באַוווסטזיין יעטוועדער נייער שריט נישט אַנדערש ווי טאַקע אַ מיטל צום צוועק, וועלכער אַנטשפּרעכט דעם אורשפּרינגלעכן מאָטיוו; אָבער ווייל די אייגנטלעך אַפעקט־סטימולירנדיקע און אַפעקט־געשטאַלטנדיקע טעטיקייט איז דאָך די טעגלעכע אָנווענדונג פונם מיטל, טאָ ווערט באַלד די קייט פון די מיטלען פאַרוואַנדלט אין אַ קייט פון צוועקן. ביי די פּאַרטייען, קירכן און ביי די אַנשטאַלטן פון דער פּאָליטישער מאַכט קומט פאָר די אַנטוויקלונג אין אָט דעם פּרט פונקט אַזוי ווי ביי דעם יחיד. אויך די קאָלעקטיווע פאַקטאָרן האָבן זייער יוגנט־צייט, אין וועלכער דער ציל האָט די איבערהערשאַפט צווישן די עלעמענטן פון דעם אידעאַלן מאָטיוו; די צייט פון רייף־ווערן, ווו דאָס שטרעבן צו פאַרווירקלעכן דעם ציל רוקט פּאַמעלעך אַרויס דעם נענטערן מאָטיוו פונם מיטל גופא; און אויך זייער עלטער, אַ צייט, ווען דער לכתחילהדיקער ציל בלייבט נאָך, אמת, שטיין אַלס אַ

גײַסטיקע פֿונקציע. אָבער דער מאָטיוו, וואָס האָט זײַנע וואָרצ־לען אין דעם מיטל, איז געוואָרן דער אײגנטלעכער אימפּולס צו דער טעטיקייט. מען חלומט מכּח אַ פּאָליטישן אָדער אַ סאָציאַלן אידעאַל; כּדי דאָס צו פֿאַרווירקלעכן, מוז מען אָבער האָבן די מאַכט. אינם שטרעבן צו דערדאָזיקער מאַכט, וועלכע זאָל זײַן נאָר אַ מיטל, אַנטוויקלט זיך דער באַזונדערער מאָטיוו פֿון ווילן צו מאַכט. אָבער וואָס מער מאַכט מען האָט, אַלץ מער שטרעבט מען זי אײַנצוהאַלטן און צו פֿאַרמערן. סוף כּל סוף דינט דער אורשפּרינגלעכער ציל, צוליב וועלכן מען האָט געשטרעבט צו דער מאַכט, מער נישט ווי נאָר כּדי צו פֿאַר־דעקן פֿאַר דעם אײגענעם באַוווסטזײַן — און אפשר אגב אורחא אויך פֿאַר דער אַרומיקער וועלט — אַז די מאַכט האָט זיך פֿון אַ מיטל פֿאַרוואַנדלט אין אַ פּשוטן זעלבסט־צוועק.

אַזאַ באַוועגונג ווי דער סאָציאַליזם קאָן נישט פֿאַרניכ־טעט ווערן דורך דעמדאָזיקן איבערגעוויכט פֿון מיטלען; ווײַל זי ציט איר קראַפֿט פֿון דער שטענדיקער באַלעבונג פֿון דעם מאַסן־ווילן דורך דעם חלום פֿונם ציל; און די פֿירערשאַפֿט, וואָס וואָלט זיך דערווײַטערט פֿון דעמדאָזיקן ציל, וואָלט שוין פֿאַרלאָרן דורכדעם אויך די עסכאַטאָלאָגישע טרײַב־קראַפֿט, אָן וועלכער עס קאָן נישט אויסקומען אויף לאַנג קײן שום גרוי־סע היסטאָרישע באַוועגונג. די אָרגאַניזאַציע מוז זיך אַלזאָ אָדער שטענדיק דערנענטערן צו דעמדאָזיקן קראַפֿט־מקור, אָדער, אויב זי קאָן דאָס נישט מער, ווײַל זי האָט זיך צופֿיל פֿון אים דערווײַטערט, מוז זי מאַכן אַן אָרט פֿאַר אַ נײַער פֿאָרם פֿון אָרגאַניזאַטאָרישע און רעאַלע „מיטלען". דערפֿאַר גײט טאַקע די היסטאָרישע אַנטוויקלונג נישט אין אַ גלײַכער ליניע, וואָס שטרעבט צו אַ ײ ן ציל דורך אַ ײ ן ווירקלעכקײטס־פֿאָרם, נאָר די דערגרײכונג פֿון אַ גרויסן ציל קומט צושטאַנד תּמיד נאָר דורך פֿאַרשײדענע איבערגאַנגס־פֿאָרמעס; אײנע שטאַרבט אָפּ, זי ווערט פֿאַרביטן דורך אַ נײַער פֿאָרם, וואָס שטאַרבט דערנאָך ווידער אָפּ, און אַזוי ווײַטער. דערבײַ מוז יעטווידע נײַע פֿאָרם, ווי אַ שטאַפּל, וואָס הייבט זיך אָן עפּעס העכער ווי דער שטאַפּל, וואָס אונטער אים, אָבער ער גופא ענדיקט זיך דאָך אַ ביסל נידעריקער, ווי ער האָט זיך אָנגעהויבן.

ײדאָזיקע שטענדיקע פאָרם-באַנייאונג איז אוודאי נישט בלו אַן אויסשליסלעך לעבן און אָפּשטאַרבן, ווי דאָס איז אין דער פלאַנצן-וועלט; זי איז פאַרבונדן מיט קאַמף, ווייל דער זעלבסטדערהאַלטונגס-אינסטינקט פונם אַלטן סדר מוז תמיד מיט יסורים און כח באַזיגט ווערן דורך דער גרעסערער מאַכט פון דעם יינגערן פאַקטאָר, וואָס שטאַמט פון באַוווסטזיין פון זיין נייער אויפגאַבע.

יעטוועדעס נײַ מיטל וועט זיך אויף אַזויפיל בעסער קאָנען דורכזעצן אין פאַרגלייך מיט דעם אַלטן, אויף וויפל עס וועט אים געלינגען צו פאַרמינדערן דעם חילוק צווישן דעם כאַראַקטער פון ציל און דעם כאַראַקטער פון מיטל. די אידעאַלע פאָדערונג, וואָס אין דער ווירקלעכקייט ווערט זי אָבער קיינמאָל נישט אינגאַנצן אויסגעפירט, איז אין דערדאָזיקער הינזיכט יענע, וועלכע עס האָט שוין אַמאָל אַרויסגעשטעלט פאַרן סאָציאַליזם פערדינאַנד לאַסאַל, אַרויסגייענדיק פון העגעלן: „דער צוועק מוז זיין שוין אינם מיטל גופא אויסגעפירט און פאַרווירקלעכט". נו, וויל מען איבערזעצן אין אַ קאָנקרעטער שפּראַך דעם מעטאַפיזישן זשאַרגאָן פון העגעליאַניזם, וועט דידאָזיקע פאָדערונג האָבן אומגעפער אָט אַזאַ נוסח, ווי דאָס האָט נישט לאַנג פאָרמולירט י. פּ. וואָרבאַס, דער טעאָרעטיקער פון די אַמעריקאַנישע קאָאָפּעראַטיוון: „די איינציקע דויערנדיקע סאָציאַלע פאַרענדערונגען זענען יענע, וועלכע זענען פאַרווירקלעכט געוואָרן דורך מיטלען, וואָס זייער כאַראַקטער איז ענלעך צום כאַראַקטער פון דעם געשטרעבטן ציל" („קאָאָפּעראַטיווע דעמאָקראַטיע", ענגליש, ז. VIII). אין וואָס זאָל אָבער אָט דידאָזיקע ענלעכקייט באַשטיין? עס וועט אונז ווייניק נוצן, ווען מיר וועלן זי זוכן, צוזאַמען מיט העגעלן, אין דער „אידענטיטעט פון דער אידעע", וואָס אַנטפּלעקט זיך אין דער דערהויבענער וועלט פון ריינעם געדאַנק. די אידענטיטעט פון דער אידעע איז דאָך טאַקע יענע אילוזיע, אָן וועלכער עס האַלט זיך פעסט דאָס באַוווסטזיין, כדי צו פאַרדעקן די אומוואַנדלונג פון דעם מאָטיוו, וועלכע קומט פאָר אין דעם אונטער-באַוווסטזיין; דערזעלבער אַלטער „פּרינציפּ" מוז שטענדיק דינען דוקא צו באַגרינדן די נייע „טאַקטיק",

ביז וואַנען עס פאַרבלייבט פון דעם פּרינציפּ לחלוטין גאָרנישט, חוץ דער טאַקטיק. ניין, — די אידענטיטעט פון מיטל און צוועק איז נאָר דאָרט דאָ, ווו עס דריקט זיך אויס אין זיי ביידע דערזעלבער *פּסיכאָלאָגישער מאָטיוו*. די אידענטיטעט פון מאָטיוו, ד. ה. די האַרמאָניע צווישן מאָטיוו און ציל קאָן אָבער אַמזיכערסטן געמאָסטן ווערן לויט דער אידענטיטעט פונם אַפעקט, פון וועלכן דער מאָטיוו שטאַמט, לויט דער נאַטור און קראַפט פון געפיל, וואָס שפּייזט און טרייבט די געדאַנקען-וועלט און רופט אַרויס מעשים פון ווילן.

די ווירקונג פון יעטוועדער פּאָליטיק איז באַשטימט נישט דורך דעם אידעאַלן אינהאַלט פון איר פּראָגראַם, נאָר דורך דעם פּסיכישן כּח, דעם געפיל-אימפּעט פון די מאָטיוון, וועלכע די פּאַרטרעט אָדער רופט אַרויס. דאָס מיטל פירט נאָר דעמאָלט צום צוועק, ווען עס שפּייזט זיך פון דעמזעלבן מאָטיוו, פון וועלכן עס *שטאַמט* די פאָרשטעלונג מכּח דעם ציל. פאַרשיידן קאָנען זיין די גייסטיקע קאָנסטרוקציעס, דורך וועלכע אַ ציל קאָן באַרעכטיקן אַ מיטל אין מח פון דעם מענטש; אָבער אַ צוואַנג-כאַראַקטער טראָגן יענע נשמה-ווירקונגען, דורך וועלכע די מענטשן קאָנען פאַרענדערט ווערן אין זייערע אינעווייניקסטע מאָטיוון אַ דאַנק דער טעטיקייט, וואָס איז אין זייערע אויגן אַ מיטל. דורך אַ שלעכטן מיטל — די באַטייליקונג אין אַ קריג — קאָן מען בשום אופן נישט דערגרייכן אַ גוטן ציל — אָפּשאַפן דעם קריג. פּונקט אַזוי ווייניק קאָן מען פאַרווירקלעכן די פרייהייט דורך דעספּאָטיזם, די דעמאָקראַטיע דורך דיקטאַטור, די געוואַלטלאָזיקייט דורך געוואַלט-אָנווענדונג.

דערפאַר טאַקע איז נאָך נישט געווען קיין איינציקע געוואַלטזאַמע רעוואָלוציע, וואָס איר געוואַלט זאָל נישט עפענען דעם וועג פאַר אַ דעספּאָט. יעטוועדע פון זיי איז געווען גלייך צו יענע שטאַפּלען פון פאָרטשריט, וואָס הויבן זיך אָן העכער ווי זיי ענדיקן זיך. דער אונטערשייד אין דער הויך צווישן דעם אָנהויב און דעם סוף פון דעם שטאַפּל איז געווען תּמיד אָפּהענגיק פון דעם, אויף וויפל די רעוואָלוציע האָט געברויכט געוואַלט, דיקטאַטור און טעראָר.

ווען ראָבעספּיער זאָגט, אַז „די רעגירונג פון דער רע-

האָלוציע איז דער דעספאָטיזם פון דער פרייהייט קעגן דער טיראַניע", טאָ גיט אונז אָט דער פאַקט צו פאַרשטיין, אויף וויפל דער דעספאָטיזם איז געווען אַ פאַרווירקלעכטער פאַקט, בעת די פרייהייט איז געווען פאַראורטיילט צו בלייבן מעשה-אומדערגרייכטער אידעאַל. דער מאַרקסיזם, ווען ער זאָגט וועגן דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, אַז זי פירט דעם פראָלעטאַריאַט צו הערשאַפט און שאַפט דערמיט אָפ יעטוועדן קלאַסן-קעגנזאַץ און אַז דערפאַר וועט דער ראַדיקאַלער כאַראַקטער פון דער-דאָזיקער רעוואָלוציע צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע אוממעגלעך מאַכן דעם צוריקקער צום דעספאָטיזם און רעסטאַ-ראַציע, טאָ דעמאָלט שטעלט אַוועק דער מאַרקסיזם זיין ווונש אויף דעם אָרט פון דער ווירקלעכקייט. דער ווונש איז גוט געמיינט, אָבער דער גלויבן אין זיין פאַרווירקלעכונג איז זייער נאַאיוו. זאָל זיין, אַז אַ דערפאָלגרייכע פראָלעטאַרישע רעוואָ-לוציע וואָלט נאָך אַ קורצער אָדער לאַנגער צייט שוין יאָ געשאַפן אַזעלכע רעכט-באַציאונגען און פראָדוציר-פאַרהעלטע-נישן, אַ דאַנק וועלכע דער היינטיקער עקאָנאָמישער קלאַסן-קעגנזאַץ צווישן בורזשואַזיע און פראָלעטאַריאַט וואָלט פאַר-שווונדן; צי איז אָבער נישט לכל הדעות מעגלעך, אַז אויף דעם אָרט פון איין באַזייטיקטן קלאַסן-קעגנזאַץ וואָלטן תיכף נישט אַרויסגעטרעטן קעגנזאַצן פון אַן אַנדערן מין?

עס זענען שוין היינט-צו-טאָג דאָ די התחלות פון אַנדערע סאָציאַלע אינטערעסן-קאָנפליקטן, חוץ די קאָנפליקטן, וועלכע עקזיסטירן צווישן די אונטערנעמער און דער אַרבעטערשאַפט; ס'איז גענוג צו דערמאָנען די אינטערעסן-קעגנזאַצן צווישן דער לאַנדווירטשאַפט און דעם שטאָטישן פאַרברויך; אויך צווישן אַלע גרויסע פראָדוצענטן-גרופעס און זייערע פאַרברויכער, בנוגע צו די פרייזן און אַרבעטס-באַדינגונגען; צווישן די קאָפ-אַר-בעטער פון דער פאַבריק-אַדמיניסטראַציע און די לוין-אַרבעטער בנוגע שכירות, באַהאַנדלונג און פראָדוציר-דיסציפלין; צווישן די פאַרשיידענע פאַך-גרופעס פון דער אַרבעטערשאַפט גופא בנוגע דער צופאַסונג פון לוין- און אַרבעטס-באַדינ-גונגען צו די פאַרשיידענע גראַדן פון דער אַרבעטס-קוואַליפי-קאַציע, פון דער סאָציאַלער נוצלעכקייט, שווערקייט פון

דער אַרבעט און דער געפֿאַר ביי דער אַרבעט; צווישן די
מאַטעריעל-פּראָדוקטיווע פּרנסות און די מאַטעריעל-אומפּראָ-
דוקטיווע פּראָפעסיעס, ווי קונסט און ליטעראַטור.

נאָך איידער די הייַנטיקע אַרבעטער-באַוועגונג איז אין
דער לאַגע זיך צו באַשעפטיקן אויף אַ פאַראַנטוואָרטלעכן אופן,
אַלס פירערין פון אונטערנעמונגען, מיט אַזעלכע אינטערעסן-
קאָנפליקטן, האָט זי שוין די געלעגנהייט גוט צו באַקענען
זיך מיט זיי; אָבער עס זענען דאָ נאָר ווייניקע, וועלכע זענען
נכח צו זען הינטער דעם פֿלומרשט צופעליקן פאַל פון דער
קעגנוואַרט די זאָרגפולע נאָרמאַלע דערשיינונג פון דער קומענ-
דיקער צייט. אין איין אָרט, למשל, טרעטן אַרויס די געווערק-
שאַפטן קעגן אַ לוין-שטרייק פון די בוכדרוקער און פאַרלאַנ-
גען, אַז זיי זאָלן זייערע פאַכאָווע אינטערעסן אונטערוואַרפן
די אינטערעסן פון דער גאַנצער אַרבעטערשאַפט, פאַר וועלכער
ס'איז אומגעהייער וויכטיק, אַז די סאָציאַליסטישע פרעסע זאָל
ווייטער דערשיינען; אין אַן אַנדער אָרט זאָגט זיך אָפּ די
צענטראַלע געווערקשאַפטס-קאָמיסיע אינם נאָמען פון די קאָנ-
סום-אינטערעסן צו אונטערשטיצן די פאָדערונג פון די בעקער
אָפּצושאַפן די נאַכט-אַרבעט אין די גרויסע בעקערייען; ער-
געץ-ווו אַנדערש טרייבט אַ שטרייק פון אַרטיסטן די פאַר-
וואַלטונג פון די פאָלקס-טעאַטערס אין לאַגער פון די קאַפּיטאַ-
ליסטישע טעאַטער-דירעקטאָרן; און די אָרטיקע קראַנקען-קאַסעס
לעבן איבער איינע נאָך דער אַנדערער אַ שטרייק פון דאָק-
טוירים קעגן דער פאַרוואַלטונג, וואָס באַשטייט פון אַרבעטער.
אויך די אַרבעטער-קאָאָפּעראַציעס זענען ניט פריי פון קאָנ-
פליקטן מיט זייער פּערסאָנאַל. אין אַלע לענדער מיט אַ הויך-
אַנטוויקלטער קאָאָפּעראַציע-באַוועגונג, באַזונדערס אויפן געביט
פון אינדוסטריעלער פּראָדוקציע, שטייען שטענדיק אויפן סדר
היום, כמעט אַזוי ווי אין דער פּריוואַט-אינדוסטריע, שטרייקן
(ווי, למשל, דער שטרייק אין דער ענגלישער אַנגראָ-אייַנקויף-
קאָאָפּעראַציע אין יאָר 1923) און אַפילו געוואַלטזאַמע קאַמפן
(ווי אין דער אַרבעטער-גלאָזבלאָזערייַ פון אַלבי אין פראַנקרייך).
אין יאָר 1925 האָט די ענגלישע אַנגראָ-אייַנקויף-קאָאָפּעראַציע
אַפילו דורכגעפירט אַ לאָקאַוט קעגן אירע געווערקשאַפטלעך-

אָרגאַניזירטע אָנגעשטעלטע, װעגן װעלכן אַ סאָציאַליסטישע צײַטונג האָט טאַקע געשריבן, אַז די געשעפטס-פירער האָבן דערבײַ אַרויסגעוויזן װײניקער סאָציאַלע פאַרשטענדעניש װי אַפילו אַ דורכשניטלעכער אונטערנעמער.

װען ס'איז שוין מער ניטאָ דער קאַפּיטאַליסטישער הונגער-בײַטש, צו טרײַבן דעם פּראָדוצענט צו דער אַרבעט, װעלכע איז נויטיק לטובת הכלל, אָבער װעלכע איז פאַר דעם יחיד אַ ביטערער צוואַנג, דעמאָלט װעט מוזן דערדאָזיקער צוואַנג דורכגעפירט װערן און דער אַרבעטס-פאַרטראָג װעט מוזן װערן אָפּגעשלאָסן אין אַ װעלכער ניט איז פאָרם דורך דעם אויטאָריטעט פון דער מלוכה, פון דער גילדע אָדער פון אַן אַנדערער געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע. מ'מוז האָבן אַ סך אָפּטימיסטישע װעלט-פרעמדקייט, כדי פאָרצושטעלן זיך, אַז די אַלע דאָזיקע מאָמענטן װעלן ניט געבן קיין שטויס צו דער שאַפונג פון נײַע טיף-גײענדיקע סאָציאַלע קעגנזאַצן. ס'איז קלאָר, אַז גראָד די אָפּשאַפונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער הערשאַפט אין דער פּראָדוקציע װעט אַרויסרופן די קאָנצענטרירונג פון נאָך אַ גרעסערער מאַכט אין די הענט פון דער מלוכה אָדער פון אַן אַנדערער עפנטלעך-רעכטלעכער אָרגאַניזאַציע. צו די ביז-איצטיקע ברייטע פונקציעס פון דידאָזיקע אָרגאַניזאַציעס װעלן צוקומען גראַנדיעזע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע אויפגאַבן. סוף כל סוף װערן דאָך דידאָזיקע אויפגאַבן אויסגעפירט דורך מ ע נ ט ש ן, מענטשן, װעלכע מוזן זיך דערצו פאַכמעניש ספּעציאַליזירן, װעלכע שאַפן מיט זיך די ביוראָקראַטיע. זיי װעלן באַקומען די מאַכט איבער אַנדערע מענטשן; מענטשן, װאָס װעלן נאַטירלעך דערצו שטרעבן, דידאָזיקע מאַכט אײַנצוהאַלטן און פאַרשפּרייטן, שוין כדי צו „ראַטעווען די רעוואָלוציע"; מענטשן, װאָס אויפן גרונט פון זייערע געירשנטע סאָציאַלע אינסטינקטן װעלן מוזן צעטיילט װערן אין מחנות פון פירער און געפירטע, קאָנסערוואַטיווע און פּראָגרעסיווע, צענטראַליסטן און פעדעראַליסטן, און טאַקע װאָס ס'איז שייך דעם גלויבן אין דער רעוואָלוציע-טעאָריע, אין אָרטאָדאָקסן און אַפּיקורסים.

נאָר דער מאַרקסיזם שטעלט זיך אַנדערש פאָר די צוקונפט, גלויבנדיק נאַאיוו אין דער אָפּהענגיקייט פון די פּסי-

באַלאַגישע מאָטיוון פון דער ראַציאָנעלער ציל-פאָרמול. ער האָט פאַרשפּרייט דעם געפערלעכן אָבערגלויבן, וואָס קומט צום אויסדרוק אין די פאַרטייאישע פראַזן פון דעם „פּאָליטישן מיטל צום עקאָנאָמישן צוועק", פון דעם חילוק צווישן „טאַקטיק און פּרינציפּ", פון דער „איבערגאַנגס-סטאַדיע פון דיקטאַטור", פון דער „אַנטוויקלונג דורך געוואַלט צו געוואַלטלאָזיקייט" א. א. וו. צווישן אַ סך קלוגע זאַכן, וואָס עס האָט געשריבן דער צו-ווייניק אָנערקענטער פּרודאָן, געפינט זיך אויך זיין מיינונג בנוגע „יענעם אַפאָריזם פון די ראַדיקאַלע: די סאָציאַלע רעוואָלוציע איז דער ציל, די פּאָליטישע רעוואָלוציע (ד. ה. דאָס אַריבערטראָגן פון דער געוואַלט) איז דאָס מיטל; דאָס באַטייט: גיט אונז דאָס רעכט אויף לעבן און טויט איבער אייערע נפשות און איבער אייער האָב און גוטס, און מיר וועלן אייך באַפרייען! — דאָס איז דאָך דאָס, וואָס די מלכים און גלחים זאָגן אונז צו אין משך פון שוין מער ווי 6000 יאָר!" פּרודאָן אַליין וואָלט געווען דער לעצטער, וועלכער וואָלט געמאַכט דערפון דעם אויספיר, אַז מען דאַרף זיך אָפּזאָגן פון סאָציאַלן פּראָגרעס דורך רעוואָלוציע; דאָס בוך, וואָס אַנטהאַלט אין זיך די דאָזיקע ווערטער, הייסט דאָך „דער אני מאמין פון אַ רעוואָלוציאָנער" און איז געשריבן געוואָרן אין טורמע, אָבער זיינע ווערטער זענען אַ וואָרנונג, אַרויסגענומען פון דער אייגענער דערפאַרונג, קעגן דער אילוזיע פון דעם פּאָליטישן מיטל צו דעם עקאָנאָמישן ציל.

די מאַרקסיסטישע קאַזואיסטיק, וואָס האָט תמיד — גערן אָדער אומגערן — באַרעכטיקט פּאַרטיי-האַנדלונגען, וועלכע פלעגן אָפּווייכן פון אירע אייגענע פּרינציפּיעלע מאָטיוון, מיטן אויסרייד, אַז עס האַנדלט זיך גאָרנישט וועגן אַ פּרינציפּיעלער נאָר מכח אַ טאַקטישער פראַגע, האָט דורך דעם געשאַפן נישט ווייניק צרות פאַר זיך גופא. אויב מ'לאָזט צו, אַז דער פּרינציפּ באַהערשט נישט די פּראַקטיק, ד. ה. ווען יעדעס מיטל, וואָס איז באַגרינדעט דורך דעם מאָטיוו, זאָל טאַקע אַנטשפּרעכן דעם הויכן מאָטיוו און זאָל אים שטאַרקן ביי די, וואָס באַנוצן דאָס מיטל, דעמאָלט באַהערשט דורי דורות די טאַקטיק דעם פּרינציפּ. די אויפגאַבע פון די פּרינציפּיעלע טעאָרעטיקער

באַשרענקט זיך דעמאָלט בלויז דערמיט, אַזוי אויסצופּשטעלן דעם נוסח פון דעם פּרינציפּ, אַז דער חילוק צווישן פּרינציפּ און טאַקטיק זאָל זיך נישט וואַרפן אין די אויגן.

די טעאָריע מכּח דער דיקטאַטור אַלס אַן איבערגאַנגס־סטאַדיע זעט פּשוט נישט דעם גרונט־פאַקט, אַז עס איז נישטאָ קיין דיקטאַטור אָן דיקטאַטאָרן און אַז דער, ווער ס'איז געוואָרן אַ דיקטאַטאָר, זאָגט זיך נישט אַזוי לייכט אָפּ פון דער דיקטאַטור. ס'איז אַזויפיל לייכטער צו רעגירן אָן אַן אָפּאָזיציע, אַז ביז איצט איז נאָך קיין איינציקן דיקטאַטאָר נישט איינגעפאַלן ווידער פרייוויליק אַראָפּצולאָזן זיך אין דעם פּאַרלאַמענטאַרישן „גב אריות" אויפן סמך פון די פריערדיקע הבטחות מכּח אַזאַ רעפאָרם. דאָס איינציקע מיטל צו באַוואָרענען זיך קעגן אַ דויערנדיקער דיקטאַטור איז, ווי די דערפאַרונג האָט באַוויזן, אויף קיין פאַל לכתחילה זיך גאָרנישט אָריינצולאָזן אין איר, באַזונדערס נאָך דערפאַר, ווייל די פּערזענלעכע נטיה פון דעם דיקטאַטאָר איז נאָך ווייט נישט דער איינציקער מאָטיוו פאַר דער פאַרטזעצונג פון דער דיקטאַטור. ס'איז פיל לייכטער צוצוגעוווינען די מאַסן צו אינטערטעניקייט ווי צו זעלבשטענדיקייט. נאָך מער: ווען די דיקטאַטור דויערט אַזוי לאַנג, ווי, למשל, דער רוסישער קאָמוניזם, דעמאָלט זענען די מענטשן, וואָס פירן ווייטער די דיקטאַטור, שוין נישט מער דיזעלביקע, וועלכע האָבן זי אָנגעהויבן; ווייל דער מאַטעריאַל פון דיקטאַטאָרן ווערט שנעל פאַרברויכט. די יורשים זענען שוין נייע מענטשן, וואָס זענען אויפגעוואַקסן אין אַ נייער גייסטיקער סביבה, ווי יענע, פון וועלכער ס'איז אַרויסגעקומען דער אורשפּרינגלעכער ציל; דאָס, וואָס איז פּאַקטיש געווען נאָר אַ מיטל פאַר דעם קעמפנדיקן פּיאָניר, ווערט אַ צוועק פאַר דעם מעשה־אַדמיניסטראַטאָר געוועלטיקנדיקן יורש. ווער ס'איז נוטה מזלזל צו זיין די באַדייטונג פון דעמדאָזיקן פאַקט, זאָל נאָר פאַרגלייכן די אַטמאָספער פון דער הייניטיקער ביוראָקראַטישער הערשאַפט אין מאָסקווער קרעמל מיט דעם גייסט פון די שטורעם־ און דראַנג־עפּאָכע, וועלכע האָט געפירט לעני‌נען צו דער מאַכט.

און וואָס איז שייך דער טעאָריע מכּח דער „אַנט־

װיקלונג דורך דער געװאַלט צו געװאַלטלאָזיקייט", װעלכע סאַקס אדלער האָט נישט לאַנג אַזוי פאַרהערלעכט, טאָ װערט דערביי נאָר איין זאַך פאַרגעסן, אַז זי גופא דערציט געװאַלט-מענטשן און אַז געװאַלט-מענטשן זײַנען לחלוטין נישט פעאיק צו שאַפן אַ געװאַלטלאָזע אָרדענונג. די פּסיכאָלאָגישע װירקונגען פונם װעלט-קריג רעדן אין אָט דער הינזיכט אַ שפּראַך, װאָס איז באמת שוין גאַנץ גענוג קלאָר. דער „קריג צוליב דעם נצחון איבערן קריג", פון װעלכן עס האָט כסדר גערעדט לאָיד דזשאָרדזש; דער „קריג קעגן מיליטאַריזם", אין װעלכן איך אַליין האָב געגלויבט, האָט זיך אַרויסגעשטעלט מעשה-װידערשפּרוך אין זיך גופא. אין קריג איז נישטאָ קיין אַנדער ציל װי נאָר מנצח צו זיין. דער, װער עס האָט אין זינען דעם נצחון פון געװאַלט, פאַרשאַפט דעם בעװאַלט אַ נצחון — און אויך אַ נצחון איבער זיך גופא. בעטראַנד רעססעל האָט זייער ריכטיק באַמערקט: „װיל מען דורכן קריג דערגרייכן אַן אידעאַל, איז דאָס פּונקט אַזוי, װי אָנצינדן אַ טאָן דינאַמיט נאָר כדי אָפּצובאַקן אַ שטיקל ברויט".

אמת, מען קאָן נישט זאָגן װעגן דער אַרבעטער-באַװעגונג, אַז די מיטלען, מיט װעלכע זי באַנוצט זיך, שטייען אין אַן אָפענער סתירה צו אירע צילן. אָבער ס'שאַפט זיך אין פאַרלויף פון דער צייט אַ װאַקסנדיקער װידערשפּרוך צװישן אַ טייל פון די מאָטיװן, װאָס זענען דער יסוד פון איר טעטיקייט, און די ציל-פאָרמולירונגען פון דער אָנפאַנגס-צייט. דאָ קומט פאָר אַ שינוי פון די מאָטיװן, װעלכן מען קאָן באַצייכענען אַלס אַ בהדרגהדיקע פאַרדרענגונג פון דער ראַדיקאַלער שטימונג דורך אַ רעפאָרמיסטישער. דיזאָזיקע אַנטװיקלונג איז באַגרינדעט — צוזאַמען מיט די אַלגעמיינע פּסיכאָלאָגישע פועל יוצאס און װירקונגען פון סאָציאַלן אויפשטייג פון די אַרבעטער-מאַסן — אויף די מאַסן גופא, דער עיקר אין דעם פאַקט פון דעם אָ ר ג אַ נ י ז אַ צ י ע - ל ע ב ן.

יעטװעדע אָרגאַניזאַציע, גאַנץ גלייך צי דאָס איז אַ פּאַרטיי, אַ געװערקשאַפט, אַ קאָאָפּעראַטיװ, אָדער אַ סאָציאַל-פאַרזיכערונגס-חברה, האָט אַן אומפיטלבאַרן באַזונדערן צװעק,

וואָס האָט געפירט צו איר גרינדונג און האָט באַשטימט איר
אויפבוי. אין באַשטימטע פאַזן פון דער אַנטוויקלונג דערשיינט
פאַר די אָרגאַניזירטע פערזאָנען דערדאָזיקער צוועק אַלס גלייכ-
באַדייטנדיק מיט דעם ווייטערדיקן, זייער בריטן, אַלגעמיינעם
צוועק פון דער סאָציאַל-עקאָנאָמיע, ד. ה. מיט דער רעכט-
לעכער און מאָראַלישער רעוואָלוציע פון סאָציאַלן סדר. אַזאַ
פאַזע פּאַסירט בדרך כּלל אין דער צייט פון דער גרינדונג
און פון דעם ערשטן מאַכט-אויפשוואונג פון דער אָרגאַניזאַציע,
שוין פשוט דערפאַר, ווייל מ'מוז דעמאָלט גובר זיין מניעות,
וועלכע האָבן וואָרצלען אין דעם גאַנצן סדר פון דער געזעל-
שאַפט און וועלכע מ'קאָן באַזיגן נאָר מיט דער הילף פון אַן
איבערגעוויינלעכער מסירת נפש. דידאָזיקע מסירת נפש קאָנען
אַרויסרופן נאָר אַזעלכע מענטשן, וועלכע זענען באַגייסטערט
פון אַן עקאָנאָמישן ציל, נישט רעכענענדיק זיך לגמרי מיט
קיין שום אומיטלבאַרן מאַטעריעלן נוצן. אַזוי איז עס געווען
ביי די ערשטע געווערקשאַפטס-טוער, וועלכע האָבן געליטן פון
די קאָאָליציע-פאַרבאָטן, פון די נגישות מצד די אונטערנעמער,
פון דעם חוזק מצד די אייגענע חברים. די יונגע סאָציאַליס-
טישע פּאַרטייען האָבן אויך נישט געהאַט קיין לייכטערן מזל;
שוין די נויטווענדיקייט אויסצוקעמפן אין אַלע לענדער ראשית
כּל דאָס גלייכע וואַל-רעכט, די פרייהייט פון אָרגאַניזאַציע און
פּראָפּאַגאַנדע, נאָך אפילו איידער עס זענען געווען מעגלעך
אייגנטלעכע רעזולטאַטן פון דעם פּאָליטישן איינפלוס, האָט
אַרויסגערופן אַ העראָאישע שטימונג, וועלכע איז געטראָגן גע-
וואָרן דורך ווייט-גייענדיקע צילן, הגם זיי זענען אָפטמאָל נאָך
אומקלאָר געשטאַנען פאַר די אויגן. יעטוועדע אַרבעטס-קאָאָפּע-
ראַציע, יעטוועדע אַרבעטער-צייטונג, אַרבעטס-לאָקאַל, יעטוועדעס
ברעקל פּיאָניר-אַרבעט פאַר דעם הייַנטיקן געוואַלטיקן בנין פון
די סאָציאַלע אינסטיטוציעס, וואָס ווערן איצט אויסגענוצט פון
אַזוי פיל מיליאָנען אַרבעטער ממש ווי אַ זעלבסטפאַרשטענד-
לעכע, כמעט געשענקטע זאַך, האָט פאַרלאַנגט קרבנות, וועלכע
מען קאָן מיט רעכט באַטראַכטן אַלס העראָאישע. דער, וואָס
האָט געבראַכט דידאָזיקע קרבנות, האָט בעת מעשה נישט גע-

האט אין זינען זיין אייגענעם אינטערעס, נאָר ער האָט מקיים געווען אַ מאָראַלישע פאָדערונג פונם אידעאַל.

דאָס אַלץ, וואָס איין דור האָט געשאַפן אין אַזאַ גייסט פֿערט איין און אַנדער גייסט מיט אַנדערע מאָטיוון נאָך מער אויסגעבוים און אויסגענוצט פון דעם קומענדיקן דור, וועלכער נעמט איבער די קרבנות־רייכע געשיכטע נאָר ווי אַ טראַדיציע. די מאַטעריעלע נוצן פון דער אָרגאַניזאַציע, וועלכע זענען פאַר די פּיאָנירן געווען נאָר אַ מיטל, אום צו געווינען די מאַסן פאַר דעם ענד־ציל, ווערן איצט פאַקטיש די וויכטיקסטע אָנציאונגס־קראַפט. נאָך דער עפּאָכע פון קרבנות אָן שכר קומט — לכל הפחות פאַר די מאַסן — אַ צייט פון שכר אָן קרבנות. דאָס העראָאישע פאַרשווינדעט, די אַגיטאַטאָרן און גרינדער ווערן פאַרביטן דורך אויסנוצער פון פרעמדער מי און אַדמיניסטראַציע־מומחים.

אַלס אַ פועל יוצא פון דער פאַרשפּרייטונג פון דער אָרגאַניזאַציע און פון די נייע טעכנישע אויפגאַבן, וועלכע ס'וואַקסן דערפון אַרויס, קומט גלייכצייטיק פאַר די סאָציאַלע שפּאַלטונג צווישן די מאַסן און פירער. די פירערשאַפט ווערט אַ פּראָפעסיע, די פירער־טעטיקייט פאַרוואַנדלט זיך אין אַ ביוראָ־אַרבעט. דער מאָטיוו פון דער אָרגאַניזאַציע בייט בהדרגהדיק זיין פּנים. דער אורשפּרינגלעכער ענד־ציל ווערט נישט בטל שוין דערפאַר אַליין, ווייל אין די מאַסן לעבט נאָך תמיד אַזוי פיל עסכאַטאָלאָגישע שטימונג, אַז די אַגיטאַציע פאַר דעם ענד־ציל בלייבט אַ גלענצנדיק מיטל, נישט נאָר צוליב דער אָרגאַניזאַציע גופא, נאָר אויך כדי אויפצומונטערן די פרייוויליקע, קרבנות־גרייטע אַרבעט פון די מיטגלידער. אויך ביי דעם פירער, וואָס באַקומט שכירות, לעבט נאָך כמעט שטענדיק דער מאָטיוו פונם ענד־ציל. ער איז אַ וויכטיקער באַשטאַנד־טייל פון די מאָראַלישע און גייסטיקע אייגנשאַפטן, וועלכע באַשטימען דעם אויסקלייב פון די פירער; און אַ סך פון זיי וואָלטן אפשר געקאָנט אויסהאַלטן די אַרבעט, נישט קוקנדיק אויף דעם — אמת אָפט צווייפלהאַפטן — נוצן פון דער „העכערער לעבנס־שטעלונג". אויב אַזאַ פירער וואָלט נישט געקאָנט פון צייט צו צייט באַגייסטערן זיך דורך דעם געדאַנק, אַז

זיין טעטיקייט איז אויך אַ מיטל צו אַ העכערן סאָציאַלן ענד-ציל. אין דער טאָג-טעגלעכער אַרבעט ווערט אָבער דערדאָזיקער מאָטיוו, אַלס אוממיטלבאַרער אימפּולס צו מעשים, פאַרדרענגט דורך אַ נייעם מאָטיוו, וועלכער פאַרוואַנדלט זיך אין דער טענדענץ צו דער זעלבסטדערהאַלטונג פון דער אָרגאַניזאַציע און אין דער אויפפאַסונג פון דער אָרגאַניזאַציע אַלס אַ זעלבסטצוועק.

מיט דער צייט ווערט יעטוועדע געמיינדע פון מאמינים פאַרוואַנדלט אין אַ קירך, יעטוועדע פּאַרטיי, לויט דעם כאַראַקטעריסטישן אויסדרוק פון דעם אַמעריקאַנער, אין אַ „מאַשין“, יעטוועדע געווערקשאַפט אין אַן „אַרבעטס-טראַסט“, יעטוועדע קאָאָפּעראַציע אין אַ „געשעפט“. יעטוועדע אָרגאַניזאַציע ווייזט אַרויס לכל הפּחות אַ טענדענץ אין דערדאָזיקער ריכטונג; די מאָס און דער טבֿע, מיט וועלכע דידאָזיקע טענדענץ שפּאַרט זיך דורך, הענגט אָפּ פון דעם ציל פון דער אָרגאַניזאַציע, פון דער שנעלקייט, מיט וועלכער זי ביוראָקראַטיזירט זיך, און פון דער ווירקזאַמקייט פון די דעמאָקראַטישע מיטלען, וועלכע קאָנען זיין אַ גוטע סגולה קעגן אַ צו שטאַרקער ממשלה פון דעם ביוראָקראַטישן גייסט.

דידאָזיקע טענדענץ איז די הויפּט-אורזאַך פון יענער כאַראַקטער-פאַרענדערונג אין דער אַרבעטער-באַוועגונג, וואָס לייגט אַרויף איר שטעמפּל אויף דער געשיכטע פון דער באַוועגונג אין דעם לעצטן האַלבן יאָרהונדערט, און וועלכע מ׳קאָן אַמבעסטן באַצייכענען ווי אַן אַנטוויקלונג פון ראַדיקאַליזם צום רעפאָרמיזם. אָט די ביידע ווערטער ברענגען צום אויסדרוק דעם וויכטיקן פּסיכאָלאָגישן מאָמענט פון דער דערשיינונג: אַ רעפאָרמיסט איז דער מענטש, וואָס זיין הויפּט-מאָטיוו איז די רעפאָרם, דער אוממיטלבאַרער, ממשותדיקער טייל-ציל פון דעם היינטיקן טאָג; אַ ראַדיקאַל איז דער, וואָס זיין גייסטיקע אָריענטאַציע איז געריכטעט דער עיקר אויף דאָס ראַדיקאַלע, ד. ה. אויף דעם שרש, אויף דאָס גאַנצע, אויף דעם ענד-ציל פון דער צוקונפט. עס לייגט זיך פולשטענדיק אויפן שכל, אַז צווישן די ביידע באַגריפן באַשטייט נישט אין גרונט לגמרי קיין שום לאָגישער ווידערשפּרוך, אַז זיי לאָזן זיך רא-

ציאָנעל איינאָרדענען אין איין סיסטעם, אין וועלכן דער כאַראַקטער פון דעם ענד-ציל גופא פאַרווירקלעכט זיך אין יעטוועדן טייל-ציל. אין תוך זענען רעפאָרמיזם און ראַדיקאַליזם נישט אויף אַזויפיל פאַרשיידענע דענק-סיסטעמען, ווי פאַרשיידענע געפיל-צושטאַנדן, פאַרשיידענע פאָרמעס פון דער אַפעקטמעסיקער ווירקונג מצד דעם כאַראַקטער און געפיל פון די סאָציאַל-טעטיקע מענטשן אויף דעם געשטאַלט פון זייער אייגענער טעטיקייט. אין אַ סיסטעם פון מיטלען און צילן קאָנען די ביידע שטימונגס-מאָטיוון לאָגיש זייער גוט פאַראייניקט ווערן; אָבער פראַקטיש-פסיכאָלאָגיש בלייבן זיי אויף אַזויפיל קעגנזעצלעך, אויף וויפל אין דעם געפיל-צושטאַנד פון יחיד קאָן איין מאָטיוו, סיי דער רעפאָרמיסטישער, סיי דער ראַדיקאַלער, ווירקן, דאָס הייסט אַרויסרופן אַפעקטן און ווילנס-האַנדלונגען נאָר אויפן חשבון פון דעם אַנדערן.

יעטוועדע פראַקטישע טעטיקייט, גאַנץ גלייך צי אויף דעם פּאָליטישן, אָדער געווערקשאַפטלעכן, אָדער וועלכן נישט איז אַנדערן געביט, איז אַ קאַמף, וואָס האָט אַלס אָביעקט אַ באַזונדערן ציל; און דער קאַמף ענדיקט זיך תמיד מיט אַן אויסגלייך, וועלכער ווערט באַדינגט דורך דער פאַרהעלטעניש צווישן דער אייגענער קראַפט און דער קראַפט פון דעם קעגנער. אויך די קראַפט, וואָס צילט אויף דאָס גאַנצע, פאַרווירקלעכט זיך תמיד נאָר דורך אַ ריי פשרות בנוגע צו טייל-אָביעקטן. ביי דער אָפּשאַצונג פונם ענד-ציל לויט דעם עטישן מאַסשטאַב פון גוט און שלעכט קאָן זיין נאָר אָדער — אָדער; אָבער ביי דער פראַקטישער אָפּשאַצונג פון דער טעגלעכער אַרבעט גילט דאָ, פאַרקערט, דאָס מער אָדער דאָס ווייניקער פון דעם קאָמפּראָמיס. נו, אָבער דאָס יעדעסמאָליקע אָננעמען פון אַ קאָמפּראָמיס באַטייט פאַר דעם באַוווסטזיין אַן אויפגעצוווּנגענע בחירה צווישן דעם געשטרעבטן ציל און דעם דערגרייכטן טייל-אָביעקט. די געוווינהייט פון דעם פראַקטיקער צו מאַכן אַזעלכע בחירות, פון דעם פראַקטיקער, וואָס זיין טעטיקייט באַשטייט אין דער פאַרווירקלעכונג פון אַ ריי צייטנווייז גאָר דראָבנע טייל-אָביעקטן, ברענגט אים דערצו, אַז ער זעט אין זיי דעם וויכטיקן ציל גופא, אַז פון אָנהויב אָן איז

ער אָריענטירט אויף דער דערגרייכונג פונם טייל־אָביעקט, אויף דער באַטאָנונג פון דעם טייל־מאָטיוו. דאָ האַנדלט זיך בעת מעשה וועגן אַ צוזאַמענווירקונג פון אַ פאַכאָווער געוווינהייט און פון דעם חשיבות־אינסטינקט, וועלכער טרייבט יעטוועדן פּריוויליק־טעטיקן מענטשן צו זען אין זיין אייגענער טעטיקייט, אין וועלכער עס שפּיגלט זיך אָפּ זיין גאַנצער זעלישער מהות, די גרעסטע ווערט־באַשטימענדיקע קוואַליטעט.

אָט דער פאַקט איז אַ באַגלייט־דערשיינונג פון דער עפנטלעכער טעטיקייט, אַ פּועל יוצא, וואָס שיינט כלומרשט אומוויכטיק צו זיין, אָבער אין זיין ווירקונג איז ער זייער באַדייטנדיק, אַז ער רופט אַרויס תמיד אַ געוויסע מאָס פון פּערזענלעכער נאָנטקייט צו דעם פּאָליטישן און סאָציאַלן קעגנער. די דערפאַרונג, וואָס ליגט אין תוך פון דעם אַלט־רוסישן שפּרוך־וואָרט: „די סענאַטאָרן זענען גוטע מענטשן, דער סענאַט איז אַ חיה רעה", ווערט דאָ קלאָר אין אַ פאַרקערטער ריכטונג: דער סענאַט איז טאַקע אַ חיה רעה, אָבער עס זענען דאָ גוטע חברה־לייט אויך צווישן די סענאַטאָרן. דאָס איז אַן אייביק־מענטשלעכע איבערלעבונג, וואָס האָט אַזוי שיין אויסגעדריקט דער אַלטער ענגלישער שריפטשטעלער טשאַרלס לאַמב: „דעם מענטשן, וועלכן איך קען, האָב איך נישט בכח פיינט צו האָבן". דאָס איז ריכטיק לגבי דעם קעגנער כמעט פּונקט אַזוי אָפט, ווי לגבי דעם אייגענעם פּאַרטיי־חבר, און האָט שוין פאַרשיידענע פירער געבראַכט דערצו, אַז זיי האָבן געמוזט אָפּשלייפן די שאַרפע קאַנטן אויך אין זייערע זאַכלעכע אַרויסטריטן.

די פאַראַנדערונג פון די מאָטיוון ביי די פירער ווערט מיט דער צייט באַגינסטיקט נאָך אַ דאַנק דעם, וואָס די אַנטוויקלונג פון דער אָרגאַניזאַציע רוקט בהדרגהדיק אַרויס אַ נייעם מאַסשטאַב אין דעם אויסקלייב פון די פירער, אַזוי אַז עס קומט דערביי אַרויף אויבן־אָן גאָר אַן אַנדער פּסיכאָלאָגישער טיפּ. דידאָזיקע אַנטוויקלונג קומט נישט נאָר פון יענעם איינפלוס, וועלכן עס האָט אויף דעם טוער זיין געוווינהייטס־טעטיקייט, נאָר אויך דערפון, וואָס אַ פאַרענדערטע טעטיקייט ציט אַריין פון אָנהייב אָן גאָר אַן אַנדער מענטשן־מאַטעריאַל

לויט דעם טעמפּעראַמענט און גייסטיקע נטיות. די צייט איז שוין אַוועק, ווען די אַרבעטער־באַוועגונג האָט זיך געניויטיקט נאָר אין העלדישע נאַטורן, באַזונדערס אויף די פירנדיקע פּאָסטנס; איצט דאַרף זי גאָר גוטע באַאַמטע, צופּערלעסיקע קאַסירערס, קלוגע אונטערהאַנדלער, פּעאיקע שריפטשטעלער און רעדנער. אין אַ ביוראָ פון אַ געווערקשאַפטס־פאַרבאַנד אָדער פון אַ קאָאָפּעראַטיוו, אַפילו אויף דער פּאַרלאַמענטאַרישער טריבונע וואַלט היינט־צו־טאָג די האַלטונגס־סימבאָליק פון די פּיאָנירן אין דער באַוועגונג אויסגעקוקט מעשה־לעכערלעכע, צהעקלאָזע פּאָזע. אוודאי קומט צום אויסדרוק אויך אין דער היינטיקער אַרבעטער־באַוועגונג נאָך אַ גאַנצע מאָסע פון אור־שפּרינגלעכער באַגייסטערונג פאַרן ענד־ציל; זי איז אָבער נישט אַזויפיל דער מאָטיוו פון די פירער, ווי דער אימפּולס צו דער פרייוויליקער הילף־אַרבעט, וואָס ווערט אויסגעפירט דורך די „אונטער־אָפיצירן און סאָלדאַטן". די אַגיטאַטאָרישע טעטיקייט פון די פאַרטרויאונגס־מענער אין דער פאַבריק און נאָך דער אַרבעט, די געווערקשאַפטלעכע טעטיקייט פון די באַטריבס־ראַטן, די פאַרטיילונג פון די פּראָקלאַמאַציעס, דער אָרדענונגס־דינסט, די מיליאָנען פון קליינע און גרויסע קרבנות אין צייט, קראַפט — און אָפט אין דער הנאה פון משפּחה־לעבן — וואָס ווערן אומעטום פרייוויליק געבראַכט צוליב דער פּראָפּאַגאַנדע. שוין מיט צוואַנציק יאָר צוריק האָב איך געהערט, ווי וויקטאָר אַדלער האָט אַמאָל געזאָגט, אַז די גרעסטע סכּנה פאַרן סאָציאַליזם וועט אַנטשטיין פון זיין אייגענעם ביוראָקראַטיזם. דאָס, וואָס איז דעמאָלט געווען נאָר געוואַגטע נביאות, איז היינט געוואָרן אַ העכסט אַקטועל פּראָבלעם פון דער אָרגאַניזאַציע־טעכניק.

אַמקלאָרסטן, אויב אויך נישט אַמטיפסטן, פאַרשטייען דאָס די פּאַרטיי־מענטשן גופא, ווען זיי באַקלאָגן זיך, אַז די גאַנצע גייסטיקע איניציאַטיוו־אַרבעט ווערט אַלץ מער און מער איבערגעלאָזן פאַר דער ביוראָקראַטיע פון דער אָרגאַניזאַציע. בעת דער פרייוויליקער ברען פון די מיטגלידער ווערט פאַרטעמפּט דורך דער מעכאַנישער, אויספירנדיקער אַרבעט פון דער „קיך". אויך אין דער פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע־טעכניק

איז דאָ אַ פּראָבלעם פון אַרבעט-אומחשק אַלס אַ פּועל יוצא פון דער מעכאַניזירונג און ביוראָקראַטיזירונג. די וואַקסנדיקע נטיה פון דער יוגנט, וועלכע אינטערעסירט זיך יאָ מיט פּאָליטיק, צו אַנטלויפן פון דער פּראַקטישער אָרגאַניזאַציע-אַרבעט אין ליטעראַרישן דילעטאַנטיזם, איז אויך איינע פון דידאָזיקע דערשיינונגען, וועלכע קאָנען באַקעמפט ווערן נאָר בתנאי, אויב מען דערקענט קלאָר און מוטיק זייערע סיבות. דאָס, וואָס מען קאָן אָפּשאַפן דידאָזיקע סיבות נאָר אין געוויסע גרענעצן, איז נאָך מער גרונט דערצו, אַז מען זאָל דוקא פאַרזוכן דאָס צו טאָן, לכל הפחות אויף וויפל ס'איז מעגלעך אין די גרענעצן פון דער אַרבעטער-באַוועגונג און אירע טאָג-אינטערעסן. אַ ווייט-בליקנדיקער אָרגאַניזאַציע-פּאָליטיקער וועט בלי ספק זיין ביכולת אָפּצוהאַלטן דעם נאַטירלעכן דראַנג פון דער ביוראָקראַטיע צו אַן אומבאַגרענעצטער אויסשפּרייטונג פון איר אַקטיוויטעט, לכל הפחות אויף וויפל אַזאַ חולאַת איז נישט אומבאַדינגט נויטיק פאַר די אויפגאַבן פון דער באַוועגונג. די דערקענטעניש פון דער שפּאַנונג צווישן דער ניכטערער ביוראָ-שטימונג פון איין זייט און דער „העראָאישער" מאַסן-שטימונג פון דער צווייטער זייט, ווי זי אַנטפּלעקט זיך אַלס סינדיקאַליזם און באַטריבס-ראַטן-אויטאָנאָמיע אין דער געווערקשאַפטס-באַוועגונג און אַלס יונג-סאָציאַליסטישע קריטיק אין דער פּאָליטיק, איז אַ געזונטער און היילנדיקער פּרינציפּ, נישט קוקנדיק אַפילו אויף אַ סך שמערצלעכע באַגלייט-דערשיינונגען. אַ צוועקמעסיק-אַנטשפּרעכנדיקע אָריענטירונג פון דער אַרבעטער-בילדונג, אויף וויפל דאָס קאָן דינען דעם אויסקלייב פון די באַאַמטע פאַר דער אַרבעטער-באַוועגונג, וואָלט זיכער געקאָנט פאַרשפּאָרן אַ סך צרות. פונדעסטוועגן וועט מען ווילנדיק-נישט-ווילנדיק מוזן שוה בשוה ווערן מיט דעם פאַקט, אַז ביוראָקראַטיזירונג און ספּעציאַליזירונג אין יעדער אָרגאַניזאַציע זענען פּונקט אַזעלכע אומפאַרמיידלעכע דערשיינונגען, ווי די מעכאַניזירונג און די ספּעציאַליזירונג אין דער היינטיקער פאַבריק.

XI

דער סאָציאַליזם און די רוים־אומשטענדן.

פון קאָסמאָפּאָליטיזם צום סאָציאַל־פּאַטריאָטיזם.

יעדעס לעבעדיקע וועזן איז נישט קיין
איינפאַכע, נאָר אַ פילפאַכיקע איינהייט.
בעמע.

אין פאַרבינדונג מיט דעם פאַקט, אַז אין לויף פון דער צ ײ ט קומט פאָר אַ פאַרדרענגונג פון די מאָטיוון אין דער סאָציאַלער באַוועגונג, וואָס עס דריקט זיך אויס אין דער אַנטוויקלונג צום רעפאָרמיזם, גייט אויך די אַנטוויקלונג אין ר ו י ם, וועלכע פאַרדרענגט דעם אורשפּרינגלעכן מאָטיוו פון דעם סאָציאַליסטישן קאָסמאָפּאָליטיזם דורך דעם מאָטיוו פון סאָציאַל־פּאַטריאָטיזם. אָנהויבנדיק פון דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל און ווייטער, שטייט די אַרבעטער־באַוועגונג אונטער דעם צייכן פון אַ וואַקסנדיקער דיפערענצירונג פון די נאַציאָנאַלע דענק־מעטאָדן, פון אַ וואַקסנדיקער גייסטיקער אויטאָנאָמיע פון נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס, פון אַ שטייגערנדיקער באַטאָנונג פון יענע מאָטיוון ביי דער אַרבעטערשאַפט, וועלכע זענען פאַרפלאַנצט אין דעם געפיל פון איר צוגעהעריקייט צו אַ נאַציאָנאַלער געמיינשאַפט. נאָך דעם אויסברוך פון וועלט־קריג האָט דידאָזיקע אַנטוויקלונג דערגרייכט איר העכסטן גראַד. מען וועט זי אויך אַמבעסטן פאַרשטיין, ווען מען וועט איינציקווייז באַטראַכטן די פאַרענדערונגען פון די ביידע רעגירונגס־פאַקטאָרן, פון וועלכע עס שטאַמט דער געפילס־מצב

פון דער אַרבעטערשאַפט — די סאָציאַלע סביבה און די אייגענע פסיכאָלאָגישע פאַראַנלאַגונג.

שוין פון שטאַנדפונקט פון די ריין-עקאָנאָמישע אינטערעסן אַליין האָט דער קאַפּיטאַליזם געשאַפן אַלץ, וואָס מען וויל, נאָר נישט דעם קאָסמאָפּאָליס. ס'איז פאַרשטענדלעך גענוג, אַז מאַרקס האָט נאָך געלייגט דאָס הויפּט-געוויכט אויף די קאָסמאָפּאָליטישע טענדענצן פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט. זיין עקאָנאָמישער געדאַנקען-גאַנג האָט זיך באַוועגט אין דערזעלביקער צייט-אַטמאָספער, אינם זעלבן אינטעלעקטועלן קלימאַט, פון וועלכן ס'איז אַנטשטאַנען אויך דער וועלט-פאַראייניקנדיקער אָפּטימיזם פון דער עקאָנאָמישער מאַנטשעסטער-שול. די נאַציאָנאַלע קעגנזאַצן פון זיין צייט האָבן געשיינט צו זיין נאָר פועל-יוצאס פון שוין איבערגעלעבטע פאַרקאַפּיטאַליסטישע, דינאַסטישע אינסטיטוציעס און טראַדיציעס. ענגלאַנד, דאָס אין אינדוסטריעלן זינען סאַמע פאָרטגעשריטענע לאַנד פון יענער צייט, וואָס האָט אגב געגעבן דעם וויכטיקסטן רעאַלן הינטערגרונט פאַר מאַרקסעס טעאָרעטישע אונטערזוכונגען, האָט שוין טאַקע דעמאָלט אויפגעבויט אַן עקאָנאָמישע אימפּעריע ; און ווייל זי האָט דערביי נישט געדאַרפט מורא האָבן פאַר קיין שום קאָנקורענטן, איז דערדאָזיקער אימפּעריאַליזם געווען געטראָגן פון דעם קאָסמאָפּאָליטיש-פּאַציפיסטישן גייסט פון פרייען האַנדל, וועלכער האָט געזוכט בטל צו מאַכן די נאַציאָנאַלע גרענעצן. דערפאַר איז מאַרקס געווען נאָך אינגאַנצן פאַרכאַפּט פון דער וויזיע מכח דער וועלט-רעוואָלוציע, וועלכע האָט זיך פאַר אים אַנטפּלעקט ; פון דעם אַפּאָקאַליפּסיס פון קריג, וואָס איז געשטאַנען פיל נענטער, האָט ער אָבער הפנים נישט געהאַט קיין שום פאָרשטעלונג. צוליב דער קאָנקורענץ פון דייטשלאַנד און אַמעריקע, וועלכע האָבן גענומען באַדראָען ענגלאַנדס וועלט-מאַכט-מאָנאָפּאָל, האָבן זיך דאָך ערשט אין סוף פון 19 יאָרהונדערט אָנגעהויבן דורכצוזעצן די טענדענצן צום אימפּעריאַליזם אָט אין יענער זיינער נאַציאָנאַלער געשטאַלט, וועלכע האָט אַרויפגעלייגט איר שטעמפּל אויף דעם שפּעטערדיקן וועלט-קריג. ווי באַקאַנט, איז פאַר דעם מאַרקסיזם גאַנץ

שהער געפֿונען צו דערקלערן דעם נייעם פֿאַקט פֿון אימפּעריאַ־ליזם; נו, אויף וויפֿל ער האָט דאָס איבערהויפּט פֿאַרזוכט צו טאָן, האָט ער פֿאַרשטעלט פֿאַר זיך אַליין דעם בליק אין דער פֿולער באַדייטונג פֿון אָט דער נייער דערשיינונג. און געטאָן האָט ער דאָס דורך דעם, וואָס ער האָט זייער איינזייטיק באַטאָנט נאָר דעם עקאָנאָמישן אינטערעסן־קעגנזאַץ צווישן די פֿאַרשיידענע קאַפּיטאַליסטן־גרופּעס גופֿא. דערביי האָט ער נישט באַמערקט די וויכטיקייט פֿון די פּאָליטישע, קולטורעלע און פּסיכאָלאָגישע ווירקונגען פֿון דעם נ אַ צ י אָ נ אַ ל י ז ם, באַזונדערס ווען מען נעמט אין באַטראַכט דווקא די שטימונג פֿון דער אַרבעטערשאַפֿט. קודם כּל, האָט מען נישט איינגעזען — און אויף וויפֿל מען האָט דאָס געפֿילט, האָט מען זיך געהיט אין דעם אָפֿן זיך מודה צו זיין — אַז די עקאָנאָמישע אינטערעסן־קעגנזאַצן, וועלכע ווירקן צווישן די פֿעלקער אין דער תּקופֿה פֿון אימפּעריאַליזם, האָבן באַרירט אויך די אַרבעטערשאַפֿט פֿון פֿאַרשיידענע לענדער, און זענען נישט פֿאַרבליבן אַן עסק נאָר פֿון דעם בירגערטום.

אויף וויפֿל די אַרבעטערשאַפֿט באַקומט דורך איר געזעלשאַפֿטלעכער און פּאָליטישער טעטיקייט אַן איינפֿלוס אויף דער געשטאַלטונג פֿון אירע אַרבעטס־ און לעבנס־באַדינגונגען, אויף אַזויפֿיל הערט אויף איר עקאָנאָמישער אינטערעס צו זיין נאָר אַ קעגנזאַץ צו די אינטערעסן פֿון די אונטערנעמער. גלייכצייטיק מיט דעם אינטערנאַציאָנאַלן קעגנזאַץ צווישן די אַרבעטער און די אונטערנעמער טרעטן אַרויס נאַציאָנאַלע געמיינשאַפֿטלעכע אינטערעסן צווישן באַשטימטע אַרבעטער־ און קאַפּיטאַליסטן־גרופּעס, נאָר מער: צווישן דער אַרבעטערשאַפֿט און די קאַפּיטאַליסטן בכלל. אָבער יעטוועדער פֿון די דאָזיקע נאַציאָנאַלע געמיינשאַפֿטלעכע אינטערעסן ברענגט צו אַ שאַרפֿער סתּירה צווישן די נאַציאָנאַלע אַרבעטער־אינטערעסן פֿון איין לאַנד און די אַרבעטער־אינטערעסן פֿון אַנדערע לענדער.

לכתּחילה שטייען נישט אַלע אינטערעסן פֿון די אַרבעטער אין אַ סתּירה צו די אינטערעסן פֿון די קאַפּיטאַליסטן, ביידע צדדים זענען, למשל, פֿאַראינטערעסירט אין דעם אַלגעמיינעם וווקס פֿון זייער אינדוסטריע. אָבער אָט דער וווקס

העגגס וייער פיל אָפּ פון דער אויסערלעכער פּאָליטיק פון דער מלוכה. דער שיקזאַל פון דעם באַוול-אַרבעטער פון דער פּראָווינץ לאַנקאַשיר אין ענגלאַנד איז פּונקט אַזוי אָפּהענגיק פון ביליקן רוי-מאַטעריאַל און אַ גרויסן אָפּזאַץ-מאַרק, ווי דער שיקזאַל פון זיין אונטערנעמער. און דערדאָזיקער אַרבעטער וועט נוטה זיין צו אונטערשטיצן יעטוועדע פּאָליטיק, וועלכע וועט אים זיכערן אָט די ביידע זאַכן. דער דייטשישער בערג-אַרבעטער אין אויבער-שלעזיע איז פאַראינטערעסירט אין אַזאַ פּויליש-דייטשישן גרענעץ, וועלכער זאָל נישט אָפּרייסן זיין אינדוסטריע פון אירע אָפּזאַץ-געביטן. ס'איז קיין שום ספק נישט, אַז די לעגענדאַרע אינדוסטריעלע הויך-קאָניונקטור, וואָס דער וועלט-קריג האָט פאַרשאַפט אַמעריקע, האָט באַדייטנדיק פאַרבעסערט די לאַגע פון דעם אַמעריקאַנישן אַרבעטער. ווידער, וואָלט די וועלט-מלחמה זיך פאַר דייטשלאַנד פאַרענדיקט אויף אַזאַ אופן, ווי עס האָבן געוואָלט אירע מלוכה- און קריג-פירער, דעמאָלט וואָלט דער דייטשישער אַרבעטער געהאַט זיין גרויסן חלק אין דעם אויפבלי פון דער דייטשישער אינדוסטריע (דורך דער דעראָבערונג פון נייע האַפנס, טראַנספּאָרט-וועגן, לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקציע-געביטן און אָפּזאַץ-מערק, דורך אַרויפלייגן די קריגס-הוצאות אויף די באַזיגטע פעלקער, דורך האַנדלס-פּאָליטישער און מיליטערישער אונטערדריקונג פון דער פרעמדער קאָנקורענץ א. א. וו.). די געפילן, וואָס זענען, למשל, אַרויסגערופן געוואָרן אין די פירנדיקע געווערקשאַפטס-קרייזן אין דייטשלאַנד דורך איינגעמען פון אַנטווערפּן און דעם אייזן-געביט פון צפון-מזרח-פראַנקרייך האָבן באַוויזן, אַז די אַרבעטער-פירער האָבן געהאָפט נהנה צו זיין פון אַ נצחון. און פאַרקערט, פאַר דער בעלגישער אַרבעטערשאַפט וואָלט נאָכן קריג נישט געווען מעגלעך צו העכערן איר אַרבעטס-לוין איבער דעם עקזיסטענץ-מינימום — אין קעגנזאַץ צו דעם, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין די שכנותדיקע לענדער — אויב דאָס וואָלט נישט מעגלעך געוואָרן דורך די גינסטיקע רעפּאַראַציע-אָפּמאַכן לטובת בעלגיע, און סוף כל סוף טאַקע אויפן חשבון פון דער דייטשישער אַרבעטערשאַפט. דאָס איז איינע פון די אורזאַכן, פאַרוואָס די

בעלגישע אַרבעטער-פּאַרטיי האָט תּמיד אויסגעמיטן אָוועקצו-שטעלן די פראַגע מכּח די רעפּאַראַציע-באַשטימונגען אין ווער-סאַלער פאָרטראַג; איר הויפּט-אַרגומענט קעגן דער באַזעצונג פון רור-געביט אין יאָר 1922 אין דייטשלאַנד איז געווען, אַז דער מיליטערישער צוואַנג — אין קעגנזאַץ צו די עקאָ-נאָמישע סאַנקציעס — וועט שטעלן אונטער אַ סכּנה די רעגל-מעסיקע באַצאָלונג פון די רעפּאַראַציעס. די שוועריקייטן, וואָס דער II אינטערנאַציאָנאַל האָט געהאַט אין דער פראַגע פון דער רעפּאַראַציע-פּאָליטיק ביז צום יאָר 1923, קאָן מען בכלל נישט פאַרשטיין, אויב מען זאָל נישט איינזען, אַז פאַר דעם דייטשישן אַרבעטער איז געווען וויכטיק צו צאָלן אַ מעגלעך קלענערע רעפּעראַציע-סומע, אין דער צייט, ווען די פראַנצוי-זישע און די בעלגישע אַרבעטער זענען געווען פאַראינטערע-סירט צו באַקומען פאַר זייערע לענדער אַ מעגלעך גרעסערע סומע, אָדער האָבן, לכל הפּחות, וואָס איז אין תּוך דאָסזעלבע, געמיינט, אַז זיי האָבן אַזאַ אינטערעס. פאַרקערט, די ענגלענ-דער האָבן זיך געפילט פריי פון דערדאָזיקער דאגה; זיי האָבן זיך אפילו אָפּגעזאָגט אַרויסצוזאָגן זייער מיינונג וועגן דעם אומזין פון די רעפּאַראַציעס, וואָס וואָלט געוויס געשטימט מיט זייערע בעסטע טראַדיציעס און וואָס איז געווען די אי-נערלעכע איבערצייגונג פון אַ סך פון זיי; זיי זענען נאָר אַרויסגעטרעטן פון זייער פּאַסיוויטעט ערשט — אָבער דעמאָלט טאַקע אויך גרינדלעך! — כּדי צו פּראָטעסטירן קעגן דער ליפערונג פון קוילן פון דייטשלאַנד. ווייל דורך אָט דער לי-פערונג ווערן טאַקע פאַרדרענגט די ענגלישע קוילן פון די קאָנטינענטאַלע מערק, ד. ה. אַז עס ווערן אַראָפּגעדריקט די ענגלישע קוילן-פּרייזן און דערמיט אויך דער לוין פון די ענגלישע בערג-אַרבעטער.

אויב דער אינטערנאַציאָנאַל איז נישט פאַנאַנדערגעפאַלן פון דידאָזיקע סתּירות, איז דאָס נאָר אַ דאַנק זיין שוואַכקייט. ער האָט געוווסט, אַז ער מוז אַזוי צי אַזוי איבערלאָזן די רעגולירונג פון דערדאָזיקער פראַגע צו אַ העכערער מאַכט; ער האָט זיך געקאָנט אַלזאָ באַשרענקען מיט דער (אגב נישט קיין איבערפליסיקער) אויפגאַבע אויפצושטעלן ריכט-ליניען

פאַר דער פרידלעכער דורכפירונג פון דער רעפּאַראַציע-פּאָלי-
טיק און נישט מוזן פאַרגעמען זיך פאַראַנטוואָרטלעך מיט דעם
פּרינציפּ גופא, אָדער מיט דער פעסטשטעלונג פון די רעפּאַ-
ראַציע-סומעס. אָבער, אַז דיזעלביקע אַרבעטער-פירער, וואָס
זענען געקומען צו די קאָנפערענצן פון דעם אינטערנאַציאָנאַל,
האָלטן געמוזט מעשה פאַראַנטוואָרטלעכע פאַרטרעטער פון
זייערע רעגירונגען צופרידן זיך מכח אַ פאַקטישער לעזונג
פון די פראַגן, דעמאָלט וואָלטן זיי געוויס געמאַכט זייער זאַך
נישט ערגער פון די פאַכאָווע דיפּלאָמאַטן ; זיי וואָלטן אָבער
געמוזט זוכן, פונקט אַזוי ווי דידאָזיקע דיפּלאָמאַטן, אַ פּשרה
צווישן די אַלע אינטערעסן-קעגנזאַצן, וועלכע זענען אויך נוגע
די אַרבעטער פון פאַרשיידענע לענדער. מיר האָבן נישט בדעת
מבזה צו זיין מיט דידאָזיקע פעסטשטעלונגען די טעטיקייט
פון דעם אינטערנאַציאָנאַל אין דידאָזיקע קריטישע יאָרן ;
ער האָט געטאָן, וואָס ער האָט געקאָנט און וואָס ס'איז גע-
ווען נויטיק. ס'איז אָבער דערמיט קלאָרער געוואָרן דער פאַקט,
אַז די באַשטייענדיקע נאַציאָנאַלע אינטערעסן-קעגנזאַצן ציען
אַריין די אַרבעטער-באַוועגונג אַלץ מער, וואָס מער זי באַקומט
מאַכט און פאַראַנטוואָרטונג. דער קאָמוניזם איז דאָ קיין שום
אויסנאַם נישט : איז דאָך פון טראָצקין גופא די דעראָבערונג
פון גרוזיע דורך דער רויטער אַרמיי באַרעכטיקט געוואָרן
מיט דער טענה, אַז די וועלט-עקאָנאָמישע אינטערעסן פון
רוסלאַנד פאַרלאַנגען אַ „קאָאָרדינירונג פון דער וועלט-פּראָ-
דוקציע", מיט אַנדערע ווערטער, זיי פאַרלאַנגען דעם באַזיץ
פון דעם קאַווקאַזישן נאַפט-געביט.

אמת, ווער עס וואָלט געפּרווט צו דערקלערן די נאַ-
ציאָנאַלע הלוקים אין דער אַרבעטער-באַוועגונג נאָר מיט די
עקאָנאָמישע אינטערעסן-קעגנזאַצן, וואָלט געמאַכט דעמזעלביקן
טעות, ווי דער מאַרקסיסט, וועלכער פירט אַרויס פון דער
אַבסטראַקטער אוניווערסאַליטעט פון קלאַסן-אינטערעס די וועלט-
איינהייט פון דער סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע. אין יסוד
פון דער וואַקסנדיקער נאַציאָנאַלער דיפערענצירונג ליגן נאָך
אַ סך באַדייטנדיקערע און טיפערע אורזאַכן, ווי נאָר די אינ-
טערעסן-קעגנזאַצן. די דערמאָנטע שוועריקייטן פון דעם אינ-

טערנאַציאָנאַל פון דער קריגס-צייט אָן האַלטן אויך דעמאָלט נישט פאַרשווונדן, ווען עס וואָלט זיך אַפילו געווען דורכגעזעצט דער שטאַנדפּונקט, אַז גראָד די אַרבעטערשאַפט איז אַזוי אַנטשיידן פאַראינטערעסירט אין דעם ווידער-אויפבוי פון דער אינטערנאַציאָנאַלער ווירטשאַפט, אַז אַלע צוטיילנדיקע עקאָנאָמישע מאָמענטן מוזן אין פאַרגלייך מיט דעם אָפּטרעטן אויף צוריק. אויך דעמאָלט וואָלט מען נאָך געשטאַנען פנים אל פנים מיט דעם עטיש-פּאָליטישן פאַקט, אַז די אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען זענען אויך ביי דער סאָציאַליסטישער אַרבעטערשאַפט פאַרסמט דורך די פּסיכאָלאָגישע פועל-יוצאס פון דער לעגענדע מכּח דער קריג-שולד.

עד היום האָט דער אינטערנאַציאָנאַל מיט מורא אויסגעמיטן אויפצושניידן דעמדאָזיקן געשוויר. און דאָך איז בולט קלאָר, אַז אַ דויערנדיקע און אויפריכטיקע פאַרשטענדיקונג איבער וועלכע נישט איז וועלט-פּאָליטישע איינצל-פראַגן איז אוממעגלעך, כּל זמן די מאַסן גופא וועלן זיך נישט באַפרייען פון דער משוגענער אידעע, אַז ס'זענען דאָ שולדיקע און אומשולדיקע, אומגעפּערלעכע און געפערלעכע, משפּטנדיקע און פאַרמשפּטע פעלקער. פון שטאַנדפּונקט פון יענע טאָג-פראָבלעמען, וועלכע זענען דעמאָלט געשטאַנען פאַר דעם אינטערנאַציאָנאַל, איז אַ ספק, צי ער, אַלס אַ פאַרבינדונג פון פּאַרטייען, צוליב פּראַקטישע צילן, האָט געקאָנט אַנדערש האַנדלען. איז דאָך זיין ערשטע פליכט נאָכן קריג געווען ווידער בהדרגהדיק צו דערציען די פריערדיקע קריגס-קעגנער צו אַ מינימום פון קעגנזייטיקער אונטערשטיצונג און צוטרוי דורך דער באַהאַנדלונג פון די דרינגענדסטע איינצל-אויפגאַבן אין דער דעמאָלטיקער אינטערנאַציאָנאַלער עת צרה. וואָלט מען זיך אַריינגעלאָזן אין די חילוקי דעות וועגן די גרעסערע פּראָבלעמען פון דער קריגס-שולד, וואָס דאָס איז טאַקע פאַר דעם יחיד די פאָראויסזעצונג צו אַן אַלגעמיינער לעזונג פון אַלע נאָךמלחמה-אויפגאַבן, דעמאָלט וואָלט דאָס גיכער געשטערט ווי געהאָלפן דער באַרואיקונג פון די מאַסן, וועלכע קומט פון אַ בהדרגהדיקן צוריקקער צום שכל אונטער דעם צוואַנג פון נויט. די יחידים, וואָס שטייען איבער דעם צוואַנג פון מאַסן-

אינטערעס און מאסן-שטימונג, װערן דורכדעם נישט באפרייט פון דעם חוב צו רעדן צו דער מינדערהייט, װאס װיל הערן די שטים פון געװיסן, טאקע אין דער שפראך פון געװיסן. װאס מער די טעגלעכע פאליטישע צוזאמענארבעט בויט װידער אויף די אלטע, דורך דעם קריג צעריסענע פארבינדונגען, אלץ מער װעט אויך די אינטערנאציאנאלע דעבאטע װעגן די פראבלעמען פון קריג-שולד װערן אן אקטועלע, ד. ה. אויך א פאליטיש-נויטװענדיקע פארבאדינגונג צו דער ליקווידירונג פון דער קריגס-ירושה.

בינו לבינו מוז דער פארשער, װאס זיין אויפגאבע איז נישט באשרענקט מיט װעלכע נישט איז אוממיטלבארע פארטיי-פאליטישע פניות, האבן א רעכט ארויסצוזאגן דאס, װאס ער האלט פאר ריכטיק; און אויך דער פארטיי-פירער קאן נאר דעמאלט ריכטיק אויספירן די טעגלעכע אויפגאבן, װען ער זעט זיי אין ליכט פון דער דערקענטעניש פון גרעסערע און העכערע אויפגאבן פון יארן און צענדליקער יארן. דאס דארף האבן פאר זיך דעם תנאי, אז מען פארשטייט די אמתע נאטור פון די מניעות, װעלכע שטעלן זיך אויפן װעג פון דער סאציאליסטישער אינטערנאציאנאליטעט. דידאזיקע מניעות װאלטן נישט געװען די העלפט אזוי גרויס, װי זיי זענען, װען זיי װאלטן זיך באזירט נאר אויף דער פארשיידנהייט פון א י נ ט ע ר ע ס; די גרויסע שװעריקייט קומט ערשט דעמאלט, װען עס האנדלט זיך מכח אריבערגיין פון דער פארטיקער דערקענטעניש פון די איבער-נאציאנאלע אינטערעסן צו אן אינטערנאציאנאלן פאליטישן װ י ל ן. פאר דעם פאליטיקער-עקאנאמיסט איז גאר לייכט צו באװייזן, אז די אינטערעסן-פארבינדונגען פון דער ארבעטערשאפט זענען אין אינטערנאציאנאלן זינען שטארקער װי אין דעם נאציאנאלן; אגב איז דאס פונקט אזוי לייכט צו באװייזן בנוגע צו א װעלכן נישט איז אנדערן קלאס פון דער געזעלשאפט, בתוכם אויך די קאפיטאליסטן. איך פרעג אייך: װעלכער קלאס װאלט נישט געהאט קיין עקאנאמישן נוצן דערפון, װען, למשל, אייראפע װאלט געװארן אזא מין איינהייט, װי די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע? דער עיקר איז אבער, אז דער װילן פון די

מאַסן — סיי פון זייערע געבילדעטע שיכטן, סיי פון די אַנ-
דערע — ווערט נישט באַשטימט פון זייערע פּאָליטיש-עקאָ-
נאָמישע דערקענטעניש, נאָר פון די ליידנשאַפטן פון אַ סך
אַ טיפערער נאַטור, פון וועלכע עס הענגט אָב אויך אָפּ, אויף
וואָס פאַר אַן אופן די פאַרשיידענע קלאַסן באַנעמען זייער
אינטערעס. ס'איז קיין שום ספק, אַז פון שטאַנדפּונקט פון דעם
גאַנצן עקאָנאָמישן דענקען טראָגט די פּראָלעטאַרישע אינטע-
רעסן-געמיינשאַפט הויפּטזעכלעך אַ וועלט-כאַראַקטער; אָבער
דער מענטש איז נאָך עפּעס אַנדערש, ווי אַ מאַשין אויף צו
לייזן עקאָנאָמישע רעכן-אויפגאַבן. האָט זיך דען געפונען אין
יאָר 1914 כאָטש איין מענטש, וואָס זאָל דערוואַרטן פון קריג
אַן עקאָנאָמישן נוצן פאַר דער וועלט אָדער פאַר וועלכן נישט
איז סאָציאַלן קלאַס? און דאָך האָבן גראָד יענע, פאַר וועלכע
דער געדאַנק פון אַזאַ מין נוצן איז געווען אַמווייטסטן, זיך
אַריינגעוואָרפן אין דעם קריג מיט דער גרעסטער באַגייסטערונג
און געפירט אים אין משך פון $4^1/_2$ יאָר. דאָס איז ריכטיק
אויך לגבי די אַרבעטער. זייער אינטערנאַציאָנאַלע אינטערעסן-
סאָלידאַריטעט קאָן זיך טאַקע נאָר אויף אַזויפיל אויסווירקן
אין דער פּאָליטיק, אויף וויפל זי איז בכח אַרויסצורופן ביי
זיי דעם פּאָליטישן ווילן.

אָט דאָ ליגט דער אַנטשיידנדיקער גרונט, פאַרוואָס די
כחות, וועלכע צעטיילן די וועלט אין דער היינטיקער געזעל-
שאַפטס-אָרדענונג, וועגן נאָך שטענדיק אַריבער אַזוי שטאַרק די
כחות, וועלכע פאַרבינדן אַט די וועלט. דער וועלט-צעטיילנדי-
קער נאַציאָנאַליזם ווירקט אויף דער אַרבעטער-באַוועגונג אויף
אַזאַ שטייגער, וועלכער פאַרוואַנדלט די אינטערנאַציאָנאַליטעט
פון אַרבעטער-אינטערעס נאָר אין אַ צווייטקלאַסיקן פאַקטאָר,
וועלכער איז אונטערגעוואָרפן סיי זיין פּאָליטישן ווילן און
סיי זיין קולטורעלן כאַראַקטער. דער וויכטיקסטער פאַקטאָר
זינט דעם יאָר 1914 אָן איז דאָס געפיל פון נאַציאָנאַלער
צוגעהעריקייט, וועלכעס באַזירט זיך אויף דער געוואַלטיקער
דערפאַרונג פון אַ פאַקטישער נאַציאָנאַלער פאַרבונדנקייט פון
שיקזאַל, און אינטערעסן-בונד פון די סאָציאַלע קלאַסן.

און דאָס אייגנטימלעכע אין דעם געפיל פון דער נאַ

ציאָנאַלער צוזאַמענגעהעריקייט פון דער אַרבעטערשאַפט, וועל-
כער וואַקסט אין משך פון אַ גאַנצן דור, איז דאָס, וואָס דאָס-
דאָזיקע געפיל איז לחלוטין נישט אַ רעשטל פון איר נאָך
נישט קלאַסן-באַוווסטער צייט, נאָר טאַקע אַ פּראָדוקט פון איר
פּאָליטישן און קולטורעלן אויפשטייג. אויך דאָס איז אַ ביישפּיל
פאַר דער פילפאַכיקייט פון די סאָציאַלע באַוועגונג-צוועקן, ווייל דווקא
דאָס געפיל פון דער אינטערנאַציאָנאַליטעט פון אירע אינטערעסן
און אויפגאַבן איז געווען איינער פון די ווירקזאַמסטע פאַק-
טאָרן, וועלכע האָבן דערמעגלעכט די מעכטיקע אַנטוויקלונג
פון דער אַרבעטער-באַוועגונג.

„פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניקט זיך!"
דאָס איז געווען דער ערשטער רוף, וואָס האָט געפונען אַן
אָפּקלאַנג ביי די אַרבעטער מחוץ די גרענעצן פון אַן איינצל-
נעם לאַנד. זייער ערשטעס מאַסנהאַפט אויפטרעטן (ערשטער
אינטערנאַציאָנאַל), אַ פּאָר יאָר שפּעטער, איז געשטאַנען אונ-
טער דעם צייכן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער-אַסאָ-
ציאַציע. אָט דער אינטערנאַציאָנאַל איז פאַנאַנדערגעפאַלן צו-
ליב דעם סכסוך צווישן דעם דאָקטרינערן רצון פון אירע
צענטראַליסטישע אָנפירער, פון איין זייט, און דעם אומאיינ-
הייטלעכן שטרעבן פון אירע נאַציאָנאַלע סעקציעס, פון דער
צווייטער זייט. אָבער סעקציעס זענען אויך ווייטער גע-
בליבן באַשטיין און האָבן פאַמעלעך באַקומען מאַכט אַלס
פּאַרטייען אין דעם אייגענעם לאַנד. נו, ווען זיי האָבן זיך
אין סוף 19-טן יאָרהונדערט פאַראייניקט אין אַ נייעם אינ-
טערנאַציאָנאַל, האָבן זיי זיך פאַרהאַנדלט פון פּראָפּאַגאַנדע-
אָפּטיילונגען פון אַ אינטערנאַציאָנאַלער סעקטע אין איינפלוס-
רייכע נאַציאָנאַלע פאַרטרעטונגען פון די אינטערעסן פון דער
אַרבעטערשאַפט. זייער ווילן צו מאַכט האָט זיך פאַרבונדן מיט
דעם מאַכט-ווילן פון דער געווערקשאַפטס-באַוועגונג, וואָס איז
מיט דער צייט גרויס געוואָרן און האָט זיך אַזוי שנעל דורכ-
געזעצט, אַז דער סאָציאַליזם איז געוואָרן רעגירונגס-פעאיק
אין די מערסטע לענדער פון איראָפּע שוין פאַר דעם וועלט-
קריג. די דעראָבערונג פון וואַל-רעכט און זיין אויסנוצונג דורך
קלאַסן-פּאַרטייען האָט געמאַכט מעגלעך, אַז מען זאָל איבער-

אײן פון דער סטאַדיע פון אַגיטאַציע צו דער סטאַדיע פון דער בהדרגהדיקער פאַרװירקלעכונג פון פּראָלעטאַרישע פאָדערונגען. די אַרבעטער־פּאַרטײען האָבן גענומען אָנטײל אין דער געזעצגעבונג און אַ סך מאָל אַפילו, באַזונדערס אױפן אַדמיניסטראַטיװ־לאָקאַלן געביט, אױך אין דער פאַרװאַלטונג. אָט אַזױ װי די פּאַרטײען האָבן זיך באַטײליקט אין דער געזעצגעבונג, האָבן זיך די געװערקשאַפטן באַטײליקט אין דער רעגולירונג פון די אַרבעטס־באַדינגונגען, װעלכע זענען אױך באַלד אומעטום פאָרמולירט געװאָרן אין אַ נײעם סיסטעם פון אַרבעט־פאָרטראַגן. אָבער יעטװעדער אָפּמאַך איז אַ פאַרפליכטונג, אַלצאײנס צי עס האַנדלט זיך װעגן אַ לױן־טאַריף, אָדער צי ער װערט אױסגעדריקט אין אַ געזעץ. און װײל די אָביעקטן פון עקאָנאָמישן קאַמף זענען געװען אַזױ װײט און ברײט װי די נאַציאָנאַלע גרענעצן, האָבן דיזאָזיקע פאַרפליכטונגען באַקומען אַ נאַציאָנאַלן כאַראַקטער.

װעגן די פּראָלעטאַריער פון יאָר 1848 האָט דער קאָמוניסטישער מאַניפעסט אױף אַזױפיל מיט רעכט געקאָנט זאָגן, אַז זײ האָבן נישט קײן פאָטערלאַנד, אױף װיפל זײ האָבן אין דער אמתן נישט געהאַט, װאָס צו פאַרלירן, חוץ זײערע קײטן. זײ האָבן נישט געהאַט קײן װאַל־רעכט, קײן קאָאַליציע־רעכט, קײן שום געלעגנהײט מיטצובאַשטימען זײערע אַרבעטס־באַדינגונגען, זײ זענען אַזױ אָפט געשטאַנען אױפן גרענעץ פון אַנאַלפאַבעטיזם. אַז זײ האָבן פּונקט אַזױ װײניק געהאַט אַ שײכות צו אַ װעלכער נישט איז קולטור־געמײנשאַפט, װי די אַמאָליקע באַרבאַרן. הײנט איז אָבער די אַרבעטערשאַפט צום גרעסטן טײל געװערקשאַפטלעך אָרגאַניזירט, אומעטום איז דערװאָרבן געװאָרן גלײכע װאַל־רעכט, ס'איז דורכגעפירט די שול־פליכט, ס'זענען פאַרװירקלעכט געװאָרן אַרבעטער־שוץ און פאַרזיכערונגס־געזעצן. ס'איז כמעט נישטאָ קײן אײן נאַציע אָדער מלוכה אין אײראָפּע, װו די אָרגאַניזירטע אַרבעטערשאַפט זאָל זיך נישט באַטײליקן אין זײער רעגירונג. די אַרבעטער זענען שױן מער נישט אױסגעשלאָסן פון דעם קולטור־קרײז, צו װעלכן זײ האָבן זיך אַלײן פאַרשאַפט דעם צוטריט. הײנט־צו־טאָג האַלטן זײ שױן געהאַט אַ סך צו פאַרלירן, װאָס עס באַטײט

פאַר זיי אַ שטיק פּאַטערלאַנד. קודם כּל האָבן זיי זיך דורכגעזעצט אין דער מלוכה, ווייל גראָד דאָ איז געלעגן די ליניע פון דעם קלענסטן ווידערשטאַנד — אַ דאַנק דער באַדייטונג, וואָס עס באַקומען די גרויסע צאָלן ביי דעמאָקראַטישע קאָנסטיטוציעס. די פאַרפעסטיקונג פון זייער איינפלוס אין דער מלוכה ווערט פאַר זיי אַלץ מער און מער גלייכבאַדייטנדיק מיט דער פאַרפעסטיקונג בכלל פון דער מלוכה גופא. וואָס מער די עקאָנאָמיש-הערשנדיקע קלאַסן פאַרלירן זייער אַמאָליקן אויסשליסלעכן איינפלוס אויף דער מלוכה, גייען זיי אַלץ מער איבער די מלוכה צו סאַבאָטירן. די פינאַנציעלע אָפּהענגיקייט פון דער מלוכה פון די פּריוואַט-באַנקן, פון דער בערזע-שטימונג, פון די שטייער-צאָלונגען פון די פאַרמעגלעכע קלאַסן, די וואַקסנדיקע מאָנאָפּאָל-מאַכט פון די גרויסע אינדוסטריע-קאָנצערנס, די אָפּהענגיקייט פון דער פּרעסע און פון די פּאַרטייען אין געלט-פּראַגן, די קלאַסן- און קאַסטן-צוגעהעריקייט פון די העכערע באַאַמטע, אָפיצירן און ריכטער, דאָס אַלץ זענען מאַר דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס פאַרשיידענע מיטלען, כּדי צו בילדן מחוץ דער קאָנסטיטוציע אַ מלוכה אין דער מלוכה און אונטערצוגראָבן די פּאַרלאַמענטאַרישע רעגירונג. להפך צו דעם פילט זיך די אַרבעטערשאַפט פאַרפליכטעט אָנצווענדן איר גאַנצע קראַפט, כּדי די מלוכה זאָל נישט ווערן אַ פּוסטע כּלי. די סאָציאַליסטן זענען היינט-צו-טאָג אין אַלע לענדער פון אייראָפּע געוואָרן די אייגנטלעכע מלוכות-דערהאַלטנדיקע פּאַרטיי; און וואָס מער דער סאָציאַליזם ווערט דער טרעגער פון דער מלוכה-אידעע, אַלץ מער ווערט ער אויך דער טרעגער פון דער נאַציאָנאַל-אידעע, וועלכע פאַרקערפּערט זיך אין דער מלוכה. מען קאָן ברענגען ביישפּילן פון אַלע לענדער — נישט ווייניקער אויך פון די סאָוויעט-לענדער — אַז אויף וויפיל יעטוועדע באַוועגונג דעראָבערט די נאַציאָנאַלע מלוכה, ווערט זי אויף אַזויפיל געטריבן דורך דעם ווילן צו מאַכט צו ווערן נאַציאָנאַל און שיצן די מלוכה. די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטערשאַפט חזרט איבער דאָ נאָר אַ דערפאַרונג, וואָס האָבן נאָך פאַר איר

געמאַכט די אינדעפּעדענטן פון דער ענגלישער און די יאַקאָבינער פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

און היות ווי יעטוועדע קולטור איז היינט-צו-טאָג נאַציאָנאַל, ווערט די נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייט פון דער מאַסן-קולטור אויף אַזויפיל שטאַרקער, אויף וויפל דידאָזיקע מאַסן פאַרבינדן זיך מיט דער קולטור פון דער נאַציע. יעטוועדע דערשיינונג, וואָס מיט איר הילף ווערט די אַרבעטערשאַפט אַריינגעצויגן אין דעם ווירקונגס-קרייז פון דער הערשנדיקער קולטור — פאָלקס-בילדונג, די פּאָליטישע גלייכהייט, די פרעסע, די אַנטוויקלונג פון טראַנספּאָרט א. א. וו. — איז נאַציאָנאַל באַדינגט, טראָגט דעם שטעמפּל פון אַ נאַציאָנאַל-קולטורעלער אייגנאַרטיקייט און טראָגט אים איבער אויף די מאַסן, וועלכע מאַכן דורך דידאָזיקע אַנטוויקלונג.

ס'זענען פאַראַן סאָציאַליסטן, וועלכע ווילן אָפּשוואַכן דעמדאָזיקן פאַקט מיט דעם אָנווייז, אַז מיר זעען שוין אייגנטלעך אַרויס פון יענער סטאַדיע פון דער וואַקסנדיקער אייגנאַרטיקייט פון נאַציאָנאַלע קולטורן ; זיי האַלטן, אַז די אַנטוויקלונג פון דער וועלט-ווירטשאַפט און די טראַנספּאָרט-מעגלעכקייט שאַפן אַ וועלט-קולטור, וועלכע פאַרנעמט אַלץ מער און מער דאָס אָרט פון דער נאַציאָנאַלער קולטור. דידאָזיקע השערה אַנטהאַלט דאָך אין זיך אַזויפיל אמת, אַז מען מוז זיך אויף אַ מאָמענט פאַרטראַכטן איבער איר, כדי צו ווייזן איר פאַלשקייט. זי שטאַמט דערפון, וואָס מען פאַרבייט דעם קולטור-אינהאַלט מיט די טעכנישע באַדינגונגען פון קולטור, וואָס דאָס איז ביי די מאַרקסיסטן אַבסאָלוט פאַרשטענדלעך.

אַסך סימנים ווייזן באמת יאָ, אַז מיר וועלן טאַקע אַמאָל האָבן אַ וועלט-קולטור. און זיכער איז, אַז די גיגאַנטיש-שרייטנדיקע אַנטוויקלונג צום וועלט-פאַרקער און וועלט-ווירטשאַפט באַרעכטיקט אָט דעמדאָזיקן אונזערן מונטערן גלויבן. די פאָר-צייכנס פון דערדאָזיקער קולטור קאָן מען שוין זען אין אַסך ערטער ; דער באַדייטנדיקסטער פון זיי איז דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליזם גופא. און דאָך מאַכט נאָך ניט איין-איינציקע שוואַלב קיין זומער. מער נאָך, די פראַגע שטימט אפילו ניט אַזוי : ווי גיך קומט דער זומער ? נאָר :

צי מוזן מיר נישט ערשט נאָך איבערלעבן אַ ווינטער? מיט אַנדערע ווערטער: צי געפֿינען מיר זיך נאָך נישט אין אַ סטאַדיע פֿון אַ וואַקסנדיקער קולטורעלער דיפֿערענצירונג פֿון די מאַסן, איידער עס וועלן ווערן הערשנדיק די טענדענצן צו דער קולטור-איינהייט?

טראַנספּאָרט-מיטלען און אינטערעסן-געמיינשאַפֿט זענען באַדינגונגען פֿון קולטור, אָבער זיי זענען נישט די קולטור גופֿא. עס דויערט לאַנג ביז זיי וועלן ווערן ביכולת צו באַשטימען דעם קולטור-אינהאַלט; און אין דער צווישן-צייט קאָן קומען אַ שטאַרקערע קולטור-דיפֿערענצירונג, וועלכע קאָן זיך ציען אַפֿילו יאָרהונדערטן לאַנג, וואָס אין משך פֿון זיי גרייטן די מאַטעריעלע באַדינגונגען ערשט צו די מעגלעכקייט פֿון אַ שפּעטערדיקער פֿאַראייניקונג. מען דאַרף נישט האָבן קיין בעסערן ביישפּיל, ווי די קאַפּיטאַליסטישע קולטור-עפּאָכע גופֿא. דער קאַפּיטאַליזם האָט ערשט אין 19-טן יאָרהונדערט באַהערשט דאָס גאַנצע פּראָדוציר-סיסטעם, אָבער שוין אין 15-טן יאָרהונדערט איז ער אַרויסגעטראָטן אויפֿן וועג פֿון נצחון, און טאַקע אַדאַנק דער אַנטוויקלונג פֿונעם וועלט-מאַרקער. אָבער זיין ערשטער קולטורעלער רעזולטאַט איז דאָך געווען דאָס, וואָס ער האָט פֿאַרניכטעט די קולטור-איינהייט, וועלכע האָט עקזיסטירט אין דער מיטלאַלטערלעכער אייראָפּע, כּדי אויפֿצובויען אויף אירע חורבות די נאַציאָנאַלע איינצל-קולטורן. די קולטורעלע באַגלייט-דערשיינונגען פֿון סאָציאַלן אויפֿשטייג פֿון דעם בירגערטום זענען געווען: די נאַציאָנאַלע מלוכות, וואָס האָבן זיך געבילדעט אין משך פֿון סוף מיטלאַלטער ביז צו דער וועלט-מלחמה, די פֿאַרדרענגונג פֿון דער לאַטיינישער קולטור-שפּראַך דורך די הייַנטיקע נאַציאָנאַל-שפּראַכן, די פּראָגרעסירנדיקע נאַציאָנאַלע דיפֿערענצירונג פֿון דעם בוי- און קונסט-סטיל זינט דער צייט פֿון פֿריען רענעסאַנס און דער איבערווינדונג פֿון דער קאַטוילישער וועלט-קירך דורך אַ סך נאַציאָנאַלע קירכן. דאָס נאַציאָנאַלע געפֿיל גופֿא, וואָס איז נאָך געווען דעם מיטלאַלטער פֿרעמד, איז פֿון דער בורזשואַזיע בהדרגהדיק געשאַפֿן געוואָרן, לויט די ביישפּילן פֿון דעם קלאַסישן אַלטערטום, אין דער-זעלבער צייט, וואָס די ניי'ע

טראַנספּאָרט-וועגן האָבן רעוואָלוציאָניזירט די ווירטשאַפט, ביז ראָסדאָזיקע געפיל האָט אין דער קעגנוואַרט אָנגענומען דעם מאַסשטאַב פון אַ רעליגיע, וואָס האָט אַפילו די קירכן גע-שטעלט אין איר דינסט. אַזוי אַרום איז דאָס, וואָס מיר רופן היינט אָן נאַציאָנאַלער כאַראַקטער אין דער פּיליזייטיקער קול-טורעלער באַדייטונג פון דעמדאָזיקן וואָרט, דער אייגנטלעכער פּראָדוקט פון דער עפּאָכע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער שאַפונג פון וועלט-מאַרקער. ווער עס טראַכט זיך אַריין אין דעמדאָזיקן קעגנזאַץ, וועט געפינען אַ גרונט נישט מיט אַ צו גרויסער איילעניש צו רעדן מכּח דעם באַלדיקן אָנהויב פון אַ קאָסמאָפּאָליטישער קולטור, נאָר אויפן יסוד פון די היינטיקע פאַקטאָרן, ווי ראַדיאָ און לופט-פאַרקער.

פּונקט אַזוי ווי אויף דעם פּאָליטישן געביט שטעלט מען זיך פאָר די שאַפונג פון אַ וועלט-איינהייט נאָר אַלס אַזאַ מין יורידישן צושטאַנד, וואָס גייט אַרויס פון דער אָנערקענונג פון דעם זעלבסטבאַשטימונגס-רעכט פון נאַציעס, פּונקט אַזוי איז אַ וועלט-קולטור דענקבאַר נאָר אַלס אַ העכערע איינהייט, וואָס וואַקסט אַרויס אָרגאַניש פון דער פאַרשיידנקייט פון די נאַציאָנאַלע קולטורן. די מאַסן מוזן נאָך אָבער ערשט דורכגיין דורך דער איצטיקער גרויסער צאָל פון די נאַציאָנאַלע קולטורן. דערצו צווינגט זיי דער פאַקט — אָדער, ווען מען וויל דאָס אַזוי אָנרופן, דאָס געזעץ — פון דעם פאַרשפּעטיקטן קולטור-אויפשטייג פון אַלע אונטערדריקטע קלאַסן. די אַרבעטערשאַפט איז היינט-צו-טאָג נאָך ווייטער פון דער וועלט-קולטור, ווי די געבילדעטע שיכטן פון דער בורזשואַזיע. און ווייל די בור-זשואַזיע גופא האָט נאָך קוים דערגרייכט דעם שפּיץ-פּונקט פון נאַציאָנאַלער דיפערענצירונג פון איר קולטור, איז טאַקע בלי ספק, אַז די אַרבעטערשאַפט מוז ערשט נאָך דורכגיין דורך אַ לענגערע פאַזע פון וואַקסנדיקער דיפערענצירונג פון נאַציאָ-נאַלע קולטור-איינפלוסן, איידער עס וועלן זיך קאָנען דורכ-זעצן די קולטורעלע טענדענצן צו דער וועלט-איינהייט.

בינו לבינו מאַכט דורך די סאָציאַליסטישע אַרבעטער-באַוועגונג דעם וועג פון אַלע גרויסע גייסטיקע באַוועגונגען, וועלכע גייען אַרויס פון אַ קאָסמאָפּאָליטישן אידעאַלן אימפּולס

און פרוּוון צו פאַרווירקלעכן דעמדאָזיקן אימפּולס אין די נאַציאָנאַלע קולטור-סביבות. די קולטורעלע קעגנזייטיקע השפּעה פון דעם שטרעבן און פון דער סביבה אַנטוויקלט דערביי אַ צענטראָפוגאַלע קראַפט, וועלכע באַטייט נישט דווקא אַ צעשטערונג, אָבער, לכל הפּחות, אַ דיפערענצירונג פונם כאַראַקטער. נישט דער בודיזם, נישט דאָס קריסטנטום האָבן נישט געקאָנט אויסמיידן דעמדאָזיקן גורל. אַפילו די קאַטוילישע קירך, וואָס איז די אַמשטאַרקסטן פאַרבונדענע רעליגיעזע איינהייט פון קריסטנטום, קאָן בלייבן באַשטיין נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס זי מאַכט שטענדיקע הנחות אַט דער[illegible]קער צענטראָפוגאַלער קראַפט; אויך זי האָט בעתן וועלט-קריג אומעטום געבעטן ביי דעמזעלביקן גאָט דעם נצחון פאַר פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע פלי-זינס. ווי נאָר די בורזשואַזיע האָט זיך אָנגעהויבן סאָציאַל צו פאַרפעסטיקן, האָט זי אויך אַרויסגעשטעלט וועלט-אידעאַלן. אַלע געוואַלטיקע אַנטפּלעקונגען פון דעם נייעם בירגערלעכן גייסט — דער רענעסאַנס, דער הומאַניזם, די רעפאָרמאַציע, די אויפקלערונגס-פילאָזאָפיע, די קלאַסישע פּאָליטישע עקאָנאָמיע — אַט זיי אַלע האָבן געבראַכט די בשורה, וואָס איז געווען באַשטימט פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. איינע פון די הויפּט-באַשולדיקונגען פון די בירגער קעגן זייערע פירשטן איז פון תמיד אָן באַשטאַנען אין דעם, אַז זיי האָבן אַריינגעשלעפּט די פעלקער אין זינלאָזע מחלוקותן און מלחמות. די פראַנצויזישע רעוואָלוציע, ד. ה. דער שלום-קאַמף פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון פּאָליטישע פאָדערונגען פון בירגערטום אויף דעם אייראָפּעאישן קאָנטינענט, האָט זיך געזאָלט אויסגיסן אין אַן אוניווערסאַלן קאַמף פון פעלקער קעגן זייערע הערשער און דערהויבן „די דעקלאַראַציע פון די מענטשן-רעכט“ צו אַ קאָנסטיטוציע פון דער גאַנצער וועלט. די געטין פון פאַרנונפט, וואָס איז אַרויפגעשטעלט געוואָרן פון דער רעוואָלוציע אויפן מזבח, האָט געזאָלט זיין די ערשטע געטין פון אַ ל ע מענטשן.

צו וואָס האָט דאָס אַלץ געפירט? אָט דיזעלביקע קלאַסן, וואָס האָבן געוואָלט צונויפגיסן די וועלט אין אַן איינהייט אונטער דער פאָן פון דער האַנדלס- און אַרבעטס-פרייהייט, זענען געוואָרן די געפאַנגענע פון מעטאַלע, מאָנאַרכיסטישע

און מיליטערישע אינסטיטוציעס, וועלכע זיי האָבן דעראָבערט, אָבער פון וועלכע זיי גופא זענען גלייכצייטיק דעראָבערט געוואָרן. עס איז מיט זיי פּאַרלאָפן ווי מיט יענעם סאָלדאַט, וואָס האָט גענומען געפאַנגען אַ שונא, אָבער אויף דעם באַפעל „ברענג אים אַהער!" האָט ער נאָר געקאָנט ענטפערן: „איך וואָלט וועלן, אָבער ער לאָזט מיך נישט אָפּ!" דער סוף פון דעראָזיקער אַנטוויקלונג איז געווען די עפּאָכע פון אימפּעריאַליזם און באַוואָפנונגען און דער שפּיץ-פּונקט איז געווען דאָס יאָר 1914.

ס'איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז איך האָב נישט בדעה פּאַראויסצוזאָגן אַן ענלעכן סוף די אינטערנאַציאָנאַליסטישע באַשטרעבונגען פון דער אַרבעטערשאַפט. ס'איז דאָך נאָך דאָ אַ גרויסער חילוק צווישן דער לאַגע פון דער דעמאָלטיקער בורזשואַזיע און דער לאַגע פון היינטיקן פּראָלעטאַריאַט, אַ חילוק לטובת פון לעצטן, אַזוי אַז מ'דאַרף האָפן אויף אַן אַנדער אויסגאַנג. קודם זענען היינט-צו-טאָג די אינטערעסן פיל אייגנהייטלעכער אין אינטערנאַציאָנאַלן זין און די וועלט-פּאָליטישע צילן זענען אסך קלאָרער פאַרן באַוואוסטזיין — און פּראַקטישער. אָבער דאָס געפאַר, אַז די טראַגעדיע זאָל זיך נישט איבערחזרן, קאָן מען נאָר דעמאָלט אַמבעסטן אויסמיידן, ווען מען וועט פון איר נישט פאַרשטעקן דעם קאָפּ אין זאַמד. דער מיליטאַריזם, למשל, האָט אַן אייגענע אינערלעכע לאָגיק, און דידאָזיקע לאָגיק פירט צום קריג; די לאָגיק פון קריג פירט פון איר זייט צום צעזאַריזם. אין רוסלאַנד איז דער קאָמוניזם, וואָס זיינע אידעאַלן זענען אַזוי קאָסמאָפּאָליטיש, ווי מ'קאָן זיך דאָס נאָר פאָרשטעלן, געקומען צו דער מאַכט דורך זיין פּראָטעסט קעגן קריג און נאַציאָנאַליזם; נישט קוקנדיק דערויף, האָבן זיינע פירער נויטיק געהאַט דעם קריג און דעם נאַציאָנאַליזם, כדי צו בלייבן ביי דער מאַכט. זייער רעגירונג איז אויפגעבויט געוואָרן אויפן מיליטערישן צוואַנג, און די מאָראַלישע אונטערשטיצונג, וואָס זיי האָבן פון פאָלק, באַזירט זיך אין אַ גרויס מאָס אויף זיין פּאַטריאָטיזם, פאַר וועלכן זיי קאָנען אגב זייער דאַנקבאַר זיין דער טיפּשות פון זייערע קעגנער, וואָס האָבן אויף זייער געוויסן ברעסט-ליטאָווסק,

קאָלטשאַק, דעניקינען, וראַנגעלן א. א. ח. עברה גוררת עברה. די סאָוויעטישע סאָלדאַטן האָבן אַריינמאַרשירט אין גרוזיע אונטער די רויטע פאָנען, אונטער וועלכע עס האָבן געקעמפט אויך די פּאַרטיידיקער פון דעם לאַנד. די רוסן־פּאָליטיק פון רוסלאַנד שטעלט זיך אַלס ציל צו שטייגערן און אויסנוצן די קעגנזאַצן צווישן די אַנדערע גרויס־מאַכטן און פאַנאַנדערצובלאָזן דאָס פייער פון אַן אַגרעסיוון נאַציאָנאַליזם צווישן די פעלקער פון מזרח.

ס׳איז קלאָר, אַז די מלוכות, אין וועלכע עס וואָלט געשטאַנען ביים רודער אַן אַרבעטער־פּאַרטיי, וואָלטן דערפאַר נישט אויפגעהערט צו שטיין אין אַ קעגנזאַץ צו אַנדערע מלוכות צוליב פאַרשיידענע אינטערעסן. דער תוך פון דער מלוכה איז דער ווילן צו מאַכט, צו אַ מאַכט, וועלכע געפינט איר מאָסשטאַב און איר גרענעץ אין דער מאַכט פון אַנדערן, און דערפאַר איז זי שטענדיק באַשטרעבט צו וואַקסן לויט דעם־דאָזיקן מאָסשטאַב און דערווייטערן דידאָזיקע גרענעצן. אויך צווישן אַרבעטער־רעגירונגען וועלן נאָך תמיד זיין מלוכות, וועלכע וועלן מוזן ליפערן די נויטיקע רוישטאָפן פאַר אַנדערע מלוכות, וועלן בילדן אָפּזאַץ־געביטן, וועלן קאָנען באַהערשן אָדער פאַרמאַכן די טראַנספּאָרט־וועגן. ביי דער געוואַלטיקער ראָלע, וועלכע אַמעריקע שפּילט אין דער נאָך־מלחמה־צייט אַלס וועלט־באַנקיר און לעבנסמיטל־ליפעראַנט מוז מען אָנווייזן אויף דעם, אַז גראָד די אַמעריקאַנישע אַרבעטערשאַפט שטעלט זיך איין אין אַן אַנטשיידנדיקן פּונקט פאַר אַזעלכע אינטערעסן, וועלכע שאַפן אַן אויסערגעוויינלעך־געפערלעכן שטאָף פאַר אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפליקטן. איך מיין דערמיט די עמיגראַציע־פראַגע. אין קעגנזאַץ צו דער גרויסער מערהייט פון די אונטערנעמער, וועלכע שטרעבן צו ביליקע אַרבעטס־הענט, זענען די אַמעריקאַנישע געווערקשאַפטן די טרייבנדיקע קראַפט פון דער פּאָליטיק פון שליסן די גרענעצן, וואָס רופט אַרויס, באַזונדערס אין יאַפּאַן, אַ טיפן, באַדראָענדיקן האַס; און אירע סאָציאַליסטישע מיטגלידער באַמיען זיך נישט ווייניקער ווי זייערע אַנדערש־דענקנדיקע קאָלעגן אונטערצושטיצן דידאָזיקע פּאָליטיק, כדי אויפצוהאַלטן זייער אַרבעטס־לוין אויפן חשבון

פון דעם גרעסערן דלות אין דער וועלט. נישט אַנדערש איז
דאָס אויך אין אויסטראַליע. ס'איז כמעט נישטאָ אין דער
וועלט נאָך אַן אַרבעטער-פּאַרטיי, וועלכע זאָל האָבן געפירט
אַ מער ענערגישן און דערפאָלגרייכן קאַמף קעגן מיליטער-
דינסט און באַוואָפענונגס-פּאָליטיק ווי די אויסטראַלישע; און
טראָצדעם צווינגט איר דער אינטערעס מכח דעם אויפהאַלטן
פון הויכן לעבנס-ניוואָ דערצו, אַז זי פירט קעגן יאַפּאַן אַ
פּאָליטיק, וואָס שאַפט אַ שטענדיק געפאַר פון געוואַלט-אָנ-
ווענדונג. חוצדעם זענען דווקא די אויסטראַלישע אַרבעטער-
דעלעגירטע אויף דער קאָנפערענץ פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן
אַרבעטס-אַמט געווען די, וועלכע האָבן געקעמפט קעגן דעם
פאַרבאָט פון דער לעבנסגעפערלעכער פאַרווענדונג פון בליי
ווי דאָס האָבן געפאָדערט די אייראָפּעאישע אַרבעטער, ווייל
אַזאַ פאַרבאָט וואָלט געמאַכט אַרבעטסלאָז די אויסטראַלישע
בערג-אַרבעטער. און צי וועט דען גלייבן אַ פאַרנינפטיקער
מענטש, אַז אַ סאָציאַליסטישע רעפּובליק (ענגלאַנד) וואָלט פשוט
געקאָנט לייזן די קאָלאָניאַל-פראַגע דורך דעם, וואָס זי וואָלט
איינגעפירט אין די קאָלאָניעס זעלבסט-פאַרוואַלטונג פון די
איינגעבאָרענע און וואָלט נישט גענומען אין באַטראַכט די
אינטערעסן פון דעם ענגלישן אייגנטום, פון די ענגלישע קאָ-
לאָניסטן און פון דער ענגלישער קולטור-אַרבעט? וואָלט זי זיך
נישט געמוזט שטעלן די פראַגע: צי עס וועט זיין געזיכערט,
אונטער דער ריינער הערשאַפט פון די איינגעבאָרענע, די
ווייטערדיקע עקזיסטענץ פון די אַלע פעלקער- און פּראָדוציר-
געביטן, וועלכע זענען געוואָרן אַזוי נויטיק פאַר דער וועלט-
ווירטשאַפט, און צי דער פאַנאַנדערפאַל פון דער ענגלישער
אימפּעריע וועט די ענגלישע אַרבעטערשאַפט גופא נישט אריינ-
ברענגען אין אַ שאַרפן קריזיס פון אַרבעטסלאָזיקייט און דלות?
דיזאָזיקע אַלע פראַגן קאָנען זיך צושפּיצן צו ריינע מאַכט-
פראַגן אַלץ שטאַרקער, וואָס מער עס פאַלן אויפן פּאָליטישן
וואָגשאָל די אינטערעסן פון די מאַסן, וועלכע ווערן דערביי
אָנגערירט. דאָס זענען אַלץ ביישפּילן פון די זיך אַנטוויקלנ-
דיקע אינטערעסן און ווילנס-קאָנפליקטן, וואָס האָבן אַ שייכות
נאָר צו די פּאָזיטיווישע ענגליש-זאַקסישע לענדער, וועלכע

זענען קוים באַרירט געוואָרן פון דעם שטורמישן שטראָם פון די רעפּאַראַציע- און גרענעץ-פּראָבלעמען אויפן אייראָפּעאישן קאָנטינענט. אויף וויפל מער זענען דאָ אַזעלכע פּראָבלעמען אויף דעם מיט בלוט דורכגעזאַפּטן באָדן פון אייראָפּע? דאָ פאַרבינדט זיך — אויך צווישן די אַרבעטער-מאַסן — די ליידנשאַפט פון אינטערעסן מיט דער ליידנשאַפט פון נאַציאָנאַלן חשיבות-אינסטינקט, מיט די געפילן פון האַס, נקמה און מורא, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דער ליקווידאַציע פון דער וועלט-מלחמה. דאָס איז דער קאָסמאָפּאָליטישער אויסזיכט, וואָס איז נאָך אפשר אַ מין נאַטירלעכע זאַך אין אַ וועלט-אומפאַסנדיקער אימפּעריע, וואָס פאַרשטעלט אָבער יעטוועדע פאָר הונדערט קילאָמעטער מיט גרענעץ-סלופּעס, טאַמאָזשנעס, פּאַס-קאָנצעלאַריעס, מיליטער-פּאָסטנס און דראָט-צוימען. געוויס, אויב ס'איז נאָר דאָ אַ מאַכט, וואָס קאָן אַריינברענגען אַהער איינהייט און שלום, איז דאָס ראשית כּל דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל. דאָס אויב מוז אָבער אונטערגעשטראָכן ווערן; ווייל דאָס העכסטע, וואָס מען קאָן דערוואַרטן, איז נישט, אַז אַלע נאַציאָנאַלע קעגנזאַצן זאָלן פאַרשווינדן פון דער וועלט, אָבער נאָר — און דאָס איז שוין אומגעהויער פיל — די שאַפונג פון אַ רעכטלעכן צושטאַנד, וואָס זאָל באַוואָרענען פאַר יעטוועדער נאַציע די מעגלעכקייט צו פאַרטיידיקן אירע אינטערעסן און צו אַנטוויקלען איר אייגענעם הילן, נישט מוזנדיק בעת מעשה צוגרייטן באַוואָפענונגען פאַר זיך צו אַ מלחמה.

פערטער טייל

די טעאריע

XII

דער מאַרקסיסטישער ראַציאָנאַליזם.

דער מעכאַניזם פון אונזער געוויינלעכער דערקענטעניש איז בטבע פון אַ קינעמאַטאָגראַפישער אייגנשאַפט... אונזער יעטוועדע האַנדלונג זוכט איינצושליסן אונזער ווילן אין דער ווירקלעכקייט... די דערקענטעניש, וועלכע אונזער טעטיקייט פאַרשאַפט אונז מכח דעם ווירקן פון דער נאַטור, מוז אַלזאָ זיין געוויי סימעטריש לגבי דעם אינטערעס, וועלכן זי האָט צו איר אייגענעם ווירקן... יעטוועדעס לעבעדיק וועזן צעגלידערט די מאַטעריעלע וועלט לויט דיזעלבע ליניעס, אין וועלכע עס מוז גיין זיין אייגענע טעטיקייט: דאָס זענען די ליניעס פון אַ מעגלעכער ווירקונג, און ווען זיי דורכקרייצן זיך, צייכענען זיי אָן דעם נעץ, אין וועלכן יעדער איינציקער פאַקט איז נאָר אַן אויגל.

ה, בערגסאָן

ביז איצט האָב איך זיך באַשרענקט דער עיקר מיט דער באַשרייבונג פון דערשיינונגען, און דערביי האָב איך נאָר אַגב אורחא באַטאָנט די אומגעניגנקייט פון די מאַרקסיסטישע

דערקלערונגס-פרווון. איצט מוז מען אריבערגיין פון דער באַ-שרייבונג צו אַ נאָרמאַטיווער אויפגאַבע, און די איינצלנע מעגות קענען דעם מאַרקסיזם, וועלכע זענען ביז איצט אַרויסגעבראַכט געוואָרן אויף אַ טיילווייזן און צופעליקן אופן, פאַרבינדן אין אַן אַלגעמיינער באַטראַכטונג פון דער פאַרהעלטעניש צווישן דער טעאָריע און באַוועגונג.

דער מאַרקסיזם איז אַ קינד פון 19-טן יאָרהונדערט. זיין אַנטשטייאונג געהער צו דער צייט, ווען די גאַנצע גייסטיקע וויסנשאַפט איז געווען אין דער העכסטער מאָס באַהערשט פון דעם ראַציאָנאַליזם, וואָס האָט זיך דורכגעלייגט אַ וועג זינט דעם הומאַניזם און רעפאָרמאַציע. דערדאָזיקער ראַציאָנאַ-ליזם האָט באַקומען זיינע לאָזונגען פון די עקזאַקטע נאַטור-וויסנשאַפטן, וועלכע מען האָט צו פאַרדאַנקען די פאָרטשריטן פון דער פּראָדוציר- און פאַרקערס-טעכניק. זי באַזירט זיך אויף דעם, וואָס זי טראָגט דאָס אַריבער פון דעם מעכאַנישן אורזאַכלעכן צוזאַמענהאַנג, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט אין דער טעכניק, אויף די פּסיכישע דערשיינונגען. דער מאַרקסיזם גייט אַרויס פון דעם, אַז אין איין ריי פון אורזאַכן, נעמלעך אין דער טעכניש-ווירטשאַפטלעכער, ליגט דיזעלבע באַוועגונג (דאָס „אַנטוויקלונגס-געזעץ"), וועלכע טראָגט זיך אַריבער אויף אַנדערע רייען פון אורזאַכלעכע פאַרבינדונגען. דערמיט מאַפּן מיר אָן דאָס, וואָס עס גיט דעם מאַרקסיסטישן דענקען זיין איינגנאַרטיק פּנים: דאָס אַריבערטראָגן פון דער מעכאַנישער קאַוזאַליטעט פון דעם לאָגישן דענקען אויף דער רעאַלער ווירקלעכקייט. דער לעצטער אינהאַלט פון דעמדאָזיקן דענקען איז די אַנטוויקלונג און פאַרוואַנדלונג פון דער באַוועגונג לויט די געזעצן, וועלכע זענען גלייכצייטיק נאַטור-געזעצן פון דער באַוועגונג פון דער מאַטעריע און לאָגישע געזעצן פון דער דענק-דיאַלעקטיק. ס'איז אַ פּרווו צו שאַפן בנוגע דער געשיכטע פון דער מענטשהייט דאָס, וואָס העלמהאָלץ האָט אין דערזעלבער צייט, בעת ס'איז דערשינען דאָס „קאַפּיטאַל" פון מאַרקסן, אויפגעשטעלט אַלס אַ ציל פון דער נאַטורוויסנשאַפט: אַלץ, וואָס געשיט, אויפצולעזן אין דער מעכאַניק — מיט אַנדערע ווערטער, אַלע מענטשלעכע לעבנס-דערשיינונגען, און

די זעלישע בת.כם, צוריקצופירן אויף קוואנטיטאטיוו-מעסבארע באציאונגען פון אן איינהייטלעכער באוועגלעכער סובסטאנץ. דערפאר טאקע אידענטיפיצירט דער מארקסיזם די קאטעגאריעס, מיט וועלכע ער אפערירט, נישט נאר מיט דער ווירקלעכקייט, נאר אויך מיט א באזונדערער פארם פון דער ווירקלעכקייט, מיט דער מ א ט ע ר י ע. דער מארקסיזם מאטעריאליזירט די מינים לעבנס-דערשיינונגען, די קאטעגאריעס, אזוי, אז די באציאונגען צווישן קאטעגאריעס דערשיינען נאר אלס באציאונגען צווישן זאכן, וואס זייערע האלטונגען ווערן כלומרשט באהערשט פון די מעכאנישע געזעצן פון דעם באוועגונגס-פראצעס און זיין איבערטראגונג.

דערמיט שטויסן מיר זיך אבער אן אויף דער הויפט-פראגע: פארוואס שטימט נישט די דיאלעקטישע קאוזאליטעט, וועלכע דער מארקסיזם האט קאנסטרואירט צווישן זיינע קאטעגאריעס, מיט דער געשיכטלעכער ווירקלעכקייט. די תשובה איז טאקע: ווייל אין מארקסיזם ווערט אנערקענט אזא מין פון אורזאכלעכער באשטימונג, וועלכע ליגט אין יסוד פון די מעכאנישע געשעענישן און לחלוטין נישט אין יסוד פון די דערשיינונגען פון מענטשלעכן ווילנס-פראצעס.

אין מארקסעס צייטן איז דער מעטאד פון דער נאטור-וויסנשאפט געווען דער מעטאד פון יעטוועדער וויסנשאפט בכלל, און דער מעטאד פון דער מעכאניק איז געווען דער מעטאד פון דער גאנצער נאטורוויסנשאפט. דא איז נישט דאס ארט צו אונטערזוכן, אויף וויפל דער פארטשריט פון דער נאטור-וויסנשאפטלעכער דערקענטעניש גופא, אנהויבנדיק פון יענער צייט און ווייטער, איז פארבונדן מיט דער איבערווינדונג פון דעם מעכאניסטישן אופן דענקען. אבער מכח די גייסטיקע וויסנשאפטן קאן מען דאך אבער מיט זיכערקייט זאגן, אז יעטוועדע נייע דערקענטעניש, וואס זיי האבן אין משך פון 50 יאר דערווארבן, באזירט זיך אויף דער פארדרענגונג פון דער מעכאניסטישער קאוזאליטעט דורך א גאנץ אנדערער און קאמפליצירטערער ארט פון קאוזאליטעט, ד. ה. פון דעם צוזאמענהאנג צווישן די אורזאכן און פועל יוצאס.

דאס קאטעגאריאלע דענקען פון מארקסיזם באוועגט זיך

שטענדיק איז באַגריפס־פּאָרלעך; לויט דעם מוסטער פֿון העגעלן שטייט דאָ תּמיד איין קאַטעגאָריע אין קעגנזאַץ צו אַ צווייטער, און בנוגע צו אַ דריטער, וועלכע געהער צו אַן אַנדער פּאָר, שטייט די ערשטע קאַטעגאָריע מעשה אורזאַך, וואָס האָט אַ באַשטימטע ווירקונג. אָט אַזוי אַנטשפּרעכט דאָס קאַטעגאָריע־פּאָרל „בורזשואַזיע — פּראָלעטאַריאַט" דעם אַנדערן פּאָרל „קאַפּיטאַליזם — סאָציאַליזם". בורזשואַזיע ווערט אידענטיפיצירט מיטן קאַפּיטאַליזם און דער פּראָלעטאַריאַט מיטן סאָציאַליזם באופן, אַז די באַהערשונג פֿון דער בורזשואַזיע דורך דעם פּראָלעטאַריאַט ווערט אָן שום ספקות גלייכגעשטעלט מיט דער באַהערשונג פֿון דעם קאַפּיטאַליזם דורך דעם סאָציאַליזם. דאָס איז די אויבן־באַשריבענע צווײ־גלידערקייט פֿון דער מעכאַנישער קאַוזאַליטעט, וועלכע מיר געפֿינען אין דידאַזיקע און אין אַלע אַנדערע מאַרקסיסטישע קאַטעגאָריע־פּאָרלעך. די ענלעכקייט מיט דעם מעכאַנישן מוסטער באַשטעטיקט זיך אויך נאָך אין דעם, וואָס דער שפּאַנונג פֿון די קעגנזעצלעכע קאַטעגאָריעס אַנטשפּרעכט תּמיד אַ באַוועגונג, וועלכע לאָזט אומבאַרירט דעם באַגריפֿלעכן אינהאַלט פֿון די קאַטעגאָריעס, דערפֿאַר אָבער פֿאַרענדערט זי זייער פֿאַרהעלטעניש צווישן זיך.

אויף אַזאַ אופן איז פֿאַר דעם מאַרקסיזם די סאָציאַלע רעוואָלוציע — דער ענד־קריזיס, וועלכער מוז אויפֿלעזן די שפּאַנונג צווישן בורזשואַזיע און פּראָלעטאַריאַט, צווישן קאַפּיטאַליזם און סאָציאַליזם — נישט אַנדערש, ווי אַ באַוועגונג, וואָס אַנטשטייט פֿון דעם צוזאַמענשטויס פֿון צוויי קערפּערס. דערפֿאַר טאַקע איז איר אינהאַלט פֿון אָנהייב אָן און פֿאַר אַלעמאָל עפּעס באַשטימטס. דער אינהאַלט שטאַמט פֿון דער לאָגישער אומפֿאַרטראָגלעכקייט פֿון צוויי קעגנזעצלעכע באַגריפֿן, וועלכע בלייבן גלייך איינער צום אַנדערן ביז איינער פֿון זיי באַהערשט און צעשטערט דעם אַנדערן. דידאָזיקע באַהערשונג איז אָבער נישט קיין בהדרגהדיקער איבערגאַנג, נאָר — ווי ביי צוויי קערפּער, וועלכע ווירקן איינער אויף דעם אַנדערן מיט וואַקסנדיקער קראַפֿט אין אַ קעגנזעצלעכער ריכטונג — נאָר אַ בהדרגהדיקע שטייגערונג פֿון דער כּוחות־

שפּאַנונג, ביז אַ פּלוצלעכער ברוך פון גלײַכגעוויכט שליידערט אַוועק איינעם פון די דאָזיקע קערפּערס, ביז צו דער דאָזיקער ענדגילטיקער לעזונג פאַרענדערט זיך גאָרנישט אין דעם באַגריפלעכן אינהאַלט פון די ביידע קאַטעגאָריעס; די גאַנצע „אַנטוויקלונג" באַשטייט דערין, וואָס עס וואַקסט די אינטענסיווקייט פון זייער שפּאַנונג. פון אָט אַזאַ קאַטעגאָריאַלן קעגנזאַץ האָט, למשל, מאַרקס קאָנסטרואירט זיין טעאָריע פון דער וואַקסנדיקער פאַראָרעמונג פון פּראָלעטאַריאַט און פון דער וואַקסנדיקער פאַרשאַרפונג פון דעם קלאַסן-קאַמף. זי איז געווען פאַר מאַרקסן „אַ פּריאָרי" אַ זיכערער פאַקט פון דער צוקונפט און איז געווען אַ לאָגישער פּוע׳ יוצא פון דער קעגנזעצלעכקייט פון די פון אים גופא קאָנסטרואירטע באַגריפן.

דערביי איז דער באַגריפלעכער קעגנזאַץ צווישן קאַפּיטאַליזם און סאָציאַליזם אַזאַ, וואָס באַציט זיך נאָר אויף די אידעאַלע אינהאַלטן פון די דאָזיקע קאַטעגאָריעס. אַלזאָ אויף דעם קאַפּיטאַליזם אַלס אַן עקסטרעמען גרענעץ-באַגריף פון אַ סאָציאַלן סדר, וואָס איז אויפגעבויט אויף ריין-קאַפּיטאַליסטישע מאָטיוון, און אויף דעם סאָציאַליזם אַלס ציל, ד. ה. אויך אַלס אַ גרענעץ-באַגריף. די אויסדריקן, ווי קאַפּיטאַליזם און סאָציאַליזם, באַצייכענען נישט קיין דערפאַרונגס-פאַקטן פון דער אויסנוועלט און נישט קיין דערשיינונגען. זיי זענען קאַטעגאָריעס. פּראָדוקטן פון דער לאָגישער אַבסטראַקציע.

ס'איז נישטאָ קיין ווירקלעכקייט, וועלכע זאָל אַנטשפּרעכן דעם באַגריף „קאַפּיטאַליזם" אָדער דעם באַגריף „סאָציאַליזם". דער סאָציאַליזם איז סוף כּל סוף נאָר אַ היפּאָטעז, נאָר זי פאָרשטעלונג פון אַ מעגלעכער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, אָדער בעסער געזאָגט, די פאָרשטעלונג מכח באַשטימטע יסודות פון אַזאַ אָרדענונג, וואָס איז נאָך נישט בנמצא און וואָס איז נאָך קיינמאָל נישט געווען. אָבער אויך דער באַגריף קאַפּיטאַליזם איז נישט מער ווי אַ פאָרשטעלונג אין אונזער מח. אמת, מיר בילדן זיך איין, אַז די געזעלשאַפט, אין וועלכער מיר לעבן, איז אידענטיש מיט דער דאָזיקער פאָרשטעלונג. דאָס איז אַ טעות; שוין דערפאַר אַליין, ווייל מיר קאָנען פאַרווענדן דעם באַגריף נאָר דעמאָלט, ווען דאָס בילד, וואָס אַנט-

שפּרעכט אים, בלייבט אומפאַרענדערלעך אין פאַרלויף פון דער צייט. דאָס פּאַסירט אָבער נישט אין דער ווירקלעכקייט; די געזעלשאַפטלעכע צוזאַמענהאַנגען, די מאַכט-פאַרהעלטענישן און די אַנטוויקלונגס-טענדענצן, וואָס דריקן זיך אויס אין זיי, זענען אין איין מאָמענט נישט דיזעלביקע, ווי אין אַ מאָמענט פריער; דאָס אַלץ געפינט זיך אין אַ שטענדיקן פליסן. ווי שטאַרק אונטערשיידט זיך, למשל, אונזער געזעלשאַפט, אפילו בנוגע אַזעלכע ריין-עקאָנאָמישע פאַקטן ווי די באַטריבס-פאָרמען, פון יענער געזעלשאַפט, אין וועלכער עס האָט געלעבט קאַרל מאַרקס! נישט קוקנדיק דערויף, באַצייכענען מיר די ביידע צושטאַנדן מיט דעם וואָרט קאַפּיטאַליזם, און טאַקע מיט רעכט, ווייל ס'איז דאָ אַ באַגריף קאַפּיטאַליזם, וועלכער פּאַסט צו געוויסע וויכטיקע שטריכן פון זיי ביידן. דערדאָזיקער באַגריף איז היינט פונקט דערזעלבער, ווי אין יאָר 1848 אָדער אין יאָר 1867. ער סימבאָליזירט אַן אַבסטראַקט-קאָנסטרויִרטע, „ריין" פּראָדוציר-סיסטעם, וואָס אַנטשפּרעכט די געזעצן, וועלכע מאַרקס האָט פאָרמולירט אין זיין טעאָריע וועגן מערווערט. ביז וואַנען עס בלייבט אומפאַרענדערט די פאָרמולירונג פון דידאָזיקע געזעצן, בלייבט פונקט אַזוי אומפאַרענדערט אויך דאָס בילד „קאַפּיטאַליזם", וועלכעס שטאַמט דערפון, טאַקע דערפאַר, ווייל דאָס איז נאָר אַ לאָגישע סכעמע. דאָס בילד פון אַזאַ צוזאַמענהאַנג פון אַבסטראַקטע איינגעשאַפטן קאָן בלייבן ריכטיק, כאָטש יעטוועדער איינצלנער פאַקט, פון וועלכן דאָס בילד איז אַרויסגעקומען, האָט זיך פאַר דער צייט פאַרענדערט.

דאָס, וואָס מיר באַצייכענען, אַלזאָ, מיט קאַפּיטאַליזם, אָדער פעאָדאַליזם, אָדער סאָציאַליזם, זענען באַשטימטע געדאַנקלעכע פאַרבינדונגען פון אַלגעמיינע אורזאַכלעכע צוזאַמענהאַנגען, וועלכע מיר האָבן קריסטאַליזירט צו אַ באַגריפלעכער פאַרשטעלונג אויפן יסוד פון אַ צוזאַמענפאַל פון אַ גרויסער צאָל איינצלפאַקטן, ווי זיי דערשיינען אין אַ באַשטימטן פּעריאָד פון דער געשיכטע. די פאָרשטעלונג דעקט זיך אָבער קיינמאָל נישט געננוי מיט אַלע פאַקטן פון לעבן, ווייל זי איז סטאַטיש, בעת דאָס לעבן פליסט דינאַמיש. ווער וואָלט דאָס געקאָנט זאָגן, אַז דאָ, אויף אָט דעם אָרט און אין דעם מאָמענט האָט

אויפגעהערט דער פעאָדאַליזם און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַפּיטאַליזם? אין דער הייַנטיקער געזעלשאַפט עקזיסטירן די פאַרשיידנסטע עקאָנאָמישע פאָרמעס איינע נעבן דער אַנדערער, אייַנצלנע פון זיי געהערן נאָך צו די פאָרקאַפּיטאַליסטישע פאָרמעס פון דער הויז- און דאָרף-ווירטשאַפט, בעת די אַנדערע קאָנען שוין באַצייכנט ווערן אַלס התחלות פון אַ סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט.

אַזאַ מין קעגנזאַץ, ווי דער, וואָס ווערט אויסגעדריקט אין דער אַנטיטעזע פון מאַרקסן „קאַפּיטאַליזם — סאָציאַליזם", איז אַ פאַקט פון דער סוביעקטיווער געזינונג און נישט פון דער אָביעקטיווער ווירקלעכקייט. דער קלאַסן-קאַמף אַלס אַ קאַטעגאָריאַלער קעגנזאַץ צווישן איין מאַכט, וואָס ווערט אידענטיפיצירט מיטן קאַפּיטאַליזם, און אַן אַנדערער, וואָס ווערט אידענטיפיצירט מיטן סאָציאַליזם, איז נאָר אַ באַגריף און אַ ריכטליניע פון דעם געפיל. די סאָציאַלע קאַמפן פון דער ווירקלעכקייט, אויף וועלכע ער ווערט אַריבערגעטראָגן, גייען קיינמאָל נישט אָן צוליב קאַפּיטאַליזם אָדער סאָציאַליזם, נאָר שמענדיק צוליב די זאַכלעכע אייַנצל-אָביעקטן, אַלצאיינס צי עס האַנדלט זיך דערבייַ וועגן לוין-הוספות אין אַ פאַבריק, אָדער מכח דער דערהאָבערונג פון פאַרלאַמענטס-מאַנדאַטן. די געזינונג פון דעם פאָרשער — נעמט אויף צוזאַמען אָט די אַלע אייַנצלקאַמפן צו אַ „באַוועגונג". דערבייַ ווערט אין איר אַרייַנגעטראָגן אַ זין — דער פועל יוצא פון אַ קאַטעגאָריאַלן קעגנזאַץ — וועלכער איז בייַ די קעמפנדיקע אַלס מאַטיוו גאָר נישטאָ, אָדער לכל הפחות מוז גאָרנישט זייַן.

די השערה פון דער סאָציאַלער געשיכטע אַלס אַ קאַמף פון צוויי פייַנטלעכע וועלטן, קאַפּיטאַליזם און סאָציאַליזם, איז אַ קריסטאַליזאַציע פון דער עטישער געזינונג, וועלכע ליגט אויס די פאַקטן פון דער סאָציאַלער ווירקלעכקייט לויט דער פשוטער קעגנזעצלעכקייט פון גוט און שלעכט. ווי פסיכישע פאַקטן זענען זיי אומבאַדינגט אמתע, ווייַל זיי זענען בכח אַרויסצורופן רעאַלע קרעפטן פון דעם סאָציאַלן האַנדלען. אין דער וועלט פון דערשייַנונגען זענען זיי דאָס אָבער נישט. דער סאָציאַליזם ווי אַ ווירקלעכקייט, ד. ה. אַלס באַוועגונג,

איז אויך אין זײַן באַציאונג צום קאַפּיטאַליזם ווי אַ ווירקלעכקייט, ד. ה. אַלס אַ קעגנוואַרטיקער געזעלשאַפֿטס-צושטאַנד, שטעט גאַנץ אַנדערש ווי דער סאָציאַליזם ווי אַן ענדציל, אַלס אַ ריינע קאַטעגאָריע. אין דער וועלט פֿון קאַטעגאָריעס איז דער סאָציאַליזם אַ קעגנזאַץ צום קאַפּיטאַליזם. אין דער סאָציאַלער ווירקלעכקייט איז אָבער בכלל נישטאָ אַזעלכע קעגנזאַצן. אַלע קעגנזאַצן טרעטן דאָ אַרויס בלויז אין דער פֿאָרם פֿון קאַמפֿן, פֿון סכסוכים פֿון מענטשלעכע ווילנס-ריכטונגען, און דערבײַ האַנדלט עס זיך תּמיד מכּח באַשטימטע אָביעקטן.

אויך אַזאַ ברייטער און אַנטשיידנדיקער קאַמף ווי אַ רעוואָלוציע שפּילט זיך שטענדיק אָפּ אין די פֿאָרמעס, וועלכע זענען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר די ווילנס-האַנדלונגען פֿון יחידים און מאַסן, אָבער קיינמאָל נישט לויט דעם מאַטעמאַטישן ריטם, אין וועלכן די לאָגישע קעגנזאַצן גייען אַריין אין אַ שטײַפֿן טעזן- און אַנטיטעזן-טאַנץ. ס'איז אַן אומדערלאָזבאַרע איבערטראַגונג פֿון אַ סוביעקטיוון פֿאַקט פֿון דער אינדיווידועלער געזינונג אויף דעם אָביעקטיוון פֿאַקט פֿון מאַסן-אימפּולסן און מאַסן-האַנדלונגען, אויב מען ווענדט אָן אויף די קאָנקרעטע צושטאַנדן פֿון אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע די געזעצן, וועלכע זענען חל נאָר אויף די באַגריפֿלעכע קעגנזאַצן פֿון די ריינע קאַטעגאָריעס. „רעוואָלוציאָנערע“ קעגנזאַצן זענען יעדנפֿאַלס ווירקלעך נאָר דעמאָלט, ווען עס האַנדלט זיך מכּח עטישע אָדער רעכטלעכע צילן; דערפֿאַר טאַקע איז און עס בלײַבט אַלס וועזנטלעכער היסטאָרישער אינהאַלט פֿון יעטוועדער רעוואָלוציע דער איבערקער פֿון דעם יורידישן סדר אין איינקלאַנג מיט אַ נײַעם עטישן פּרינציפּ.

XIII

דער מאַרקסיסטישער עקאָנאָמישער העדאָניזם.

ס'איז נישטאָ קיין קלאַסן-קאַמף סתם,
ס'איז נאָר דאָ אַ קלאַסן-קאַמף פאַר
עפּעס אַ צוועק.

ד״ר הוגאָ זינצהיימער.

די אויסטייטשונג פון דער געשיכטע לויט דעם קאַטעגאָריע-פּרינציפּ, ד. ה. דעם פּרינציפּ, אַז די מאָטיוון פון דער סאָציאַלער אַנטוויקלונג לאָזן זיך איינטיילן אין פעסט-באַשטימטע קאַטעגאָריעס, האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַלס די ראַציאָנאַליסטישע היפּאָטעזע פון אַ ווילן, מיט דער הילף פון וועלכער ער דערהויבט צו דער מדרגה פון די לעצטע סיבות יענע דערשיינונגען, אויף וועלכע אָט דער ווילן גופא זוכט קודם כּל צו האָבן אַ ווירקונג. דער מאַרקסיזם האָט פּראָקלאַמירט די קאַטעגאָריע „עקאָנאָמיק" פאַר אַן אורזאַך פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, און דאָס באַטייט נישט אַנדערש, אַז דער מאַרקסיזם זעט זיין קעגנוואַרטס-אויפגאַבע טאַקע אין דער אויסנוצונג פון די עקאָנאָמישע מאָטיוון אַלס מיטל צו דער פאַרווירקלעכונג פון זיין סאָציאַליסטישן צוקונפטס-בילד. די ריכטונג, אין וועלכער ס'גייט דער ווילן, באַשטימט די פאָרם פון דער דערקענטעניש. די בלויז-אָביעקטיווע דערקענטעניש פון די אורזאַכן איז נאָר אַ שפּיגל פון דער אָביעקטיווער אָפּשאַצונג פון די מאָטיוון.

נאָר דורך דערדאָזיקער פּסיכאָלאָגישער קאָנסעקווענץ לאָזט זיך דערקלערן די לאָגישע אומקאָנסעקווענץ, וועלכע

ליגט אייגנטלעך דערין, וואָס פון איין זייט גלויבט מען אין דער אַלגעמיינער געזעצמעסיקער קאַוזאַליטעט פון אַלץ, וואָס געשעט, און פון דער אַנדער זייט גלויבט מען, אַז איין־איינצלנע ריי פון אורזאַכן, וועלכע מ׳האָט אַרויסגעדרונגען פון דעמדאָזיקן געשעען, טראָגט לויט אירע ווירקונגען אַן אַנטשיידנדיקן כאַראַקטער. דער נאַטורוויסנשאַפטלעכער דעטערמיניזם, וואָס איז געווען די גייסטיקע לופט, מיט וועלכער מאַרקס און דער מאַרקסיזם האָבן געלעבט, ברענגט לאָגישערווייז צו דעם אויספיר, אַז ווען עפּעס וואָלט געווען אַנדערש, ווי ס׳איז געווען אין דער ווירקלעכקייט, וואָלט דעמאָלט אַלץ אויך אַנדערש געווען, ווי ס׳איז אין דער ווירקלעכקייט איצט. אין דעם וועלט־בילד פון די קאָנסעקווענטע דעטערמיניסטן איז אַלץ צוגלייך אורזאַכן און ווירקונג, אַלץ, וואָס געשעט, איז נאָר די פאַרווירקלעכונג פון אַן אומגעהייערער ריי פון סיבות, וועלכע איז איינמאָל פאַר אַלעמאָל געגעבן געוואָרן, אַ פאַרקנוילט שפּירל אָן אַ סוף, וועלכעס מען קאָן אָנהויבן פאַנאַנדערוויקלען, ווי נאָר מ׳טאַפּט עס אָן אין וועלכן נישט איז אָרט. ווו דאָס אָרט איז, וואָס פון אים הויבט מען אָן, איז פּרינציפּיעל גלייכגילטיק פאַר דעם, וועלכער דערבליקט אין דער גאַנצער מענטשהייטס־געשיכטע נישט מער ווי די פאַנאַנדערוויקלונג פון אַ קאַוזאַלקייט (פון אַ פעסטער קייט פון אורזאַכן און פועל־יוצאס), וועלכע איז פאַרקניפּט דורך נאַטור־געזעצן: דערביי קאָן זיך דאָך שטענדיק אַרויסווייזן אַ זינענפולער צוזאַמענהאַנג.

אָבער די פראַגע איז נישט אַזוי פּשוט. דער גלויבן מכח דער *אָפּהענגיקייט* פון איין דערשיינונג פון אַן אַנדערער גיט אונז נאָך לחלוטין נישט די מעגלעכקייט צו *באַשטימען* איין דערשיינונג אויפן סמך פון דער אַנדערער, וואָס דאָס איז דאָך דער עיקר ביי יעדער מין קאַוזאַל־דערקענטעניש. אָט ווען מען דערקלערט, אַז „A“ איז די *אורזאַך* פון „B“, באַטייט דאָס אַסך מער ווי אַ פּשוטע אָפּהענגיקייט, וועלכע דריקט זיך אויס אין דעם, וואָס יעטוועדע פאַרענדערונג אין „A“ ווערט אויך מיטגעמאַכט דורך „B“, שוין דערפאַר אַליין, ווייל ס׳זענען פאַראַן אַזעלכע אָפּהענגיקייטס־פאַרהעלטענישן, וועלכע, ווי די מאַטעמאַטיקער זאָגן,

באַזירן זיך אויף דער קאָנגזיטיקער פונקציאָנעלער אָפּהענגיקייט, אַזוי אַז, פאַרקערט, אויך יעטוועדע פאַרענדערונג פון „B" ציט נאָך זיך אַן אַנטשפּרעכנדיקע פאַרענדערונג פון „A". ס'איז דאָ נאָר איין זיכערער סימן, דורך וועלכן מיר באַצייכענען דעם „A" אַלס די אורזאַך פון „B": בעת מיר באַשטימען אַ דאַנק אונזער קענטעניש פון „A" דעם „B"; ד. ה. ווען מיר קאָנען וויסן, ווי דער „B" וועט אויסזען, נאָך איידער ער איז בפועל ממש געוואָרן אַ שטיק ווירקלעכקייט. אין דער פּראַקטיק באַטייט דאָס: אין דער צושטאַנד „A" באמת די אורזאַך פון דעם צושטאַנד „B", דעמאָלט איז שוין גענוג, אַז מיר זאָלן אַרויסברענגען דעם „A", כּדי עס זאָל שוין זיך פאַרווירקלעכן אין לעבן אויך דער „B".

אָט דערדאָזיקער חילוק צווישן „אָפּהענגיקייט" און „אורזאַכלעכער באַשטימונג" איז וויכטיק. ס'זענען דאָ, למשל, געוויס מענטשן, וואָס האַלטן זיך פאַר מאַרקסיסטן, ווייל פאַר זיי איז קלאָר די אָפּהענגיקייט פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, די אָפּהענגיקייט פון דעם גאַנצן אידעאָלאָגישן בנין פון דעם עקאָנאָמישן פונדאַמענט, די אָפּהענגיקייט פון דעם געזעלשאַפטלעכן באַוואוסטזיין פון דעם געזעלשאַפטלעכן זיין, וכדומה נאָך אַזעלכע פאָרמולעס. אָבער פאַר וועמען איז דאָס נישט קלאָר? ווער קאָן אָבער פון דער אַנדער זייט לייקענען, אַז אויך אומגעקערט, יעטוועדער עקאָנאָמישער צושטאַנד פאַרענדערט זיך אַדאַנק די עטישע, פּאָליטישע און אַנדערע אידעאָלאָגישע צילן, ד.ה. אַז אויך ער גופא איז פון זיי אָפּהענגיק? באמת, דעם פאַקט, אַז דער אידעאַל איז אָפּהענגיק פון דער מאַטעריע, וועט קיין סאָציאַליסט נישט לייקענען, וואָרום אַז נישט, וואָלט דאָך נישט געהאַט קיין זינען צו חלמען אויף וועלכן נישט איז אופן פאַרענדערן דאָס מאַטעריעלע צוליב אַן אידעאַלן ציל; אָבער פּונקט אַזוי האָט אויך נישט קיין זינען פאַר דעם סאָציאַליסט צו לייקענען די אָפּהענגיקייט פון דער מאַטעריע מצד דעם אידעאַל, ווייל דעמאָלט וואָלט דאָך יעדער

סאָציאַליסטישער ציל נישט געווען בכח צו באַאיינפלוסן דאָס מאַטעריעלע.

ס'איז אַלזאָ פאַראַן אַ קעגנזייטיקע אָפּהענגיקייט פון דער געזעלשאַפטלעכער עקזיסטענץ, פון דעם סאָציאַלן „זיין" און פון די צושטאַנדן פון באַוווסטזיין, וואָס דאָס איז לחלוטין נישט דיזעלבע זאַך, ווי נאָר אַן אורזאַכלעכע באַשטימונג פון דעם באַוווסטזיין דוקא דורך דאָס זיין. פונדעסטוועגן פירט נישט אָט דידאָזיקע דערקענטעניש דעם מאַרקסיזם דערצו, אַז ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון זיין קאַוזאַל-טעאָריע: דאָס „זיין" באַשטימט דאָס באַוווסטזיין. דערביי פאַרדעקט ער זיך הינטער די ווערטער: „אין דער לעצטער אינסטאַנץ", ד. ה. אַז דאָס זיין באַשטימט דאָס באַוווסטזיין אין דעם סאַמע לעצטן פונקט. די קעגן-השפעה מצד דעם אידעאַלן פאַקטאָר אויף דאָס מאַטעריעלע האַלט ער פאַר עפּעס אַ זאַך, וואָס איז אומוויכטיק און אונטערגעשטעלט אונטער אַנדערע פאַקטאָרן, פאַר שפּעטערדיקע גלידער אין דער קייט פון די ווירקונגס-אורזאַכן, וועלכע ער הויבט אָן אין דער לעצטער אינסטאַנץ מיט דער „אַנטוויקלונג פון די פּראָדוציר-כּחות", אָדער קורץ געזאָגט: עקאָנאָמישע סיבות.

ס'איז אַבסאָלוט קלאָר, אַז פאַר אַזאַ נאַטורוויסנשאַפטלעכן דעטערמיניסט, ווי מאַרקס, וואָלט געווען נישט שווער הינטער דידאָזיקע „אורזאַכן" אַרויסצוזוכן און טאַקע געפינען אויך אַנדערע אורזאַכן. פאַרוואָס האָט ער, למשל, נישט אַרויסגעפירט די געזעלשאַפטלעכע אַנטוויקלונג פון דער געאָלאָגישער אָדער פון דער אַסטראָנאָמיש-קאָסמישער? דאָ איז דאָך זיכער פאַראַן אַן אָפּהענגיקייטס-באַציאונג, וועלכע מ'קאָן אַסך ווייניקער באַשטרייטן ווי דער כּלל, אַז דער גאַנג פון דער אידעאָלאָגישער אַנטוויקלונג לאָזט זיך פירן (באַשטימען) דורך דער עקאָנאָמישער; און געוויס איז די געאָלאָגישע אָדער אפילו די אַסטראָנאָמישע באַשטימונג נאָך אַ סך מער מסוגל צו גילטן אַלס די „לעצטע אינסטאַנץ". אַן אַנדער פיזיקאַלישע שווערקייטס-געזעץ, אַן אַנדערע פּלאַנעטן-געשטאַלטונג, אַן אַנדערע לופט-אַטמאָספער, אַן אַנדערע טעמפּעראַטור אויף אונזער ערד-קוגל, — און דער ערשטער אונטערנאַציאָנאַל וואָלט שוין

בפירוש נישט געקאָנט געמאָלט זיין! דער „קאַפּיטאַל" פון מאַרקסן איז אַ פועל יוצא, וועלכער האָט בכלל נישט מעג־לעך געווען, ווען נישט די געאָלאָגישע אורזאַך, וואָס ליגט אין דעם פּעריאָד פון דער גאָר לאַנגער ערד-געשיכטע, וואָס הייסט „קוואַטערנערער פּעריאָד". נו, לאָזט זיך פרעגן: פאַר־וואָס, אַלזאָ, שטעלט זיך אָפּ די מאַרקסיסטישע לעצטע אינס־טאַנץ גראָד ביי דער עקאָנאָמישער דעטערמינאַציע?

אויף דערדאָזיקער פראַגע האָט דער מאַרקסיזם איין פּאַרטיקע תשובה: די לעצטע אינסטאַנץ פון דעם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם מוז זיין נאָר אַ לעצטע געזעלשאַפטלעכע אינסטאַנץ. אים אינטערעסירט אַ ברעקל נישט די אַסטראָנאָ־מישע, געאָלאָגישע, געאָפיזישע, ביאָלאָגישע דעטערמינאַציעס, ווייל אַלע באַציאונגען, וועלכע שטאַמען פון זיי, שאַפן מיט זיך פּראַקטיש נאָר אַן אומפאַרענדערלעכן פאַקטאָר לגבי דעם געזעלשאַפטלעך-היסטאָרישן פּראָצעס. לאָמיר צוגעבן, אַז דאָס איז אַזוי, אָבער לאָזט זיך דען נישט אין אַ זייער גרויסער מאָס פאָרט זאָגן מכח די פּראָדוציר-באַציאונגען פּונקט דאָס, וואָס וועגן די געאָלאָגישע אָדער געאָפיזישע אומשטאַנדן, נעמלעך, אַז פּראַקטיש שטעלן זיי, די פּראָדוציר-אומשטאַנדן, מיט זיך פאָר אַן אומפאַרענדערלעכקייט אין פאַרגלייך מיט די געשעענישן, וועלכע מיר קאָנען באַאיינפלוסן דורך אַ פעסט-באַוווסטזיניקן ווילן? בעת מען איזאָלירט די איינצלנע קאַוזאַל-רייען, די פּראָדוציר-פאַרהעלטענישן א. א. וו. פון דער אַלגעמיינער קאַוזאַל-ריי פון די היסטאָרישע דערשיינונגען בכלל שטעלט דאָס אַרויס פאַר אַ פאָר-תנאי, אַז מען שאַפט דערביי געוויסע טיפּישע, אידעאַלע פאָרמען — ווי, למשל, די אידעע מכח דעם „ריינעם" קאַפּיטאַליזם אין דער מערוועורט-טעאָריע פון מאַרקסן — און מען מאַכט פון זיי אַ פונדאַמענט אין דער אויסטייטשונג פון געוויסע עפּאָכעס. אודאי איז נישט שווער צו דערקלערן אַ וועלכן נישט איז היסטאָרישן פאַקט פון דער קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע דורך דעם אורזאַכ־לעכן הינטערגרונט פון די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוציר-פאַר־העלטענישן, אויף וויפל עס האַנדלט זיך דערביי פעסטצושטעלן אַ באַשטימטע אָפּהענגיקייט. און דאָך באַקומען אַזעלכע שייכותן

אַ זינען ערשט פון דעם מאָמענט אָן, ווען מ׳קאָן זאָגן: אויב מען חיים די אורזאַך (ד. ה. די פּראָדוציר-פאַרהעלטעניש פון דער עפּאָכע) דעמאָלט קאָן מען דערפון אַרויספירן אויך דעם פועל יוצא (ד. ה. דעם היסטאָרישן פאַקט). און ווען מען קאָן דאָס נישט, איז מען זיך טאַקע מודה, אַז ס׳זענען דאָ נאָך אַנדערע אורזאַכן, וועלכע געהערן אָדער צו אַן אַנדערער חיסנשאַפטלעכער קאַוזאַל-ריי, אָדער זיי בלייבן פאַרבאַהאַלטן בכלל פון אונזער דערקענטעניש; אָבער אַנדערע אורזאַכן זענען געגליכן צו אַנדערע פאַקטאָרן פון אַ פועל יוצא, װאָס זייער מין, גרויס און באַדייטונג בלייבן אומבאַקאַנט און וועלכע קאָנען, בכן, גאַנץ אַנדערש געשטאַלטן דעמדאָזיקן פועל יוצא, וועלכער איז זייער פּראָדוקט. ווער קאָן באַהויפּטן, אַז די דער־קענטעניש, למשל, פון די פּראָדוציר-פאַרהעלטעניש אין איראָפּע אין אונזער קאַפּיטאַליסטישער צייט דעקן אונז אויף די אור־זאַכן, פון װעלכע עס לאָזן זיך אַרויספירן די היסטאָרישע געשעענישן פון דערדאָזיקער צייט (אָדער אַפילו נאָר אירע אַלגעמיינע גרויסע שטריכן)? װי װאָלט געקאָנט אַ מענטש פון אונזער צייט, וועלכער װאָלט געקענט נאָר די פּראָדוציר־פאַרהעלטעניש, אַרויסדרינגען פון זיי די פּאָליטישע איבערקערן פון דער עפּאָכע פון װעלטקריג, די געשיכטע פון פילאָזאָפיע פון דעם לעצטן יאָרהונדערט, די אַנטוויקלונג פון דער פיזיק פון לאַפּלאַסן ביז איינשטיינען, די אומוואַנדלונג פון די רעכטס־באַגריפן, די אַנטוויקלונג פון די הויפּטשטרעמונגען אין דער קונסט און קולטור?

מ׳װאָלט פונקט אַזוי געקאָנט פּרוּוון אַרויסדרינגען אַ בילד, אַ שטייגער, פון דער ליבע-ליריק פון די איינוווינער פון מאַרס אויפן יסוד פון דעם, װאָס מיר װייסן מכח די די־מענסיעס, געוויכט, באַוועגונגען אין רוים און דעם כעמישן באַשטאַנד פון דעם פּלאַנעט מאַרס, װייל אויך די ליבע־ליריק איז דאָך סוף כל סוף, אין דער „לעצטער אינסטאַנץ״, באַשטימט פון דעם אַלעם.

אַפילו אויף יענעם געביט פון זיינע פאָרשונגען, װוּ ער איז געװען דער גרעסטער בקי, אויך אויף אָט דעם טעטיקייטס־פעלד האָט מאַרקס נישט געקאָנט, אויפן יסוד פון זיין אומ־

געהייער-טיפער קענטעניש פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע, „אַרויסדרינגען" די הויפּט-ליניעס פון דער אַנטוויקלונג פון דער אַרבעטער-באַוועגונג; אַנשטאָט דער פּאַראָרעמונג איז געקומען אַן אויפשטייג צו דער סאָציאַלער חשיבות, אַנשטאָט דער קאַטאַסטראָפאַלער צושפּיצונג פונם קאַמף קעגן דער בירגערלעכער מלוכה — אַ קעגנזייטיקע צופּאַסונג און דורכדרינגונג, אַנשטאָט דעם וואַקסנדיקן קאָסמאָפּאָליטיזם — אַ שטייגערנדיק נאַציאָנאַל געפיל, אַנשטאָט דער רעוואָלוציע, וואָס האָט געזאָלט געבוירן ווערן פון אַן עקאָנאָמישער קאַטאַסטראָפע — פאַרבינדונג פון געווערקשאַפטלעכע צילן — מיט דער דערהייבונג פון דער פּראָדוקטיוויטעט און וווילשטאַנד. ווי מען זעט, העלפט דאָ די „לעצטע אינסטאַנץ" נישט פיל; אויך ווען מען זאָל זי פאַראויסזעצן אַלס אַ פעסטן פאַקט, זאָגט זי אין תוך נישט מער, ווי די ביאָלאָגישע דעטערמינאַציע, וועלכע זעט מיט דערזעלבער וויסנשאַפטלעכער קאָנסעקווענץ אַלע „אורזאַכן" פון דער מענטשלעכער געשיכטע שוין אין דער סטרוקטור פון דעם אַמפיאָקסאָס 1). אין דער דערקלערונג פון מענטשלעכע האַנדלונגען העלפט אונז תמיד נאָר די *נאָנטסטע* דערקענבאַרע אורזאַכן-אינסטאַנץ און נישט די *לעצטע*, די דענקבאַרע.

אויב ס'איז אָבער אַ פאַקט, אַז די וויסנשאַפטלעכע זיכערקייט פון דער קאַוזאַל-באַשטימונג וואַקסט אַלץ מער און מער, וואָס ווייטער די ווירקונג ליגט פון דער „לעצט-אינסטאַנצלעכער" אורזאַך, — דעמאָלט פרעגט זיך: פאַרוואָס האָט דער מאַרקסיזם נישט געמאַכט דעם אויספיר, אַז אַנשטאָט די עקאָנאָמישע אורזאַכן זענען די לעצטע אינסטאַנץ די ביאָלאָגישע, די געאָלאָגישע, די אַסטראָנאָמישע, די אַטאָמיסטיש-פיזישע אָדער נאָך אַזעלכע אורזאַכן? דער גרונט איז טאַקע אַ פּשוטער: ווייל דערקלערונגען דורך אורזאַכן, וועלכע מיר קאָנען נישט באַאיינפלוסן, נוצן אונז גאָרנישט אין דער סאָ-

---

1) אַמפיאָקסאָס — דער נידעריקסטער פון אַלע חוט-השדרהניקעס (חיות, וואָס האָבן אַ רוקן-ביין). ער איז די איבערגאַנגס-פאָרם פון דעם נידעריקן שבט פון רינג-ווערים צום העכן שבט פון די חוט-השדרהניקעס.

ציאַלער וויסנשאַפט. דער אורזאַכלעכער צוזאַמענהאַנג
„עקאָנאָמיק-געזעלשאַפט" איז טאַקע פיל חייניקער אומבאַשטרייט-
באַר און לעצט-אינסטאַנצלעך ווי דער צוזאַמענהאַנג „גראַוויטאַ-
ציע-געזעלשאַפט"; אָבער די געזעצן פון דער גראַוויטאַציע
קאָנען מיר נישט ענדערן און די געזעצן פון דער עקאָנאָמיק —
יאָ, אַזוי לכל הפחות גלויבט מאַרקס. אָבער ריכטיקער געזאָגט:
די געזעצן פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג דאַרפן זיך,
לויט אים, נאָר אויסווירקן, און במילא וועט דאָס שוין מעגלעך
מאַכן די קאַוזאַל-שנור פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויק-
לונג, וואָס אויפן שפּיץ פון איר שטייט דער ענדציל — סאָ-
ציאַליזם. אָט אַזוי אַנטפּלעקט זיך סוף כל סוף דער גלויבן
אין די עקאָנאָמישע אורזאַכן אַלס אַ גלויבן אין די
עקאָנאָמישע מאָטיוון. דאָס וועלן איז די פּאָראַויסזעצונג
פון דער טעאָריע, די לעצטע אינסטאַנץ איז אַ ווילנס-אינסטאַנץ.
זי איז בכלל נישט די לעצטע, וואָס איז דערגרייכבאַר פאַר
דער וויסנשאַפטלעכער אויפפאַסונג, זי איז נאָר די לעצטע,
וואָס פאַלט נאָך אַריין (לויט מאַרקסן) אין געביט פון דער
השפעה פון אונזער ווילן. די דערהויבונג פון דער עקאָנאָמי-
שער אַנטוויקלונגס-ריי צו אַ לעצט-אינסטאַנצלעכער אורזאַך
באַטייט אין תוך, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס מען שטעלט
עס פאָר אַלס אַן אָביעקטיווע וויסנשאַפטלעכע דערקענטעניש,
נישט אַנדערש ווי אַן אויסדרוק פון אַ דורכאויס-סוביעק-
טיוון גלויבן, אַז דער עקאָנאָמישער אינטערעסן-מאָטיוו איז ביי
דעם מענטשן אין דער געזעלשאַפט די לעצטע אורזאַך פון
דעם ווילן, און דערדאָזיקער גלויבן איז פון זיין זייט אַן
אויסדרוק פון אַ ווילן, וועלכער — דאָסמאָל שוין אין
דער ערשטער אינסטאַנץ, ד. ה. גלייך פון אָנפאַנג אָן, —
שטעלט זיך פאָר אַלס ציל צו פאַרענדערן די פּראָדוציר-פאַר-
העלטענישן.

איז אָבער די אורזאַכן-טעאָריע שוין יאָ דערקענט גע-
וואָרן אַלס אַ פאַרמאַסקירטע מאָטיוון-טעאָריע, דעמאָלט פאַר-
וואַנדלט זיך די קריטיק פון דעם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם
(די טעאָריע פון די וויסנשאַפטלעכע אורזאַכן) אין אַ קריטיק

פֿון דעם פּסיכאָלאָגישן העדאָניזם 1) (די טעאָריע פֿון די עקאָנאָמישע מאָטיוון).

מאַרקס גופא האָט, ווי עס איז באַקאַנט, קיינמאָל נישט פֿאָרמולירט זיין טעאָריע פֿון מאָטיוון. ער האָט אפֿילו קיינמאָל נישט באַשריבן, וואָס איז צו פֿאַרשטיין אונטערן וואָרט קלאַס; דער טויט האָט איבערגעריסן זיין לעצטע אַרבעט, בעת ער האָט זיך געקליבן אָפּצוגעבן זיך מיט דערדאָזיקער פֿראַגע. ס'איז אָבער נישטאָ קיין ספק מכּח די גרונט-אָנשויאונגען, פֿון וועלכע ער איז אַרויסגעגאַנגען; זיי זענען קלאָר אויך אָן אַ דעפֿיניציע, אַלס אַ שטילשווייגנדיקע פֿאָראויסזעצונג, דורך דעם שטענדיקן געברויך סיי ביי זיין וויסנשאַפֿטלעכער, סיי ביי זיין פּאָליטישער טעטיקייט. יעטוועדער עקאָנאָמישער פּונקט און יעטוועדע פּאָליטיש-סטראַטעגישע מיינונג פֿון מאַרקסן באַזירט זיך אויף דער פֿאָראויסזעצונג, אַז די מענטשלעכע ווילנס-מאָטיוון, דורך וועלכע עס קומט פֿאָר דער געזעלשאַפֿטלעכער פֿאָרטשריט, זענען דיקטירט אין ערשטער ליניע דורך דעם עקאָנאָמישן אינטערעס. דעמזעלבן געדאַנק וואָלט די הײַנטיקע סאָציאַל-פּסיכאָלאָגיע פֿאָרמולירט אַלס אַ באַשטימונג פֿון דעם געזעלשאַפֿטלעכן אויפֿפֿירונגס-אופֿן דורך דעם הכנסה-אינסטינקט, ד. ה. דורך דעם אינסטינקט צו באַזיצן זאַכלעכע ווערטן.

אויב מאַרקס אַליין האָט געהאַלטן פֿאַר איבעריק דידאַקטיקע אָדער ענלעכע פֿאָרמולעס, טאָ ערקלערט זיך דאָס פּשוט דערמיט, וואָס אַזאַ אינהאַלט איז פֿאַר דער גאַנצער פּאָליטישער עקאָנאָמיע פֿון זיין צייט געווען אָן ענין, וואָס איז זעלבסטפֿאַרשטענדלעך. אַלס דעם שילער און ווייטער-אַנטוויקלער פֿון דער קלאַסישער פּאָליטישער עקאָנאָמיע, איז פֿאַר אים געווען אַן אַקסיאָם, אַז אינטערעס איז בכלל גלייך מיט הכנסה-אינטערעס אָדער מיט באַפֿרידיקונג פֿון דעם „דערווערבס-אינסטינקט“. אַלס ראַציאָנאַליסט האָט ער געהאַלטן דידאַקטיקע צילן פֿאַר אַ רעזולטאַט פֿון אַ דערקענטעניש-פּראָצעס, וועלכער איז אַזוי פּשוט, אַז ער פֿאַרלאַנגט ממש נישט קיין שום ווי-

1) העדאָניזם איז אַ פֿילאָזאָפֿישע לערע מכּח דעם, אַז הנאה איז דאָס העכסטע מענטשלעכע גליק.

טערדיקע פסיכאָלאָגישע דערקלערונגען. אויב אַלע מאַרקסיסטן נאָך מאַרקסן, פון קאַוטסקין ביז צו די יינגסטע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע און קאָמוניסטישע עפּיגאָנען, האָבן געלייגט אין יסוד פון די באַגריפן קלאַס, קלאַסן-אינטערעס און קלאַסן-קאַמף, און דערמיט אויך פון זייער גאַנצער מאָטיוון-טעאָריע און פון זייער גאַנצער פּאָליטישער סטראַטעגיע, דעם עקאָנאָמישן העדאָניזם אין אַ קלאָרער סיסטעמאַטישער פאָרמולירונג, טאָ איז דאָס נאָר די קאָנסעקווענטע ווייטעראַנטוויקלונג פון אַ גרונט-אָנשויאונג, וועלכע מאַרקס גופא האָט נאָר דערפאַר נישט געדאַרפט פאָרמולירן אַלס אַ פּאָסטולאַט, ווייל זי איז שוין ביי אים געווען דער אויסגאַנגס-פּונקט פון זיין גאַנצער טעאָריע.

לויט דעם גייסט דער גאַנצער מאַרקסיזם אַרויס פון דער פסיכאָלאָגישער פאָראויסזעצונג, אַז די פאַרוואַנדלונג פון געזעלשאַפטלעכע אַנטוויקלונגס-טענדענצן אין מענטשלעכע צילן איז אַ פּסיכאָלאָגישער פּראָצעס פון צופּאַסונג. פון דעם אַנאַליז פון דער עקאָנאָמישער פאָרם ווערן אַרויסגעפירט געזעצן, וועגן וועלכע מען האָלט, אָן אַ שום ספק, אַז ביי מענטשן פאַרוואַנדלען זיי זיך אין געזעצן פון זיין ווילן און דענקען. דאָס באַטייט, אַז יעטוועדע עקאָנאָמישע פונקציע ביי דעם מענטשן, וועלכער פירט זי אויס, רופט טאַקע אַרויס יענע ווילנס-ריכטונגען און פאָרשטעלונגען, וועלכע זענען נויטיק, כדי צו דערפילן דידאָזיקע פונקציע. דער געזעלשאַפטלעכער מעכאַניזם פון דערדאָזיקער פאַרוואַנדלונג איז דער קלאַסן-אינטערעס אַלס אַ באַשטימונג פון סאָציאַלן ווילן דורך דעם „דערווערבס"-אינסטינקט.

יעטוועדע סאָציאַל-פּסיכאָלאָגיע, וועלכע וויל האַרמאָנירן מיט די פאַקטן, מוז נעמען אין באַטראַכט, צוזאַמען מיט די פּסיכישע רעאַקציעס, וועלכע באַטייטן אַ צופּאַסונג פון מענטשן צו זיין סביבה, אויך די אומגעקערטע רעאַקציעס, וועלכע שטרעבן, פאַרקערט, צוצופּאַסן די סביבה צו באַשטימטע מענטשלעכע צילן. דער טיפּ פון דער צופּאַסונגס-רעאַקציע איז די שאַפונג פון לעבנס-געוווינהייטן דורך די מאַסן; דער טיפּ פון דער אומגעקערטער רעאַקציע איז די בילדונג פון רעוואָלוציאָנערע רעכטס-פאָרשונגען דורך אומצופרידענע איינצלנע

דענקער. די סאָציאַליסטישע אַרבעטער־באַוועגונג איז דענקבאַר נאָר אַלס אַ געמיינזאַמער פּועל יוצא פון די ביידע אַרטן פון רעאַקציע־פאַקטאָרן. ווען זי וואָלט געווען נישט אַנדערש ווי נאָר אַ פאַרווירקלעכונג פון די קלאַסן־אינטערעסן, וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר די „צופּאַסונג" פון דעם פּראָלעטאַרישן „דער־ווערבס"־אינסטינקט צו די מאַטעריעלע באַדינגונגען פון דער קאַפּיטאַליסטישער סביבה, דעמאָלט וואָלט זי ערלעדיקט פאַרדינט די באַצייכענונג, וועלכע בערנאַרד שאָו האָט געגעבן: „דער קאַפּיטאַליזם פון אַרבעטער־קלאַס". זי איז נאָר אויף אַזויפיל מער און אויף אַזוי פיל סאָציאַליסטיש, אויף וויפל זי שטעלט אַרויס צילן, וועלכע שטאַמען פון דער גייסט־צופּאַסונג פון דעם דענקען צו דעם עקאָנאָמישן סדר און דעם שיקזאַל פון אַ יחיד.

אין דעם באַשטייט דאָך טאַקע דער חילוק צווישן דעם מענטשן און די נידעריקערע באַשעפעניש, וואָס ער איז נישט נאָר אַן אָביעקט פון זיין סביבה. די דעפיניציע, וועלכע ספּענ־סער האָט געגעבן דעם לעבן אַלס „צופּאַסונג פון אינערלעכע באַציאונגען צו די אויסערלעכע", אַנטשפּרעכט נאָר איין זייט פון דעם מענטשלעכן לעבן און טאַקע דער נידעריקער. דער פּאַסיווער, דער סטאַטישער זייט, וועלכע איז פאַר אונזערן דענקען דערטרעגלעך נאָר דערפאַר, ווייל מיר אָנערקענען זי אַלס אַ נויטווענדיקע באַדינגונג, כּדי צו דערפילן אונזער העכערע, שעפערישע פאָרווערטס־שטרעבנדיקע לעבנס־פונקציע. דאָס מענטשן־לעבן איז אַ קעגנזייטיקע השפּעה פון צוויי מינים פונקציעס: ביי די אָרגאַנישע פונקציעס איז דער מענטש אַן אָביעקט, וואָס מוז זיך צופּאַסן צו אַן אויסערלעכער קאַוזאַ־ליטעט; ביי די פונקציעס פון דעם גייסטיקן באַוווסטזיין איז ער אַ סוביעקט, וואָס שאַפט זיך אַליין, אין דער געשטאַלט פון חילנס־פאָרשטעלונגען און אורזאַכן צו פאַרענדערן זיין סביבה. די טעלעאָלאָגישע (ציל־זוכנדיקע) אייגנאַרטיקייט פון אונזער גייסטיקן לעבן מאַכט אונז פאַר געשטאַלטער פון דער אויסן־וועלט. דער תּוך פון דערדאָזיקער געשטאַלטונג איז קולטור; די ערד מאַכט ערשט מעגלעך דעם פייער, אָבער דער פּויער שאַפט דאָס פעלד. דערביי ווערט די סביבה צוגעפּאַסט צו אַ

ציל, וועלכער אנשטאט אלס א פארשטעלונג פון א געוואונטשענעם צושטאנד, ווייל די צופאסונג צו דעם עקזיסטירנדיקן צושטאנד ווערט אויפגענומען בחוש אלס א שעדלעכע זאך. אומצופרידנקייט איז א זעלישע נישט-צופאסונג, און נישט-צופאסונג באטייט פארטשריט. דיהעכסטע פארם פון דער גייסטיקער קראפט, וועלכע איז געריכטעט נישט אויף צו דולדן דעם שיקזאל, נאר אויף צו שאפן דעם שיקזאל, הייסט זשעני. וואלט עקזיסטירט נאר די צופאסונג פון דעם אידעאלאגישן איבערבוי צו דעם עקאנאמישן אונטערבוי (יסוד), דעמאלט וואלט אויך נישט געקאנט געמאלט זיין קיין סאציאליזם. ווייל סאציאליסטן רופן מיר אן נישט די מענטשן, וואס פאסן זיך צו צו די פאדערונגען פון דער קאפיטאליסטישער פראדוציר-ארט, נאר טאקע די, וואס באקעמפן דעם קאפיטאליזם אלס א געזעלשאפטס-ארדענונג. די ארבעטער-באוועגונג איז טיילווייז א צופאסונג, טיילווייז אן אומגעקערטע רעאקציע. דערפון שטאמט די טאפלדיקייט פון איר סאציאלער פונקציע, וועלכע מיר האבן דערקענט גלייכצייטיק אלס א קאפיטאליסטיש-פארבירגערלעכנדיקע און אלס א סאציאליסטיש-רעוואלוציאנירנדיקע.

ס'איז נישטא קיין בעסערער ביישפיל פאר דעם חילוק צווישן דער פסיכישער רעאקציע, ווי זי איז אין דער ווירקלעכקייט, און דעם פרינציפ מכח איין קאטעגאריע פון מאטיוון, וואס באשטימען דעם גאנג פון דער געשיכטע, וועגן עקאנאמישן אינטערעס אלס מאטיוו. דער אינטערעס פליסט ארויס פאר דעם מארקסיזם פשוט פון דער עקאנאמישער פארם, ד. ה. פון דער שטעלונג פון די פראדוצענטן צו די פראדוציר-מיטלען. די גרויסע סאציאל-דעמאקראטישע אויפגאבע פון מארקסן איז טאקע געווען צו באווייזן, אז דער קלאסן-אינטערעס פון דעם פראלעטאריאט שטאמט פון דעם אינטערעסן-קעגנזאץ צווישן די פארקויפער פון דער ארבעטס-קראפט, וועלכע פראדוצירן די מערווערט, און די קויפער פון דער ארבעטס-קראפט, וועלכע געניסן פונם מערווערט. מארקס האט אנדערש נישט געקאנט ווי באטראכטן אט דעם דאזיקן אינטערעס פאר א פעסטן, אזוי-צו-זאגן, זאכלעכן באשטאנד-טייל פון יעטווידער עקאנאמישער טעטיקייט. וואלט ער נישט אנגענומען אט דעמדאזיקן

אומפאַרענדערלעכן „עקאָנאָמישן מאָטיוו", דעמאָלט וואָלט ער פאַרלאָרן די וויכטיקסטע שטיצע פון זיין געזעלשאַפטס-טעאָריע, והיינו: דעם דעטערמינאַציע-פּרינציפּ, די באַשטימונג פונם היסטאָריש-סאָציאַלן פּראָצעס דורך די עקאָנאָמישע סיבות; ווייל דער מענטש, וואָס לאָזט נאָר צו דעם געדאַנק, אַז די עקאָנאָמישע טעטיקייט באַווירט זיך אין לויף פון איר היסטאָרישער אַנטוויקלונג אויף פאַרענדערלעכע סוביעקטיווע מאָטיוון, מוז אויך צוגעבן, אַז הינטער די עקאָנאָמישע קאַוזאַל-רייען זענען דאָ נאָך אַנדערע אורזאַכן פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג.

נו, האָבן דאָך שוין די קלאַסיקער פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע גופא אַליין איינגעזען, אַז דער באַגריף פון אינטערעס איז נישט שטענדיק אַזוי פשוט, ווי דאָס איז, למשל, בעת ס'דינגען זיך צוויי הענדלער וועגן אַ סחורה. זיי האָבן געמוזט איינזען, אַז ס'איז קוים מעגלעך אַזאַ לאַגע, וואָס זאָל פאַר דעם פאַראינטערעסירטן צד נישט אויפשטעלן די פראַגע מכח דעם, אין וואָס אייגנטלעך באַשטייט זיין אינטערעס. שוין אין דעם משל פון לאַפאָנטענן וועגן דער הון, וואָס האָט געלייגט גאָלדענע אייער, שטייט דער באַזיצער פון דעמדאָזיקן עוף אַלס פּראָדוציר-מיטל פאַר דעם פּראָבלעם, אין וואָס טאַקע באַשטייט זיין אינטערעס: צו באַנוגענען זיך מיט דער טעגלעכער איי, אָדער די הון צו שעכטן, כדי פאַראַמאָל צו באַקומען דעם גאַנצן אוצר, וועלכן זי טראָגט אין זיך. ס'איז דאָך קלאָר, אַז די סוביעקטיווע שטעלונג ביים באַשטימען דעם אינטערעס שפּילט דאָ אַ גרויסע ראָלע; לויט דעם ראַציאָנאַליסטישן אופן דענקען פון זייער צייט, האָבן די עקאָנאָמיסטן געמאַכט אַ הנחה אין דעם זינען, וואָס זיי האָבן אַרויסגעשטעלט דעם געדאַנק מכח דעם „ריכטיק-פאַרשטאַנענעם" אינטערעס. אונזער הייַנטיקע צייט באַנוגנט זיך נישט מיט דעם, גאָר צו זען אין די פאַרשיידענע סוביעקטיווע אויספאַסונגען פון אינטערעס נישט מער ווי חילוקים אין דעם גראַד פון דער ראַציאָנאַלער דערקענטעניש; זי זוכט די געפילסמעסיקע אָפּשאַצונג, וועלכע ליגט אין יסוד פון דער דערקענטעניש גופא.

אַפילו אין דעם פשוטן פאַל פונם אינטערעסן-קאַמף צוליב די אַרבעטס-שכירות קאָן נישט געמאָלט זיין אַזאַ רעאַלע

לאַגע, אין וועלכער עס זאָלן זיך נישט געפינען און עס זאָלן נישט זיין מעגלעך פאַרשיידענע באַגריפן מכּח דעם אינטערעס ביי די אונטערנעמער און ביי די אַרבעטער. דער אונטערנעמער חייס, אַז ער מוז שטעלן גרענעצן פאַר זיין נטיה צו צאָלן וואָס אַ קלענערן לוין, כּדי אויסצומיידן די געפאַר צו פאַרלירן זיינע בעסטע אַרבעטער אָדער אַרויסצורופן אַ פאַרביטערונג, וועלכע מאַכט מעגלעך שעדיקונגען פון דער פאַבריק דורך שטרייקן, אָדער לכל הפּחות די פאַרמינדערונג פון דער אַרבעטס-לייסטונג. אין די וויכטיקע אינדוסטריעלע קרייזן פון אַמעריקע איז שוין לאַנג פּאָפּולער געוואָרן דער לאָזונג „הויכע שכירות און קליינע פּראָדוקציע-הוצאות”. די אַרבעטער פון זייער זייט קאָנען דורך צו הויך-געשטעלטע פאָדערונגען שטעלן אונטער אַ סכּנה די קאָנקורענץ-פעאיקייט פון די אונטערנעמונגען, וועלכע זענען וויכטיק פאַר די אַרבעטער אַלס אַרבעטס-מעגלעכקייטן, און קאָנען אַרויסרופן אַ פאַרמינדערונג פונם אָפּזאַץ-מאַרק, דאָס אַריבערטראָגן דעם צענטער פון דער אינדוסטריע אין אַן אַנדער געאָגראַפישן פּונקט און דאָס אַריינפירן פון פּראָדוציר-מעטאָדן, וואָס שפּאָרן איין אַרבעט און אַרבעטער.

מען וועט מסתּמא זאָגן, אַז אַזעלכע איינצלפאַלן ענדערן גאָרנישט אין דער נאַטור פון דעם אַלגעמיינעם סאָציאַלן קעגנזאַץ צווישן דער אַרבעטערשאַפט און דעם אונטערנעמערטום. אָבער צי באַשטייט דען נישט דאָס אַלגעמיינע בלויז פון סכום, פון איינצלפאַלן? נאָך מער: וואָס מער מען גייט אַריבער פון דעם געביט פון איינצלפאַל אויף דעם געביט פון אַלגעמיינע סאָציאַלע קעגנזאַצן בכלל, אַלץ קלאָרער אַנטפּלעקט זיך, אויף וויפל דער אינטערעס ווערט באַשטימט דורך סוביעקטיווע געפילן. עס איז נישט שטענדיק לייכט צו אַנטשיידן, צי האָט אַן איינצלנער אונטערנעמער אַן אינטערעס אין אַ מעגלעך-לאַנגער אַרבעטס-צייט אין זיין פאַבריק, ווען מען נעמט אין באַטראַכט אַלערליי אוממיטלבאַרע ווירקונגען פון אַט אַזאַ אַרבעטס-באַדינגונג אויף דער האַלטונג פון זיינע אַרבעטער; וועלכער געווערקשאַפטס-פאַרטרעטער האַלט דאָס נישט פאַר זיינעם אַ חוב אין אַזאַ לאַגע פאַרהאַנדלען מיט די אונטער-

נעמער אין נאָמען פון זייער אייגענעם „ריכטיק-פאַרשטאַנענעם-
אינטערעס? נאָך אַסך גרעסער ווערט אָבער דער פלאָץ פאַר
סוביעקטיווע באַגריפן מכּח דעם אינטערעס מצד די אונטערנעמער,
ווען מען נעמט אין באַטראַכט די אַלגעמיינע סאָציאַלע ווירְ-
קונגען פון דער רעגולירונג פון דער אַרבעטס-צייט. די לייס-
טונגס-פעאיקייט פון דער אַרבעטערשאַפט, די פּראָפעסיאָנעלע
לעכקייט פון דעם וואַקסנדיקן דור, דאָס געזונט פון גאַנצן
פאָלק, די נאַציאָנאַלע קאָנקורענץ-פעאיקייט און פיל אַנדערע
מאָמענטן שטעלן דאָ ארויס פראַגן, וואָס לאָזן צו די פאַרשיידנסטע
ענטפערן אויך פון דעם שטאַנדפונקט פון עקאָנאָמישן אינטע-
רעס. אָט אַפילו ווען מען מאַכט פון דער כּלומרשט-פּשוטערער
פראַגע מכּח לוין אַן אָביעקט פון אַ אַלגעמיינעם סאָציאַלן
אינטערעסן-קאָנפליקט, — איז דען דער אינטערעס פון קאַפּי-
טאַליסט אַראָפּצוזעצן דעם לוין ביז צו דעם גרענעץ פון דעם
„אייזערנעם” לוין-געזעץ, וועלכן לאַסאַל האָט בשעתו פאָרמו-
לירט, טאַקע אַזאַ פּשוטער און אומצווייפלהאַפטער פאַקט?
פאַרפאָלגט דען נישט אַזאַ אונטערנעמער ווי הענרי פאָרד זיין
אינטערעס, בשעת ער צאָלט אַ הויכן אַרבעטס-לוין, נעמענדיק
אין באַטראַכט די פּראָדוציר-פעאיקייט פון זיינע אַרבעטער,
די קויף-קראַפט פון זיינע קונים און די ווירקונג פון רעקלאַמע
אויפן עולם פון זיין גרויסער קונדשאַפט, פּונקט אַזוי גוט ווי
דער שטאָל-קעניג גאַרי, וועלכער טרייבט צו אַנטקעגנגעזעצטע
פּאָליטיק, ד. ה. וואָס קלענערע שכירות? אָבער וואָס איז נאָך
וויכטיקער: קאָן מען דען דערקלערן די האַלטונג פון די
מייסטע אונטערנעמער אין די לוין-סכסוכים, באַזונדערס אין
אָנפאַנג פון דער אַרבעטער-באַוועגונג, נאָר דורך דעם אינטערעס,
ד. ה. דורך דעם פּראָפיט-אינסטינקט אַליין? גיכער האָבן מיך
מיינע אייגענע דערפאַרונגען, וואָס האָבן מיר אַסך מאָל גע-
געבן די מעגלעכקייט אַריינצוקוקן אין דער פּסיכאָלאָגיע פון
קאַפּיטאַליסט, איבערצייגט, אַז דאָס באַדראָטע מאַכט-געפיל פון
דעם באַלעבאָס טרייבט דעם פאַבריקאַנט צום קאַמף פּונקט אַזוי,
ווי דער ריינער געלט-אינטערעס. זייער אָפט אַפילו וואָלט אַ
קאַלטע באַרעכענונג פון מאַרקן און פּעניגן זיי געצוווּנגען
צו האַלטן פאַר נוצלעך אַ באַשטימטע העכערונג פון לוין, פון

וועלכער זיי זאָגן זיך אָבער עקשנותדיק אָפּ, ווען דאָ וואָלט זיי נישט געשטאַנען אין וועג זייער געפיל פון באַלעבאַטישער תקיפות, זייער סאָציאַלער רעסענטימענט קעגן דער „פוילער, פּרעכער פּראָלעטאַריער-באַנדע".

ווייל מען שוין באַנוצן זיך מיט דעם אויסדרוק אינטערעס, דעמאָלט מוז מען צוריקפירן אים צו זיין אורשפּרינגלעכער אַלגעמיינער באַדייטונג, ווי דאָס טוט, למשל, די נייע „טיפענישן-פּסיכאָלאָגיע" (ווי אַ שטייגער פרוידס פּסיכאָאַנאַליז), ווען זי אידענטיפיצירט „אינטערעס" מיט „ליבידאָ". האָבן אַן אינטערעס צו עפּעס הייסט עפּעס באַגערן. דעם הייסן ווונש לאָזט זיך נישט אָפּשיידן פון דעם זיין-פּאַראינטערעסירט, פון דער עמאָציאָנאַל-באַפאַרבטער ריכטונג פון דער אויפמערקזאַמקייט אויף עפּעס אַ חירקלעכן אָדער סימבאָלישן אָביעקט, פון דעם אַריבערטראָגן אויף דעמדאָזיקן אָביעקט די געפיל-אָפּשאַצונגען, וואָס זענען באַגרינדעט אויף אָט דעם באַגער. דער אינטערעס, וועלכן דער קויפער אָדער פאַרקויפער האָט אין דעם פּרייז פון אַ סחורה, איז נאָר אַן איינצלנער, קאָנקרעטער פאַל, ביי וועלכן עס האַנדלט זיך מכח אָפּשאַצונגען, וואָס שטאַמען נאָר פון דער ווענדונג פון דעם הכנסה-אינסטינקט אויף באַשטימטע קאָנקרעטע אָביעקטן — למשל געלט. אפילו ביי די איינפאַכסטע האַנדלס-אָפּעראַציעס איז דער אינטערעס, וועלכער זאָל זיין געפירט נ אָ ר דורך דעם הכנסה-אינסטינקט, אַ זייער זעלטענער פאַל; בדרך כלל אָבער אַנטהאַלט דער עקאָנאָמישער אינטערעס אויך דאָ עלעמענטן פון סוביעקטיווע אָפּשאַצונגען, וועלכע שטאַמען פון דעם חשיבות-אינסטינקט, קאַמף-אינסטינקט, שפּיל-אינסטינקט, עטישע אָפּשאַצונגען א. א. וו., ווי, למשל, ווען אַ סוחר, אַ כיטרער פאַרקויפער, פרייט זיך דערמיט, וואָס ער האָט אַריינגענאַרט זיין קונה, אָדער ווען דער קונה פאַלט אַריין אין אַ מאָראַלישער עמפּערונג איבער די פאָדערונגען, וועלכע ער האָט געמוזט האַלטן פאַר אומגערעכטע.

דער קלאַסן-אינטערעס אָבער איז עפּעס אַזוינס, וואָס לאָזט זיך נישט אַרויסדרינגען פון אַן איינמאָליקן פּראָצעס, דאָס איז אַ צוגעוווינטע ווענדונג פון דעם ווילן און פון דער אויפמערקזאַמקייט אויף געוויסע אָביעקטן, אַ שטענדיק

אינטערעסירן זיך מיט אַ שטענדיקן אופן אָפּשאַצונג פון סאָ־ציאַלע סיטואַציעס. און אויב אויך דאָ גיט געוויינלעך דער „דערוווערבס״־אינסטינקט פאָרט די ריכטונג דעם גאַנצן געפיל־קאָמפּלעקס, טאָ שפּילן דאָך אַ זייער גרויסע ראָלע דערביי אויך אָפּשאַצונגען און צילן, וועלכע שטאַמען פון גאָר אַנדערע אינסטינקטן, ווי, למשל, דאָס שטרעבן פון די עקאָנאָמיש־אָפּ־העngיקע מענטשן צו זעלבשטענדיקייט, דער סאָציאַלער רע־סענטימענט לגבי די פּריווילעגירטע, די מאָראַלישע אַנטריסטונג קעגן דער עקספּלואַטאַציע. עס קומט אַפילו אָפטמאָל פאָר, אַז די סאָציאַליסטישע מאָטיוון צום קאַמף טרעטן אַריין אין אַ קאָנפליקט מיט דעם „דערוווערבס״־אינסטינקט און זענען אים טאַקע מנצח. וויפל מיליאָנען מאָל איז שוין דערדאָזיקער קאָנפליקט געווען דער אינהאַלט פון שאַרפע ויכּוחים צווישן דעם שטרייקנדיקן אַרבעטער און זיין פרוי, וואָס טראָגט די זאָרג פאַר איר הויז־הוצאה! איז דאָך דער צטישער מאָמענט פון „ברענגען אַ קרבן פאַר דעם טובת־הכּלל״ גראָד טיפּיש פאַר דער האַלטונג פון דעם אַרבעטער אין סאָציאַלן קאַמף; אָבער דער קרבן פאַרלאַנגט דאָך תּמיד צוערשט פאַר אַ תּנאי אַ קאָנפליקט מיט די פאָדערונגען פון דעם אינטערעס אין דעם עגאָאיסטישן זין פון דער אוממיטלבאַרער געלט־הכנסה. דער באַגריף פון אינטערעס איז אַלזאָ אינהאַלטסלאָז, ווען ער שטיצט זיך נישט אויף אַ סוביעקטיוון פאַקט פון די באַדער־פעניש. די טאָג־טעגלעכע ווונשן, וואָס זענען געוואָרן אַ פעס־טע געוווינהייט, וואָס זענען דער אינהאַלט פון די באַדערפע־נישן, שטרעבן, אמת, צו אַ באַפרידיקונג דורך עקאָנאָמישע מיטלען, אָבער זיי ווערן אָבער להלוטין נאָך נישט אויסגע־דריקט אין דער פאָרם פון דער עקאָנאָמישער אָרגאַניזאַציע אַליין.

אין ערגעץ אַנטפּלעקט זיך נישט אַזוי בולט די אומ־געניגנקייט פון דער קאַטעגאָריע „עקאָנאָמיק״ אַלס גרונט־מאָטיוו פון סאָציאַלן פּראָצעס, ווי גראָד טאַקע אין דער מער־ווערט־טעאָריע פון מאַרקסן, וועלכע דערקלערט כּלומרשט דעם פּראָלעטאַרישן קלאַסן־אינטערעס דורך די אינטערעסן פון די פאַרקויפער פון דער סחורה אַרבעטס־קראַפט. אין דער אמתן

טוט דידאָזיקע טעאָריע עפּעס גאָר אַנדערש; זי טוט אָן א „בוש פון בלומרשט-װיסנשאַפטלעכע פאָרמען אויף דער סאָציאַלער אומצופרידנקייט, װעלכע שטאַמט פון דעם געפיל פון אַן אומגערעכטער עקספּלואַטאַציע פון דער אַרבעטערשאַפט דורך די אונטערנעמער. װאַרפט מען אָבער אַרויס פון דער מערװערט-טעאָריע איר סאָציאַל-עטישן קערן — דעם פאָרװורף פון עקספּלואַטאַציע, — דאַן האָט זי בכלל מער קיין שום זינען נישט, װעלכער זאָל זי פאַרבינדן מיט דעם אינהאַלט פון דער געזעלשאַפטס-טעאָריע פון מאַרקסן. שוין עדואַרד בערנשטיין האָט דאָס געװאַגט צו זאָגן אין זיין בוך „פאָראויס-זעצונגען פון װיסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם": „די מעראַרבעט... איז אַן עמפּירישער פאַקט, װאָס װערט באַשטעטיקט דורך דער דערפאַרונג און נויטיקט זיך נישט אין קיין שום דעדוק-טיװן באַװייז. צי איז די מערװערט-טעאָריע פון מאַרקסן ריכ-טיק אָדער נישט, איז פאַר דעם באַװייז פון דער מעראַרבעט לחלוטין גלייכגילטיק. אין דערדאָזיקער הינזיכט איז די מערװערט-טעאָריע נישט קיין שטיק באַװייז-פאָרמול, נאָר א מיטל פאַר דעם אַנאַליז און פאַר דער קלאָרמאַכונג". אָבער גלייכצייטיק גיט בערנשטיין צו, אַז דאָס, װאָס אָט די טעאָריע „מאַכט קלאָר" מיט אַן אומגלויבלעכער שפע פון שאַרפזין און א באַרג פאָרמולעס, איז נישט מער װי א „געמיינפּלאַץ" (אַלגעמיין-באַקאַנטע, סקאַרבאָװע באַגריפן) און א באַשיינפער-לעכער פאַקט, װאָס איז שוין קענטיק געװען נאָך ביי דער שװעל פון דער קאַפּיטאַליסטישער צייט: „דער געזעל האָט שוין אין דער צעכן-צייט געקאָנט לייכט זען, װאָס זיין אַרבעט האָט אָפּגעקאָסט דעם באַלעבאָס, און װאָס דער מייסטער האָט פאַר איר גענומען פונם קונה". אַזוי אַרום װערט דער מערװערט בלויז א „פאָרמול, װעלכע שטיצט זיך אויף א היפּאָטעז (אַרבעטס-װערט)".

ס'איז כמעט נישטאָ קיין איינציקער מאַרקסיסט, װעלכער זאָל נישט גלויבן, אַז די מערװערט-טעאָריע באַרעכטיקט די באַשולדיקונג אין עקספּלואַטאַציע שוין א דאַנק דעם, װאָס זי דעקט אויף דעם אינטערעסן-קעגנזאַץ צװישן די קויפער און פאַרקויפער פון דער אַרבעטס-קראַפט. אָבער געניגט דען דער

באַווייז, אַז דער האַנדל ברענגט דעם קויפער נוצן, כדי דערמיט צו באַווייזן די עקספּלואַטאַציע? צי וואָלט דער פאַרקויפער זיך אַריינגעלאָזט אין האַנדל, אויב ער וואָלט נישט געהאַט דערפון קיין נוצן? אויב מען איז באמת באַרעכטיקט צו רעדן וועגן אַן עקספּלואַטאַציע פון דער אַרבעטערשאַפט, טאָ איז דאָס טאַקע דערפאַר, ווייל דאָ באַשטייט אַ גאַנץ אַנדערע באַציאונג, ווי אַזאַ, וואָס עקזיסטירט צווישן דעם קויפער און פאַרקויפער פון סחורה: אומגלייכע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן פון מאַכט. דאָס איז אָבער אַ סאָציאָלאָגישער פאַקט און נישט קיין באַשטאַנדטייל פון דער עקאָנאָמישער אונטערנעמונגס-פאָרם אַלס אַזעלכער.

דאָס שטרעבן פון מאַרקסן אויסצושליסן פון זיין אַנאַליז די סאָציאַל-עטישע אָפּשאַצונגען, וועלכע מען קאָן נישט באַגרינדן דורך דער קאַטעגאָריע עקאָנאָמיק, נעמט ביי אים צו יעטוועדעס מיטל צו דערווייזן חוץ דעם פאַקט פון קאַפּיטאַליסטן פּראָפיט — וואָס איז אגב אַזוי אויך קלאָר — נאָר אויך זיין אומגערעכטיקייט. מיט ריין-עקאָנאָמישע אָפּשאַצונגען קאָן מען צום קאַפּיטאַל-פּראָפיט נישט צוטרעטן. ס'איז פאַראַן נאָר איין עקאָנאָמישער מאַסשטאַב צו באַטראַכטן די פּראָדוציר-פאַרהעלטענישן: דאָס איז די עקאָנאָמישע צוועקמעסיקייט, דער סכום פון די געשאַפענע נוצלעכע עקאָנאָמישע ווערטן. די באַרעכטיקונג פון דעם קאַפּיטאַליסטישן פּראָפיט-סיסטעם הענגט צוזאַמען, אין דער עקאָנאָמישער הינזיכט, מיט איר פּראָדוקטיווקייט. פון אָט דעם שטאַנדפּונקט ווערט טאַקע באַרעכטיקט אויך דער פּראָפיט פון דעם קאַפּיטאַליסטישן צד אַלס לוין פון דעם אונטערנעמער, אַלס אַ באַלוינונג פאַר די לייסטונגען פון דעם פאַבריק-פירער אָדער פון דעם גייסטיקן שעפער בכלל, אַלס פּרעמיע פאַר דער ריזיקע, אַלס סטימול פאַר דער פאַרברייטונג פון דעם פּראָדוציר-געביט און פאַר דער פאַרוואָלקאָמונג פון די פּראָדוציר-מעטאָדן. די איינציקע באַשולדיקונג, וועלכע מען וואָלט געקאָנט אַרויסשטעלן קעגן דעם קאַפּיטאַליזם פון עקאָנאָמישן שטאַנדפּונקט, איז די פאַרשווענדונג; און דאָס איז אגב די איינציקע באַ-

שולדיקונג, וואָס מאַרקס האָט טאַקע נישט אַרויסגעשטעלט. ער אַליין איז צו שטאַרק געשטאַנען אונטער דעם כּשוף פון דער קלאַסישער פּאָליטישער עקאָנאָמיע, כּדי צו צווייפלען אין דער אידענטיטעט (גלייכער באַדייטונג) פון פּאָרטשריט און קאַפּיטאַליזם. פאַר אים איז נאָר געווען וויכטיק צו באַווייזן דעם פאַקט פון ע ק ס פּ ל ו אַ ט אַ צ י ע, כּדי צו מאַכן אַט די דאָזיקע אידעע צום הויפּט-געדאַנק פון זיין קלאַסן-קאַמף-טעאָריע.

דער באַגריף פון עקספּלואַטאַציע איז אָבער אַ סאָציאַל-עטישער און נישט אַן עקאָנאָמישער באַגריף. די מערווערט-טעאָריע, אָדער דאָס, וואָס מען פאַרשטייט אונטער איר, טראָגט אָבער אין די אויגן פון די מאַרקסיסטישע מאַסן דעם כאַראַקטער פון אַ באַשולדיקונג קעגן דעם קאַפּיטאַליזם, און דאָס קומט דערפון, וואָס אין איר יסוד ליגט, הגם זי איז נישט אין איר באַגרינדעט, די איבערצייגונג פון דער אוממאָראַלישקייט פון אַזאַ סיסטעם, „וועלכע שמידט רייכטימער פון מענטשלעכע לעבנס" (בערטראַנד רעסעל). דערביי האָט דער עקאָנאָמישער פאַקט אַליין, צי דער אונטערנעמער נעמט צו פאַר זיך ניין צענטל אָדער אַ הונדערטל-חלק פון דעם געשאַפענעם מערווערט, קיין שום באַדייטונג נישט לגבי דעם סאָציאָלאָגישן פאַקט, דהיינו, ווי ער נוצט אויס דאָסדאָזיקע רייכטום און די מאַכט, וועלכע ער באַקומט דורך דעם באַזיץ פון די פּראָדוציר-מיטלען. שטעלט מען די פראַגע אַזוי, דעמאָלט וועט מען געפינען, אַז דאָס ערגסטע, אין וואָס מען קאָן באַשולדיקן דעם קאַפּיטאַליזם, באַשטייט נישט אין דעם, וואָס פון דעם אַרבעטער ווערט אַוועקגענומען אַ טייל פון זיין אַרבעטס-לייסטונג, נאָר טאַקע אין דעם. וואָס ער איז פאַרמשפּט צו אַ סאָציאַלער אָפּהענגיקייט, צו אַ קלאָגלעכער עקזיסטענץ פון אַן אָ ב י ע ק ט פון דער עקאָנאָמיק, וועלכער איז געפּענטעט דורך מורא און צוואַנג.

ווייטער קאָן מען דער מערווערט-טעאָריע מאַכן דעם פאָרוואורף, אַז זי האָט מיטגעהאָלפן אָפּצוציען די אויפמערקזאַמקייט פון די אַרבעטער פון די טיפערע סאָציאַלע און קולטורעלע מאָטיוון פון זייער אומצופרידנקייט און צו קאָנצענטרירן זיי אויף דעם איינציקן פונקט פון דעם פינאַנציעלן

היזק ביי דער פאַרטיילונג פון דעם מערוועּרט. דאָס פּילס רעדצו, אַז דער הכנסה-מאָטיוו וואַקסט אויס אויפן חשבון פון די העכערע סאָציאַלע מאָטיוון, וועלכע זענען דער יסוד פון דער סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע, ווי, למשל, דאָס שטרעבן צו זעלבסטבאַשטימונג, דער ווונש פון אַרבעטס-פרייד, דאָס געפיל פון מענטשן-חשיבות און די קולטורעלע באַדערפענישן בכלל. אויף אַזאַ אופן ווערט דערצויגן אַ ברוטאַלער און אין תוך אַ קליינבירגערלעכער הכנסה-ראַדיקאַליזם, וועלכער ברענגט גענוג שאָדן די דערפאָלגן פון דער אַרבעטער-באַוועגונג גופא. ווייל די געזינונג, וועלכע שטיצט זיך תמיד נאָר אויף יענע „רעכט", וואָס באַטייטן נאָר אַ פינאַנציעלן נוצן, שטעלט זיך סוף כל סוף אַוועק אויך לגבי די אייגענע אָרגאַניזאַציעס און פּאַראַליזירט זייער קראַפט פאַר די וויכטיקע אויפבויענדיקע אויפגאַבן, וועלכע זיי מוזן לייזן. ס'איז גענוג צו דערמאָנען די רעוואָלוציע אַלס אַ „ווילדגעוואָרענע לוין-באַוועגונג" אין דייטשלאַנד אין יאָר 1918, די גרויסע פּסיכאָלאָגישע שוועריקייטן, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן מצד די אַרבעטער גופא קעגן דעם אויסנוצן פון די פאַבריק-ראַטן פונם שטאַנדפּונקט פון דעמאָקראַטישער באַטייליקונג אין דער פירונג פון די פאַבריקן, די וואַקסנדיקע אינטערעסלאָזיקייט פון די מאַסן לגבי קולטור- און רעכטס-פאָדערונגען אין פאַרגלייך מיט די מאַטעריעלע פאָדערונגען, די פאַרברייטונג פון דער פּאַראַזיטן-געזינונג אין די קרייזן פון די אָרגאַניזירטע אַרבעטער גופא, די יאָגעניש נאָך רענטעס (סאָציאַלע פּענסיעס) א. א. וו. נאַטירלעך, קאָן מען נישט לייקענען, אַז דאָס אַלץ דערקלערט זיך אין דער ערשטער ליניע דורך דער מאַטעריעלער נויט פון דער נאָך-מלחמה-צייט און דורך דער אומסאָציאַלער פירונג פון די אונטערנעמער; אָבער דערדאָזיקער אומשטאַנד שוואַכט לחלוטין נישט אָפּ די אַנדערע פעסטשטעלונג, אַז די אומסאָציאַלע טענדענצן, וועלכע זענען פון דעם אַרויסגעוואַקסן אין די ווייטע קרייזן פון דער אַרבעטערשאַפט, זענען מצד דעם מאַרקסיסטישן כלומרשדיקן ראַדיקאַליזם דווקא געשטיצט געוואָרן אַנשטאָט מ'זאָל זיי האָבן געשטערט.

אויב דער כאראַקטער פון קלאַסן-אינטערעס איז סוביעקטיוו און באַגרינדעט דורך סאָציאַל-עטישע אָפּשאַצונגען, איז אויך אוממעגלעך ארויסצודרינגען דעם באַגריף קלאַס פון דער קאַטעגאָריע עקאָנאָמיק. כדי אַ קלאַסן-פאַרבונדנקייט זאָל ארויסוואַקסן פון דער געמיינזאַמער לאַגע אין פּראָדוציר-פּראָצעס, מוז קודם כל מקוים ווערן אַ ריי פון סאָציאַלע באַדינגונגען, וועלכע לאָזן זיך נישט ארויספירן פון קיין שום אַנאַליז פון דער פאָרם פון דער עקאָנאָמיק. די ערשטע און די וויכטיקסטע פון די דאָזיקע באַדינגונגען איז, אַז די צוגעהעריקייט צו אַ קלאַס זאָל, לכל הפחות אין דער פאָרם ווי זי ווערט סוביעקטיוו באַנומען, זיין אַ דויערנדיקער צושטאַנד. חוץ דעם מוז נאָך דערדאָזיקער צושטאַנד זיין פאַרבונדן מיט דעם געפיל פון אַ באַשטימטן סאָציאַלן רעכטס-מצב.

דער קלאַס איז אַ סאָציאַלער — אין זיין מקור אַפילו אַ פּאָליטישער — אָבער נישט קיין עקאָנאָמישער באַגריף. זיין זיכערסטער סימן איז אַ געמיינזאַמע סאָציאַלע ווילנס-ריכטונג, וועלכע באַזירט זיך אויף אַ געמיינזאַמען עמאָציאָנעלן אָפּשאַצונגס-אופן פון די סאָציאַלע פאַרהעלטענישן. דאָס „קלאַסן-באַוווסטזיין" אין דעם זינען פון אַ ראַציאָנאַלער דערקענטעניש פון עקאָנאָמישע קלאַסן-אינטערעסן איז אַ פּועל יוצא פון דעם דאָזיקן געפילס-מצב און נישט זיין אויסגאַנגס-פּונקט, ווי עס מיינט דער מאַרקסיזם. דאָס, וואָס דער מאַרקסיזם רופט אָן מיט דעם נאָמען פּראָלעטאַריש קלאַסן-באַוווסטזיין, איז אין דער ווירקלעכקייט מער געפיל ווי דערקענטעניש. דערקענטעניש אַליין איז דאָס אויף קיין מאָל נישט. אויב עס ווערט אַזויפיל אין דער נייעסטער צייט גערעדט אין צפון-אַמעריקע מכח דעם דערוואַכנדיקן באַוווסטזיין פון די נעגערס, טאָ הייסט דאָס נישט, אַז די נעגערס זענען געוואָרן פולבאַוווסטזיניק מכח דעם פאַקט, אַז זיי זענען שוואַרץ; דאָס האָבן זיי שוין פון פריער גוט געוווסט. דאָס באַטייט אָבער, אַז זיי פאַרבינדן מיט דער פאָרשטעלונג פון זייער ראַסן-צוגעהעריקייט אַ ניי געפיל, אַ געפיל פון דערליטענעם אומרעכט, אַ פּראָטעסט קעגן זייער געזעלשאַפטלעכער פאַרדרענגונג וואָס דריקט זיך אויס אין נייע פאָדערונגען און נייע

אָפּשאַצונגען מכּח זייער „איך“ און מכּח די אַנדערע מענטשן, בקיצור אין אַ נייער ריכטונג פון זייער ווילן.

דער געפילס־מצב, וועלכער דריקט זיך אויס אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, קאָן פּשוט נישט דערקלערט ווערן דורך דעם סאַמע שאַרפזיניקן חקרענען זיך מכּח די באַגריפן פון ווערט און מערווערט, נאָר ער קאָן פאַרשטאַנען ווערן דורך דער באַטראַכטונג פון לעבעדיקע מענטשן אין זייער היסטאָריש־ווירקלעכער לעבנס־ספערע.

XIV

דער מאַרקסיסטישער דעטערמיניזם

> אַלע אַנדערע זאַכן מ י ז ן; דער מענטש
> איז אַ װעזן, װאָס װ י ל.
>
> שילער

די דערקענטעניש פון די אַנטװיקלונגס-געזעצן פון דער פאַרגאַנגענהייט װאָלט פאַר דעם מאַרקסיזם נישט געהאַט קיין שום װערט, אויב זי װאָלט נישט מעגלעך געמאַכט דאָס פאָר־אויסװיסן פון דער צוקונפט. דאָסדאָזיקע פאָראויסװיסן דאַרף פאַרשאַפן דער מאַרקסיסטישער טעאָריע פון קלאַסן-קאַמף דעם אָרעאָל פון אַ װיסנשאַפטלעכער זיכערקייט, דעם צוטרוי פון די מאַסן צו דער מאַרקסיסטישער פירונג, דאַרף צו־געבן די גרויסע קראַפט פון בטחון. דער מאַרקסיזם גלויבט, אַז ער דעקט אויף קאַװזאַלע צוזאַמענהאַנגען, װאָס לאָזן אַרויספירן פון באַשטימטע אורזאַכן די נ ו י ט װ ע נ ד י ק ע פועל יוצאס. דידאָזיקע נויטװענדיקייט איז דער בריק, װאָס פאַרבינדט די פאַרגאַנגענהייט מיט דער צוקונפט און פאַרװאַנדלט דערמיט דעם מעטאָד פון אויספאָרשן די פאַרגאַנגענהייט אין אַ מעטאָד פון געשטאַלטן די צוקונפט.

אמת, פאַר דעם מאַרקסיזם איז אָט דער מעטאָד נאָר נוגע די צוקונפט פון דער מ ע נ ט ש ל ע כ ע ר געזעלשאַפט, נאָר װייל ער זעט אין דער געזעלשאַפטלעכער אַנטװיקלונג בלויז אַ טייל פון דער נאַטירלעכער קאַװזאַליטעט בכלל. באַטייט דאָס, אַז זיין גלויבן אין דער נויטװענדיקער באַשטימט־הייט פון דער געזעלשאַפטלעכער צוקונפט, װעט ממילא נאָראויס

אויך דעם גלויבן אין דער פֿאָראויסבאַשטימטהייט פֿון אַלץ, וואָס געשעט אין דער וועלט. דאָס מענטשלעכע וועלן איז דאָ קיין שום אויסנאַם נישט. דער מאַרקסיזם האַלט, אַז דער יסוד פֿון דעם געזעלשאַפֿט-סדר מוז זיך ענדערן אין אַ באַשטימטער ריכטונג צוליב דעם צוואַנג, וואָס ליגט אין דעם אור-זאַכלעכן צוזאַמענהאַנג פֿון די פֿון אים דערקענטע קאַטעגאָריעס פֿון עקאָנאָמישן לעבן. די לאָגיק, וואָס ליגט אין דער אַנטוויקלונג פֿון דידאָזיקע קאַטעגאָריעס, באַשטימט פֿאַר אים דעם שיקזאַל פֿון אַלע היסטאָרישע פּראָצעסן. דער ווילן פֿון די מענטשן, וועלכע פֿאַרווירקלעכן דעמדאָזיקן שיקזאַל, דערשיינט לויט אַזאַ לערע, וואָס איז פֿאָראויסבאַשטימט דורך די אַנטוויקלונגס-געזעצן, וואָס זענען אַנטהאַלטן אין דער פֿאָרם פֿונעם עקאָנאָמישן לעבן.

איין פּרינציפּ מוז מען גוט נעמען אין אַכט, ווייל ער איז וויכטיק אויך פֿאַר דער אָפּשאַצונג פֿון דער פּסיכאָלאָגישער פֿונקציע פֿון מאַרקס גלויבן אין דער נויטווענדיקייט: דער מאַרקסיזם שטעלט זיך בשום אופֿן נישט פֿאָר די געזעלשאַפֿטלעכע אַנטוויקלונג צום סאָציאַליזם ווי אַ זעלבסטטעטיקע און אוממיטלבאַרע פֿאַרווירקלעכונג פֿון דער קאַטעגאָריע „ווירטשאַפֿטס-אַנטוויקלונג" אין דער קאַטעגאָריע „געזעלשאַפֿטס-אַנטוויקלונג". אַזוי פֿילאָזאָפֿיש אומקאָנסעקווענט איז מאַרקס באמת נישט געווען, אַז מ'זאָל אים קאָנען שטעלן די פֿראַגע פֿון זאָמבאַרטן: „אויב דער סאָציאַליזם קומט מיט אַ נאַטור-נויטווענדיקייט, טאָ צוליב וואָס שאַפֿט מען סאָציאַליסטישע פּאַרטייען? צי גרינדעט מען פּאַרטייען, כדי אַרויסצורופֿן אַ לבנה-פֿינסטערניש?" אויב מאַרקס האָט געגלויבט אין דער מעגלעכקייט פֿון אַ פּאָליטישער אַנטוויקלונג אָן אַ פּאָליטישן ווילן פֿון אַ מענטשן, דעמאָלט וואָלט דאָך זיין אמונה אין דעם, אַז אַלע היסטאָרישע דערשיינונגען ווערן באַשטימט דורך דער טעכניק, געמוזט ברענגען צום אויספֿיר, אַז דאָס איינציקע מיטל צו פֿאַרגיכערן דעם סאָציאַליזם באַשטייט דערין, אַז אַלע סאָציאַליסטן זאָלן ווערן אינזשענערן. ווייל אויב דער טעכנישער פֿונדאַמענט באַשטימט אַלץ אָן דער פֿאַרמיטלונג פֿון מענטשלעכן ווילן, איז וואָס האָט עס פֿאַר אַ זינען, אַז אַגי-

סאַטאָרן, פּאָליטיקער און דערציער זאָלן זיך מאַטערן מיט דעם אידעאָ-לאָגישן בנין, װעלכער מוז זיך דאָך במילא פאַרענדערן און קאָן זיך דאָך פאַרענדערן אויף אַזױפיל, אויף װיפל עס װעלן זיך פאַרענדערן די פּראָדוציר-מעטאָדן?

די תלמידים פון מאַרקסן האָבן דערפאַר שטענדיק פאַרטײדיקט זײער לערער פון דעם פאָרװורף, אַז ער האָט כלומרשט געפּרײדיקט אַ דעמדאָזיקן מין פאַטאַליזם. אמת, זײ האָבן נאָר געפועלט, אַז זײ האָבן דערמיט אַרויסגערופן קעגן אים אַ פאָרװורף פון אַן אַנדער מין פאַטאַליזם, דעם פאַטאַליזם פון די נויטװענדיקע קאַטעגאָריאַלע ציל.

די מאַרקסיסטישע פאָרמולירונג פון צילן איז נישט מער װי אַ פאָרם, װעלכע עס האָט אָנגענומען זײַן געזעץ מכח נױטװענדיקײט, כּדי צו קאָנען באַשטימען די צוקונפט. די אויפשטעלונג פון צילן גופא איז אויך נויטװענדיק, װײל זי פליסט אַרויס פון שוין געגעבענע אורזאַכן; זי איז גלײכצײטיק דערקענטעניש און פאַרװירקלעכונג פון דעם געזעץ מכח נויטװענדיקײט. דערמיט דערקלערט זיך דאָס, װאָס דער מאַרקסיזם האָט אַ טבע צו זען אין דעם פון אים אָנגעפירטן פּראָלעטאַרישן קלאַסן-קאַמף די בײדע אײגנשאַפטן, מיט װעלכע דער גלויביקער באַשענקט זײַן גאָט: דאָס פאָראױס-װיסן מכח דער צוקונפט און די מאַכט זי צו פאַרװירקלעכן. װיסן איז מאַכט: דאָס פאָראױס-װיסן פון מאַרקסיסטישן סאָציאַליזם און די פאַרװירקלעכונג פון דעמדאָזיקן װיסן דורך דער סאָציאַלער רעװאָלוציע זענען נאָר צװײ אַנטפּלעקונגען פון אײן און דעמזעלבן געזעץ מכח נויטװענדיקײט. דערדאָזיקער כּמעט רעליגיעזער שטריך פון מאַרקסיזם װײזט זיך אַרויס אויך אין דעם, װאָס דער נביא, װעמען עס איז אַנטפּלעקט געװאָרן דער איבערמענטשלעכער װילן — דאָס געזעץ — אַ דאַנק װעלכן ער זעט די צוקונפט, מוז אויך פירן דאָס פאָלק צו דערדאָזיקער צוקונפט.

אַ סך שטאַרקער, װי דאָס װאָלטן געקאָנט טאָן װעלכע נישט איז לאָגישע באַטראַכטונגען, צעשטערט די היסטאָרישע דערפאַרונג גופא די פּרעטענזיע פון די מאַרקסיסטישע צילן אויף צו זײַן „נויטװענדיק", אַ מוז-זאַך. דידאָזיקע צילן, כּדי

זיי זאָלן זיין נויטווענדיק, וואָלטן זיי געמוזט זיין עפּעס בליי-בענדיקס, שטענדיקס. אָבער די גאַנצע געשיכטע פון דער אַרבעטער-באַוועגונג זינט מאַרקסן איז נישט מער ווי די גע-שיכטע פון דער שטענדיקער פאַרענדערונג פון אירע צילן אונטער דעם איינפלוס פון היסטאָרישע געשעענישן, וועלכע מאַרקס אַליין האָט נישט פאָראויסגעזען און וועלכע קיין מענטש וואָלט נישט געקאָנט פאָראויסזען.

דער גלויבן אין דעם, אַז היסטאָרישע צילן קאָן מען אַרויסבאַקומען ערשט פון די נויטווענדיקייטס-געזעצן פון דער געשיכטע, און אַז דורך זייער פאַרברייטונג צווישן די מאַסן קאָנען זיי געמאַכט ווערן אַ טרייבנדיקע קראַפט פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, איז אָבער היינט-צו-טאָג אַפילו צווישן די מאַרקסיסטישע סאָציאַליסטן גופא אונטער אַ שטאַרקן ספק. אָט דער גלויבן האָט נאָך באַהערשט די טאַקטיק פון דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער איז געווען אייגנטלעך נאָר אַ פּראָפּאַגאַנדע-געזעלשאַפט; אָבער שוין דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל איז אַרויסגעגאַנגען פון דעם, אַז די אַרבעטער-באַוועגונג, וועלכע איז בינו לבינו געוואָרן אַ מאַסן-באַוועגונג, שטאַמט נישט אַזוי פון דער דערקענטעניש פון די פאַרגליווערטע צילן, ווי פון דעם אינסטינקטיוון קאַמף פאַר די פאַרענדערלעכע צילן. די וויסנשאַפטלעכע פאָרמולירונג פון צילן, ווי זי איז אויסגעדריקט געוואָרן אין די פּראָגראַמען, איז בכן באַטראַכט געוואָרן נישט אַזוי ווי אַ שעפערישע נאָר ווי אַ ריכטונג-געבנדיקע פונקציע. בלויז אין דער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד איז דער אַלטער גלויבן אין דעם, אַז מאַסן-האַנדלונגען ווערן באַשטימט דורך אַ פּראָגראַמאַטישן ציל, אויפגעשטאַנען אויף אַ ווײַלע תחית המתים. אין רוסלאַנד זענען טאַקע געווען אַזעלכע פאַרהעל-טענישן, וועלכע האָבן דערמאָנט דעם צושטאַנד פון אייראָפּע אין דער צייט פון דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל, ווײַל אַ מינדערהייט פון מאַרקסיסטישע אינטעליגענטן, וועלכע האָבן זיך זייער גאַנצן טריערדיקן לעבן פאַרנומען נאָר מיט טעאָריע, איז אַנטקעגנגעשטאַנען אַן אומגעהייער-גרויסער מאַסע, וועלכע האָט נאָך נישט געהאַט קיין שום געלעגנהייט צו באַקומען

אין אַ זעלבשטענדיקער טאָציאַלער טעטיקייט אָן אייגענע דערקענטעניש פון דער דערפאַרונג. אויף דעמדאָזיקן אומבארירטן באָדן זענען מעגלעך געווען עקספּערימענטן, וועלכע האָבן געמאַכט דעם איינדרוק, אַז אַלץ, וואָס קאָן געשען, ווערט באַשטימט פון אויבן, און אַז דאָס אינסטינקטיווע האַנדלען פון די מאַסן איז נאָר אַ פאַרווירקלעכונג פון די געדאַנקען פון די דערפאַרענע פירער-קעפּ. די אינטעליגענץ האָט געמיינט, אַז די פּאָליטיק ווערט באַהערשט דורך די ראַציאָנאַל-פּאָרטוּלירטע צילן. אין דער אמתן האָט דאָס נאָר באַטייט, אַז די מאַסן ווערן באַהערשט דורך דער אינטעליגענץ. ווי שטאַרק די אַנטוויקלונג האָט שפּעטער צעשטערט דידאָזיקע אילוזיע, איז קלאָר שוין פון דעם אַליין, וואָס דער טיפסטער און וואַרשיינלעך דער דויערנדיקסטער סאָציאַלער איבערקער, וואָס די רעוואָלוציע האָט אַרויסגערופן, איז די צעשטיקלונג פון דעם ערד-באַזיץ מחמת דעם ערד-הונגער פון די פּויערים. דידאָזיקע ענדערונג, וואָס איז פאַרווירקלעכט געוואָרן מיט דער געהיים-נישפּולער קראַפט פון סטיכישע אינסטינקטן, האָט זיך דורכגעזעצט אויף אַזאַ אופן, אַז דאָס טעאָרעטיזירן פון די פירער אין די שטעט האָט געמוזט זיין נישט מער ווי אַ צאַפּלען זיך אין אַ פּוסטן רוים. אָט דידאָזיקע ענדערונג איז נישט אַרויסגעגאַנגען פון דער דערקענטעניש פון די טעאָרעטיקער, נאָר פאַרקערט, זי גופא האָט פאַר זיי געשאַפן אַ נייעם אויסגאַנגס-פּונקט.

צי זאָלן מיר אָבער פון דעם אַלעם מאַכן אַן אויספיר, אַז ס'איז אוממעגלעך פאָראויסצוזען, אַ דאַנק אונזער היינטיקער היסטאָרישער דערקענטעניש, די אָדער יענע צוקונפטיקע געשעענישן אָדער אַנטוויקלונגען? אויף קיין פאַל נישט. אויף ווי פיל מיר אַלע ווילן באַוווסטזיניק מאַכן געשיכטע — און מיר מאַכן אַלע געשיכטע, נאָר דאָס רוב ווייס דאָס נישט — איז פאַר אונז אַ באַשטימטער בליק אויף דער צוקונפט אַ נויטווענדיקע באַדערפעניש. יעטװעדע סאָציאַלע און פּאָליטישע האַנדלונג זעצט פאָראויס אַ ציל; און שוין די פאָרשטעלונג מכּח דער דערפילונג פון דעמדאָזיקן ציל באַטייט אַ געוויסע פאָרשטעלונג מכּח דער צוקונפט. דערצו טויגן אָבער נישט

דער באַגריף פון דער געשיכטע אַלס אַ פועל יוצא פון די געזעצן מכּח נויטווענדיקייט, די סיסטעמאַטיקער, וועלכע דענקען אין קאַטעגאָריעס זענען פון שטענדיק אָן געווען די ערגסטע נביאים. שוין ניכער זענען געווען בריות אויף נביאות די אינטואיטיווע דענקער, וועלכע מען געפינט אָפט מער צווישן די דיכטער און קינסטלער ווי צווישן די היסטאָריקער און פּאָליטיק-עקאָנאָמען. פונדעסטוועגן וואָלט מען דער מענטשהייט נישט געטאָן קיין טובה מיט רק נביאים, וועלכע קאָנען זאָגן נביאות אויף יאָרהונדערטן פאָראויס. וויכטיק איז נאָר יענץ פאָראויס-וויסן אָדער פאָראויס-פילן, וועלכעס באַציט זיך נאָר אויף די באַדינגונגען און ווירקונגען פון די אינדיווידועלע האַנדלונגען, און צוליב דעם אַליין נויטיקן מיר זיך דער עיקר אין אַ דערקענטעניש בכלל. די פאָרמולירונג פון אונזערע אייגענע סאָציאַלע לעבנס-צילן, די טעגלעכע לעזונג פון יענע זאַכלעכע אויפגאַבן, וועלכע ווערן געשטעלט דורך די דאָזיקע צילן. אָט אויף צו באַשטימען אונזערע לעבנס-צילן דאַרפן מיר איבערהויפּט נישט האָבן קיין שום אַנדערע געזעצן אחוץ דעם מאָראַל-געזעץ. דאָ האַנדלט זיך נישט וועגן דער דערקענטעניש מכּח דעם, וואָס מיר מוזן טאָן, נאָר וועגן דעם געפיל פון דעם, וואָס מיר דאַרפן טאָן. דאָס קאָן אונז די געשיכטע נישט לערנען. די געשיכטע און די צוקונפטס-פּערספּעקטיוון, וועלכע זי עפנט, נוצן אונז נאָר אויף אַזויפיל, אויף וויפל זיי קאָנען אונז אויפקלערן מכּח די באַדינגונגען, וועלכע שטעלן באַשטימטע גרענעצן דעם צוועקמעסיקן האַנדלען. ס'זענען נישטאָ קיין געזעצן מכּח נויטווענדיקייט, וועלכע זאָלן באַשטימען אונזערע האַנדלונגען (אינם זינען פון פאַראורזאַכן זיי); עס זענען דאָ נאָר וואַרשיינלעכקייטס-דערקענטענישן, וועלכע באַתּנאָיען אונזערע האַנדלונגען (אינם זינען פון באַגרענעצן זיי). כּדי אַרויסצורופן אַ ווירקונג איז שוין גענוג די אורזאַך, און די באַדינגונג איז בלויז אַ נויטיקע זאַך. דער קלאַוויר איז די באַדינגונג צום קלאַווירשפּילן, אָבער נישט זיין אורזאַך.

דערפון אָבער, אַז די עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן באַתּנאָיען אַ באַוועגונג, איז נאָך נישט געדרונגען, אַז

זיי ב אַ ש ט י מ ע ן זי. דער אַרבעטער, וועלכער האָט אין זיין רשות באַשטימטע רוי-מאַטעריאַלן און אינסטרומענטן, קאָן דערמיט שאַפן נאָר אַזעלכע זאַכן, וואָס זייער כאַראַקטער איז באַתנאיט דורך די רוי-מאַטעריאַלן און די אינסטרומענטן. מיט האָלץ און סטאָליאַר-אינסטרומענטן קאָן ער נישט מאַכן אַ פּאָר שטיוול און נישט קיין אויטאָמאָביל. אָבער צי ער וויל בויען אַ שאַפע אָדער אַ בענקל, צי ער מאַכט זיין אַרבעט גוט אָדער שלעכט, דאָס ב אַ ש ט י מ ע ן נישט די זאַכן, מיט וועלכע זיינע הענט זענען פאַרטאָן, נאָר דער ווילן, וועלכער פירט אָן מיט זיינע הענט. דאָ איז אַזוי ווי אין געטעס ביישפּיל מיט דעם קאָרטן-שפּיל: קיינער קאָן זיך נישט אויסקלייבן די קאָרטן לויט זיין אייגענעם ווילן, אָבער אויך מיט די געגעבענע קאָרטן לאָזט זיך נאָך אויספירן אַ סך פאַרשיידענע שפּילן.

אמת, אויך פאַר אונזער ווילן קאָן מען געפינען אורזאַכן, וועלכע ליגן נישט אין אונז. ס'איז ממש אַ טרואיזם, אַן ענין וואָס איז קלאָר פון זיך אַליין, ווען מען רעדט פונם איינפלוס פון דער פאַרירשענונג, פון דער דערציִאונג און לעבנס-סביבה אויף דעם שיקזאַל פון סאָציאַלן לעבן. אָבער כדי אויסצוטייטשן דידאָזיקע ווירקונגען ווי נויטווענדיקייטן, וואָלטן מיר געדאַרפט באַזיצן אַזאַ דערקענטעניש, וועלכע וואָלט געקאָנט דערקלערן נישט נאָר אַלע מענטשלעכע האַנדלונגען, נאָר אויך אַלע ווילנס-פאָרשטעלונגען פון מענטשן אָן אויסנאַם אַלס אַ ווירקונג פון די דערקענבאַרע אורזאַכן. אָבער ווער פון אונז וואָלט געקאָנט זאָגן — אפילו אין דעם גלייכגילטיקסטן מאָמענט פון זיין לעבן, אַז ס'זענען אים קלאָר די אורזאַכן פון אַלע זיינע ווילנס-פאָרשטעלונגען? מיר וועלן קאָנען בכן ציען אין דער צוקונפט אַריין נאָר יענע קאַוזאַל-רייען, וואָס זייער ק אָ נ ק ר ע ט ן אָנפאַנג קאָנען מיר שוין איצט.

וויפל פראָצענט פון וואַרשיינלעכקייט פאַלט דערביי אויף דאָס באַשטימטע פּאָראויסזען, איז יעדעסמאָל אָפּהענגיק פון דעם גראַד פון אונזער קענטעניש פון די פאַקטן. מאַרקס גופא גיט אונז אַ ביישפּיל דערצו. ווי אַלע אויסטייטשער פון דער געשיכטע, האָט ער אַ סך זאַכן ריכטיק פאָראויסגעזען,

אַ סך נישט. דאָרטן, וווּ ער האָט אויפן יסוד פון זיין גרויסן וויסן אַנטדעקט רעאַלע אַנטוויקלונגען, וועלכע האָבן זיך שוין אין זיין צייט געהאַט אַנטפּלעקט, דאָרט האָט ער דורך אַ פּשוטער פאַרלענגערונג פון דער אַלגעמיינער ריכטונג-ליניע עפּעס געזען בנבואה, וואָס האָט זיך שפּעטער טאַקע באַשטע־טיקט אַלס אַן „אַלגעמיינע אַנטוויקלונגס-טענדענץ": די קאַ־פּיטאַליסטישע קאָנצענטראַציע פון די אונטערנעמונגען, די פאַרמערונג פון פּראָלעטאַריאַט אין צמות, קלאַסן-באַוווּסטזיין און פּאָליטישע מאַכט א. א. וו. וווּ אָבער ער האָט זיך פאַר־לאָזן אויף קאַטעגאָריעס, ריין-עקאָנאָמישע גרופּעס-כּללים, דאָרטן האָט ער בדרך כּלל געמאַכט טעותן. אַזוי, למשל, האָט ער אויפן גרונט פון זיין גלויבן אין אַ קאַטעגאָריאַלן אַנטוויקלונגס־געזעץ פון דער עקאָנאָמישער פאָרם אויך געגלויבט, אַז די אינדוסטריעלע פּראָצעסן וועלן זיך איבערחזרן אין דער לאַנדווירטשאַפט. און דאָס איז אָבער נישט פאָרגעקומען. אַן אַנדערע עקאָנאָמישע קאַטעגאָריע האָט אים געפירט דערצו, אַז ער האָט נביאות געזאָגט וועגן אַ וואַקסנדיקער פאַראָרע־מונג פון פּראָלעטאַריאַט, בעת די דערפאַרונג, פון יענער צייט אָן, האָט באַוויזן כּמעט אַ שטענדיקן צוואַקס פון עקאָנאָמישער מאַכט און סאָציאַלער באַדייטונג ביים אַרבעטער-קלאַס. אַזעלכע אַנטוויקלונגען, וואָס זייערע התחלות זענען נאָך אינגאַנצן צו זיין צייט נישט געווען קענטיק, אָדער זענען אים צוליב וועלכע נישט איז סיבות נישט געווען דערקענבאַר, האָט ער בכלל נישט געקאָנט פאָראויסזען. אָט, אַז דער פּאָליטישער קלאַסן-קאַמף וועט פירן צו אַ שטייגערנדיקער צופּאַסונג צו די נאַציאָנאַלע פאַרשיידנקייטן און צו אַ וואַקסנדיקער פאַר־בינדונג מיט די מלוכה-אָרגאַנען, האָט ער נישט געוווּסט. פּונקט אַזוי ווייניק האָט ער געקאָנט פאָראויסזען די ראָלע, וועלכע די געווערקשאַפטן וועלן היינט-צו-טאָג שפּילן אין דער אַרבעטער-באַוועגונג און פאָראויסזען די שנויים אין כאַראַקטער פון דערדאָזיקער באַוועגונג, וועלכע איז דורך זיי אַנטשטאַ־נען. אין דאָך האַנדלט זיך דאָ אַלץ וועגן ביישפּילן פון אַזאַ אַנטוויקלונג, פאַר וועלכער עס זענען דאָ אַזעלכע אַלגעמיינע און טיפבאַגרינדעטע סיבות, אַז אַ קאַרל מאַרקס פון אונזער

הײנטיקער צײַט װאָלט געמוזט אָנערקענען זײער געזעצמעסיקן און נויטװענדיקן כאַראַקטער. און דאָך: דאָס, װאָס ער האָט נישט געװוסט, איז פֿאַר אים נישט געװען נויטװענדיק, נישט געװען קײן מוז־זאַך. ער האָט געדאַרפֿט האָבן די געזעצן פֿון נויטװענדיקײט, נאָר כּדי צוצוגעבן די קראַפֿט פֿון בטחון צו געװיסע אַנטװיקלונגען, װעלכע ער האָט נישט נאָר דערקענט, נאָר האָט אַלײן אויך חוץ דעם געװאָלט באַגינסטיקן.

דאָס איז דער סוד פֿון יעדן גלויבן אין די „מוז־געזעצן", אין די געזעצן מכּח נויטװענדיקײט: זײער פּסיכאָלאָגישע פֿונקציע באַשטײט אין דעם, װאָס זײ שטאַרקן דעם װילן דורך סוגעסטיע פֿון בטחון. די נויטװענדיקײטס־אידעע איז אַ סימן פֿון אַזאַ מין דענקען אין יענע גײסטיקע באַװעגונגען, װאָס זענען צו יונג אָדער נאָך צו שװאַך צו קאָנען פֿאַרטראָגן דעם געדאַנק, אַז ס'איז דאָ אַ תּהום צװישן זײער גרויסער אויפֿגאַבע און זײער קלײנער מאַכט. זי איז אַ סימן פֿון דער פּרימיטיװקײט, אַ סימפּטאָם פֿון דעם פֿעלן פֿון אינערלעכן גלײַכגעװיכט, אַ גײַסטיקע הילפֿס־קאָנסטרוקציע פֿון אַן אַגרעסיװן אינסטינקט, װעלכער װערט אַרויסגערופֿן דורך דעם מינדערװערטיקײטס־געפֿיל.

דאָס אָנערקענען פֿון דעטערמינירונג באַטײַט, אַז מען רופֿט צו הילף אַן איבערנאַטירלעכע קראַפֿט, װעלכע זאָל בײַ די שונאים אַרויסרופֿן אַ מורא און בײַ די אײגענע מחנות — אמונה. מאַרקסעס נאַטור־געזעץ פֿון דער געזעלשאַפֿטלעכער אַנטװיקלונג איז נאָר אַ סימבאָל, װאָס איז צוגעפּאַסט צו אַן אַטעאיסטישער צײַט, אַן אַנדער סימבאָל פֿון יענעם געזעץ, װעלכעס הערשט איבערן מענטשן און װעלכן די פֿריערדיקע דורות האָבן אָנגערופֿן מיטן נאָמען גאָט. דאָס איז אַ שטרענגער, געהאַלטיקער, גרויזאַמער גאָט, װעלכער װײַזט אַרויס אַן אומבאַהײַערלעכע אינערלעכע קרובֿהשאַפֿט מיט דעם גאָט פֿון תּנ״ך און מיט דעם גאָט פֿון די קאַלװיניסטן, װעלכע זענען געװען די פּיאָנירן פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער קולטור. ער פֿאַרלאַנגט פֿון די מענטשן זײ זאָלן אַלץ מקריבֿ זײַן צוליב אַ מוז־ציל, אַפֿילו דאָס געפֿיל פֿון זײער אײגענער װילנס־פֿרײַהײט. דערפֿאַר זאָגט ער צו זײַנע אונטערטאַנען, בעת זײ

פירן אויס אין רעוואָלוציאָנערע טריבונאַלן לגבי אַנדערע זיין רצון, אַ באַפרייאונג פון די געוויסנס-קוואַלן פון דערדאָזיקער חילן-פרייהייט. מען אונטערשעצט די מאַסן-פסיכאָלאָגישע באַדייטונג פון דער מאַרקסיסטישער אמונה. אויב מען פאַרזוכט צו דערקלערן זיינע אַלט-ביבלישע שטריכן, למשל, דורך דער יידישער אָפּשטאַמונג פון מאַרקסן. גאָר אומזיסט זוכט מען אין אַ העכסט-צווייפלהאַפטער פאַרירשענונגס-היפּאָטעז אַ דערקלערונג פאַר דעם, וועמעס רעאַלע סיבות זענען גענוג קלאָר. דער יידישער גאָט פון נקמה פונם מאַרקסיסטישן געזעץ פון נויטווענדיקייט איז אויך פאַר די נישט-יידישע מאַרקסיסטן דער סימבאָל פון דעם אַנטיקאַפּיטאַליסטישן רעסענטימענט, וועלכער איז פאַרשטאַרקט געוואָרן צו אַן איבערמענטשלעכער גרויס. אויך ביי מאַרקסן דאַרף מען פאַר דעמדאָזיקן רעסענטימענט נישט זוכן אַזעלכע סיבות, וועלכע זענען נישט געלעגן אין זיין צייט. דאָס געזעץ, וואָס מאַכט דעם אָנשטעל, אַז עס שאַפט אָפּ דעם מענטשלעכן ווילן דורך אַ פולקאָמענע הכנעה, איז אַליין נישט מער ווי נאָר אַן איבער-נאַטירלעכע, מעטאַפיזיש-אויפגעבלאָזענע געשטאַלט פון דעם אייגענעם ווילן. דאָס געזעץ פון נויטווענדיקייט איז מסוגל צו פירן צו אַ פאַלשן שלוס, אַז די האַנדלונגען, וואָס אַנטשפּרעכן אַ באַשטימטער חילנס-ליניע, האָבן שוין דורך דעם אַ גרעסערע באַדייטונג אין דער וועלט-געשיכטע, אָבער אָט דאָס געזעץ איז נישט קיין באַוויז, אַז די פּראָצעסן פון דער געשיכטע זענען נישט אָפּהענגיק פון מענטשלעכן ווילן.

די זיכערקייט און דער פעסטער בטחון, וועלכע דער נויטווענדיקייטס-גלויבן גיט אַ יונגער באַוועגונג אין דער סטאַדיע פון איר מיסיע-טעטיקייט, ווערט לייִדער באַצאָלט מיט אַזעלכע פּסיכאָלאָגישע ווירקונגען, וועלכע שטעלן זיך אַרויס ביים שפּעטערדיקן לעבן פון דער באַוועגונג אַלס געפערלעכע. דער גלויבן אין דעם מוז רופט אַרויס אַ געפיל, וועלכעס שוואַכט אָפּ דעם גלויבן אין דעם זאָל. אָט דאָס געפיל האָט דעם מאַרקסיזם אַמאָראַליזירט און אין די באַוועגונגען, וועלכע ער האָט באַהערשט, האָט עס פאַרהינדערט די אַנטוויקלונג פון די עטישע מאָטיוון.

דידאָזיקע פעסטשטעלונג ווערט בשום אופן נישט אָפּגע־שוואַכט דורך די אַרגומענטן, וועלכע ווערן געבראַכט פון מאַרקס תּלמידים, כּדי צו פאַרטיידיקן זייער לערע קעגן דעם פאָרוואורף פון פאַטאַליזם, וואָס קאָן אָפּטויטן דעם ווילן. די פּלפּוליסטישע חילוקים צווישן דעטערמינירונג אין דער ערשטער אָדער אין דער לעצטער אינסטאַנץ, מיט וועלכע זיי אָפּערירן דערביי, האַלטן זיי זיך באמת געקאָנט פאַרשפּאָרן: ס'איז קלאָר פאַר יעטוועדן רעאַל־דענקענדיקן מענטשן, אַז מאַרקס האָט קיינמאָל נישט געוואָלט פריידיקן יענעם מין פאַטאַליזם, וועלכער ווערט פּאַסיוו אין דער דערוואַרטונג פון דער קומענדיקער עקאָנאָמי־שער קאַטאַסטראָפע. זיין טעאָריע וועגן דער אומפאַרמיידלעכקייט פון דער קאַטאַסטראָפע האָט געזאָלט טאַקע, פאַרקערט, טרייבן די סאָציאַ.יסטישע באַוועגונג גראָד דערצו, אַז זי זאָל שאַפן וואָס מער ענערגישע רעוואָלוציאָנערע „געבורטס־הילף". די אויסערגעוויינלעכע ענערגיע פון די פּאָליטישע טאַטן פון די רוסישע קאָמוניסטן באַווייזט, אַז דורך דעם גלויבן אין די מאַרקסיסטישע געזעצן פון נויטווענדיקייט מוז בשום אופן נישט אָפּגעשוואַכט ווערן די אַקטיווע ענערגיע.

אָבער די פראַגע איז נישט אַזוי וועגן דעם, צי דער גלויבן אין דער נויטווענדיקייט באַגינסטיקט, אונטער אַנדערע אומשטענדן, אַ פּאַראַליז פון דער איניציאַטיוו; די פראַגע איז: ווי ווירקט דערדאָזיקער גלויבן אויף דער נ אַ ט ו ר פון די ווילנס־מאָטיוון. ס'איז טאַקע אומבאַרעכטיקט דער פאָר־וואורף, אַז דער מאַרקסיזם לייקנט אָפּ דאָס מענטשלעכע ווילן, אָבער ס'איז באַרעכטיקט דער פאָרוואורף, אַז ער איז נוטה צו פירן דערצו, אַז עס זאָלן ווערן אויסגעשלאָסן אין דעם־דאָזיקן ווילן די מאָטיוון פון עטישער נאַטור צוליב די אַנדערע, באַזונדערס צוליב די מאָטיוון פון די עקאָנאָמישע אינטערעסן. צי און אויף וויפל האָט מאַרקס אַליין געשטרעבט צו דער־דאָזיקער ווירקונג, דאַרף אונז דאָ נישט אינטערעסירן; דאָס וויכטיקע איז די ווירקונג גופא. אַ גלויבן איז גוט אָדער שלעכט לויט דעם, צי ער מאַכט די מענטשן בעסער אָדער שלעכטער. אַ טעאָריע, וואָס דערקלערט דאָס גאַנצע געזעל־שאַפטלעכע לעבן אַלס אַ ווירקונג פון עקאָנאָמישע נויטווענדי־

קייטס-געזעצן, רופט ארויס ביי אירע אָנהענגער אַ לייכטערע אָפּשאַצונג פון אַלע מאָטיוון, וועלכע זענען אין דידאַזיקע געזעצן נישט באַגרינדעט. דער מאָראַלישער מענטש האַנדלט נישט אַ דאַנק דער דערקענטעניש פון דער נויטווענדיקייט, נאָר אַ דאַנק דעם גשפּיל פון פרייהייט.

יעטוועדער פרווו אַרויסצופירן עטישע אָפּשאַצונגען און ציל-פאָרמולירונגען פון דער סאָציאַלער נויטווענדיקייט ברענגט דערצו, אַז עס ווערט קאָנסטרואירט אַ מענטש, וועלכער לעזט אַלע געוויסנס-פראַגן נאָר דורך דעם, וואָס ער פרעגט: וווהין גייט די געזעלשאַפטלעכע אַנטוויקלונג? דאָס גאַנצע האַנדלען ווערט אָפּהענגיק געמאַכט פון דער דערקענטעניש פון אַ היסטאָרישער אַנטוויקלונגס-ריכטונג, וועלכע דערשיינט אַלס נויטווענדיק און אַלס אַ פאָרטשריט פשוט דערפאַר, וואָס זי איז דאָ. „טאָן דאָס נויטווענדיקע, אָדער גאָרנישט!" — אָט אונטער דערדאַזיקער פאָרמול פון מאָדערנעם פילאָזאָף שפּענגלער האָט זיך די מאַרקסיסטישע עטיק געקאָנט אונטערשרייבן. ווי איז אָבער, אַז מ'האָט אַ טעות אין דער דערקענטעניש פון דער אַנטוויקלונגס-ריכטונג? ווי לייכט קאָן זיך אַריינכאַפּן אַ טעות אין אַזאַ קאָמפּליצירטן חשבון; ס'איז גענוג, אַז מ'זאָל פאַר אַ וועלכן נישט איז פאַקטאָר אַוועקשטעלן אַ פּלוס-צייכן אָנשטאָט אַ מינוס-צייכן, כדי דער פועל יוצא זאָל זיך פאַרוואַנדלען אין זיין היפּך. צי באַטייט נישט די אומוואַנדלונג פון אַלע מאָראַלישע מאָטיוון פונם מענטשן אין זייער היפּך באמת טאַקע אַ פאַרוואַנדלונג פון אַ לאָגישן פּלוס אין אַ לאָגישן מינוס? מוז איך דען צוליב אַ טעות פון אַ געשיכטס-פילאָזאָפישער טעאָריע מיטאַמאָל אָלץ האַסן, וואָס איך האָב געליבט, און אָלץ ליבן, וואָס איך האָב געהאַסט? אָדער באַתנאַים נישט דווקא מיין ליבן און מיין האַסן מיין געשיכטס-פילאָזאָפישע טעאָריע אויף אַזאַ אופן, וועלכער הענגט נישט אָפּ פון דעם צופאַל פון אַ טעות אין חשבון? ווו איז די העכערע מאַכט, וואָס אין איר נאָמען זאָל אונזער דערקענטעניש פון היסטאָרישע נויטווענדיקייטן ווערן אָנגעפילט מיט דער אומגעהייערער אחריות צו באַשליסן וועגן גוט און שלעכט? ווי איז אָבער, אַז איך קום, ביי דער קאָנטראָלירונג אָדער פאַרמערונג פון

מײנע היסטאָרישע דערקענטעניש, צו דעם אויספיר, אז אַן אנטוויקלונג, וואָס גײט הײנט אָן, באַטײט פאַר מיר נישט קײן פאָרטשריט, נאָר דוקא אַ צוריקטריט ?

פאַר דעם סאָציאַל-דעטערמיניסט איז דאָס גאַנצע סאָציאַלע געשעען נויטוועדיק, און די נויטוועדיקײט דיקטירט אים זײן פליכט אַלס דינער פון דעם פאָרטשריט ; אָבער צי קאָן מען דען נישט אין דעמדאָזיקן זינען אָנערקענען די נויטוועדיקײטן און דערבײ גאָרנישט אײנצושטעלן זיך פאַר זײ צוליב דעם ? איך, פון מײן זײט, זע אומעטום, אויך אין דער אַרבעטער-באַוועגונג, סאָציאַל-באַתנאיטע, אַלזאָ „נויטוועדיקע" אַנטוויקלונגען, וואָס באַטײטן פאַר מיר אָבער דעם היפך פון אַ קולטור-פּראָגרעס ; פאַרוואָס זאָל איך זיך מיט זײ באַגײסטערן ? אין דעם זינען, ווי עס איז נויטוועדיק די אַרבעטער-באַוועגונג, איז דאָך אויך נויטוועדיק דער ווידערשטאַנד פון אירע קעגנער. האָט נאָר די דערקענטעניש וועגן דעם, וועלכע פון די בײדע נויטוועדיקײטן וועט סוף כּל סוף זיגן, אַלײן צו באַשליסן, אויף וועלכן צד איך זאָל זיך שטעלן ? קאָן איך דען נישט זײן אַ סאָציאַליסט און אַלץ טאָן פאַר דעם סאָציאַליזם, וואָס איז נאָר אין מײן מאַכט, נישט האָבנדיק דעם בטחון, אַז דער סאָציאַליזם מוז נויטוועדיק זיגן ? פאַרוואָס מוז איך אָנערקענען די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג אַלס אַ נויטוועדיקײט פון אַ העכערן גראַד, וועלכער עס מוזן זײן אונטערגעאָרדנט אַלע אַנדערע צילן ? איז דען דאָס אַזוי זיכער, אַז די הײנטיקע אַנטוויקלונג פון דער עקאָנאָמישער פאָרם איז גלײך-באַדײטנדיק מיט פאָרטשריט ? פאַרוואָס זאָל מײן סאָציאַליסטישע געזינונג זײן אָפּהענגיק, למשל, פון דעם פאַקט פון אַ וואַקסנדיקער באַטריבס-קאָנצענטראַציע, בשעת אומעטום קומען פאָר פאַלן, ווו דידאָזיקע קאָנצענטראַציע באַטײט פשוט אַ גרעסערע מאַכט-פּאָזיציע, אָבער בשום אופן נישט אַ העכערע פּראָדוקטיוויטעט ? פאַרוואָס זאָל איך אַלס סאָציאַליסט גלויבן אין דעם, אַז מײנע צילן זענען מאָראַליש העכער ווי די צילן פון די קעגנער נאָר דערפאַר, ווײל איך דערקען בעסער פון מײנע קעגנער, וואוהין עס פירט די „אַנטוויקלונג" ? איז דען

אין סאָציאַליזם דאָס איינציקע גוטע דאָס, וואָס ער איז „צוגעפּאַסט צום מאָמענט״?

מאַרקס האָט בעסער געוווּסט: ער האָט דעם סאָציאַליזם אַרויסגעשטעלט פאַר נויטווענדיק נאָר דערפאַר, ווייל ער האָט אים געהאַלטן פאַר ווינשנסווערט אויפן גרונט פון אַ שטיל־שווייגנדיק־אָנגענומענעם עטישן אורטייל. דער עטישער אורטייל איז אָבער שטענדיק דער שטאַרקסטער און דער ווירקזאַמסטער דעמאָלט, ווען ער קאָן אויסקומען אָן דער אונטערשטיצונג פון אַ ראַציאָנאַליסטישן בטחון. די מוטער, וועלכע געבוירט איר קינד אין ליבע, דאַרף נישט צו וויסן, ווי דאָס קינד וועט זיין; דער, וואָס קעמפט צו באַשיצן דעם שוואַכן, דאַרף נישט האָבן דעם בטחון פונם נצחון, דער וואָס ראַטעוועט אַ מענטש, איינשטעלנדיק פאַר אים זיין לעבן, האָט נישט אפילו די זיכערקייט, אַז ער וועט ראַטעווען זיין אייגן לעבן.

כּל זמן דער סאָציאַליזם איז נאָך געווען אַן ענין פון אַ הייפל ענטוזיאַסטן קעגן אַ וועלט פון שונאים און קעגן דער גלייכגילטיקייט פון דער אַרבעטערשאַפט גופא, האָט אים די מאַרקסישע זיכערקייט צוגעגעבן כּוחות, וועלכע זענען נישט געקויפט געוואָרן דורך דער אָפּשוואַכונג פון די עטישע מאָטיוון. טראָץ דעם דעטערמיניסטישן לבוש זענען די מאָטיוון פאַרט געווען עטישע. אין די שפּעטערדיקע סטאַדיעס פון דער באַוועגונג איז דאָס געוואָרן אַנדערש. היינט־צו־טאָג איז דער סאָציאַליזם אַלס אַ באַוועגונג קודם כּל אַן אָרגאַניזאַטאָרישער מעכאַניזם צוליב פּאָליטישער און געווערקשאַפטלעכער פאַרטרעטונג פון באַשטימטע אינטערעסן. די עטישע מאָטיוון זענען דערביי נישט בטל געוואָרן, אָבער אין פאַרגלייך צו פריער, זענען זיי שטאַרק אָפּגערוקט געוואָרן אין הינטערגרונט. די טעאָריע, וועלכע איז לכתחילה געווען אַ שטיצע, ווערט אונטער אַזעלכע באַדינגונגען אַ מניעה. דאָרט, ווו פון דער אינערלעכער אַנטוויקלונג פון דער באַוועגונג וואַקסט אַרויס אַ נטיה אָפּצושוואַכן די עטישע מאָטיוון, ווי דאָס איז דער פאַל אין אַלע פאָרטגעשריטענע לענדער, דאָרטן ווערט די טעאָריע מכּה דער נויטווענדיקער אַנטוויקלונג, וועלכע איז פאַרגליווערט געוואָרן אין אַ טראַדיציע, צו אַן עיר מקלט פאַר די שוואַכע,

צו אַ מניעה פֿאַר די ווערטפֿולסטע שעפֿערישע אימפּולסן, דער קאָנסערוואַטיזם פֿון די, וואָס זענען געקומען צו מאַכט, די אומזיכערקייט פֿון די, וואָס פֿאַרגעטערן די אָרגאַניזאַציע, די גייסטיקע שמאָלקייט פֿון די, וואָס זענען דערדריקט דורך דער „קליינאַרבעט”, די מורא פֿון די ביוראָקראַטן פֿאַר דער פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט, דער עגאָאיזם פֿון די, וואָס ווערן צולייכט באַפֿרידיקט, — זיי אַלע פֿאַרוואַנדלען די טעאָריע פֿון די אַמאָליקע וועלט-שטורמער צו אַ באַקוועמער קישן אויף אָפּצורוען זיך. זיי זאָגן: „ס'איז נאָך נישט צייט!” „די מאַסן זענען נישט רייף!” „דאָס סיסטעם איז שולדיק אין דעם!” „מען קאָן נישט אָפּהאַלטן די אַנטוויקלונג!”

אַמערגסטן האָט זיך דערדאָזיקער צושטאַנד אָפּגערופֿן און נוקם געווען אין יענע לענדער, ווו די אַרבעטער-באַוועגונג איז געשטאַנען אונטער דער שליטה פֿון מאַרקסיזם אויף דער קוואַליטעט פֿון די פֿירערס. דער, וואָס איז מכניע די עטישע מאָטיוון, אויף וועלכע עס באַזירט זיך די פּערזענלעכע איבערצייגונג, צו דעם מאַסן-מאָטיוו פֿונעם קלאַסן-אינטערעס, דערציט נישט קיין פּערזענלעכקייטן. אַן אָ ר ג אַ נ י ז אַ צ י ע קאָן זייער גוט אויסקומען מיט פּעאיקע, טיכטיקע, פֿלייסיקע, פֿאַראַנטוואָרטונגספֿולע און ערלעכע פֿירער, ווי די למשל, וועלכע די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע און די געווערקשאַפֿטן אין דייטשלאַנד האָבן אין אַ גרויסער צאָל אין זייער שפּיץ; אָבער דער סאָציאַליזם מוז האָבן מער ווי דאָס. אַפֿילו פֿון דעם ענגערן שטאַנדפּונקט פֿון פּאָליטישן דערפֿאָלג מוז ער האָבן פֿירער, וועלכע סימבאָליזירן די מאַסן-צילן ערשט אַ דאַנק דעם, וואָס זיי גופֿא שטייגן אַריבער די מאַסע, וואָס זיי אונטערשיידן זיך פֿון איר. אַ באַוועגונג גייט נישט אינערלעך פֿאָרווערטס, ווען די צילן דערהויבן זיך נישט איבער דער ווירקלעכקייט; און ווען די באַוועגונג זעט נישט אירע צילן פֿאַרקערפּערט אין לעבעדיקע פּערזענלעכקייטן, וואָס שטייען אַלס מענטשן-שעפֿערישע כּוחות בײַ דער אַרבעט, דעמאָלט זענען אירע צוקונפֿט-אידעאַלן נישט מער ווערט ווי דאָס בלאַט פּאַפּיר, אויף וועלכן אירע פּראָגראַמען זענען געדרוקט. אַ טעאָריע, וועלכע באַטראַכט דאָס פּערזענלעכע אַלס אָפּהענגיק נאָר

פון מאַסן-פאַקטאָרן און דאָרטן, ווו דאָס פערזענלעכע ווייכט אָפּ פון דער מאַסן-נאָרם, דערקלערט זי דאָס אַלס צופעליקן פאַל, אומוויכטיק אָדער שעדלעך, אַזאַ טעאָריע פירט אין דער פראַקטיק צו ניוועלירונג, צו מיטלמעסיקייט. אין דעם עקאָנאָמישן דעטערמיניזם אַנטפלעקט זיך צוגלייך סיי די אומגעהייערע פאָזיטיווע באַדייטונג פון מאַרקסיזם אַלס אויסדרוק פון אַ פריערדיקער פאַזע פון דער אַרבעטער-באַוועגונג און סיי די גרענעץ פון זיין באַדייטונג פאַר דער צוקונפט.

ס'וואָלט געווען נאַריש צו וועלן פאַרקלענערן דעם היסטאָרישן פאַרדינסט פון מאַרקסיזם פאַר דער אַרבעטער-באַוועגונג און פאַר די גייסטיקע וויסנשאַפטן. דורך דעם, חאָס מאַרקס איז געווען דער ערשטער צו פאַרבינדן דעם עקאָנאָמישן שטאַנדפונקט מיט דעם אַנטוויקלונגס-געשיכטלעכן, האָט ער די סאָציאַלע חיסנשאַפט פונקט אַזוי שריט ווייטער געבראַכט, ווי דאַרווין די ביאָלאָגיע. דעם אַרבעטער-קלאַס פון 19-טן יאָרהונדערט האָט ער געוויזן, אַז זיינע עקאָנאָמישע לעבנס-באַדינגונגען צווינגען אים צו אַ קאַמף, פון וועלכן ער קאָן אַרויס מיט אַ נצחון נאָר דורך דעם איבערגאַנג פון אַ פריוואַט-קאַפיטאַליסטישן געזעלשאַפט-סדר צו אַ קאָלעקטיוון. די אומקלאָרע און די אומפראַקטישע צוקונפט-ווונשן פון דעם אוטאָפיסטישן סאָציאַליזם פון זיין צייט האָט ער דערוויזן, נאָך מער דורך זיין אַרבעט ווי דורך זיינע שריפטן, אַז זיי קאָנען פאַרווירקלעכט ווערן נאָר דורך דער עקאָנאָמישער זעלבסט-באַפרייאונג פון די אַרבעטער. דאָס אַלץ וואָלט נישט געווען מעגלעך, אַז ער וואָלט אַלס סאָציאַל-וויסנשאַפטלער נישט געלייגט אַ באַזונדערן חערט אויף די עקאָנאָמישע פאַקטאָרן. און ווען אַפילו דער אויף דעם אויפגעבויטער עקאָנאָמישער סאָציאַל-דעטערמיניזם האָט זיך פון דעמאָלט אָן אַרויסגעוויזן אַלס אַן אומזיבערע היפאָטעזע, האָט דאָס דאָך בשעתו געבראַכט אַן אומגעהייערן נוצן.

אָבער די נייע צייט ברענגט מיט זיך נייע אויפגאַבן; און די אַנדערע אויפגאַבן פאַרלאַנגען אַנדערע אַרבעטס-היפאָטעזן, חעלכע געפינען פון זייער זייט אַן אונטערשטיצונג אין דעם פאָרטשריט פון די וויסנשאַפטלעכע אונטערזוכונגס-מעטאָדן.

זינט דעם טויט פון מאַרקסן און באַזונדערס זינט דער וועלט־מלחמה פאַסט זיך די וויסנשאַפט צו צו דער היסטאָרישער דערפאַרונג, וועלכע איז טאַקע אין אַ גרויסן מאָס די אַרבעטער־באַוועגונג גופא און וועלכע פירט דערצו, אַז מ׳נן שטעלט דעם טראָפּ אויף דער גרעסערער אויפמערקזאַמקייט אויף די פּסיכאָלאָגישע פאַקטאָרן פון דעם געזעלשאַפטלעכן געשעען. איך באַנוץ מיט אַ כּיוון דעם אויסדרוק „גרעסערע אויפמערקזאַמקייט״, ווייל סוף כּל סוף איז דאָס נישט עפּעס אַנדערש ווי די אויפמערקזאַמקייט, וועלכע איז דיקטירט פון עמאָציאָנעלע אָפּשאַצונגען און וועלכע פירט די וויסנשאַפט, אונטער דעם אויבערפלאַך פון לאָגיש־אויפגעבויטע דענק־סיסטעמען, אויף אַנדערע צילן. נייע סאָציאַלע דערפאַרונגען רופן אַרויס נייע עמאָציאָנעלע אָפּשאַצונגען, נייע אָפּשאַצונגען באַטאָניען נייע ריכטונגען פון דער אויפמערקזאַמקייט, און זי איז דאָס טאַקע, וועלכע טרייבט צו אַ נייער פאָרשונג און ברענגט צו נייע דערקענטענישן.

ווען מען האָט וועגן דעם יונגן 20־טן יאָרהונדערט געקאָנט זאָגן, אַז דאָס וועט זיין דאָס יאָרהונדערט פון דער פּסיכאָלאָגיע, אַזוי ווי דאָס 19־טע איז געווען דאָס יאָרהונדערט פון דער נאַטורוויסנשאַפט, איז דאָס נישט נאָר אַ פּועל יוצא פון דער פאַרמערונג פון דער פּסיכאָלאָגישער דערקענטעניש אַליין. דערמיט איז געזאָגט נאָכמער, דהיינו: אַז מיר זוכן קודם כּל מער פּסיכאָלאָגישע דערקענטעניש (און אַ בעסערע באַנוצונג פון דער שוין דערגרייכטער), ווייל אונזער סאָציאַלע דערפאַרונג פירט אונז דערצו, אַז מיר זאָלן העכער אָפּשאַצן אַלע פּסיכאָלאָגישע מאָטיוון. אפשר וועט די קולטורגעשיכטע פון אַ שפּעטערדיקער צייט דערבליקן אין דעם אַ דערוואַכן פון אַ דערקענטעניש, וועלכע איז אַרויפגעצווונגען געוואָרן אויף דעם דענקען, דער עיקר דורך דער וועלט־מלחמה און דורך דעם קאָמוניזם פון דער נאָך־מלחמה־צייט: נעמלעך די דערקענטעניש, אַז די פּסיכאָלאָגישע אַנטוויקלונג פון דעם מענטשן פון דעם חיהשן אינסטינקט־וועזן ביז צום העכערן שכל־וועזן, דעם בר דעת, גייט אַ סך לאַנגזאַמער, איידער די אינטעלעקטועלע און די טעכנישע אַנטוויקלונג. די

ביטערע דערפאַרונג האָט אונז באַוויזן, אַז די פאַרנונפט, וועלכע
האָט געשאַפן די טעכניק, האָט זיך בעת מעשה פאַרשקלאַפט
צו איר אייגענעם אינסטרומענט. זי האָט זיך דערמיט אונטער-
געגעבן אונטער דער הערשאַפט פון נידעריקערע אינסטינקטן,
וואָס זייער אומבאַגרענעצטער אימפעט פירט צו אַ פאַרניינונג
פון אַלע פאַרנינפטיקע צילן. יעדנפאַלס ווערט אונז תמיד
קלאָרער, באַזונדערס אין אונזער סאָציאַלן דענקען, דער גע-
פערלעכער קעגנזאַץ צווישן אונזערע פאַרנינפטיקע צילן און
אונזערע אינסטינקטיווע מעגלעכקייטן.

דאָס גאַנצע דענקען פון אונזער צייט — אויך דאָס
סאָציאַליסטישע – שטייט אונטער דעם צייכן פון דערדאָזיקער
שמערצלעכער שפאַנונג צווישן ווונש און דערקענטעניש; מען
פילט, ווי דער גלויבן אין דעם זינען פון דער צוקונפט שטייט
אונטער אַ געפאַר צוליב דעם דרוק פון אַ כלומרשט-זינלאָזער
קעגנוואַרט. די פאַרנונפט גופא שטרעבט צו איבערוועלטיקן
דעמדאָזיקן טראַגישן קאָנטראַסט דורכדעם, וואָס זי פרווט
זיך קלאָר צו מאַכן איר אייגענע נאַטור. דערפון שטאַמט דער
דראַנג צו פסיכאָלאָגיע, דאָס שטרעבן צו געווינען אַ קלאָרקייט
מכח דער פאַרהעלטעניש פון דענקען און אַפעקט, מכח דער
נאַטור און די מעגלעכקייטן פון פאַרוואַנדלונג פון אונזערע
אינסטינקטן. אונזער וויסנשאַפט וויל זיין די דערקענטעניש פון
די פסיכאָלאָגישע באַדינגונגען פון היסטאָרישן פראָגרעס, פונקט
אַזוי ווי די דערקענטעניש פון 19-טן יאָרהונדערט איז געווען
געווענדעט אויף די טעכנישע און עקאָנאָמישע באַדינגונגען פון
דעמדאָזיקן פראָגרעס.

דאָס איז דער זינען דערפון, וואָס מיר רעדן היינט-צו-
טאָג מכח אַ קלענערן ווערט פון די עקאָנאָמישע און מכח
אַ העכערער אָפשאַצונג פון די פסיכאָלאָגישע מאָטיוון. דאָס,
וואָס מאַרקס האָט געזאָגט וועגן דער וויכטיקייט פון די עקאָ-
נאָמישע אורזאַכן אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, בלייבט ריכטיק
אויף דעם פלאַן, אויף וועלכן ער האָט באַקומען דידאָזיקע
דערקענטעניש. אַז מיר וואָלטן געמוזט בלייבן אויף דעמדאָזיקן
פלאַן, וואָלטן מיר מוזן ווייטער האַלטן פאַר ריכטיק זיינע
אָפשאַצונגען, וואָס זענען געווען די אָפשאַצונגען פון דעם

גאַנצן װיסנשאַפטלעכן דענקען פון זײן צײט. װען מיר זאָגן זיך אָבער אָפּ דערפון, װען מיר דערבליקן הײנט אין זײן אָרט דענקען אַ מניעה, אַ מין אַנטװיקלונג פון פאַרנונפט צו אומזין, פון אַ ישועה צו אַ צרה, טאָ איז דאָס נאָר דערפאַר, װײל מיר דערקענען דאָס װײטערדיקע *נישט נעבן* דעם, װאָס ער האָט געזען, נאָר אויך *הינטער* דעם, װאָס ער האָט געזען. און מיר קענען דאָס װײטערדיקע, װײל מיר *װילן* דאָס דערקענען, װײל מיר נויטיקן זיך אין אַן אַנדער דערקענטעניש, כּדי נישט אונטערצוגײן צוליב דער שפּאַנונג צװישן דער אַלטער דערקענטעניש און דעם נײעם װעלן.

זאָל טאַקע זײן, אַז אַלע פאַקטן, װאָס האָבן געפירט מאַרקסן צו זײן טעאָריע מכּח די עקאָנאָמישע הויפּט-כּוחות פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטװיקלונג, זענען געװען פון אים דערקענט אויף אַ ריכטיקן אופן — און דאָס רוב פון זײ זענען טאַקע געװען ריכטיק דערקענט; זאָל טאַקע זײן חוץ דעם, אַז אַלע אויספירן, דורך װעלכע ער איז געגאַנגען פון דער אײנצל-דערקענטעניש ביז צום גאַנצן סיסטעם, זענען דורכאויס געװען אין לאָגישן זינען פרײ פון פעלערן — און זײ זענען דאָס כּמעט שטענדיק געװען; און דאָך װאַרפן מיר אָפּ הײנט זײן טעאָריע, װײל זי דערקלערט נישט מער דאָס, װאָס מיר װילן האָבן הײנט דערקלערט, װאָס מיר מוזן האָבן דערקלערט, כּדי אונזער האַנדלען זאָל פאַר אונז האָבן אַ זינען.

מיר קענען טאַקע רואיק אָננעמען אַזוי װי זי איז די גאַנצע געדאַנקען-סטרוקטור, דורך װעלכער מאַרקס פירט אַרויס דעם „אידעאָלאָגישן בנין“ פון דעם „עקאָנאָמישן פונדאַמענט“, דאָס „געזעלשאַפטלעכע דענקען“ פון דעם „געזעלשאַפטלעכן זײן“. זי איז נישט אָפּגעפרעגט געװאָרן; אָבער ס'איז מיט איר געשען נאָך אַן ערגערע זאַך: זי אינטערעסירט אונז מער נישט. זי אינטערעסירט אונז מער נישט דערפאַר, װײל מיר װילן זיך טאַקע באַפרײען פון אָט יענער אָפּהענגיקײט פון מענטשן פון דער טעכניק און פון דער עקאָנאָמיק; פאַרקערט, מיר *מוזן* אַרויסגײן פון דעם געדאַנק מכּח דער אָפּהענגיקײט פון דער טעכניק און עקאָנאָמיק פונם מענטשן, כּדי אי-

בערהויפט נאָך קאָנען גלויבן אין דעם זין פון טעכניק און עקאָנאָמיק.

קודם כל נויטיקן מיר זיך אין אַ היסטאָריע פון דער אַרבעטער-באַוועגונג און סאָציאַליזם, וואָס באַזירט זיך אויף דעם רעאַלן יסוד פון דער סאָציאַלער דערפאַרונג גופא. די-דאָזיקע וויסנשאַפט האָט מאַרקס נישט געקאָנט באַגרינדן, ווייל צו זיין צייט האָט נאָך געפעלט דער יסוד פון דערדאָזיקער דערפאַרונג. די הייַנטיקע אַרבעטער-פּאַרטייען, די געווערקשאַפטס-באַוועגונג, די סאָציאַלע געזעצן, די פאַבריק-דעמאָקראַטיע, — פון דעם אַלץ זענען אין דער צייט פון מאַרקסן געווען נאָר קוים באַמערקבאַרע התחלות. אויב ער האָט אין די עקאָנאָמישע קאַמפן פון די אַרבעטער געזען נישט אַנדערש, ווי נאָר דעם קאַמף פאַר דער פאַרטיילונג פון דעם מערווערט, טאָ דערקלערט זיך דאָס דערמיט, וואָס די אויסקעמפונג פון אַ פיזישן עק-זיסטענץ-מינימום האָט נאָך געמוזט אין זיין צייט פאַרווירק-לעכט ווערן אַלס אַ פאָר-באַדינגונג פאַר אַלע אַנדערע קולטו-רעלע פאָדערונגען. אויב ער האָט דעם שטאַאַט אויפגעפאַסט נאָר אַלס אַ מעכאַניזם פון קלאַסן-אונטערדריקונג און האָט נישט פאָראויסגעזען די צייט, ווו דער שטאַאַט פאַרבינדט זיך אָרגאַניש מיט דער פאַרווירקלעכונג פון אַ סאָציאַליסטישן סדר, טאָ איז דאָס נישט דערפאַר, ווייל דער שטאַאַט פון דעם באַשרענקטן וואַל-רעכט איז נאָך געווען אַזאַ, ווי מאַרקס האָט אים געזען.

זיין בילד פון סאָציאַליזם האָט ער נישט געקאָנט באַקו-מען פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער-באַוועגונג גופא, ווייל אַלס מאַסן-באַוועגונג האָט זי ערשט געמוזט אָנהויבן איר גאַנג. אַ חוץ דעם איז מאַרקס געווען אַ גריבלער אין ביכער, פרעמד צו די ענינים פון פּראַקטישן לעבן און באַזונדערס דעם אַר-בעטער-לעבן; דאָס אַלץ איז אים געווען באַקאַנט נאָר פון דער ליטעראַטור. ווי בערנאַרד שאָאו שרייבט איבער דעם „קאַפּיטאַל” פון מאַרקסן, אמת נישט זייער פריינטלעך, אָבער ריכטיק: „יעטוועדער פון זיינע בעדאַנקען וועגן אַרבעטער און קאַפּיטאַליסטן באַווייזט, אַז מאַרקס האָט קיינמאָל נישט געאָטעמט מיט דער לופט פון דער אינדוסטריע, און זיין גאַנצן מאַ-

טעריאַל האָט ער אויסגעגראָבן פון די אָפיציעלע בלויע בי-
כער און פון דער ביבליאָטעק אין בריטישן מוזעאום; קיין
איין פאַקט נישט, וועלכער זאָל נישט זיין אַרויסגענומען פון
אַ בוך, קיין איין באַמערקונג נישט, וועלכע זאָל נישט זיין,
אָנגערעגט דורך אַ פלוג-בלאַט פון אַן אנדערן".

היינט-צו-טאָג פאַרמאָגן מיר אַ מקור צום שטודירן דעם
סאָציאַליזם, וועלכן מאַרקס האָט נישט געהאַט: די געשיכטע
פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, אין וועלכער דער מאַרק-
סיזם גופא איז נאָר אַ טייל. באַפרייען זיך פון דער באַגרע-
נעצטקייט פון דאָגמאַטישע פאַראויסזעצונגען איז אַ פאָר-באַדינ-
גונג צום עפענען דעמדאָזיקן מקור; דאָס באַטייט אָבער
לחלוטין נישט אַ פאַרנייגונג פון אַלע מאַרקסיסטישע דענק-
אינהאַלטן, אין דעם זינען, למשל, אַז מען זאָל שטעלן אַנט
קעגן אַ פאַלשער דאָגמע אַ ריכטיקע. מער נאָך, דאָס באַטייט
אַז מען נעמט אין אַכט די צייטלעכע און רוימלעכע באַתנאי-
אונג פון די מאַרקסיסטישע אידעען, אַן אַרויסוואַקסן פון זיי
און דערביי ווערט דעם מאַרקסיזם אָנגעוויזן אַ געהעריקע-
פלאַץ אין דער געשיכטע. עס מוז אָבער אין אים איבערוויגדרן
ווערן זיין פרעטענזיע צו זיין די איינציקע, אמתע און אייבי-
קע געשטאַלט פון סאָציאַליזם און פון דער סאָציאַל-וויסנשאַפט-

XV

דער אײדעלער און דער װולגאַרער מאַרקסיזם.

ס'זענען נישטאָ קײן אמתע געדאַנקען;
ס'איז אָבער דאָ אַן אמתער אופן צו
האָבן װעלכע נישט איז געדאַנקען, און
דאָס איז, געמלעך, צו זען דורך דעם
געדאַנק די זאַכן, ד. ה. דער געדאַנק
זאָל זײן דורכזיכטיק.
אַלען („דער בירגער קעגן דער מאַכט".)

איך האָף, אַז איך האָב ביז איצט גענוג קלאָר געמאַכט, פאַרװאָס איך באַגרינד נישט מײנע אָפּשאַצונגען פון מאַרקסיזם נישט אויף היסטאָרישער קריטיק פון טעקסטן און נישט אויף אַבסטראַקטע דיסקוסיעס מכח „אַבסאָלוטע" װאָרהײטן. א סאָציאַל־װיסנשאַפטלעכע טעאָריע, װאָס מאַכט זיך גופא צו א פּראָגראַם פון א מאַסן-באַװעגונג, באַקומט דורך דעם א באַדײטונג, װעלכע הענגט אָפּ נישט נאָר פון דעם װילן און דער דערקענטעניש פון איר שעפער. אַלס אַ פאָרם פון באַװוסטזײן פון א באַװעגונג, ד. ה. פון א קאָמפּלעקס פון װילנס-טענדענצן, פירט זי אַן אײגן לעבן. דורך דעם פאַקט, װאָס זי לעבט, געפינט זי זיך שוין אין אַ שטענדיקער אַנטװיקלונג. איר אינהאַלט פאַרענדערט זיך לויט די שינויים, װאָס קומען פאָר אין לויף פון דער צײט אין די װילנס-טענדענצן, װעלכע שאַפן איר יסוד. גלײכצײטיק מיט די צילן פון דעם שעפער פון דער טעאָריע מוז מען שאַצן די טאַט, װעלכע װאַקסט אַרויס

פון דער קעגנזייטיקער השפעה פון אייגענע און פרעמדע ציילן. דער אורשפרינגלעכער אימפולס פון דעם שעפער מוז פאַרקניפּט ווערן מיט דער דעמאָלטיקער סביבה, די איצטיקע מאָטיוון ווערן געמאָסטן לויט די אויפגאַבן פון דער קעגנוואַרט. יעטוועדע טעאָריע פון אַזאַ מין ווערט באַשטעטיקט אַלס אַן אמתע לויט דעם, אויף וויפל זי ווערט פאַרווירקלעכט. די קריטיק פון דער טעאָריע הערט אויף דערמיט צו זיין אַ קריטיק פון דערקענטעניש-אינהאַלטן, כדי צו ווערן אַ קריטיק פון ווילנס-מאָטיוון. דערביי איז נישט אַזוי וויכטיק צו פאַרגלייכן איין טעאָריע מיט דער אַנדערער, ווי ס'איז וויכטיק צו פאַרגלייכן יעטוועדע טעאָריע מיט די אויפגאַבן, וואָס אַנטשטייען פאַר איר פון אַ געגעבענער היסטאָרישער לאַגע.

דאָס, וואָס איך רוף אָן איבערווינדונג פון מאַרקסיזם, איז מהאי טעמא נישט אַזוי די איבערווינדונג פון דערקענטעניש, ווי די איבערווינדונג פון אַן אַלטן אימפולס, כדי צו שאַפן אַ מעגלעך-פרייען וועג און אַ מעגלעך-אומגעהינדערטע אַנטוויקלונג פאַר אַ נייעם אימפולס, וואָס איז געוואָרן נויטיק. געוויס איז דערדאָזיקער נייער אימפולס נישט אומאָפּהענגיק פון דעם אַלטן, גיכער זעצט ער אים פאַראויס. איך בין מסופק, צי ס'איז מעגלעך אינגאַנצן צו פאַרשטיין מיינע אָנשויאונגען איבערן סאָציאַליזם, אויב מען קומט נישט צו זיי דורך מאַרקסן. יעטוועדער נייער צושטאַנד פון אַ באַוועגונג איז אַ סינטעז פון אַלע אימפולסן, וואָס האָבן ווען-נישט-איז אַמאָל בייגעטראָגן צו איר אַנטוויקלונג. די אימפולסן פון מאַרקסן וועלן דערפאַר קיינמאָל נישט פעלן אין וועלכער נישט איז סאָציאַליסטישער באַוועגונג. אָבער יעדער מאַרקסיסט וועט מיך פאַרשטיין, ווען איך זאָג, אַז דער סינטעז קומט ערשט דורך דער אַנטיטעזע. כדי צו קאָנען זאָגן: נ אָ ך מאַרקסן! מוז איך פריער זאָגן: ק ע ג ן מאַרקסן! עס קאָן זיין, אַז די נייע אימפולסן, וועלכע איך וויל באַלעבן דורך אַ נייער דערקענטעניש, וועלן פאַר דער געשיכטע פון סאָציאַליזם אַ סך ווייניקער באַטייטן ווי די ווילנס-טענדענצן, וואָס מאַרקס האָט אַרויסגערופן; אָבער זיי זענען פונדעסטוועגן נישט ווייניקער נויטיק. איך בין נישט אַזוי אומבאַשיידן און איינבילדן זיך,

אַז איך האָב אַנטדעקט וויכטיקערע אמתן ווי מאַרקס; איך האַלט נאָר, אַז זיי טויגן מער צו לעזן די אויפֿגאַבן פֿון אונזער צייט. כּדי די נייע אימפּולסן, פֿאַר וועלכע איך שטעל זיך דאָ איין, זאָלן קאָנען מעגלעכסט-שטאַרק ווירקן, מוז דאָס נייע אין זיי מעגלעכסט-שאַרף אָנגעצייכנט ווערן; און דערצו מוזן זיי זיך מעגלעכסט-שאַרף אַנטקעגנשטעלן צו די אַלטע אימפּולסן. דערפֿאַר טאַקע — און נישט נאָר דערפֿאַר, וואָס איך אַליין בין געקומען צו אַ נייער איבערצייגונג ערשט דורך דער קריטיק פֿון מאַרקסן — לייג איך דעם הויפּטגעוויכט אויף דאָס, וואָס עס אונטערשיידט מיך פֿון מאַרקסן. וועט זיין שפּעטער אַ נייער סינטעז, וועט ער זיין אויף אַזויפֿיל פּרובס-באַרער, אויף וויפֿל די אַנטיטעזע איז געווען לעבעדיקער, זעלבשטענדיקער און זעלבסטבאַוווסטער.

נאָר דער, ווער עס וועט פֿאַרשטיין אָט דעם געדאַנק, וועט אויך קאָנען פֿאַרשטיין, פֿאַרוואָס איך שטעל זיך, להיפּך צו אַלע ביז-איצטיקע קריטיקער פֿון מאַרקסן, אויפֿן באָדן פֿון דעם פּרינציפּ: דער מאַרקסיזם און נישט מאַרקס ווערט געשטעלט צו אַ דיסקוסיע. ווען אָבער, נישט קוקנדיק דערויף, באַהאַנדל איך דאָ מאַרקסן, טאָ איז דער גרונט זייער אַ פּשוטער: מאַרקס געהער צום מאַרקסיזם ווי זיין ערשטער אימפּולס-געבער. אָבער ער איז נישט דער גאַנצער מאַרקסיזם; ווייל דער מאַרקסיזם האָט איבערגעלעבט מאַרקסן. פֿאַר די היינטיקע אויפֿגאַבן איז אַנטשיידנדיק דאָס, וואָס דער מאַרקסיזם שטעלט מיט זיך פֿאָר היינט-צו-טאָג, אַלזאָ פֿון דעם אורשפּרינגלעכן אימפּולס פֿון מאַרקסן איז אַנטשיידנדיק נאָר דאָס, וואָס עס לעבט דערפֿון ווייטער. דערפֿאַר דערלויב איך מיר, צוגלייך מיט דעם, וואָס מאַרקס אַליין האָט געמיינט, אויך דאָס צו באַהאַנדלען, וואָס עס האָט זיך פֿאַרווירקלעכט פֿון זיינע מיינונגען. פֿון דעם גאַנצן קאָמפּלעקס „מאַרקסיזם“ לאָזן זיך די „וולגאַר-מאַרקסיסטישע“ ירידה-דערשיינונגען פּונקט אַזוי ווייניק אויסשליסן, ווי די טעאָרעטישע פּרינציפּן גופֿא.

פֿאַר דעם שפּעטערישן דענקער שטעלן די אידעען מיט זיך פֿאָר באַגריפֿן, וואָס זייער באַדייטונג פֿליסט אַרויס פֿון

דער לאָגישער פאַרבינדונג מיט אַנדערע באַגריפן און בלייבט אומפאַרענדערלעך כּל זמן די דאָזיקע לאָגישע פאַרבינדונג בלייבט אומבאַרירט. קומען קומען זיי אַרויס טאַקע פון אַ באַשטימטן געפילס-מצב, אָבער זייער קיום און זייער גילטיקייט פאַר דעם, וואָס האָט זיי געהאַט אין זינען, זענען אומאָפּהענגיק פון דעם ווייטערדיקן באַשטיין פון דעמדאָזיקן געפילס-מצב. מאַרקס וואָלט, למשל, נישט פאָרמולירט דעם באַגריף פון עקספּלואַטאַציע אין דער קאַפּיטאַליסטישער מערווערט-פּראָדוקציע, ווען עס וואָלט אים דערצו נישט געטריבן זיין געפילס-מצב (דער רעסענטימענט קעגן די קאַפּיטאַליסטן, דאָס מיטגעפיל צו די אונטערדריקטע, מאָראַלישע אויפרעגונג קעגן דעם פּראָפיט-מאָטיוו אין דער פּראָדוקציע). נאָכדעם ווי דער באַגריף איז שוין איינמאָל פאָרמולירט געוואָרן, פירט ער, אַלס אַ פועל יוצא פון אַ גאַנצער קייט וויטנשאַפטלעכע באַווייזן, אַן אייגן לעבן פאַר זיך, וועלכעס לעבט איבער יענעם געפילס-קאָמפּלעקס, וועלכער איז בשעתו בטל געוואָרן דורך דער פאָרמולירונג פון דעם כּלומרשט נאָר-וויסנשאַפטלעכן באַווייז.

די מאַסן, וואָס זענען נוטה צו אַן ענלעכן געפילס-מצב, נעמען אָבער אויף די אידעע אַזוי, אַז זיי פאַרוועבן זי ווידער מיט דעם עקזיסטירנדיקן געפילס-קאָמפּלעקס. די אידעע טרעט פאַר זיי דאָ אַרויס אַלס אַ וואָרט אָדער אַלס אַ זאַץ. דאָס וואָרט רופט אַרויס אַפעקטן — עס דערוועקט ביי איר אַ געפיל, אַ ליידנשאַפט, וועלכע אַנטשפּרעכט ביי איר צו אַזעלכע ווילנס-טענדענצן, וועלכע זענען שוין פאַרטיק אָדער האַלטן אין אַנטשטיין. אויף אַזאַ אופן ווערט פון דעם וואָרט אַ סימבאָל פון דערדאָזיקער ווילנס-טענדענץ. דורך די אַפעקטן, וואָס עס רופט אַרויס, שטאַרקט עס די אַנטשפּרעכנדיקע ווילנס-פאַרשטעלונגען, העלפט עס מיט דעם האַנדלען. דאָסמאָל אָבער הענגט אָפּ די באַדייטונג און די מאַכט פון דעם סימבאָל פון דער ריכטונג און קראַפט פון ווילן, וועלכער באַנוצט זיך מיט אים. די ווירקונג פון דעם סימבאָל איז אינגאַנצן באַתּנאים דורך דעם געפילס-מצב, וועלכער האָט אים באַוויגן דעם סימבאָל אָנצונעמען. זיין ווערט קאָן מען פּראַקטיש אָפּשאַצן נאָר

לויט זיין ווירקונג, גאַנץ אומאָפּהענגיק פון דעם, צי די מאַסע
פאַרשטייט אָדער נעמט אָן די לאָגישע אויספירן, וואָס האָבן
געפירט צו אים זיין שעפער. פאַרענדערט זיך דער געפילס-
מצב, וואָס האָט אַרויסגערופן דאָס אָננעמען פון אַ באַשטימטן
סימבאָל, דעמאָלט ענדערט זיך אויך דער געפילס-אינהאַלט און
צוזאַמען מיט אים אויך די סוביעקטיווע באַדייטונג פון סימבאָל.

דער באַגריף פון עקספּלואַטאַציע, למשל, וועלכן
מאַרקס האָט וויסנשאַפטלעך באַגרינדעט, באַקומט אַזאַ סימבאָ-
לישע באַדייטונג ביי די מאַסן, וואָס נעמען אים אָן. מיליאָנען
אַרבעטער גלויבן, אַז מאַרקס האָט באַוויזן, אַז די קאַפּיטאַ-
ליסטן נעמען אומגערעכט צו פאַר זיך אַ טייל פונם ווערט,
וועלכן די אַרבעטער האָבן געשאַפן, נעמלעך, דעם אַזוי-גערו-
פענעם מערווערט. פון דידאָזיקע מיליאָנען זענען קוים דאָ
עטלעכע הונדערט, וואָס זענען בכח צו פאַרשטיין די לאָגישע
באַווייזן פון מאַרקסן; דאָס רוב מאַכט קיינמאָל נישט אַפילו
דעם פּרווו מיט זיי באַקענט צו ווערן. דער ווערט פון דער-
דאָזיקער לאָגישער באַגרינדונג איז טאַקע אויך גאַנץ גלייכ-
גילטיק לגבי דעם פאַקט, אַז די באַגריפן „מערווערט" און
„עקספּלואַטאַציע" זענען געוואָרן סימבאָלן. די סימבאָלן ווערן
אָנערקענט, ווייל דער אַרבעטער האָט דורך דער דערפאַרונג
איינגעזאַפּט דאָס געפיל, אַז ער ווערט עקספּלואַטירט, אַז ער
באַקומט ווייניקער, ווי ער וואָלט געדאַרפט באַקומען. די באַ-
גריפן עקספּלואַטאַציע און מערווערט אַנטשפּרעכן דעמדאָזיקן
געפיל; דער אַרבעטער נעמט זיי אָן אַלס סימבאָלן פון דער
ווילנס-טענדענץ, וואָס איז אַ דאַנק דעם אַנטשטאַנען, און
גלויבט באמונה שלמה, אַז מאַרקס האָט אין אַ וווּנדערבאַר-
געלערנטן בוך גלענצנדיק באַוויזן, אַז דידאָזיקע באַגריפן זענען
אומבאַשטרייטבאַרע פאַקטן. ער טוט דאָס, וואָס מאַרקס גופא
האָט געטאָן און וואָס מיר אַלע טוען, בעת מיר דענקען: ער
אָביעקטיווירט זיין סוביעקטיוו געפיל. ביי מאַרקסן באַטייט
דידאָזיקע אָביעקטיווירונג דאָס, וואָס ער רופט אַרויס צום לעבן באַ-
גריפן; ביי דעם מאַרקסיסט אָבער באַטייט עס דאָס, וואָס ער פאַר-
וואַנדלט דידאָזיקע באַגריפן, אַלס אָביעקטיוו-פעסטשטייענדיקע
פאַקטן, אין סימבאָלן פון זיין פילן און וועלן.

פון באַגריף ווערט אַ שלאָגוואָרט. די פײַנערע ניואַנסען פון די חילוקים, וועלכע ווערן געמאַכט, למשל, אין מאַרקס׳ באַגרינדונג צווישן ווערט און פּרייז, צווישן דעם ווערט פון אַרבעטס-קראַפט און דעם לוין, צווישן מערווערט און פּראָפיט, צווישן דעם מערווערט-טייל און עקספּלואַטאַציע-טייל, זענען פאַר דער מאַסע אומבאַדייטנדיק און עקזיסטירט פאַר איר, על פּי רוב, לגמרי נישט. אומגעקערט, פאַר איר איז גראָד דאָס וויכטיק, וואָס מאַרקס האָט בכיון נישט קלאָר געמאַכט, אָדער שטילשווײַגנדיק באַטראַכט אַלס דערוויזן, נעמלעך, דעם מאָראַלישן פאָרוורף קעגן דער אומגערעכטער פאַרכאַפּונג מצד די קאַפּיטאַליסטן. דער שעפער פון אָט דעם באַגריף איז געווען באַשטרעבט דורך דער ראַציאָנאַליסטישער פאַרבײַנונג פון אַלע געפילס-שטימונגען צו פאַרשטאַרקן דעם אײַנדרוק פון דער לאָגישער אײַזערנער פעסטקייט פון זײַן באַגרינדונג; פאַר אַ מענטש אָבער, וואָס מאַכט דעם באַגריף צו אַ סימבאָל פון אַ שטרעבן, איז וויכטיק דוקא דער געפילס-אינהאַלט, די אַפעקט-אויפרעגנדיקע השפעה פון דעמדאָזיקן סימבאָל.

דאָס איז די סיבה דערפון, וואָס אַ באַוועגונג, וועלכע באַנוצט געוויסע טעאָרעטישע עיקרים אַלס סימבאָלן, ווי דאָס טוט, למשל, יעדע קירך און יעדע פּאַרטיי, שטעלט זיך במשך פון דער צײַט אָפּטמאָלס אַזעלכע צילן, וואָס האָבן להלוטין מער קיין שייכות נישט מיט דער אורשפּרינגלעכער באַדײַטונג פון די סימבאָלישע באַגריפן, הגם די סימבאָלן זענען געבליבן דיזעלבע. די באַדײַטונג פון אָט די באַגריפן פאַר דער באַוועגונג, זייער פּראַקטישעווירקזאַמקייט שטאַמט נישט פון דער לאָגישער ריכטיקייט פון דעם דענק-פּראָצעס, וועלכער האָט געפירט צו זייער פאָרמולירונג, נאָר פון דעם, וואָס מען קאָן זיי פאַרווענדן ווי סימבאָלן פאַר אַ געפילס-מצב, וואָס אַנטשטייט פון די לעבנס-אַמשטענדן פון די מאַסן. אויב דער שינוי פון די לעבנס-פאַרהעלטענישן ברענגט צו אַ פאַרענדערונג פון דעם געפילס-מצב, דעמאָלט איז אָדער דער סימבאָל שטאַרבט אָפּ, אָדער ער פאַרענדערט זײַן באַדײַטונג. זייענדיק אײַנמאָל אַרײַנגעוואָרפן אין די מאַסן, פירט ער אַ זעלבשטענדיק לעבן, וואָס איז אינגאַנצן אָפּגעריסן פון די כוונות פון זײַן גײַסטיקן

שטעער; דער סימבאָל פאַרוואַנדלט זיך אין אַ כּלי פאַר אַ געפילס-אינהאַלט, וואָס הענגט אָפּ פון דעם געפילס-מצב פון די מאַסן, וועלכע האָבן אים אונטערגעכאַפּט. דערפאַר האָט פון אַלע סאָציאַליסטישע טעאָריעס אַ פּראַקטישע באַדייטונג און עס לעבט אין דעם ווילן פון די מאַסן נאָר דאָס, וואָס קאָן דינען אַלס אַן אַפעקט-אויפרעגנדיקער סימבאָל, אַלס אַ שלאַג-וואָרט. דאָס איבעריקע מעג אַפילו זיין וויכטיק ביז גאָר פאַר דער ביאָגראַפיע אָדער פאַר דער געשיכטע פון דער וויסנשאַפט; אָבער פאַר דער געשיכטע פון דער סאָציאַלער ווירקלעכקייט קומען אין באַטראַכט נאָר לאָזונגען. דער מאַרקסיזם איז דאָס, וואָס די אַרבעטער-באַוועגונג האָט אַלס אַ קאָלעקטיוו פון געפילן און ווילנס-טענדענצן געמאַכט פון דעם גאַנצן מאַרקסיסטישן געדאַנקען-סיסטעם. נאָר דאָס אַליין איז אין אים לעבעדיק, ווייל נאָר דאָס אַליין פאָרמירט דאָס לעבן, דאָס נייע סאָציאַלע לעבן.

ס׳איז וויכטיק אַלזאָ נישט דאָס, וואָס מ׳קאָן לויט מאַרקסן באַווייזן, נאָר דאָס, וואָס עס איז באַוויזן און דערווייזן געוואָרן פון מאַרקס׳ טעאָריע אין דער פּראַקטישער ווירקזאַמקייט. בכן איז נישט די טעאָריע פון מאַרקסן וויכטיק, נאָר דער מאַרקסיזם. מאַרקס האָט געלערנט נאָר כּדי צו ווירקן. די ווירקונג פון זיינע טעאָריעס איז דער מאַסשטאַב פון זייער ווערט פאַר אונז, וואָס לעבן און האַנדלען. דאָס, וואָס איז נישט פאַרבליבן אין דעם מאַרקסיזם פון זיינע טעאָריעס, האָט אַלזאָ נישט געווירקט; אַלזאָ איז דאָס פאַר אונז אומבאַדייטנדיק. וויכטיק איז דאָס, וואָס עס לעבט היינט פון אים ווייטער. ווייל מען קאָן מען דאָס אָנרופן וווּלגאַרער מאַרקסיזם. אָבער דער גאַנצער מאַרקסיזם איז היינט-צו-טאָג וווּלגאַרער מאַרקסיזם; נאָר יענער מאַרקסיזם איז נישט קיין וווּלגאַרער, וועלכער באַשרענקט זיך נאָר מיט ביאָגראַפישע און טעקסט-קריטישע אויפגאַבן, וועלכע ליגן מחוץ פון אונזער צייט און האָבן דערפאַר קיין שום איינפלוס נישט אויף איר אַנטוויקלונג. ס׳איז אפשר אַ רייצנדיקע אויפגאַבע צו פאַרגיכטן, מיט דער הילף פון ציטאַטן פון מאַרקסן, דעם וווּלגאַרן מאַרקסיזם דאָרט, וו ער האָט זיך דערווייטערט פון מאַרקסן. אָבער דאָס

אין װעלכע די איז אַן אומזיסטע טרחה; װײל מיט טעקסטן, מאַסע האָט קײנמאָל נישט געגלויבט, װײל זײ האָבן איר קײנ־ מאָל נישט געגעבן. קאָן מען נישט פאַרניכטן איר גלויבן אין די שלאָגװערטער, װעלכע זי האָט געשטעלט אין דינסט פון איר װילן. אַזוי װאָלט מען געקאָנט פרוּװן צו באַװעגן די קאַ־ טױלישע קירך זיך אַלײן פאַנאַנדערצולאָזן מיט דעם אָנװײז אױף אַ װעלכער נישט איז שטעלע אין עװאַנגעליע, װעלכע זי האָט ביז איצט געלאָזן אומבאַמערקט, אָדער זי האָט פאַלש אױסגעטײטשט. יענער מאַרקס, װעלכער לעבט אין דעם גלױבן פון די מאַסן, קאָן נישט איבערװונדן װערן דורך דעם מאַרקסן, װעלכער שטײט אױף די פּאָליצעס פון דעם קריטישן פאָרשער. דער לעבעדיקער אמת, פּונקט אַזוי װי דער לעבעדיקער טעות װענען שטאַרקער, אײדער דער טױטער אמת; דער באַװײז פון זײער גרעסערער קראַפט ליגט טאַקע גראָד אין זײער לעבע־ דיק־זײן. עס העלפט נישט צו קלאָגן אױף דעם, װאָס נישט אַלע אמתן, װעלכע אַ נביא האָט אַרױסגעזאָגט, האָבן אַ גלײכע לעבנס־קראַפט. װיכטיק איז נאָר די שטעלונג פון יענע, װעלכע הערן זיך צו צו אים. יעדער סאָציאַלער דענקער איז ,ככ הפּחות אין אײן זינען פאַרמשפּט פאַלש פאַרשטאַנען צו װערן. זײנע געדאַנקען קאָנען געגליכן װערן צו זױמען, װאָס אַ טײל פון זײ װערן אומזיסט געװאָרפן, דער אַנדער טײל גײט אױף; אָבער ער ברענגט אַרױס פּירות, װעלכע זענען גאָרנישט אַזױ גוט, װי דאָס האָט געװאָלט דער, װער עס האָט געזײט. און דאָך איז געזאָגט געװאָרן: לױט זײערע פּירות זאָלט איר זײ דערקענען. די אומבאַרמײדלעכקײט פון דערדאָזיקער מיספאַר־ שטענדעניש רופט אַרױס אַ גרױסן טײל פון דער טראַגיק פון דער געשיכטע, דערבײ איז דאָס דער טראַגישער שיקזאַל נישט נאָר פון דעם יחיד, װאָס איז פאַלש פאַרשטאַנען געװאָרן, נאָר אױך קודם כּל פון די מיליאָנען, װאָס פאַרשטײען פאַלש.

איצט איז אפשר דײטלעכער געװאָרן, פאַרװאָס איך פאַר־ שטײ אונטער דעם מאַרקסיזם, װאָס מוז איבערװונדן װערן, נישט נאָר דעם „װולגאַרן מאַרקסיזם”, װעלכער לעבט באַזונ־ דערס אין דעם גלױבן און שלאָגװערטער בײ די קאָמוניסטישע מאַסן, נאָר אױך דעם „אײדעלן מאַרקסיזם” פון די סאָציאַל־

דעמאָקראַטישע טעאָרעטיקער [1], וועלכע ווילן אַזוי באַארבעטן דעם אַלטן עפּל-בוים, אַז ער זאָל טראָגן אַפּעלסינען. אומזיסטע טרחה! אין זייער אַרבעט וועלן זיי פאַרוואָרפן ווערן מיט די עפּל — פרישע און צעפוילטע — וועלכע זיי האָבן פריער אַליין געהאָלפן אַראָפּצונעמען פון בוים.

דערפאַר זאָג איך: מען מוז איבערחזרן דעם וווּלגאַרן מאַרקסיזם, ווייל זיין קראַנקע האַלט זיך אויף אַ טעות; מען מוז איבערחזרן דעם אידעאַלן מאַרקסיזם, ווייל חוץ אַ דעם טעות האָט ער איבערהויפּט מער קיין קראַנקע נישט. דער ווּלגאַרער מאַרקסיזם איז אַ לעבעדיקער טעות, דער אידעאַלער מאַרקסיזם איז אַן אָפּגעשטאָרבענער אמת, וועגן וועלכן שפּענגלער האָט מיט רעכט געקאָנט זאָגן, אַז מ׳באַקעמפט אים שוין מער נישט, נאָר מ׳האַלט אים פאַר לאַנגווייליק. דער וויסנשאַפטלעכער אידעאַלער מאַרקסיזם האָט שוין לאַנג אויפגעהערט צו באַלעבן די סאָציאַליסטישע פּראַקטיק. מילא אַן אַרסענאַל פון טראַדיציאָנעלע אַגיטאַטאָרישע שלאָגווערטער, דינט ער נאָך דערצו, כדי מעגלעך צו מאַכן אַ דעמאַגאָגישן געווער-קאַמף מיט די קאָמוניסטן. דערביי ווערן אָבער אַרויסגערופן אַזעלכע גייסטער, וועלכע זענען שוין לאַנג פרעמד געוואָרן דעם ווירקלעכן שטרעבן פון דער נישט-קאָמוניסטישער אַרבעטער-באַוועגונג. די טרייבנדיקע כחות, וועלכע ווערן דערוועקט אַ דאַנק דידאָזיקע לאָזונגען, פּאַסן צו דער פּראַקטיק פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע ווי אַ לאָך אין קאָפּ. זיי דערציען אין די אייגענע רייען אַ שטימונגס-אָפּאָזיציע, וועלכע מוז זיין פרוכטלאָז און צעשטערנדיק, ווייל זי וויל בכלל נישט אָנערקענען די פּראַקטיק אַלס יסוד פון איר דענקען. די טראַגיק פון דעם אומאָפּהענגיקן סאָציאַליזם אין דייטשלאַנד זינט דער רעוואָלוציע איז געווען אָט דידאָזיקע אינערלעכע אומאמתדיקייט, אָט דידאָזיקע סתירה צווישן די מאַרקסיסטישע לאָזונגען און דער ווירקלעכער טעטיקייט פון יעדער אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע, וועלכע שטרעבט נישט דווקא צו אַ בירגער-קריג. דאָס מוז ווערן דער טראַגישער

[1] דע מאַן האָט דאָ אין זינען די אַזוי גערופענע לינקע סאָציאַל-דעמאָקראַטן אין דייטשלאַנד. (איבערז.)

גורל פון יעדער באַוועגונג, וואָס באַזיצט נישט די יוגנטלעכע קראַפט צוצופּאַסן איר פּראַקטיק צו איר טעאָריע, אָדער איר טעאָריע צו איר פּראַקטיק; אָדער, ריכטיקער געזאָגט, וואָס באַזיצט נישט, צוליב אירע אַגיטאַטאָרישע חשבונות, דעם מוט אָפּצוזאָגן זיך פון שלאָג-ווערטער, וואָס זייערע פּראַקטישע פּועל יוצאס שטייען אין אַ סתירה צו איר פּאָליטיק.

אויף וויפל דער מאַרקסיזם איז נישט קיין וווּלגאַרער מאַרקסיזם, איז ער היינט-צו-טאָג געוואָרן נאָר אַ ליטעראַרישער ענין. אויף אַזויפיל זענען די קאָמוניסטישע ווולגאַרע מאַרקסיסטן די אמתע אויסנוצער פון דער מאַרקסיסטישער ירושה. זיי זענען דאָס אפשר נישט דערפאַר, וואָס זיי פאַרשטייען בעסער מאַרקסן אויפן יסוד פון זיין תקופה; נאָר טאַקע דערפאַר, וואָס זיי נוצן אים אַמבעסטן אויס פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון זייערע צילן, פאַר די אויפגאַבן פון זייער תקופה. דאָס בילד פון מאַרקסן, וועלכעס ס'שילדערט אונז קאַוטסקי, איז מסתמא ריכטיקער פון דער פאָרשטעלונג, וואָס לענין האָט איינגעפלאַנצט אין די מוחות פון זיינע תלמידים; אָבער קאַוטסקי באַהאַנדלט אַ פּאָליטיק, וועלכע ער באַווייזט נישט, בעת די מאַרקסיסטישע לאָזונגען פון לענינען מאַכן פּאָליטיק אויך נאָך זיין טויט און שאַפן פּאָליטישע ווירקלעכקייטן.

דער קאָמוניזם איז די איינציקע מאַסן-באַוועגונג, אין וועלכער דער מאַרקסיזם לעבט ווייטער אַלס אַ גלויבן. ער האָט אינגאַנצן אויסגענוצט די אַפעקט-סטימולירנדיקע ווירקונג פון די מאַרקסיסטישע שלאָגווערטער. אַלע לעבנס-ספּאַיקע קערנדלעך, וועלכע מאַרקס האָט אַריינגעוואָרפן אין די נשמות פון די מאַסן, האָט דער קאָמוניזם געמאַכט פרוכטבאַר. ער האָט דעם מאַרקסיזם געמאַכט צו אַ רעליגיע, און דאָס איז געווען דער איינציקער וועג אים צו פאַרווירקלעכן, ווייל וויסנשאַפט ווערט נאָר דעמאָלט צו אַ מאַסן-אָנגעלעגנהייט, ווען זי איז ביכולת צו באַגרינדן אַ גלויבן. די סאָציאַליסטישע איידעלע מאַרקסיסטן זענען ליטעראַטן; די קאָמוניסטישע ווולגאַרע מאַרקסיסטן זענען פּאַרטיי-פירער. קעגן דעם רויב-חייהשן מאַרקסיזם פון די קאָמוניסטן איז דער מעלה-גרה-מאַרק-

ניזם פון די סאָציאַליסטן גאַנץ מאַכטלאָז. ווי גאָר דער מאַרק-
סיזם ווערט צו אַ מאַסן-גלויבן, באַקומט יעדער פון זיינע
טעזיסן, וואָס איז גאָר פּעאיק צו ווירקן אויף די מאַסן,
אַ געפילס-אינהאַלט, וועלכער מאַכט פון אים אַ „וולגאַר-
מאַרקסיסטישן״ שלאָגוואָרט.

ס׳איז נישטאָ קיין איין-איינציקע לאָגישע פאָרמול פון
מאַרקסיזם, וואָס איז געוואָרן צו אַ וואָרט-סימבאָל, וועלכער
זאָל ביי די מאַסן נישט האָבן דורכגעמאַכט אָט אַזאַ מין פאַר-
ענדערונג. פון דעם, וואָס זיי האָבן מער אָדער ווייניקער גע-
הערט מכּח דער מאַרקסיסטישער טעאָריע פון ווערט, באַנעמען
זיי, אַז פּראָדוקטיוו איז נאָר די אַרבעט פון פּראָלעטאַריער;
דאָס שטאַמט דאָס געפיל פון די מאַסן, אַז אַלע אַנדערע
קלאַסן, און קודם כּל די קאַפּיטאַליסטן, פירן אַ פּאַראַזיטן-
לעבן און פאַרדינען דערפאַר די גרעסטע פאַראַכטונג. ווייזט
מען אָבער אָן אין אַן אַרבעטער-פאַרזאַמלונג אויף דעם, אַז
ס׳רוב פון די פאַבריק-אָנפירער און די אונטערנעמער פירן
אויך אַ זייער אַרבעטזאַם לעבן און אַז זייער אַרבעט איז
סאָציאַל באַזונדערס ווערטפול, טאָ רופט דאָס אַרויס אַ פאַר-
ווירונג. אמת, דאָס ענדערט גאָרנישט אין דער ריכטיקייט פון
די סאָציאַליסטישע אויספירן, אָבער דאָס איז קעגן אַ געפיל, וואָס
האַלט זיך שטאָל-און-אייזן אין געוויסע שלאָגווערטער. דער
באַגריף „מערווערט״ באַקומט ביי די מאַסן אַ זינען פון אַ
מאָראַלישער באַשולדיקונג, פאַר וועלכער מען קאָן נישט געפי-
נען קיין שום באַגרינדונג אין די אָריגינעלע אַרבעטן פון מאַרקסן.

די פאָרמול „עקספּראָפּריאַציע פון די עקספּלואַטאַטאָרן״
באַציט זיך ביי מאַרקסן אויף דער דיאַלעקטישער נויטווענדיקייט
פון דעם צוריקקער פון די פּראָדוציר-מיטלען צו די פּראָדו-
צירער, וועלכע וועלן ווערן איינס און דאָסזעלבע מיט דער
געזעלשאַפט גופא. ביי די מאַסן דערנערט דערדאָזיקער געדאַנק
אַ נקמה-געפיל, וועלכעס חלומט פון דער צוריק-דעראָבערונג
פון אַ באַרויבטן אייגנטום דורך די באַגזלטע. ביי די קאָמו-
ניסטן איז דידאָזיקע פאָרמול פון מאַרקסן אפילו איבערגע-
גאַנגען אין דער פאָרמול: „רויבט דאָס אָנגעגזלטע״, אַ דיאַ-
לעקטיש נויטווענדיקייטס-געזעץ איז דערמיט געוואָרן צו אַן

אימפּעראַטיוו, וועלכער זעצט פאָראויס און שאַפט בײַ דעם אַנטי־קאַפּיטאַליסט גופא דיזעלבע פּראָפּיט־מאָטיוון, וועלכע ווערן אויפגעוואָרפן די קאַפּיטאַליסטן.

די פאָרמול פון דעם „וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם“ איז ארומגענומען געוואָרן דורך אַ געפיל, וועלכעס גיט צו די סובּיעקטיוו־באַטאָנטע אייגענע סאָציאַלע אָנשויאונגען דעם נימבּוס פון אַן אָביעקטיוון אַבּסאָלוטן אמת. מאַרקס גופא האָט אַפילו יאָ שטאַרק רעלאַטיווירט די באַדייטונג פון דער סאָציאַלער וויסנשאַפט צוגלייך מיט דער באַדייטונג פון אַלע אַנדערע אידעאָלאָגיעס, ווייל ער האָט זי באַגרינדעט נישט אויף דאָס אַבּסאָלוטע, נאָר אויף דער פאַרענדערלעכער פאָרמולירונג פון קלאַסן און תקופות. אָבער די מאַסן, וועלכע האָבן געהערט דאָסדאָזיקע וואָרט, האָבן איינגעאָטעמט צוזאַמען מיט דער לופט פון זייער תקופה אויך דעם גלויבן אין דער סוווערעניטעט און אומפעלבּאַרקייט פון דעם וויסענשאַפטלעכן דענקען. דאָס האָט בײַ זיי געשאַפן אַ „וויסנשאַפטלעכע“ גדלות, וועלכע רופט אַרויס אין דער פּאָליטיק פאַנאַטיזם, אומטאָלעראַנץ און טעראָריזם.

אַן ענלעכן שיקזאַל האָט געהאַט דער באַגריף פון קלאַסן־קאַמף, בעת ער איז געוואָרן אַ שלאָגוואָרט. אויפן אָרט פון דעם באַגריף פון דער קעגנזײַטלעכקייט פון אינטערעסן און חילוק־טענדענצן איז געקומען אַן אינהאַלט, וואָס איז אָנגעלאָדן מיט געפיל און האָט אַרײַנגענומען אין זיך די אַלע ליידנשאַפטן, וועלכע האָבן זיך אין משך פון דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג פאַרבּונדן מיט די דערשײַנונגען פון מענטשלעכן קאַמף־אינסטינקט. אַזוי אַרום אַנטהאַלט אָפטמאָלס דאָס וואָרט „קאַמף“ פאַר די מאַסן אַפילו דעם באַגריף פון פאַרניינונג פון עקזיסטענץ־רעכט פאַר די אָנגעהעריקע פון די קעגנערישע קלאַסן, ווען דאָס ווערט פאַרלאַנגט פאַר דעם פּראָלעטאַרישן קלאַסן־אינטערעס. קלאַסן־קאַמף ווערט, לויט דעם בײַשפּיל פון מאַרקסן, אידענטיפיצירט מיט דעם קלאַסן־אינטערעס, און די ליידנשאַפטן, וועלכע אַנטשטייען פון דעמדאָזיקן אינטערעס, ווערן אויפגעשטעלט איבער יעדער עטישער נאָרם, פּונקט אַזוי ווי די אידעע פון קלאַס ווערט אויפגעשטעלט

איבער יעדער אַנדערער מענטשלעכער צוגעהעריקייט. די עטיק פון קלאַסן־קאַמף פאַרוואַנדלט זיך אַ דאַנק דעם אין אַ געוויסער מאָס אין אַן עטיק פון קריג, ווו ס'איז אַלץ דערלויבט. אין לענדער און תקופות, ווו די מאַסן־פּסיכיק איז שטאַרק באַאײַנפלוסט פון מיליטערישע טראַדיציעס און קריגס־דערפאַרונגען, ווערט אַזוי אַרום דער לאָזונג קלאַסן־קאַמף בפועל ממש צו אַ קריגס־סטראַטעגישן פּרינציפּ.

דיזעלבע געפילס־באַטאָנונג דערקלערט די פאַרשיידנאַרטיקע און אינטערעסאַנטע וואַנדלונגען פון דעם אויסדרוק „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט", וועלכן מאַרקס האָט גאָרנישט געהאַט בדעה צו מאַכן צו אַ שלאָגוואָרט. דאָס, וואָס איז אין אָנפאַנג געווען אַ צופעליק־אָנגעמערקטע טעאָרעטישע היפּאָטעזע פון פּאָליטיק, איז געוואָרן אַן אני מאמין פאַר מיליאָנען, ווייל דאָס האָט אַנטהאַלטן אין זיך די מעגלעכקייט אויסצולאָזן די אָנגעזאַמלטע רעוואַנש־לײַדנשאַפטן. מאַרקס האָט טאַקע געמיינט האַלטן, אַז אַן אַרבעטערשאַפט, וואָס האָט באַקומען אין אירע הענט די פּאָליטישע מאַכט, מוז קודם כל רעגירן אַלס אַ קלאַס, ביז זי וועט טאַקע מיט דער הילף פון דערדאָזיקער מלוכה־מאַכט אָפּשאַפן די פּאָראויסזעצונגען פון אַלע קלאַסן־חילוקים. דער צוזאַמענהאַנג, אין וועלכן עס איז געבראַכט געוואָרן דערדאָזיקער אויסדרוק, באַווייזט, אַז מאַרקס האָט דאָ געהאַט אין זינען נישט דיקטאַטאָרישע, נאָר דעמאָקראַטישע מעטאָדן פון דערדאָזיקער צײַטווײַליקער קלאַסן־הערשאַפט. אָבער וואָס בלײַבט פון די אַלע שיינע געדאַנקען־בויאונגען, ווען די לײַדנשאַפט פון די מאַסן כאַפּט אונטער אָט דעמדאָזיקן אויסדרוק? די קריטיק פון די טעקסטן איז מאַכטלאָז קעגן אַ וואָרט, וואָס פּאַסט זייער גוט אויף רעכטפאַרטיקן די פּראַקטיק פון אַ פּראָלעטאַרישן געוואַלט־רעזשים אַנטקעגן די, וואָס האָבן פריער געוועלטיקט. דאָס איבעריקע איז נאָר ליטעראַרישע חריפות.

אַזוי אַרום קומט שטענדיק אין דער אַנטוויקלונג פון יעדער סאָציאַלער באַוועגונגס־טעאָריע אַ מאָמענט, ווען די גײַסטיק־פּרוכטבאַרע, אַקטיווירנדיקע אימפּולסן, וועלכע האָבן געשטאַמט פון דעם יחיד, פאַרלירן זייער לעבעדיקייט און

ווערן אין דער פּראַקטיק באַהערשט פון אימפּולסן, וועלכע גייען אַרויס פון די עמאָציאָנעל-אויפגערעגטע אָבער גייסטיק-אינערטנע מאַסן. אידעען ווערן צו מאַסן-ציִלן דורך דעם, וואָס זיי גייען דעם וועג פון דעם קלענסטן ווידערשטאַנד. אַפילו נאָכדעם, ווען דער נייער אימפּולס, וועלכן די דאָזיקע ציִלן האָבן אַרויסגערופן, איז שוין אינגאַנצן אָפּגעשטאָרבן, באַהאַלטן זיי זייער נוצן פאַר די מאַסן, כּדי צו „זיכערן" אַ לאַגע, וואָס איז אייגנטלעך קאָנסערוואַטיוו. ווי נאָר עס הויבט זיך אָן דאָס אָפּשטאַרבן פון דעם אימפּולס, פאַרלאַנגט די גייסטיקע ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער באַוועגונג אַ נעגאַטיוו-געריכטעטע קריטיק פון דער לערע; ווייל די טויטע צווייגן מוזן שטענדיק אָפּגעשניטן ווערן עטוואָס העכער פון דעם אָרט, ווו זיי זענען אָפּגעשטאָרבן.

אין דערדאָזיקער הינזיכט איז כאַראַקטעריסטיש, אַז גראָד יענע עלעמענטן פון דער מאַרקסיסטישער לערע, וועלכע איך האַלט פאַר די שוואַכסטע, ווייל זיי זענען נאָר רעפלעקסן פון אַן איבערווונדענעם מאַטעריאַליסטישן שטייגער דענקען, שטעלן זיך אַרויס היינט-צו-טאָג אַלס די סאַמע לעבעדיקסטע; לעבעדיק אין דעם זינען, וואָס זיי האָבן געפונען אין דער פאָרם פון שלאָגווערטער אַמלייכטסטן אַ צוטריט צו די מאַסן און ווערן פון זיי אַמשטאַרקסטן אָפּגעהיט. די שטיכווערטער דעטערמיניזם, ראַציאָנאַליזם און עקאָנאָמישער העדאָניזם, וועלכע איך האָב געברויכט, כּדי צו באַצייכענען די דריי גרונט-שטייגער פון דעם מאַרקסיסטישן שטייגער דענקען און וועלכע ווערן אָפּגעפרעגט פון דער נייער בייסטיקער אַנטוויקלונג, כאַראַקטעריזירן גראָד דאָס, וואָס האָט אַמייסטן פעאיק געמאַכט דעם מאַרקסיזם צו פאַרשפּרייטן זיך צווישן די מאַסן. אומעטום, ווו דער מאַרקסיזם איז געוואָרן פּאָפּולער — ווי, למשל, צווישן דער סאָציאַליסטישער אַרבעטערשאַפט פון דייטשלאַנד נאָך לאַסאַלן, — איז דאָס בלי ספק אַ דאַנק אַ געוויסער איבעראיינשטימונג פון זיין שטייגער דענקען מיט אַ שיקזאַלדיקן וועלט-געפיל פון די פּראָלעטאַרישע מאַסן.

די אָפּשאַצונגען, אין וועלכע עס דריקט זיך אויס אַ באַשטימט סאָציאַל וועלט-געפיל (וועלכעס פאַרברייטערט

זיך צו אַן אַלגעמײנער װעלט־אָנשױאונג עמפּיריש דורך אַ פּשוטער פאַרלענגערונג פון זײן ראַדיוס, זענען סוף כל סוף געפילס־ און געװױנהײטסמעסיקע אָפּשאַצונגען פון מאָטיװן.

די טעאָריע פון מאָטיװן פון מאַרקסיזם אַנטהאַלט אָבער אין װיכטיקע פּונקטן יענע מאָטיװן־אָפּשאַצונג, װעלכע װערט פאַרװירקלעכט אין דער טאָג־טעגלעכער סביבה פון פּראָלעטאַרישן לעבן, אױף װיפל זי איז די דערפאַרונג פון די פעאָדאַל־קאַפּיטאַליסטישע צושטאַנדן.

צו דעם מאַרקסיסטישן עקאָנאָמישן העדאָניזם פּאַסט אין דערדאָזיקער סביבה די הױכע אָפּשאַצונג פון דעם עקאָנאָמישן מאָטיװ, ד. ה. די העכערע אָפּשאַצונג פון אַלע האַנדלונגען, װאָס זענען געבױט אױף דעם הכנסה־מאָטיװ, װאָס איז אַנטפּלעקט געװאָרן דורך דעם קאַפּיטאַליזם. דעם אַנטשפּרעכט אױך דער געזעלשאַפטלעכער שיקזאַל, װעלכער צװינגט די אַרבעטער־שאַפט צו דער עקאָנאָמישער אָפּהענגיקײט, איז מכניע איר גאַנץ לעבן צו דער זאָרג פאַרן שטיקל ברױט און מאַכט זי אומפעאיק צו פאַרבעסערן איר לאַגע אַנדערש אַלס דורך דער שטײגערונג פון איר אײגענעם הכנסה־מאָטיװ אין קעגנזאַץ צום הכנסה־מאָטיװ פון דעם אונטערנעמער און הענדלער. דער אַרבעטער, װעלכער לעבט אין אַ סביבה, װעלכע שײנט אים צו זײן אינגאַנצן באַהערשט פון דעם הכנסה־מאָטיװ, לײגט אַרײן די העכסטע אָפּשאַצונג פון דעמדאָזיקן מאָטיװ אױך אין דער גאַנצער געזעלשאַפט בכלל און אַפילו אױך אין דעם געזעלשאַפטלעכן עבר. דערפון שטאַמט זײן נטיה אָנצונעמען די מאַטעריאַליסטישע אױסטײטשונג פון דער געשיכטע פון דעם מאַרקסיזם, װעלכער דערהױבט דידאָזיקע אָפּשאַצונג צו אַ יסוד פון דער געזעלשאַפט־טעאָריע.

פּונקט אַזױ שטײט עס אױך מיט דעם געזעלשאַפטלעכן צװאַנגס־מאָטיװ און מיט דעם ראַציאָנאַלן נוצלעכקײטס־מאָטיװ, װאָס שאַפן דעם יסוד פון דעם מאַרקסיסטישן דעטערמיניזם און ראַציאָנאַליזם. אומעטום דאָרטן, װו נאָר דער מאַרקסיזם האָט די אױבערהאַנט, פילט דער אַרבעטער די געזעלשאַפטלעכע כוחות אַלס אַ צװאַנג, װאָס באַשטימט זײן װילן. זײן אַרבעט איז בעיקר אַן אױספירנדיקע, אַ פאָרגעשריבענע אַרבעט, װעלכע

איז געוואָלט, געדאַכט און אָנגעפירט דורך אַנדערע. ער מוז חוינען דאָרטן, ווו ער באַקומט זיין אַרבעט און אויף איר אויסוואַל האָט ער כמעט גאָר קיין שום איינפלוס נישט. אַ פאַרבעסערונג פון זיין איינצל־שיקזאַל קאָן ער, געווינלעך, דערגרייכן נאָר דורך דער פאַרבעסערונג פון דעם קלאַסן־שיקזאַל; אויך דאָס צווינגט אים זיין איינצל־חילן מבטל צו זיין דעם כלל־ווילן. אַלס עקאָנאָמיש שוואַכער איז ער אויך סאָציאַל שוואַך; זיין באַציאונג צו אַלע געזעלשאַפטלעכע כוחות, באַזונדערס צו דער מאַכט פון דער מלוכה, באַטייט פאַר אים אַ צושטאַנד פון אַ דויערנדיקן צוואַנג. דערפאַר גיט ער צו דעם צוואַנגס־מאָטיוו פון דער נויטווענדיקייט אַ באַזונדערס זיכפולע באַדייטונג. און ווייל די גאַנצע געזעלשאַפטלעכע געשעענישן פון היינט באַטייטן פאַר אים אַ נויטווענדיקייט, גלויבט ער אויך אין אַ לערע, וועלכע פאַסט אויף אַלע געשעענישן פון דעם עבר, אפילו דעם גאַנצן וועלט־סדר, אַלס אַ פועל יוצא פון אַ נויטווענדיקייט, פון אַן אייזערנעם געזעץ.

די נויטווענדיקייטן, פון וועלכע דער אַרבעטער ליידט אַמאָומיטלבאַרסטן זענען זיינע טעגלעכע ברויט־זאָרגן און די אויפגעצוווּנגענע אַרבעט. דערביי זעט ער סיי אין זיין פאַרהעלטעניש צו דעם ברויט־געבער, וואָס צאָלט אים אויס זיין לוין, און סיי אין פאַרהעלטעניש צו זיין טעגלעכער אַרבעטס־אויפגאַבע אַ צושטאַנד, וועלכער איז באַהערשט דורך דער ראַציאָנעלער דערקענטעניש פון דער נוצלעכקייט. זיין אונטערנעמער אַנטפּלעקט זיך פאַר אים אַלס דער, וואָס האָט אין קאָפּ נאָר זיינע פּראָפיט־אינטערעסן און באַגרינדעט אַלע זיינע האַנדלונגען אויף דער דערקענטעניש פון דעמדאָזיקן אינטערעס. ער גופא אַרבעט נישט דערפאַר, וואָס ער האָט דערפון הנאה, נאָר ווייל ער דאַרף האָבן די נוצן פון דער הכנסה. זיין אַרבעט איז אַ שטענדיקע אָנווענדונג פון אַ ראַציאָנעלן, אורזאַכלעכן מעכאַנישן דענקען אויף מעכאַנישע אויפגאַבן, וועלכע זאָלן דינען צו אַ געוויסן נוצן. זיין אייגענע סאָציאַלע דערפאַרונג ברענגט אים דערצו, אַז ער זאָל נישט גלויבן אין קיין זאַך נישט, וואָס זאָל נישט קאָנען זיין באַגרינדעט מיט דעם פאַרשטאַנענעם אינטערעס; ער האַלט פאַר ריכטיק און

ריכטיק נאָר אַזאַ געזעלשאַפטלעכן באַנעם, הינטער וועלכן ער קאָן דערבליקן אַ געוויסן אינטערעס; און ער האָט קיין שום צוטרוי נישט צו אַ וועלכער נישט איז אָנשויאונג, וועלכע שטעלט זיך נישט אַרויס אַלס אַ פאַרטרעטונג פון אינטערעסן, און צו אַ וועלכן נישט איז געדאַנק, וועלכער איז נישט קיין לאָגישע אָנווענדונג פון אַ מעכאַנישן געזעץ. דערפון שטאַמט די פולשטענדיקע פאַרקריפּלונג פון דעם עסטעטישן זינען און די פאַראַכטונג פון אַלע עטישע מאָטיוון, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם מאַרקסיסטישן אַרבעטער. דערפון שטאַמט אויך די פאַרניינונג פון יעדער טראַדיציאָנעלער רעליגיע. וואָס דאָס איז אַזאַ שאַרפער חילוק צווישן דעם הייניקן אינדוסטריע-אַרבעטער און דעם פויער. ווי בערטראַנד ראַסעל האָט ריכטיק באַמערקט, איז פאַר דעם פויער האָט אַ זינען צו גלויבן אין אַ גאָט, וועלכער מאַכט דאָס וועטער; מען קאָן זיך אָבער נישט קלאָר פאָרשטעלן, אַז, למשל, דער פאַרבאַנד פון די ענגלישע בערג-אַרבעטער זאָל טאָן תפילה, כדי דער רבונו של עולם זאָל באַשאַפן נייע קוילן-גרובן אָנשטאָט די פאַרברויכטע. דעם אינדוסטריעלן אַרבעטער און דעם שטאַאַטס-מענטש בכלל דוכט זיך אויס, אַז אַלץ, פון וואָס זיין מזל איז אָפּהענגיק, איז דערקענבאַר דורך דעם מענטשלעכן שׂכל און דערקלערבאַר דורך דער ווירקונג פון מעכאַנישע געזעצן. אַזאַ אַרט פון דענקען, וועלכע דערהויבט דעם העדאָניסטישן און ראַציאָנאַליסטישן מאָטיוו צו אַ געזעץ פון דעם גאַנצן געזעלשאַפטלעכן לעבן, ווי דאָס טוט דער מאַרקסיזם, אַנטשפּרעכט אַזאַ מין וועלט-געפיל.

דערפאַר פאַקט האָט דער מאַרקסיזם געווירקט אויף די פּראָלעטאַרישע שיכטן, וואָס זענען פון אים באַאיינפלוסט, אַלס אַ וועלטאָנשויאונג, טראָץ דער פאַרזיכערונג פון זיינע טעאָרעטיקער, אַז ער וויל זיין נאָר אַ געזעלשאַפטס-טעאָריע און נישט קיין וועלטאָנשויאונג. יעדעס סאָציאַלע וועלט-געפיל באַרייטערט זיך אויס פון זיך אַליין צו אַ קאָסמישן וועלט-געפיל, בעת מען טייטשט אַריין אין דאָס גאַנצע וועלט-געשעען יענע מאָטיוון, וועלכע מען זעט ווירקן אין סאָציאַלן לעבן. די קלאָרע באַשטעטיקונג פון דעמדאָזיקן פאַקט קאָן

מען זען אין דעם, אַז אומעטום, וווּ די אַרבעטערשאַפט באַ-
קענט זיך צום מאַרקסיסטישן סאָציאַליזם (אין קעגנזאַץ צו די
אַנגלאָ-זאַקסישע לענדער) איז דער אָפּקער פון יעדן טראַדי-
ציאָנעלן רעליגיעזן גלויבן, ממש אַ זעלבסטפאַרשטענד-
לעכקייט.

מ׳קאָן דערפאַר מיט פולן רעכט זאָגן, אַז דער מאַרק-
סיזם, וואָס שיינט צו זיין נאָר אַ געזעלשאַפט-טעאָריע, איז
אין דער ווירקלעכקייט אַ סאָציאַל-באַגרינדעטע וועלטאַנשויאונג.
נישט ט ר אָ ץ, נאָר א ד אַ נ ק זיין קאָנצענטראַציע אויף
דאָס געזעלשאַפטלעכע האָט ער געווירקט אַלס אַ במקום-רע-
ליגיע. גראָד דערפאַר, ווייל ער האָט דערמיט אויך טעאָרעטיש
באַפרידיקט די בטיחה פון די מאַסן אויפצובויען זייער וועלט-
בילד אויפן יסוד פון אַ וועלט-גאַנצן, וועלכעס באַזירט זיך
אויף סאָציאַלע אָפּשאַצונגען. גראָד דערפאַר איז ער געווען
ביכולת אין משך פון צוויי אָדער דריי דורות צו געווינען
אַזאַ אומגעהייערע השפעה אויף די אַרבעטער-מאַסן פון מיטל-
און מזרח-אייראָפּע, אַ השפעה, וועלכע עס קאָן האָבן נאָר אַן
א מ ו נ ה. דער איינפלוס פון די טראַדיציאָנעלע קריסטלעכע
וועלטאַנשויאונגען איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן, ווייל זיי האָבן
זיך באַזירט אויף אַן עמאָציאָנעלער אָדער ראַציאָנאַליסטישער
אַנטפלעקונג. דידאַקטיקע אַנטפלעקונג איז נישט אַנטשטאַנען
דורך דעם, וואָס מען האָט אַריבערגעטראָגן אויף דעם וועלט-
בילד די פון דער סאָציאַלער ווירקלעכקייט אַרויסגענומענע
אָפּשאַצונגען; פאַרקערט, זי איז געשטאַנען אין אַ ווידער-
שפּרוך צו דידאַקטיקע אָפּשאַצונגען. די קריסטלעכע וועלטאַנשוי-
אונגען דערשיינען פאַר דעם מאַרקסיסטישן אַרבעטער ווי
צביעות, ווייל זיי פרעדיקן אַן עטיק, וואָס שטימט גאָרנישט
מיט דער פּראַקטישער מאָראַל פון דער אינדוסטריעלער תקופה,
זיי גיבן אַ וועלט-בילד, וועלכעס ווידערשפּרעכט דער סאָציאַ-
לער ווירקלעכקייט און דעם מעטאָד פון דענקען ביי דעם
אינדוסטריעלן אַרבעטער, וועלכער ווערט געשפּייזט דורך דער-
דאָזיקער ווירקלעכקייט. אַזויאַרום איז דער קירכלעכער
גלויבן, וואָס איז געווען פּאַרפּעקטיקט אין משך פון הונדער-
טער יאָרן, פאַרדרענגט געוואָרן אין אַ קורצער צייט ביי

מיליאָנען מענטשן דורך אַ מאַרקסיסטישן גלויבן, װאָס זײַן צוציִענדיקע קראַפֿט באַרוט אויף דעם, װאָס ער פֿירט אַרויס זײַן װעלטאָנשויאונג פֿון דער סאָציאַלער לעבנס־דערפֿאַרונג — און נישט פֿאַרקערט.

מען דאַרף קײן טעות נישט האָבן: דאָסדאָזיקע װעלט־געפֿיל בײַ דעם אַרבעטער איז בעצם נאָך גאָרנישט סאָציאַליסטיש. עס אַנטשפּרעכט נאָר אויף אַזויפֿיל דער פּראָלעטאַרישער לעבנס־דערפֿאַרונג, אויף װיפֿל דער פּראָלעטאַרישער שטײַגער דענקען באַטײַט אַ זעלישע „צופּאַסונג" צו דער קאַפּיטאַליסטישער סביבה, אָבער אָן דער „קעגנזעצלעכער רעאַקציע" לגבי איר. אין דעם שפּיגלט זיך אָפּ דער פֿאַקט, װאָס דער מאַרקסיזם איז גיכער די לערע פֿון דעם דערװאַכנדיקן פּראָלעטאַריאַט, װעלכער איז אָקאָרשט געקומען צו דער דערקענטעניש פֿון זײַן לאַגע אַלס אָביעקט, װי די לערע פֿון דער אַרבעטערשאַפֿט, װאָס איז דורך איר קאַמף געקומען צו אַ סאָציאַלער חשיבות און צו אַן אַקטיװער מיטבאַשטימונג. די שטריכן פֿון דעם פּראָלעטאַרישן דענקען, װעלכע אַנטשפּרעכן דעמדאָזיקן בילד, צײכענען אָן אין דעם אַרבעטער דעם קאַפּיטאַליסטישן מענטש און נישט דעם סאָציאַליסטישן. אין דעמדאָזיקן טיפֿערן זינען קאָן מען זיך באַנוצן מיט דעם װאָרט פֿון זאָמבאַרטן װעגן מאַרקסן, װעלכער האָט זיך, אַזוי װי אַמאָל קאָלומבוס, געלאָזן אין װעג, כּדי צו אַנטדעקן דעם סאָציאַליזם און האָט געפֿונען דעם קאַפּיטאַליזם. װײַל דאָ אָט אין דעם װעלט־בילד זענען אַרײַנגענומען נאָר יענע פֿאַקטן, װעלכע ליגן אין דער קאַפּיטאַליסטישער סביבה, און נישט די צילן, װעלכע װאָרצלען אין דער פֿאַר־קאַפּיטאַליסטישער מענטשלעכער עטיק און אין דער סאָציאַלער פֿאָרשטעלונגס־װעלט. דערפֿאַר טאַקע, אויב מיר שטעלן פֿעסט דאָס אַלץ, װאָס עס מאַכט דעם מאַרקסיזם פֿאַר אַ פֿאַרשטעלטער רעליגיע פֿון פּראָלעטאַרישן ציניזם און מאַטעריאַליזם, טאָ באַרעכטיקט דאָס אונז צו דעם אויספֿיר, אַז ער קומט אויך אין פּסיכאָלאָגישער הינזיכט נאָר צו אַ קאַפּיטאַליזם, אָבער מיט אַ פֿאַרקערטן צײכן. די אידעאָלאָגישע עלעמענטן, װעלכע באַזירן זיך אויף דער צופּאַסונג צו אַ באַשטימטער סביבה, דערלײכטערן די זעלישע

ווידער-דעראָבערונג פון דערדאָזיקער אידעאָלאָגיע דורך דער סביבה גופא.

דאָס באַשטעטיקט זיך אויך אין דעם, וואָס דער מאַרקסיזם, וועלכער איז אייגנטלעך געבוירן געוואָרן אין מזרח פון ריין, האָט זיך אין דער פּראַקטיק נאָך אַ תּקופה פון אַ כּלומרשט אינטערנאַציאָנאַלער באַהערשונג פון דער אַרבעטער-באַוועגונג צוריק-אַנטוויקלט צו אַ טעאָריע בלויז פון דעם מיטל- און מזרח-אייראָפּעאישן סאָציאַליזם. דער מאַרקסיזם איז דאָ געווען און געבליבן די טיפּישע געשטאַלט פון פּראָלעטאַרישן סאָציאַליזם אין לענדער אָן דעמאָקראַטיע. און ווי פאַרלאָקנדיק די אויפגאַבע זאָל נישט זיין, מוז איך זיך אָבער אָפּזאָגן דאָס צו באַווייזן אויף דעם בייַשפּיל פון דעם רוסישן מאַרקסיזם, וועלכער האָט זיך אַנטוויקלט צום לעניניזם. כּדי דאָס צו טאָן, וואָלט איך זיך געמוזט אָפּזאָגן פון מיין פּרינציפּ צו באַרירן זיך נאָר אויף דעם, וואָס איז פון מיר דורכגעלעבט, און נישט נאָר אויף דעם, וואָס איז געלייענט געוואָרן אין ביכער. און ווייל עס פעלט מיר די אוממיטלבאַרע באַאָבאַכטונג פון די רוסישע צושטאַנדן זינט דעם יאָר 1917, וויל איך זיך בעסער אָפּהאַלטן פון אַרויסצוזאָגן אַן אורטייל וועגן אַנטוויקלונגען, וועלכע זענען נאָך אין פולן גאַנג און וועלכע איז שווער צו באַאָבאַכטן פון אויסלאַנד. די „נאַציאָנאַליזירונג" פון דעם מאַרקסיסטישער שטייגער דענקען זאָל דערפאַר אילוסטרירט ווערן נאָר אויף דעם בייַשפּיל פון דייטשלאַנד, נאַמענטלעך פון דעם סאָציאַל-דעמאָקראַטישן דייטשלאַנד אין דער בליאונגס-צייט פון מאַרקסיזם אין די פאַר-מלחמה יאָרן.

פרעגט מען: ווי קומט עס, וואָס דער מאַרקסיזם האָט זיך אַלס הערשנדיקע פאָרם פון סאָציאַליזם פאַרפעסטיקט אַ חוץ דייטשלאַנד נאָר אין די דייטש-רעדנדיקע אָדער פון דייטשלאַנד באַאיינפלוסטע גערמאַנישע לענדער פון מיטל- און צפון-אייראָפּע? — טאָ קאָן מען דאָס דערקלערן מיט אַ מערקווירדיקער איבעראיינשטימונג צווישן דעם מאַרקסיסטישן שטייגער דענקען און דעם דייטשישן נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. די אייגנאַרטיקייט פון מאַרקסיזם אַלס אַ טיפּיש-דייטשישן שטייגער דענקען לאָזט זיך פאַרשטיין פון די קולטורעלע ווירקונגען, וועלכע עס האָט

אַרויסגערופן אַ שנעלע אָבער אַ פאַרשפּעטיקטע אַנטוויקלונג צו דער גרויס-אינדוסטריע אין אַ ביוראָקראַטיש-מיליטערישן שטאַט, אָן דעמאָקראַטישע טראַדיציעס,—זי דערקלערט זיך מיט אַזעלכע פאַרהעלטענישן, וועלכע שטעלן אַרויס דייטשלאַנד (אין קעגנזאַץ צו דער הערשנדיקער מאַרקסיסטישער אויפפאַסונג) אין פּאָליטישער הינזיכט גיכער אַלס אַ יונג און אַ ווייט-אָפּגעשטאַנען, איידער אַ פאָרטגעשטריטן לאַנד.

די עקסטרעמע קאָנצענטראַציע פון דער אַרבעטער-באַוועגונג אויפן קאַמף פאַר דער מלוכה-מאַכט און די מלוכהש-סאָציאַליסטישע אָפּפאַרבונג פון דעם מאַרקסיסטישן צוקונפטס-בילד אַנטשפּרעכן די פאַרהעלטענישן פון אַ לאַנד ווי דייטשלאַנד, ווו די אונטערדריקנדיקע מאַכט פון דער מלוכה-מאַשין, דער פאָלקס-גלויבן אין די פעאָדאַלע צדקה-פליכטן פון דעם שטאַט און דאָס פעלן פון שטאַטסבירגערלעכע פרייהייטן האָט געפירט די אַרבעטערשאַפט צו דעם, אַז זי זאָל ראשית כל ווענדן איר אויפמערקזאַמקייט דער ציקר אויף דעם שטאַט אַלס אַזעלכן. אויך די געווערקשאַפטן און קאָאָפּעראַטיוון האָבן זיך דערפאַר אַרויפגעאַרבעט אין דייטשלאַנד ערשט אַ סך שפּעטער און מיט אַ סך אינערלעכע מניעות, אין דער צייט, וואָס אין מערב האָבן זיי געשאַפן די יסודות פון אַ באַוועגונג, וואָס האָט געזוכט צו דערגרייכן אירע צילן אויף ווי ווייט מעגלעך אָן דעם שטאַט.

די מאַרקסיסטישע אויפפאַסונג פון קלאַסן-קאַמף אַלס אַ ריינע מאַכט-פראַגע, וועלכע מוז געלעזט ווערן, אַזוי-צו-זאָגן, מעכאַניש נאָך דער וואַקסנדיקער קעגנזעצלעכער שפּאַנונג אין אַ פּלוצלונגדיקן איבערגאַנג פון באַהערשט-ווערן צום הערשן, איז אין תוך אַן עקאָנאָמיש-סאָציאַלע אָפּשפּיגלונג פון דער דייטשישער מיליטער-מלוכה. די שטייפע מאַרקס-העגעלשע דיאַלעקטיק, וועלכע דיקטירט יעדער פּאָליטישער מינדערהייט, אַז זי זאָל דורך אַגיטאַציע פאַרמערן איר מאַכט, ביז דידאָזיקע מאַכט וועט זיין גענוג שטאַרק, כדי אין אַ קאַטאַסטראָפאַלן ענד-קאַמף פּלוצים צו באַזיגן דעם קעגנער, דאָס איז אַזאַ שטייגער דענקען, וועלכער מוז דעם פראַנצויז אָדער דעם ענגלענדער, וואָס פאַרמאָגן אַ פיינער געפיל פון ניואַנסן, דערשיינען אַלס אַ ברוטאַלע באַ-

ליטישע סטראַטעגיע פון אונטער-אָפּיצירן. אין פּרייסן-דייטשלאַנד פון דער פאַר-מלחמה-צייט איז פאַר דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע אָבער קיין אַנדער וועג כמעט נישט געווען. דער מיליטערישער כאַראַקטער פון דער מאָנאַרכיע, די מאַכטלאָזיקייט פון די פאַרלאַמענטן, דער ברוטאַלער עגאָאיזם פון דעם פּריצישן הערשער-ווילן, דאָס פעלן פון סאָציאַליסטישער קולטור ביי דער בורזשואַזיע, — דאָס אַלץ האָט געבראַכט דערצו, אַז אַן אָפּאָזיציאָנעלע פּאַרטיי איז פשוט אונטערדריקט געוואָרן, ביז די כוואַליעס פון אומצופרידנקייט האָבן זיך אַזוי הויך אויפגעהויבן, אַז די אָפּאָזיציע האָט געקאָנט גלייכצייטיק אַראָפּוואַרפן אירע פאַרלאַמענטאַרישע קעגנער און דאָס גאַנצע רעגירונגס-סיסטעם גופא. פאַרקערט, אין מערב-אייראָפּע איז באַשטאַנען די מעגלעכקייט אויפן גרונט פון דעמאָקראַטישע און פאַרלאַמענטאַרישע פשרות-טראַדיציעס, מער נאָך ווי צוליב די קאָנסטיטוציעס גופא, צו האָבן אַ פּאָזיטיוון איינפלוס אויפן שטאַאַט און אויף דער פאַרוואַלטונג לויט דעם מאַסשטאַב פון דער יעדעסמאָל-אויסגעקעמפטער מאַכט, און אויף אַזאַ אופן גיין פאָרויערטס שטופנווייז און עקספּערימענטעל.

שוין דורך דעם אַליין, וואָס אין צענטער פון דער מאַרקסיסטישער לערע שטייט דער געדאַנק פון אַ קלאַסן-קאַמף, וועלכער דאַרף פירן צום נצחון אויף אַ מיליטערישן אופן, אַ דאַנק דעם אָרגאַניזאַטאָרישן צוזווקס פון מאַכט און דיסציפּלינירטער געשלאָסנקייט, דורך דעם אַליין איז דידאָזיקע אידעאָלאָגיע גאַנץ באַזונדערס ראוי אויפגענומען צו ווערן פון אַזאַ פאָלק, ווי דאָס דייטשישע. די סאָציאַלע פונקציע פון דעם דייטשישן מיליטאַריזם פון 19-טן יאָרהונדערט איז דערפאַר באַשטאַנען אין דעם, אַזוי צו דערהאַלטן און ווייטער צו אָרגאַניזירן די פּסיכאָלאָגישע בינדונגען פון דער פאַר-קאַפּיטאַליסטישער היעראַרכיע, אַז זיי זאָלן קאָנען שאַפן אַ פעסטן יסוד אויך פאַר דער נייער היעראַרכיע פון דעם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַליזם; ווער עס בוקט זיך פאַר דעם פעלדפעבל, דער איז זיך מכניע אויף פאַר דעם פאַבריק-מייסטער.

די גרייטשאַפט צו הכנעה אַלס אַ שטריך פון נאַציאָנאַלן כאַראַקטער האָט זיך דעריבער אַנטפּלעקט ביי דעם דייטשישן

מענטש אויך מחוץ פון דער מיליטער-פליכט, אין דער שטאַאַטס-בירגערלעכער פאַרהעלטעניש צווישן אונטערטאַן און הערשער, אין די טאָג-טעגלעכע באַציאונגען צווישן עולם און באַאַמטע, געזעל און מייסטער, אַרבעטער און אונטערנעמער, תלמיד און לערער, הויז-דינער און באַלעבאָס, קינד און עלטערן, פאַרטיי-מיטגליד און פאַרטיי-באַאַמטן, בקיצור, צווישן די אונטערשטע און די אויבערשטע אינסטאַנצן פון יעדער היעראַרכיע בכלל. אַז די דייטשישע אַרבעטער-באַוועגונג זאָל דערפון בלייבן אומבאַרירט, וואָלט באַטייט, אַז זי באַשטייט נישט פון לעבעדיקע מענטשן. ס'איז נישט קיין צופאַל, וואָס דער „רייכסבאַנער" (די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע פון די געוועזענע אַנטיילנעמער פון קריג) האָט געהאַט אין דייטשלאַנד אַזאַ אומגעהייער-שנעלן מאַסן-דערפאָלג. אַז דערזעלבער מאַרקסיזם האָט דערלייכטערט דער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע אויסצונוצן די הכנעה-געוווינהייטן, די קריגס- און געוואַלט-פסיכאָזן, וועלכע זענען אַנטשטאַנען פון דער קריגס-דערפאַרונג, דעקט אויף ווייטערדיקע פסיכאָלאָגישע צוזאַמענהאַנגען צווישן מאַרקסיזם און מיליטאַריזם.

דער דייטשישער נאַציאָנאַלער כאַראַקטער איז טאַקע נאָר אַ באַזונדערס-בולטער פאַל פון אַ פסיכאָלאָגישער פאַראַנלאַגונג, וואָס עס האָבן אויך די פעלקער פון מיטל- און מזרח-אייראָפּע, וועלכע זענען פאַרבליבן אָן אַ דעמאָקראַטישער טראַדיציע אין קעגנזאַץ צו די פעלקער פון מערב און צו דער ענגליש-זאַקסישער וועלט. אַמבעסטן שטעלט זיך אַרויס דער דאָזיקער קעגנזאַץ אין דער עמאָציאָנעלער באַציאונג פון דעם יחיד צום שטאַאַט, ווי זי איז טיפּיש, למשל, פון איין זייט פאַרן דייטש און פון דער אַנדערער זייט פאַרן ענגלענדער. דער דייטשישער מאַרקסיסטישער סאָציאַליזם איז אויך דערין אַ באַשטאַנדטייל פון אַ נאַציאָנאַל-מלוכהשן און רעכט-פילאָזאָפישן שטייגער דענקען, וואָס פּאַסט אויף דעם יחיד נאָר אַלס אַ מיטל צו אַן אַלגעמיינעם ציל — דעם ציל פון שטאַאַט. פאַרקערט, דער ענגלענדער, גאַנץ גלייך צי ער דענקט קאָנסערוואַטיוו אָדער סאָציאַליסטיש, באַנעמט די מלוכהשע און די רעכטלעכע פאַרבינדונגען אַלס אַ מיטל

צו דערפֿילן פּריוואַט-ציִלן און צו זיכערן פּריוואַט-רעכטן. דער דייטש האָט טאַקע ביז דער קאָנסטיטוציע פֿון ווײַמאַר (1919) אויפֿגעפּאַסט דעם שטאַט נאָר אַלס אַ ווילן פֿון אויבן. ס'איז פֿאַר אים אַבסאָלוט נאַטירלעך, וואָס די מלוכה דערציט אים, איז זײַן מאָראַלישער מורה דרך, זאָרגט פֿאַר אים, בעת ער איז אין נויט, קראַנק אָדער אַלט. פֿירט אים פֿאַר דער האַנט דורכן לעבן מיט דער הילף פֿון פֿאַרבאָטן און אָנווײַזונגען און באַציט זיך צו אים בכלל ווי צו אַ ווען, וואָס מען קאָן אפֿשר נישט שטענדיק ליבן, אָבער צו וועלכן מען מוז זיך באַציִען מיט יראת הכבוד און הכנעה. אויף וויפֿל דידאַזיקע אויפֿפּאַסונג איז פֿאַר דעם ענגלענדער אומדערטרעגלעך, האָט באַוויזן אין דער לעצטער צײַט זײַן ווידערשטאַנד קעגן דער פֿאַרשטאַטלעכונג אונטער דעם דרוק פֿון דער קריגס-נויט אין די יאָרן 1914—1918, און דאָס, וואָס ער האָט זיך אַזוי געאײַלט דאָס רוב פֿון דעם, קודם כּל דעם מיליטער-דינסט, ווידער בטל צו מאַכן, ווי נאָר דידאָזיקע נויט איז אַוועק. ס'איז פֿאַר אים שוין אַ געוויסע שווערע פֿליכט צו לאָזן דער מלוכה דערציִען זײַנע קינדער; און אויב ער ליבט מער און האָט ווייניקער מורא פֿאַר זײַן פּאָליציסט, ווי דער דייטש פֿאַר זײַנעם, טאָ קומט עס דערפֿון, ווײַל ער זעט אין אים נישט דעם באַוואָפֿנטן פֿאַרטרעטער פֿון דעם העכערן ווילן, נאָר פּשוט דעם אָנגעשטאָנענעם אין אַ מונדיר אומבאַוואָפֿנטן פּרײַנטלעכן דינער פֿון באַשטימטע נויטיקע צוועקן פֿון דער געזעלשאַפֿט. דער דייטש שטאָלצירט מיט זײַן פּאָליציסט, ווײַל ער זעט אין אים דעם סימבאָל פֿון אַ העכערער מלוכה-מאַכט, דער ענגלענדער אָבער האָט ליב זײַן פּאָליציסט דערפֿאַר, ווײַל ער ווייס, אַז זיבן הונדערט יאָר פֿון דער Magna Charta און צוויי הונדערט פֿופֿציק יאָר פֿון Habeas Corpus (קאָנסטיטוציע-גאַראַנטיעס פֿאַרן שוץ פֿון פּערזענלעכער פֿרייהייט) שטייען צווישן אים און דער געפֿאַר, אַז דער פּאָליציילעכער שטעקן זאָל קאָנען אַמאָל ווערן אַ צייכן פֿון אַ ביוראָקראַטישן שטאַט.

אויך אין דעם אייראָפּעאישן קאָנטינענט באַשטייט אַן ענלעכער קעגנזאַץ צווישן מזרח און מערב. אין פֿראַנקרײַך איז דער מאַרקסיזם שטענדיק געבליבן אַ פֿרעמדער פּראָדוקט

די אורשפּרינגלעכע טענדענצן פון דעם פראַנצויזישן נאַציאָנאַלן כאַראַקטער האָבן זיך אַנטפּלעקט אין אַ ריי סאָציאַל-פּאָליטישע שטרעמונגען, ווי פּרודאָניזם, אַנאַרכיזם, פעדעראַליזם, סינדיקאַליזם, וואָס האָבן אַלע אַן אינדיווידואַליסטישע אָפּפאַרבונג. אַפילו ביי זשאָרעסן, וועמעס גייסט עס איז אַזוי נאָנט צו אַ מאַסן-סינטעז, טרעט אַרויס די אידעע פון דער דעמאָקראַטיע אַלס אַ פאָדערונג פון דעם יחיד צו דעם שטאַט. בעבעלס סאָציאַל-עטיק איז פאַרקערט אַ פאָדערונג פון שטאַט צו דעם יחיד. זיין אידעאַלער „פרייער פאָלקסשטאַאט“ האָט שוין פון שטענדיק-אָן געהאַט אַ לייכטן קאַזאַרמע-ריח: אין תוך איז ער געווען נאָר אַ פאָרם פון דער מאָנאַרכיע פון פרידריך II, וועלכע איז באַפרייט געוואָרן פון דעם פערזענלעכן עלעמענט און וואָס איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין דינסט פון אַן אידעאַל פון עקאָנאָמישער גלייכהייט. דערפון שטאַמט אויך די שוין פון אונדז דערמאָנטע אידענטיפיצירונג פון שטאַאַט און געזעלשאַפט, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם דייטשישן און מאַרקסיסטישן שטייגער דענקען. זי באַטייט אויך אַן אידענטיפיצירונג פון שטאַאַטס-עטיק מיט געזעלשאַפטס-עטיק, פון דער פליכט לגבי דעם שטאַאַט מיט דער פליכט לגבי דער געזעלשאַפט.

עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז דער דייטשישער סאָציאַליסט רופט אָן זיין אוטאָפּיע מיט דעם נאָמען צוקונפטס-שטאַאַט; דער פראַנצויז רעדט פון cite אָדער פון societe future (שטאָט אָדער געזעלשאַפט פון דער צוקונפט), דער ענגלענדער באַנוצט זיך בעסער מיט אויסדרוקן ווי, למשל, cooperative commonwealth (גענאָסנשאַפטלעכער בונד) אָדער socialist society (סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט). אין דייטשלאַנד האָט דוקא דער שטאַאַט דורך אַ „באַטריבסראַט-געזעץ“ איינגעפירט די פאַבריקפאַרטרעטונגען (ראַטן), וועלכע זענען אין אַלע מזרח-לענדער געוואָרן געשאַפן פון די אַרבעטער און זייערע אָרגאַניזאַציעס אַליין. אָט די „באַטריבסראַטן“ האָבן אויך הויפּטזעכלעך אויסגעפירט די פונקציע, וואָס מען האָט פאַר זיי צוגעטראַכט: אַריינצופירן אין די רואיקע ברעגעס פון אַ ביוראָקראַטיש-היעראַרכישע

יענעם סטיכישן אויפברויז און שטרעבן צו ראַטן, וועלכער האָט זיך אויסגעמאַסטוויי באַוויזן אין דייטשלאַנד. אין קעגנזאַץ צום אויסלאַנד האָט זיך ביז איצט אין דער פּראַקטישער טעטיקייט פון די „באַטריבס-ראַטן" זייער ווייניק דורכגעזעצט דער פּרינציפּיעלער ווילן צו אַ אינדוסטריעלער דעמאָקראַטיע; ווי נאָר עס האָט זיך אַביסל איינגעשטילט די פּאָליטישע אויפרעגונג, האָבן זיי זיך זייער גיך אַנטוויקלט אין כמעט ריין-אָפיציעלע אַפּאַראַטן צו רעגולירן די לוין-פראַגע. בכלל האָט די רעוואָלוציע פון 1918 גלאָזן לגמרי אומבאַרירט דעם שטאַאט און זיין באַאַמטן-אַפּאַראַט. פאַרקערט, זי האָט אים גיכער פאַרשטאַרקט, וואָס איז אויך קיין וואונדער נישט ביי אַזאַ סאָציאַליסטישער שטעלונג, וועלכע באַטראַכט דעם שטאַאט נישט אַלס אַ קעגנשטאַנד, נאָר אַלס אַ מיטל פון דעם סאָציאַלן איבערקער, צו וועלכן מען שטרעבט.

די באַציאונג פון דעם יחיד צום שטאַאט ווירקט אויך אין דער אַרבעטער-באַוועגונג גופא אויף דער באַציאונג פון דעם יחיד צו זיין אָרגאַניזאַציע. דער ענגלענדער ווייס פון קיין דיסציפּלין נישט און איז שטאָלץ, וואָס זיינע פּאַרטייען— ווי אויך זיינע געווערקשאַפטן — זענען אויפגעבויט לויט אַ מעטאָד, וועלכער דערשיינט פאַרן דייטש אַלס אַן אומפאַרשטענדלעכער מאַנגל פון צענטראַליזאַציע. ער פאַרשטייט אויך נישט, ווי אַזוי קאָן דער דייטשישער אַרבעטער אַרויסדרינגען פון דער אידעע פון קלאַסן-קאַמף אַ מיסטישע דערהויבונג פון זיין אייגענעם פערזענלעכקייטס-ווערט. בעת דער ענגלענדער פאַרטיידיקט קלאַסן-אינטערעסן, טוט ער דאס צוליב זיך אַליין; און אַז ער וויל אויסקעמפן פאַר דעם אַרבעטער-קלאַס אַן אַנדער צוקונפט, טאָ גלויבט ער, אַז ער פירט דערמיט אויס נישט אַ קלאַסן-מיסיע, נאָר אַ פערזענלעכע מאָראַלישע מצוה. אין זיין שטייגער דענקען האָט ער שוין פון לאַנג-אָן איבערוואונדן די צוואַנגס-אידעע פון אַ שטאַנד-קאָנסטיטוציע, וואָס איז אַריבערגעגאַנגען אין דייטשלאַנד אויך אין דער היינטיקער גרויס-אינדוסטריעלער תקופה, וועלכע האָט דער דייטשישער אַרבעטערשאַפט אַרויפגעצוואונגען דאָס קלאַסן-באַוואוסטזיין און

האָט געמאַכט דעם דייטשישן מאַרקסיזם צו אַ לערע פון דער היסטאָרישער קלאַסן-מיסיע.

דער אומגעהייער-שנעלער טעמפּ פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, וואָס האָט אין לעצטן דריטל פון דעם 19-טן יאָרהונדערט פאַרוואַנדלט דייטשלאַנד פון אַ פּויערים-און קליינבירגער-מלוכה אין אַן אינדוסטריעלער גרויסמאַכט — דערביי האָט זיך אָבער איר קולטורעלע און פּאָליטישע אַנטוויקלונג דווקא נישט צוגעפּאַסט צום דאָזיקן טעמפּ — דערקלערט אויך אייניקע שטריכן פון דעם נייעם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, וועלכער האָט דעם אַרבעטער פאַראַנלאַגט צום מאַרקסיזם. אַ קלאַס פון קאַפּיטאַליסטן איז דאָ, אַזוי-צו-זאָגן, אַרויסגעשפּרונגען פון דער ערד. ער האָט נישט געהאַט קיין צייט, ווי למשל אין ענגלאַנד, צוגעוווינען זיך צו אַ מעשה-ספּאָרט-אָנגענומענער ריטערלעכקייט און צו אַ פּשרות-גייסט אויפן יסוד פון אַ פּאַמעלעך-אָנגעזאַמלטער סאָציאַלער און פּאָליטישער דערפאַרונג. די טראַדיציאָנעלע באַדייטונג פון די רעזערוו-אָפיצירן פאַר דעם ציווילן לעבן פון די בירגערלעכע קלאַסן, דער ביישפּיל פון דעם היעראַרכישן שטאַאט און דאָס וווייטערדיקע באַשטיין פון דער הכנעה-טראַדיציע ביים פּאָלק גופא — דאָס אַלץ האָט נאָכמער פאַרשטאַרקט די ווירקונג פון אַ צו-שנעלער רעקרוטירונג פון דער אינדוסטריעל-דערשנדיקער שיכט, וואָס אין שפּיץ פון איר האָבן זיך אָוועקגעשטעלט נישט די פּאָרזיכטיקע און פון דער אַלטער קולטור עטיש-אויסגעראַפינירטסטע עלעמענטן, נאָר די, וואָס זענען אומברחמנותדיק באַהערשט פון דעם הכנסה- און מאַכט-אינסטינקט. די ברוטאַליטעט, מיט וועלכער אַזאַ נייע הערשער-שיכט פאַרווירקלעכט איר הערשאַפט, שאַפט נאַטירלעך מעשה-רעאַקציע ביי די באַהערשטע אַן אַנטשפּרעכנדיקע פאַרביטערונג. אויך דאָ ווערט דער הכנסה-אינסטינקט אַרויסגערוקט אין סאַמע פּאָדערגרונט, דער ווידערשטאַנד ווערט אויפגענומען ווי אַ מין מיליטאַריזירונג פון דעם אינטערעסן-קאַמף, וו עס האַנדלט זיך נאָר וועגן דער נאַקעטער מאַכט און דיסציפּלין. אין אַ צייט אָבער, ווען אַלע סאָציאַלע באַציאונגען ווערן רעוואָלוציאָניזירט דורך

דער אינדוסטריעלער אנטוויקלונג, באקומט דוקא דאס עקאנא־מישע אלס אזעלכע א שיקזאל־קראפט, וואס באשטימט אלץ. דער פועל יוצא איז, אז די צוואנגס־אידעע פון אן עקאנאמישער נויטווענדיקייט ווערט במילא און אויפן לייכטסטן אופן אויך ביי דער ארבעטערשאפט דער יסוד פון א סאציא־לער וועלטאנשויאונג.

XVI

די סאָציאַליסטישע טעאָריע און די טאָג-פראַגן פון דער באַוועגונג

> זוכט מען אַ פּאָליטישע טעאָריע, וועלכע זאָל זיין נוצלעך אין אַ באַשטימטן מאָמענט, איז וויכטיק זיך אָפּצוגעבן נישט מיט אַ דערפינדונג פון אַן אוטאָפּיע, נאָר מיט דער אַנטדעקונג פון דער בעסטער ריכטונג, אויף וועלכער די באַוועגונג זאָל זיך אַנטוויקלען.
>
> בערטראַנד רעסעל.

דער שיקזאַל פון מאַרקסיזם ווייזט אונז, ווי אַזוי און אויף וויפל עס קאָן מעגלעך זיין צו פאַרוואַנדלען אַ טעאָריע פון סאָציאַל-וויסנשאַפטלעכער דערקענטעניש אין אַ טעאָריע פון לעבעדיקע מעשים. דער גרענעץ, וועלכן דער מאַרקסיזם האָט דערביי נישט געקאָנט איבערשפּרייזן, ליגט דאָרט, ווו די נויטווענדיקייטס-געזעצן, וועלכע מען דרינגט אַרויס פון אַ ניכטערן-אַנאַליטישער באַטראַכטונג פון דער פאַרגאַנגענהייט, שטעלן זיך אַרויס אַלס אומפעאיק צו טרייבן דעם מענטשלעכן ווילן צו מעשים. אגב קאָן קיין וויסנשאַפט, ווי זי זאָל נישט הייסן, איבערטרעטן אָט דעם גרענעץ, וועלכער ליגט צווישן דעם אַנאַליז און קאָנקרעטע מעשים. דער מעטאָד פון געשיכטע-דערקלערונג, וועלכער שטאַמט פון קאַרל מאַרקסן, בלייבט אונטער באַשטימטע אומשטענדן נוצלעך צו דערקלערן די דערשיינונגען פון דער פאַרגאַנגענהייט, אָבער נישט צו באַגרינדן צילן פון דער מענטש

לעכער שטרעבונג. עס קאָן גוט געמאָלט זיין, אז מיר זאָלן זוכן צו פארשטיין דאָס פארגאנגענע ווי אַן אורזאך פון דער קעגנוואַרט; אָבער דאָס, וואָס איז אַמאָל געווען און וואָס איז היינט, קאָן בשום אופן נישט זיין קיין אורזאך פון דעם, וואָס דאַרף זיין. די פאַקטאָרן, וועלכע באַשטימען דאָס, וואָס דאַרף זיין, זענען די צילן; די אורזאכן זענען אָבער נישט בכח צו באַשטימען דאָס, וואָס דאַרף און זאָל זיין. נו, וואָס קאָן פאַרט די סאָציאַל-וויסנשאַפטלעכע דערקענטעניש, אין איינקלאַנג מיט דער אַנאַליטישער נאַטור פון איר מעטאָד, דהיינו: צו פאַרקניפן באַשטימטע אורזאכן מיט באַשטימטע פועל יוצאס, וואָס פליסן ארויס פון אָט די אורזאכן, דער-גרייכן? זי איז בכח אָנצוצייכענען פאַר אונזערע ווילנס-מעשים, וואָס ציען זיך צו דער צוקונפט, די וואַרשיינלעכע גרענעצן פון זייער ווירקן און שאַפן. דער היסטאָרישער מאַ-טעריאַליזם איז פאַר דעם טאַט-מענטשן אין בעסטן פאַל ברויכ-באַר ווי אַ לערע מכח די באַדינגונגען און שטערונגען פון מעשים, אָבער נישט מכח די מאָטיוון פון די מעשים גופא. ער קאָן — הגם אויף אַן אומזיכערן אופן — סקיצירן גרע-נעץ-ליניעס, אָבער ער איז נישט ביכולת צו מאָלן אַ בילד אין אַלע זיינע פאַרבן. די בעסטע פאַרטיקע סטראַטעגיש-טאָ-פּאָגראַפישע קאַרטע איז נאָך אַלץ נישט דער פּלאַן פון דער שלאַכט, ווי זי איז אין דער ווירקלעכקייט פאָרגעקומען. דאָס געביט פון מאַרקסיזם, ווי דאָס געביט פון יעדער וויסנשאַפט, וועלכע באַזירט זיך אויף דער היסטאָריש-עקאָנאָמישער לערע, איז אַ געביט פון נויטווענדיקייט, פון מוז-פּרינציפּן, אָבער נישט קיין געביט פון פרייהייט, ווו די מעשים פון ווילן שאַפן געשיכטע. דער מאַרקסיזם איז אַ וויסנשאַפט מכח דעם קאַפּי-טאַליזם, נישט אָבער מכח דעם סאָציאַליזם, — קאָנען קאָן ער אויפדעקן די באַדינגונגען פון סאָציאַליסטישער פאַרווירקלע-כונג, וועלכע ליגן אין קאַפּיטאַליזם, ער קאָן אָבער נישט באַגרינדן די עלעמענטן פון סאָציאַליסטישן ווילן, וועלכע גייען ווייטער פון דעם קאַפּיטאַליזם און פון די פון אים געבוירענע אינטערעסן-סכסוכים. די עקאָנאָמישע לערע און די געשיכטע מאָטיווירן אונזער „קאָנען"; וואָס איז אָבער שייך דער מאָ-

טיווירונג פון „זאָלן“, איז דאָס אַן ענין פאַר דער עטיק. די עטיק אָבער איז נישט קיין וויסנשאַפט, נאָר אַ פאַקט פון דער מענטשלעכער נאַטור, אַ פאַקט, וועלכער קאָן אַזוי־צו־אַזוי זיין נאָר אַ קעגנשטאַנד פון דער וויסנשאַפטלעך־פסיכאָלאָגישער באַשרייבונג.

דערפון קומט דער פועל יוצא, אַז דער וויסנשאַפטלעכער סאָציאַליזם אין דעם מאַרקסיסטישן זינען, ד. ה. אַ סאָציאַליזם, וואָס שטאַמט פון דער דערקענטעניש מכח דאָס, וואָס איז געווען, און דאָס, וואָס מוז זיין, איז נישט מעגלעך; ער איז אַ זאַך אָן אַ ממשות. דער וויסנשאַפטלעכער סאָציאַליזם איז פונקט אַזוי אומזיניק ווי וויסנשאַפטלעכע ליבע. דער סאָציאַליזם איז נישט קיין פראָדוקט פון דער וויסנשאַפט, אָבער ער קאָן און זאָל זיין אַן ענין פאַר דער וויסנשאַפט מכח זיך אַליין באַנוצן אַלס אַ הילף צו זיין פאַרווירקלעכונג.

די וויסנשאַפט מכח דעם סאָציאַליזם מוז דעריבער האָבן צווייערליי אויפגאַבן: ערשטנס, אויפצודעקן די אורזאַכלעכע אומשטענדן אין דער אָביעקטיווער ווירקלעכקייט (די פאַרגאַנגענהייט און קעגנוואַרט, די „דערשיינונגען“, די „פאַרהעלטענישן“, די „פּאָזיטיווע פאַקטן“, צו וועלכע עס געהערן אויך די פאַרטיקע ציל־פאָרמולירונגען), און פון דער צווייטער זייט האָט זי די אויפגאַבע צו ווייזן דער סוביעקטיווער ווירקלעכקייט, ד. ה. דער ציל־פאָרמולירונג, וועלכע מ׳האַלט אין שאַפן, די באַדינגונגען און בכן די גרענעצן פון איר פאַרווירקלעכונג. די באַגרינדונג פון אָט די ציל־פאָרמולעס ליגט אָבער מחוץ פון דעם געביט פון דער סאָציאַליסטישער וויסנשאַפט, פשוט ווייל די ציל־פאָרמולעס לאָזן זיך נישט אַרויסדרינגען פון קיין שום לאָגישער אורזאַכלעכער שיטה מכח די מוז־פּרינציפּן, וואָס הייסן אין דער מאַרקסיסטישער שפּראַך „נויטווענדיקייט“.

אויף דעם אופן האָט יעדע סאָציאַליסטישע לערע די אויפגאַבע זיך צו פאַרנעמען, חוץ מיט דער אורזאַכלעכער וויסנשאַפט מכח דער באַוועגונג, אויך מיט דער טעלעאָלאָגיע פון סאָציאַליזם, ד. ה. מיט די ציל־פאָרמולעס, וואָס דאַרפן אָנגענומען ווערן אין נאָמען פון דאָס, וואָס דאַרף און זאָל זיין.

ווי ריכטיק אָט די דוקא אויפגאַבע איז אין דער פּראַקטיק. ווען איך ווייזן דער פאַקט, וואָס די סאָציאַליסטישע באַוועגונג היינט-צו-טאָג, נישט געקוקט אויף דעם אומגעהייערן ים פון איר לערע מכח דער ווירקלעכקייט, ווייס ווינציקער ווי ווען עס איז פריער ח ו ה י ן זי גיים. זי איז ווייניקער ווי ווען עס איז פריער בכח צו פאַרוואַנדלען די דערקענטעניש פון די ווירקלעכע פאַקטן אין אַ שטאַרקן ווילן, אַ דראַנג צו דעם, וואָס זאָל זיין. פריער זענען אין דער סאָציאַלער באַוועגונג געווען צילן, אָבער נישט קיין מיטלען; היינט זענען דאָ מער מיטלען, אָבער ווייניקער צילן. לכל הפחות האָט מען שוין מער נישט דעמזעלבן גלויבן אין דער פאַרווירקלעכונג פון אָט די צילן, אַלזאָ נישט דיזעלבע קראַפט צו זייער פאַרווירקלעכונג. צופיל פאַרווירקלעכונגען זענען מקוים געוואָרן, וועלכע זענען לחלוטין נישט ענלעך צו די צילן, צו וועלכע מען האָט כלומרשט געשטרעבט. אין דער אמתן, זעט איר דען נישט אין דער געפּלפּולטער און שווער-אָטעמדיקער פאָרמולירונג פון אַלע נייערע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי-פּראָגראַמען, וואָס ווילן זיין אויף פולע 100 פּראָצענט מאַרקסיסטיש, די אומבאַקוועמלעכקייט, די פאַרלעגנהייט פון אַן אומלעזבאַרער אויפגאַבע, דהיינו: צו באַגרינדן דעם „מוז" דורך דעם „זיין", אַרויסצודרינגען די סאָציאַליסטישע פאָדערונגען נישט אַנדערש ווי פון די ניכטערנע סאָציאַל-עקאָנאָמישע אַנטוויקלונגס-טענדענצן.

אַ גרונט-תנאי צו פאַרבעסערן אָט דעם צושטאַנד איז דער, אַז דער סאָציאַליזם זאָל זיך באַפרייען פון אַ לערע, וועלכע דרינגט אַרויס די סאָציאַליסטישע צילן פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירקלעכקייט; און מחמת דעם זעט אויס איר פאָדערונג סאָציאַליסטיש, בעת איר אמת פּנים איז גאָר דורך און דורך קאַפּיטאַליסטיש.

דער פאַקט, וואָס דער מאַרקסיסטישער געדאַנקענגאַנג האָט די וואָרצלען אין דער אורזאַכלעכער מאָטיווירונג אויף דעם באָדן פון דער קאַפּיטאַליסטישער סביבה, איז דער טיפער גרונט, וואָס זיינע חרמים און קללות אויפן רעפאָרמיזם און סאָציאַל-פּאַטריאָטיזם (וואָס זענען די הויפּט-פאָרמען פון דער טענדענץ

מצד דער קאַפּיטאַליסטישער סביבה צו באַוויגן די סאָציאַליס־טישע באַוועגונג האָבן לחלוטין קיין שום דערפאָלג נישט.

די מאַרקסיסטישע אַרגומענטאַציע איז, דעם אמת געזאָגט, אַ בוים, וואָס ציט זיין יניקה פון דעמזעלביקן באָדן, וו ס׳וואַקסן די גיפטיקע פירות, מיט וועלכע ער פירט פאַלומרשט אַ קאַמף. אָט דערפון שטאַמט דער משונהדיקער פאַקט, וואָס דער שטייגער, אויף וועלכן דער מאַרקסיזם פירט אַ מלחמה מיט דעם רעפאָרמיזם און סאָציאַל-פּאַטריאָטיזם, האָט אָט די צוויי דער־שיינונגען נישט צעשטערט, נאָר אדרבא פאַרשטאַרקט.

דער מאַרקסיזם האָט נישט געמערקט, אַז די דאָזיקע פאַרענדערונג אין דער מאָטיוו-באַגרינדונג פון סאָציאַליזם איז דער עיקר געקומען דערפון, וואָס אַ גאַנצע טעאָריע איז אויפגעבויט געוואָרן מכח דעם עקאָנאָמישן אינטערעסן-מאָטיוו אַלס דעם הויפּט-טרייב-כוח פון דער אַרבעטער-באַוועגונג. אמת, צום סאַמע סוף האָט ער דאָך נישט געקאָנט פאַרבלייבן בלינד צו דעם פאַקט, וואָס רייסט ממש די אויגן, אַז דער מאַרקסיס־טישער ראַדיקאַליזם האָט גראָד אַ נישטיקן איינפלוס דוקא אין יענע לענדער, וו די אַנטוויקלונג צו דער גרויס-אינדוסטריע און צו דער בירגערלעכער קולטור איז אַוועק גאָר-גאָר חיים. אָט נעמט, למשל, צו באַצייכענען אויף אַ וועלט-קאַרטע די לענדער, אין וועלכע די מערהייט פון די אַרבעטער איז צו־געשטאַנען צום מאַרקסיזם, און איר וועט תיכּף זען, אַז דאָס זענען אַלץ לענדער, וואָס געפינען זיך ערשט אין סאַמע אָנ־פאַנג פון זייער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג. די אינדוסטריעל צום העכסטן אַנטוויקלטע לענדער, ווי אַ שטייגער אַמעריקע, ענגלאַנד, בעלגיע, זענען דוקא די פעסטונגען פון רעפאָרמיזם. דער איינציקער אויסנאַם פון דעם כּלל איז הפּנים דייטשלאַנד. אָבער דוקא דאָ (ד. ה. אין אַ הויך-אינדוסטריעלער לאַנד אַ שטאַרקע אָרטאָדאָקסיש-מאַרקסיסטישע באַוועגונג) ליגט פאַר אונז איינע פון די קולטור-געשיכטלעכע אַנאָמאַליעס (אומרעגל־מעסיקייטן), דהיינו: אַ פאַרשפּעטיקטע צופּאַסונג פון די אַלטע פּאָליטיש-קולטורעלע פאַרהעלטענישן צו דער שנעל-שפּרייזנדי־קער, זייער מאָדערנער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, און צוליב דעם האָט אַ ראַדיקאַל-סאָציאַליסטישע פּאַרטיי געפירט אַ קאַמף

מיט אן אגראריש-רעאקציאָנערער און מיליטאַריסטישער מאָנארכיע. אין דידאָזיקע אומשטענדן האָט אָבער דער מאַרקסיזם, גאָר פאַרקערט, אָפטמאָל באמת זיך צו דערקלערן דווקא דעם רעפאָרמיזם אלס א רעשטל פון די פאַרהאַסטע און באַקעמפטע פאַרעלטערטע אומשטענדן, ווי א שטייגער די פּאַטריאָטישע געפילן און א נטיה צום בירגערלעכן „שלום-בית", אָנשטאָט דעם קלאַסן-קאַמף על פי נוסח פון „אָרטאָדאָקסאַלן מאַרקסיזם". נו, דאַרף מען דען בכן האָבן א בעסערן באַווייז ווי אָט דעם פאַקט, כדי צו זען די ריכטיקייט פון אונזער קוק, אַז דער דייטשישער מאַרקסיזם פון פאַר-דער-מלחמה-צייט האָט נאָר געלעבט ווי א טעאָריע פון פּאַרטיי-קאַמף און אַז ער האָט נאָך דער מלחמה, און מיט דער דעמאָקראַטיזירונג פונם פּאָליטישן לעבן, פאַרלאָרן דעם איינפלוס אויף דער פּאָליטישער פּראַקטיק אויך אין דייטשלאַנד גופא!

חוץ דער ווּיסנשאַפטלעכער אויפגאַבע און פּראָבלעם מכּח דער ווירקלעכקייטס-דערקענטעניש פאָדערט אויך די פּראַקטישע אויפגאַבע מכּח דער גייסטיקער איינהייט און פרוכטבאַרקייט פון דער אַרבעטער-באַוועגונג, אַז זי זאָל פאַר זיך שאַפן א טעאָריע, כדי זיך גופא בעסער צו פאַרשטיין און צו באַלעבן יעדן איינעם פון אירע טייל-צוועקן דורך אן אָריענטאַציע אויף א צענטראַלן און אַלגעמיינעם זינען. איך האָב בעת מעשה אין זינען א לערע, וועלכע זאָל דערמעגלעכן גובר צו זיין צוויי גרויסע מניעות, וועלכע שטערן היינט-צו-טאָג צו דערגרייכן אָט אַזאַ אידעאַלן טעאָרעטישן צושטאַנד. דידאָזיקע מניעות זענען: די סכּנה, אַז די געווערקשאַפטלעכע און קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג וועלן לגמרי אָפּגעריסן ווערן פונם אידעאָלאָגישן אינהאַלט פון סאָציאַליזם, דאָס איז איינס, און צווייטנס, די שווערקייט אויפצובויען אויפסניי דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. די היינטיקע געווערקשאַפטלעכע און קאָאָפּעראַטיווע טעטיקייטן, באַזונדערס אין די מאַרקסיסטישע לענדער, זעען אויס ווי זיי האַלטן זיך אָפּגעשפּילט אין א גייסטיקער אַטמאָספער, וועלכע איז נאָר זייער אויבערפלעכלעך באַרירט פון דער סאָציאַליסטישער אידעען-וועלט, צו וועלכער די סאָציאַל-

דעמאָקראַטישע פּאַרטייען האָבן געשוואוירן צו בלייבן אויף אייביק טריי.

וואָס איז שייך די געווערקשאַפטן, שטעל איך אַרויס, מיט אַ גאַנץ קלאָרן באַוווסטזיין, דעם פּרינציפּ, אַז די צילן און מעטאָדן דאַרפן רעגולירט ווערן דורך דעם יושר־אידעאַל אַלס אַ קעגנזאַץ צו דער מאַרקסיסטישער באַגרינדונג מכח דער געווערקשאַפטלעכער טעטיקייט אויף דעם יסוד פון דעם מאַכט־פּרינציפּ. דאָס באַטייט נאַטירלעך נישט קיין אָפּלייקענונג פון דער געווערקשאַפטלעכער פונקציע אין דער מאַכט־פאַרמערונג פון פּראָלעטאַריאַט דורך אָרגאַניזאַציע און קאַמף; דאָס באַטייט נאָר אַן אַנדער טעאָרעטישע באַגרינדונג, אין נאָמען פון אַ קלאָרן ענדציל, פון אַט דערדאָזיקער מאַכט־שטרעבונג. דער מאַרקסיזם באַגרינדעט זיין שיטה מיט אַן עקאָנאָמישער טעאָריע, וואָס איר הויפּט־שטיצפּונקט באַשטייט אין גלויבן, אַז די אינטערעסן פון די אונטערנעמער און פון די אַרבעטער בנוגע צו די שכירות און צו דער אַרבעט־צייט שטייען אין אַן אַבסאָלוטן קעגנזאַץ. דידאָזיקע טעאָריע האָט געהאַט אַן אַגיטאַטאָרישן נוצן, כּל זמן די אַרבעטער פלעגן דאַרפן אַגיטירט ווערן מכח דער נויטיקייט פון קלאַסן־קאַמף. זי ווערט אָבער אַ שטות, ווי נאָר עס ווערט דערגרייכט אַזאַ אָרגאַניזאַטאָרישע קראַפט־פאַרמערונג פון די געווערקשאַפטן, וועלכע מאַכט אַ סוף צו דער איינזייטיקער באַשטימונג פון די אַרבעטס־באַדינגונגען דורך דעם אונטערנעמער־קלאַס. אין אַט אַזאַ פאַל קומען אַלזאָ אין פראַגע נישט קיין אַלגעמיינע סאָציאַלע ווירטשאַפטלעכע אורזאַכן, נאָר גאַנץ באַזונדערע ספּעציעלע צילן פון קאַמף צווישן די צוויי צדדים אין דער פאַבריק־אונטערנעמונג. איין־איינציקע פראַגע וועט זיין געגנוג צו באַווייזן, אויף ווי ווייט די מאַרקסיסטישע אַגיטאַציע פון דער געווערקשאַפטלעכער טעטיקייט טויג נישט, דהיינו, וועלכן געווערקשאַפטס־טוער וועט איינפאַלן, בעת די אונטערהאַנדלונגען מיט דעם אונטערנעמער מכח דער פאַרבעסערונג פון די אַרבעטס־באַדינגונגען (און דאָס איז דאָך דער עיקר שבעיקרים פון די געווערקשאַפטלעכע צילן) זיך סומך צו זיין אויף אַ לערע, וועלכע וויל באַווייזן די קאַפּיטאַליסטן, אַז זייער אינטערעס שטייט

אין קעגנזאץ צו דער באוויליקונג פון אט די פאדערונגען?

מיך וועט נישט איבערראשן די פאלגנדיקע קעגן-פראגע: גוט, אבער ווער וועט ביי זיך פועלן ארויסצוברענגען אזא טענה אין א שמועס מיט דעם פאבריקאנט? איך ענטפער תיכף: קיינער נישט. דער ארבעטער-פארשטייער, וואס וועט זיין מסוגל אפצוטאן אזא נארישקייט, וואלט נישט פארדינט צו פארבלייבן ווייטער אויף זיין אמט אפילו איין טאג. אבער דאס גופא איז דער בעסטער באווייז פון מיין השערה. דער געווערקשאפטס-פארשטייער, וועלכער גייט צו די אונטערהאנדלונגען, נעמט נישט מיט זיך דעם „קאמוניסטישן מאניפעסט" און דעם „קאפיטאל" פון מארקסן, נאר ער נעמט דאס געדרוקטע געזעץ וועגן די פאבריקן-ראטן, די אדמיניסטראטיווע אינסטרוקציעס פון דער רעגירונגס-מאכט, די טאריף-אפמאכן און די פראטאקאלן. פארוואס? ווייל ער שטרעבט צו באווייזן דעם צד שכנגד, דעם פאבריקאנט, נישט אז זיי ביידע מוזן קעמפן צווישן זיך, נאר — צוליב וואס, און ווי אזוי, זיי מוזן קומען צו אן אויסגלייך. איז דען נישט דער סוף און דער ציל פון יעדן קאמף אפצושליסן א פארטראג, דאס הייסט צו ווערן שוה בשוה? אט צו,יב רעם טאקע איז דער ארבעטער-פארטרעטער גרייט צו דערגרייכן צוויי זאכן, דהיינו: צוערשט דעם פאבריקאנט צו באווייזן, אז ער איז אומגערעכט; און צווייטנס, אים צו איבערצייגן, אז זיין אייגענער אינטערעס פארלאנגט צו באוויליקן די אדער יענע פון די ארבעטער-פאדערונגען. צו ווייזן דעם קעגנער, אז ער איז אומגערעכט, באטייט זיך צו שטיצן אויף באשטימטע עטישע און יורידישע פרינציפן, פון וועלכע מען נעמט אן, אז ביידע צדדים, אפילו אז דאס גאנצע פאלק, לכל הפחות ,שם פיעטעט, האלט פון זיי. דורכדעם זוכט זיך דער ארבעטער-קלאס קאמף-שותפים אין דער מחנה פון דעם שונא גופא: די אינערלעכע מאכט פון דעם אויפגעטרייסלטן געוויסן ביים פאבריקאנט און זיין מורא פאר דער פאליטישער מאכט פון דער געזעלשאפטלעכער מיינונג. דאס זענען גייסטיקע פאקטארן, וואס האבן אמת א קנאפ ממשותדיק געוויכט, אבער וואס פירן ווי-נישט-ווי צו

אַ דערפאָלג אָדער צו אַ מפּלה; ווייל אונטער די גלייכע אומשטענדן — און נישט זעלטן אַפילו אונטער אומגלייכע — הענגט דער נצחון אָפּ פון יענעם אַנטשיידנדיקן לעצטן פערטל שעה, בעת עס זעצט זיך דורך דער שטאַרקסטער ווילן, און דער שטאַרקסטער ווילן איז — ווידעראַמאָל אונטער גלייכע אומשטענדן — גראָד דער ווילן, וועלכער גייט בשותפות מיט דעם ריינסטן געוויסן. וואָלט דאָס נישט זיין אַזוי, דעמאָלט וואָלטן דאָך בכלל די דערפאָלגרייכע סכסוכים מכּח אַרבעטער־שכירות נישט געקאָנט געמאָלט זיין, ווייל די מאַטעריעלע מאַכט־פאַרהעלטענישן אין קאַפּיטאַליזם זענען לכתחילה נישט קיין גוטע סגולה פאַר די אַרבעטער־אינטערעסן.

אָבער ווי עס זאָל נישט זיין: דער ציל פון קאַמף איז נישט דער קאַמף סתּם פאַר זיך, נאָר די שאַפונג פון אַ רעכטלעך־רעגולירטן צושטאַנד, וועלכער ווערט אָנערקענט, אָדער לכל הפּחות ווערט געדולדעט, דורך באַשטימטע אַלגעמיין־געשעצטע יסודות פון דעם יושר־געפיל און פון דעם אינטערעסן־באַוווסטזיין, וואָס ווערט באַאיינפלוסט דורך דעם יושר־געפיל. זעלבסטפאַרשטענדלעך איז אַזאַ קוק נישט גלייך־באַדייטנדיק מיט דעם אידילישן שלום, וועלכן עס פּרעדיקן די אַפּאָסטאָלן פון דער סאָציאַלער האַרמאָניע. דער ציל פון דעם היינטיקן געווערקשאַפטלעכן קאַמף באַטייט, אָנשטאָט דער אָפּשאַפונג פון אַלע קעגנזאַצן, נאָר אַ צייטווייליקע קאָנטראַקטלעך־רעגולירטע סטאַביליזירונג, און דערביי מוזן די קעגנזאַצן געלעזט ווערן אָן אַ מלחמה, ד. ה. אָן דער צעשטערונג פון די רעכט־נאָרמעס לשם אַ קעגנזייטיקער פאַרניכטונג פון ציוויליזירטע ווילנס־פאָרמען און פון די מאַטעריעלע גיטער. דער שלום־ציל באַטייט אַזוי גוט ווי די אָרגאַניזירונג פון די קעגנזאַצן אויף דעם יסוד פון אַ געמיינזאַמער בינדונג דורך קאָנטראַקטלעך־פעסטגעזעצטע רעכט־נאָרמעס. דאָס שליסט אָבער נישט אויס אַ ווייטערדיקע איבערגעשטאַלטונג פון אָט די רעכט־נאָרמעס לויט דעם מאַסשטאַב פון דעם בשעת מעשה עקזיסטירנדיקן גלייכגעוויכט פון די סאָציאַלע כּוחות. אָט האָבן מיר דאָך היינט־צו־טאָג אין אַלע טאַריף־קאָנטראַקטלעך־רעגולירטע אינדוסטריעס אַ סאָציאַלן וואָפן־שטילשטאַנד אַלס אַ מין

נאָרמאַל-צושטאַנד, מיט פעריאָדישע קאַמפּן ביים איבערגאַנג פון איין פאָרטראַג-צושטאַנד צו אַן אַנדערן. אַנטשיידנדיק ביי דעם גאַנצן ענין איז צו פאַרשטיין דעם פאַקט, אַז רעדנדיק מכּח די „בשעת מעשה עקזיסטירנדיקע פאַרהעלטענישן פון די סאָציאַלע כּוחות" קאָן מען נישט פאַרמיידן זיך צו רעכענען זייער שטאַרק מיט דער פּסיכאָלאָגישער פראַגע, אויף ווי ווייט די ציקן, צו וועלכע אָט די כּוחות שטרעבן, האַרמאָנירן מיט די סאָציאַל-עטישע פּרינציפּן און באַגריפן פון דעם גאַנצן געזעלשאַפטלעכן כּלל, צו וועלכן עס געהערן סיי די אַרבעטער, סיי די פאַבריקאַנטן.

דער מאַרקסישער אינטערעסן-קעגנזאַץ ביי דער פאַנאַנדערטיילונג פון מערוועדט איז בכן אַן אויסגאַנגס-פּונקט, אָבער נישט קיין ציל. דער ציל איז גאָר אַן אַנדערער, דהיינו: זיך צו באַפרייען דווקא פון אָט דעם אויסגאַנגס-צושטאַנד דורך די חילוק-מעשים, וועלכע פאַרקערפּערן אַ שטרעבונג צו אַן אַנדער צושטאַנד. דאָס איז די „געווערקשאַפטלעכע" פאָרם, אין וועלכער עס ווייזט זיך אַרויס די אומטויגלעכקייט פון דער ווירטשאַפטלעך-אורזאַכלעכער טעאָריע מכּח דער באַגרינדונג פון די אידעאָלאָגישע ענדציִלן פון דעם אַרבעטער-קאַמף. אפילו, וואָס איז שייך די שטימונגס-פאַקטאָרן גופא, עפנט זיך אַ געוואַלדיקער אָפּגרונט צווישן דער מאַרקסיסטישער טעאָריע און דער געזעלשאַפטלעכער פּראַקטיק. דער געווערקשאַפטלעכער וואָלונטאַריזם איז בנוגע צו די טאָג-פראַגן, ווי יעדער וואָלונטאַריזם בכלל, אין תּוך אָפּטימיסטיש; דער מאַרקסישער דעטערמיניזם איז אָבער, ווי יעדער דעטערמיניזם, דווקא פּעסימיסטיש. אין די מאַרקסישע לוין-טעאָריעס, וועלכע קוקן זייער סקעפּטיש אויף דער פאַרבעסערונגס-מעגלעכקייט אָן קאַטאַסטראָפאַלע אייבערקערענישן אין די אייגנטום-פאַרהעלטענישן, גייט אַרום דאָס געשפּענסט (נישט קוקנדיק אויף די פאַרשיידענע און אפילו קעגנזעצלעכע פאָרמולירונגס-אויסדרוקן) פון מאַלטוסן און ריקאַרדאָן מיט זיין אייזערנעם לוין-געזעץ, פון דער דאָגמע מכּח אָנגעבאָט און נאָכפראַגע פון אַרבעטער-הענט, קורץ און גוט: דער גייסט פון דער נאַטור-געזעצלעכער באַשטימונג פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג. די געווערקשאַפטלעכע באַוועגונג פון

דער אנדער זייט האָט איר זינען ערשט אין א גלויבן, אז דווקא אָט די געזעצן לאָזן זיך פּאָרט בטל מאַכן דורך דעם מענטשלעכן ווילן, וואָס ווייס, צו וועלכן ציל ער דאַרף שטרעבן.

ס'איז דעריבער גאָר קיין וווּנדער נישט, וואָס די מאַרקסיסטן — און ראשית כּל קאַרל מאַרקס אַליין — האָבן שטענדיק די געזעצן מער געדולדעט, ווי זיי האָבן זיי אָנערקענט. די געוועזענער אַפּיקע אויף דעם מעגלעכקייט איז אַ קינד פון גאָר אַן אַנדער גייסט: איר אידעע שטאַמט פון דער צייט פון די פּאַר-קאַפּיטאַליסטישע צײַטן, וועלכע זענען סיי פאַר דעם מאַרקסיזם, סיי פאַר דער קלאַסישער פּאָליטישער עקאָנאָמיע נאָך אַ בוך אונטער זיבן זיגלען; און קומען קומט אָט די אידעע אַרויס פון יענעם טרעד-יוניאָניסטישן ענגלאַנד, וועלכעס איז געווען פאַר אַלע מאַרקסיסטן, פון מאַרקסן ביז טראָצקין, אַ שווידערלעכע אומנאָרמאַלקייט און ממש אַן אומלעזבאַר פּסיכאָלאָגיש פּראָבלעם.

אין גרונט גענומען איז, אין קעגנזאַץ צו אַלע מינים פּראָזן, וואָס איר הערט וועג-נישט-וועגן פון יראת הכּבוד צו דער מאַרקסישער טראַדיציע, די הויפּט-אידעע פון אַלע, אויך פון דער דייטשישער, געווערקשאַפטס-באַוועגונגען נישט קיין אַנדערע, ווי דער יושר-פּרינציפּ פון דעם אַלטן כּלל פון טרעד-יוניאָניזם: „אַ גערעכטער טאָג-לוין פאַר אַ גערעכטע טאָג-אַרבעט" — אַ כּלל, וועלכער איז בשעתו אויפגענומען געוואָרן מיט ביטערן שפּאָט דורך קאַרל מאַרקסן און ענגעלסן. וויל מען אָבער אַרויסוואַרפן דאָס געפיל פון יושר און רעכט פון דער מאָטיווירונג פון דער געווערקשאַפטלעכער טעטיקייט, על פּי נוסח פון דער מאַרקסיסטישער שיטה מכּח דער „סחורה אַרבעטס-קראַפט", דאַן נעמט מען אַרויס די נשמה פון דער גאַנצער געווערקשאַפטס-באַוועגונג. דאַן מאַכט מען זי קודם כּל אומטויגבאַר פאַר די רעוואָלוציאָנערע אויפגאַבן פון סאָציאַליזם אויף דעם געביט פון די רעכט-נאָרמעס.

אַ סאָציאַליסטישע געווערקשאַפטס-לערע, וואָס וויל נישט בלייבן קיין טויטע דאָגמע, מוז דעריבער ווערן פּסיכאָלאָגיש באַגרינדעט אין מוז אויך באַגרינדן איר ווירטשאַפטס-טעאָריע אויפן יסוד פון וואָלונטאַריזם. אַזאַ לערע דאַרף באַטראַכטן

דעם מענטש אַלס אַ בעל דבר, וואָס טראָגט אין זיך מאָראַלישע און רעכטלעכע געפילן און רעאַגירט דורך זיי אויף דער סאָציאַלער סביבה, וועלכע לאָזט זיך איבעראַנדערשן. אָט אַזאַ לערע איז דער גרונט-תנאי פאַר דעם, אַז אַ ל ץ, וואָס האָט אַ שייכות צו דער אַרבעטער-באַוועגונג, זאָל באַלעבט און באַנייט ווערן דורך אַן אָריענטאַציע אויף אײ ן מאָראַלישן מאָטיוו און אויף אײ ן טיפן זינען מיט אַ רעוואָלוציאָנירנדיקער באַדייטונג אויף דעם געביט פון די רעכטלעכע פרינציפן און קולטור-באַגריפן. ערשט אָט אַזאַ לערע וועט זיין געוואַקסן צו דער אידעאָלאָגיע און צו דער שאַפנדיקער באַדייטונג (בנוגע צו רעכט און מאָראַל) פון די געווערקשאַפטן, פון די קאָאָפּעראַטיוון, און בכלל פון יעדער זעלבשטענדיקער אָרגאַניזאַטאָרישער טעטיקייט פון דעם אַרבעטער-קלאַס. פונקט אַזוי ווי די עקאָנאָמישע פאָרמעס זענען מעשה עיקר גדול געשטאַנען אין צענטער פון דער אַלטער לערע, וועט דער מענטש, אַלס אַ טרעגער פון לעבעדיקן גייסט, שטיין אין צענטער פון דער נייער לערע. דאָס שווערגעוויכט פון די טעאָרעטישע אויפגאַבן וועט אַריבערגעטראָגן ווערן פון דעם אַנאַליז פון דעו מערוערט-שאַפונג אויף דער פאָרשונג פון דער ווירקלעכקייט פון דעם פאַבריק-לעבן, פון די איינריכטונגען, וועלכע די אַרבעטערשאַפט האָט אין איר געשאַפן, פון די פאַרענדערונגען פון דער סאָציאַלער סביבה, וואָס זי האָט פאַר זיך אויסגעקעמפט, פון די שינויים אין די עטישע און רעכטלעכע באַגריפן, וואָס קומען אין איר פאָר בעת און דורך איר סאָציאַלן קאַמף. ווידער, די פראַגע מכח דעם תוך פון דער צוקונפטיקער רעכטלעכער אָרדענונג וועט די נייע וויסנשאַפט זוכן צו לעזן דורך דער פאָרשונג פון דעם אופן, ווי אַזוי אָט די אָרדענונג שאַפט זיך אין דעם געפיל-לעבן פון די היינטיקע מענטשן. דער מאַטעריאַל צו דעם געפינט זיך לרוב אין דער געשיכטע פון די לוין-סכסוכים אין די טאַריף-פאָרטראַגן, אין די באַשלוסן פון די בוררים ביי אינדוסטריע-קאָנפליקטן, אין די פאַבריק-פראָטאָקאָלן, אין די פאַבריק-רעגלאַמענטן און ענלעכע דאָקומענטן פון אינדוסטריעלן לעבן. אָט אויף אַזאַ אופן וועט מען זיך שאַפן אַ בילד, אויף דעם יסוד פון דעם,

וואָס איז היינט, און פון דעם, וואָס וואַקסט אָרגאַניש אַרויס פון דער קעגנוואַרט מכח דעם פנים פון דער צוקונפט.

געוויס וועט אַזאַ לערע נישט זיין בכח צו באַהערשן די אַרבעטער-באַוועגונג, ווי דער מאַרקסיזם האָט פון שטענדיק-אָן דאָס פאַרזוכט צו טאָן. די צייט פון דער העזה מצד דעם טעאָרעטישן בעל שכל (סוף כל סוף נישט קיין אַנדער זאַך ווי די העזה פון דעם טעאָרעטיזירנדיקן אינטעליגענט) צו דיקטירן דער אַרבעטער-באַוועגונג אירע האַנדלונגען, לויט אַן איין-איינציק ריכטיקער דאָגמע דורך דיקטאַטאָרישע טעזיסן, דעקרעטן און קאַבינעט-אינטריגעס — אָט די צייט איז אויף אייביק פאַרביי. די אַרבעטער-באַוועגונג איז בינו לבינו געוואָרן אַ וועלט-אַרומנעמענדיקער קאַמף פון מיליאָנען מענטשן פאַר די פאַרשיידנסטע קאָנקרעטע און אַקטועלע צוועקן, אַ געוואַלדי-קער כאָר פון פאַרשיידענע פעלקער און שפּראַכן, אַ מישמאַש פון די פאַרשיידנסטע איינצל-צילן און איינצל-איינריכטונגען, און דאָס אַלץ אין דעם קעסל-גרוב פון אונזערע אַפּאָקאַליפּטישע יאָרן, ווען ס'זידט און ס'קאָכט פון אַלע זייטן. אָט אַזאַ סאָ-ציאַלע דערשיינונג מוז מען אויספרעגן מכח איר איי-גענעם זינען, אַנשטאָט צו פאַרזוכן אַרויפצוצווינגען אויף איר אַ פּאַרטייִשע קינסטלעך-געמאַכטע פאָרם. דער, וואָס גלייבט, אַז ער ווייסט אַלץ, זאָל נישט וועלן הערשן, נאָר זאָל דינען דורך דער קראַפט פון זיין גייסטיקער צוגרייי-טונג און דערפאַרונג; דעמאָלט וועט ער פון זיך אַליין ווערן דער פירער. אויך די וויסנשאַפט דאַרף אָט אויף דעם אופן דינען; אירע גרענעצן זענען איר געשטעלט געוואָרן פון דער דערשיינונג גופא, וועלכע זי דערפאָרשט; און דאָס העכסטע, וואָס זי קאָן טאָן, איז צו העלפן דעם מענטשלעכן שטרעבן, אויף וועלכן די דערשיינונג באַזירט זיך, צו פאַרשטיין זיין אייגענעם תוך און אורקוואַל. די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפטס-לערע — וועלכע איז גאָר אַן אַנדער זאַך ווי דאָס סאָציאַ-ליסטישע מאָראַל-געבאָט — קאָן נאָר דעמאָלט ווערן ווידער אַ לערע פאַר דער אַרבעטער-באַוועגונג, ווען זי וועט ווערן אַ לערע פון דער אַרבעטער-באַוועגונג. זאָל זי שוין מער נישט זוכן איר מאַטעריאַל אין די אַלטע שמות אויף די-

פּאַליצעס פון בריטישן מוזעאום, פון וועלכע קאַרל מאַרקס האָט אַרויסגענומען זיינע באַווייזן פאַר די באַשולדיקונגס-אַקטן קעגן דעם קאַפּיטאַליסטישן פּראָדוציר-סיסטעם. דער באַשול-דיקונגס-אַקט איז שוין פון לאַנג אָפּגעשלאָסן; די באַשולדי-קער האָבן אויף אַזאַ גלענצנדיקן אופן דורכגעפירט זייער פונקציע, אַז ביים אָנגעקלאָגטן האָט דערוואַכט דאָס געוויסן, וואָס וויל אפילו טאָן תשובה. נו, איז ענדלעך געקומען די צייט נישט אָנצוקלאָגן דאָס אַלטע, נאָר צו בויען דאָס נייע. דער פונדאַמענט פאַר דער סאָציאַליסטישער לערע פון היינט-צו-טאָג געפינט זיך אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פון דער היינטיקער צייט. זאָל זיך דער וויסנשאַפטס-מאַן אָנבויגן איבער איר מיט יענער ליבע, וועלכע פירט צו דער פאַרשטע-דעניש, אַז זי איז געבוירן געוואָרן פון אַ מיטגעפילטער באַציאונג צו איר. אמת, פאַר די פּראָבלעמען פון זיין אייגענעם „זאָלן" וועט ער נאַטירלעך אויך אין אָט דער וויסנשאַפט קיין לעזונג נישט געפינען, אָבער דערפאַר וועט ער יאָ געפינען אַן ענטפער אויף די פּראָבלעמען מכּח דעם ריכטיקן און צוועקמעסיקן אופן פון זיינע האַנדלונגען.

וויל מען, כּדי באַקוועמער צו פאָרמולירן די גרונט-פּאָ-זיציע פון אָט דער נייער סאָציאַלער לערע מיט דער הילף פון מאָדע-ווערטער פון דער מאָדערנער פילאָזאָפיע, דאַן קאָן מען זאָגן, אַז דידאַקטיקע לערע וואָלט געווען וואָלונטאַריסטיש, פּלוראַליסטיש און אינסטיטוציאָנעל. זי וואָלט געווען אינסטי-טוציאָנעל אין דעם זינען, אַז די וויכטיקסטע כאַראַקטער-צייכנס פון די קולטורעלע שנויים, וואָס דאַרפן זיין דער פּועל יוצא פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, דאַרפן געזוכט ווערן אין די א י נ ס ט י ט ו צ י ע ס, איינריכטונגען, וואָס די סאָציאַ-ליסטישע באַוועגונג איז בכּח צו שאַפן. דאָס באַטייט אַ פאַר-שטעלונג, וועלכע — אויב מ'זאָל ווידער באַנוצן אַ שלאָג-וואָרט — קערט זיך אום אין אַ געוויסן זינען צום פּרודאָניזם. דער קליין-בירגערלעכער פאַרדאַמטער פּרודאָניזם, וועלכן דער מאַרקסיזם האָט — און אין מאַנכע הינזיכטן נישט אָן רעכט — פאַראַכטעט, איז, וואָס איז שייך צו זיין קוק אויף דער רעוואָלוציע, געווען פיל פּראָלעטאַרישער ווי דער מאַרקסיזם גופא.

פֿאַר דעם מאַרקסיזם איז דער פּראָלעטאַרישער קלאַסן-קאַמף סוף כּל סוף נאָר די פֿאַרווירקלעכונג פֿון אַ פּאַרטיקער אידעע, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין די קעפּ פֿון אינטעליגענטן. פֿאַר דעם פּרודאָניזם איז אָבער די באַוועגונג גופא אַ קוואַל פֿון אַ פּסדרדיקער אידעען-אַנטוויקלונג, וועלכע פֿליסט אַרויס פֿון די קאָנקרעטע לעבנס-פֿאַקטן. פּרודאָן זעט אין דער רעוואָלוציע נישט בלויז אַ פּאָליטישע מאַכט-פֿאַרענדערונג, וועלכע וועט ערשט מאַכן פֿאַר דעם פּראָלעטאַריאַט מעגלעך איבערצוקערן די סאָציאַלע אָרדענונג. פּרודאָן זעט אין דער רעוואָלוציע אַ גאָר אַנדער זאַך, דהיינו: פּשוט דעם לעצטן פּועל יוצא פֿון דער טאָג-טעגלעכער אַנטוויקלונג פֿון די סאָציאַלע אײנריכטונגען, וועלכע די אַרבעטער דאַרפֿן באַשאַפֿן דורך די מיטלען, וואָס שטייען מחוץ פֿון דער פּאָליטישער מאַכט. די רעוואָלוציע, וואָס איז פֿאַר דעם מאַרקסיזם בלויז אַ פֿראַגע פֿון מ אַ כ ט, שטעלט זיך בכן פֿאַר דעם פּרודאָניזם אַלס פֿראַגע פֿון פֿ ע אַ י ק ײ ט — אַ פֿעאיקייט צו רעגולירן אויפֿן גרונט פֿון דער פֿעאיקייט צו פּראָדוצירן און צו פֿאַרוואַלטן (אַדמיניסטראַטיוו און אָרגאַניזאַטאָריש). דער שווערגעוויכט-פּונקט פֿון דערדאָזיקער איבערקערעניש ליגט אויף די געביטן פֿון עקאָנאָמיש-סאָציאַלער טעטיקייט, אויף וועלכע ס'שפּילט זיך אָפּ „די דירעקטע אַקציאָן" פֿון דער אַרבעטערשאַפֿט דירעקט אין די אור-אײגענע שאַפֿונגען און מעשים וואָס זענען געבוירן געוואָרן פֿון דער אַרבעטער-דערפֿאַרונג און פֿון דער אַרבעט-סביבה. דעם אמת געזאָגט, קאָן אויך אָט די אַקציע זיך נישט באַגײן אָן דער שעדלעכער ווירקונג, וואָס פֿליסט אַרויס, פּונקט אַזוי ווי אין דער פּאָליטיק, פֿון דער נישט-צו-פֿאַרמײַדנדיקער אומדירעקטער אַקציע פֿון די אויסגעווײלטע פֿאַרטרעטער און באַצאָלטע באַאַמטע. (די טעאָרעטיקער פֿון דעם פֿראַנצויזישן סינדיקאַליזם, וועלכע באַזירן זיך אויף פּרודאָנען, האָבן דעמדאָזיקן אומשטאַנד אינגאַנצן פֿאַרזען, מחמת אין זײער לאַנד איז די אָרגאַניזאַטאָרישע טעכניק און די סאָציאַלע און פּאַרטײ-פּאָליטישע פֿראַגן שוואַך אַנטוויקלט). אָבער אין תּוך גענומען זענען דידאָזיקע אײנריכטונגען פֿון דעם אַרבעטער-קלאַס, די ממשותדיקע שאַפֿונגען פֿון דעם אַרבעטער-ווילן, טאַקע זײ אַלײן, אַ מער דירעקטער

אויסדרוק פון די סאָציאַל-איבערקערנדיקע שטרעבונגען פון דער אַרבעטערשאַפט, ווי וועלכע עס איז רעפאָרם אויף די וועגן פון געזעצגעבונג. דאָס איז ראשית כּל דורך זייער פּסיכאָלאָגישן מקור: זייער מאָטיוו, נישט זייענדיק באַאיינפלוסט דורך וועלכער ס'איז בוך-פאָרמול, איז אויפגעקומען אויף יענעם געביט פון אַרבעטער-לעבן, אויף וועלכן די אייגענע דערפאַרונג באַשאַפט די אידעאָלאָגישע פאָרשטעלונגען. שנית דורך זייער פּסיכאָלאָגישער ווירקונג: ווייל דאָס געזעץ און דער אַדמיניסטראַטיווער פּראַקטיקער פאַרקערפערן אין בעסטן פאַל די רעכט-פּרינציפּן, וועלכע האָבן שוין אָנגענומען אַ פעסטע פאָרם און אַ פאַרטיקע געשטאַלט, בעת אָבער די זעלבסט-געשאַפענע אַרבעטער-איינריכטונג פאַרקערפערט און דערציט דעם רעכטלעכן ווילן גופא. און שליסלעך: אין דער פאַר-ווירקלעכונג פון די אַרבעטער-אינסטיטוציעס שאַפט זיך ערשט די פּאָליטישע פעאיקייט (אין דעם ווייטעסטן זינען פון וואָרט) פון דער אַרבעטערשאַפט. אָט די פעאיקייט איז דער גרונט-תּנאי, אַז יעדער מין פּאָליטישע מאַכט, וואָס די אַרבעטער וועלן אויסקעמפן, וועט קאָנען באַנוצט ווערן פאַר אַנדערע און וויכטיקערע צילן, ווי סתּם די אָפּהיטונג פון אָט דער מאַכט.

אָט דורך דעם, וואָס אָנשטאָט דעם פאַרגליווערטן דאָגמאַטיזם פון דער ראַציאָנאַליסטישער ציל-פאָרמולירונג, שטעלט דער פּסיכאָלאָגיש-באַגרינדעטער סאָציאַליזם אַ בויגזאַמע, פּראַגמאַטישע און פּלוראַליסטישע אַנטוויקלונגס-אידעע, קאָן ער אויך אָפּרוימען פון וועג די וויכטיקסטע גייסטיקע מניעות פאַר דעם פּראַקטישן אינטערנאַציאָנאַליזם. דידאָזיקע מניעות זענען נישט געבוירן געוואָרן ערשט אין דער וועלט-מלחמה. זיי זענען שוין פריער געווען, און גראַד זיי האָבן פון דער קלעגלעכער שוואַכקייט פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל בעת דעם קריג געמאַכט אַ מאָראַלישן באַנקראָט. האָבן דען נישט די סאָציאַליסטן צוגעזאָגט מער, ווי זיי האָבן געקאָנט האַלטן? איך רוף אָן דידאָזיקע מניעות ביי זייער ריכטיקן נאָמען: אומ-אויפריכטיקייט און אומטאָלעראַנץ.

די אומאויפריכטיקייט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די סאָציאַליסטן פלעגן, ביי יעטוועדער געלעגנהייט צו קאָנען

פּראָקלאַמירן זייערע אָנשויאונגען און פֿאָדערונגען, אַרויסגיין פֿון דעם פּרינציפּ פֿון דער אַבסאָלוטער אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט, הגם אַזאַ זאַך איז, סיי דעמאָלט און סיי היינט, נישט געווען בנמצא. די סאָציאַליסטן האָבן בכיוונדיק געמאַכט אַ שווייג פֿון די גלייכצייטיק מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט פֿון זיי אָנערקענטע נאַציאָנאַלע פֿאַרפּליכטונגען, וועלכע זענען שוין פֿאַר דעם יאָר 1914 געווען אַזוי שטאַרק, אַז זיי האָבן ביים אויסברוך פֿון דער מלחמה באַקומען די אויבערהאַנט. עס מאַכט נישט אויס, צי אָדער אויף ווי ווייט מ׳האָט זיך אַליין גענאַרט מכח אָט די נאַציאָנאַלע פֿליכטן, אַ שטייגער ווי אין דעם סענטימענטאַלן ווונש, אָפּן צו אָנערקענען נאָר יענע נאַציאָנאַלע פּרינציפּן, וועלכע עס איז געווען בדאַי צו פֿאַרשטאַרקן. אַ פֿאַקט איז, אַז די עקזיסטענץ און די קראַפֿט פֿון די נאַציאָנאַלע פּרינציפּן בײַ די סאָציאַליסטן האָבן זיך אַזוי בולט אַרויסגעוויזן, אַז היינט־צו־טאָג וואָלט זיך שוין געפֿאָדערט אומגעהייער פֿיל זעלבסטאָפּנאַרעריי זיי צו איגנאָרירן אַפֿילו לשם אַ ריין־כשרער, שמן־זיתדיקער דרשה אויף אַ סאָציאַליסטישן וועלט־קאָנגרעס. גראָד ווען מען איז פֿול מיט דער שטרעבונג — ווי דאָס דאַרף זיין אין האַרץ פֿון יעדן סאָציאַליסט — צו טאָן אַלץ, וואָס קאָן פֿאַרשטאַרקן דעם אינטערנאַציאָנאַליזם, מוז מען קלאָר אין זינען האָבן, אַלס דעם אויסגאַנגס־פּונקט פֿון טעאָריע און פּראַקטיק, די באַדינגונגען, וועלכע זענען דער רעזולטאַט פֿון דעם כּח, וועלכער ליגט אין נאַציאָנאַלן געפֿיל. אַ סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, וועלכע טוט דאָס נישט בעת אירע באַציאונגען און אונטערהאַנדלונגען מיט די אויסלענדישע פּאַרטייען, וואָלט געווען פּונקט אַזוי אומערלעך ווי אַ סוחר, וועלכער שליסט אָפּ אַ קאָנטראַקט מיט אַ צווייטן געשעפֿטס־מאַן און פֿאַרשווייגט בעת מעשה, אַז ער איז שוין געבונדן דורך אַ קאָנטראַקט מיט אַ דריטן צד, פֿון וואָס זיין פֿעאיקייט אָפּצוהיטן די נייע פֿאַרפּליכטונג מוז שטאַרק ליידן. דער, וואָס פֿירט זיך אויף אַזאַ אופֿן, ברענגט דעם אינטערנאַציאָנאַליזם אַ שרעקלעך־געפֿערלעכן מאָראַלישן שאָדן, ווייל ער בויגט אים אַראָפּ פּשוט צו אַ פֿראַזע, וועלכער איר געפֿינט קיין זאַך נישט חוץ דער גע־

היבענער קאָנגרעס-שטימונג און דער שנעל-צערינענדיקער אילוזיע, וועלכע שוועבט אַרום אין דער אַטמאָספער פון פייערלעכקייטן און דעמאָנסטראַציעס.

נו, שטייט די הייַנטיקע אַרבעטער-באַוועגונג פאַר דער דרינגענדיקסטער אויפגאַבע מכח דעם ווידעראויפבוי פון אינטערנאַציאָנאַל, וועלכע זאָל מעגלעך מאַכן די שטאַרקסטע מאָס פון ווירקונגס-קראַפט פאַר אַלץ, וואָס עקזיסטירט פאַקטיש אויף דעם געביט פון דעם געמיינזאַמען סאָציאַליסטישן ווילן ביי די פעלקער. מיר זענען נאָך גענוג ווייט פון צו פאַרווירקלעכן דידאָזיקע אויפגאַבע, הגם עס פעלן נישט קיין לויבנסווערטע פאַרזוכן אויף אָט דעם פעלד. דידאָזיקע אויפגאַבע לאָזט זיך אויך נישט פאַרווירקלעכן איינס-און-צוויי; באַזונדערס צוליב דעם, ווייל זי איז צום גרעסטן טייל נוגע אַזעלכע מענטשן, וועלכע טראָגן נאָך אויף זיך די פסיכישע שפורן פון די מלחמה-איבערלעבונגען. אָבער כל זמן זי איז נישט געלעזט, וועט די אַרבעטער-באַוועגונג פון יעדן לאַנד ליידן פון אַ מאָראַלישער שוואַכקייט. די אורזאַך איז אַ פשוטע: אַ סאָציאַליסטישע פאַרטיי קאָן אַפילו אין דעם, הפנים נישט אומבאַדייטנדיקן, פעלד פון די פּאָליטישע קליינע טאָג-אויפגאַבן נישט דערגרייכן דעם מאַקסימום — און גאַנץ אָפט אַפילו נישט דעם מינימום — פון איר מעגלעכן איינפלוס, אויב די ברודער-פּאַרטייען אין אויסלאַנד גייען נישט באַוווסטזיניק מיט איר צוזאַמען, האַנט און האַנט, צום זעלבן ציל. איך פאַרשטיי מיט דעם נישט די גאָר לייכטע און זייער אומפאַרבינדלעכע פּרינציפּיעלע דעקלאַראַציע פון דער ברידערלעכער געזינונג, נאָר די גענוי, ביז צו די קלענסטע דעטאַלן, אויסגעאַרבעטע אָפּמאַכן מכח די פּראָגראַם-פּונקטן פון די קאָנקרעטע פּאָליטישע פּראָבלעמען, ווי די אַ שטייגער, וועלכע שווימען אַרויף אין דער נאָך-מלחמה-צייט טאָג-טעגלעך אין שייכות מיט די אַקטועלע פראַגן פון רעפּאַראַציעס, זיכערקייט, באַוואָפענונג און פעלקער-רעכט.

פון אַזעלכע פראַגן וועט נאָך זייער פיל יאָרן זיין באַאיינפלוסט יעדע פּאָליטיק. און פון אַזאַ פּאָליטיק וועט זיין באַהערשט יעדע פעלקער-געזינונג. און אַזאַ פעלקער-געזינונג וועט באַהערשן אויך דעם פעלקער-שיקזאַל. ס'איז שוין געוואָרן

אַ גוט באַקאַנטע פראַזע, אַז היינט-צו-טאָג איז יעדער מין פּאָליטיק אין תוך אַן אויסן-פּאָליטיק, ד. ה. זי קומט אין באַרירונג מיט אינטערנאַציאָנאַלע פּראָבלעמען. אָבער דער אמתער פאַקט איז פאָרט, אַז ס'איז נישטאָ היינט-צו-טאָג קיין אינערלעך-פּאָליטישע פראַגע, וועלכע לאָזט זיך אָפּטיילן פון דעם קאָמפּלעקס פון די אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען. אַמ-שטאַרקסטן לאָזט זיך דאָס שפּירן ביי דער אַרבעטער-באַוועגונג, מחמת איר איינפלוס איבעראַל וואַקסט אָדער פאַלט, ווען זי געווינט אָדער פאַרלירט מאַכט, ווי ס'זאָל נישט זיין. אזוי, למשל, קאָן די אַרבעטסלאָזיקייט אין ענגלאַנד שטייגן אָדער זינקען אין איינקלאַנג מיט דעם רעזולטאַט פון די דייטשישע פּאַרלאַמענטס-וואַלן; לויט דעם איינפלוס פון דעם סאָציאַליזם אין פראַנקרייך ווערט דער שיקזאַל פון דער אַר-בעטערשאַפט אין דייטשלאַנד בעסער אָדער ערגער. פּאַראַלעל צו דעם דערפאָלג פון די שלום-אידעאַלן פון אייראָפּעאישן סאָציאַליזם בייט זיך די עקאָנאָמישע לאַגע פון דעם לעצטן אַרבעטער אָדער פאַרמער אין אַמעריקע. מ'קאָן זאָגן וועגן דעם סאָציאַליזם, אַז היינט-צו-טאָג האָט ער נאָך איין-איינציקע פּאָליטישע אויפגאַבע, ווייל זי איז די פאָר-באַדינגונג פאַר דער לעזונג פון אַלע אַנדערע אויפגאַבן: צו פאַרמיידן אַ מלחמה, צו אָרגאַניזירן אייראָפּע און די וועלט אין אַ איבער-שטאַטלעכער רעכטס-פעדעראַציע, אַלס אַן אמתע גאַראַנטיע פון אַ דויערנדיקן וועלט-פרידן. אָט דאָ, אגב, ליגט דער פאַקטיש-באַדייטנדיקסטער ווידערשפּרוך אין דער היינטיקער שטרעבונג פון דעם II און III אינטערנאַציאָנאַל. וואָלט מען דעמאָזיקן ווידערשפּרוך בטל געמאַכט, וואָלטן אַלע דאָקטרינערישע און פּערזענלעכע סכסוכים פאַרשוואונדן דורך אַ בלאָז, ווייל אין אַ געמיינזאַמער צילבאַוווסטער אַקציע וואָלט זייער באַדייטונג גע-וואָרן לייכטוואָגיק און אילוזאָריש.

דאָס, וואָס איז פריער געווען ריינע פּאָליטישע טעאָריע, „אידעאַל-פּאָליטיק", וועלכע איז דורכגעפאַלן אין 1914 טאַקע דורך דעם, וואָס זי איז געפירט געוואָרן מיט אומטויגבאַרע מיטלען פון „אידעאַל-פּאָליטיק" לגבי דער קאָנקרעטער רעאַל-פּאָליטישער סכנה, איז איצט געוואָרן אַ רעאַל-פּאָליטיק. און

אָט פּאָדערט זי דעריבער רעאַלע מיטלען, אַ בהדרגהדיקע איבערוועלטיקונג פון די מניעות דורך אַ סיסטעמאַטישע טאַק־טיק, ווען נויטיק — דורך פשרות צו דערגרייכן קליינע אָבער באַשטימטע און קלאָרע צילן. אַ געדולדיקער פּאָרטשריט פון איין שטיקל דערפאָלג צו אַ צווייטן, אַן ערלעכע דערקענטעניש פון די מאַטעריעלע און פּסיכאָלאָגישע פאַקטן, וואָס זענען צוגלייך דער מקור פון די דערפאָ,ג-מעגלעכקייטן און אָפטמאָל אויך זייער גרענעץ. דאָס באַטייט אַן אויפבוי פון אינטערנאַ־ציאָנאַל אויף אַ גאַנץ אַנדער יסוד ווי פאַר דעם קריג: אָפן־אָנערקענטע נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע פון זיינע גלידער, אָבער אַ וואַקסנדיקע, דורך אָפּמאַכן רעגולירטע, בינדונג אויפן סמך פון פאַרטראַגן מכח קאָנקרעטע איינצלנע פראַגן: נישט ווי פריער אַן אויסערלעך־דעמאָנסטראַטיווע אינטערנאַציאָנאַלע אחדות ביי אַ קאָנקרעטע אומפאַרבינדלעכקייט פון אַלע רעזאָ־לוציעס מיט אַ ממשותדיקער באַדייטונג. דעם נייעם אינטערנאַ־ציאָנאַל וועט נישט באַשערט זיין איבערצולעבן אַ נייעם 1914, ווען ער וועט זיך אָפּגעבן ווייניקער מיט וועלט־קאָנגרעס־רע־טאָריק און מער מיט קליינע אַרבעטן אין קאָנפערענץ־צימער; ווען זיינע רעזאָלוציעס וועלן זיין ווינציקער ברייט, אָבער דערפאַר מער אָבליגאַטאָריש און שטרענג־פאַרבינדנדיק פאַר אַלע צדדים. נאַטירלעך שטערט עס נישט דער נויטיקייט און נוצלעכקייט פון די גרויסע אַגיטאַטאָרישע דעמאָנסטראַציעס, שוין צוליב דעם דערציערישן איינפלוס, וואָס זיי האָבן אויף די ברייטע מאַסן; אָבער מ'דאַרף דערביי געדענקען, אַז ביי דער אַ ביסל סקעפּטישער נאָך־מלחמה־שטימונג פון די מאַסן קאָנען אַזעלכע דעמאָנסטראַציעס נאָר אויף אַזוי פיל ווירקן, אויף וויפל זיי שטייען אין אַ שייכות צו אַ גאַנץ קאָנקרעטן שטויס־פּונקט, און אויף וויפל זיי שטרייכן אונטער און באַטאָ־נען מער אַן אַנשלוס צו אַ קאָנקרעטער טאַט, ווי קליין זי זאָל נישט זיין, ווי צו באַטאָנען אַ יום־טובדיק־אילוזאָרישע ברידערלעכקייטס־שטימונג.

דער אינטערנאַציאָנאַליזם וועט אָבער ווייטער בלייבן אַ פּוסט וואָרט, ווען די פּראַקטישע אָנערקענונג פון די נאַ־ציאָנאַלע איינגבאָרטיקייטס־שטריכן און נאַציאָנאַלע זעלבשטענדיקייט

וועלן זיך באַשרענקען נאָר אויף די אָרגאַניזאַטאָרישע ענינים, אַנשטאָט אויך אַריינצונעמען אין זיך די גייסטיקע פאַרבינדונגען מיט די ברודער-פּאַרטייען. אַ טעכנישע פאַר-באַדינגונג פון אַ צו-שאַרפן נאַציאָנאַל-באַוווסטזיין מיט זיינע פאָראורטיילן לגבי די אָדער יענע אידעאָלאָגיעס וואָלט געווען דער פאָלגנדיקער פּרינציפּ: איינמאָל פאַר אַלעמאָל אויפצוהערן צו שטעלן באַדינגונגען, וואָס האָבן אַ שייכות צו די טעאָרעטישע מיינונגען, ווען עס ווערט דעבאַטירט די צוגעהעריקייט פון אַ וועלכער ס'איז פּאַרטיי צום אינטערנאַציאָנאַל. וויל מען האָבן אַן אינטערנאַציאָנאַל פון מעשים, טאָ זאָל מען שטעלן די פראַגע נאָר וועגן דער גרייטשאַפט צו אַ לעבעדיקער טאַט; אין דעם-דאָזיקן פאַל אַלזאָ מכּח דעם ווילן אָנצווענדן די מאַכט פון דער אַרבעטערשאַפט פאַר דער פאַרמיידונג פון מלחמות און פאַר דער פאַראייניקונג פון דער וועלט אין אַן אַלוועלטלעכער טרעגערין פון אחדות און ברידערלעכקייט. דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל פון דער פאַר-מלחמה-צייט האָט אונטער דעם איינפלוס פון מאַרקסיזם איבערגענומען פון דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל אַ דאָקטרינערישע גזירה, וועלכע האָט די מיטגלידערשאַפט אַוועקגעשטעלט אין אַ שייכות צו טעאָרעטישע דאָגמעס. דער באַשלוס מכּח אָננעמען אָדער אָפּוואַרפן די צוגעהעריקייט פון אַ פּאַרטיי צום אינטערנאַציאָנאַל האָט מען געמאַכט אָפּהענגיק פון דעם, צי די דאָזיקע פּאַרטיי נעמט אָן באמונה שלמה באַשטימטע „פּרינציפּן", ווי אַ שטייגער די אָנערקענונג פון קלאַסן-קאַמף, די נויטיקייט אויסצוקעמפן די פּאָליטישע מאַכט, סאָציאַליזירונג דורך דעם שטאַאַט א. א. וו. אין גרונט גענומען, באַטייטן די דאָזיקע פּרינציפּן שוין דורך דעם טאָן פון דער שפּראַכלעכער פאָרמולירונג אַ ריכטשנור פאַר דער ראַנג-קלאַסיפיקאַציע פון געזינונגען; אין דער שפּיץ פון אַזאַ היעראַרכיע שטייט דער מאַרקסיזם מעשה העכסטע און ריינסטע פאָרם פון אַן אמתער סאָציאַליסטישער איבערצייגונג. דער מאַרקסיזם האָט זיך אין משך פון דער צייט פאַרוואַנדלט פון דעם גייסטיקן אינסטרומענט פון אינטערנאַציאָנאַליזם, וואָס ער איז נאָך געווען מיט 50 יאָר צוריק,

אין אַ מניעה און שטערונג פאַר דעם אמתן אינטערנאַ-ציאָנאַליזם.

דער מאַרקסיזם פון די אינטערנאַציאָנאַלן האָט קודם כל געהאָלפן זיך אַרויסצודרייען, אונטער דעם שלייער פון דאָקטרינערישע פּלפּולים, פון דעם פּראַקטיש-וויכטיקסטן טייל פון דער אויפגאַבע, וואָס האָט שוין דעמאָלט געדאַרפט זיין זייער הויפט-אויפגאַבע, דהיינו: די באַקעמפונג פון מיליטאַריזם און די פאַרמיידונג פון אַ מלחמה-אויסבראָך.

XVII

מיין גלויבן...

אונזער נאָבעלע אויפגאַבע איז נישט צו זען, וואָס ס'שימערט אין דער פאַרנעפּל-טער ווייטקייט, נאָר צו טאָן דאָס, וואָס ליגט קלאָר פאַר אונזער בליק.

טאָמאַס קאַרלייל.

ס'וועלן זיין לייענער, וועלכע וועלן זוכן, כדי צו דער-לייכטערן פאַר זיך דעם וועג צו אַ קריטישן אורטייל איבער מיין בוך, אַרויסצוגעפינען, צו וועלכן פּאַרטיי-פּאָליטישן רעכטן אָדער לינקן פליגל, צו וועלכן מין „איזם", צו וועלכן „יונג-סאָציאַליסטישן קרייז" איך געהער. דעמדאָזיקן לייענער קאָן איך נישט אונטערטראָגן אַ שלוס-קאַפּיטל, וועלכער וועט אים מעגלעך מאַכן אַזאַ לייכטע, באַקוועמע שופלאָד-קלאַסיפיקאַציע. מיין סאָציאַלע וועלטאָנשויאונג, מיין בילד פון דער סאָציאַלער וועלט באַשטייט נישט פון קיין צושטאַנדן, נאָר פון באַוועגונגען. אין אָט דעם בילד געפינט זיך נישט קיין פעסטע ליניע, וואָס טיילט אָפּ אַ גרויס שאָטן-פעלד פון אַ ליכט-פעלד, נאָר אומצאָליקע באַוועגונגס-בילדלעך, וואָס זייער קאָנטור שאַפט זיך אויף פאַרשיידענע אופנים, און אין יעדער רגע אַנדערש, אונטער דעם שפּיל פון ליכט און שאָטן פון דעם אורטייל בנוגע צו דער אָדער יענער דערשיינונג.

וואָס איז שייך דעם אורטייל לגבי די דערשיינונגען, וועלכע איך האָב אָנגערופן רעפאָרמיזם און סאָציאַל-פּאַטריאָטיזם, קאָן איך צו זיי נישט צוטרעטן מיט אַ שאַרפער

„אָדער — אָדער״-באַציאונג. איך האָב בפירוש קיין שום ספק נישט איבערגעלאָזן, אַז דאָס און יענץ איןביידע דערשיינונגען איז מיר שטאַרק אומסימפּאַטיש. אמת, איך פיל אַ גרעסערע נשמה-קרובהשאַפט צום רעפאָרמיסטישן סאָציאַליסט, דעם מענטש פון פּראַקטישע מעשים, ווי צו דעם ראַדיקאַלן פּראָזן-דרעשער, און, למשל, אַ גאַסן-קאַנאַליזאַציע אין די אַרבעטער-קוואַרטאַלן, אַ בלומען-בייט אין פראָנט פון אַן אַרבעטער-הייזל זענען אין מיינע אויגן מער ווערט, ווי אַ נייע קלאַסן-קאַמף-טעאָריע. איך האָב אָבער אויך נישט געמאַכט קיין סוד פון דעם פאַקט, אַז די איבערצייגונג מכח דער אוממעגלעכקייט צו פאַרמיידן די פאַרבירגערלעכונג פון די אַרבעטער-מאַסן, אויב מ׳וויל זיי פירן צו אַ בעסערן לעבנס-שטייגער, איז געווען איינע פון די ביטערסטע אַנטוישונגען פון מיין לעבן. איך פאַרשטיי, אמת גערעדט, אַז די אומגעניגנדיקע פּאָטערלאַנד-ליבע שטעלט מיט זיך פאָר אין דער קולטורעלער באַציאונג אַ חסרון, און פונדעסטוועגן האַס איך דעם מיסברויך פון דעם פּאַטריאָטיזם דורך דעם מאַכט-חילן פון דעם שטאַט, ווי דאָס ערגסטע פון אַלע מאַסן-פאַרברעכנס, און די ענגהאַרציקייט פון יעדער נאַציאָנאַלער גאווה האַס איך, ווי די ערגסטע פון אַלע מאַסן-שטותן. קאָן מען דען נישט באַצייכענען אַ דערשיינונג אַלס רעאַל-חיכטיק און נאַטירלעך און דערביי זאָל די אויפמערקזאַמקייט, וועלכע מ׳שענקט אָט דער דערשיינונג, נישט זיין גלייך באַדייטנדיק מיט אַ ריינער פרייד, וואָס די דערשיינונג רופט אַרויס? מ׳דאַרף זיך פאַרהאַלטן אָביעקטיוו צו געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען, אַלץ איינס צי דער ענין שאַפט איינעם פאַרגעניגן אָדער פאַרדרוס.

ס׳איז מיר קלאָר, אַז מיט אַזאַ קוק שטרייך איך אונטער די שפּאַנונג צווישן דעם חילן צו אָביעקטיווקייט מצד דעם באַאָבאַכטער פון איין זייט און דעם אָביעקטיוון אָפּשאַצונגס-דראַנג מצד דעם אַקטיוו-זיך-אַריינמישנדיקן, סאָציאַל-טעטיקן מענטשן פון דער צווייטער זייט. איך ווייס אויך, אַז די לאָגיק פון דעם וויסנשאַפטלעכן סיסטעם איז פיל ריינער, ווען ס׳איז אין אים קיין פּלאַץ נישטאָ פאַר אַזאַ שפּאַנונג. די מערסטע סיסטעמאַטיקער זוכן צו דערגרייכן אַזאַ ריינקייט דורך

דענג, וואָס זיי גיבן זיך די גרעסטע מי צו פֿאַרבאַהאַלטן זייערע געפֿיל־שאַצונגען הינטער דער שיינבאַרער אָביעקטיװקייט פֿון אַ ספּעציעל פֿאַר אָט אַזאַ צוועק באַשאַפֿענער אויסדרוק־פֿאָרם. אָט אַזאַ שפּיל אין פֿאַרבאַהעלטעניש רופֿט ביי מיר אַרויס אַ ווידערגעפֿיל; נאָכמער, איך האַלט אַפֿילו, אַז פֿון דעם שטאַנדפּונקט פֿון אַ ריין־וויסנשאַפֿטלעכער דערקענטעניש איז אַזאַ שפּיל אַ מניעה צו קאָנען טיפֿער באַנעמען דעם ענין. וואָס איז שייך מיר פּערזענלעך, האָט די שפּאַנונג צווישן דעם אַנאַליז פֿון דער קעגנוואַרט און דעם ווונטש מכּח דער צוקונפֿט סוף כּל סוף געפֿירט צו אַ פֿאָרמול, וועלכע דריקט אויס אַ לייזונג פֿון אָט דעם פּראָבלעם. און איך האַלט, אַז זי איז ווינציקער אומבאַפֿרידיקנדיק, ווי דער סקאַרבאָווער, פֿריער פֿון מיר אַליין באַנוצטער מעטאָד בייצוקומען די אומאַנגענעמע אומשטענדן פּשוט דורך דעם, וואָס מען מאַכט זיך נישט וויסנדיק פֿון זיי, אָדער לכל הפּחות, וואָס מ׳זוכט צו פֿאַרקלענערן זייער ממשותדיקייט. דורך אָט אַזאַ מין דריידל קאָן מען אמת פּטור ווערן פֿון דער שפּאַנונג, דעם קאָנטראַסט צווישן דער קעגנוואַרט און דעם אידעאַל, אָבער נישט פֿון דער דערשיינונג גופֿא, וועלכע איז די אורזאַך פֿון אָט דער שפּאַנונג. אַז ס׳האַלט שוין דערביי, געפֿעלט מיר דער מעטאָד, וואָס איך קאָן אָנרופֿן „פֿאַרדרענגונג אין דער צייט“, מער ווי דער מעטאָד פֿון „פֿאַרדרענגונג אין דעם רוים“. אונטער „פֿאַרדרענגונג אין דער צייט“ פֿאַרשטיי איך, אַז מען באַטראַכט די אומאָנגענעמע רעזולטאַטן פֿון אַ באַוועגונג, אין וועלכער מען נעמט אָנטייל, ווי אַ נייטווענדיקע דורכגאַנג־סטאַדיע צו אַן אַנטוויקלונג, וועלכע פֿאַרוואַנדלט ביסלעכווייז די שוואַכע זייטן אין אַלץ ווינציקער שעדלעכע דערשיינונגען. דאָס פֿאָדערט אַ פּאָזיטיווע פּאָזיציע צו אַלע קאָנסעקווענצן פֿון די האַנדלונגען, וועלכע מ׳פֿירט דורך אָדער מ׳העלפֿט דורכצופֿירן פֿון אַן עטישן גליכט־געפֿיל, הגם די אָדער יענע פֿון אָט די קאָנסעקווענצן שיינען אונדז צו זיין נישט־צו־פֿאַרמיידבאַרע, שעדלעכע דערשיינונגען. אָט אויף אַזאַ אופֿן קאָן איך באַטראַכטן די רעפֿאָרמיסטישע פֿאַרבירגערלעכונג פֿון דער אַרבעטערשאַפֿט ווי אַ נויטיקע דורכגאַנג־סטאַדיע אויף דעם וועג צו אַ נייער

קולטור-געשטאַלטונג; און די פּאַרווירקלעכונג פון דער נאַציאָנאַלער אידעע לאָזט זיך באַטראַכטן ווי די נויטווענדיקע פאָרבאַדינגונג צו אַ העכערער אחדות פון אינטערנאַציאָנאַליזם.

איך וויל נישט באַשטרייטן קיין רגע, אַז אויך אָט די־דאָזיקע טעאָריע איז אפשר נאָר איינער פון יענע שפּיצלען פון לאָגישן דענקען, דורך וועלכע מיר זוכן צו באַזייטיקן אַ שפּאַנונג פון קאָנטראַסט-געפילן פון אונזער באַוווסטזיין, געפילן, וואָס האָבן זייערע וואָרצלען אין דעם אומבאַוווסטזיין. ס׳איז קלאָר, אַז די שפּאַנונג גופא אין דעם געפיל-לעבן ווערט נאָך דורך דעם נישט בטל. און ס׳איז גוט אַזוי. זי ברענגט מיט זיך יסורים: די יסורים פון דעם מענטש, וועלכער וויל דאָס פולקאָמענע, אָבער וועלכער ווייסט, אַז שטענדיק קאָן ער דערגרייכן נאָר דאָס אומפאָלקאָמענע. זי פאָדערט אַ מין רעזיגנאַציע: די רעזיגנאַציע פון דעם מענטש, וועלכער מאַכט פון דער שטרעבונג און פון דעם פאַרלאַנג צו דאָס אומבאַדינגט-גוטע אַ לעבן-פּרינציפּ פאַר זיך, אָבער וועלכער ווייסט, אַז ער וועט זיין מסוגל צו דינען צו דאָס גוטע נאָר דעמאָלט, ווען אין די טאָג-קאַמפן לשם זיין פאַרווירקלעכונג וועט ער זיך שטעלן אויף דעם צד נישט פון דאָס אַבסאָלוט-גוטע, נאָר פון דאָס, וואָס איז לערכדיק דאָס ווייניקער-שלעכטע. און דאָך קאָן נאָר דער מענטש שאַפן דעם מאַקסימום לטובת הכלל, וועלכער נעמט אָן פאַר גוט דידאָזיקע יסורים און די־דאָזיקע רעזיגנאַציע. זיי זענען דער אָפּצאָל, וועלכן דער גייסטיקער סאָציאַל-געזינטער מענטש מוז באַצאָלן דערפאַר, וואָס זיין ווילן שטרעבט צו אַ ציל, וואָס ליגט אין אַ ווייטער איבער-פּערזענלעכער צוקונפט, דערפאַר וואָס דורך זיין דענקען לעבט ער גלייכצייטיק אין דער קעגנוואַרט און אין דער צוקונפט. אָן אָט די גייסטיקע יסורים, וועלכע זענען דער פועל יוצא פון דעם קאָנטראַסט צווישן דעם צוקונפטס-ווונטש און דער קעגנוואַרטס-טאַט, וואָלט אָט דידאָזיקע שפּאַנונג נישט געווען בכח צו באַשאַפן די כסדר העכער-פליענדיקע שטרעבונג, וואָס ברענגט אַריין אין די טאָג-מעשים דעם אָפּשיין פון דעם צוקונפטס-גלאַנץ. און אָן דער רעזיגנאַציע, דער באַשיידנקייט, וועלכע נעמט פאַר גוט און איז לכתחילה מרוצה צו אָנערקענען

דעם קיינמאָל נישט אויפהערנדיקן קאָנטראַסט, וואָלט דער
סאָציאַלער קעמפער אין זיך נישט געפונען די קראַפט פאָרט
נישט אַנטמוטיקט צו ווערן דורך דעם קליינעם ווערט, וואָס
דער נצחון אין קליינלעכן טאָג־קאַמף האָט, ווען מען פאַר־
גלייכט אים מיט דעם גרויסן אידעאַלן ענד־ציל.

דאָס לאָגישע דענקען, וואָס העלפט אונז צו האַרמאָנירן
דעם אונז קלאָר געוואָרענעם קאָנטראַסט, פון איין זייט, מיט
אַ פאַרענדיקטער קאָנסעקווענטער וועלטאַנשויאונג פון אַ צווי־
טער זייט, ברענגט אונז אגב אַ פיל פיינערן נוצן, ווי דער,
וואָס לאָזט זיך דערוואַרטן פון אַ רעצעפּט, מיט וועלכן דאָק־
טוירים זענען מכבד די נערוון־קראַנקע, ביי וועלכע ס'פאָדערט
זיך אָפּצוציען די קרענקלעכע אויפמערקזאַמקייט פון דעם אָדער
יענעם קעגנשטאַנד. סוף כּל סוף איז דאָך אונזער טעאָרעטישע
וועלטאַנשויאונג די העכסטע דערקענטעניש־שטופע, וועלכע
לאָזט זיך דערגרייכן ביים פאַקטישן שטאַנד פון אונזערע פעאי־
קייטן. און ווען מיר זעען דעם העכסטן צוועק פון אונזער
פעאיקייט צו דענקען אין דעם, וואָס מיר שטעלן אַוועק דעם
נוצלעכסטן ציל פאַר אונזער עטישן ווילן, און מיר גיבן אים
די נויטיקע קראַפט און די פאַסיקסטע מיטלען, דעמאָלט מוזן
מיר נישט מיאש ווערן מכח דער נישט־פולקאָמענקייט פון אונזער
וויסן און פון אונזער אומזיכערן כח פאָראויסצוזען די אַנט־
וויקלונג. אונזער פאַאוסטישער תמצית אַלס מערב־מענטשן לאָזט
אונז זוכן צילן, וועלכע ליגן מחוץ פון אונזער אייגענעם איך
און מחוץ פון אונזער צייט; און דידאָזיקע צילן דאַרפן מיר
זען נישט נאָר אין די חלומות, נאָר מיר מוזן איבער זיי
אויך דענקען. דאָס ענד־ציל פון יעדן מין דענקען איז און
בלייבט שטענדיק נאָר איין זאַך: האַרמאָניע — די רואיקע
אויסגעגליכנקייט פון אורזאַכן און רעזולטאַטן, ווי דאָס האָבן
שוין די גריכן פאַרווירקלעכט אינם סילאָגיסטישן אַרגומענט
און אין דעם פולקאָמענעם פּלאַסטישן קינסטווערק. פאַר אונז
אָבער איז נאָך לא די צו געניסן פון דער ריינער לאָגיק און
פון דער ריינער עסטעטיק. אַן אומרו טרייבט אונז כסדר ווײ־
טער און ווייטער צו צילן, וואָס זייער פאַרווירקלעכונג גיבן
מיר אין אונזער דענקען אַ האַרמאָנישע פאָרם, הגם מיר קאָנען

דאָס קיינמאָל נישט דערגרייכן. די טיפסטע האַרצלעך פון אָט דער אומרו ליגן אין דעם געמיינשאַפטס-חוש פון אונזער ראַסע און איר העכסטן סימבאָלישן אויסדרוק געפינט זי אין דער פולקאָמענקייט-שטרעבונג פון אונזערע קריסטלעכע לערעס מכח עמיק און רעכט. די מאַסן-פאַקטאָרן פון דעם סאָציאַלן חילון שטעלן זיך פאַר אונז אוועק אין דער געשטאַלט פון גייסטיקע שפּאַנונגען און סאָציאַלע קעגנזאַצן. דער חיסן מכח דער נאַטור פון דידאַזיקע שפּאַנונגען איז גלייכצייטיק אויך אַ חיסן מכח דער חילנס-קראַפט, וועלכע ווערט געבוירן פון אָט דער שפּאַנונג. און מיר וועלן נאָר דאַן אויפן בעסטן אופן שפּילן אויף דעם אינסטרומענט אין דער וועלט-סימפאָניע, וועלכן מיר האָבן באַקומען אין האַנט דורך דעם מיטגעבוירענעם טאַלענט און דערציאונג, ווען מיר וועלן חיסן, אַז מיר דאַרפן נישט מעשה סאָליסטן איבערטאָנען די אַנדערע חברים-מוזיקאַנטן, נאָר אַז מיר דאַרפן זיך אַריינפּאַסן אין דעם ריטם און אין דעם גאַנג פונם נגון אין דעם גאַנצן אָרקעסטער.

איב מען שטעלט אַרויס צו דער חיסנשאַפט די פאָדערונג, אַז זי זאָל דינען דעם ערשטן ווילן און זאָל נישט זוכן אַריבערצושרייטן דעמדאָזיקן גרענעץ, דאַן פירט מען זי אַריין אין דעם שטאַנד צו דערגרייכן די העכסטע שטופע פון אירע מעגלעכקייטן. אַ געזעלשאַפטס-לערע, למשל, קאָן שטענדיק דינען אונזערע סאָציאַלע האַנדלונגען נאָר דורך דעם, וואָס זי העלפט אונז צו פאַרשטיין די באַדינגונגען פון אָט די האַנדלונגען. פאַרשטיין אָבער הייסט באַלעבן און באַהערשן. צו באַנעמען דעם זינען איז, חי עס האָט זיך אויסגעדריקט דער פילאָזאָף קייזערלינג, צו פאַרחירקלעכן דעם זינען, ד. ה. די זין-רעאַליזירונג. חצרט מען באַזיגט דורך די אָדער יענע גייסטיקע כוחות, איז דאָס שטענדיק אַ סימן, אַז מ׳האָט די כוחות גופא נישט פאַרשטאַנען. דער מאַרקסיזם איז טאַקע דעריבער אָפּגעשטופּט געוואָרן דורך דעם רעפאָרמיזם און סאָציאַלפּאַטריאָטיזם, ווייל ער האָט ביידע דערשיינונגען נישט פאַרשטאַנען. אַ לערע פון דער אַרבעטער-באַוועגונג, וועלכע באַנעמט נאָר עטלעכע פון אירע טרייבנדיקע מאָטיחן, ווירקט אומפאַרמיידלעך אויף אַזאַ אופן, אַז אָט די מאָטיחן וואַקסן

זיך פאַנאַנדער אויף דעם חשבון פון די איבעריקע מאָטיוון, װעלכע די טעאָריע באַטראַכט פאַר אומבאַדײַטנדיקע פאַקטאָרן. װיל מען אָבער אַ גאַנצער זאַך געבן איר אמתן און פולן זינען, מוז מען באַגרײַפן די אײנהײט און די קאָנטינואיטעט פון דער געשטאַלטונג, פון דער פאָרם, װאָס די באַװעגונג נעמט אָן, אַלס אַן אײנהײט און קאָנטינואיטעט פון אײן באַשטימטן גרונט-מאָטיװ. אַ לערע, װעלכע זעט דעם גרונט-מאָטיװ פון סאָציאַליזם אין דעם עטיש-רעאַגירנדיקן געמײנשאַפטס-געפיל, באַגרײַפט מער פון סאָציאַליזם, װי אַ לערע, װעלכע זעט אויף דער אויבערפלאַך פון די סאָציאַלע דערשײַנונגען נישט מער װי די אינטערעסן-קאַמפן; און צוגלײַך באַלעבט די לערע, װאָס אָפּערירט מיט דעם עטישן גרונט-מאָטיװ, מער װי ס'באַלעבט די מענטשן די טרוקענע אינטערעסן-טעאָריע פון קלאַסן-קאַמף, ד. ה. די עטיש-באַפאַרבטע לערע טראָגט אַרײַן מער לעבן און שװוּנג אין דער אַרבעטער-באַװעגונג.

די „באַװעגונגס-ריכטונג" פון אַ האַנדלונג, װעלכע דאַרף, נאָך דער ריכטיקער באַמערקונג פון בערטראַנד רעסעל, באַשטימען דעם אורטייל איבער יעדער פּאָליטישער דערשײַנונג איז דער פועל יוצא פון דער ריכטונג, װעלכע ס'נעמט אָן דער מאָטיװ, פון װעלכן די האַנדלונג שטאַמט. קײן שום װערט-אורטייל איבער אַ סאָציאַלער באַװעגונג לאָזט זיך נישט אַרויסזאָגן בלויז פון דעם ענדציל, װעלכן די באַװעגונג האָט פאַר זיך. דער אמתער עיקר איז נישט דער צוקונפטס-ציל, נאָר דער קעגנװאַרטס-מאָטיװ. מײַנט אָבער נישט, אַז איך לײקן אָפּ די באַדײַטונג פון דעם צוקונפטס-בילד, װײַל עס איז דאָך, װען עס האָט בכלל װעלכן עס איז װערט, שוין אײַנגעשלאָסן אַלס אַ טרײַב-גרונט אין דעם לעבעדיקן קעגנװאַרטס-מאָטיװ; נאָר טויגן טויג ער דאָ בלויז אויף אַזוי פיל, אויף װיפל עס זענען גוט די האַנדלונגען, צו װעלכע ער פירט. איך בין אַ סאָציאַליסט נישט װײַל איך גלויב, אַז דאָס סאָציאַליסטישע צוקונפטס-בילד איז העכער און שענער װי װעלכע עס איז אַנדערע אידעאַלן, נאָר װײַל איך בין איבערצײַגט, אַז דער סאָציאַליסטישער מאָטיװ איז ראוי צו באַשאַפן בעסערע און גליקלעכערע מענטשן. באמת, מיר איז צוװידער די שפּילערײַ מיט אידעאַלן,

ווי דאָס פּאַסירט ביי די גייסטיקע פיינשמעקער און ראָמאַנטי-קער. די פּאָלקס-באַגליקער, וואָס פאַרלאָזן זיך אויף משיחס צייטן, זענען אין מיינע אויגן לעכערלעך, ווען זיי זענען נאאיוו, און עקלדיק, ווען זיי זענען איבערגעשפּיצט און פרעך. עס איז גאָר-גאָר לייכט ליב צו האָבן דאָס אידעאַל-גוטע אין די נעפּלדיקע געביטן פון דער צוקונפט; „אין דער אַבסטראַקטער ליבע צו דער מענטשהייט האָט מען כמעט שטענדיק ליב נאָר זיך אַליין" (דאָסטאָיעווסקי). די ערגסטע צאָלער שרייבן בדרך כּלל די פעסטע וועקסלען אויף דער צוקונפט. די אויפגאַבע פון יעדער סאָציאַליסטישער דערציאונג, ווי איך זע דאָס, איז צו פאַרהאַנדלען די סאָציאַליסטישע אידעאַלן אין סאָציאַליס-טישע מאָטיוון.

ס'איז אַ מין פּערספּעקטיווישע אילוזיע פון אונזער ווילן אַרויסצושיילן, אַזוי-צו-זאָגן, דעם סאָציאַליזם פון די טעגלעכע האַנדלונגען פון דער באַוועגונג און אים אָפּצולייגן אַלס אַ ציל אויף דער ווייטער צוקונפט. צילן זענען נישט מער ווי אילוזאָרישע פּונקטן פון אַ צוקונפטס-האָריזאָנט, אויף וועלכן עס צייכענען זיך אָן די פון אונז באַגערטע ענד-פּונקטן פון אונזערע ווילנס-ריכטונגען. זיי ווערן אַ ממשותדיקע ווירקלעכקייט נאָר בתנאי, ווען זיי גיבן אַרויס מאָטיוון צו ווילנס-האַנדלונגען. אָבער ווי נאָר דער מענטש פאַרלאָזט זיך אויף דער צייט, אַז זי זאָל אים פירן אין דער געווינטשטער צוקונפט אַריין, איז שוין קלאָר, אַז ער וועט לכתחילה באַזיגט ווערן פון דער צייט. דער מענטש באַפרידיקט נאָר דעמאָלט זיין טיפסטן באַגער, דעם נצחון איבער דער צייט און אירע אומשטענדן, ווען ער מאַכט פון זיינע צוקונפט-צילן אַ קעגנוואַרטס-מאָטיוו, און דורך דעם ווערט שוין אַ שטיק צוקונפט צוזאַמענגעשמאָלצן מיט דער קעגנוואַרט. אַ פאַרבאַדינגונג צו אַזאַ שטימונג איז אָבער, אַז דער מרחק צווישן דעם, וואָס איז שוין דערגרייכט, און דעם ווילן-מאַקסימום זאָל נישט זיין אַ צו-גרויסער. נאָר די מענטשן זענען בכּח צו שאַפן שוין איצט אַ פאַרווירקלעכטע צוקונפט, וועלכע זענען מסוגל אויף דעם זיכערסטן אופן אָפּ-צוהיטן די האַרמאָנישע פאַרהעלטעניש צווישן די ווייט-ליגנדיקע צילן פון איין זייט און דער דערגרייכונגס-קראַפט פון זייער

אייגענעם ווילן פֿון דער צווייטער זייט. אָט ביי אַזעלכע מענטשן איז נישט אין גיוועץ קיין קראַפֿט, ווי ביי די פּחדנישע מאָמענט-אָפּאָרטוניסטן, וועלכע האָבן נישט די העזה אַ סך צו אונטערנעמען און צו ריזיקירן, אָדער ווי ביי די פֿרוכטלאָזע בעלי-חלומות, וואָס שטעלן אַוועק זייערע פֿאַנטאַסטישע צילן צו-ווייט פֿון דער ווירקלעכקייט. די זיכערסטע גאַראַנטיע קעגן דער מיספּאַרהעלטעניש צווישן דער ווייטקייט פֿון ציל און דער דערגרייכונגס-קראַפֿט פֿון דער האַנדלונג איז צוצופּאַסן דעם מרחק פֿון ציל צו דער מאָס פֿון אונזער קראַפֿט אויסצופֿירן די האַנדלונגען. אָט אין אַזאַ פֿאַל איז צו פֿאַרקלענערן דעם מרחק פֿון ציל אין תּוך נישט קיין אַנדער זאַך ווי אַן אַנטשפּרעכנדיקע פֿאַרמערונג פֿון דער קראַפֿט, וועלכע געשטאַלטעט די ווירקלעכקייט. צילן לעבן שטענדיק נאָר אין אונזערע קעגנוואַרטס-האַנדלונגען; זייער צוקונפֿטיק וועזן איז אַ מין זעלבסט-אָפּנאַרעריי, זייער איצטיק וועזן איז אָבער אַ שטיק ווירקלעכקייט.

דער, וואָס האָט זיך דורכגעשלאָגן צו אַזאַ דערקענטעניש, זעט אויך פּלוצלונג דעם זינען פֿון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַ גאַנץ אַנדערן שיין. ער זעט דאַן איר צוועק אין איר אייגענער עקזיסטענץ, ווי זי איז בעת מעשה אין דעם געגעבענעם מאָמענט, אין אירע האַנדלונגען און אויפֿטוען פֿון דער קעגנוואַרט, נישט אָבער אין איר אַבסטראַקט-אויפֿגעבויטן צוקונפֿט-ציל. האָט דער סאָציאַליזם אַלס באַוועגונג בכלל אַ וועלכן ס'איז זינען, טאָ באַשטייט ער אין דעם, אַז די מענטשן גופֿא, וואָס נעמען אָנטייל אין דער באַוועגונג, זאָלן ווערן גליקלעכער. דער גליק פֿון די קומענדיקע דורות איז דערביי בלויז אַ פּראָדוקט פֿון דער פֿאַנטאַזיע, וועלכע האָט נאָר אויף אַזויפֿיל אַ רעאַלן ווערט, אויף וויפֿל דער גלויבן אין אים קומט צונוץ אויסצופֿירן אָט די קעגנוואַרטס-אויפֿגאַבע. דאָס איינציקע, וואָס מיר קאָנען וויסן פֿון סאָציאַליזם, איז דאָס, וואָס עקזיסטירט שוין היינט. אָט דאָס איז די באַוועגונג, די אומגעהייערע סומע פֿון די איינצל-האַנדלונגען, וועלכע שאַפֿן שוין היינט-צו-טאָג נייע געזעלשאַפֿטלעכע באַציאונגען צווישן די מענטשן, פּסיכאָלאָגישע פֿאַקטן, נייע

לעבנס-נאָרמעס און נייע אינסטיטוציעס. דער סאַמע עיקר פון סאָציאַליזם איז דער קאַמף, וואָס פירט זיך צוליב אים. אַ דייטשישער יונגער סאָציאַליסטישער פירער (ד״ר ט. האובאַך) האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט אָט ווי: דער קערן-פונקט פון סאָציאַליזם איז נוגע נישט קיין גן-עדן-עקזיסטענץ, נאָר אַ הערבאַישע עקזיסטענץ. דאָ האַנדלט זיך נישט מכּח דעם גליק פון דער מענטשהייט (וואָס וואָלט מען געקאָנט זיך אונטער אַזאַ באַגריף ממשותדיק פאָרשטעלן?), דאָ האַנדלט זיך וועגן דעם אויפטו, וועלכער ווערט פון דער מענטשהייט געפאָדערט״.

דערדאָזיקער אויפטו באַטייט קודם כּל די קאָנקרעטע פאַרווירקלעכונג, אויב נישט פון אַ מענטשן-גליק פשוטו כּמשמעו, איז לפּחות פון די באַשטימטע מאַטעריעלע לעבנס-באַדינגונגען, וועלכע זענען אַ פאָרבאַדינגונג צום גליק. נישט דער „ריכטיק-פאַרשטאַנענער אינטערעס״ פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע, און נישט די מוסר-דרשות פון די פּרעדיקער זענען געווען בכּח אָפּצוהאַלטן די אויסנוצער און די מאַכטהאָבער פון אונזער אינדוסטריעלן סיסטעם, זיי זאָלן נישט פאַרמשפּטן די אַרבעטער-מאַסן צו אַן עקזיסטענץ, וועלכע האָט צו-נישט געמאַכט יעדע העכערע שטרעבונג מחמת דעם הונגער-לוין און מחמת דער צו-לאַנגער אַרבעט-צייט. די אַרבעטער האָבן געמוזט ערשט אונטער דער כּאָן פון סאָציאַליזם אָרגאַניזירן אַן אָפּווער, כּדי די מינימאַלע פאָדערונגען פון אַ מענטשן-ווירדיקער עקזיסטענץ זאָלן בכלל פאַרווירקלעכט ווערן אין לעבן. דער קלאַסן-רעסענטימענט, מיט זיין קנאה און שנאה, וואָס איז געווען דער פועל יוצא פון אַזאַ קאַמף, איז אפשר אַן עטישער מינוס, אויב מען מעסט אים מיט די אידעאַל-פאָדערונגען פון דער קריסטלעכער און סאָציאַליסטישער עטיק. פונדעסטוועגן איז ער אָבער געווען אַ פּלוס אין פאַרגלייך מיט דעם צושטאַנד פון דער האָפענונגסלאָזער אונטערגעוואָרפנקייט און פולקאָמענער דעמאָראַליזאַציע, וואָס דאָס איז געווען דער איינציקער פּראַקטיש-מעגלעכער אַלטערנאַטיוו-אויסוועג, אויב מ׳זאָל אָפּוואַרפן דעם קלאַסן-רעסענטימענט. חוץ דעם האָט נאָך דער קאַמף, וואָס ווערט געטראָגן פון דעמדאָזיקן געפיל, זיך אַרויסגעשטעלט פאַר דעם איינציקן ווירקזאַמען אופן צו דערציען

די הערשנדיקע קלאַסן צו דער מיניִמום־מאָס פון סאָציאַל־עטישער אויפפירונג, וועלכע זיי האָבן ערשט אונטער דעם דרוק פון דער פּראָלעטאַרישער מאַכט אָנערקענט אויך אַלס זייער אייגענעם קלאַסן־אינטערעס. די אַדוואָקאַטן פון אַ סיסטעם, וועלכעס איז בלויז דורך דער פאַרביטערטער פאַרטיידיקונגס־מלחמה פון די אונטערדריקטע געשטערט געוואָרן צו פאַרמשפּטן די מערהייט פון די נוצלעכע פּראָדוצענטן צו אַ מוראַדיק־שווערן קערפּערלעכן לעבן און גייסטיקן דלות — אַט די נפשות האָבן באמת קיין שום רעכט נישט צו באַקלאָגן זיך, אַז דער מאַרקסיזם האָט געפּרעדיקט אַ האַס־סאָציאַליזם. זאָלן זיי בעסער זען אַרויסרופן ביי זייערע פריינט, די עקאָנאָמישע מאַכטהאָבער, אַן אַקטיווע ליבע צום מיט־מענטשן, איידער זיי הייבן אָן צו האַלטן מוסר־דרשות פאַר די אַרבעטער. אין דער גליט פון דעם סאָציאַלן האַס איז ווי־נישט־ווי געשמידט געוואָרן די סאָלידאַריטעט, וועלכע איז ביי די מאַסן היינט־צו־טאָג די ווichטיקסטע פאָרם פון דער פּראַקטישער ליבע צום מיט־מענטשן, אויף וויפל זי לאָזט זיך פאַרבינדן מיט די גוטיקע אומשטענדן פון דעם עקזיסטענץ־קאַמף, אָדער לפּחות דער איינציקער מאַסן־דערציִערישער ווירקזאַמער אָנהאַנג פון אַזאַ מענטשן־ליבע. אָבער ראשית כּל איז דער קלאַסן־רעסענטימענט געווען דאָס בעסטע מיטל, ממש אַזאַ, וואָס אָן איבער קאָן מען זיך נישט באַגיין, צו שאַפן פאַר מיליאָנען מענטשן בעסערע און געזונטערע לעבנס־פאַרהעלטענישן און — באַזונדערס דורך דער פאַרקירצונג פון דער אַרבעטס־צייט — אויך נייע מעגלעכקייטן.

אין די שעהן פון מיין יאוש איבער דער קליין־בירגערלעכער זעלבסטצופרידנקייט פון דער אַרבעטערשאַפט נעפּין איך אָפט אַ טרייסט אין אַ דערינערונגס־בילד פון מיין יוגנט־צייט. די בעלגישע שטאָט, וווּ איך האָב באַזוכט דעם אוניווערזיטעט, איז געווען אַ גרויסער צענטער פון דער טעקסטיל־אינדוסטריע. יעדן מאָרגן פאַר 6 אינדערפרי בין איך געוועקט געוואָרן דורך דער מאַסנהאַפטער טופּעריי פון די האָלץ־שיך אויף דעם גאַסן־ברוק. די מידע מחנה פון די אַרבעטער, פרויען און קינדער, פלעגט זיך אַריינגיסן אין די פאַבריק־טויערן,

וואָס פלעגן דערמאָנען מיר די טויערן פון אַ טורמע, און אַז די פאַבריקן פלעגן זיי אָהנע־צייט אַ זייגער אכט ווידער פאַרלאָזן מיט נאָך מידערע און בלאַסערע פנימער. ס׳איז נאָך נישטאָ קיין 25 יאָר זינט יענער צייט. נו, אַז איך פלעג זיך דערמאָנען וועגן דער בושה און צאָרן, וואָס איך האָב דעמאָלט געשפירט, ווייל מיר איז געווען גוט, בעת צוויי טריט פון מיר פלעגן מענטשן פאַרמשפטן זייערע ברידער צו אַזאַ שקלאַפן־שיקזאַל, האָב איך זיך געטראַכט אַזוי: „דו ביסט אַן ענגהאַרציקער און אַ שמאָל־קעפּיקער דילעטאַנט פון קלאַסן־קאַמף, אויב דו ביזט זיך מצער, אַז דיזאָזיקע מענטשן, וואָס האָבן אַמאָל געשלאָפט 12 שעה אַ טאָג און זענען איצט געצוואונגען צו שוויצן נישט מער ווי אכט שעה אַ טאָג, ווילן דיר נישט צוליב טאָן און לעבן לויט דיינע עסטעטישע און קולטורעלע אידעאַלן. היינט ווען אַ דאַנק די קרבנות, וואָס זיי אַליין האָבן געבראַכט פאַר זייער אָרגאַניזאַציע־קאַמף, זענען זיי בכח צו לעבן אַ ביסל בעסער, פאַרשטייען זיי אָבער נישט צו באַנוצן די איבריקע פאָר גראָשן פון לוין און די עטלעכע צוגעקומענע פרייע שעהן פון מעת לעת אויף אַ העכערע און שענערע זאַך, ווי אויף די נאַרישע תענוגים פון דעם קליינבירגערלעך זעלבסטצופרידענעם לעבן. און — זיי זיך אין דעם מודה, — דעריבער זענען זיי דיר ווינציקער סימפּאַטיש געוואָרן. אָבער זענען דען די מענטשן נאָר צוליב דעם געשאַפן געוואָרן, אום אויסצופירן די טעאַטער־עפעקטן פון דיין עסטעטיזירנדיקער רעוואָלוציע־ראָמאַנטיק? זאָלן זיי לעבן פאַר זייערע אָדער פאַר דיינע צוועקן? דער ווילשטאַנד איז שטענדיק ווייניקער פילפאַרביק און דראַמאַטיש ווי דער דלות — אָבער נישט פאַר די, וואָס ליידן פון דעם דלות. דו באַקלאָגסט אָט די מענטשן, ווייל אין זייער גרעסטער צאָל ווערן פון זיי זאַטע קליינבירגער, טעמפּע פיליסטער. אָבער זענען דען די פיליסטער־נאַטורן נישט קיין געוואַלטיקע מאַיאָריטעט אין יעדער סאָציאַלער שיכט? אפשר איז גוט, וואָס ס׳איז אַזוי — אויב ס׳וואָלטן געלעבט נאָר באַהעמיער און זשעניען, וואָלט די וועלט געהאַט גאָרנישט קיין שיין פנים. מוזן דען נישט די מענטשן ערשט באַפרייט ווערן פון די דרינגענדסטע דאגות פון דעם

טאָג-טעגלעכן יאָך — דעם פוסטן מאָגן, די פאַרמאַטערטע איברים, די שלעפּערדיקע אויגן — איידער זיי אָדער זייערע קינדס-קינדער וועלן דערגרייכן די גייסטיקע פרייהייט, וועלכע האָט אַ שייכות צו אַ שענערן לעבן?"

אין דער אמתן: די אינטעליגענטן, וואָס חלומען פון דער רעוואָלוציאָנערער קולטור-איבערקערנדיקער מיסיע פון דעם פּראָלעטאַריאַט, טאָרן נישט פאַראַכטן די דאָזיקע פּראָלע-טאַריער נאָר דערפאַר, ווייל ראשית כל און מער פון אַלץ ווילן זיי נישט זיין קיין אָרעמעלייט. ווער עס האָט גענוג געלט צו קויפן פאַר זיך גליק — אָדער ווער עס האָט אַזעלכע אידעאַלע תענוגים פון אַזאַ שטאַרקן מין, אַז ער קאָן דורך זיי לגמרי פאַרגעסן זיינע אייגענע געלט-זאָרגן — דעם איז אַלץ לייכט צו פאַרדאַמען די מאַסן פאַר זייער גלויבן אין דער מאַכט פון געלט. אָדער וויל ער עפּעס טאָן, וואָס קאָן ווירקלעך נוצן זיין אידעאַל, טאָ זאָל ער העלפן די מאַסן צו שאַפן אַזעלכע באַדינגונגען, ביי וועלכע אויך זיי וועלן זיך קאָנען באַגיין אָן אַ גלויבן אין געלט.

וויל מען דערציען די מענטשן, אַז זיי זאָלן אַנטוויקלען אין זיך די העכערע באַדערפענישן, דאַן מוז מען זיי קודם כל באַפרייען פון דעם הייניקן קאָנטראַסט צווישן דער באַ-דערפעניש און דער באַפרידיקונג. דאָס קאָן אין גרונט גענומען ווערן נאָר אויף צוויי אופנים: אָדער מען מוז צופּאַסן די באַדערפעניש צו דער באַפרידיקונג, אָדער מען מוז די באַפרי-דיקונג צופּאַסן צו דער באַדערפעניש. מ'קאָן אַפילו פאַרקלע-נערן די באַדערפעניש אין געלט צו דער סאַמע קלענסטער מאָס, ד. ה. צו דעם מינימום פון די עקזיסטענץ-מעגלעכקייטן פאַר די הייניקע ברייטע מאַסן, אויב מ'זאָל אַ שטייגער מאַכן אַ כלל פון דעם פראַנציסקאַנישן אַסקעטן-אידעאַל. דאָס איז אָבער אַן אינדיווידועל-פּסיכאָלאָגישער פּראָצעס, וועלכער פאָ-דערט אַזעלכע זעלטענע פעאיקייטן, אַז ער — לכל הפחות ביי די פעלקער פון דער מערב-ציוויליזאַציע — קאָן גאָרנישט געמאָלט זיין אַלס אַ מאַסן-דערשיינונג. ס'בלייבט אַ פאַרקער-טער וועג: דורך אַ העכערע פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבעט און פון דעם טייל, וואָס די מאַסן האָבן אין דעם אַרבעטס-

פּראָדוקט, צו דעקן דעם היינטיקן מאַסן־דעפיציט אין די געברויך־אַרטיקלען און קולטור־מיטלען, אין דערגרייכן אַ הויכע מדרגה פונעם אַלגעמיינעם וווילשטאַנד. דעמאָלט וועט דאָס שטרעבן פון די אונטערשטע קלאַסן צו אַ העכערער סאָציאַלער מדרגה זיין געווענדעט צו אַנדערע צילן און צו דער נאָכמאַכונג פון די העכערע טיפּן פון לעבנס־שטייגער. באַזונדערס פון דעם מאָראַלישן און גייסטיקן מין. די דערפאַרונג ווייזט זייער קלאָר, אַז דערדאָזיקער וועג איז דער איינציק־מעגלעכער פאַר די ברייטע מאַסן פון אונזער צייט. דער פּשוטער בשר ודם מוז האָבן געלט, כּדי דאָס געלט צו פאַרזאַכטן, אָדער ווייניקסטנס, כּדי זיך צו קאָנען באַפרייען פון דעם געלט־שגעון. וויל מען האָבן, אַז די מאַסן זאָלן זיך אָפּזאָגן פון זייער גלויבן אין רייכטום אַלס דאָס העכסטע גליק, מוז מען קודם כּל דערגרייכן פאַר די מאַסן אַ מין מינימום פון מאַטעריעלן וווילשטאַנד. די סאָציאַליסטישע באַוועגונג, וועלכע העלפט דעם אַרבעטער אין דערדאָזיקער באַציאונג, דאַרף דעריבער אָנערקענט ווערן פאַר אַ וויכטיקן פּלוס אין דער רשימה פון די מאָראַלישע מעלות.

נאָר זאָל מען אַפילו אָננעמען, אַז דערדאָזיקער אומשטאַנד, וועלכער איז זיך סומך סוף כּל סוף אויף צוקונפטס־חשבונות, וואָלט נישט געווען, סאָ קאָן מען דאָך פאַררעכענען דעם סאָציאַליזם פאַר אַ שבח אויך דעם אומשטאַנד, וואָס זיין פאַרווירקלעכונג וועט נישט נאָר אָנזעטיקן דעם מאָגן, נאָר וועט אויך שטילן דעם גערעכטיקייטס־דורשט פון דער נשמה. די אַרבעטער־באַוועגונג מילדערט טאַקע דעם דלות פון די אָרעמע שיכטן, אָבער זי מאַכט אויך בטל די אומגערעכטיקייט פון אַ צו־שטאַרקער סאָציאַלער איבערמאַכט פון די פאַרמאָגנדיקע קלאַסן איבער די באַזיצלאָזע קלאַסן, און דורך דעם ווערן אויך אָפּגעשאַפט די שלעכטע רעזולטאַטן, וואָס דידאָזיקע אומגערעכטיקייט האָט פאַר דער נשמה סיי פון די, וואָס פאַראורזאַכן, סיי ביי די, וואָס ליידן פון איר.

און זאָל שוין זיין, אַז דאָס אַלץ איז נישט מער ווי אַ אילוזיע, דעמאָלט וואָלט פאָרט געבליבן דער אומצעשטערבאַרער פאַרדינסט, וואָס די שטרעבונג גופא צו דידאָזיקע צוועקן ברענגט

שוין דעם מענטש אַ פֿולער, גליקלעכער, מענטשן־ווירדיקער לעבן, ווי דאָס קאָנען האָבן נאָר די מענטשן, וועלכע זענען נישט בלויז די קרבנות, נאָר אויך די מייסטער פֿון זייער שיקזאַל. דער טיפֿסטער זינען פֿון סאָציאַליזם (אויב מען וויל אים אויסדריקן אין דער ניכטערער שפּראַך פֿון דער סאָציאַל־פּסיכאָלאָגיע) איז דער, וואָס אויפֿשטעלנדיק קאָמפּענסירנדיקע יושר־באַגריפֿן, לויט וועלכע מיליאָנען מענטשן אָריענטירן זיך, העלפֿט ער צו באַוועלטיקן אַ סאָציאַלן מינדערווערטיקייטס־קאָמפּלעקס. די איינציקע אַלטערנאַטיוו צו דער סאָציאַליסטישער מאַסן־אידעאָלאָגיע איז בכן דער דעמאָראַליזירנדיקער סאָציאַל־פּאַראַזיטיזם, דער רענטן־אַפּעטיט, אָדער מאַסן־פֿאַרברעכנס. ס'איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז די סאָציאַליסטישע פֿאָדערונגען פֿון די אַרבעטער זענען די סובלימירטע פֿאָרם פֿון אַ נאַטירלעכן רעסענטימענט, וועלכע וואָלט געפֿירט, אויב דערדאָזיקער זיכערקייטס־ווענטיל וואָלט נישט געווען, צו אַ העכערער אינדיווידועלער אַגרעסיווקייט און ניהיליסטישער צעשטערונגס־משוגעת. די שפּראַך פֿון דער רעליגיעזער עטיק וואָלט דאָס אַזוי אויסגעדריקט: דער סאָציאַליזם איז אַ גלויבן, וועלכער מאַכט די מענטשן בעסער, ווייל ער הויבט זיי אויף איבער זיך גופֿא און שטעלט פֿאַר זיי אַוועק איבערפּערזענלעכע צוועקן; ער מאַכט אין יעדן פֿאַל די מענטשן גליקלעכער, ווייל ער גיט זיי אַ האָפֿענונג, וועלכע טרייבט זיי צו מעשים. נו, וואָס די־דאָזיקע האָפֿענונג וועט מאַכן פֿון דער וועלט אין הונדערטער יאָרן אַרום, קאָן קיין מענטש נישט וויסן; דאָס הענגט אָפּ פֿון דעם רבונו של עולם. דאָס קאָן דעריבער נישט באַשטימען אונזער אורטייל איבער דעם סאָציאַליזם: איז ער גוט אָדער שלעכט? די אַנטשיידנדיקע באַדייטונג האָט אָבער די איינציקע מעגלעכע דערקענטעניש, וואָס דער סאָציאַליזם שאַפֿט שוין ביים איצטיקן מאָמענט בעסערע און גליקלעכערע מענטשן, דורך דעם וואָס ער ראַטעוועט פֿון אונטערגאַנג זייערע ווערטפֿולסטע סאָציאַלע אינסטינקטן.

און דאָך, הגם איך באַטאָן דעמדאָזיקן גליק־פֿאַרלאַנג, טאָר איך נישט פֿאַררעכנט ווערן פֿאַר אַ העדאָניסטישן מאַטעריאַליסט, וועמעס לאָזונג איז דער באַקאַנטער פּרינציפּ

פון ענגלישן סאָציאַל-פילאָזאָף בענטהאַם: „דאָס גרעסטע גליק פאַר דער גרעסטער צאָל מענטשן". איך האַלט, אַז יעדע קוואַנטיטאַטיווע (אַריטמעטישע) טעאָריע פון גליק איז אַ פּסיכאָלאָגישער אומזין. אין עצם איז דאָס גליק-געפיל אַ זאַך מיט אַ סוביעקטיוון קוואַליטאַטיוון (איינהאַלטלעכן) ווערט. אָט די דאָזיקע שאַצונגען, דאָס מיינט גליק-געפיל-באַגריפן, לאָזן זיך פּשוט נישט פאַרגלייכן צווישן זיך און געמאָסטן ווערן אויף אַן אָביעקטיוון און קוואַנטיטאַטיוון אופן, דאָס הייסט דורך סטאַטיסטיק און בוכהאַלטעריע.

גליק און אומגליק זענען פּסיכיש-גייסטיקע צושטאַנדן, וואָס מ'קאָן זיי פאַרגלייכן צווישן זיך נאָר אין באַצוג צו אַ גאַנץ באַשטימטער לאַגע. זיי זענען פאַלוסן פון אַ שפּאַנונג, וועלכע האָט אָן אָט די פאַלוסן גאָר קיין זינען נישט. עס זענען נישטאָ קיין „גליקלעכע" אָדער „אומגליקלעכע" פאַרהעלטענישן, ס'זענען נאָר דאָ גליקלעכע אָדער אומגליקלעכע מענטשן. דאָס גליק-געפיל אָדער אומגליק-געפיל אין אַ וועלכער-נישט-איז באַשטימטער לאַגע איז דער פּועל יוצא פון צוויי פאַקטאָרן: די לאַגע גופא און דער שטייגער, אויף וועלכן די מענטשן, וואָס געפינען זיך אין אָט דער לאַגע, האַלטן זיך לגבי איר און שאַצן זי אָפּ. אָט דער דאָזיקער אינדיווידועלער שאַצונגס-שטייגער איז אָבער פון זיין זייט נישט קיין זאַך, וועלכע בלייבט שטענדיק אומפאַרענדערט. זי אַליין הענגט אָפּ פון די איבערלעבונגען, — אמת, נישט נאָך יעדער איינציקער איבערלעבונג, אָבער פון דעם איבערלעבונג-סך הכל אין יעדער לעבנס-פאַזע, ווי באַשטימטע איבערלעבונגען ווערן שטענדיקע געוווינהייטן. דאָס, למשל, וואָס באַטייט דאָס העכסטע גליק פאַר מיין שכן, קאָן ביי מיר אַרויסרופן נאָר אַ ווידערווילן און עקל; און צו דעם, וואָס מאַכט מיך גליקלעך, בלייבט ער אפשר, בדרך כלל, לחלוטין גלייכגילטיק. פון דער אַנדערער זייט קאָן אַ צושטאַנד, וועלכער איז אַמאָל פאַר מיר געווען דאָס העכסטע גליק, שוין קיינמאָל נישט באַטייטן דאָסזעלביקע, וואָס פריער, נאָכדעם ווי איך האָב דעם צושטאַנד שוין דערגרייכט. נישט ווייל עס אַליין האָט באַקומען אַן אַנדער פּנים און נישט דאָס, וועלכעס איך האָב דערוואַרט; נייִן,

נאָר טייל פון דער רגע אָן, וואָס דער צושטאַנד איז מקוים געוואָרן, דווקא ווייל ער איז מקוים געוואָרן, פאַרלאַנג און באַגער איך אַ גאַנץ אַנדערן צושטאַנד. אין יעדן נייעם צושטאַנד קומט פאָר אַן אָביעקטיוויזירונג פון דעם גליק-אומגליק פּאָלאַ-ריטעט-פאַרהעלטעניש, וועלכע איז שטענדיק נייטיק פאַר דער אָריענטאַציע פון ווילן; די שפּאַנונג איז שטענדיק דאָ, אָבער אָריענטירן אָריענטירט זי זיך לויט שטענדיק נייע פּאָלוסן.

דער, וואָס חלומט מכח אַ פולקאָם-גליקלעכן צושטאַנד פון דער מענטשהייט אין דער צוקונפט, שטעלט זיך אין גרונט פאַר אַ צושטאַנד, וועלכן מען וואָלט געקאָנט באַטראַכטן אַלס אַ גליק-צושטאַנד על פּי די כּללים און נאָרמעס פון דעם הייַנטיקן געזעלשאַפט-צושטאַנד; אַזאַ מענטש באַגערט דאָס, וואָס וואָלט לויט זיינע איצטיקע מאָסשטאַבן באַטייט פאַר אים אַ גליק-זאַך, אָבער נישט דאָס, וואָס וואָלט געווען אַ גליק טאַקע פאַר די מענטשן פון דער צוקונפט לויט זייערע אייגענע מאָסשטאַבן. דאָס איז פּונקט אַזאַ נאַאיווע אילוזיע, ווי די, אַ שטייגער, וואָס אַ נאַאיווער מאמין האַלט פון עולם הבא, וו די צדיקים באַקומען נאָר תענוגי עולם הזה. פולקאָמענקייט אונטערשיידט זיך פון אומפולקאָמענקייט נאָר דעמאָלט, ווען דיזאַזיקע אומ-פולקאָמענקייט האָט אַ שייכות צו דערזעלבער ווירקלעכקייט, צו וועלכער עס געהער די פולקאָמענקייט.

דער מאַרקסיזם איז אויך אין דער באַציאונג אוטאָפּיש און פּסיכאָלאָגיש אומזיניק, וואָס ער גלויבט אין אַ פאַרמערונג פון דעם סך הכּל פון גליק אין דער צוקונפט, בשום דורך גרויסע איינריכטונגען און אינסטיטוציעס צו באַפרידיקן יענע מינים פון די באַדערפעניש‍ן, וועלכע זענען ברענענדיקע באַ-דערפענישן אין דעם היינטיקן סיסטעם פון סאָציאַלע אינסטיטוציעס (צו פאַרזאָרגן יעדן איינציקן מיט ברויט איז אַ גרויסער אידעאַל היינט-צו-טאָג, אָבער דאָס וועט נישט באַטייטן אַ גליק-צושטאַנד פאַר מענטשן אין אַ צוקונפט, וועלכע וועט לכתחילה אָנערקענען, אַז יעדן מענטשן-קינד קומט פון דער געבורט-אָן דאָס רעכט צו זיין זאַט). דאָס איז אומזיניק אויס צוויי טעמים: ערשטנס, ווייל דער סך הכּל פון גליק ווערט באַטראַכט מעשה סאָציאַלער שטענדיקער צושטאַנד; און צווייטנס,

ווײַל די העכערונג פֿון דער גליק־קוואַליטעט — און דאָס איז דאָך דער עיקר — קאָן נישט דערגרייכט ווערן דורך פֿאַרענדערונגען אין די אינסטיטוציעס, נייערט נאָר דורך דער פֿאַרענדערונג פֿון די מאָטיוון, וואָס ווערן פֿון די אינסטיטוציעס אויף אַ גוטן אָדער אויף אַ שלעכטן וועג נישט פֿול באַאײַנפֿלוסט. דעריבער איז דער געדאַנק, אַז דאָס אָדער יענץ סאָציאַלע סיסטעם איז בכח צו גאַראַנטירן אַזאַ זאַך ווי „אַלגעמײַן גליק", פּשוט אַן אַבסורד. אינסטיטוציעס קאָנען נאָר שאַפֿן אָדער אָפּשאַפֿן שטערונגען, וואָס שטייען אין וועג צו אַ העכערער מדרגה פֿון גליק.

די שפּאַנונג־פֿאַרהעלטעניש, וועלכע איז פֿאַר דער קולטור־אַנטוויקלונג אַזוי וויכטיק און פֿרוכטבאַר, איז בכן נישט אַזוי די עלעמענטאַרע און סאָציאַל־סטאַטישע פֿאַרהעלטעניש צווישן גליק און אומגליק, ווי די קולטור־קאָמפּליצירטע און סאָציאַל־דינאַמישע פֿאַרהעלטעניש צווישן איין מין גליק און אַ צווייטן. פֿאַרשטייט מען אונטער דעם „גרעסטן גליק פֿאַר דער גרעסטער צאָל מענטשן" נאָר אַ גרעסערן סך הכּל אָדער אַ גרעסערע אינטענסיווקייט פֿון הנאה־געפֿילן, דאַן יאָגט מען זיך נאָך אַ מיראַזש: יעדע העכערונג פֿון דער פֿעאיקייט צו געניסן גליק פֿירט צו אַ העכערער אינטענסיווקייט פֿון דעם שמערץ דורך אומדערפֿילטע באַגערן. פּונקט אַזוי אומלאָגיש וואָלט געווען צו שטרעבן צו אַ וועלט, אין וועלכער מיר זאָלן פֿילן מער ליכטיקייט און ווייניקער שאָטן: פֿיפֿף, ווי מיר וואָלטן אַזאַ וועלט פֿון עקסטרעמען שוין געפֿונען, וואָלט זיך אונזער חוש הראיה אויפֿסניי צוגעפּאַסט צו דער מיטל־מאָס צווישן ליכט און שאָטן און ס'וואָלט קיין זכר נישט געבליבן פֿון דער שפּאַנונג צווישן דער באַגערטער מאַקסימום־קוואַנטיטעט פֿון ליכט און שאָטן. צו פֿאַרמערן די קוואַנטיטעט פֿון גליק איז אַן אומלעזבאַר פּראָבלעם, און נאָר די בורזשואַזע פֿלאַכקייט פֿון בענטהאַמס פֿילאָזאָפֿיע האָט געקאָנט בכלל אַוועקשטעלן די פֿראַגע אין אַזאַ פֿאָרם. מ'קאָן וועגן די קרעמער־פֿילאָזאָפֿן זאָגן, איבער־מאַכנדיק שאָפּענהויערס אַ וואָרט: זיי רעדן וועגן גליק און מיינען געלט. טאַקע אין דעם פּונקט ווײַזט זיך אַרויס די מאַרקסיסטישע חולאת, וואָס איז געקומען בירושה פֿון די

פילאָזאָפישע סאַטעס: ער זאָגט מער גליק און מיינט ער מער וווילשטאַנד; אַ פאָדערונג, וועלכע איז יושרדיק בנוגע צו די צושטאַנדן פון דער אינדוסטריעלער עפּאָכע. אָבער זי קאָן אין אַזאַ פאָרם קיין שום שייכות נישט האָבן צו די לעצטע אַלגעמיינע און אייביקע צילן פון דער מענטשהייט און פאַרדינט נישט די קדושה פון מאַרקס און עטיק.

וווילשטאַנד איז אַ גליק נאָר אין אַזאַ צושטאַנד, ווען ער פעלט. הערשט אָבער אַ לאַגע, אַז „די גרעסטע צאָל" געניסט שוין יאָ פון וווילשטאַנד, דעמאָלט ווערט אויף איינמאָל נויטיק צו זוכן דאָס גליק ערגעץ-ווו אַנדערש. שוין אין דעם היינטיקן צפון-אַמעריקע זעען אַלע פיינפילנדיקע און טיפערע קולטור-קריטיקער געצוויגט צו זען דאָס פאָרטשריט-פּראָבלעם אין אַ גאַנץ אַנדערן ליכט; דאָרט הויבט מען אָן דעם פאַקטישן וווילשטאַנד פון דער „גרעסטער צאָל" צו פאַרדאַמען, פשוט ווייל ער איז נישט קיין „גרעסער" גליק. נו, זאָל מען פון דעם שליסן, אַז מ'דאַרף נישט שטרעבן צום וווילשטאַנד פון דער גרעסטער צאָל? פאַרקערט: זאָל מען שטרעבן צו דעם, דווקא כדי די גרעסטע צאָל זאָל לערנען צו שטרעבן צו אַן אַנדערן, אַ העכערן גליק. אָט דאָ ליגט דער פּראַקטישער קערן פון דער גאַנצער פראַגע. דער פאָרטשריט באַשטייט נישט אין אַ פאַרמערונג פון דער סומע פון גליק, וואָס איז אַ זאַך, וועלכע מ'קאָן קיינמאָל נישט דערגרייכן, נאָר דורך דער העכערונג פון דעם גליק-אידעאַל, ד. ה. צו מאַכן די שפּאַנונג צווישן גליק און אומגליק וואָס העכער און פולווערטיקער אין עטישן זינען.

דער חלום מכח דער באַפרידיקונג פון אַלע באַדערפענישן פון אַלע מענטשן איז אַזוי נאַריש, ווי ער איז געמיין. ער איז נאָר פאַרשטענד, ווען בײַ די מענטשן, בײַ וועלכע ער איז דער פאַנטאַזיע-פּראָדוקט פון אַ סאָציאַלן קראַנקהייטס-פיבער, וועלכער קומט פון דעם איינגעפּענטעטן צושטאַנד פון די העכערע באַדערפענישן, אַלס אַ פועל יוצא פון די נישט-באַפרידיקטע נידעריקערע באַדערפענישן פון דער מענטשלעכער נאַטור. נאָר די הונגעריקע און די מידע חלומען פון אַ „שלאַראַפען-לאַנד", אַ גן עדן, וואָס האָט פון כל טוב פאַר אַלע

אַן אויסנאַם. נאָר די מענטשן, וואָס זענען באַדריקט פון זייער
סאָציאַלער מינדערווערטיקייט, גלויבן, אַז ס׳קאָן געמאָלט זיין
אויסצוגלייכן אַלע סאָציאַלע אורזאַכן פון די מענטשלעכע
ליידן, פשוט ווייל זיי באַגערן אַזאַ צושטאַנד; פונקט ווי
ס׳וואָלט מעגלעך געווען בטל צו מאַכן די עקזיסטירנדיקע
קעגנזאַצן אויף אַן אַנדער וועג, ווי נאָר דורך אַן אַריבערפירונג
פון די קעגנזאַצן צווישן אָרעם און רייך פון אַ נידעריקער
אויף אַ העכער מדרגה. דער קעגנזאַץ צווישן דלות און רייכקייט,
אַ שטייגער, דאַרף פאַרדרענגט ווערן דורך אַ קעגנזאַץ צווישן
ווייניק בילדונג פון איין זייט און גייסטיקער עשירות פון דער
צווייטער זייט. דאָס ערגסטע אין דעם שיקזאַל פון די אַרבעטנ-
דיקע מאַסן איז, איך וועל דאָס איבערחזרן, נישט דער מאַ-
טעריעלער דלות סתם, נאָר דער פאַקט, וואָס דערדאָזיקער דלות
פירט זיי אויך צו אַ גייסטיקער אָרעמקייט: די זאָרג וועגן
אַן אַרבעטס-שטעלע, סאָציאַלע אומזעלבשטענדיקייט, די איינ-
געפּענטעטע איידלסטע קאָנסטרוקטיווע אינסטינקטן דורך דער
לוין-שקלאַפעריי און סאָציאַלע עוולות וכד׳. אָט דאָס מיין איך,
בעת איך רעד פון די איינגעפּענטעטע העכערע באַדערפענישן
דורך דער נישט-באַפרידיקונג פון די נידעריקערע באַדערפע-
נישן. בינו לבינו איז דורך דעם, וואָס מיר דערקלערן אַ חלום
דורך אַ ווירקלעכער אורזאַך (אַ שטייגער אַ פוסטן מאָגן), קאָן
מען נאָך בשום אופן נישט אָנערקענען, אַז דאָס חלום-בילד
האָט אַ ממשות. מיר מוזן זאָגן די מאַסן דעם אמת: מ ע ר
גליק קאָן מען דערגרייכן נאָר דורך אַ העכערונג פון דער
באַדערפעניש-מדרגה, פון אַן עטישן אָדער עסטעטישן שטאַנד-
פונקט. אָט דאָ ליגט דער טיפערער זין פון דעם פריער דער-
מאָנטן קאָנטראַסט צווישן אַ גן-עדן-עקזיסטענץ און אַ העראָאישער
עקזיסטענץ אַלס דעם קערן-פונקט פון סאָציאַליזם (ד״ר ט.
האָובאַך); דאָס איז אויך די דערקלערונג, וואָס איך רעד שטענ-
דיק אין איין אָטעם פון אַ „גליקלעכערן און אַ בעסערן" מענטש.
אויך פון אָט דעם שטאַנדפונקט עפנט זיך אַ נייער בליק
אויף דעם דואַליזם פון די מאָטיוון, וועלכע פונקציאָנירן אין
דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער-באַוועגונג אַלס „קאַפּיטאַליסטישע"
נשמה (וועלכע באַווירט זיך אויף צופאַסונג) און „סאָציאַליסטישע"

צעמה (וועלכע באַזירט זיך אויף אַן אָפּלייקענונג פֿון דעם עקזיסטירנדיקן סאָציאַלן צושטאַנד). די באַוועגונג האָט צווייערליי צילן: ערשטנס, צו באַפֿרידיקן די עקזיסטירנדיקע מאַסן-באַדערפֿענישן, צווייטנס, אויפֿצוהייבן די מאַסן-באַדערפֿענישן צו אַ העכערער מדרגה. די ערשטע אויפֿגאַבע ווערט אויסגעפֿירט אין דעם אינטערעסן-קאַמף, די צווייטע — אין דער קולטורעלער שאַפֿונג. די צווייטע איז די באמת דורך און דורך סאָציאַליסטישע אין דעם זינען, וואָס די מיטלען און די צילן טראָגן דעמזעלבן כאַראַקטער. ווען זי וואָלט נישט זיין, טאָ וועלכן זין וואָלט געהאַט לאַסאַלס פֿראַזע וועגן דער „פֿאַרדאַמטער באַדערפֿענישלאָזיקייט פֿון די מאַסן"? דער סאַמע לעצטער ציל, וועלכער גיט דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל ערשט זיין עטישן און רעליגיעזן (ווייל ער שטרעבט צו דאָס אַבסאָלוטע, דעם עיקר-ווערט פֿון אַלע אידעאַלן) כאַראַקטער, איז נישט מ ע ר גליק, נאָר אַ ה ע כ ע ר גליק, נישט די כמות נאָר די איכות פֿון גליק.

אָבער אַט די צוויי פּרינציפּן ווידערשפּרעכן זיך אין אויך נאָר אין דער טעאָריע, וועלכע מישט צונויף די ריכטונג, וואָס גייט צו מ ע ר, מיט דער ריכטונג, וואָס גייט צו אַ העכערער מדרגה, אָבער אין דער פּראַקטיק פֿון דער באַוועגונג איז נישטאָ צווישן זיי קיין שום ווידערשפּרוך. אין דער ווירקלעכקייט פֿון דער אינסטינקטיווער מאַסן-באַוועגונג ווערט דער ווידערשפּרוך געלעזט אין אַן איינהייט. וועלכע ס'איז גענוג צו פֿאַרשטיין אין דער טעאָריע און במילא וועט איר שוין באַגרייפֿן די קלאָרע מאָטיווירונגען פֿון דער באַוועגונגס-טעטיקייט. אין דער פּראַקטיק פֿון דער מאַסן-דערציאונג איז נישטאָ קיין קעגנזאַץ צווישן דעם מער-פּרינציפּ און דעם העכער-פּרינציפּ (ווי דאָס איז אין דער טעאָריע), נאָר דער ערשטער פּרינציפּ גייט אין דער צייט פֿאַר דעם צווייטן: דער אינטערעסן-קאַמף איז די פֿאָרשטופֿע פֿון דעם קולטורעלן אויפֿשטייג. די נידעריקערע אומבאַפֿרידיקטע באַדערפֿענישן פֿון די מאַסן מוזן באַקומען אַ מינימום פֿון באַפֿרידיקונג, איידער די לעת עתה נישט-באַפֿרידיקטע העכערע באַדערפֿענישן זאָלן אומעטום דערפֿילט

ווערן אין אַזאַ שאַרפער פאָרם, אַז די מאַסן-באַדערפעניש זאָלן זיך אויך אויפהויבן אויף אַ העכערער מדרגה.

אין דעמדאָזיקן קוק אויף דער קולטורעלער אויפגאַבע פון סאָציאַליזם ווייזט זיך אַרויס דער וויכטיקער אונטערשייד, וואָס טיילט אָפּ די פּראַקטיק פון דעם סאָציאַליזם (וועלכער באַזירט זיך אויף דער קריסטלעכער און דעמאָקראַטישער זעלבסטבאַשטימונגס-אידעע), סיי פון פאַשיזם און סיי פון באָלשעוויזם. אויך די פאַשיסטן און די באָלשעוויקעס ווילן „באַגליקן" די מאַסן; אָבער זיי פירן אַ ריינע מאַכט-פּאָליטיק, וועלכע נוצט אויס לויט דעם נאַפּאָלעאָנישן מוסטער די נידעריקערע מאָטיוון פון די אומבאַפרידיקטע מאַסן, ראשית כל זייערע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע מינדערווערטיקייטס-געפילן, זייער אָנגעשראָקנקייט און פאַנאַטישן גלויבן אין אויטאָריטעטן. די שטילשווייגנדיקע פאָרבאַדינגונג איז דערביי, אַז די דאָזיקע מאָטיוון מוזן באַטראַכט ווערן אַלס דער שטענדיקער אומפאַרענדערלעכער „מאַטעריאַל" פאַר די שאַפונגען פון די פּאַרטייען אָדער דיקטאַטאָרן. אָט די פאָרבאַדינגונג פירט פון איר זייט צו דעם פּראַקטישן רעזולטאַט, אַז די געשאַפענע איינריכטונגען גופא ווערן אָפּהענגיק פון דעם שטענדיקן ווירקן פון אָט די נידעריקע מאָטיוון. דעריבער טאַקע קאָנען די איינריכטונגען קיינמאָל נישט זיין בעסער פון זייערע טרעגער, און במילא קאָנען זיי קיינמאָל נישט פירן צו אַ העכערער עטישער מדרגה פון די מאַסן-מאָטיוון, און דאָס מיינט — פון די פּרינציפּן און נאָרמעס מכּח דעם מאַסן-גליק. בדרך כּלל קאָן מען אַפילו זאָגן, אַז די מאָטיוון ביי די מאַסן דעגענערירן, ווי צום ביישפּיל די מאָראַלישע עמפּערונג קאָן דורך דער מאַכט-שטרעבונג זינקען צו דער מדרגה פון דער נקמה-ליידנשאַפט. דער סאָציאַליזם אָבער, וועלכן איך פאַרטרעט, אַלס די מעגלעכע באַוווסטזיין-פאָרם פון דער סאָציאַלער זעלבסטבאַשטימונגס-שטרעבונג ביי די דעמאָקראַטישע פעלקער, באַזירט זיך אויף אַ גאַנץ אַנדערער פּסיכאָלאָגישער פאָרבאַדינגונג. זיין אויסגאַנגס-פּונקט איז דער גלויבן, אַז די מענטשלעכע מאָטיוון זענען, לויט זייער עטישן אינהאַלט, מסוגל זיך צו בייטן דורך סובלימירונג (פאַראיידעלונג). די דאָזיקע פאַרענדערלעכקייט פון די

מאָטיוו שאַפט מיט זיך דעם אומשטאַנד, וואָס יעדער טריט צו
דער באַפרידיקונג פון די עקזיסטירנדיקע באַדערפענישן ווערט,
אַ דאַנק דער באַוווסטזיניקער ריכטונג צו אַן עטישן ציל,
צוגלייך אַ טריט צו דער העכערונג פון דער באַדערפענישן-
מדרגה, ד. ה. ער שאַפט נייע שטרעבונגען צו העכערע צילן.
אָט די ווירקונג — וועלכע איז סוף כל סוף נישט קיין אַנדער
זאַך ווי נאָר אַ צושטאַנד, ווען יעדע פּאָליטיק ווערט מגולגל
אין אַ זעלבסטדערציאונג — איז אַלץ מער און מער זיכערער,
וואָס דייטלעכער עס ווערט דער פיקטיווער און סוביעקטיוו-
וועגהייזנדיקער כאַראַקטער פון אַלע צוקונפטס-בילדער מכח די
גליק-פאָרשטעלונגען. די זוכעניש פון „מער" גליק איז אַ
בעיעג נאָך דעם אייגענעם שאָטן, כל זמן זי לייגט אָפּ איר
פאַרווירקלעכונג אויף די משיח-צייטן. זי קאָן נאָר דעמאָלט
פירן צו ממשותדיקע רעזולטאַטן, ווען מ'זעט די פאַרווירקלע-
כונג פון גליק אין אַ שטענדיק-מעגלעכער און כסדרדיקער
פאַראיידעלונג פון די פאָרשטעלונגען און אידעאַלן מכח גליק.
אין דעמדאָזיקן זין זאָג איך: דער סאָציאַליזם באַטייט
אָדער קעגנוואַרטס-גליק פון די לעבעדיקע קעגנוואַרטס-מענטשן,
אָדער ער באַטייט ממש גאָרנישט. די ווירקונג פון דעמדאָזיקן
געדאַנק איז געווען דער לעצטער טריט אויפן וועג, וועלכער
האָט מיך אָוועקגעפירט פון מאַרקסיזם. דער געדאַנק האָט אויף
מיך געווירקט ווי אַן אַנטפּלעקונג. ווי איינער, וואָס בלאָנדזשעט
לאַנג אַרום, דערגייט פּלוצלונג צום שפּיץ באַרג, פון וועלכן
ער באַקומט דעם פאַרלאָרענעם איבערבליק איבער דעם גאַנצן
שטח מיט אַלע זיינע וועגן. ראשית כל האָב איך דערפילט
אין האַנט דאָס מיטל צו לעזן די פיינלעכע פראַגע, וועלכע
איז דער פועל יוצא פון דעם דואַליזם צווישן די קעגנוואַרטס-
מעשים און דעם גלויבן אין דער צוקונפט. פאַרוואָס איז דאָס
אַזוי געווען? ווייל אין מיין נייער פאָרשטעלונג פון סאָציאַ-
ליזם איז דער גלויבן אין דער צוקונפט נאָר אַ פּסיכאָלאָגישער
באַשטאַנד-טייל פון די קעגנוואַרטס-מעשים, וועלכע גיבן דעמ-
דאָזיקן גלויבן צוגלייך דעם צוועק און די עקזיסטענץ-באַ-
רעכטיקונג.
דער מאָטיוו אַלס דער ווערט-מאָסשטאַב פון אַלע האַנד-

לונגען איז גאָרנישט אין פּסיכאָלאָגישן זינען אַזאַ צווייפל-האַפטע זאַך, ווי עס שיינט אויפן ערשטן בליק. דער מאָטיוו פון אַ האַנדלונג האָט דאָך שטענדיק אַ לחלוטין-אָביעקטיוון, זאַכלעכן אויסדרוק, לויט וועלכן מ׳קאָן מעסטן דעם ווערט פון דעם מאָטיוו — די האַנדלונג גופא. אָט דער פּרינציפּ איז חל אַזוי גוט אויף די מאַסן-באַוועגונגען, ווי אויף יחידים. מ׳קאָן לגבי די האַנדלונגען פון יחידים באַנוצן דעם געדאַנק פון עמערסאָנען (דעם אַמעריקאַנישן פילאָזאָף און דיכטער, האַלב ראָמאַנטיקער, האַלב רעאַליסט, 1803—1882), אַז די מענטשן דאַרפן גפאורטיילט ווערן נישט לויט זייערע מיינונגען, נאָר לויט דעם, וואָס די מיינונגען מאַכן פון זיי. דיזעלבע מעשה איז אויך מיט די מאַסן-באַוועגונגען: זיי מוזן אָפּגע-שאַצט ווערן נישט לויט די צילן, וואָס זיי קלייבן זיך צו פאַרווירקלעכן אין דער צוקונפט, נאָר לויט די מיטלען, וועלכע די באַנוצן אין דער קעגנוואַרט לשם זייערע צילן. און אָט אויף אַזאַ וועג פירט אונז די זוכעניש נאָך אַן עקסטרעם-סוביעקטיוון צושטאַנד, צו אַ לגמרי-אָביעקטיוון מאַסשטאַב: סוף כל סוף געפינט איר אין דעם טיפסטן גרונט פון דעם שווערן גייסטיקן פּראָבלעם גאַנץ קאָנקרעטע ענינים, דער סוביעקטיווער ווערט-באַגריף גייט אַרויס פון די קאָנקרעטע, זאַכלעכע אויפגאַבן.

און דאָ קומען מיר צו דעם גרענעץ, ביי וועלכן עס מוז זיך אָפּשטעלן יעטוועדע וויסנשאַפטלעכע טעאָריע פון סאָציאַליזם. איז דען נישט דער קעגנשטאַנד פון יעדער לערע שטענדיק די פּאַקטישע ווירקלעכקייט ווי זי איז? אַ סאָציאַלע לערע קאָן שטענדיק נאָר אָנווייזן דאָס אָרט, וווּ עס דאַרף געלייגט ווערן דער העבל פון אונזער ווילן, כדי צו פאַרשאַפן אים די מאַקסימאַלע ווירקונג; זי קאָן אָבער דעמדאָזיקן ווילן גופא נישט אַרויסרופן און נישט באַגרינדן. גראָד פאַרקערט: אויף דעם ביישפּיל פון מאַרקסיזם האָבן מיר געזען, אַז יעדע לערע, וועלכע פאַרזוכט אַריינצושטעלן אַלע דערשיינונגען אין אַ לאָגישן סיסטעם פון אורזאַכן און רעזולטאַטן, מוז סוף כל סוף אַריינרעכענען צווישן די אורזאַכן אויך די העכסטע עטישע מאָטיוון גופא פון די באַגרינדער פון מאַרקסיזם.

מיינט נישט דעריבער, אַז מיינע װיסנשאַפטלעכע אָנ־שויאונגען האָבן אין מיינע אויגן אַ גרעסערע באַדייטונג, װאָס איז שייך זייער אַבסאָלוטן און ענדגילטיקן אמת, װי אַ שטייגער די מאַרקסיסטישע אָנשויאונגען, װעלכע איך האָב דער־ביי באַקעמפט. איך בין לחלוטין איבערצייגט, אַז יעדע לערע, װעלכע גיט מער אַלס אַ בלויזע באַשרייבונג פון פאַקטן, איז נאָר אַן אויסדרוק פון גלויבן, װעלכער טראָגט אַ לבוש פון לאָגיש־ביכטערע סימבאָלן. יעדער סאָציאַל־װיסנשאַפטלעכער גלויבן איז מסוגל אויף אַ ראַציאָנאַלן אופן סימבאָליזירט צו װערן, ד. ה. לאָגיש באַגרינדעט צו װערן. זיין װערט פאַר דער מענטשהייט באַזירט זיך נישט אויף די לאָגישע קאָנסעקווענצן פון זיין געדאַנקלעכן לבוש, נאָר אויף דעם עטישן אינהאַלט פון די מאָטיוון, װעלכע טראָגן דעם לבוש. אָט דער אינהאַלט לאָזט זיך סוביעקטיוו מעסטן דורך דעם געפיל, אַז דאָס אייגענע לעבן באַקומט דורך אים אַ מאַקסימאַלן זינען, און אָביעקטיוו לאָזט זיך דעראָזיקער אינהאַלט מעסטן דורך דער װירקונג, װעלכע די טאַט האָט אויף דעם מענטשלעכן גליק.

אָט דאָס דערקלערט גוט, הלמאי איך מוז איבערגעבן מיינע שלוס־אויספירן נישט אַנדערש װי אין אַ פאָרם פון אַן „אני מאמין". איך בין שוין מער קיין מאַרקסיסט נישט, נישט װייל די אַדער יענע השערה פון מאַרקסיזם איז אין מיינע אויגן אומריכטיק, נאָר װייל איך פיל, נאָכדעם װי איך האָב זיך, נאָך אַן איבערלעבטן קאַמף, באַפרייט פון דעם מאַרקסיסטישן שטייגער דענקען, אַז איך האָב זיך ד ע ר פ י ל ט נענטער צו דעם זינען פון סאָציאַליזם אַלס דער קאָנקרעטער געשטאַלט פון אַן אייביקן דראַנג צו אַן עטישער סאָציאַלער אָרדענונג.

און זאָלט איר מיר אויך נישט האַלטן פאַר אַ סקעפּטי־קער נאָר דערפאַר, װייל איך בין געקומען אויף דעם װעג פון ספקות צו אַן אָפּלייקענונג פון אַ סך אידעאַלן. ראשית כל דבר, װייל איך װיל פאַרהינדערן, אַז עמעצער זאָל פון מיר לערנען נישט מער װי נאָר מיין סקעפּטיציזם. איך נעם אָן נאָר יענעם מין סקעפּטיציזם, װעלכער שטאַמט פון אַ צו־גרויסער שטרעבונג צום גלויבן און װעלכער איז אַ מיטל ביים צוקומען די מניעות צו אַ העכערער מדרגה פון פאַרשטענדעניש.

מער פון אַלץ וועל איך הפּנים זיך מוזן פאַרטיידיקן קעגן דעם, אַז איך, באשר איך בין דרייסט צו זאָגן „איך גלויב“, פאַראַכט דעם שכל און די וויסנשאַפט. וואָלט דאָס ווירקלעך זיין אַזוי, טאָ ווי וואָלט געקאָנט געמאָלט זיין, איך זאָל אויסדריקן מיין גלויבן אין אַ וויסנשאַפטלעכער פאָרם און איך זאָל אַפּעלירן צום שכל פון מיינע לייענער? אמת, איך האָב געוואָלט ווייזן, אַז דער וויסנשאַפטלעכער שכל שפּילט נישט אין די מענטשלעכע האַנדלונגען, באַזונדערס אין די מאַסן-האַנדלונגען, יענע הערשנדיקע ראָלע, אין וועלכער ס'האָבן געגלויבט אונזערע טאַטעס. אָבער גראָד דאָס איז פאַר מיר אַ גרונט דעם שכל נאָך העכער צו שעצן און צו זען אין דער אויסברייטערונג פון זיין הערשאַפט דעם זיכערסטן צייכן פון דעם מענטשלעכן פאָרטשריט. קולטור איז, פון אַ פּסיכאָלאָגישן שטאַנדפּונקט, אַ סובלימירונגס-פּראָצעס, ד. ה. אַ פאַרוואַנדלונג פון די חיהש-פיזישע פּראָצעסן אין די פּסיכיש-גייסטיקע לעבנס-פּראָצעסן מיט דער הילף פון שכל, וועלכער פאַרבייט די אומגייסטיקע מאָטיוון דורך די גייסטיקע מאָטיוון פון זיין העכערן פאָרשטעלונגס-קרייז. וואָס מער מען איז איבערצייגט מכּח די חסרונות פון אַ באַשטימטער דערקענטעניש, אַלץ מער ווערט מען זיך פילן סטימולירט דידאָזיקע דערקענטעניש צו פאַרברייטערן. עס זענען אפילו דאָ אין אונזער צייט גענוג מענטשן, וואָס ווערן פאַרפירט דורך זייער נייער אידעע מכּח דער באַשרענקטער קראַפט פון שכל צו אַ פאַרגעטערונג פון די נישט-שכלדיקע עלעמענטן, אפילו פון די חיהש-אינסטינקטיווע עלעמענטן אין דער מענטשלעכער נשמה, גראָד אָט די מענטשן זענען אין גרונט נישט מער ווי אַנטוישטע שכל-פאַנאַטיקער. זיי באַמערקן נישט, אַז זיי קערן זיך אָפּ פון זייער גאָטהייט „שכל“, ווייל זיי זענען שוואַכינקע בריות, וועלכע האָבן דערוואַרט פון זייער אָפּגאָט מער כוחות, ווי ער האָט זיי געקאָנט געבן. זיי וואָלטן זיך אַנדערש געפירט, ווען זייער גלויבן וואָלט נישט געווען קיין אָבערגלויבן. באַקעמף איך אָבער דעם שכל-פאַנאַטיזם, איז דאָס אַ סימן פון מיין גלויבן אין שכל. איך שעץ די וויסנשאַפט אַזוי הויך, אַז איך האַלט פאַר גוטיק עס זאָל זיין אַ פּסיכאָלאָגישע

חיסנשאַפט מכח דער חיסנשאַפט גופא. דאָס אַליין באַווייזט, אַז ס'איז שוין אַ העכערע מדרגה פון דער חיסנשאַפטלעכער דערקענטעניש צו פאַרשטיין, אַז דאָס חיסן גופא האָט זיינע גרענעצן.

גראָד דער מענטש פון 19-טן יאָרהונדערט, וועלכער האָט נישט געוואָלט הערן און חיסן, אַז די חיסנשאַפט קאָן האָבן גרענעצן, האָט שטאַרק צעטרייסלט דעם גלויבן אין דער חיסנשאַפט בעת דעם 20-טן יאָרהונדערט. ער האָט זיך שטאַרק צוגעוווינט צו זען די גאַנצע ישועה אין דעם טעכנישן פאָרט־שריט און אין דער פאַרמערונג פון אונזער חיסן, וואָס דינט דעמדאָזיקן פאָרטשריט, פונקט ווי דאָס וואָלט שוין זיין אויך אַ פאַרמערונג פון שכל הישר, פון חכמה און פון גליק. ער האָט נישט געהאַט — אַלץ איינס צי ער פלעגט גיין אין קירכע אָדער נישט — קיין שום רעליגיע, קיין שום גלויבן, וועלכער זאָל אים באַפעלן: דו זאָלסט. ער האָט פאַרזוכט אָנשטאָט דעם גלויבן צו פאַרהייליקן די חיסנשאַפט, צו מאַכן פון דער חיסנשאַפט נישט קיין דינער, נאָר אַ הערשער פון זיין זאָלן. אָט דער געצן־דינסט האָט פון אים צוריקגעמאַכט דעם באַרבאַר, וועלכן עס האָט פאַר אונז אַנטפּלעקט די וועלט־מלחמה. ס'איז דאָ נאָר איין חיסן, וועלכער האָט דאָס רעכט צו באַפעלן איבער אונזער זאָלן: דאָס איז דאָס חיסן מכח גוט און שלעכט, דאָס געחיסן. דאָס העכסטע, וואָס דער חיסנשאַפטלעכער סאָציאַליזם קאָן זיין, איז סאָציאַל חיסן אין דינסט פון דעם סאָציאַלן געחיסן. אויף דעם געביט פון דער סאָציאַל־חיסנשאַפט איז נאָר די זאַך אַן אמת, וועלכע קאָן אונז העלפן צו פאַרווירקלעכן אונזער מאָראַלישע באַטור־אייגנשאַפט אַלס געמיינשאַפט־מענטשן. די אייביקע אויפגאַבע, וועלכע דידאָזיקע פאַרווירקלעכונג — ד. ה. דער סאָציאַליזם — שטעלט, נעמט אָן אין פאַרשיידענע צייטן אַן אַנדער פאָרם, לויט די מעגלעכקייטן פון דער דערקענטעניש און פון דער פאַרווירקלעכונג, וועלכע יעדע עפּאָכע האָט. דעריבער איז דער סאָציאַל־חיסנשאַפטלעכער אמת פון היינט נישט מער דערזעלבער, ווי דער אמת פון נעכטן, און נאָך נישט דערזעלבער, ווי דער אמת פון מאָרגן.

דאָס אַלץ, וואָס איך האָב געזאָגט מכח דער נויטיקייט אָפּצוואַרפֿן דעם נישט-אַבסאָלוטן אמת פֿון מאַרקסיזם, ווען אויך אַמאָל חל זיין אויף דעם אמת, וועלכן איך שטעל אַרויס פֿאַר אונדזער הייַנטיקער צייט. אויך אָט דער אמת וועט אַמאָל אָנערקענט ווערן צו האָבן געווען פֿאַלש, וועט אַמאָל מוזן אָפּגעוואָרפֿן ווערן.

נו, ווי קלעפּט זיך איין זאַך מיט דער צווייטער? ווי נעם איך דעם מוט צו פֿאַרדרענגען אַן אַלטן אמת דורך אַ נייעם, אַז בעת מעשה האַלט איך נאָר, אַז זיי ביידע זענען אין אַ גלייכער מאָס אָפּהענגיק פֿון די אומשטענדן פֿון דער צייט? איך האָב דעמדאָזיקן מוט נישט אין קעגנזאַץ צו מיין באַגריף מכח דער רעלאַטיוויטעט פֿון דער גאַנצער סאָציאַלער וויסנשאַפֿט, נאָר איך שעפּ אים דווקא פֿון דעמדאָזיקן באַגריף. גראָד ווייל איך גלויב אין דערדאָזיקער רעלאַטיוויטעט, זאָג איך: דער מאַרקסיזם איז אָפּהענגיק געווען פֿון די באַדינגונגען און די פֿאַרהעלטענישן פֿון דער צייט, אין וועלכער ער איז געשאַפֿן געוואָרן. דידאָזיקע פֿאַרהעלטענישן האָבן זיך געביטן, און בכן איז גראָד דער באַגריף, אַז ער האָט דורך דעם אויפֿגעהערט צו זיין אַן אמת, אַ באַשטאַנדטייל פֿון דעם אמת פֿון אונדזער הייַנטיקער צייט. איז מיט דעם געזאָגט, אַז ס'איז נישטאָ קיין שום פֿאָרטשריט אין די סאָציאַלע אָנשויאונגען — גאָרנישט, חוץ אַ טרויעריקן און ענדלאָזן געיעג פֿון פֿאַלשע אָנשויאונגען. וועלכע האַלטן זיך מעשה אייביקע אמתן ביזן מאָמענט, ווען איין אומריכטיקע אָנשויאונג ווערט פֿאַרדרענגט דורך אַן אַנדערער? ניין, בשום אופֿן נישט. ס'איז אַן אויבערפֿלעכלעכער קוק צו האַלטן, אַז בעת מיר באַטראַכטן דעם וויסנשאַפֿטלעכן אמת ווי אַ זאַך, וואָס האָט נאָר אַ רעלאַטיוון ווערט, מאַכן מיר שוין פֿון יעדן אמת אַ פֿאַלשע אָנשויאונג. אַזאַ שלוס איז דורך און דורך פֿאַלש, און אָט פֿאַרוואָס: ערשטנס דאָרט, ווו ס'איז נישטאָ קיין אַבסאָלוטער אמת, איז אויך במילא נישטאָ קיין אַבסאָלוט-פֿאַלשע אָנשויאונג; אַן אמת, וועלכער באַקומט אַ רעלאַטיווע באַדייטונג, ווערט נאָך נישט דורכדעם אַ פֿאַלשער באַגריף, נאָר בלויז אַ פֿאַקט פֿון דער געשיכטע פֿון אונדזער גייסטיקער

אַנטוויקלונג; אַזאַ אמת פאַרוואַנדלט זיך פון אַ געזעץ פון דער וויסנשאַפט אין אַ קעגנשטאַנד פון דער וויסנשאַפט. צווייטנס און הויפּטזעכלעך: פעסטשטעלנדיק די רעלאַטיוויטעט פון אונזער וויסנשאַפטלעכער דערקענטעניש, צעשטערן מיר נאָך נישט דעם באַגריף פון אמת בכלל. דער אמת שטראָמט צו אונדז אויך פון אַנדערע קוואַלן חוץ דער עקזאַקטער וויסנשאַפט. מיר פילן ראשית כּל, אַז אמת איז דאָס, וואָס שטייט מיט אַן איבערצייגנדיקער קראַפט פאַר אונזער גייסטיקן בליק, דאָס, וואָס מיר באַנעמען בחוש, און וואָס מיר גלויבן. די מענטשן האָבן געוווּסט פון הייליקע אמתן לאַנג, לאַנג, איידער זיי האָבן זיך באַנוצט מיט מיקראָסקאָפּן, טעלעסקאָפּן און רעטאָרטעס. די מערסטע אמתן, אין וועלכע די עקזאַקטע וויסנשאַפטס-לייט גלויבן הײַנט-צו-טאָג, קאָנען זיי מיט זייער וויסנשאַפט בכלל נישט באַגרינדן; נאָכמער, דידאַקטיקע וויסנשאַפט איז נאָר דורכדעם מעגלעך געוואָרן, וואָס זי מאַכט פאַר אַן אויסגאַנגס-פונקט באַשטימטע געגלויבטע, נישט-באַוויזענע, אמתן. יעדע מאַטעמאַטיק הייבט זיך אָן פון אַקסיאָמעס, וועלכע מען נעמט אָן באמונה; יעדע מעטאַפיזיק — פון אַפּריאָריסטישע (טעאָרע-טיש-אָנגענומענע) פאָרמעס פון אָנשויאונג; יעדע עקספּערימענ-טאַלע וויסנשאַפט — פון דער פאָראויסזעצונג פון דער געזעצ-מעסיקער פאַרבינדונג צווישן אורזאַך און רעזולטאַט; יעדע געשיכטס-וויסנשאַפט — פון דער היפּאָטעז מכח אַ שכל הישר אין דער מענטשהײַטס-אַנטוויקלונג; יעדע סאָציאַלע וויסנשאַפט — פון אַ צוועק-באַשטימונג לויט די אומשטענדן פון איר צײַט; יעדע דערקענטעניש פון וועלכן נישט איז מין — פון אַ גלויבן, אַז באַשטימטע פאָרשטעלונגען פון אונזער גייסט אין באַשטימטע דערשײַנונגען זענען גאַנץ ענלעך און אידענטיש איינע צו דער אַנדערער. נאָכמער אפילו, מיר האַלטן בכלל נישט געשטרעבט צו קיין דערקענטעניש, אויב מיר וואָלטן נישט געגלויבט אין דעם נוצן פון דער דערקענטעניש גופא, אָדער אין אַ פליכט זי צו זוכן. פאַרוואָס זאָלן מיר שליסן פון דער באַשרענקטקייט פון אונזער וויסנשאַפטלעכער אמת-דערקענטעניש, אַז ס'איז בכלל נישטאָ קיין מעגלעכקייט צו דערגרייכן דעם וויסנשאַפטלעכן אמת; שאַפט דען נישט דער

גלויבן אין דערדאָזיקער מעגלעכקייט ערשט די פאָראויסזעצונג צו דער וויסנשאַפטלעכער טעטיקייט בכלל?

דאָס, אַז אין אונזער שטרעבן צו פאַרווירקלעכן דעמדאָזיקן גלויבן זוכן מיר צו פאַרדרענגען יעדן צייטווייליקן וויסנשאַפטלעכן אמת דורך אַ נייעם, דאָס איז דער פאָרטשריט גופא — לכל הפחות די אַנטוויקלונג, די באַוועגונג, אָן וועלכער קיין פּראָגרעס קאָן נישט געמאָלט זיין. אָט די באַוועגונג איז גאַנץ זיכער דעמאָלט גלייכבאַדייטנדיק מיטן פּראָגרעס, ווען דער צייטווייליקער אמת ווערט פאַרדרענגט דורך אַן אַנדער צייטווייליקן אמת פון אַ העכערן סדר. אָט דאָס איז געווען דער פאַל מיט דעם מאַרקסיזם לגבי די „אמתן" פון דער צייט פאַר אים, ווי אַ שטייגער פון דעם אוטאָפּישן סאָציאַליזם: ער האָט זיי בטל געמאַכט דורך דעם, וואָס ער האָט זיי רעלאַטיווירט; דורך דעם, וואָס ער האָט באַוויזן זייערע היסטאָרישע באַדינגונגען, און פון דעמדאָזיקן באַווייז האָט ער געמאַכט אַ יסוד פאַר אַ שפּאָגל-נייער סאָציאַליסטישער אָנשויאונג. אין אוטאָפּיזם איז פאַר דעם מאַרקסיזם קיין אָרט נישט געווען, אָבער אין מאַרקסיזם איז יאָ דאָ אַן אָרט פאַרן אוטאָפּיזם. דער מאַרקסיזם איז געווען אַן אמת פון אַ העכערן סדר, ווי די אמתן פון די פריערדיקע צייטן, ווייל ער האָט געשטרעבט זיי גופא צו באַגרייפן אויפן גרונט פון זייערע אייגענע יסודות — פּונקט ווי אַ געאָמעטרישע פיגור, אין וועלכער ס'איז אַריינגעצייכנט אַן אַנדער פיגור, איז אוודאי גרעסער ווי די, וועלכע זי נעמט אַרום.

אָט פּונקט אויף אַזאַ שטייגער האַלט איך מיין טעאָריע פון סאָציאַליזם פאַר אַ פאָרטשריט לגבי דעם מאַרקסיזם, ווייל די רעלאַטיווירט אים און נעמט אים אַרום, ווי ער האָט דאָס געטאָן מיט די טעאָריעס פון די צייטן פאַר אים. אָבער דאָס איצטיקע מאָל גייט די טעאָריע אַרויס פון אַ דערקענטעניש, וועלכע אַנטשפּרעכט אונזער צייט, ד. ה. אויפן גרונט פון די דערשיינונגען, וועלכע זענען אַרויסגעטראָטן פאַר דער וועלט שוין נאָך מאַרקסן און צו וועלכע דער מאַרקסיזם גופא און די אַרבעטער-באַוועגונג, וועלכע ער האָט באַאיינפלוסט, געהערן. אָבער נאָך אין אַן אַנדערן, טיפערן זינען איז די נייע טע-

אָריע גראָד וועגן איר רעלאַטיוויטעט א פאָרטשריט לגבי דעם מאַרקסיזם. ער האָט רעלאַטיווירט אַלע אָנשויאונגס-פאָרמען — אָבער זיך אַליין נישט. איין אָנשויאונג אָבער רעלאַטיווירט זיך גופא; זי איז נישט קיין נייע סאָציאָלאָגישע דאָגמע, זי וויל די אַלע סאָציאָלאָגישע דאָגמעס בכלל בטל מאַכן.

נו, שטעלט זיך אַזאַ פראַגע: ווען אפשר די פאַרשטעלונג מכח דער רעלאַטיוויטעט פון דעם סאָציאַל-וויסנשאַפטלעכן אמת נישט פירן צו א סאָציאַלער אומעטיקייט, ווייל די אומזיכערקייט פון דער דערקענטעניש מוז דאָך שלעכט ווירקן אויף דער זיכערקייט פון ווילן, וועלכער ווערט באַגרינדעט מיט דערדאָזיקער דערקענטעניש? די מעגלעכקייט פון דעם-דאָזיקן פועל יוצא איז א זאַך, וועלכע איך וויל אויף א האָר נישט לייקענען. מיר טוט אפילו גרויס הנאה דאָס צו זאָגן; ווייל איך וועל שטאַרק באַגריסן, ווען די מענטשן וועלן האָבן אייניקסטנס געגוג איבערצייגונג מכח דער רעלאַטיוויטעט פון זייערע אידעען, כדי מער שוין נישט, אין נאָמען פון וועלכער עס איז דערקענטעניש, צו געוועלטיקן איבער דעם שיקזאַל און לעבן פון אַנדערע מענטשן. מיין געפיל ווידערשפעניקט און שטעלט זיך אַוועק קעגן יעדער הפקר-פאַרזוך פון דער מענטשלעכער אורטייל-פעאיקייט צו באַשטימען, דורך צוואַנג אָדער געוואַלט, דעם שיקזאַל פון אַנדערע מענטשלעכע לעבנס. איך האָס יענעם מאָראַלישן פוריטאַניזם, וועלכער פאַרזוכט צו מאַכן פון יעדן אייגענעם זאָל אַן אַלגעמיינעם מוז; ער פירט אין דער פראַקטיק געוויינלעך צו דער טאָפּעלער מאָראַל, וועלכע דערוואַרט דאָס מערסטע פון די אַנדערע מענטשן, ווייל ס'איז א סך לייכטער און אַלגעמיינער צו באַהערשן אַנדערע מענטשן ווי זיך אַליין. איך וואָלט וועלן אַוועקשטעלן אויף איר אָרט אַן אומגעקערטע טאָפּעלע מאָראַל פון דער פרייהייט און טאָלעראַנץ, וואָס איר כלל גדול זאָל זיין: „מאַך זיך אַליין בעסער, מאַך די אַנדערע מענטשן גליקלעכער". מיט אַנדערע ווערטער: „שטעל פאַר זיך אַליין אַוועק א דערציאונגס-ציל, פאַרזוך אָבער נישט אים אַרויסצוצווינגען אויף אַנדערע מענטשן, נאָר באַגנוג זיך, לויט דיין קראַפט, צו באַפרייען זיי פון די מניעות, וועלכע פאַרשטאָרן פאַר זיי דעם וועג צום

גליק, אויף וועלכן זיי האַלטן וועלן גיין". דעריבער איז פאַר מיר דער סאָציאַליזם קודם כּל אַ פאָדערונג, וועלכע דער מענטש שטעלט צו זיך אַליין — אַ פאָדערונג צו דער געזעל־שאַפט נאָר אין דער פאָרם פון אַן איבערצייגונגס־פּאַרזוך, וואָס זיין צוועק איז צו קריגן די צושטימונג מצד דעם פאַר־שטאַנד. נו, אויב פונדעסטוועגן, נישט געקוקט אויף דידאַזיקע גוטע רעזולטאַטן, וועט די אידעע מכּח דער רעלאַטיוויטעט פון וויסן דאָך פירן צו דעם, אַז די מענטשן וועלן, אויך אין די פאָדערונגען צו זיך אַליין, דערפילן זיך אומזיכער, דעמאָלט וואָלט מען געקאָנט נאָר זאָגן אָט וואָס: אויך דאָס מוז מען נעמען פאַר גוט, ווייל עס לאָזט זיך נישט אַנדערש מאַכן. סוף כּל סוף געפינען מיר זיך אונטער דער מאַכט פון געדאַנק, און ווען דאָס דענקען פירט אונדז צו דער אידעע מכּח זייבע אייגענע גרענעצן, מוזן מיר מיט דעם צופרידן זיין, פונקט ווי אַ שטייגער אַ מעכאַנישע טעאָריע באַגרינדעט פאָרט די טעכנישע אַנטדעקונג, אַפילו ווען פון איר קאָנען אַרויסקומען אומגעוווּנשענע פאַר אונדז רעזולטאַטן. ווילן מיר שוין יאָ דענ־קען — און מיר קאָנען דאָך נישט אַנדערש — דאַן מוזן מיר אונזערע געדאַנקען דורכטראַכטן אָן מורא ביזן לעצטן סוף, ווייל זיי גייען סיי־ווי־סיי זייער פולן לאָגישן גאַנג ביזן סאַמען סוף.

צום גליק איז אָט דער כּלל חל אויך אויפן רעלאַטיווי־טעטס־געדאַנק גופא, וועלכער איז זיך אַליין, אַזוי צו זאָגן, מבטל, ווען מען טראַכט אים דורך ביזן סוף. אַ ביסל רעלאַ־טיוויטעט פירט אַוועק פון דער ווילן־זיכערקייט, מער רעלאַטי־וויטעט פירט צו איר צוריק. גראָד דורך דעם, וואָס מיר פאַר־שטייען דעם רעלאַטיוו־ריכטיקן כאַראַקטער פון אונזער וויסנ־שאַפטלעכער דערקענטעניש, לערנען מיר זיך אויך אויס צו מעסטן אָט די דערקענטעניש לויטן מאַסשטאַב פון איר נוצן ווי אַ ריכטשנור פון דער עטישער האַנדלונג. און אָט אַזוי קערן מיר זיך צוריק אום, תּיכּף ווי מיר האָבן נאָר וואָס איבערגעקומען די יסורים פון דער אויסגעהיילטער זעלבסט־נאַרעריי, מיט דעם אויפגעהויבענעם זעלבסט־געפיל פון דעם געזונט־געוואָרענעם מענטש, צו די טיפערע קוואַלן פון אַ

לעבעדיקן ווילן, וועלכע פליסן אַרויס פון דעם עטישן אורגרונט פון דער מענטשלעכער נאַטור.

ווען מיר האָבן דעם גלויבן, אַז דאָס, וואָס מיר טוען, איז גוט, טאָ צו וואָס דאַרפן מיר נאָך האָבן דעם גלויבן, אַז די וויסנשאַפט מאַכט דעם נצחון פון דאָס גוטע פאַר אַ מוזזאַך? נאָר די מעכאַנישע וויסנשאַפט, די וויסנשאַפט מכּח די טויטע קעגנשטאַנדן, קאָן דערגרייכן צו אַזאַ גענויער קענטעניש פון די ווירקונגען, וואָס וועלן ערשט קומען, ווייל נאָר אַזאַ וויסנשאַפט דאַרף האָבן די אייזערנע זיכערקייט פון דעם „ויסן אין פאָראויס". דער מענטש, וועלכער בויט אַ מאַשין, מוז אין פאָראויס קאָנען אַרויסדרינגען, פון די וויסנשאַפטלעכע געזעצן, אַז די מאַשין וועט ווירקלעך פונקציאָנירן, און וועט דאָס טאָן דוקא אויף אָט דעם באַשטימטן דורך דער וויסנשאַפט, און נישט אויף קיין אַנדערן, אופן. די וויסנשאַפט אָבער, וועלכע גיט זיך אָפּ מיט די סאָציאַלע האַנדלונגען פון דעם מענטש, קאָן די צוקונפט נישט ויסן, ווייל זי דאַרף נישט באַנעמען די צוקונפט מער ווי איבער די גרענעצן, אויף וועלכע עס שפּרייטן זיך אויס די רעזולטאַטן פון די מענטשלעכע האַנדלונגען אין דער קעגנוואַרטיקער צייט. ס'איז גענוג, אַז דער סאָציאַליזם זאָל גלויבן אין זיין צוקונפט. ער איז אַ גלויבן. דאָס לערנט אונז גראָד די פּסיכאָלאָגישע וויסנשאַפט. ער איז אַ ליבע. דער יונגערמאַן, וואָס ליבט אַ יונגע פרוי, דאַרף נישט האָבן קיין וויסנשאַפט, וואָס זאָל מעסטן אירע איברים, אַנאַליזירן איר הויט-פּיגמענט, פעסטשטעלן די פאָרמול פון איר שאַרבן-בוי, כּדי צו באַווייזן, אַז זי איז שיין: די שיינקייט פון זיין ליבע צו איר — דאָס אַליין מאַכט די פרוי שיין אין זיינע אויגן. דער קעמפער פאַר אַ בעסערער סאָציאַלער אָרדענונג דאַרף נישט קיין וויסנשאַפטלעכן באַוויז, אַז די דאָזיקע אָרדענונג מוז אומבאַדינגט קומען; ס'איז גענוג, אַז זיין געוויסן זאָל אים באַפעלן צו שטרעבן און בענקען צו אַזאַ אָרדענונג. די פאָלקס-מאַסן, וואָס זייער סאָציאַל שטרעבן ווערט מער באַשטימט דורך די אינטערעסן אוןליידנשאַפטן, ווי דורך וויסנשאַפטלעכע אידעען, וועלן דורך דעם באַגריף מכּח דער באַגרענעצקייט פון דער וויסנשאַפט דעם מוט נישט פאַר-

לירן. זי ווערן דורך אַזאַ באַגריף סיי-ווי-סיי נישט באַרירט זייער אינסטינקטיוו שטרעבן געפינט זיין באַרעכטיקונג אין זיך גופא. דער מענטש אָבער, וועלכער הויבט זיך אויף איבער דער מאַסע דורך דעם, וואָס זיינע האַנדלונגען פליסן אַרויס פון אַ באַוווּסטזיניקער איבערצייגונג, פאַר דעם קאָן דער עטישער אורשפּרונג פון זיין ווילן זיין אַ גאַנץ געגוגנדיקער גרונט צום זעלבסט-צוטרוי. אַזאַ מענטש קאָן אין ערגסטן פאַל, ווען עס פּלאָגן אים די ספקות אין דער נוצלעכקייט פון זיין שטרעבן, געפינען אַ שטיקל טרייסט אין וואָרט פון דעם קעניג ווילהעלם דעם שווייגער: „כדי צו אונטערנעמען אַ גרויסע זאַך, איז לגמרי נישט נויטיק צו האָבן אַ האָפענונג; און כדי אויסצוהאַלטן מיט געדולד און עקשנות, איז לגמרי נישט נויטיק צו זיין זיכער מיטן נצחון". גרויסע זאַכן ווערן נאָר דעמאָלט געשאַפן דורך אַ יחיד — און אַלע גרויסע זאַכן זענען די ווערק פון יחידים, וועלכע פירן אויס אַ געבאָט פון דער עטיק — ווען דער יחיד איז ביי די באַשטימטע אַנטשיידונגען בכח צו זאָגן: איך קאָן נישט אַנדערש!

אויף דער פראַגע, צי איך גלויב אין דער פאַרווירקלע-כונג פון סאָציאַליזם אין דער צוקונפט, וואָלט איך געענטפערט בכן אַזוי: איך גלויב אין דעם, ווי אין אַ זאַך, אָבער נישט ווי אין אַ מוז. דאָסדאָזיקע זאָל שטרעבט צו אַ צוקונפט, וועלכע פאַרווירקלעכט זיך שוין טאָג-איין טאָג-אויס, ווען זי ווערט א י ן א ו נ ז גופא אַ טאַט פון דער זעלבסט-דיסציפ-לין. דער סאָציאַליזם איז נישט קיין איינמאָליק אוניווערסאַל-מיטל, נאָר ער איז אַ פּראָצעס, וואָס הויבט זיך אָן מיט דער ערשטער טאַט, וועלכע שטרעבט באַוווּסטזיניק צו אים, און פאַרענדיקט זיך מיט דער לעצטער פון אַט די טאַטן. ס'וועט קיינמאָל נישט זיין קיין סטאַטישער צושטאַנד, וועלכער וועט גענוי אַנטשפּרעכן דעם אידעאַלן בילד, וואָס באַזעלט וועלכע ס'איז פון אַט די טאַטן, דען אַט דער אידעאַל איז נאָר אַ גרענעץ-באַגריף, אַן אָריענטאַציע-סכעמע, אַ ליניע, וואָס ציט זיך אין דער אומענדלעכקייט אַריין.

וואָס הייסן מיר הייגן דעם מאָרגן? וואַרשיינלעך איז דאָס נאָר, אַז די סאָציאַליסטישע אַרבעטער-באַוועגונג אין די

אייראָפּעאישע מערב-לענדער וועט ווען-עס-איז אַריינקריגן די מאַכט צו זיך אין די הענט דורך דער קראַפט פון דער איבערגעוויכט אין דער מענטשן-צאָל פון די שיכטן, וועמעס אינטערעסן זי פאַרטרעט, און דורך דער קראַפט פון דער מאַכט, וועלכע זי שעפּט פון דער האַרמאָניע צווישן אירע צילן און די איידעלסטע סאָציאַלע אינסטינקטן ביי די גייסטיקע מענטשן. אָבער אפילו אין אַזאַ פאַל ווייסן מיר נאָך נישט, וואָס פון דעם סאָציאַליזם וועט ווערן. עס קאָן נאָך אפשר אַרויסקומען אַ נייע קלאַסן-הערשאַפט, אַ נייער סאָציאַלער פּאַראַזיטיזם. די רעוואָלוציע, וועלכע איז מעגלעך, קאָן אפשר זיין אַ חורבן, איר רעזולטאַט קאָן חלילה זיין אַ מין נייער פּעלאַכן-צושטאַנד, אַ שפּרונג אין צעזאַריזם אריין. זי קאָן אפשר זיין דער שטויס צו אַ זעלבסטמערדערישער וועלט-מלחמה. ס'קאָן געמאָלט זיין, אַז ראשית כל וועט זי איבערגעבן דאָס בלוטנדיקע אייראָפּע דעם עקספּאַנסיע-דראַנג פון דעם אַמעריקאַנישן קאַפּיטאַליזם. זי קאָן אפשר פירן צו אַזאַ פאַרניכטונג פון די אינדוסטריעלע פּראָדוקטיוו-כוחות, אַז ס'וועט אַרויסקומען אַ נייע סאָציאַלע איבערהערשאַפט פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע קלאַסן. אָבער צו וואָס זיך נאָכצויאָגן נאָך אַ מיראַזש פון נביאות, ווען מיר דאַרפן דאָס גאָרנישט האָבן, כדי צו באַשטימען דעם אופן פון אונזערע האַנדלונגען?!

דאָס געשריי מכח אַ גאולה דורך אַ נביאיש-וועלטגעשיכטלעכן מוז איז אַ נעבעך-געשריי פון די שוואַכע מענטשן, וועלכע וואָלטן וועלן אַנטלויפן פון די ממשותדיקע טאָג-אויפגאַבן, וועלכע דאָס סאָציאַלע געוויסן שטעלט פאַר זיי. לאָמיר זיך בעסער דאַגהן מכח דעם, וואָס מיר מוזן אויפטאָן, כדי אַלע כוחות פון אונזער רשות אַהעקצושטעלן אין דעם דינסט פון אונזער שטרעבן. אָט אַזאַ אויסטו איז אַ שטענדיקע אויפגאַבע פאַר דער צוקונפט. די פאָדערונג, וואָס מיר מוזן אויספירן, איז נישט די שפּענגלערישע פאָרמול „אָדער דאָס, וואָס איז נויטיק, אָדער גאָרנישט", — ווייל מיר האָבן נישט בכח צו וויסן דאָס, וואָס איז נויטיק; די פאָדערונג איז: צו פאַרווירקלעכן פון דעם בעסטן, צו וואָס מיר קאָנען שטרעבן, כאָטש דאָס, וואָס איז מעגלעך. דער ציל פון סאָציאַליזם,

וועלכן מיר פאַרווירקלעכן אין אונז און דורך אונז, קאָן נישט אונטערגיין. דורך דעם וועט בכן די וועלט פונקט אויף אַזוי־פיל געענדערט ווערן, אויף וויפל מיר זענען בכח זי צו פאַרענדערן. יעדע טאַט בלייבט אַן אָפּגעטאָנענע זאַך.

צום סוף קאָן איך ענטפערן אויף דער פראַגע, צו די סקעפּטישע שאַטירונג (אין פאַרגלייך צו דער מאַרקסיסטישער צוקונפטס־זיכערקייט) פון מיין גלויבן אין דער מענטשהייט גראָבט נישט אונטער דעם חשק צו טאַטן, אַט וואָס: וואָס איז שייך מיך גופא, האָב איך דערפון אַפילו קיין ברעקל נישט דערשפירט. איך האָב, אמת, אַ סך אילוזיעס פאַרלאָרן; אָבער איך האָב זיך נאָך שטענדיק געפילט ווי באַפרייט פון אַ איבעריקן באַלאַסט. גראַד דערפאַר, וואָס איך האָב זיך אויסגעלערנט צו צווייפלען אין דעם אַבסאָלוטן כאַראַקטער פון אַ סך גייסטיקע ווערטן, האָב איך אויך געלערנט נאָך העכער צו שעצן די ממשותדיקע ווערטן פון דעם טעגלעכן לעבן. איך גלויב נישט, אַז עמעצער וועט מיר קאָנען באַשול־דיקן אין דעם חטא פון פאַרשעמערונג, בעת איך האָב באַ־שריבן די אַרבעטער־פּסיכאָלאָגיע און די סאָציאַליסטישע באַ־וועגונג. אָבער נישט געקוקט אויף דער גאַנצער באַשיידנקייט פון דעם אינטעלעקטועלן אורטייל, בלייב איך נאָך היינט ביי אַלע קאָנקרעטע שיקזאַל־פראַגן אַזוי טריי ווי שטענדיק דעם אַרבעטער־קלאַס, מעג עס אַפילו זיין בלויז פון דעם אינסטינקט־מיזן פליכט־געפיל, וועלכעס באַפעלט אַ סאָציאַל־פּריווילעגירטן זיך אָנצושטעמען פאַר די סאָציאַל־באַעוולטע. איך בין דער לעצ־טער צו דערוואַרטן פון אַ פּאָליטישן מאַכט־קאַמף סאָציאַליס־טישע וונדער; און פונדעסטוועגן וואָלט איך היינט, ווען דער צופאַל גיט מיר אַ געלעגנהייט ענערגיש צו באַטייליקן זיך אין אַ וואַל־קאַמף לטובת די אַרבעטער־אינטערעסן (ביים תנאי, אַז איך אַליין זאָל נישט זיין קיין קאַנדידאַט), וואָלט איך דאָס זיכער געטאָן, פּונקט ווי אין דער צייט, בעת איך פלעג נאָך אין יעדן סאָציאַליסטישן פּאַרלאַמענטס־מיטגליד זען אַן אַפּאָסטאָל פון דער נייער מענטשהייטס־רעליגיע. פון דער מאַכט־דעראָבערונג דורך די אַרבעטער־פּאַרטייען דערוואַרט איך באַאמונות נישט קיין שום משיח־צייט, אַפילו נישט קיין משיח־

צייט פון וועלט-שלום; און דאָך שיינט מיר יעדיס ברעקל פון סאָציאַליסטישער מאַכט-פאַרמערונג אויף אַזויפיל וויכטיק; שיינט מיר צו זיין אַזאַ גרויס געוויכט, טובת אַ יושרדיקער וועלט-פּאָליטיק אויף דער וואָג-שאָל, וועלכע וואַקלט זיך צווישן מלחמה און שלום, אַז אויך פאַר דעמדאָזיקן באַשיידענעם פאָרטשריט איז כדאי צו ברענגען אַ פּערזענלעכן קרבן, האַלט איך.

נאָך אַ פראַגע איז: צי איך גלויב אין דער רעוואָלוציע? נו, וואָס עלטער איך ווער, אַלץ מער פיל איך זיך מעשה רעוואָלוציאָנער, אַלץ ווייניקער גלויב איך אָבער אין דער רעוואָלוציע. איך בין אַ רעוואָלוציאָנער: דאָס באַטייט, אַז דער איבערקער פון דער קאַפּיטאַליסטישער אין אַ סאָציאַליסטישע אָרדענונג איז פאַר מיר אַ נשמה-מאָטיוו. אַז איך קאָן פאַרשטיין דעמדאָזיקן איבערקער נישט אַנדערש ווי דורך אַ קעגנזאַץ פון צוויי נישט-צו-פאַראייניגנדיקע רעכט-פּרינציפּן. די שנאה צום סאָציאַלן אומרעכט, צו דער דערנידערונג פון דער מענטשלעכער ווירדע, צום בורזשואַזן עגאָאיזם, צום געמיינעם פּראָפּיט-אינסטינקט, צו דער קאָנווענציאָנעלער צביעות און צו דער קינסטלערישער פאַלשקייט, וועלכע האָט מיך שוין אין די יונגע יאָרן געמאַכט פאַר אַ רעבעל קעגן די אָנשויאונגען פון מיין אייגענער סאָציאַלער סביבה, האָט זיך אין משך פון די יאָרן נאָך פאַרשטאַרקט. איך קאָן פּשוט נישט אָטעמען אין דער קולטור-אַטמאָספער פון דער היינטיקער בירגערלעכער געזעלשאַפט. איך קאָן נישט לעבן, נישט אַוועקגייענדיק פון איר אויף אַ שטיק צייט אויף אַ נאָך מער דירעקטן אופן, ווי דורך מיין אַרבעט פאַרן סאָציאַליזם — גאַנץ גלייך צו דער אַוועקגאַנג איז אַ שטרעבן צו אַ קאָנטאַקט מיט דער פּראַכט פון דער נאַטור אָן מענטשן, אָדער אַ פאַרזינקונג אין אַ שענערער פאַרגאַנגענהייט. אָבער אין דערזעלבער מאָס, ווי מיין רעוואָלוציאָנער געפיל פאַרטיפט זיך, קער איך זיך אָפּ פון דער אויבערפלעכלעכער ראָמאַנטישער אויפפאַסונג פון דער רעוואָלוציע, וועלכע וויל פלומרשט מיט אַ פּלוצלעכער געוואַלט אַרויסרופן אַ וווקס, בעת אין דער אמתן פאָדערט זיך פאַר יעדער מין וווקס צייט און פרייהייט. איך גלויב, אַז אין דער ווירקלעכקייט איז דער עיקר עפּעס אַ פיל טיפערע און ממשות-

דיקערע זאַך, ווי נאָר אַן איבערקער אין דעם רעגירונגס־סיסטעם: דער עיקר איז דער אופן, אויף וועלכן מען לעבט. עס לאָזט זיך נישט איבערבויען דורך געוואַלט די פסיכאָלאָגישע אָריענטאַציע, וועלכע איז נויטיק צו אַזאַ איבערקערעניש; געוואַלט רופט נישט נאָר אַרויס אַ קעגן־קראַפט ביי דעם, וועלכער ליידט פון איר, זי דעמאָראַליזירט אויך דעם, וועלכער באַנוצט זיך מיט איר.

איך בין, אמת, נישט אַזוי נאַאיוו זיך איינצובילדן, אַז דער ווייטערדיקער אויפשטייג פון דעם אַרבעטער־קלאַס צו אַ סאָציאַלער מאַכט וועט פאָרקומען מיט ווייניקער געוואַלט ווי ביז איצט. אדרבא, ס'איז דאָ אַ גרונט מורא צו האָבן, אַז די קורצזיכטיקייט פון די פאַרמעגלעכע קלאַסן וועט זיי אפנים פירן צו דער באַנוצונג פון אַלע געוואַלט־מיטלען, וואָס אין זייער רשות, פאַר דער פאַרטיידיקונג פון זייער פּאָזיציע. דער עיקר איז אָבער דערביי, וואָס דער מאַכט־אויפשטייג פון דער אַרבעטערשאַפט וועט נאָר אויף אַזויפיל באַטייטן די פאַרווירקלעכונג פון סאָציאַליזם, אויף וויפל ער וועט זיך אָבזאָגן פון דעם געברויך פון געוואַלט. דעריבער האָלט דער סאָציאַליזם געמוזט אויפהויבן אויך אין דעם פרט זיין אויפגאַבע פון אַ קלאַסן־נקמה צו אַן ענין פון דער גאַנצער מענטשהייט, דורך דעם, וואָס ער וועט זיך נישט נאָר באַנוגענען צו זאָגן: איך וועל נאָר דעמאָלט באַנוצן זיך מיט געוואַלט, ווען מען וועט מיר אַנטקעגנשטעלן געוואַלט. זאָל ער זיך נישט פאַרלאָזן אויפן שונא; ער זאָל אַליין טאָן אַלץ, וואָס ער האָט ביכולת, כדי צו פאַרמיידן וועלכן נישט איז סטימול צום געברויך פון געוואַלט, אויף וועלכן צד עס זאָל נישט זיין. דער סאָציאַליזם טאָר נישט פאַרשטאַרקן ביי זיינע אָנהענגער קיין שום מאָטיוו, וואָס קאָן ווערן אַ געוואַלט־מאָטיוו. דער, וואָס אָריענטירט זיך אויף געוואַלט, פאַלט אַליין אַריין אין די נעגל פון געוואַלט; האָט דאָך דער יאָר 1914 גענוג בולט באַוויזן, ווי לייכט אַ סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע־מאָטיוו ווערט מגולגל אין אַ וועלט־פאַרניכטנדיקן מלחמה־מאָטיוו.

דער מעכטיקסטער כלי זין קעגן דער געוואַלט איז די געוואַלטלאָזיקייט. אמת, איר געברויך פאָדערט אַלס גרונט־

תנאַי אַ באַשטימטע מאָראַלישע קראַפֿט, וועלכע קאָן ליידער נאָר אין גאַנץ זעלטענע פֿאַלן שפּילן אַ ראָלע ביי אויסנאַם-יחידים. פֿון די אינסטינקטיוו-האַנדלענדיקע מאַסן וועט מען נאָך וואַרשיינלעך אַ גאַנץ לאַנגע צייט נישט קאָנען דערוואַרטן, זיי זאָלן פֿאָלגן אָט אַזעלכע ביישפּילן; הגם, גראָד די אַרבעטער-שאַפֿט, וואָס איר קלאַסן-לאַגע פֿירט זי צום געברויך פֿון דוקא פֿרידלעכע קאַמפּף-מיטלען, ווי שטרייקן און פּראָפּאַגאַנדע, וואָלט יאָ געדאַרפֿט זיין מסוגל, בעסער ווי די אַנדערע קלאַסן, צו פֿאַרשטיין די פֿרוכטבאַרקייט פֿון דערדאָזיקער אידעע. דער עיקר גדול אין פּראַקטישן זינען איז דער פּרינציפּ, אַז אַלץ, וואָס גייט אין דער ריכטונג פֿון אַ דערהויבונג פֿון די סאָציאַלע קאַמפּף-מאָטיוון איבער דעם פֿעלד פֿון דער פֿיזישער געוואַלט, פֿאַרשטאַרקט, און שוואַכט דוקא נישט אָפּ, די מאַכט פֿון דעם אַרבעטער-קלאַס, און באַזונדערס די פֿעאיקייט צו באַנוצן דידאָזיקע מאַכט אין סאָציאַליסטישן זינען.

אין שיין פֿון דערדאָזיקער דערקענטעניש קומט מיר פֿאָר די טראַדיציאָנעלע מאַרקסיסטישע אַרגומענטאַציע: „מיר ווילן נישט קיין געוואַלט, און מיר וועלן זי נאָר באַנוצן, כּדי די געוואַלט פֿון שונא אָפּצושלאָגן״, ווי אַ פֿאַרזוך, זיך אַרויסצו-דרייען פֿון דער אמתער דערציערישער אויפֿגאַבע פֿון סאָציאַ-ליזם. אַ זאַך ווי דער, וואָס אַ קאָמוניסטישער אַדוואָקאַט האָט אין יאָר 1925 אַרויסגעזאָגט פֿאַר אַ געריכט: „מיר גרייטן נישט צו קיין אויפֿשטאַנד, מיר גרייטן זיך אַליין צו צו אַן אויפֿשטאַנד״, קאָן אפֿשר זיין אין סוביעקטיוון זינען דורך און דורך ערלעך; ביי אונדזער היינטיקער קענטעניש פֿון די מאָ-טיוון ביי די פֿאָלקס-מאַסן, און פֿון דעם איינפֿלוס אויף זיי פֿון די געדאַנקלעכע סימבאָלן, ווירקט דערדאָזיקער זאַץ ווי אַ דיאַלעקטישער דריי אָן אַן אינערלעכער אויפֿריכטיקייט. ער געהער צו דעמזעלבן מין סאָפֿיזמען, ווי, „אויב דו ווילסט שלום, סאָ גרייט זיך צו מלחמה״ פֿון די וועלט-מלוכות. זיי באַגרינדן זייערע באַוואָפֿענונגען שטענדיק נאָר אויף דער נויטיקייט פֿון דער פֿאַרטיידיקונג קעגן די אָנפֿאַלן פֿון די שונאים; ביז עס שטעלט זיך אַרויס, אַז די באַוואָפֿענונגען ביי אַלע צדדים האָבן געהאַט דעם פּועל יוצא צו באַשאַפֿן מלחמה-

מאַטיוון, וועלכע מאַכן סוף כל סוף דעם קריג אומפאַרמיידלעך. ס'איז לגמרי נישט קיין אונטערשייד, ווי דער מאַרקסיזם זוכט צו באַגרינדן אויף אַ לאָגישן אופן די רעוואָלוציע-אידעע: זי העלפט צו פאַרשטאַרקן דעם געוואַלט-מאָטיוו, ווייל זי אַנטהאַלט אין זיך גופא דעם באַגריף מכח דער באַנוצונג פון געוואַלט. די רעוואָלוציע-אידעע האָט פון אָנפאַנג אָן ביי די מענטשן, וועלכע האָבן זי געמאַכט פאַר אַ טייל פון זייער פּאָליטישער לאָגיק, די באַדייטונג פון אַ קאָמפּענסאַציע פאַר דעם געפיל פון די סאָציאַלע אונטערדריקונגס-ליידן. די מאַסן וואָלטן אפשר נישט געפילט אין דער רעוואָלוציע קיין נקמה-אויסברוך, ווען די רעוואָלוציע וואָלט, אין די אויגן פון אירע נביאים, שטענדיק נישט פאָרגעקומען מעשה „גערעכטער טריבונאַל". אָבער וואָס איז שייך קאַרל מאַרקסן, איז דידאַקטיק פאַרמול אַזוי ריכטיק. אַז זיין גאַנצער באַגריף מכח דער רעוואָלוציע שעפּט זיך שוין אויס אין דער פאַרכאַפּונג גופא פון דער מאַכט. פאַר אים איז די רעוואָלוציע מער דער לעצטער ציל, ווי דער אָנפאַנג. זי פאַרענדיקט דעם פּראָצעס פון קלאַסן-קאַמף, דורך וועלכן עס קומט פאַר, על פי מאַרקסן, דער היסטאָרישער פּראָגרעס; און דער סוף פון דעמדאָזיקן קלאַסן-קאַמף שיינט אין דער ווירקלעכקייט צו זיין מער דער נצחון איבער דעם שונא, ווי די דערפילונג פון עפּעס אַ קאָנסטרוקטיווער אויפגאַבע. די דייטשישע נאָוועמבער-רעוואָלוציע, וועלכע האָט געגעבן דער אַרבעטערשאַפט אַ מאַכט, מיט וועלכער זי האָט שפּעטער נישט געקאָנט קיין זאַך נישט אָנפאַנגען, און האָט זי שפּעטער ביסלעכווייז אינגאַנצן פאַרלאָרן, איז אין אָט דעם פּרט אַ קאַריקאַטור אויף דעם מאַרקסיסטישן רעוואָלוציע-באַגריף. אמת, די טעאָריע איז נישט די איינציקע, וועלכע טראָגט די שולד. אָבער זי האָט זיכער אַ מיט-שולד אויף אַזויפיל, אויף וויפל זי האָט ביי־געטראָגן איר חלק צו פאַרשטאַרקן ביי די מאַסן די מאָטיוון, וועלכע זענען געווען מער קאָמפּענסאַציע, ווי אויפבוי-מאָטיוון.

איך בין מודה, אַז מיינע טיפסטע גרונטן קעגן אָט אַזאַ אויפפאַסונג פון דער רעוואָלוציע שטאַמען בטבע פון די געפילן. איך האָב זיי ווינציקער אויסגעפּשטלט ווי איבערגעלעבט.

איך האָב זיך איבערגעלעבט דרײַ יאָר אין די טראַנשײען, ווו כ'האָב, אין בלוטיקן זומפּ, באַקומען אַ ציטער פֿאַר דעם „גערעכטן טריבונאַל" פֿון די מאַסן-לײַדנשאַפֿטן. איר וואָלט אָפֿט דאָס געפֿיל מײַנס געקאָנט אָנרופֿן סענטימענטאַליטעט, ווען איר זאָלט מיר קאָנען באַווײַזן, אַז די מיאוסע געוואַלט, וועלכע האָט אין דער וועלט-מלחמה געדינט די שענערע אידעאַלן, וואָלט באמת זײַן נויטיק אָדער נוצלעך פֿאַר דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון אָט די אידעאַלן. אָבער די שרעקלעכסטע פֿון אַלע מײַנע מלחמה-איבערלעבונגען איז נישט געווען די אומגעהײַערקייט פֿון דעם קרבן גופֿא, וואָס די מענטשהייט האָט געבראַכט, נאָר די אומגעהײַערע צוועקלאָזיקייט און ניגלאָזיקייט פֿון אָט דעם קרבן. דאָס, וואָס כ'קאָן נישט פֿאַרגעסן בנוגע צו דער מלחמה — און צו מיר גופֿא — איז די משוגענע טראַגיק פֿון אַ שיקזאַל, וועלכער פֿאַרמשפּט די מענטשן, פֿאַר די פֿעלערן פֿון זײער אײגענעם אורטייל, צו אַן אומהאַנדלונג פֿון זײערע בעסטע מאָטיוון און זײערע ערגסטע טאַטן — צו ווערן פֿון מענטשן-ליבע אַ מענטשן-מערדער, פֿון דער באַגײַסטערונג פֿאַר אַ וועלט-אידעע צו ווערן אַ מיטשולדיקער אין דער צעשטערונג פֿון אָט דער אידעע. אַך! ווען מ'וואָלט געמוזט נאָר זיך אַליין מקריב זײַן — אָבער מ'האָט אויך לײדער מיט זיך צוזאַמען מקריב געווען אַנדערע מענטשן פֿאַר עפּעס אַ צוועק, וועלכער איז, דורך זײַנע מיטלען, פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין זײַן קעגנטייל. איך פֿלעג מיך שטענדיק פֿילן צו-שטאַרק אַ קעמפֿער — לײדער האָב איך זיך געפֿילט אַזוי אויך אין דער מלחמה — כ'זאָל זײַן גרייט, פֿון בלויזן עקל צו דער געוואַלט, ווען ס'איז צו גלויבן אין אַ מין פּאַציפֿיזם, וועלכער זאָל אַליין נישט זײַן קיין העכערע, אינטענסיווערע פֿאָרם פֿון קאַמף. נו, אויב כ'האָב זינט דער מלחמה זיך דורכגעשלאָגן צו דער אָנשויאונג, אַז יעדער קריג איז שלעכט, איז דאָס דערפֿאַר, ווײַל כ'גלויב נישט מער אין דער מעגלעכקייט פֿון עפּעס אַ גוטן צוועק אין דער מלחמה. די געוואַלט אין דינסט פֿון אַ רעוואָלוציע ווירקט אָבער נישט אַ האָר אַנדערש ווי די געוואַלט אין דינסט פֿון אַ מלחמה. זי פֿירט אַוועק פֿון די צילן, וועלכע מ'האָפֿט דורך איר צו דערגרייכן.

דער קריג איז געווען פונקט אזוי אומפראקטיש ווי ער איז אומעטיש. ער איז געווען נוצלעך נאר, כל זמן די מלוכה-אינטערעסן האבן געפאדערט לאנד-דעראבערונג אין דער פארם פון א פארברייטערונג פון דעם לאנד-שטח אונטער דער מאנארכישער ממשלה. אבער אין דער עפאכע פון דער וועלט-ווירטשאפט און פון דער מלוכה-דעמאקראטיע מוז יעדע מלחמה ווערן א פעלקער-מלחמה, וועלכע צעשטערט די עקאנאמישע יסודות פון דער אייגענער נאציאנאלער עקזיסטענץ ביי די זיגער און באזיגטע. אזוי גלעך איז דער ענין רעוואלוציע אלס אן אויפשטאנד מיט געוואלט-מיטלען. זי איז געווען די היסטארישע פארם פון דעם רעוואלט קעגן דער טיראניע, וועלכע האט זיך באזירט אויף דער וואפן-מאכט. דער קאפיטאליזם באזירט זיך אבער — לכל הפחות אין דער עפאכע פון דער פאליטישער דעמאקראטיע — אויף דער פסיכאלאגישער מאכט פון סאציאלן פרעסטיזש. א מלוכה-פארם לאזט זיך נאך איבערקערן מיט געוואלט, אבער א סאציאלער סדר — קיינמאל נישט. דער בלוטרשטער אויסגאם אין פאל פון רוסלאנד באשטעטיקט נאר דעם כלל: די רוסישע רעוואלוציע האט טאקע אראפגעווארפן דעם אלטן צאריזם, אבער דעם יונגן קאפיטאליזם האט זי נאר אויף אזויפיל באריירט, אויף וויפל ער האט נאך נישט געהאט קיין נאציאנאל-פסיכאלאגישע ווארצלען.

אט אויף אזא אופן פארן זיך אויף צוזאמען דער פראקטישער ארגומענט מכח דעם ספקדיקן נוצן פון געוואלט, פון איין זייט, מיט דעם גענילס-פראטעסט, פון דער צווייטער זייט, כדי צו באגרינדן דעם גלויבן אין דער העכערער מאכט פון דעם געוואלטלאזיקייטס-פרינציפ. איך גלויב מער נישט אין דער רעוואלוציע אלס א וועלט-געריכט. איך גלויב נאר אין א רעוואלוציע, וועלכע קערט איבער אונזער אייגענעם איך.

אט די אויספאסונג אנטשפרעכט פונקט אזוי די פאדערונגען פון דעם רעאל-פאליטישן אפארטוניזם, ווי די פאדערונגען פון דעם עטישן געזעץ. די מיליטערישע אויספאסונג פון דער רעוואלוציע ווי פון א ריינער מאכט-אנטשיידונג, איז אומפראקטישע ראמאנטיק פונם פארגאנגענעם. צ.ב. שאו האט

דורכאויס רעכט, ווען ער אילוסטרירט, אין זיין ריכארד-וואגנער-בוך, די פּראַקטישע זינלאָזיקייט פון אָט אַזאַ קוק, און ברענגט ביישפּילן פון דעם סימבאָליזם אין דער וואגנערשער דראַמע „רינג". דער מענטש זיגפריד ליידט אַ מפּלה אין קאַמף קעגן זיינע פאַרבינדעטע קעגנער אַלבעריך (דער קאַפּיטאַליזם), וואָטאַן (די רעגירונג) און לאָגע (אירע אינטעלעקטועלע משרתים), ווייל ער קאָן זיי אפילו יאָ העלדיש באַזיגן, אָבער ער קאָן זיי נישט פּראַקטיש פאַרבייטן דורך בעסערע כוחות. „אַלבעריכס אַרבעט, ווי וואָטאַנס אַרבעט און ווי לאָגעס אַרבעט, איז אַ נויטיקע אַרבעט; דעריבער קאָן אַלבעריך קיינמאָל נישט באַזיגט ווערן דורך אַ מלחמה-העלד, נאָר דורך אַ גוטן סוחר, וועלכער זאָל זיין בכּח פאָרטצוזעצן זיין (אַלבעריכס) אַרבעט, אפילו אָן אַ הפסקה כאָטש אויף אַ טאָג". און דאָס איז נאָר אַ הומאָריסטישער לבוש פון דער אַלטער פּרודאָנישער אידעע מכּח דער רעוואָלוציע אַלס אָן אויפשטייג פונם אַרבעטער-קלאַס צו דער „פּאָליטישער פעאיקייט".

דיזעלביקע איבערצייגונג, אַז די עטישע מאָטיווירונג איז צוגלייך די בעסטע און איינציקע רעאַל-פּאָליטיק, ווירקט אין מיר, ווען איך באַטאָן, אַז ס'איז נויטיק צו באַנייען די סאָציאַליסטישע אידעאָלאָגיע פון דעם אויסגאַנגס-פּונקט פון אַן עטיש-רעליגיעזן באַוווּסטזיין. זאָל מען זיך נאָר נישט אָפּנאַרן דורכן פאַקט, אַז די גאַנצע פּאָליטישע טעטיקייט אין דער וועלט שיינט צו זיין אַ שאַכער-מאַכער-עסק אַרום געמיינע אינטערעסן, מ'זעט פּשוט נישט דעם וואַלד הינטער די ביימער, אויב מ'רעדט זיך איין, אַז אינטערעסן קאָנען סוף כּל סוף אָפּהאַלטן אַ נצחון, און דערביי זאָלן זיי נישט קאָנען באַשטעטיקט ווערן פון אַ יושרדיקן פּסק-דין דורך דעם עטישן געוויסן פון גאַנצן פאָלק. דער פאַקט, אַז היינט-צו-טאָג איז ציסטאַ קיין גלויבן, וואָס זאָל אַזוי אָדער אַנדערש נישט מיסברויכט ווערן צו פאַרשלייערן וועלכע ס'איז געמיינע אינטערעסן, וואָס זענען זיך אויף אים סומך, — אָט דאָס גופא איז אַ באַווייז, ווי גרויס ס'איז היינט פאַרט די מאַכט פון גלויבן.

אויך אין כּלל-לעבן זענען די עטישע כוחות פון גלויבן,

וואָס ס'איז שייך צו אַ דויערנדיקער ווירקונג, שטענדיק די שטאַרקסטע, די פּאָליטיק, וועלכע שטיצט זיך אויף זיי, איז די איינציקע רעאַל-פּאָליטיק, דער איינציקער אָפּאָרטוניזם, וועלכער איז בכח צו פירן צו דויערנדיקע דערפאָלגן. פאַרוואָס באַקומט די סאָציאַליסטישע אַרבעטער-באַוועגונג שטענדיק מער מאַכט? נישט ווייל די אינטערעסן גופא, וועלכע זי פאַרטרעט, זענען שווערוואָגיק, נאָר ווייל ס'שטעלט זיך אַלץ מער אַרויס, אַז זיי האַרמאָנירן מיט אַן עטישער פאָדערונג, וואָס איר גרונטיסוד קאָנען אַפילו די הערשנדיקע קלאַסן נישט אָפּוואַרפן. די גרויסע שוואַכקייט פון די שונאים פון סאָציאַליזם איז דאָס, וואָס זיי ווערן אַלץ מער און מער באַהערשט דורך אַ שלעכטן געוויסן. פאַרקערט גערעדט: דער כח פון סאָציאַליזם צו געווינען נייע אָנהענגער מוז צייטווייליק פאַרקלענערן זיך דעמאָלט, ווען די פּאַרטייען פאַרזוכן צו טרייבן אַן איבערגעשפּיצטע אינטערעסן-פּאָליטיק, וואָס פאַר אירע דערפאָלגן באַצאָלט מען שטענדיק שווער מיטן וואַקסנדיקן סקעפּטיציזם פון די מאַסן. פאַרוואָס איז דער סאָציאַליזם באַזיגט געוואָרן דורך דער מלחמה-ליידנשאַפט פון יאָר 1914? פּשוט, ווייל ער האָט נישט געקאָנט אַנטקעגנשטעלן לגבי די העכערע עטישע מאָטיוון פון טובת הכלל, אויף וועלכע ס'האָבן זיך סומך געווען די פּאַטריאָטן, קיין אַנדערע מאָטיוון פון אַן ענלעכן מין, נאָר די אינטערעסן-חשבונות. יעדער איינער האָט געפילט די ערשטע וואָכן פון דערדאָזיקער קאַטאַסטראָפאַלער צייט ווי עפּעס אַ גרויסע און נאָבעלע צייט, ווייל מ'האָט געגלויבט, אַז מען איז באַטייליקט אין אַ נצחון פון די עטישע געמיינשאַפטס-מאָטיוון איבער די עגאָאיסטישע חשבונות; אָט די באַגייסטערונג האָט געטריבן די פעלקער צו אַן אומגעוויינלעכער אָנשפּאַנונג פון דער געמיינשאַפטס-קראַפט, ביז ס'האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דער כלומרשטער אידעאַליזם האָט נאָר געניצט דעם פרייען שפּיל פון די נידעריקסטע מאַטעריעלע תאוות.

דער סקעפּטיציזם פון די אַרבעטער-מאַסן איז אין אַ גרויסער מאָס טאַקע דעריבער אַ סימן פון דער נאָך-מלחמה-צייט, ווייל דער סאָציאַליזם האָט, בעת דער מלחמה, געטריבן

צו-שטאַרק אַן אינטערעסן-פּאָליטיק. ער איז אַ באַווייז פון אַנטוישונג, אַלזאָ — אַ באַווייז פון אַ נישט-באַפרידיקטער גלויבן-באַדערפעניש. דער קאָמוניזם וואָלט חוץ רוסלאַנד בכלל קיין מאָל נישט געהאַט צו געווינען נשמות, ווען ער טרעט נישט אַרויס מעשה נייער גלויבן. דער פאַקט, וואָס נישט געקוקט אויף דער פּרימיטיווקייט פון זיין עסכאַטאָלאָגיע, האָט ער פּאָרט געמאַכט אַזאַ איינדרוק — און דוקא נישט נאָר אויף די גייסטיק און עטיש ווינציקער הויכשטייענדיקע טיילן פון דער אַרבעטערשאַפט און אינטעליגענץ — איז דוקא נאָך אַ שטאַרקערער באַווייז פון אַן אומבאַפרידיקטן סאָציאַל-עסכאַטאָלאָגישן מאַסן-אינסטינקט. איך גלויב, אַז דער טאָג איז שוין נישט וויט, ווען אויך די פּאָליטישע אָפּאָרטוניסטן וועלן אַנטדעקן, אַז זיי לאָזן אַרויס פון האַנט זייער הויפּט-טריאומף, ווען זיי רעכענען זיך נישט מיט דער גלויבן-באַדערפעניש פון די מאַסן, די מענטשן, וועלכע ווילן זיין צו-קלוג, אום צו האָבן דעם מוט צום גלויבן, שטעלן זיך אָפּט צום שלוס אַרויס אַלס די גרעסטע נאַראָנים.

קיינער וועט נישט דערוואַרטן פון מיר, נאָך דעם אַלעם, וואָס כ'האָב געזאָגט מכח דעם אינסטינקט-כאַראַקטער פון די מאַסן-באַוועגונגען, אַז איך האָף טאַקע אויף אָט אַזאַ איבערקער אין דער מאַסן-שטימונג דורך דער פאַרברייטונג פון אַ נייער טעאָריע, ווי די, למשל, וועלכע כ'האָב אין ברייטע שטריכן אָנגעצייכנט אין אָט דעם בוך. די מאַסן וועלן שטענדיק רעאַגירן דירעקט נאָר אויף יענע טעאָריעס, וועלכע גיבן זיי שלאָגווערטער פאַר זייערע מאָמענט-צוועקן; זיי נעמען זייער וועלטאַנשויאונג נישט אַרויס פון ביכער, פון אַזעלכע ביכער ווי מיינס אוודאי נישט. אָט דעריבער רעד איך נאָר צו די גאַנץ ווייניקע, צווישן וועלכע ס'זענען דאָ די מעגלעכע פירער פון קומענדיקן דור; די גאַנץ ווייניקע, ביי וועמען די דערקענטעניש איז ביכולת צו געשטאַלטן דאָס לעבן. זאָלן נאָר אָט די מענטשן זיך איבערמאַכן אַזוי, דורך דער נייער לערע, אַז זיי וועלן ווערן פאַר אַנדערע מענטשן אַ לעבעדיקער ביישפּיל, און זיי וועלן במילא ווערן די פירער פון די אַנדערע. ווער ס'קאָן זיך אַליין פירן, איז טאַקע פעאיק צו

זיין אַ פירער; און ווער ס'איז צו דעם פּעאיק, דער מוז פירן. ס'קאָן אָבער נאָך זייער לאַנג דויערן, ביז אַ גייסטיקע רעאַריענטאַציע, וועלכע רופט אַרויס אין לעבן אַ נייע פירער-שאַפט, וועט זיך פאַרוואַנדלען אין אַ מאַסן-באַוועגונג. צי זי וועט עס אויפטאָן און ווען; צי און ווען אַ נייער גייסט וועט באַהערשן אויפסניי די מענטשן, ווי דאָס פּאַסירט אין דער געשיכטע פון צייט צו צייט, דאָס איז אַ צוקונפטס-סוד, וועלכן מיר קאָנען נישט לעזן. אָבער וויסן ווייסן מיר, אַז אָט דער גייסט קומט שטענדיק נאָר דעמאָלט ערשט, נאָכדעם ווי אַ קליין הייפל פון מענטשן האָט זיך שוין דורך אים געלאָזט באַזעלן און פירן.

די נייבאַלעבונג פון סאָציאַליזם, וועלכע קאָן בכן פון אָנפאַנג זיין נאָר אַן ענין פאַר די פירער, וועט דעמאָלט, אפשר שנעלער ווי מ'האָט דעם מוט היינט צו דערוואַרטן, ווערן פאַרט אַן ענין פאַר די מאַסן. איך פון מיין זייט גלויב באַשטימט אין אַ קעגן-שטראָם, וועלכער וועט צוריק אַוועקפירן די אַרבעטער-מאַסן פון דעם היינט הערשנדיקן מאַטעריאַליס-טישן ציניזם צו דער רעליגיעזער התלהבות-שטימונג, וועלכע האָט באַלעבט דעם סאָציאַליזם אין זיינע אָנפאַנגס-צייטן. אויך אין אָט דעם פּרט איז עס צוגלייך אַן עטיש געבאָט און אַ קלוגע רעאַל-פּאָליטישע אויסרעכענונג, וועלכע נעמט אַריין אין חשבון אַלע מעגלעכקייטן פון דער מאַסן-סוגעסטיע דורך דעם ביישפּיל, צו האַלטן, אַז מ'זאָל ראשית כּל, נישט רעכע-נענדיק זיך מיט דער צאָל פון די נאָכפאָלגער, טאָן די באַ-שטימטע אַרבעט אויף זיך אַליין, אויפן אייגענעם איך, די אַרבעט, וועלכע מ'האַלט פאַר נויטיק, ווייל זי איז אַן עטיש געבאָט. צו זיין גרייט — דאָס איז אַלץ.

כּדי צו ווערן גרייט, פאָדערט זיך אָבער אַ טעטיקייט, קודם כּל די טעטיקייט ביי די ממשותדיקע טאָג-אויפגאַבן. ס'איז נאָך קיין זאַך נישט אויפגעטאָן געוואָרן דורך דעם, וואָס מ'שאַפט זיך אַ נייע וועלטאָנשויאונג; מ'מוז זען, אַז זי זאָל דעם אייגענעם איך איבערשאַפן. אָפט וועט אפשר שיינען, אַז מ'קאָן גאָר אַנדערש נישט האַנדלען, ווי די מענטשן פון דער אַלטער לערע האָבן געהאַנדלט. דאָס איז נישט קיין בייז, אויב

מ׳האנדלט נאָר פון אן אַנדערער, פון א העכערער אינספּי־ראַציע. שטענדיק בלייבט אָבער דער מאַסשטאַב פאַר דער קוואַליטעט פון דער אינספּיראַציע די קוואַליטעט פון דער האַנדלונג גופא, וועלכע איר פירט דורך. זאָל מען זיך האַלטן ביי געטעס וואָרט:

„און זאָל דאָס זיין א הייליקער געבאָט
דעם ברידערלעכן ווילן און זכרון:
פון טאָג צו טאָג צו דינען גוטע צוועקן
און אַנדערע געבאָטן איז נישט נויטיק צו אַנטפּלעקן".

אָט די שווערע טעגלעכע דינסטן פאַרשאַפן באַפרידיקונ־גען, וואָס זענען, אמת, נישט אַזוי ביליק, אָבער א סך ווערט־פולער ווי די הנאה פון א פּאַטלאַזער טרוימעריי; אַזוי ווערטפול אפילו, אַז ווער ס׳האָט שוין אַמאָל טועם געווען פון דידאַזיקע פּרוכט, וועט שטענדיק געדענקען און וועט באַגערן זייער טעם. נישט שיינע חלומות, נאָר שיינע טאַטן מאַכן דאָס לעבן שיין. ווען מ׳האָט געפרעגט סאָקראַטעסן, צי זיין פולקאָ־מענע מלוכה עקזיסטירט טאַקע אין דער ווירקלעכקייט, האָט ער געענטפערט: „זי עקזיסטירט נאָר אין הימל, אָבער די מענטשן קאָנען זיך אויסלערנען, אין ליכט פון אָט דעם געט־לעכן בילד, צו פאַרווירקלעכן אין זייערע ערדישע מלוכות א פּראַכט, וועלכע וועט זיין ענלעך צו דער פּראַכט פון דער פולקאָמענער מלוכה".